STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03594

YIDN UN YIDISHKEYT

Abram Menes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם מענעס

יידן און יידישקייט

א פאָלק פון גאָט־זוכער אויף די וועגן פון תורה
דאָס פאָלק און זיינע פירער. די נביאים און די חכמי התלמוד
יידן צווישן די פעלקער

צווייטער באנד

ירושלים תשל"ה — 1975

Abraham Menes
Yidn un Yidishkeit

©
B. Menes, Givat Shapira (French Hill)
Dakar 5, Jerusalem

814
M.

printed in Israel

נדפס בדפוס דרור, ירושלים

מאָראַל איז פאר די יידישע דענקער דער סאַמע פונדאַמענט פון דער וועלט...
גאָט האָט באשאפן דעם מענטשן אין זיין פאָרעם און אין זיין געשטאַלט... מאָראַל איז דער טייל פון געטלעכקייט, וואָס גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן.
וויכטיק אין יידישקייט איז ניט בלויז דער אינהאַלט פון מאָראַל, נאָר, און אפשר נאָך מער, די באַדייטונג, דאָס געוויכט, וואָס ווערט געלייגט אויפן מאָראַלישן פרינציפּ.

אינהאַלט

עסייען 1941—1969

I. לערער, דענקער און וועגווייזער

א. אין דער תּלמודישער וועלט (אייראָפּעיִשע תּקופה)

רבינו גרשום, מאור הגולה, און זיין ראָל אין

דער יידישער געשיכטע 9

יהודה החסיד און זיין קרייז 16

דער רמב״ם און זיין צייט 25

די ״משנה תּורה״ 31

״מורה נבוכים״ 35

ר׳ משה חיים לוצאטו 39

״מסילת ישרים״ 48

יידן אין פּוילן אין דער צייט פון ווילנער גאון 52

דער ווילנער גאון 62

די מתנגדים און די חסידים 74

ר׳ ישראל בעל שם טוב 81

ר׳ חיים וואָלאָזשינער און זיין ישיבה 89

אַמאָליקע ישיבה־בחורים און קלויזניקעס 104

ר׳ ישראל סאַלאַנטער און די מוסר־באַוועגונג 115

דער חפץ חיים 145

דער קעלמער מגיד און זיין צייט 149

דער צדיק 158

דער נביא און דער למד־וואָווניק 172

דער פאַרבאָרגענער צדיק 175

געדאַנקען וועגן גוטע מידות און גוטע מעשים 215

ב. דער וועג פון דעם ״מעמד הר סיני״ צו דער

תּלמודישער הלכה־יידישקייט

דער תּנ״ך, דער ספר פון בונד צווישן גאָט און וועלט . 233

דאָס וואָרט און דאָס בילד 243

משה רבינו 245

דער נביא און דער כהן. משה רבינו און אהרן הכהן . . 248

די לויים, די פאַרשפּרייטער פון גאָטס וואָרט צווישן פאָלק 252

די תורה פון די נביאים און די תורה פון פאָלק . . 258
דער נביא און דער תלמיד חכם. משה רבינו און רבי עקיבא 262
משיחישע טרוימער, חברות און סעקטעס פון סוף בית שני 268
די פאַראייניקטע דורות 275

II. דער שווערד און דער אַקעראייזן אין דער יידישער געשיכטע 293
אויף די וועגן פון שלום. אברהם אבינו 299
ירושלים 301

III. יידן צווישן די פעלקער
די געצנדינערישע וועלט 313
די גריכן פון אַמאָל און די יידן 318
רוים און ירושלים 328
די ראָל פון תנ״ך אין דער געשיכטע פון דעמאָקראַטיע . 337
וואָס וויים די וועלט וועגן יידן און יידישקייט ? 349

I

לערער, דענקער און וועגווייזער

א. אין דער תלמודישער וועלט

אייראָפּעישע תקופה

רבינו גרשום, מאור הגולה
און זיין ראָל אין דער יידישער געשיכטע

אָנהייב מיטלאַלטער איז די צאָל יידן אין די קריסטלעכע לענדער אין אייראָפּע געווען זייער קליין. זיי זיינען געווען שטאַרק אַסימילירט. זיי האָבן זעלטן געטראָגן יידישע נעמען און אפילו אויף זייערע מצבות געפינען מיר זעלטן העברעישע אויפשריפטן. אויך זייער ידיש וויסן איז געווען זייער און זייער באַשיידן. דאָס בילד ענדערט זיך ראַדיקאַל זינט ניינטן יאָרהונדערט, ווען אַ שטראָם יידישע איינוואַנדערער פון מזרח — דער עיקר פון בבל — האָט פאַרשטאַרקט די אַלטע קהילות און עס זיינען אויך אויפגעבויט געוואָרן אַ באַדייטנדע צאָל נייע קהילות אין מערב־אייראָפּע. עס באַגעגענען זיך איצט אַלץ מער און מער יידישע נעמען (דער עיקר נעמען פון תנ״ך). עס באַווייזן זיך תלמידי חכמים און מחברים, עס קומען אויף נייע צענטערס פון תורה און די אייראָפּעישע לענדער נעמען ביסלעכ־ווייז איבער די פירונג פון יידישן לעבן.

אַרום ניינציק פּראָצענט פון יידן אין גאַר דער וועלט שטאַמען פון אייראָפּע, דער עיקר פון מזרח־אייראָפּע. אַלע מאָדערנע באַוועגונגען אין יידישן לעבן האָבן זייערע וואָרצלען אין די יידישע ישובים אין מזרח־און מערב־אייראָפּע. אָנגעהויבן האָט זיך די גייסטיקע פירערשאַפט פון אייראָפּעישן יידנטום מיט קנאַפּע טויזנט יאָר צוריק. און רבינו גרשום מאור הגולה (רבינו גרשום, דאָס ליכט פון גלות) איז געווען די פירנדיקע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט אָנגעצייכנט דעם וועג אין אָנהייב פון אָט דער נייער תקופה.

מיר ווייסן זייער ווייניק פון דעם פּערזענלעכן לעבן פון רבינו גרשום. מיר ווייסן אָבער מערער וועגן דער געוואַלדיקער ווירקונג, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיינע תלמידים און אויפן אַלגעמיינעם לעבן פון די יידישע קהילות אין מערב־אייראָפּע. רש״י, וואָס איז געווען אַ תלמידס אַ תלמיד פון רבינו גרשום, שרייבט וועגן אים: ״רבינו גרשום זכר צדיק וקדוש לברכה, וואָס האָט ליכטיק געמאַכט די אויגן פון גלות, און אַלע לעבן מיר פון זיין מויל, און אַלע פון גלות אשכנז (דייטשלאַנד) און איטאַליע זיינען די תלמידים פון זיינע תלמידים״.

דאָס עדות־זאָגן פון אַזאַ אויטאָריטעט ווי רש״י איז מער ווי גענוג כדי אָפּצושאַצן די געוואַלדיקע ראָל פון רבינו גרשום. מיר האָבן אָבער אויך דאָס עדות־זאָגן פון פאָלק, וואָס האָט אים זיכער ניט אומזיסט געגעבן דעם טיטל ״דאָס

ליכט פון גלות". אין וואָס איז באַשטאַנען די גרויסקייט פון רבינו גרשום, דעם לערער און וועגווייזער פון די יידישע קהילות אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד?

רבינו גרשום איז געבאָרן געוואָרן בערך מיט טויזנט יאָר צוריק, אַרום 960 פון דער אַלגעמיינער צייטרעכענונג. געווירקט האָט ער אין אַ צייט, ווען עס זיינען אויסגעוואַקסן גרעסערע יידישע ישובים אין די קריסטלעכע לענדער. דער וועג פון די יידישע וואַנדערונגען האָט דעמאָלט געפירט פון מזרח — פון די אַלטע יידישע ישובים אין בבל (דאָס היינטיק איראַק) און די שכנותדיקע לענדער — קיין מערב, קיין אייראָפּע. די גרויסע ישיבות אין בבל, די צענטערס פון תורה פאַר גאָר דער יידישער וועלט אין לויף פון יאָרהונדערטער, האָבן ביסלעכווייז פאַרלאָרן זייער גלאַנץ און אויטאָריטעט. יידישע ישובים אין אייראָפּע, אין שפּאַניע, איטאַליע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, וועלכע זיינען פאַר דער צייט שטאַרק אויסגעוואַקסן אַ דאַנק דעם צושטראָם פון די איינוואַנדערער פון מזרח, האָבן אָנגעהויבן צו זוכן זייער אייגענעם וועג. זיי האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער ירושה פון דער אַלטער היים. גראָד פאַרקערט, דער תלמוד בבלי איז געבליבן דער יסוד פון יידישן לעבן אויך אין אייראָפּע. עס איז אָבער געווען נייטיק זיך צוצופּאַסן צו דער נייער סביבה, צו די גאָר אַנדערע באַדינגונגען פון לעבן, און דערצו האָט זיך געפאָדערט אַ מוטיקע גייסטיקע פירערשאַפט אויפן אָרט. אָט די פירערשאַפט האָבן די אַשכנזישע קהילות געפונען אין דער פערזענלעכקייט פון רבינו גרשום מאור הגולה.

די נייע צייט האָט געבראַכט נייע פּראָבלעמען, נייע זאָרגן און נייע אויפגאַבן; אָבער אויך אין אייראָפּע זיינען די באַדינגונגען ניט אומעטום געווען די זעלביקע. די יידישע קהילות אין שפּאַניע זיינען געבליבן נאָך פאַר גאָר אַ לאַנגער צייט אין דער אַראַביש-איסלאַמישער וועלט.

רבינו גרשום איז געווען ראש ישיבה אין מאַינץ ביים ריין. דאָ, ביי די ברעגעס פון ריין, ביים גרענעץ צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד, האָבן זיך צעבליט אַ גרעסערע צאָל יידישע קהילות. און אין אָט די קהילות איז עס געשאַפן געוואָרן דער נוסח אַשכנז, די אייגנאַרטיקע קולטור פון די יידיש רידנדיקע יידן.

די צייט פון רבינו גרשום קען אויך באַצייכנט ווערן ווי דער אָנהייב פון דער יידיש-תקופה אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. אין די קהילות ביים ריין האָבן אונדזערע עלטערן איבערגענומען די שפּראַך פון זייערע שכנים, דאָס לשון אשכנז (דייטש), וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אונדזער יידיש לשון. צוזאַמען מיט דער שפּראַך האָבן זיי פון די שכנים איבערגענומען אויך אַ צאָל מינהגים. די באַגעגעניש צווישן יידנטום און קריסטנטום איז געווען פול מיט געפאַרן פאַר די יידישע קהילות, בפרט ווען די קריסטלעכע הערשער האָבן מיט אַלע מיטלען געפּרוּווט צו געווינען נשמות פאַר זייער גלויבן.

די יידישע קהילות אין די קריסטלעכע לענדער האָבן פאַר זייער יידישקייט אָפט באַצאָלט דעם טייערסטן פּרייז. געווען שוין דעמאָלט פאַלן פון גזירות פון שמד, און רבינו גרשומס אייגענער זון האָט אין דער צייט פון אַזאַ שמד-גזירה

זיך לפנים אָפּגעזאָגט פון ייִדישקייט. ער איז געשטאָרבן נאָך איידער ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צוריק צום ייִדישן גלויבן, און זיין פאָטער איז געזעסן נאָך אים צוויי וואָכן שבעה.

די פּערזענלעכע טראַגעדיע פון רבינו גרשום וואַרפט אַ באַזונדער ליכט אויפן מצב פון די ייִדישע קהילות ביי די ברעגעס פון ריין. אַרומגערינגלט מיט שנאה, האָבן יידן דאָך געמוזט לעבן מיט זייערע שכנים.

דער בעסטער און זיכערסטער מיטל צו פאַרשטאַרקן דעם ייִדישן ווידערשטאַנד קעגן די איינפלוסן פון דרויסן איז געווען דעמאָקראַטיזירן דאָס ייִדישע גייסטיקע און סאָציאַלע לעבן. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אין אַ באַדייטנדער מאָס דורך די רעפאָרמעס אָדער תקנות, ווי זיי הייסן געוויינטלעך, פון רבינו גרשום און זיינע תלמידים.

אין דעם פּרט וואַרפט זיך ממש אין די אויגן דער אונטערשייד צווישן די ספרדישע און די אשכנזישע קהילות. ביי די ספרדים האָט דאָס קולטור־לעבן געטראָגן מער אַן אַריסטאָקראַטישן כאַראַקטער. עס איז געווען אַ קולטור פון לומדים און געבילדעטע. ביי די אשכנזים אָבער איז תורה געווען אַן ענין פון גאַנצן פאָלק. די ספרדישע תלמידי חכמים האָבן זיך באַזונדעס אויסגעצייכנט ווי שריפט־שטעלער. אַקעגן דעם האָבן די אשכנזישע תלמידי חכמים זיך אויסגעצייכנט ווי לערערס, ווי ראשי ישיבות. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביים אַלטן כלל "והעמידו תלמידים הרבה" — שטעלט אויף אַ סך תלמידים, דערציט דורות פון לערנער! און דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אין די אשכנזישע קהילות אין זייער אַ באַדייטנ־דיקער מאָס.

רבינו גרשום איז געווען די גרויסע אויטאָריטעט, וואָס האָט דעם לימוד התורה אין די קהילות ביים ריין דערהויבן ביז צו דער העכסטער מדרגה. "מיר אַלע לעבן פון זיין מויל", האָט רש"י געשריבן צוויי דורות שפּעטער. זיין אויסערגעוויינטלעכע אויטאָריטעט האָט אים אויך פאַרשאַפט דעם געהעריקן פּרעסטיזש איינצופירן אַ צאָל רעפאָרמען, וועלכע האָבן ראַדיקאַל געענדערט דאָס ייִדישע סאָציאַלע לעבן.

רבינו גרשום איז דעם ברייטערן עולם באַזונדערס באַקאַנט מיט זיין תקנה קעגן פּאָליגאַמיע, דעם חרם, וואָס פאַרווערט אויפן שטרענגסטן אופן צו נעמען מער ווי איין פרוי. עס איז ניט די איינציקע תקנה פון רבינו גרשום, אָבער בלי ספק די וויכטיקסטע. כדי צו פאַרשטיין די ממש רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג פון דער דאָזיקער תקנה, איז נייטיק צו דערמאָנען זיינע אַ צווייטע תקנה, וואָס האָט אויך אַ שייכות צום פאַמיליע־לעבן. עס איז דער איסור אָפּצוגטן אַ פרוי קעגן איר ווילן. די פרוי דאַרף פּריוויליק מסכים זיין אָנצונעמען דעם גט. אין אונדזער ליטעראַרישער תקופה, ווען וויכטיקע ליטעראַרישע דערגרייכונגען ווערן באַטראַכט ווי די העכסטע מאָס פון אַ קולטור פון אַ פאָלק, האָט מען ווייניק אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון רבינו גרשומס תקנות. די וווּנדערלעכע פּאָעזיע פון די ספרדישע דיכטער האָט צו אונדז אַ סך מער אַפּעלירט. פון רבינו גרשומס אַ תקנה איז שווער אַריינצופאַלן אין התפעלות. מיר האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט צו פאַרשטיין,

ווי הרב קוק האָט אַ מאָל ריכטיק באַמערקט, די פּאָעזיע פון געזעצן, די פּאָעזיע פון איינשטעלן אַ סדר אין לעבן.

יע, פאַראַן אַן אַ שיעור פּאָעזיע, און אַ סך מער ווי פּאָעזיע, אין די תקנות פון רבינו גרשום. פּאָליגאַמיע איז, אמת, ביי ייִדן ניט געווען קיין פאַרשפּרייטע דערשיינונג, אפילו אין דער צייט פון תנ״ך. די נאָרמאַלע פאַמיליע איז געווען — די פאַמיליע פון אדם און חוה, ווי גאָט האָט געשאַפן. אָבער דער עצם פאַקט, וואָס דער מאַן האָט געקענט נעמען נאָך אַ פרוי און וואָס ער האָט זיין פרוי געקענט אָפּגעטן, האָט געוואָלדיק געמינערט די חשיבות פון דער פרוי און האָט אָפּגעשוואַכט איר פּאָזיציע אין דער פאַמיליע ווי אַ פרוי און מוטער.

אין די קריסטלעכע לענדער איז די מאָנאָגאַמישע פאַמיליע — די פאַמיליע פון איין מאַן און איין פרוי — געווען די נאָרמאַלע און אָנגענומענע פאָרם פון דער פאַמיליע. די פּראָבלעם פון פּאָליגאַמיע איז דעריבער דאָ אויך געוואָרן אַן ענין פון ייִדישן כבוד. די חשיבות פון דער ייִדישער פרוי האָט געמוזט דערהויבן ווערן כדי צו פאַרפעסטיקן די פאַמיליע און כדי צו הויבן דעם ייִדישן פּרעסטיזש בכלל.

דאָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך די תקנות פון רבינו גרשום. די מאָנאָגאַ־מישע פאַמיליע איז געוואָרן ניט נאָר די נאָרמאַלע, נאָר פּאַקטיש די אַבסאָלוטע פאָרם פון ייִדישן פאַמיליע־לעבן. דער ווייטערדיקער פאַקט, וואָס די פרוי האָט באַקומען אַ דעה אין דער פראַגע פון גט, האָט נאָך מער געהייבן די חשיבות פון דער פרוי און האָט פאַרשטאַרקט איר פּאָזיציע אין דער פאַמיליע. די ייִדישע פרוי איז איצט געוואָרן אַ מוסטער פאַר די ניט־ייִדישע שכנים, אַ פאַקט, וואָס איז אויך אָנערקענט געוואָרן פון אַ סך קריסטלעכע שריפטשטעלער.

די דעמאָקראַטיזירונג פון דער פאַמיליע איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער דעמאָקראַטיזירונג אין ייִדישן לעבן, ווי דאָס ווערט אָפּגע־שפּיגלט אין די תקנות פון רבינו גרשום און אין אַ טייל שפּעטערדיקע תקנות פון זיינע תלמידים.

*

עס איז געווען אַ צייט פון גזרות. געווען ייִדישע מנהיגים, וואָס האָבן געקוקט קרום אויף די בעלי תשובה, אויף די אנוסים, וואָס זיינען געצוווּנגען געוואָרן צום שמד, און שפּעטער, ווען די גזרה איז אַריבער, האָבן זיי זיך אומגעקערט צום ייִדישן גלויבן. רבינו גרשום האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ חרם קעגן יענע, וואָס דער־מאָנען אַ בעל תשובה זיינע פריערדיקע זינד. דער וועג פון תשובה מוז בלייבן ברייט אָפן פאַר אַלעמען!

דער פאַקט, וואָס די תקנות פון רבינו גרשום זיינען אָנגענומען געוואָרן פון אַלע קהילות אין די קריסטלעכע לענדער אין אייראָפּע, באַווייזט, אַז רבינו גרשום איז אָנערקענט געוואָרן ווי די העכסטע אויטאָריטעט אין די אייראָפּעישע ישובים. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז צוזאַמען מיט רבינו גרשום זיינען געווען נאָך אַ צאָל פירנדיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט ביים דורכפירן זיינע תקנות.

בכל אופן ווייסן מיר, אַז די איינצעלנע קהילות אין מערב אייראָפּע זיינען ניט מער געווען אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע. רבינו גרשום אַליין האָט ניט באַטראַכט זיינע תקנות ווי די תקנות פון אַ יחיד, און דערפאַר איז אויך אָנגענו־מען געוואָרן, אַז אויב עס איז אין אַן אויסנאַמספאַל נייטיק אַ היתר פון דעם חרם — ווען די ערשטע פרוי, למשל, איז גייסטיק קראַנק און מען קען זיך ניט גטן, קען אַזאַ היתר אַרויסגעגעבן ווערן נאָר פון הונדערט תלמידי חכמים, וועלכע רעפּרעזענטירן לפּחות דריי לענדער.

עס איז ניט אַלע מאָל גרינג פעסטצושטעלן, וועלכע תקנות זיינען איינגעפירט געוואָרן פון רבינו גרשום און וועלכע שטאַמען פון אַ שפּעטערדיקער צייט. אַזוי ווערט אָנגענומען, אַז רבינו גרשום האָט איינגעפירט דעם חרם, אַז מען טאָר ניט עפענען קיין פרעמדע בריוו. דאָס איז געווען אויסערגעוויינטלעך וויכטיק אין אַ צייט, ווען מען פלעגט באַזאָרגן בריוו דורך פּריוואַטע שליחים. די תקנה האָט זיכער אויך געהאָלפן דעם יידישן האַנדל, וואָס איז דעמאָלט אייגנטלעך געווען אַ וועלט־האַנדל. נאָך ביז צו אונדזער צייט פלעגט מען זיך אָפּט נוהג זיין אָנצושרייבן אויף אַ פאַרמאַכטן בריוו די ראשי תיבות בחדר״ג (בחרם דרבינו גרשום) — עס איז פאַרוועדט מיטן חרם פון רבינו גרשום צו עפענען דעם בריוו. די איבעריקע תקנות האָבן דער עיקר דעם צוועק צו פאַרשטאַרקן די אויטאָריטעט פון די קהילות.

רבינו גרשום קען באַטראַכט ווערן ווי דער פאָטער פון דעם נוסח אשכנז, פון יענער אייגנאַרטיקער קולטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן בערך מיט טויזנט יאָר צוריק אין די יידיש ריידנדיקע קהילות ביי די ברעגעס פון ריין און האָט זיך מיט דער צייט פאַרשפּרייט איבער דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּע. די קולטור פון די אַזוי גערופענע אשכנזישע יידן (פון די יידיש ריידנדע יידן) האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט איר דעמאָקראַטישקייט. עס איז געווען אַ דעמאָקראַטיע פון תורה, אַ דעמאָקראַטיע פון דער פאַמיליע און אַ דעמאָקראַטיע פון דער קהילה.

צו רבינו גרשום, דאָס ליכט פון גלות, האָט מען זיך פון פאַרשיידענע קהילות געווענדט מיט שאלות, און זיינע ענטפערס, זיינע תשובות, זיינען אָנגענומען און אָנערקענט געוואָרן פון די תלמידי חכמים פון זיין צייט און אויך פון די שפּעטער־דיקע דורות.

אַ טייל פון די תשובות פון רבינו גרשום זיינען אויפגעהיט געוואָרן פון שפּע־טערדיקע מחברים און זיינען פאַרשפּרייט איבער פאַרשיידענע ספרים. אָט דעם גאַנצן מאַטעריאַל האָט געזאַמלט און אַרויסגעגעבן מיט די נייטיקע באַמערקונגען דר. שלמה איידעלבערג. אין די קרוב אַכציק תשובות ווערן באַהאַנדלט פאַר־שיידענע ענינים. עס פאַלט אויף, וואָס אין אַ סך תשובות ווערן באַהאַנדלט פאַלן פון שמד.

פון די תשובות איז צו זען, ווי דר. איידעלבערג ווייזט ריכטיק אָן, אַז יידן האָבן זיך אין יענער צייט פאַרנומען ניט נאָר מיט האַנדל. די תשובות ווייזן, אַז יידן האָבן זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, אַז זיי האָבן געהאַט אייגענע וויינגערטנער, הייזער און בהמות, און אַז אויך אין דעם האַנדל צווישן יידן און

ניט־יידן זיינען ניט אַלע מאָל די יידן געווען די באַנקירן. געווען פאַלן, ווען יידן האָבן פאַרמשכנט זייער פאַרמעגן פאַר הלוואות, וואָס זיי האָבן געבאָרגט ביי קריסטן. פון דעם גייסטיקן און סאָציאַלן לעבן פון יענער צייט דערציילן אונדז אַ סך די תשובות וועגן מנהגים, וועגן מלמדים און קהילה־ענינים. בדרך כלל איז, נאַטירלעך, די תלמודישע טראַדיציע די העכסטע און אנטשיידנדע אויטאָריטעט. מיר זעען שוין אָבער אויך די זעלבסטשטענדיקע און אייגנאַרטיקע אַנטוויקלונג פון אייראָפּעישן יידנטום. דער נוסח אשכנז לאָזט זיך שוין קלאָר מערקן.

ניט געקוקט אויף דעם כסדרדיקן דרוק פון דרויסן, זיינען די קהילות אין אייראָפּע געוואָרן אַלץ מער יידיש. ווי אַזוי איז עס געשען? דער ענטפער איז זייער אַן איינפאַכער: אין דער צייט ווען די קונסט פון לייענען און שרייבן איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע זעלטנהייט ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג אין אייראָפּע, אפילו פירשטן און מלכים האָבן אין יענע דורות אָפט ניט געקענט אונטערשרייבן זייער נאָמען, האָט איטלעכער ייד באַקומען אַ מינימום פון יידישער דערציונג. אין אַ צייט, ווען די אייראָפּעישע פאָלקסשפּראַכן זיינען נאָך געווען שפּראַכן אָן אַ ליטעראַטור, האָט די קענטעניש פון העברעיש פאַר דעם יידן געעפנט דעם וועג צו אַ רייכן אוצר פון קולטור און האָט אים טיילווייז אפילו באַזאָרגט מיט אינפאָרמאַציע וועגן אַלגעמיינע וועלט־ענינים.

דער תלמוד בבלי איז געבליבן דער יסוד פון דער יידישער דערציונג אויך אין די אייראָפּעישע קהילות און דווקא אין די אשכנזישע קהילות. די אַלגעמיינע באַדינגונגען אין אייראָפּע זיינען אָבער געווען אַנדערע ווי אין בבל. דערפאַר איז דאָ געוואָרן באַזונדערס נויטיק צו לערנען דעם טעקסט פון תלמוד — און אויך פון דעם תנ״ך — מיט דערקלערונגען, מיט פירושים און אויסטייטשונגען. מ׳האָט ווייטער געדאַרפט זאָרגן דערפאַר, אַז ביים איבערשרייבן די ספרים פון תלמוד זאָלן ניט אַריינפאַלן קיין גרייזן. האָט רבינו גרשום מיט זיין אייגענער האַנט צוגעגרייט אַ טעקסט פון תלמוד, כדי די תלמידים זאָלן פון זיין עקזעמפּלאַר קענען מאַכן פאַר זיך קאָפּיעס. פאַראַן אַ טראַדיציע, אַז ר׳ גרשום האָט אויך געשריבן אַ פירוש צום גאַנצן תלמוד. ס׳איז אָבער ווייט ניט זיכער צי די רעשטלעך פון די פירושים, וואָס זיינען פאַרבליבן אונטער זיין נאָמען, שטאַמען באמת פון זיין פעדער.

אויף אַן אידעאַלן אופן איז די אויפגאַבע צו געבן דעם פאָלק אַ פירוש צום תנ״ך און צום תלמוד פאַרווירקלעכט געוואָרן פון רבינו גרשומס תלמידס אַ תלמיד, פון רבינו שלמה יצחקי, וואָס איז אַלגעמיין מער באַקאַנט מיטן נאָמען רש״י. רש״יס פירושים צום תנ״ך און צום תלמוד זיינען אַנגענומען געוואָרן אין דער גאַנצער יידישער וועלט, און דאָס האָט בלי ספק אַ סך מיטגעהאָלפן צו דער דעמאָקראַטיזירונג פון תורה־לערנען אין דער וועלט בכלל און אין די אשכנזישע קהילות בפרט.

רבינו גרשום האָט אונדז אויך איבערגעלאָזן אַ צאָל פּאָעטישע שאַפונגען, פּיוטים, (סליחות). עס זיינען געווען די צרות פון פאָלק, די נויט פון גלות, וואָס האָבן באַוויגן דעם גרויסן תלמיד חכם ארויסצוברענגען זיינע טיפסטע איבערלע־

בונגען אין דיכטערישע ווערטער. אין זיינע סליחות טענהט ער זיך אויס מיטן רבונו של עולם, וויפל איז דער שיעור צו די יידישע ליידן? ווי לאַנג נאָך וועט געדויערן דער גלות? אַ זאַמלונג פון די סליחות פון רבינו גרשום איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון א.מ. האבערמאַן (ירושלים תש״ד).

דער גרעסטער אויפטו פון רבינו גרשום איז געווען — וואָס ער האָט באוויזן אויפצושטעלן אַ דור פון תלמידים. דערפאַר איז ער געוואָרן דאָס ליכט פון גלות פאַר זיין אייגענער צייט אויך פאַר דורות און נאָך אים.

ר׳ יהודה החסיד און זיין קרייז

איינע פון די מערקווערדיקסטע יידישע פערזענלעכקייטן אין דער פאַר אונדז אַזוי טרויעריק טראַגישער תקופה פון די קרייצצוגן איז געווען ר׳ יהודה החסיד, דער זון פון שמואל החסיד. דער טיטל חסיד (פרומער) איז אין אַלטע צייטן זייער זעלטן באַנוצט געוואָרן. געמיינט האָט מען מיט דעם אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט ניט נאָר מיט זיין פרומקייט, נאָר אויך מיט זיין ערלעכקייט, באַשיידנקייט און גוטסקייט. ר׳ יהודה החסיד איז אָבער נאָך באַזונדערס באַקאַנט ווי דער וויכטיקסטער פאָרטרעטער פון דער מיסטישער און רעליגיעז־עטישער באַוועגונג פון די ״פרומע פון דייטשלאַנד״ — חסידי אשכנז. ״ווען יהודה החסיד וואָלט געבוירן געוואָרן אין דער צייט פון די נביאים — האָבן זיינע תלמידים געגלויבט — וואָלט ער געווען אַ נביא״. אָבער אויך אַזוי ווייסט די פאָלקסטימלעכע לעגענדע צו דערציילן אַן אַ שיעור וווּנדער פון ר׳ יהודה החסידס לעבן און פון זיין טעטיקייט.

די באַוועגונג פון די ״חסידי אשכנז״ איז אויפגעקומען אין די שווערע צייטן פון די גרויזאַמע גזרות און פאַרפאָלגונגען בעת די קרייצצוגן. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די באַרימטע קהילות פון מערב־דייטשלאַנד, די קהילות ביים ריין, ווי וואָרמס, שפייער, מאַינץ, קעלן און אַנדערע, זיינען אומגעקומען על קידוש השם. ר׳ יהודה החסיד אַליין איז געבוירן געוואָרן נאָכן צווייטן קרייצצוג (1146), וועלכער באַדייט אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון יידן אין מערב־אייראָפּע, באַזונדערס אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד. ״ביז צו דער דאָזיקער צייט — שרייבט היינריך גרעץ — פלעגן בלויז פון צייט צו צייט פאָרקומען רדיפות. אָבער זינט דעם יאָר 1146 זיינען די רדיפות געוואָרן אַלץ אָפטער, אַלץ האַרטנעקיקער און גרויזאַמער. טויזנטער און טויזנטער יידישע יחידים און משפחות זיינען אָפט געשטעלט געוואָרן פאַר דער ברירה — שמד אָדער טויט. ניט געקוקט אויף דעם איז די צאָל אָפּטריניקע געווען אויסערגעוויינטלעך קליין. דער גרעסטער טייל זיינען געגאַנגען על קידוש השם און האָבן אויסגעהויכט זייער נשמה מיט די ווערטער פון ״שמע ישראל״ אויף זייערע ליפּן.

עס איז אַ חוץ דעם געווען נאָך אַ סיבה, וואָס האָט דער נייער מיסטיש־רעליגיעזער באַוועגונג פון די ״חסידי אשכנז״ פאַרשאַפט אַזאַ גרויסן איינפלוס. די קולטור פון די יידישע קהילות אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד איז געווען אַ סך מער דעמאָקראַטיש און פאָלקסטימלעך־יידיש ווי די קולטור פון די ספרדישע

קהילות אין שפּאַניע און די שכנותדיקע לענדער, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען אין דעם קרייז פֿון דער אַראַביש־מאַכמעדאַנישער קולטורוועלט. אויב די ספֿרדישע יידן האָבן אונדז געגעבן אַ צאָל גרויסע דענקער און דיכטער, ווי דער רמב״ם, יהודה הלוי, שלמה אבן גבירול, האָבן די פֿראַנצויזיש־דייטשע יידישע קהילות אונדז געגעבן די גרעסטע יידישע חכמים פֿון מיטלאַלטער. נאָך ביז צום היינטיקן טאָג קענען מיר זיך ניט פֿאָרשטעלן, ווי מען קען לערנען גמרא אָן דעם פּירוש פֿון דעם גרויסן תלמיד חכם פֿון פֿראַנקרייך, רבינו שלמה יצחקי (רש״י). צו די תלמידים פֿון רש״י געהערט די גרופּע תלמידי חכמים, וואָס זיינען באַקאַנט אונטערן נאָמען די ״בעלי התוספות״, ד.ה. די מחברים פֿון די פּירושים און ערקלע־רונגען צו גמרא אונטערן נאָמען ״תוספות״, וואָס מיינט צוגאָבן צום פּירוש פֿון רש״י. אויפֿן טאָג־טעגליכן לעבן פֿון פֿאָלק האָבן געהאַט די גרעסטע ווירקונג די תקנות פֿון רבינו גרשום מאור הגולה (רבינו גרשום, דאָס ליכט פֿון גלות), וואָס האָט געלעבט און געווירקט אין מאַינץ צוויי דורות פֿאַר רש״ין.

דאָס גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע לעבן פֿון די פֿראַנצויזיש־דייטשע קהילות, די אשכנזישע יידן, האָט זיך אויסגעצייכנט דורך זיין דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. אַ גרויסע ראָל האָט דאָ, למשל, געשפּילט דער מינהג פֿון עיכוב התפילה אָדער עיכוב הקריאה. די ספֿרדישע יידן האָבן געלעבט אין אַ נעגנטערן קאָנטאַקט מיט דער ניט־יידישער וועלט. דאָס איז גראָד געווען די תקופה, ווען מאַכמעדאַניש־אַראַבישע קולטור האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט און יידישע געלערנטע האָבן גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין קולטור־לעבן פֿון זייערע שכנים. אַ טייל פֿון די ספֿרים פֿון די ספֿרדישע מחברים זיינען אפֿילו געווען געשריבן אין אַראַביש, ווי, למשל, דער ״מורה נבוכים״ פֿון רמב״ם, דער ״כוזרי״ פֿון יהודה הלוי, און אַנדערע. גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע אין די קריסטלעך־אייראָפּעישע לענדער. אויך דאָ, באַטירלעך, האָבן זיך יידן ניט איזאָלירט פֿון דער אַרומיקער וועלט, און די קריסטלעכע וועלט האָט, אָן ספֿק, געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס אויפֿן יידישן לעבן. ר׳ יהודה החסיד אַליין באַמערקט: ״ווי עס פֿירן זיך די ניט־יידן, אַזוי פֿירן זיך אויך אין דעם רוב לענדער די יידן. (כמו שמנהג הנכרים כך מינהג היהודים ברוב מקומות). בכלל אָבער האָבן די אשכנזישע יידן ניט ארויסגעוויזן קיין באַזונדערן אינטערעס פֿאַר די וועלטלעכע וויסנשאַפֿטן און האָבן זיך כמעט אינגאַנצן באַגרע־נעצט מיט דעם למוד פֿון דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור. יידן האָבן דאָ געלעבט מער פֿאַר זיך און זיינען געווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין אָפּהיטן יידישקייט און די יידישע מיצוות. צוליב דעם טעם האָבן די אשכנזישע יידן אָפֿט אַרויסגעוויזן אַ סך אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד אין צייטן פֿון גזרות און קאַטאַס־טראָפֿעס. פֿאַלן פֿון מאַסן־שמד ווי אין שפּאַניע, זיינען דאָ כמעט ניט פֿאָרגעקומען. אומקומען על קידוש השם איז אין פֿראַנקרייך, און דער עיקר אין דייטשלאַנד, באַזונדערס זינט דער צייט פֿון די קרייצצוגן, געווען ניט קיין זעלטענע דערשיינונג. און אין דעם פּרט איז ניט געווען קיין שום אונטערשייד צווישן די גייסטיקע פֿירער, די לומדים, און דעם פּשוטן פֿאָלק.

די קאַטאַסטראָפאַלע איבערלעבונגען בעת די קרייצצוגן האָבן באַזונדערס פאַרשטאַרקט ביי די אשכנזישע יידן די נייגונג זיך אַלץ מער צו פאַרטיפן אין דער אייגענער וועלט. וואָס ווייניקער טרייסט מען האָט געפונען אין טאָג־טעגליכן לעבן, אַלץ מער האָט מען געזוכט טרייסט אין גלויבן.

באַזונדערס ליב און טייער איז געוואָרן דער אָנדענק פון די אומגעקומענע על קידוש השם. אין אַ סך קהילות זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן רשימות פון די אומגעקומענע. עס זיינען געשאַפן געוואָרן פאַרשיידענע תפילות און סליחות, כדי צו פאַראייביקן דעם זכרון פון "די פרומע און געטרייע און די הייליקע קהילות, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן על קידוש השם". פון יענער צייט שטאַמט די באַקאַנטע תפילה "אב הרחמים", פון יענער צייט שטאַמט אויך דער מינהג צו שטעלן יאָרצייט־ליכט אין דעם טאָג ווען אַ נאָענטער מענטש איז אַוועק פון דער וועלט. דער ייד, וועלכער האָט זיך געפילט אַזוי איינזאַם און עלנט אין אַ פיינטלעכער וועלט, האָט געזוכט אַלץ מער זיך צו פאַרבינדן מיט דער יידישער אייביקייט, מיט די צדיקים און הייליקע פון די פריערדיקע דורות.

דעם אָרט פון דעם גרויסן למדן פאַרנעמט איצט אַלץ מער דער הייליקער, דער פרומער, און דאַוונען מיט כוונה ווערט באַטראַכט ווי אַ סך אַ וויכטיקערע מיצווה איידער לערנען תורה. דאָס פאָלק זוכט העלדן פון גלויבן און פון מעשים טובים. עס ווערט באַזונדערס פאַרהערלעכט די געשטאַלט פון דעם קדוש און דעם תם, דעם נאַיוון, פשוטן פאָלקסמענטשן, וואָס דינט גאָט מיטן גאַנצן האַרצן.

געוועןן אַ געשיכטע מיט ר' אמנון פון מאַינץ — דערציילט איינע פון די מאַרטירער־לעגענדעס — וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ רייכער מאַן און אַ קרוב למלכות. דער בישאָף פון מאַינץ און זיינע ראַטגעבער האָבן אַ סך מאָל געפּרובירט אים צוצוריידן צום שמד, אָבער ר' אמנון האָט זיי שטענדיק אָפּגעזאָגט. איינמאָל איז דער בישאָף צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען און ר' אמנון האָט געענטפערט: גיט מיר דריי טעג זיך מיישב צו זיין און דאַן וועל איך אייך געבן אַן ענטפער. אַזוי גיך ווי ער איז אַרויס פון בישאָף, האָט ער דערפילט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ גרויסע זינד, ווייל ער האָט דערלאָזט אַ ספק וועגן זיין גלויבן. אויף דעם דריטן טאָג, ווען דער בישאָף האָט אים געלאָזט רופן, האָט ר' אמנון געענטפערט, אַז ער וויל ניט קומען. דאַן האָט דער בישאָף געלאָזט אים ברענגען מיט געוואַלד און האָט אים געפרעגט: פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען צו דער באַשטימטער צייט? האָט ר' אמנון געענטפערט: איך וועל דיר אַליין זאָגן די שטראָף וואָס מיר קומט: די צונג, וואָס האָט געזאָגט פאַלשע רייד, זאָל אויסגעשניטן ווערן. ר' אמנון האָט מיט דעם געהאַט די כוונה אָפּצוקומען פאַר זיינע זינדיקע רייד. האָט דער בישאָף אים געענטפערט: איך וועל דיר ניט אויסשניידן די צונג, נאָר איך וועל דיר אָפּשניידן די פיס, ווייל זיי זיינען ניט געקומען. און דער בישאָף האָט באַפוילן אים אָפּצושניידן די פינגער פון די הענט מיט די פיס און אריינלייגן אים אין אַ קאַסטן צוזאַמען מיט די אָפּגעשניטענע טיילן פון קערפּער און אוועקפירן אים אַהיים. האָט ר' אמנון אויף זיך גענומען דעם משפט

און האָט געהייליקט גאָטס נאָמען. און ווען עס איז געקומען דער טאָג פון ראש השנה, האָט ר׳ אמנון פאַרלאַנגט, מען זאָל אים ברענגען אין שול און אַוועקזעצן לעבן דעם חזן. ווען דער חזן איז געקומען צו זאָגן די קדושה, האָט ר׳ אמנון געבעטן, ער זאָל אים לאָזן הייליקן גאָטס נאָמען. ר׳ אמנון האָט דאַן געזאָגט די באַרימטע תפילה „ונתנה תוקף״ און ווען ער האָט פאַרענדיקט די תפילה, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. שפּעטער, ווערט דערציילט, האָט ר׳ אמנון זיך באַוויזן אין חלום צו רבינו קלונימוס בן רבינו משולם, האָט אים אויסגעלערנט די תפילה „ונתנה תוקף״ און האָט אים געבעטן פונאַנדערצושיקן די דאָזיקע תפילה פון קידוש השם צו אַלע יידישע קהילות איבער גאַר דער וועלט.

פּאַראַלעל מיט דער פאַרהערלעכונג פון קידוש השם גייט די פאַרהערלעכונג פון דעם שטילן פאַלקסמענטשן, וואָס דינט גאָט מיט זיין גאַנצן הארצן. אין דעם פּרט איז פאַראַן אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן די „חסידי אשכנז״ און דער חסידות־באַוועגונג, וואָס איז אויפגעקומען בערך זעקס הונדערט יאָר שפּעטער אין מזרח־אייראָפּע. די שטימונג פון די דאָזיקע קרייזן ווערט אויף אַ באַזונדערס איינדרוקספולן אופן איבערגעגעבן אין דער פאָלקסמעשה וועגן דער תפילה פון דעם פּאַסטוך:

געווען אַמאָל איינער אַ פּאַסטוך, אַ פּראָסטער ייד, וואָס האָט אפילו דאַווענען ניט געקענט. יעדן טאָג, ווען ער פלעגט אַרויסגיין פּאַשען די בהמות, פלעגט ער זאָגן: „רבונו של עולם! דיר איז דאָך וויל באַוווּסט, ווען דו זאָלסט האָבן בהמות און דו זאָלסט זיי מיר איבערגעבן צו היטן, איז פאַר אַלעמען היט איך פאַר געצאָלט, און פאַר דיר וואָלט איך געהיט אָן געלט, אַזוי שטאַרק איז מיין ליבע צו דיר״.

האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז עס איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען אַ תלמיד חכם און האָט געהערט דעם פּאַסטוך דאַווענען, זאָגט ער צו אים: שוטה! זאָלסט אַזוי ניט דאַווענען. פרעגט אים דער פּאַסטוך: ווי דען זאָל איך דאַווענען? האָט דער תלמיד חכם אים אויסגעלערנט די ברכות און די תפילות. ווען ער איז אָבער אַוועק, האָט דער פּאַסטוך גלייך אַלץ פאַרגעסן, וואָס דער לערנער האָט אים אויסגעלערנט. און ער האָט מורא געהאָט נאָך אַ מאָל צו זאָגן זיין שטענדיקע תפילה.

האָט דער תלמיד חכם בייננאַכט אין חלום דערהערט אַ קול: „זיי וויסן, אַז אויב דו וועסט ניט גלייך גיין צום פּאַסטוך און אים זאָגן ער זאָל מתפלל זיין אויף דעם אופן ווי ער האָט פריער מתפלל געווען, וועסטו באַשטראָפט ווערן, ווייל דו האָסט ביי מיר צוגענומען איינעם פון מיינע געטרייע דינער״.

ניטאָ דאָ קיין תורה און קיין מעשים טובים — פאַרענדיקט די לעגענדע — נאָר דער ווונטש צו טאָן אַ גוטע זאַך, און דאָס איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גרויסער מיצווה, ווייל גאָט וויל אַ ריינע האַרץ.

דאָס זיינען די אַלגעמיינע שטימונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן די מיסטיש־רעליגיעזע באַוועגונגען פון די „חסידי אשכנז״.

אויף דריי זאַכן — זאָגט אַ יידישע טראַדיציע — האַלט זיך די וועלט: אויף לערנען תורה, אויף דינען גאָט (עבודה) און אויף גוטע מעשים צווישן מענטשן. זיינען דערפאַר פון די עלטסטע צייטן אָן געווען וויכוחים ביי יידן וועגן דעם — וואָס איז וויכטיקער: תורה, פרומקייט, אָדער גוטסקייט? עס איז אויך אָנגעגאַנגען אַ וויכוח וועגן דער פראַגע פון לערנען און דאַוונען — וואָס איז וויכטיקער? די לומדישע אינטעלעקטועלע קרייזן האָבן ניט געמאַכט קיין צו גרויסן וועזן פון דאַוונען און האָבן געהאַלטן דער עיקר פון תורה. די פאַטעטיש געשטימטע און די פאָלקסטימלעכע קרייזן האָבן מער געהאַלטן פון תפילה. ביים דאַוונען שמועסט זיך אויך דער פשוטסטער מענטש דורך מיט זיין פאָטער אין הימל און גיסט אויס זיין הארץ פאַרן רבונו של עולם. די פאָלקסטימלעכע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע זיינען דערפאַר געווען גרויסע דאַוונער, וואָס האָבן מיט זייערע תפילות זיך כסדר איינגעשטעלט פאַרן פאָלק ישראל. וואָרים אין ריכטיקן דאַוונען שטעקט, לויטן גלויבן פון פאָלק, אַ גרויסער כוח. דורך תפילות קען מען אייגהיטן דעם כלל און אויך איינצעלנע מענטשן פון צרות און אומגליקן. און דורך תפילות קען מען ברענגען ישועות און נחמות אויף יידן.

אויף די "פרומע פון דייטשלאַנד", די פירער פון דער פאָלקסטימלעכער מוסר־באַוועגונג אין דער צייט פון די קרייצצוגן, זיינען געווען גרויסע דאַוונער. "די פרומע פון דייטשלאַנד — שרייבט דער בעל הטורים — פלעגן ציילן און אויס־רעכענען יעדן וואָרט פון די תפילות און די ברכות... און בעתן דאַוונען פלעגן זיי זיך איינגאַנצן אויסטאָן פון דער וועלט און פלעגן דערגרייכן נאָענט צו דער מדרגה פון נבואה". און דערפאַר שאַפט זיך אויך אַרום די באַדייטנדסטע פערזענ־לעכקייטן פון די חסידי אשכנז, דער עיקר אַרום דער געשטאַלט פון ר' יהודה החסיד, אַ גאַנצער קרייז וווּנדערלעכע לעגענדעס, וועלכע דערמאָנען זייער שטאַרק די ביבלישע טראַדיציעס וועגן די נביאים און די חסידישע לעגענדעס פון מזרח־אייראָפּע.

די דריי באַדייטנדסטע פירער פון די חסידי אשכנז: ר' שמואל החסיד, זיין זון ר' יהודה החסיד און ר' יהודה החסידס תלמיד, ר' אלעזר פון וואָרמס, האָבן גע־שטאַמט פון דער משפחה קלונימוס, אַ משפחה פון גרויס יחוס, וואָס האָט ארויס־געגעבן אַ סך לומדים און מנהיגים אין לויף פון יאָרהונדערטער. עס איז געווען די קאָמבינאַציע פון יחוס, לומדות און פאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט דער מיסטיש־רעליגיעזער באַוועגונג פון די חסידי אשכנז פאַרשאַפט אַזאַ גרויסן איינפלוס. פון איין זייט האָט מען פאַרהערלעכט די פשוטע תפילה פון דעם פאַסטוך, פון דער צווייטער זייט האָט מען זיך פאַרטיפט אין די סודות פון דאַוונען, אין דער מיסטי־שער באַדייטונג פון יעדן איינצעלנעס וואָרט און אפילו איינצעלנעם אות פון די תפילות און די ברכות.

דאָס וויכטיקסטע ליטעראַרישע ווערק, וואָס איז אונדז פאַרבליבן פון די "פרומע פון דייטשלאַנד", איז דער "ספר חסידים", וווּ עס זיינען צונויפגעזאַמלט די תורות פון די דריי דערמאָנטע פירער פון די "חסידי אשכנז". דער עיקר אָבער

איז דער ״ספר חסידים״ דאָס ווערק פון ר׳ יהודה החסיד. אַ באַזונדערס פּראָדוקטיווע ליטעראַרישע טעטיקייט האָט אַנטוויקלט דער תלמיד פון ר׳ יהודה החסיד, ר׳ אלעזר פון וואָרמס, וואָס איז אויך באַקאַנט אונטערן נאָמען פון ״בעל הרוקח״, לויטן נאָמען פון זיין הויפּטווערק ״רוקח״. ר׳ אלעזר איז אויך דער מחבר פון אַ ריי קבלה־ספרים, וועלכע באַקענען אונדז מיט דער מיסטישער לערע פון די ״חסידי אשכנז״.

אויך אין די לעגענדעס וועגן ר׳ שמואל החסיד און ר׳ יהודה החסיד, וועלכע האָבן זיך טיילוויז אויפגעהיט אין ״מעשה־בוך״, שפּיגלען זיך נאָך שטאַרק אָפּ די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין די קרייזן פון די ״חסידי אשכנז״. ר׳ שמואל בן קלונימוס, ״דער פרומער, דער הייליקער און דער נביא״ (החסיד הקדוש והנביא) האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פרומקייט און ענווות. עס ווערט דערציילט, אַז אין פאַרלויף פון ניין יאָר האָט ער אָפּגעריכט גלות און פלעגט זיך אַרויסגעבן פאַר אַ פּשוטן אַרבעטסמענטשן. איין מאָל — דערציילט די לעגענדע — איז ר׳ שמואל געוווּיר געוואָרן על פי רוח הקודש, אַז עס גרייט זיך אַ גרויס אומגליק פאַר דער קהילה שפּייער, האָבן ר׳ שמואל און זיין פרוי געפאַסט דריי טעג. צום סוף פון דריטן טאָג האָט ר׳ שמואל זיך דערוווּסט, אַז די סכנה איז אַריבער, און ער האָט פון גרויס שמחה געבעטן זיין פרוי צו מאַכן אַ הון פאַר אַ יום־טובדיקער מאָלצייט נאָכן תענית.

עס ווערט אויך דערציילט, אַז ר׳ שמואל האָט געשאַפן אַ גולם, און בעת ער האָט אָפּגעריכט גלות, האָט אים דער גולם באַגלייט אויף זיין וועג.

די ערשטע און עלטסטע טיילן פון ״ספר חסידים״ זיינען געשריבן פון ר׳ שמואל החסיד. אין זיין אַריינפיר גיט ער אָן דעם צוועק פון דעם ספר: ״פאַר די גאָטספאָרכטיקע און פאַר די, וואָס אַכפּערן גאָטס נאָמען, וועל איך שרייבן לזכרון דעם דאָזיקן ספר. זאָלן זיי לערנען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך פאָרכטן פאַר גאָט. און ניט דערפאַר, ווייל איך בין דער קליגסטער פון מיין דור, שרייב איך עס. איך ווייס ווי קליין איך בין אין מעשים טובים און אין תורה, וואָרום אין מיין דור זיינען אוודאי דאָך דאָ אַ סך גרעסערע פון מיר אין תורה, חכמה, און מעשים טובים און גאָטספאָרכטיקייט. אָבער גראָד צוליב זייער פיל חכמה פאַרנעמען זיי זיך מיט לויטער פּלפּול אין תלמוד, וואָס זיין חכמה האָט ניט קיין סוף״.

ר׳ יהודה החסיד האָט ווייטער אַנטוויקלט די אידעע פון זיין פאָטער און האָט געשאַפן די שיטה פון חסידות און קבלה לויטן נוסח אשכנז. די לעגענדע דערציילט וועגן אים, אַז צו אַכצן יאָר איז ער געווען אַ פולשטענדיקער עם הארץ און ער האָט אפילו דאַוונען ניט געקענט. ער פלעגט זיך אַרומשפּילן, לויטן שטייגער פון די קריסטלעכע יונגעלייט פון זיין צייט, מיט פייל און בויגן. איין מאָל האָט זיך דער יונגער יהודה געשפּילט מיט זיינע פיילן אין דעם פאָטערס ישיבה, זיינען די תלמידים אין כעס געוואָרן און האָבן אָנגעהויבן צו טענהן צו זיין פאָטער: ווי שיקט עס זיך, וואָס דו און דיינע עלטערן זיינען געווען גדולים און לומדים און דו דערציסט דיין זון ווי אַ פרא אדם? האָט אים ר׳ שמואל אָוועקגעזעצט לערנען,

און גאַר אין אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער צדיק.

ר׳ יהודה החסיד האָט א צייט געלעבט אין שפּייער. שפּעטער, אַרום די יאָרן 1196—1195, איז ער אַריבערגעפאָרן קיין רעגענסבורג, ווו ער האָט געגרינדעט מיט דער צייט באַרימט־געוואָרענע ישיבה.

די יידישע לעגענדע ווייסט אָן אַ שיעור צו דערציילן וועגן ר׳ יהודה החסידס וווּנדערלעכע מעשים. איין מאָל, דערציילט די לעגענדע, האָבן צוויי קריסטלעכע אַרבעטער באַגנבעט זייער יידישן בעל הבית. שפּעטער האָבן זיי זיך צעקריגט צווישן זיך, ווייל זיי האָבן זיך ניט געקענט פאַרטיילן מיט דער גנבה, און איינער האָט דערהרגעט דעם צווייטן און האָט אים געלאָזן ליגן אין יידישן קוואַרטאַל. אין דער פרי, ווען מען האָט דעם דערהרגעטן געפונען, האָבן די קריסטן געוואָלט אָנפאַלן אויף די יידן. דאָן איז ר׳ יהודה החסיד אַוועקגעגאַנגען צו די פירער פון שטאָט און האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן אים דערלויבן אויסצוגעפינען דעם מערדער, כדי קיין אומשולדיקע זאָלן ניט ליידן. מען האָט גלייך אָפּגעשלאָסן אַלע טויערן פון שטאָט. ר׳ יהודה האָט דעם דערהרגעטן ווידער לעבעדיק געמאַכט דורך אַ ״קמיע״, און דער געהרגעטער האָט דאָן אַליין אויסגעפונען דעם רוצח. אָבער גלייך ווי ר׳ יהודה האָט ביי אים אַוועקגענומען די קמיע, איז דער דערמאָרדערטער ווידער געפאַלן אַ טויטער אויף דער ערד.

די תורה פון ר׳ יהודה החסיד לאָזט זיך קורץ פאָרמולירן אין די ווערטער: תפילה, תשובה, עניוות און קידוש השם. ר׳ יהודהס תלמיד, ר׳ אלעזר פון וואָרמס, דערציילט: ״איך, אלעזר, האָב איבערגענומען די סודות, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די תפילות, פון מיין פאָטער ר׳ יהודה בר׳ קלונימוס... און אויך פון מיין רבין, רבי יהודה חסיד, וואָס אים האָט די דאָזיקע סודות איבערגעגעבן זיין פאָטער ר׳ שמואל... די פריערדיקע דורות האָבן געהאַלטן די דאָזיקע ידיעות בסוד און האָבן זיי אַנטפּלעקט נאָר פאַר איינצעלנע אויסדערוויילטע. אַזוי איז עס געווען ביז אין דור פון מיין רבין, ר׳ יהודה חסיד. ער האָט מיר די אַלע סודות איבער־געגעבן און באַפוילן זיי צו אַנטפּלעקן פאַר די גאָטספאָרכטיקע פון אונדזער דור״.

דער צווייטער פונקט איז תשובה. די ״פרומע פון דייטשלאַנד״ ווערן ניט מיד פון צו וועקן דאָס פאָלק צו תשובה און מעשים טובים. עס ווערט געשאַפן אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע סיסטעם פון תשובה לויט די זינד, וואָס מען איז באַגאַנגען. כדי אָפּצוקומען פאַר די זינד אויף דער וועלט, מוז מען נעמען אויף זיך יסורים און פאַסטן תעניתים. בכלל איז בעסער, אַז מע גיט זיך ניט אָפּ צו פיל מיט די הנאות פון עולם הזה און מע פאַרנעמט זיך מער מיט דינען גאָט און טאָן גוטע מעשים. אין דער ליטעראַטור פון די ״חסידי אשכנז״ באַגעגענען מיר שוין די אויסדרוקן ״גלגול שלג״ און ״גלגול רמש״, ד.ה. ווינטער זיך קייקלען אין שניי און זומער — צווישן מוראַשקעס, כדי אָפּצוקומען פאַר די עבירות, וואָס מען האָט געטאָן. אָבער הגם די פאָדערונגען פון תשובה זיינען אָפּט געווען זייער שטרענג, זיינען די טויערן פון תשובה פאַר קיינעם ניט געבליבן פאַרשלאָסן. געווען אַ מעשה, דער־

ציילט די לעגענדע וועגן ר׳ יהודה החסיד, מיט אַ משומד, וואָס האָט יידן אָנגעטאָן אַ סך צרות. איינמאָל איז ער געקומען צו ר׳ יהודה החסיד און האָט בײַ אים געבעטן אַ תשובה אויף זיינע זינד. האָט אים ר׳ יהודה געענטפערט: קען אַט דער שטעקן, וואָס איך האַלט אין האַנט, ווידער לאָזן שפּראָצן בלומען, אַזוי קענסטו תשובה טאָן! איז דער משומד פון אים אַוועק. עס איז אַריבער אַ קורצע צייט און דער שטעקן האָט אָנגעהויבן צו בליען. האָט ר׳ יהודה געלאָזט רופן דעם משומד און האָט אים אַרויסגעגעבן אַ תשובה. דאָס וווּנדער פון דעם שטעקן, וואָס האָט ווידער אָנגעהייבן בליען — דערציילט די לעגענדע — איז געשען צוליב דעם, ווייל דער משומד האָט איין מאָל אויך געטאָן אַ גוטע זאַך פאַר יידן. ווען מען האָט געמאַכט אַ בלבול אויף יידן, אַז זיי האָבן דערהרגעט אַ קריסטלעך קינד, ווייל זיי האָבן געדאַרפט האָבן זיין בלוט, איז דער משומד געקומען און האָט עדות געזאָגט און האָט געשוואָרן, אַז יידן טאָרן גאָר בכלל קיין שום בלוט ניט באַנוצן, אפילו ניט דאָס בלוט פון חיות און בהמות.

דער מענטש מוז זיך דערווייטערן פון גאווה און איבערהויפּט בלויז פון טראַכטן וועגן זיך אַליין. די סאָלידאַריטעט מיט דעם חבר ווערט דערפירט ביז צום עקסטרעמסטן פונקט. אויך ביים דאַוונען טאָר מען ניט בעטן בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר מען מוז האָבן כסדר אין זינען די גאַנצסטע און דעם גאַנצן כלל. דער ספר ״חסידים״ באַטאָנט אָפּט די פונדאַמענטאַלע באַדייטונג פון דער מיצווה פון ״ואהבת לרעך כמוך״ — דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין. דערפאַר אויב עס פּאַסירט, אַז די שונאים פאַרלאַנגען פון יידן: גיט אונדז אַרויס איינעם פון אייך און מיר וועלן אים אומברענגען, און אויב ניט, וועלן מיר אייך אַלעמען אויסהרגענען, איז בעסער אַז אַלע זאָלן זיך לאָזן אויסהרגענען און ניט איבערגעבן בידים צו די שונאים אַ ידיש נפש. עס ווערט אין ״ספר חסידים״ אויך כסדר געוואָרנט ניט צו באַעוולהנען קיין אַרבעטער און קיינעם ניט צו פאַרשעמען, אפילו דעם סאַמע פּשוטסטן מענטשן. עס ווערט אפילו גערעכנט פאַר אַ גרויסער עבירה אָנצוטאָן צער בעלי חיים. אָבער פונקט ווי מען איז מחויב אָפּצוהיטן דעם כבוד פון פרעמדע, אַזוי דאַרף מען זיך, פאַרקערט, ווייניק אינטערעסירן מיט דעם אייגענעם כבוד. דער אמתער חסיד מוז זיך אויסלערנען צו זיין אינגאַנצן גלייכגילטיק צו דעם, וואָס אַנדערע ריידן וועגן אים. אַלץ איינס, צי מען לויבט אים, אָדער מען זידלט אים. געווען אַ געשיכטע מיט אַ חסיד — ווערט דערציילט אין ״ספר חסידים״ — וואָס איז געווען זייער אַן אַלטער מאַן. האָט מען אים געפרעגט: מיט וואָס האָסטו זוכה געווען צו אַזאַ אריכת ימים? האָט דער חסיד געענטפערט: איך האָב אין מיין גאַנץ לעבן קיינעם ניט אָפּגעענטפערט אויף זיינע זידלערייען און קללות, נאָר איך פלעג גלייך מוחל זיין דעם, וואָס האָט מיר אָנגעטאָן צער״.

דער ״ספר חסידים״ פאָדערט אויך די שטרענגסטע ערלעכקייט אין געשעפטן מיט ניט־יידן. וואָרים אויב אַן איינצעלנער ייד פירט זיך אויף ניט ערלעך, וואַרפט דאָס אַ פלעק אויפן גאַנצן יידישן פאָלק און אויף דער יידישער רעליגיע און עס קומט צו חילול השם. איז דעריבער יעדער ייד דורך זיינע מעשים מחוייב אָפּצוהיטן

דעם כבוד פון זיין תּאַלק און זיין גלויבן. דער ייד קען מקדש השם זיין — הייליקן גאָטס נאָמען, אויך אין טאָג־טעגלעכן לעבן און ניט נאָר אין צייטן פון סכנה: ״אין פאַל, ווען אַ גוי האָט אַ טעות — לייענען מיר אין ״ספר חסידים״ — טאָרסטו דערמיט זיך ניט באַנוצן, כדי גאָטס נאָמען זאָל דורך דיר ניט פאַרשוועכט ווערן. איז אַ מענטש אָרעם, זאָל ער בעסער גיין בעטן נדבות און ניט אַנטלויפן מיט פרעמדע געלט, און דורך דעם זאָל גאָטס נאָמען פאַרשוועכט ווערן, וואָרים די ניט־יידן וועלן זאָגן אויף די יידן: זיי זיינען גנבים און שווינדלער״.

דער ״ספר חסידים״ און די קבלה־ספרים פון ר׳ אלעזר פון וואָרמס האָבן געהאַט גאָר אַ גרויסע ווירקונג אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון די אייראָ־פעישע יידן אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן אַ גאַנצע רייע נייע אידעען און מינהגים, וואָס האָבן זיך צום טייל נאָך אָפּגעהיט ביז צו דער לעצטער צייט. און הגם די ליטעראַטור פון די ״חסידי אשכנז״ אַנטהאַלט ניט ווייניק פרימיטיווע פאַרשטעלונגען און אַבערגלויבנס, האָבן אָבער אַ סך פון זייערע עטישע אידעען ניט פאַרלאָרן זייער ווערט ביז צום היינטיקן טאָג.

דער רמב״ם און זיין צייט

די יידישע געשיכטע איז רייך אין גרויסע פערזענלעכקייטן. איז דאָך די יידישע וועלט כמעט שטענדיק געווען אַ וועלט פאַר זיך, האָבן ממילא יידישע דענקער און פירער אויף זייער אייגענעם אופן געמוזט זוכן די ענטפערס אויף די פראַגן פון וועלט און מענטש.

און דער ייד האָט אויך געהאַט זיינע באַזונדערע זאָרגן און זיינע באַזונדערע שאלות. דאָס איז דאָך שוין פון די עלטסטע צייטן אָן געוואָרן דער גורל פון דעם פאָלק, וואָס האָט גענומען אויף זיך צו גיין זיין אייגענעם וועג, אַ נאָך ניט אויס־געטראָטענעם וועג.

פון צייט צו צייט איז אָבער אונדז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט די קולטורן פון אַנדערע פעלקער. אַזוי איז עס געווען אין דער צייט פון די חשמונאים. לאָמיר ווערן אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, האָבן אַ סך ביי זיך געטראַכט, און אייניקע האָבן עס אפילו געזאָגט. צו אַן ענלעכן גייסטיקן קריזיס איז עס געקומען אין דער צייט פון רמב״ם. די יידישע ישובים אין דער אַראַבישער וועלט האָבן זיך באַגעגנט מיט דער דעמאָלט רייכער אַראַבישער קולטור. אין תוך איז עס געווען, הגם אין נייע פאָרמען, דער אַלטער קאָנפליקט, דער קאָנפליקט צווישן דער גריכישער און דער יידישער קולטור, דער קאָנפליקט צווישן די פילאָזאָפן פון אַטען און די נביאים פון ירושלים. האָבן דאָך די אַראַבישע געלערנטע און דענקער פון יענער צייט פאַקטיש איבערגענומען דעם גייסטיקן פאַרמעגן פון דער אַלטער גריכישער קולטור.

צו ווערן אַ פירער און אַ וועגווייזער אין דער צייט פון רמב״ם, מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק, האָט זיך געפאָדערט אַ סך מער ווי בלויז יידישע לומדות. זינט דער צייט פון חורבן איז דאָס יידישע קולטורלעבן קיינמאָל ניט געווען אַזוי רייך און פילזייטיק ווי אין דער ספרדיש־אַראַבישער תקופה. גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי סעדיה גאון, יהודה הלוי, שלמה אבן גבירול און אברהם אבן עזרא. אין די ווערק פון דעם רמב״ם האָט די דאָזיקע בליענדיקע תקופה פון יידיש גייסטיקן לעבן דערגרייכט איר העכסטן פונקט. נאָכן רמב״ם הויבט זיך אָן דער באַרג־אַראָפּ פון דער ספרדישער קולטור תקופה, און דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער ירידה פון די יידישע ישובים אין אַראַבישע לענדער בכלל.

דעם רמב״ם איז אויסגעקומען צו לעבן און ווירקן אין אַן אויסערגעוויינטלעך קריטישער צייט אין דער יידישער געשיכטע. עס איז קודם כל געווען אַ צייט פון

אַ טיפֿן גײַסטיקן קריזיס. האָט זיך געפֿאָדערט אַ ייִדישער דענקער, וואָס איז באַוואָפֿנט מיטן גאַנצן וויסן פֿון זײַן תּקופֿה, כּדי זיך אַקעגנצושטעלן דעם שטראָם פֿון צווייפֿל און אַסימילאַציע. אין דעם פּרט האָט דער רמב״ם ניט געהאַט קיין גלײַכן צו זיך אין זײַן דור. אָבער אויך אין די שפּעטערדיקע דורות האָט דער רמב״ם צו זיך קיין גלײַכן ניט געהאַט. מיר האָבן געהאַט אַ צאָל גרויסע תּלמידי חכמים, זיי האָבן אָבער פֿאַרמאָגט לפֿי ערך ווייניק אַלגעמיין וויסן; מיר האָבן צו פֿאַרצייכענען אַ גאַנץ היפּשע צאָל גרויסע ייִדישע געלערנטע און דענקער, זיי האָבן אָבער כּמעט אַלע געהאַט לפֿי ערך ווייניק ייִדיש וויסן. אַ דענקער פֿון דעם פֿאַרנעם ווי דער רמב״ם, וואָס זאָל אין זיך פֿאַראייניקן אַזוי פֿיל ייִדישע לומדות און אַלגעמיין וויסן און וואָס זאָל גלײַכצײַטיק אַרויסווײַזן אַזוי פֿיל אָריגינעלע שעפֿערישקייט אויף די פֿאַרשיידנסטע געביטן, איז צו אונדז מער ניט געקומען. איז ניט קיין ווונדער, וואָס רבינו משה בן מיימון האָט אַרויסגערופֿן אַזוי פֿיל רעספּעקט און באַוווּנדערונג אין זײַן דור און אין שפּעטערדיקע דורות. אָט די באַוווּנדערונג האָט געפֿונען איר אויסדרוק אין אַזעלכע ווערטער ווי ״ממשה ועד משה לא קם כּמשה״ — פֿון משה רבינו ביז רבינו משה בן מיימון איז ניט געווען אַזאַ ווי משה.

דעם שטאַרקסטן רושם, וואָס מען באַקומט לייענענדיק די ספֿרים פֿון רמב״ם, איז די קלאַסישע קלאָרקייט, זײַן אײַזערנע לאָגיק, דער אויסגעצייכנטער סדר און די פֿלאַנמעסיקייט, באַזונדערס אין אַזאַ מאָנומענטאַל ווערק ווי זײַן ״משנה תּורה״. הינטער דעם רויִקן און אַזוי שׂכלדיקן אויבערפֿלאַך באַווײַזט זיך צו אונדז אַ טיף אומרויִקער און זוכנדיקער גײַסט.

און דער גרויסער קעמפֿער פֿאַר אַ לאָגישער און שׂכלדיקער ייִדישקייט איז אויסגעוואַקסן אין אַ געוואַלדיק אומרויִקער צײַט. אין די קריסטלעכע לענדער פֿון אייראָפּע האָט זיך שוין סוף 11טן יאָרהונדערט, פֿערציק יאָר פֿאַרן רמב״מס געבוירן ווערן, אָנגעהויבן די עפּאָכע פֿון די קרייצצוגן, אַן עפּאָכע פֿול מיט פֿאַרפֿאָלגונגען און גזירות קעגן ייִדן.

זינט די קרייצצוגן זײַנען די ייִדישע ישובֿים אין מערבֿ־אייראָפּע שוין מער ניט געקומען צו זיך. די צווייטע העלפֿט מיטלאַלטער איז פֿאַר ייִדן בכלל געווען אַ באַזונדערס פֿינצטערע.

אַן ענלעכע אַנטוויקלונג איז אויך פֿאַרגעקומען אין די אַראַביש־איסלאַמישע לענדער. אויך דאָ זײַנען די עקסטרעמסטע פֿאַנאַטיקער געקומען צו דער מאַכט. ווען דער רמב״ם איז קוים אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר, האָט די פֿאַנאַטישע סעקטע פֿון אַלמאָהאַדן פֿאַרנומען קאָרדאָווע, די שטאָט ווו דער רמב״ם איז געבוירן געוואָרן און ווו ער איז דערצויגן געוואָרן. דעם רמב״מס פֿאַמיליע איז געווען געצוווּנגען צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און במשך פֿון יאָרן זײַנען זיי צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע ייִדן געווען נע ונד, ווי דער רמב״ם אַליין דערציילט: ״האָט דער אויבערשטער אויף אונדז גוזר געווען די שטראָף פֿון גלות און מיר האָבן אַרומגעוואָגלט פֿון איין עק וועלט ביז צום צווייטן״.

און ס'איז באמת אַ וווּנדער, וואָס אין די יאָרן פון וואָגלענישן האָט דער רמב"ם באַוויזן אַזוי פיל צו לערנען, זיך איינצושאַפן אַזעלכע געוואַלדיקע ידיעות אין יידישע לימודים און אין וועלטלעכע חכמות. קוים זעכצן יאָר, האָט דער רמב"ם אָנגעשריבן זיין ערשטע פילאָזאָפישע שריפט. צו דריי און צוואַנציק יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן פּראָבלעמען פון יידישן לוח ("מאמר העבור"), וווּ ער ווייזט אַרויס באַדייטנדע מאַטעמאַטישע קענטענישן. אין דער זעלביקער צייט האָט דער רמב"ם אויך שטודירט מעדיצין און האָט זיך אין אַ לפי ערך קורצער צייט פאַרשאַפט אַ גרויסן נאָמען ווי אַ דאָקטאָר.

צו דריי און צוואַנציק יאָר האָט דער רמב"ם אָנגעהויבן צו שרייבן זיין פירוש אויף משניות, אַ ווערק פון אַ גרויסן פאַרנעם, וואָס ער האָט באַוויזן צו פאַרענדיקן ערשט צען יאָר שפּעטער.

מיטן צוטרעטן צום פירוש פון משניות האָט דער יונגער משה בן מיימון פאַרטראַכט אַ גרויסן פּלאַן. דער רמב"ם האָט געזען די מוראדיקע סכנה פאַר דער יידישער טראַדיציע סיי פון דרויסן — דורך די כסדרדיקע גזירות און רדיפות — און סיי פון אינעווייניק. אין די אַראַביש־איסלאַמישע לענדער איז דאַן געווען שטאַרק די קאַראַימישע באַוועגונג, וועלכע האָט אינגאַנצן געלייקנט אין דער תורה שבעל פה, אין דער תלמודישער טראַדיציע. צווישן די העכערע און מער פאַרמעגלעכע שיכטן איז אַ חוץ דעם געווען שטאַרק די טענדענץ פון פילאָזאָפישע און האַלב־פילאָזאָפישע צווייפלען. דאָ האָט, נאַטירלעך, געווירקט דער איינפלוס פון דער גריכיש־אַראַבישער קולטור. האָט דער רמב"ם אויף זיך גענומען די געוואַלדיקע אויפגאַבע, צו ווערן דער וועגווייזער אין אַ דור פון בלאָנדזשעניש און צעטומלעניש. ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו דערמוטיקן די פאַריאושטע און אָפּהענטיקע, אַריינצוברענגען גלויבן און האָפענונג אין די געמיטער פון די אומזיכערע און פאַרצווייפלטע. דער רמב"ם האָט געהאַט אַ טיפן גלויבן אין זיך, אין זיין גרויסער היסטאָרישער שליחות. ווערט אונדז דעריבער פאַרשטענדלעך זיין אויסערגעוויינטלעכער מוט ווי אַ רעליגיעזער דענקער און פירער.

פאַר אַט דער גרויסער היסטאָרישער אויפגאַבע איז געווען נייטיק ניט נאָר אַ סך וויסן נאָר אויך, און אפשר דער עיקר, אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען און זאָרגן פון דער צייט. דאָס האָט דער רמב"ם אַרויסגעוויזן אין זיין באַרימט געוואָרענעם "אגרת השמד", אויך באַקאַנט אונטערן נאָמען "מאמר קידוש השם".

דער "מאמר קידוש השם" איז אַ שאַרפע פּאָלעמיק קעגן איינעם פון די גרויסע תלמידי חכמים פון יענער צייט. געהאַנדלט האָט עס זיך וועגן דער באַציונג צו די אנוסים, צו די, וואָס זיינען געצווונגען געווען לפנים אָנצונעמען דעם מאַכמע־דאַנישן גלויבן. קענען מיר זיי נאָך באַטראַכטן ווי יידן? האָט עס אַ זין זיי זאָלן פאַרבאָרגענערהייט אָפּהיטן יידישע מיצוות און דערציען זייערע קינדער ווי יידן? דער דערמאָנטער תלמיד חכם האָט געהאַלטן, אַז די אנוסים זיינען אייגנטליך

משומדים און זיי האָבן מער קיין שייכות ניט צו יידן. עס איז אפילו אַן עבירה, ווען זיי פּרובירן אין דער היים אָפּהיטן יידישקייט, האָט דער עקסטרעם פרומער תלמיד חכם ערקלערט. ניטאָ קיין פּרינציפּיעלער אונטערשייד, לויט אָט דער שיטה, צווישן די, וואָס פאַרלאָזן יידישקייט פון זייער אייגענעם ווילן, און די, וואָס נעמען אָן אַ פרעמדן גלויבן אונטער באַדינגונגען פון דער גרעסטער געפאַר.

קעגן אָט דעם עקסטרעמען צוגאַנג איז דער רמב״ם אַרויסגעטראָטן אויפן שאַרפסטן אופן. ער הייבט אָן זיין ״מאמר קידוש השם״ מיט די ווערטער: יענער גדול האָט אַליין ניט איבערגעלעבט דאָס, וואָס אַזוי פיל יידן איז אויסגעקומען איבערצולעבן. און דער רמב״ם, וואָס אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן אַליין דורכ־צולעבן אַ גרויסן טייל פון די צרות, צעשמעטערט די אַלע טענות פון דעם גדול מיט ראיות פון ענלעכע פאַלן אין דער יידישער געשיכטע. מיר האָבן ניט קיין רעכט זיך אָפּצוזאָגן פון יידן — טענהט דער רמב״ם — אפילו ווען זיי בלאָנדזשען, אפילו ווען זיי זינדיקן.

*

דער רמב״ם איז אויפגעוואַקסן אין אַ צייט פון גזירות, פאַרפאַלגונגען און שמד. די ערשטע דרייסיק יאָר פון זיין לעבן, ביז ער האָט זיך באַזעצט אין מצרים, זיינען געווען יאָרן פון וואַלגענישן און וואַנדערונגען. געוואַנדערט האָט די משפחה פון דעם רמב״ם צוזאַמען. אין יאָר 1148 האָט ר׳ מיימון, דעם רמב״מס פאָטער, דער דיין פון קאָרדאָווע (שפּאַניע), פאַרלאָזן זיין היימשטאָט. אַרום צען יאָר שפּעטער האָט די גאַנצע משפחה זיך באַזעצט אין דער שטאָט פעס, אין מאַראָקאָ, ווו עס האָבן דעמאָלט געהערשט די זעלביקע פאַנאַטישע אַלמאָהאַדן, וועלכע האָבן פאַרנומען קאָרדאָווע. דער הויפּט־פאַרדינער פון דער משפחה איז אין די דאָזיקע נע־ונד יאָרן געווען דעם רמב״מס ברודער, דוד, אַ ברילייאַנטן־סוחר. האָט מען אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט שוין לאַנג דיסקוטירט די פראַגע: ווי אַזוי האָבן ר׳ מיימון און זיינע קינדער באַוויזן אָפּצוהיטן יידישקייט אונטער דער הערשאַפט פון די פאַנאַטישע אַלמאָהאַדן? זיינען עס דאָך געווען יאָרן פון ״פאַר־וויסטונג און שמד״, ווען גרויסע צאָלן יידן זיינען געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייערע היימען אָדער צו פאַרבאַהאַלטן זייער יידישקייט.

אַרום אָט דער פראַגע זיינען אַ צייט אָנגעגאַנגען הייסע וויכוחים. אַזעלכע אָנגעזעענע געלערנטע, ווי אברהם גייגער, היינריך גרעץ און שמעון בערנפעלד, האָבן געפּרובירט באַווייזן, אַז דער רמב״ם איז געווען איינער פון די אנוסים. דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו איז ווייניקער זיכער, הגם ער איז גענייגט אָנצונעמען די מיינונג פון גרעץ און גייגער. עס פרעגט זיך אָבער, צוליב וואָס די אַלע יאָרן פון וואַלגענישן, ווען זיי האָבן געקענט בלייבן רויק זיצן אין זייער היימשטאָט אין שפּאַניע? אַלץ, וואָס דער רמב״ם האָט געטאָן גראָד אין די יאָרן פון נע ונד, בלייבט פאַר אונדז אומפאַרשטענדלעך, אויב מיר נעמען אָן, אַז ער האָט אויסבאַ־האַלטן זיין יידישקייט. אין אָט די יאָרן האָט דאָך דער רמב״ם געשריבן זיין פּירוש צו דער משנה, אַ מאָנומענטאַל ווערק, און צום סוף פון פּירוש באַקלאָגט ער זיך

אויף די צרות, וואָס איז אים אויסגעקומען אויסצושטיין אין אַט דער צייט אויף וואַנדלענישן דורך פאַרשיידענע לענדער. „און אַ סך פון די פירושים, גיט ער ווייטער צו, האָב איך געשריבן זייענדיק אונטערוועגנס, און אַ סך ענינים האָב איך געשריבן פאָרנדיק אויף דער שיף". איז עס מעגלעך, אַז גראַד אין דער צייט האָט דער רמב"ם לפנים זיך אָפּגעזאָגט פון זיין יידישקייט?

אייניקע געלערנטע פּרוּוון זיך צו פאַררופן אויפן רמב"ם גופא, אויף זיין „אגרת השמד", זיין בריוו צו די אומגליקלעכע, וואָס זיינען געווען געצוווּנגען זיך אויסצובאַהאַלטן מיט זייער יידישקייט. דער רמב"ם ווייזט דאָ אַרויס אַזוי פיל פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פאַר די אומגליקלעכע, אַז עס קען זיך באמת אויסדוכטן — דער רמב"ם אַליין איז געווען איינער פון זיי. לייענט מען אָבער אויפמערקזאַם זיין „אגרת השמד", דאַן באַקומט זיך, ווי אַ צאָל פאַרשער האָבן ריכטיק אָנגעוויזן, גאָר אַן אַנדער בילד.

דער יונגער משה בן מיימון איז געווען טיף אומרויק וועגן דעם גורל פון יידן און יידישקייט אין זיין צייט. אין אַ בריוו צו דער קהילה אין לונעל (אין פראַנק־רייך), וואָס דער רמב"ם האָט געשריבן אין זיינע עלטערע יאָרן, באַמערקט ער: „און איר, מיינע פריינד, שטאַרקט זיך און דערמוטיקט אייער האַרץ... וואָרים אין אונדזער שווערער צייט זיינען כמעט ניט פאַרבליבן קיין מענטשן, וואָס זאָלן טראָגן די פאָן פון משה און זאָלן זיך פאַרטיפן אין די ווערטער פון ר' אשי (געמיינט איז דאָ דער תלמוד בבלי), אַ חוץ אייך און די קהילות אַרום אייך". אין די יידישע קהילות אין דער אַראַבישער וועלט האָט דער רמב"ם קיין גרויסן יידישן כוח ניט געזען. האָט ער געווענדעט זיינע בליקן צו די יידישע קהילות אין פראַנקרייך.

ווען דער רמב"ם איז געווען אין זיינע יינגערע יאָרן, איז אָבער דער מצב געווען נאָך אַ שווערערער. דאָס איז דאָך געווען די צייט פון די קאַטאַסטראָפאַלע גזירות, די צייט פון שמד. דער רמב"ם האָט געזען די בייטיקייט צו ראַטעווען די תורה. עס איז אָבער געווען ניט ווייניקער נויטיק צו ראַטעווען די יידן, דאָס פאָלק פון דער תורה. ער האָט גוט געוווּסט, אַז יידן קענען ניט בלייבן קיין פאָלק אָן תורה, אָבער וואָס וועט ווערן פון דער תורה אָן יידן?

אונדזער געשיכטע איז פול מיט קידוש השם, און דער רמב"ם האָט געוווּסט ווי אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון קידוש השם. ווען אָבער גאַנצע קהילות שטייען פאַר דער סכנה פון אומקום, זיינען די פירער פון פאָלק מחויב זיך צו פאַרטראַכטן. איז גיין אויף קידוש השם אונטער אַלע באַדינגונגען דער ריכטיקער וועג?

און די פראַגע איז ווייטער: ווי זאָלן מיר זיך באַציִען צו די שוואַכע, וואָס האָבן ניט געהאַט דעם כוח צו ברענגען די שווערסטע קרבנות? זאָלן מיר די, וואָס האָבן לפנים אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן און אין האַרצן זיינען זיי געבליבן געטרייע יידן, זאָלן מיר זיי אויסשליסן פון יידישן כלל? זאָלן מיר זיי אָפּשטויסן, ווען זיי ווענדן זיך צו אונדז?

אין אַזעלכע טראַגישע צייטן, האָט דער רמב"ם געטראַכט, מוז מען ראַטעווען קודם כל דעם יידישן מענטשן. קיינעם ניט אָפּשטויסן, קיינעם ניט פאַרטרייבן, ווי

זינדיק זיי זאָלן ניט זיין. אויב דער באַשעפער פון דער וועלט שטרעקט אויס זיין האַנט צו אַלע זינדיקע, פאַרוואָס זאָלן מיר זיין אַזוי שטרענג? דעם וועג האָט שוין פריער געוויזן דעם רמב״מס פאָטער. אין אַ בריוו צו די אומגליקלעכע אנוסים אונטערן טיטל ״אגרת נחמה״ (בריוו פון טרייסט) פּרובירט ר׳ מיימון, דער דיין פון קאָרדאָווע, צו דערמוטיקן די הערצער פון זיינע ״ברידער ייִדן, וואָס געפינען זיך אין נויט און עלנט. גאָט זאָל זיך מרחם זיין!״ און ער שרייבט ווייטער: ״איטלעכער פון אייך זאָל זיך שטאַרקן אָפּצוהיטן ייִדישקייט וועדליך זיינע כוחות און אויף וויפל עס איז מעגלעך אין אַ צייט פון אַזאַ שמד און אַזעלכע צרות... און דער עיקר — ניט פאַרגעסן דאַוונען און לפחות יעדן טאָג זאָגן אַ קורצע תפילה אין לשון קודש, כדי איר זאָלט ניט פאַרגעסן, אַז איר זייט קינדער פון ייִדישן פאָלק...״

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט דער רמב״ם געשריבן זיין ״מאמר קידוש השם״, וווּ ער אַנטוויקלט ווייטער זיין פאָטערס אידעען. דער רמב״ם איז נאָך דעמאָלט קיין דרייסיק יאָר ניט אַלט געווען, דאָך האָט ער געפילט פאַר זיין חוב זיך איינצו־שטעלן פאַר זיינע בלאָנדזשענדיקע ברידער.

שוין גלייך אין אָנהייב פון זיין בריוו פאָרמולירט דער רמב״ם די פראַגע מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט. די אַלמאָהאַדישע פאַנאַטיקער, וועלכע האָבן דאָן געהערשט אין אַ טייל שפּאַניע און אין צפון אַפריקע, האָבן פאַרלאַנגט פון די ייִדן און קריסטן, זיי זאָלן אָנערקענען, אַז מחמד איז געווען דער נביא פון גאָט. דער רמב״ם האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ געצוווּנגענע דערקלערונג, אויף וויפל דאָס איז ניט מער ווי אַ דערקלערונג, גייט ניט אַריין אין דער גרענעץ פון עבודה זרה, בפרט ווען די הערשער אַליין וויסן, אַז מיר גלויבן ניט דערין (וכבר נתאמת אצלם שאין אנחנו מאמינים באותו הדיבור). צו טאָן זינדיקע מעשים האָט מען ייִדן ניט געצוווּנגען. דאַרפן מיר אין אַזאַ פאַל פאַרלאַנגען מסירת נפש און איבערלאָזן די קינדער אויף הפקר? פרעגט דער רמב״ם. ווי מען זעט פון דעם ״מאמר קידוש השם״, איז פאַרן רמב״ם ניט געווען גרינג צו געפינען דעם ריכטיקן ענטפער. ״אויב איינער איז געגאַנגען אויף קידוש השם, כדי ניט מודה צו זיין אין דער שליחות פון מחמדן (בשליחות אותו האיש), איז אוודאי זיין שכר גרויס פאַר גאָט ברוך הוא. אויב אָבער עמעצער וועט צו אונדז קומען פרעגן: זאָל ער זיך לאָזן אומברענגען, אָדער זאָל ער אָפּגעבן לפנים די דערקלערונג, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים, זאָגן מיר אים, ער זאָל בעסער מודה זיין און ניט אומקומען (אומרין לו שיודה ולא יהרג). ער זאָל אָבער אין דעם לאַנד ניט בלייבן און זאָל זיך לאָזן גיין אין אַ לאַנד וווּ ער קען אָפּהיטן פריי ייִדישקייט. אַלץ זאָל ער פאַרלאָזן, אַפילו די נאָענטסטע, וואָרים גאָטס תורה איז דאָס טייערסטע... טאָג און נאַכט זאָל ער וואַנדערן, ביז ער וועט געפינען אַ פּלאַץ, וווּ ער וועט קענען לעבן ווי אַ ייִד, וואָרים די וועלט איז גרויס און ברייט. דאָס איז די עצה, זאָגט דער רמב״ם, וואָס איך גיב זיך און מיינע פריינד״.

פון דעם איז קלאָר, אַז דער ענטפער איז געווען פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וווּ עס

איז שווער אָפּצוהיטן ייִדישקייט. איז ממילא אַבסאָלוט אוממעגלעך זיך פאָרצו־שטעלן, אַז ער אַליין האָט פאַרבראַכט אין פעס אַן ערך זיבן יאָר אויסבאַהאַלטנדיק זײַן ייִדישקייט. האָט דער רמב״ם דאָך גראַד זײַן ״מאמר קידוש השם״ געשריבן זײַענדיק אין פעס! מיר ווייסן, אגב, אַז אין דער זעלבער צײַט האָט אין פעס געלעבט נאָך אַ גרויסער ייִדישער תלמיד חכם, ר׳ יהודה הכהן. די גזירה פון שמד איז, ווייזט אויס, ניט דורכגעפירט געוואָרן אומעטום מיט דערזעלבער שטרענגקייט. שפּעטער איז, אמת, אויך אין פעס געוואָרן שווערער אָפּצוהיטן ייִדישקייט. דער דערמאָנטער ר׳ יהודה הכהן איז אומגעקומען על קידוש השם. ר׳ מיימון און זײַנע צוויי זין האָבן נאָך באַוויזן באַצײַטנס צו פאַרלאָזן פעס.

אַזוי איז קלאָר, אַז די גאַנצע געשיכטע וועגן דעם רמב״מס ״פאַרבאַהאַלטע־נער״ ייִדישקייט איז גרונדלאָז און ווערט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט דורך זײַנע אייגענע דערקלערונגען אין זײַן ״מאמר קידוש השם״. די גרויסע סימפּאַטיע פון דעם רמב״ם פאַר די אומגליקלעכע, און אפילו זינדיקע, ערקלערט זיך זייער פּשוט. דער רמב״ם האָט זיך געשטעלט פאַר זײַן אויפגאַבע צו ראַטעווען ייִדן, אויך זינדיקע ייִדן. זײַן ״מאמר קידוש השם״ פאַרענדיקט ער טאַקע מיט די ווערטער: ״און אפילו מחללי שבתניקעס טאָרן מיר ניט דערווײַטערן פון אונדז. נאָר גראָד פאַרקערט מיר דאַרפן זיי מקרב זײַן און העלפן אָפּהיטן מיצוות. און אַזוי האָבן אויך ערקלערט אונדזערע לערער, זכרונם לברכה, אַז אויב אַ זינדיקער קומט אין שול דאַוונען, דאַרפן מיר אים אויפנעמען פרײַנדלעך און מיר טאָרן אים ניט פאַר־שעמען... פאַרשעמט ניט די זינדיקע אפילו ווען זיי קומען צו אונדז פאַרבאַרגע־נערהייט אַרײַנצוכאַפּן מצוות״.

ברענגען די זינדיקע און פאַרבלאָנדזשעטע צוריק צום פאָלק, צוריק צו ייִדיש לעבן; דערנענטערן דאָס פאָלק צו דער תורה און די תורה צום פאָלק — דאָס איז געווען די אויפגאַבע, וואָס דער רמב״ם האָט זיך געשטעלט אין יענע טראַגישע יאָרן. די אויפגאַבע איז אים געווען באַשערט דורכצופירן אין לפי ערך גינסטיקע באַדינגונגען.

די ״משנה תורה״

אויך אין דער צײַט פון רמב״ם איז אוודאי די תורה, תורת משה, פון אַלע ייִדן באַטראַכט געוואָרן ווי די העכסטע אויטאָריטעט. פאַרן פּראַקטישן, טאָג־טעגלעכן לעבן איז דאָס אָבער געווען זייער ווייניק. די תורה האָט דאָך אין דער ערשטער שורה געהאַט אין זינען אַ נאָרמאַל ייִדיש לעבן אין ארץ ישראל: אַ ייִדישע מלוכה, אַ ייִדיש לאַנד, ייִדישע ערד־אַרבעטער א.אַז.וו. במשך פון די צוויי טויזנט יאָר צווישן דער צײַט פון די נביאים און דעם רמב״ם האָט זיך אָבער ייִדיש לעבן געוואַלדיק געביטן; זײַנען דאָך ייִדן געוואָרן אַ גלות־פאָלק אָן אַ לאַנד און אָן אַ מלוכה; געביטן האָט זיך אַ חוץ דעם דאָס גאַנצע רעליגיעזע לעבן. ווען מען

וואָלט זיך באַנוגענען מיטן לערנען תנ״ך, וואָלט דאָך אַ ייד אפילו ניט געוווּסט ווי צו דאַוונען, ווי צו פּראַווען אַ סדר, ווי צו לייגן תפילין און אָפּצוהיטן שבת און יום־טוב. אַזוי איז די וועלט פון תנ״ך געוואָרן אַלץ ווייטער און ווייטער פון דער וועלט פון דער יידישערווירקלעכקייט.

זיינען געקומען די פּרושים, די תנאים און אמוראים און האָבן געשאַפן די תורה שבעל פה, די משנה, די גמרא און די מדרשים. אַזוי האָבן זיי געפּרובירט פאַרבינדן די תורה פון משה רבינו מיט די פאָדערונגען פון דער צייט, מיט פּראַקטישע באַדערפענישן פון פאָלק. און דאָ האָט זיך געשטעלט די פראַגע: ווער האָט דאָס זיי געגעבן די אויטאָריטעט אויסצוטייטשן די תורה אויף זייער אופן אָדער גאָר צו שאַפן נייע מצוות (מדרבנן) און תקנות? די פראַגע האָט זיך שוין געשטעלט אין דער צייט פון בית שני דורך דער פּאַרטיי פון די צדוקים. די זעלביקע פראַגע האָט זיך געשטעלט מיט נאָך מער שאַרפקייט אין דער צייט פון רמב״ם דורך דער באַוועגונג פון די קאַראַימער, וועלכע האָבן דערקלערט אַ פאַרביטערטע מלחמה קעגן אַנהענגער פון דער תלמודישער טראַדיציע.

צו דעם קומט צו, וואָס דער תלמוד פאַר זיך אַליין איז ניט קיין איינהייטלעך ספר. דאָס איז זיין גרויסע מעלה. ס׳איז אָבער אויך אָפּט אַ פּראָבלעם: ווי זאָלן מיר פּסקענען אין קאָנקרעטע פאַלן בעת אפילו צווישן די תנאים און אמוראים זיינען געווען פאַרשיידענע מיינונגען?

און וואָס איז שייך דער תורה שבכתב, זיינען אויך דאָ מעגלעך פאַרשיידענע אויסטייטשונגען. און עס איז שווער צו קריגן אַ קלאָרן באַשייד פון תנ״ך אויף אַזעלכע פראַגן, ווי תחית המתים, עולם הבא, דעם גלויבן אין משיחן. אין די שווערע צייטן פון גלות־לעבן איז אָבער דווקא דער גלויבן אין משיחן, אין עולם הבא און תחית המתים געווען געוואַלדיק וויכטיק.

געווען אַנהענגער פון תנ״ך און תנ״ך־יידישקייט, אַ יידישקייט וואָס איז געווען ווייניק צוגעפּאַסט צום גלות־לעבן; געווען אַנהענגער פון גמרא־יידישקייט, אַ יידישקייט, וואָס האָט כמעט שלום געמאַכט מיטן גלות. געווען ווייטער טיפע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן דעם נאַיוון פאָלקסטימלעכן גלויבן, וואָס האָט צו פיל דערנענטערט די געטלעכקייט צום מענטשן, און דעם פילאָזאָפישן גלויבן, וואָס האָט כמעט אינגאַנצן אָפּגעטיילט די געטלעכקייט פון אונדזער וועלט. דער רמב״ם האָט ניט אָנגענומען דעם פאָלקסגלויבן און ער האָט אויפן שאַרפסטן אופן באַקעמפט די רעשטלעך פון אָבערגלויבן, דעם גלויבן אין שדים, רוחות, כישוף, ״מופתים״. אים האָט אָבער אויך ניט צופרידנגעשטעלט דער קאַלטער גלויבן פון די פילאָזאָפן. האָט רבינו משה בן מיימון גענומען אויף זיך צו שאַפן אַ האַרמאָנישן סינטעז צווישן די פאַרשיידענע שטראָמען פון דער יידישער טראַדיציע, אַרייַנ־ברענגען מער איינהייטלעכקייט אין יידיש לעבן און יידיש דענקען, כדי ווידער צו פאַרפעסטיקן די איינהייט פון פאָלק.

דאָס האָט דער רמב״ם געפּרובירט מיט זיין ״משנה תורה״, אַ פּרווו פון אַ

יידישער קאָנסטיטוציע און די מאָנומענטאַלסטע זאַמלונג פון הלכה זינט דער צייט פון תלמוד.

די תורה הייבט זיך אָן מיט "בראשית ברא", אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן די וועלט. דאָס איז דורך און דורך אַן אוניווערסאַליסטישער צוגאַנג: גאָט, דער באַשעפער פון דער וועלט, דער פאָטער פון אַלע מענטשן, וואָס זאָרגט פאַר אַלע באַשעפענישן פון דער ערד. די משנה, די תורה שבעל פה, הויבט זיך אָן אויף אַן אַנדער אופן: "מאימתי קורין את שמע בערבין", ווען לייענט מען קריאת שמע אין אָוונט? געמיינט איז די פרשה "שמע ישראל...", הער ישראל, ה׳ איז אונדזער גאָט! דאָ שפּירן מיר דעם יידישן פּאַטאָס. עס איז דער אויסרוף פון גלויבן, פון בטחון און גרייטקייט צו קידוש השם.

דער רמב"ם קערט זיך אום צוריק צו דער מאַיעסטעטישער געטלעכקייט פון "בראשית ברא" און ער הייבט אָן זיין "משנה תורה" מיט אַ פילאָזאָפישן אַריינפיר וועגן יידישן מאָנאָטעיזם, וועגן גאָט ווי דעם באַשעפער פון דער וועלט. דער גאַנצער ערשטער טייל פון דעם רמב"מס "משנה תורה", דער ספר המדע, איז אייגנטלעך אַ רעליגיעז־פילאָזאָפישער אַריינפיר צו יידישקייט. דער רמב"ם זאָגט אונדז דאָ — וואָס אַ ייד דאַרף וויסן, אין וואָס באַשטייט דער יידישער גלויבן. באַטאָנט דערפאַר דער רמב"ם די וויכטיקייט צו באַפרייען דעם גלויבן אין גאָט פון אַלע נאַיווע און פרימיטיווע רעליגיעזע באַגריפן, וועלכע פּרובירן פאַרשטעלן דעם באַשעפער פון דער וועלט אין אַ פאַרמענטשלעכטער געשטאַלט. דאָ דערגרייכט דער רמב"ם צו דער העכסטער פילאָזאָפישער אַבסטראַקציע: גאָט איז ניט קיין קערפּער און לאָזט זיך ניט פאַרגלייכן מיט קיין שום קערפּערלעכע פאָרמען און באַגריפן. און אויב מיר געפינען אין תנ"ך שטעלן, ווו עס רעדט זיך וועגן גאָטס האַנט, גאָטס אויג, גאָטס פינגער אָדער אַנדערע פאָרמען פון פאַרמענטשלעכונג, איז עס מער ניט ווי אַ משל, לערנט אונדז דער רמב"ם. און אויב משה רבינו האָט געבעטן ביי גאָט, ער זאָל אים ווייזן זיין מאַיעסטעט (הראני נא את כבודך), האָט ער דערמיט ניט געמיינט צו זען די געטלעכקייט, נאָר צו פאַרשטיין גאָטס וועזן. און דאָס זעלביקע דערקלערט אונדז דער רמב"ם וועגן פאַרשיידענע שטעלן אין תלמוד. אין דעם פּרט האָט דעם רמב"מס ריין־פילאָזאָפישער צוגאַנג אפילו אַרויסגערופן פּראָטעסטן פון אַ צאָל גרויסע תלמידי חכמים, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז מ׳טאָר אַזוי פיל ניט דערווייטערן די געטלעכקייט פון די באַגריפן פון דעם פשוטן יידישן מענטשן און ס׳איז אפשר איבערהויפּט ניט נייטיק אַזוי פיל צו פילאָזאָפירן.

די פראַגע ווערט פאַר אונדז ווערן מער קלאָר, ווען מיר וועלן פאַרגלייכן דעם רמב"ם מיטן "שולחן ערוך". דער "שולחן ערוך" הייבט זיך אָן, און דערפון קענען מיר אַ סך לערנען, מיט די דינים פון "השכמת הבוקר" (אויפשטיין גאַנץ פרי). ווען דער יידישער מענטש הייבט זיך אויף אין דער פרי פון בעט, לערנט דער שולחן ערוך, דאַרף ער זיך שטאַרקן ווי אַ לייב צו דינען זיין באַשעפער. דער רמב"ם האָט אונדז אָנגעהייבן צו לערנען וואָס אַ ייד דאַרף וויסן. דאָס איז געווען איינע פון די דרינגענדיקסטע פאָדערונגען פון זיין צייט; דער שולחן ערוך אָבער

קומט אונדז צו לערנען — וואָס אַ ייד דאַרף טאָן. אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל, איז פאַרן מחבר פון שולחן ערוך ניט געווען מער וויכטיק צו באַווייזן.

פון דער גרעסטער היסטאָרישער באַדייטונג איז געווען דעם רמב"מס אויפטו מיט דעם, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרבינדן אויף אַ האַרמאָנישן אופן תורה־יידישקייט מיט גמרא־יידישקייט, צו פאַרבינדן די היסטאָרישע טראַדיציע פון אַ יידיש־נאַציאָנאַל לעבן אין דער צייט פון תנ"ך מיט דער ווירקלעכקייט פון די גלות־ישובים אין דער נאָך־תלמודישער צייט. דעם רמב"מס "משנה תורה" פאַרבינדט כסדר דעם תנ"ך מיטן תלמוד. אין זיין הקדמה צו "משנה תורה" גיט אונדז דער רמב"ם די גאַנצע קייט פון דער טראַדיציע פון משה רבינו ביז רב אשי און רבינא (די אמוראים, וואָס האָבן אָפּגעשלאָסן דעם תלמוד בבלי). אַזוי ציט אויך דער תלמוד, די תורה שבעל פה, ווי דער רמב"ם פּרובירט באַווייזן, זיין יחוס פון משה רבינו. עס קומט נאָך צו אַ צווייטער גרונד. אַלץ וואָס איז דאָ אין גמרא, ערקלערט אונדז דער רמב"ם, האָט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק דערויף געגעבן זיין הסכם (וכל אותם הדברים שבגמרא הסכימו עליהם כל ישראל). און אויב דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז דערצו מסכים געווען, איז ממילא קלאָר די אויטאָריטעט פון תלמוד. פון דער אַנדער זייט האָט דער רמב"ם זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט די הלכות, וואָס געפינען זיך אין גמרא. באַזונדערס שטאַרק באַטאָנט דער רמב"ם די אידעע פון איין תורה פאַרן גאַנצן פאָלק. האָט ער אַריינגענומען אַלע דינים פון תורת משה, וועלכע וועגן, למשל, אין תלמוד ווייניק באַרירט. דעם רמב"מס "משנה תורה" איז פון אים באַטראַכט געוואָרן ניט נאָר ווי אַ וועגווייזער פאַר זיין צייט. רבינו משה בן מיימון האָט דאָ פאַר אונדז געשאַפן די אידעאַלע יידישע קאָנסטי־טוציע, וואָס זאָל אפילו גילטיק זיין פאַר דער צייט ווען משיח וועט קומען.

דער רמב"ם האָט געוווּסט ווי אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון דעם משיחישן גלויבן. ער האָט אָבער שטאַרק מורא געהאַט פאַר נייע משיחישע תורות. פאַרשייי־דענע משיחישע באַוועגונגען האָבן זיך פאַרענדיקט, ווי מיר ווייסן, מיט אָפּטריני־קייט, מיט אָוועקגיין פון יידישקייט. עס איז געווען פאַרשפּרייט דער גלויבן, אַז אין משיחס צייטן וועט מען מער ניט דאַרפן אָפּהיטן די מיצוות. געווען אפילו פאַרשפּרייט דער גלויבן, אַז אין משיחס צייטן וועט זיין אַ נייע תורה. קעגן אָט דעם געפערלעכן גלויבן האָט זיך דער רמב"ם אָקעגנגעשטעלט מיט זיין גאַנצער קראַפט. און דער עיקר איז, שרייבט דער רמב"ם אין דעם עלפטן פּרק פון הלכות מלכים, אַז אָט די תורה, אירע געזעצן און משפטים, זיינען אויף אייביק און אייביק, און דער סימן פון דעם אמתן משיח איז — אויב ער לערנט די תורה און היט אָפּ די מיצוות, ווי זיין פאָטער דוד, די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה. האָט דער רמב"ם געהאַלטן פאַר זיין חוב צו וואָרענען קעגן די פאַנטאַסטישע פאַרשטעלונגען וועגן די צייטן פון משיחן.

אויך אין משיחס צייטן וועט די וועלט בלייבן ווי זי איז, לערנט אונדז דער רמב"ם. די נאַטור וועט זיך ניט ענדערן, אָבער די מענטשן וועלן ווערן בעסער. און אפילו די נבואה פון ישעיה, אַז דער וואָלף וועט אין די טעג פון משיחן לעבן

בשלום מיט אַ שאָף צוזאַמען און דער לעמפּערט מיט אַ ציגעלע, איז ניט מער ווי אַ משל, זאָגט דער רמב״ם. געמיינט זיינען דערמיט די מענטשן, די פעלקער, וועלכע וועלן אויפהערן צו פירן מלחמה צווישן זיך, און אַלע וועלן אָנהייבן דינען דעם באַשעפער פון דער וועלט. אין דעם פּרט איז דער רמב״ם געבליבן דער קאָנסערוואַטיווער ראַציאָנאַליסט, אַ אָנהענגער פון דער אַריסטאָטעלשער פילאָ־זאָפיע, פון דעם גלויבן, אַז די וועלט בייט זיך ניט.

״מורה נבוכים״

די פראַגע וועגן דער ראָל פון דעם מענטשן אין דער וועלט האָט באַזונדערס אינטערעסירט דעם רמב״ם. דאָס איז געוועזן דערפאַר, ווייל ער האָט געפּרובירט געפינען אַ וועג ווי איינצושטעלן שלום צווישן גלויבן און ״שכל״, צווישן דער יידישער טראַדיציע און דער אַריסטאָטעלשער פילאָזאָפיע. דער עיקר האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק קלאָר צו מאַכן דעם פּלאַץ פון דעם מענטשן אין דעם פּלאַן פון דער וועלט. און געפּרובירט האָט דאָס דער רמב״ם דורכפירן אין זיין ״מורה נבוכים״, דעם וועגווייזער פאַר די בלאָנדזשענדיקע.

דעם ״מורה נבוכים״ האָט דער רמב״ם געשריבן שוין אין זיינע עלטערע יאָרן, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זיין גרויסן קאָדעקס, די ״משנה תורה״. די ״משנה תורה״ האָט דער רמב״ם געשריבן אין העברעיש, דעם ״מורה נבוכים״ אין אַראַביש. די ״משנה תורה״ איז געווען באַשטימט פאַרן גאַנצן פאָלק — זיינען דאָך אַלע יידן מחוייב צו לערנען תורה — דער ״מורה נבוכים״ אָבער — בלויז פאַר אויסדערוויילטע.

אין זיין הקדמה צום ״מורה נבוכים״ שרייבט דער רמב״ם בפירוש: באַשטימט איז דער ספר ניט פאַרן פשוטן עולם, פאַרן המון, און אויך אַפילו ניט פאַר די תורה־לערנער, נייערט פאַר יענע, וואָס האָבן געלערנט תורה און האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע. צווישן אָט די זיינען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע גייען אַרום צעטומלטע. זיי ווייסן ניט — זאָלן זיי בלייבן ביי זייער אָנגענומענעם גלויבן און זיך ניט לאָזן פירן פון שכל, אָדער זאָלן זיי זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויפן שכל און אָפּוואַרפן זייערע אָנגענומענע טראַדיציעס, אויף ווי ווייט זיי קומען אין קאָנפליקט מיטן שכל.

ממילא האָט דער ״וועגווייזער פאַר די בלאָנדזשענדיקע״ אין זינען נאָר די, וועלכע זוכן דעם העכסטן אמת. עס איז אַ ספר פאַר אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, אַ ספר, וואָס מאַכט זיך כמעט אינגאַנצן ניט וויסנדיק וועגן די פּראָבלעמען און זאָרגן פון דעם פשוטן פאָלקסמענטשן. מיט אַ באַציונג פון ביטול ווערט דאָ גערעדט ניט נאָר וועגן דעם המון, נאָר אַפילו וועגן די לערנער, אויף וויפל זיי פּרובירן זיך ניט פאַרטיפן אין פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. פאַראַן אַ צאָל שטעלן אין רמב״מס ספרים, אויך אפילו אין ״משנה תורה״, וואָס האָבן אַרויסגערופן די שטאַרקסטע

אומצופרידנקייט אין דער יידיש־לומדישער וועלט. איינער פון די גרויסע תלמידי חכמים האָט זיך אפילו אויסגעדריקט: ״הלוואי וואָלט דער רמב״ם ניט געשריבן וואָס ער האָט געשריבן״.

דער רמב״ם איז אויך ניט געווען קיין גרויסער אָנהענגער פון דעם דרך אין לערנען, ווי ער איז געווען אָנגענומען ביי די אשכנזישע יידן זינט דער צייט פון רש״י און די בעלי התוספות. געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן צו אים געהאַט שטאַרקע טענות, וואָס ער האָט אין זיין ״משנה תורה״ ניט אָנגעגעבן קיין ראיות און באַגרינדונגען פון גמרא — פאַרוואָס ער האָט דעם דין געפסקנט אַזוי און ניט אַנדערש. יידן האָבן ניט ליב זיך צו פאַרלאָזן סתם אויף אַן אויטאָריטעט. זיי ווילן וויסן פאַרוואָס. דאָס איז דאָך געווען דער זין פון גאַנצן תלמודישן לערנען, פון דעם אַזוי גערופענעם תלמודישן פלפול.

געווען אַ טיפער זין אין אָט דער אָפּאָזיציע צום רמב״ם, אָבער לאָמיר קודם כל זיך באַקענען מיטן רמב״מס וועג, מיט זיין פּרוּוו שלום צו מאַכן צווישן פילאָזאָפיע און יידישקייט.

דער ערשטער קאַפּיטל פון ״מורה נבוכים״ איז אַ פּירוש אויפן באַקאַנטן פסוק פון בראשית: גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין פאָרעם און אין זיין געשטאַלט. וואָס מיינט עס? האָט דען דער באַשעפער פון דער וועלט אַ פורעם און אַ געשטאַלט? לאָזט זיך דער באַשעפער פאַרגלייכן מיט די ברואים וואָס ער האָט באַשאַפן?

דער רמב״ם, ווייסן מיר, האָט אויפן שטאַרקסטן אופן באַקעמפט אַלע פּרוּוון צו פאַרמענטשלעכן די געטלעכקייט. ער האָט ניט געקענט צולאָזן אפילו קיין סימן פון די פאַרשפּרייטע פאָלקסטימלעכע פאָרשטעלונגען. און דאָס איז, נאַטירלעך, אינגאַנצן געווען אינם גייסט פון דער יידישער טראַדיציע. ווען מיר ריידן וועגן דעם צלם אלקים, מיינען מיר דאָך קלאָר דאָס גייסטיקע אין דעם מענטשן. דער רמב״ם גייט נאָך ווייטער: פאַר אים איז עס קודם כל דער מענטשלעכער שכל. דאָס איז די מתנה, וואָס גאָט האָט דעם מענטשן געשענקט, דאָס איז דאָס געטלעכע אינם מענטשן. איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז עס קען גאָרניט זיין קיין גרעסערע מיצוות, ווי צו לאָזן דעם שכל אַרבעטן. וואָס מער דער מענטש פאַרטיפט זיך אין די פּראָבלעמען פון וועלט, גאָט און מענטש, אַלץ מער דערנענטערט ער זיך דאָך צו זיין באַשעפער.

אויך די יידיש־לומדישע וועלט האָט געהאַלטן פון שכל, אויף וויפל דער מענטש באַנוצט זיינע גייסטיקע פעיקייטן אויף לערנען תורה. פאַרן רמב״ם אָבער איז דאָס לערנען פון די דינים און הלכות געווען אַ צוגרייטונג צו אַ העכערן שטאַפּל פון לערנען, צו פאַרטיפן זיך אין דער פילאָזאָפיע פון גאָט און וועלט.

עס האַנדלט זיך אָבער אויך ניט ביים רמב״ם סתם וועגן דער הערשאַפט פון שכל. דער אמת איז, אַז אפילו די פילאָזאָפיע איז פאַר אים ניט קיין ציל פאַר זיך. דער אייגנטלעכער תכלית פון דעם מענטשן, פון דעם דענקענדן מענטשן, איז, לויטן רמב״ם, גאָר די מדרגה פון נבואה. וואָס מער מיר פאַרטיפן זיך אין די

געטלעכע פּראָבלעמען, וואָס מער מיר פאַרגעסן די וועלט און די תאוות פון דער וועלט, אַלץ מער דערנענטערן מיר זיך צו יענעם העכסטן שטאַפּל פון מענטשלעכער פולקאָמענהייט, צו וועלכער עס האָבן דערגרייכט די נביאים.

דערמיט קומט דער רמב״ם ווידער צוריק צו דער יידישער טראַדיציע. די העכסטע אויטאָריטעט איז ניט דער פילאָזאָף — נאָר דער נביא. דאָס העכערע וויסן איז דאָס נביאישע, דאָס אינטויטיווע וויסן, אויב מיר זאָלן באַנוצן אַ מאָדערנע טערמינאָלאָגיע. אָבער דאָ שטויסט זיך אָן דער רמב״ם אויף אַ רייע שטרויכלונגען. עס איז אַ גרויסע ריזיקע זיך אָנצוהייבן מיט נביאים. מיר האָבן געהאַט גענוג צרות פון פאַרשיידענע נביאישע פּרעטענדענטן. און ווי איז, ווען אַ נביא קומט און זאָגט, אַז גאָט האָט אים באַפוילן צו ברענגען אַ נייע תורה?

דער רמב״ם האָט דערויף אַן ענטפער. קומט עמעצער און פּרובירט אַריינ־ברענגען די מינדסטע ענדערונג אין תורת משה — איז ער אַ פאַלשער נביא. משה איז ניט נאָר דער פאָטער פון אַלע נביאים. זיין מדרגה פון נבואה איז גאָר אַ באַזונדערע און קיין אַנדער נביא קען זיך צו אים ניט פאַרגלייכן. דאָס איז פאַרן רמב״ם אויך געווען אַן ענטפער קעגן די טענות פון די קריסטן און מאַכמעדאַנער.

מען קען אַפילו זאָגן, אַז נבואה איז פאַרן רמב״ם ניט געווען בלויז אַ וועג צום וויסן, זי איז פאַר אים אין דער ערשטער שורה אַ וועג צו גאָט. דער רמב״ם האָט בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיט דער קאַלטער פילאָזאָפיע פון אַריסטאָטעלעס, וועלכע לאָזט פאַרן מענטשן כמעט ניט איבער קיין פּלאַץ אין דער גרויסער וועלט. עס איז אַ וועלט מיט אייזערנע נאַטורגעזעצן, אָבער אַ וועלט אָן ליבע און אָן רחמנות. און דער רמב״ם, דער ראַציאָנאַליסט, האָט דווקא געבענקט נאָך ליבע. אהבת השם, די ליבע צו גאָט, דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פון רמב״מס פילאָזאָפיע. אין ״הלכות יסודי התורה״ לערנט אונדז דער רמב״ם: עס איז אַ מיצווה ליב צו האָבן גאָט און מורא צו האָבן פאַר אים, ווי עס שטייט געשריבן ״ואהבת את ה׳...״ און ווי איז דער וועג ליב צו האָבן גאָט? ווען דער מענטש הייבט אָן זיך אַריינצוטראַכטן אין גאָטס מעשים, ווען ער באַגרייפט גאָטס פּלאַן און זיין חכמה, וואָס האָט קיין שיעור ניט און קיין סוף, הייבט ער אָן ליב צו האָבן גאָט און אַ גלוסטעניש פּלאַקערט אין אים אויף צו וויסן גאָטס גרויסן נאָמען, ווי דוד המלך האָט געזאָגט, מיין זעל לעכצט נאָך גאָט, נאָך דעם לעבעדיקן גאָט.

דער וועג פון תורה און שכל איז פאַרן רמב״ם דער וועג צו דערהייבן דעם מענטשן, אים צו דערנענטערן צו גאָט. און דאָס איז אייגנטלעך לויטן רמב״ם דער זין פון דעם מענטשלעכן לעבן. אין די לעצטע קאַפּיטלען פון ״מורה נבוכים״ געפינען מיר דעם באַרימטן משל פון רמב״ם וועגן דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ. אַלע ווילן זען דעם קעניג, אָבער ניט אַלע זיינען זוכה דערצו. פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען אפילו דעם פּאַלאַץ ניט זען, פאַראַן אַנדערע וואָס קומען צו צום פּאַלאַץ, קענען אָבער די טיר ניט עפענען. נאָר אַ צאָל אויסדערוויילטע קומען אַריין אין פּאַלאַץ און נאָך וויניקער אויסדערוויילטע זיינען זוכה צו זען דעם קעניג און צו

ריידן מיט אים. אַזוי איז עס אויך מיט די מענטשן בכלל און מיט דעם קעניג איבער אַלע מלכים. לערנט אונדז דער רמב״ם: די פשוטע מענטשן, די עם הארצים, קענען אפילו דעם פּאַלאַץ ניט זען; די לומדים זיינען זוכה צו זען דעם פּאַלאַץ פון דרויסן, זיי קענען אָבער די טיר ניט עפענען. נאָר די, וואָס פאַרטיפן זיך אין פילאָזאָפיע וועגן גאָט, זיינען, לויטן רמב״ם, ראוי אַריינצוגיין אין פּאַלאַץ און אייניקע פון זיי דערגרייכן אפילו צו דער מדרגה פון נבואה, ווען זיי באַפרייען זיך אינגאַנצן פון די זאָרגן פון דער וועלט.

אויך אַט דער פרק האָט אַרויסגערופן אַ סך פּאַרדרוס און אומצופרידנקייט. ווי קומט עס, וואָס דער רמב״ם שטעלט די תורה־לערנער אויף אַ נידעריקערע מדרגה ווי די פילאָזאָפן? דער אמת אָבער איז, אַז דער רמב״ם האָט דערמיט געמיינט עפּעס גאָר אַנדערש צו זאָגן. דער באַגריף פילאָזאָפיע איז פאַרן רמב״ם פאַרבונדן מיט דער אידעע פון זעלבשטענדיק זוכן און טראַכטן. ארויסברענגען נייע געדאַנקען. דער עיקר איז — לאָזן דעם מענטשן גייסטיק אַרבעטן, זיך גייסטיק אַנשטרענגען און אַנצינדן אין דער מענטשלעכער נשמה דעם פונק פון זוכעניש, פון ליבע צו געטלעכקייט.

דורך גייסטיקער אַנשטרענגונג ווערט דער מענטש אַלץ מער באַפרייט פון זיין קערפּערלעכן לבוש און ער באַהעפט זיך אַלץ מער מיט דער געטלעכקייט. און ווען דער מענטש ווערט עלטער און זיינע קערפּערלעכע כוחות ווערן אָפּגעשוואַכט — לערנט אונדז ווייטער רבינו משה בן מיימון — ווערט זיין גייסט אַלץ מער אויסגעלייטערט און זיין השגה וועגן געטלעכקייט ווערט שטאַרקער און שטאַרקער. און וואָס מער ער איז משיג די געטלעכקייט, אַלץ פולער מיט שמחה איז זיין נשמה, אַלץ מער ווערט זי פריי פון דעם גוף, און עס קומט אַ טאָג, ווען די שמחה דערגרייכט אַזאַ הויך און די גלוסטעניש צו גאָט ווערט אַזוי שטאַרק, אַז די נשמה צעשיידט זיך אַליין מיטן גוף. און דאָס האָבן די חכמים געמיינט, ווען זיי האָבן געזאָגט, אַז משה, אהרן און מרים זיינען געשטאָרבן בנשיקה, מיט אַ געטלעכן קוש. דאָס איז די ליבע צו געטלעכקייט, וואָס פירט דעם מענטשן צו אייביקייט.

אויף אַזאַ פּאָעטיש וווּנדערלעכן אופן פאַרענדיקט דער רמב״ם זיין ״מורה נבוכים״, דעם וועגווייזער פאַר די צעטומלטע. ניט אַלע האָבן מיט אים מסכים געווען און אין ברייטע קרייזן האָט זיין ״מורה נבוכים״ אפילו אַריינגעבראַכט ניט ווייניק צעטומלעניש. עס איז אָבער אַ ספר דורכגעדרונגען מיט ליבע, מיט ליבע צו ידישקייט, מיט ליבע צו גאָט און מיט ליבע צום מענטשן, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. ליבע צום מענטשן און דרך ארץ פאַרן מענטשן, דאָס איז אייגנטלעך אויך אין אונדזער צייט דער אויסוועג פון אונדזערע בלאָנד־זשעניש.

ר׳ משה חיים לוצאטו

עס איז געוואָרן צוויי הונדערט יאָר נאָך דער פּטירה פון איינעם פון די אָריגינעלסטע און קאָלירפולסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון 18טן יאָרהונדערט.

געבוירן אין איטאַליע אין יאָר 1707, האָט ר׳ משה חיים לוצאַטאָ געלעבט כמעט אין איין דור מיט ר׳ ישראל בעל שם טוב, דעם ווילנער גאון און משה מענדעלסאָן. די דערמאָנטע דריי פּערזעאָלעכקייטן האָבן אַרויפגעלייגט זייער באַזונדערן שטעמפּל אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון די יידישע קיבוצים אין אייראָפּע אין 18טן און 19טן יאָרהונדערט.. ר׳ משה חיים לוצאַטאָ, וואָס איז געשטאָרבן זייער יונג, קוים אין עלטער פון פערציק יאָר, האָט ביי זיין לעבן געוויס ניט געהאָט אַזאַ געוואַלדיקע ווירקונג. זיין גייסטיקע ירושה איז אָבער פאַר אונדז היינט ניט ווייניקער אַקטועל און ניט ווייניקער ווערטפול ווי די גייסטיקע ירושה פון זיינע גרויסע צייט־חברים. אין אַ געוויסן זין איז ער אונדז היינט אפילו נענטער.

ר׳ משה חיים לוצאַטאָ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פּילזייטיקייט, זיין ברייטער בילדונג און זיין וווּנדערלעכן ליטעראַרישן טאַלאַנט. אַ דיכטער פון גאָטס גנאָד, איז ער גלייכצייטיק געווען אַ טיפער בעל מקובל און אַן אָריגענעלער דענקער. און עס קען קיין שום ספק ניט זיין, אַז גאָר אַ סך פון די בחורים און יונגעלייט אין די מוסר־ישיבות פון סלאָבאָדקע און טעלז, פון מיר און נאָוואַראַדאָק, וואָס פלעגן זיך אַזוי פאַרטיפן אין לוצאַטאָס ״מסילת ישרים״, האָבן ניט געהאָט קיין שום פאַרשטעלונג, אַז דער זעלביקער מחבר האָט געשריבן אויסגעצייכנטע דראַמאַטישע ווערק און אַז ער ווערט אפילו פאַררעכנט פאַרן פאָטער פון דער מאָדערנער וועלטלעכער העברעישער ליטעראַטור.

ר׳ משה חיים לוצאַטאָ האָט געשטאַמט פון אַן אַנגעזעענער יידישער משפּחה, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ רייע באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן: צווישן זיי פאַרדינען באַזונדערס דערמאָנט צו ווערן דער באַקאַנטער געלערנטער און דענקער ר׳ שמואל דוד לוצאַטאָ (שד״ל) און דער געלערנטער און פּאָליטיקער לואידזשי לוצאַטאָ, וואָס איז אַ צייט אפילו געווען פּרעמיער־מיניסטער אין איטאַליע. אַ קינד פון פאַרמעגלעכע עלטערן, האָט דער יונגער און טאַלענטירטער משה חיים לוצאַטאָ געקראָגן די אידעאַלסטע דערציונג, וואָס מען האָט זיך פאַר יענער צייט געקענט פאָרשטעלן. ער האָט געלערנט ביי די בעסטע לערער און תלמידי חכמים, וואָס האָבן אין זיין צייט געלעבט און געווירקט אין פּאַדואָ, די דעמאָלט באַרימטע

אוניווערזיטעט־שטאָט אין איטאַליע, וווּ עס האָבן אויך שטודירט אַ געוויסע צאָל ייִדישע סטודענטן פון פאַרשיידענע לענדער. אַזוי האָט זיך דער יונגער לוצאַטאָ שוין גאָר פרי אָנגעהייבן גלייכצייטיק צו פאַרטיפן אין די וועלטלעכע חכמות, ווי אין די פאַרבאָרגענע סודות פון דער ״חכמת הנסתר״, פון דער קבלה. ״שוין צו פערצן יאָר — שרייבט וועגן אים זיין חבר יקותיאל גאָרדאָן — האָט ער געוווּסט אויף אויסווייניק אַלע ספרים פון אר״י (ר׳ יצחק לוריא). גאָר פרי האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַרויסווייזן זיין גרויסער ליטעראַרישער און דיכטערישער טאַלאַנט, און מען ווערט ממש דערשטוינט, ווען מען באַקענט זיך מיט זיין אויסערגעוויינטלעכער ליטעראַרישער פּראָדוקטיווקייט. שוין אין זיינע יונגע יאָרן, צו זעכצן יאָר, פאַרענדיקט לוצאַטאָ זיין ספר ״לשון לימודים״, אַן אָפּהאַנדלונג וועגן ליטעראַרישן סטיל, וווּ ער ווייזט זיך אַרויס ווי אַן אויסגעצייכנטער קענער פון דער ביבלישער שפּראַך. אין דער זעלביקער צייט שרייבט ער זיין באַקאַנטע פּאָעמע ״ים ויבשה״, וואָס ער האָט פאַרפאַסט ווי אַ ״דרשה־געשאַנק״ צו דער חתונה פון זיין חבר יצחק מאַריני. אַ קורצע צייט שפּעטער שרייבט ער זיין ביבלישע דראַמע ״מעשה שמשון״, אַ סעריע ״תהלים־געזאַנגען״ אין סטיל פון תהלים, און זיין דראַמע ״מגדל עוז״, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר.

אָבער נאָך שטאַרקער האָט דעם יונגן דיכטער פאַרכאַפּט די סודותדיקע וועלט פון דער קבלה. עס איז דעמאָלט געווען די צייט ווען די מיסטישע שיטה פון דעם וווּנדערלעכן ר׳ יצחק לוריא אשכנזי (דער אר״י ז״ל) האָט געפונען אַ שטאַרקערן אָפּקלאַנג אין דער ייִדישער וועלט. עס וועט אפשר זיין ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז מיט דער קבלה פון ר׳ יצחק לוריא הייבט זיך אָן גאָר אַ נייע תקופה אין דער גייסטיקער געשיכטע פון דעם ייִדישן פאָלק. און די כישוף־פאָרמולע פון דעם אר״יס קבלה, וואָס האָט ממש אַריינגעבראַכט אַ רעוואָלוציע אין דעם ייִדישן געדאַנקען פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט, איז דאָס וואָרט ״תיקון״ — פאַרבעסערן די וועלט, אויסלייזן די וועלט, ברענגען די וועלט צוריק צו איר אידעאַלן צושטאַנד, ווי דאָס איז געווען אַמאָל אין דער אורצייט. אויב די עלטערע קבלה האָט זיך מער פאַרנומען מיט די פּראָבלעמען, ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָט די לוריאַנישע קבלה פּרובירט געפינען אַ וועג ווי אַזוי דער מענטש קען די וועלט מתקן זיין, ווי אַזוי ער קען ברענגען די גאולה פאַרן פאָלק ישראל, פאַר דער שכינה, וואָס ליידט צוזאַמען מיטן ייִדישן פאָלק אין גלות, און פאַר דער גאַנצער וועלט. דער גרונט־געדאַנקען פון דער לוריאַנישער קבלה איז: יעדער דור קען ברענגען משיחן — אויב נאָר זיי זאָלן עס באמת וועלן. אויב זיי זאָלן עס וועלן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט זייער גאַנצער נשמה. פאַראַן אַ מאמר אין ירושלמי: ״יעדער דור, וואָס דער בית המקדש איז ניט אויפגעבויט געוואָרן אין זייט צייט, איז אַלץ איינס ווי ער וואָלט חרוב געוואָרן אין זיין צייט״. וואָרים יעדער דור איז בכוח צו ברענגען די גאולה. אָט די אידעע האָבן די תלמידים פון אר״י גענומען פאַר זייער ריכטשנור. די ייִדישע מיסטיקער האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן דעם עצם געדאַנקען פון שלום מיטן גלות, מיט דער וועלט ווי זי איז, און האָבן זיך

געשטעלט פֿאַר אַ ציל: „די גאולה אין אונדזער דור", ווי דאָס האָט אַזוי גליקלעך פֿאָרמולירט פּראָפֿעסאָר ג. שלום.

די לוריאַנישע קבלה האָט דעם מענטשן אָוועקגעשטעלט אין צענטער פֿון דער וועלט, אין זיינע הענט האָט גאָט איבערגעגעבן דעם גורל פֿון דער וועלט. לויט דער שיטה פֿון ר' יצחק לוריא, איז ניט נאָר דאָס יידישע פֿאָלק אין גלות, נאָר די גאַנצע וועלט איז אין גלות, די שכינה איז אין גלות. די כוחות פֿון שלעכטס, פֿון דער „סיטרא אחרא", האָבן פֿאַרכאַפּט די וועלט, און די אויפֿגאַבע פֿון דעם מענטשן איז אויסצולייזן די גאַנצע וועלט. זינט דער אורצייט גייט אַן דער קאַמף צווישן די „שאָלעכצן", די קליפּות פֿון דער טומאה, פֿון איין זייט, און די „הייליקע פֿונקען", די ניצוצות פֿון דער קדושה, פֿון דער צווייטער זייט. די געשיכטע פֿון גלות הייבט זיך אייגנטלעך אָן מיט דער צייט, ווען דער ערשטער מענטש האָט זיך פֿאַרזינדיקט און ער איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון גן עדן. דאָס איז דער אָנהייב פֿון גלות, פֿון גלות פֿון גאָר דער וועלט, און דער גלות פֿון יידישן פֿאָלק איז בלויז אַ טייל, אַ קאַפּיטל פֿון אָט דער גרויסער גלות־דראַמע פֿון דער וועלט.

אין דעם גרויסן קאַמף צווישן גלות און גאולה שפּילט דער מענטש — אַזוי לערנען אונדז די מיסטיקער — די וויכטיקסטע ראָל. לויט דער תורה פֿון אר"י, און אין דעם פּרט שטיצט ער זיך אינגאַנצן אויף דער יידישער טראַדיציע, האָבן אַלע מענטשלעכע מעשים, און אפֿילו זיינע געדאַנקען, אַ גרויסע ווירקונג אויפֿן גאַנג פֿון דער וועלט. לויט דער מיינונג פֿון די מיסטיקער, דאַרף ניט דער רבונו של עולם אויסלייזן די יידן פֿון גלות, נאָר גראָד פֿאַרקערט — יידן דאַרפֿן אַלץ טאָן אויסצולייזן די שכינה פֿון גלות. און די תלמידים פֿון אר"י קלאָגן מער אויפֿן גלות פֿון דער שכינה ווי אויפֿן גלות פֿון דעם אייגעצלנעם יידן. „תנו עוז לאלקים!" — גיט דעם רבונו של עולם די מעגלעכקייט אויסצולייזן די וועלט! רופֿן אייניקע מיסטיקער אפֿילו אויס.

אויך די שכינה איז אין גלות, און עס איז געשאַפֿן געוואָרן, כביכול, אַ מחיצה צווישן דער שכינה און גאָט ברוך הוא. דורך אונדזערע זינד איז, כביכול, אריינ־געטראָגן געוואָרן אַ צעטיילונג אין דער הייליקער וועלט. דאַרף מען דערפֿאַר ביי אַלע מיצוות, וואָס מען טוט, האָבן אין זינען צו ברענגען שלום און אחדות אין דער גאַנצער וועלט, אין אַלע וועלטן. דערפֿאַר זאָגט דער מיסטיקער, איידער ער טרעט צו מקיים צו זיין אַ מיצווה, די ווערטער: „לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה" — איך טו די מיצווה כדי צו העלפֿן פֿאַראייניקן, מיחד צו זיין, גאָט ברוך הוא און די שכינה.

פּרץ גיט אונדז אַ בילד פֿון אַ משיחישן מיסטיקער אין זיין „גאָלדענע קייט". דער אַלטער רבי קען מער ניט פֿאַרטראָגן דאָס פּראָווען חסידות. ער קען עס מער ניט פֿאַרטראָגן ווי מען קומט צו אים נאָך ברכות, יעדערער פֿאַר זיך:

פֿאַר אייגן ווייב און קינד
פֿאַר אייגן הויז־געזינד...

און דאָ צווישן טויט און לעבן וואַקלט זיך אַ וועלט!
אַ וועלט זינקט אין מרה שחורה
איין, אַ וועלט!"

און ר' שלמה וויל ניט מער אָט די גלות־וועלט, די וואָכעדיקע וועלט, און ער וויל קיין הבדלה ניט מאַכן.

צוליב אונדזערע זינד — טענהט אַ משיחישער מיסטיקער, דער מחבר פון "שאלו שלום ירושלים" — איז ביי אונדז קיינער ניטאָ וואָס זאָל דאַווענען מיט כוונה, נאָר אַלע בעטן נאָר ביי גאָט: גיב אונדז געזונט, גיב אונדז חיונה (הב לנו רפואה, הב לנו מזוני)! און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל דאַווענען מיט כוונה צוליב גלות השכינה, כדי איר אויפצוהייבן פון איר שטויב".

האָבן די מיסטיקער איינגעפירט דעם מינהג פון "תיקון חצות". פרומע יידן שטייען אויף ביינאַכט, לייגן זיך ארויף אַש אויפן קאָפּ, זעצן זיך אויף אַ קליין בענקעלע און וויינען. זיי טרויערן אויפן גלות פון ישראל, אויפן גלות פון דער שכינה און אויפן גלות פון דער וועלט. און נאָך אַ גאַנצע סיסטעם פון אַנדערע "תיקונים" און "יחודים" האָבן די מיסטיקער געשאַפן כדי צו דערנענטערן די גאולה, דאָס אָנקומען פון משיחן. דער עיקר איז, וואָס דער ייד דאַרף זיך קודם כּל נעמען צום האַרצן, זיך מצער זיין און וויינען אויפן גלות השכינה.

אוודאי זיינען די מיסטיקער פון אר"יס שולע געווען אוטאָפּיסטן. אָבער לאָמיר זיך אויף איין מאָמענט פּרובירן פאָרשטעלן אַ ווילדן משונהדיקן חלום, ווי אַלע גרויסע פּאָליטישע פירער פון אונדזער צייט, מיט סטאַלינען בראש, האָבן מיטאַמאָל אין אַ פינצטערער מרה־שחורהדיקער נאַכט — אויפגערודערט פון תשובה־שטימונ־גען — זיך אויפגעהייבן פון זייערע בעטן, האָבן זיך אויסגעשפּרייט אַש אויפן קאָפּ און גענומען טרויערן אויף דעם גלות השכינה. איז דען געווען אַ צייט, ווען די שכינה פון דער וועלט איז געווען אַזוי אין גלות, ווי אין אונדזער צייט? איך גלויב באמונה שלמה, אַז אין יענער נאַכט וואָלט געקומען פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר אונדז יידן דער גואל צדק! יעדער דור קען ברענגען משיחן. ער דאַרף עס נאָר באמת וועלן!

איך ווייס, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ חלום, אַ ווילדער חלום. אונדזערע גרויסע פּאָליטיקער ווייסן ניט דעם טייטש און דעם זין פון אַזעלכע ווערטער ווי תשובה און צער השכינה. אָבער נאָר גרויסע בעלי חלומות האָבן אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אריבערצוטראָגן דעם גלות פון דער וועלט. צו די טרוימער פון דעם מין האָבן געהערט די נביאים און די אידעאַליסטישע אוטאָפּיסטן פון אַלע צייטן. אַזאַ מיסטיקער און טרוימער איז אויך געווען ר' משה חיים לוצאַטאָ.

*

אין זיין אַזוי קורצן לעבן האָט ר' משה חיים לוצאַטאָ גאָר אַ סך איבערגעלעבט. ער געהערט צו די געייצלטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון 18טן יאָרהונדערט, וואָס

האָבן אַ לעבנסגעשיכטע פול מיט דראַמאַטישע געשעענישן און קאָנפליקטן, ווי דאָס איז געווען זעלטן אין יענער צייט.

דער יונגער בריליאַנטענער לוצאַטאָ האָט זיך שוין גאָר פרי, ווי מיר האָבן געזען, פאַרטיפט אין די סודות פון דעם אר״יס קבלה. זיין הייליקסטער חלום איז געווען די גאולה, אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק און אויסלייזן די שכינה פון גלות. וואָס דאַרפן יידן דערצו טאָן און וואָס דאַרף ער אַליין דערצו טאָן ? און ווייל ער האָט ניט געקענט געפינען קיין פולן ענטפער אין די ספרים, האָט אים זיין דיכטעריש פאַנטאַזיע אונטערגעזאָגט צו זוכן אַ דירעקטן ענטפער. זיינען דאָך שוין אויך געווען פריער פאַר אים מענטשן, וואָס האָבן זוכה געווען צו רוח הקודש, מען זאָל זיי אַנטפּלעקן סודות פון הימל. געווען גרויסע מקובלים, וואָס האָבן געהאַט ״גילוי אליהו״. עס האָט זיך צו זיי באַוויזן אליהו הנביא און ער האָט מיט זיי געלערנט און האָט זיי אַנטפּלעקט די פאַרבאָרגנסטע סודות. צו אַנדערע צדיקים האָבן זיך אַנטפּלעקט מגידים פון הימל. פאַר דער פאַנטאַזיע פון דעם יונגן מיסטיקער האָבן כסדר אַרומגעשוועבט די געשטאַלטן פון דעם הייליקן תנא ר׳ שמעון בן יוחאי, וואָס האָט מיט רוח הקודש געשריבן דעם זוהר, און דער אר״י הקדוש, וואָס האָט פאַר זיינע תלמידים אַנטפּלעקט די טיפסטע סודות פון אַלע וועלטן. קען אַזאַ וווּנדער נאָך אַמאָל פאַסירן ? איז אפשר געקומען די צייט ווען די געטלעכע השגחה האָט באַשטימט צו אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט אַ ניי ליכט ?

און אַזאַ נס איז געשען. אַזוי האָט יעדנפאַלס געגלויבט לוצאַטאָ. און אַזוי האָבן אויך געגלויבט אייניקע פון זיינע נעענטסטע פריינד און חברים. אין אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינד באַשרייבט דער קוים דריי און צוואַנציק יעריקער לוצאַטאָ גענוי די געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט צום ערשטן מאָל זוכה געווען צו רוח הקודש. די באַשרייבונג איז, אַגב, איינער פון די מערקווערדיקסטע דאָקומענטן אין דער יידישער מיסטישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען — שרייבט לוצאַטאָ — ראש חודש סיון תפ״ז (1727). איך האָב זיך פאַרטיפט אין די סודות פון דער קבלה און איך בין איינגעשלאָפן. און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך מיט אַ מאָל דערהערט אַ שטימע זאָגט : ״אַנטפּלעקן בין איך געקומען די פאַרבאָרגענע סודות פון דעם הייליקן מלך !״ און איך בין דערציטערט געוואָרן, אָבער באַלד האָב איך זיך געשטאַרקט, און די שטימע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פון צו זאָגן סודות. אויפן צווייטן טאָג האָב איך זיך באַמיט אין דערזעלביקער צייט צו זיין אַליין אין מיין צימער, און די שטימע איז ווידער געקומען און האָט געזאָגט אַן אַנדער סוד. ביז עס איז געקומען אַ טאָג און דער קול האָט מיר אויסגעזאָגט, אַז ער איז אַ מגיד (אַ לערער פון תורה), געשיקט צו מיר פון הימל, און ער האָט מיר איבערגעגעבן די סודות און כוונות, ווי אַזוי איך קען אים ברענגען יעדן טאָג. איך האָב אים אַליין ניט געזען. איך האָב נאָר געהערט זיין קול, וואָס רעדט אַרויס פון מיין מויל (אלא שומע קולו מדבר מתוך פי). דריי חדשים שפּעטער האָט ער מיר אַנטפּלעקט דעם סוד ווי אַזוי איך קען זוכה זיין צו ״גילוי אליהו״...

דער דאַזיקער מערקווערדיקער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1730, דריי יאָר נאָך דער געשעעניש. עס קען ניט זיין דער מינדסטער ספק אין דער אויפריכטיקייט פון ר' משה חיים לוצאַטאָ בנוגע זיינע איבערלעבונגען. אין די דריי יאָר האָט דער יונגער לוצאַטאָ אָנגעשריבן אַ געוואַלדיקע צאָל פון מיסטישע תורות, וואָס זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן, ווי ער האָט געגלויבט, דורך אליהו הנביא און אנדערע שלוחים פון הימל. פון אייניקע דאָקומענטן איז קלאָר צו זען, אַז זיינע אַמביציעס זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט טיף געגלויבט, אַז די השגחה האָט אים אויסגעקליבן צו שפּילן אַ באַזונדערע ראָל אין דער אויסלייזונג פון יידישן פאָלק.

און דער יונגער לוצאַטאָ נעמט זיך פאַרשפּרייטן זיין תורה. עס בילדעט זיך אַרום אים אַ קרייז פון יונגעלייט, וועלכע האָבן געהערט צו די בעסטע פאַמיליעס פון דער קהילה. און אויך דער דאַזיקער קרייז האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט לערנען. ער האָט זיך געשטעלט אַ וויכטיקערע אויפגאַבע. די יונגע ענטוזיאַסטישע מיסטיקער האָבן אויף זיך גענומען צו לערנען קבלה אונטער דער אָנפירונג פון משה חיים לוצאַטאָ, כדי צו ברענגען אַ תיקון פאַרן פאָלק ישראל און פאַר דער שכינה. לוצאַטאָס ישיבה, ווי דער קרייז פון די יונגע מקובלים אין פּאַדוא ווערט אָפט באַצייכנט, האָט זיך געשאַפן באַזונדערע תקנות. דער צוועק פון דער חברה איז, צו לערנען יעדן טאָג זוהר לויט אַ באַשטימטן פּלאַן פון אינדערפרי ביז אין אָוונט. פאַר יעדערן זיינען באַשטימט געוויסע צייטן, כדי צו פאַרבייטן איינע די אַנדערע. דער וויכטיקסטער פּונקט אין די תקנות איז די באַשטימונג, אַז די חברים לערנען זוהר ניט כדי צו פאַרדינען פאַר זיך אַ חלק עולם הבא, אָדער צוליב וועלכן ניט איז אַנדערן פּערזענלעכן זכות אָדער נוצן, נאָר אויסשליסלעך פאַרן תיקון פון דער הייליקער שכינה און פאַרן תיקון פון יידישן פאָלק (רק לתיקון השכינה הקדושה ולתיקון כל ישראל) און זיי זאָלן פאַר זיך אַליין ניט האָבן קיין שום שכר פון דעם. אין אַ שפּעטערדיקער תקנה פון דעם זעלביקן קרייז ווערט ווייטער געזאָגט: די חברים האָבן אויף זיך גענומען:

א) צו טאָן זייער עבודה פאַר גאָט מיטן גאַנצן האַרצן, מיט אמת און מיט ליבע, ניט דערוואַרטנדיק קיין שום נוצן פאַר זיך, נאָר אויסשליסלעך פאַרן תיקון פון דער הייליקער שכינה און פאַרן תיקון פון גאַנצן יידישן פאָלק, און דעם גאַנצן שכר פון זייערע מיצוות און זייערע גוטע מעשים האָבן זיי אָפּגעגעבן במתנה צום כלל ישראל און צו טאָן אַ חסד מיט דער הייליקער שכינה און צו פאַרשאַפן נחת רוח דעם בורא.

ב) אַלע זיינען פאַראייניקט ווי איין מענטש צו טאָן די עבודה מיט רייניקייט און לויטערקייט אַזוי, אַז אויב איינער פון זיי טוט אַ מצוה, זאָל דאָס גערעכנט ווערן ווי די מצוה וואָלט געטאָן געוואָרן פון אַלעמען פאַרן תיקון פון דער הייליקער שכינה...

ג) די חברים האָבן אויף זיך גענומען ליב צו האָבן איינער דעם אַנדערן ווי אַ ברודער און אָנצונעמען דעם מוסר, וואָס איינער זאָגט דעם אַנדערן, מיט גרויס

ליבע און אָן שום כעס. און אוודאי זאָל ניט זיין קיין שנאה צווישן זיי, נאָר ליבע און שלום...

אין דעם קליינעם קרייז איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ שטרענגע מאָראַלישע און רעליגיעזע דיסציפּלין. אַ חוץ די פאַרפליכטונגען צו לערנען, האָבן די חברים אויף זיך גענומען אָפּצוהיטן שטרענג אַלע מצוות, ניט צו ריידן קיין לשון הרע, צו זאָגן תמיד דעם אמת און בכלל זיין אָפּגעהיט אין דער גאַנצער אויפפירונג. זיי האָבן אויך אויף זיך גענומען צו האַלטן בסוד אַלץ, וואָס ווערט אין דעם קרייז געטאָן.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן אַז דאָס איז געווען אין אַ צייט, ווען די פונקען פון דער שבתי צבי — באַוועגונג, וואָס האָט קוים מיט זעכציק יאָר פריער אויפגעשטורעמט די גאַנצע יידישע וועלט, זיינען נאָך ווייט ניט געווען אויסגעלאָשן. אין איטאַליע, אין דייטשלאַנד און אין פּוילן האָבן נאָך כסדר געווירקט פאַרבאַהאַלטענע גרופּעס פון שבתי צביניקעס אָדער "שעבסן", ווי מען האָט זיי דעמאָלט גערופן. און יידישע רבנים און פירער זיינען געווען אָנגעפּילט מיט אומצוטרוי.

דעם שטורעם האָט אַרויסגערופן אַ בריוו פון דעם ווילנער סטודענט יקותיאל גאָרדאָן, וואָס איז געקומען קיין פּאַדואַ צו שטודירן מעדיצין און וואָס איז געווען איינער פון די נאָנטסטע פריינד פון לוצאַטאָ. יקותיאל גאָרדאָן איז געווען אַזוי שטאַרק באַהערשט פון לוצאַטאָס פּערזענלעכקייט, ער האָט אַזוי טיף געגלויבט אין זיין רבין, אַז ער האָט ניט געקענט שווייגן און ער האָט אויספירלעך געשריבן וועגן דעם צו די צוויי באַקאַנטע תלמידי חכמים: צום מקובל מרדכי יפה אין ווין און צום ווילנער רב ר' יהושע העשיל. אין די בריוו שרייבט יקותיאל גאָרדאָן: "...דאָס איז מיין רבי, דער געטלעכער מאַן, ר' משה חיים לוצאַטאָ. שוין צוויי מיט אַ האַלב יאָר, וואָס צו אים האָט זיך באַוויזן אַ מגיד... וואָס אַנטפּלעקט אים וווּנדערלעכע סודות... עס איז שוין אכט חדשים ווי צו אים האָט זיך באַוויזן אַ הייליקער און פאַרכטיקער מלאך... און ער האָט אים פאַרזאָגט, ער זאָל שרייבן אַ ספר הזוהר, וואָס מן השמים האָט מען עס געגעבן דעם נאָמען "זוהר תניינא" (דער צווייטער זוהר)...".

דער בריוו איז אַריינגעפאַלן על פּי צופאַל, און אפשר גאָרניט צופעליק, אין די הענט פון דעם אַלטאָנער רב, ר' משה חגיז, אַ פאַנאַטישער קעגנער פון דער שבתי צבי־באַוועגונג, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געפירט אַ פאַרביטערטע מלחמה קעגן אַלע רעשטלעך פון די שבתי צבי־סעקטעס. משה חגיז האָט תיכף געשריבן וועגן דעם צו די רבנים פון ווענעציע אין איטאַליע און מיט דעם איז דער קאָנפליקט אַרויס אין דער עפנטלעכקייט.

*

ר' משה חיים לוצאַטאָ איז געווען באַשטימט אַ גליקלעכע יוגנט. עס קען אָבער גריילעך זיין, אַז זיין ווייטערדיקער וועג וואָלט געווען רויקער און נאָרמאַלער, ווען זיין יוגנט וואָלט געווען ווייניקער רויק און אפילו ווייניקער גליקלעך, ווען ער

וואָלט שוין אין זיינע יינגערע יאָרן געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די שוועריקייטן און מיט די שאָטנזייטן פון לעבן.

עס ווערט דערציילט, אַז דער ווילנער גאון איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון לוצאַטאָס מוסר־ספר "מסילת ישרים", אַז ער האָט זיך איין מאָל אויסגעדריקט: ווען ר׳ משה חיים לוצאַטאָ וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט איך געגאַנגען צו אים צו פוס לערנען ביי אים מוסר. פונקט מיט אַזאַ געפיל פון יראת הכבוד האָבן זיך באַציוגן צו דעם מחבר פון "מסילת ישרים" אַנדערע גרויסע פּערזענלעכקייטן פון רוסלאַנד און פּוילן, סיי חסידישע רביים, סיי די פירער פון דער מוסר־באַוועגונג אין ליטע, ווי ר׳ ישראל סאַלאַנטער און זיינע תלמידים. ווי אַזוי איז עס מעגלעך געוואָרן, אַז גראָד אַזאַ לויטערע פּערזענלעכקייט, אַזאַ טיף־רעליגיעזער מענטש ווי לוצאַטאָ, זאָל במשך פון יאָרן און יאָרן ווערן פאַרפאָלגט און גערודפט פון די רעליגיעזע פירער פון זיין צייט? דערין זיינען געווען שולדיק ניט נאָר די טרויעריקע פאַרהעלטענישן, נאָר אויך, אין אַ געוויסער מאָס, די אומדערפאַרנקייט פון דעם יונגן לוצאַטאָ און זיין נאַיווער פּאָעטיש־מיסטישער גלויבן אין זיינע אויסערגעוויינלעכע אייגענע כוחות.

געווען אַ סך רבנים, וואָס האָבן זיך באַציוגן מיט דעם גרעסטן אומצוטרוי צו די אַלע דערציילונגען וועגן די אַנטפּלעקונגען פון מלאכים. אַ סך האָבן זיך געהאַלטן ביי דער טעאָריע, אַז נאָר אויף דעם הייליקן באָדן פון ארץ ישראל קען אַ מענטש זוכה זיין צו רוח הקודש. געווען אַ חוץ דעם נאָך אַ טיפערע סיבה, פאַרוואָס אַ טייל פון די גרעסטע יידישע תלמידי חכמים האָבן זיך באַציוגן אַזוי קריטיש צום ענין רוח הקודש. זיי האָבן דערין געזען אַ קאָנקורענץ צו דער יידישער תורה־טראַדיציע. דער רבונו של עולם האָט שוין איין מאָל אַנטפּלעקט זיין ווילן צום יידישן פאָלק אין דער תורה, וואָס ער האָט זיי געגעבן ביים באַרג סיני. זינט דאַן איז די תורה אַראָפּ פון הימל אויף דער ערד, זיינען די מענטשן געוואָרן די בעלי בתים אויף דער תורה: זיי דאַרפן די תורה טייטשן און זיי דאַרפן די תורה ערקלערן. **לא בשמים היא**, די תורה איז ניט מער אין הימל און מיר נייטיקן זיך ניט אין קיין באַזונדערע אינספּיראַציע פון הימל, כדי צו פאַרשטיין די סודות פון דער תורה.

מען האָט זיך אויך אַנגעהויבן נאָכצופרעגן וועגן לוצאַטאָס פּערזענלעכן לעבן און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין פּרט פון פרומקייט האָט ער ניט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. הגם שוין דריי און צוואַנציק יאָר אַלט, איז לוצאַטאָ נאָך געווען אַ בחור, ער האָט נאָך ניט חתונה געהאַט. ער פלעגט זיך אויך שערן די באָרד, וואָס איז, אגב, געווען דעמאָלט אַנגענומען ביי יידן אין איטאַליע בכלל. אָבער גראָד די מקובלים און באַזונדערס דער אר״י הקדוש האָבן געהאַלטן דאָס שערן די באָרד פאַר אַ גרויסע עבירה, וואָרים מיט דעם פאַרענדערט מען דעם צלם אלקים, וואָס גאָט האָט געשענקט דעם מענטשן.

עס איז נייטיק צו באַמערקן, אַז די קעגנער פון דעם יונגן מיסטיקער האָבן פון אָנהייב פּרובירט ווירקן אויף אים מיט גוטן. די רבנים פון ווענעציע האָבן

לכתחילה אפעלירט צו לוצאטאס רבין, ר׳ ישעיה באסאן ער זאל אויף אים ווירקן. דער רב פון אלטאנא, ר׳ משה חגיז, שרייבט פערזענלעך א בריוו צום יונגן לוצאטא און ער פרובירט אים באווייזן, אז זיינע חלומות און זעונגען זיינען ניט מער ווי יוגנטלעכע פאנטאזיעס, ווארים ווי איז עס מעגלעך, שרייבט ער אים, אז א יונגער מענטש, ניט קיין חתונה־געהאטער, וואס לעבט נאך דערצו אין חוץ לארץ, זאל זוכה זיין צו רוח הקודש, און עס זאלן זיך צו אים באווייזן מלאכים, אליהו הנביא און משיח אליין? און ער בעט אים שטארק, ער זאל אוועקלאזן זיינע גביאישע חלומות.

אין דעם ביטערן קאמף, וואס האט זיך אנגעהויבן קעגן אים, האט דער יונגער מיסטיקער אפילו געזען א באשטעטיקונג פאר זיין שליחות. ווארים דער הייליקער מענטש מוז שטענדיק לײדן און מוז אנגעמען באהבה די יסורים, וואס אים קומט אויס צו לײדן פאר זיין פאלק און פאר זיינע אידעען. דורך די יסורים פון דעם צדיק ווערן אפילו פארגעבן די זינד פון פאלק.

לוצאטאס קעגנער זיינען באזונדערס געווארן אויפגערעגט פון דעם שטאלץ פון דעם יונגן מיסטיקער. ער האט ניט זעלטן אפן ארויסגעוויזן זיין ביטול־באציונג צו די גרויסע לומדים. אין א בריוו צום האמבורגער רב ר׳ יחזקאל קאצענעלנבויגן שרייבט ער: אויב איר האט אויף אייער זייט דעם כוח פון אלע רבנים און גאונים פון דייטשלאנד און פוילן, זאל זיי גאט מאריך ימים זיין, האב איך אויך א כוח, דעם כוח פון גאט ברוך הוא און דער שכינה און פון אלע וואס זיצן אין דער ישיבה של מעלה, וואס באלייכטן מיינע אויגן מיט ליכט״.

סוף כל סוף האט דער יונגער מיסטיקער מסכים געווען, לויט דער עצה פון זיין רבין, ר׳ ישעיה באסאן, צו וועמען ער האט זיך באצויגן מיט גרויס ליבע און רעספעקט, נאכצוגעבן געוויסע פאדערונגען פון די רבנים פון ווענעציע. ר׳ משה חיים לוצאטא נעמט אויף זיך די התחייבות מער ניט צו שרייבן קיין ספרים אין נאמען פון א ״מגיד״ אדער פון די הייליקע נשמות, וואס באווייזן זיך צו אים. ער פארפליכטעט זיך אויך, ניט צו פארעפנטלעכן קיין שום ספר, וואס ער האט ביז אהער געשריבן לויט דער אינפארמאציע פון דעם ״מגיד״ און פון די הייליקע נשמות. ״איך טו עס — ערקלערט לוצאטא — ווייל איך וויל פארמיידן מחלוקת צווישן גאטס קהל און אלע יידן זאלן לעבן בשלום. און אויך ווייל דאס איז געווען די עצה פון מיין לערער און רבי... און דאס אלץ נעם איך אויף זיך כל זמן איך בין אין חוץ־לארץ״.

די לעצטע ווערטער באווייזן, אז ר׳ משה חיים לוצאטא האט שוין דעמאלט אנגענומען דעם באשלוס מיט דער צייט אריבערצופארן קיין ארץ ישראל, ווו ער האט געגלויבט צו האבן גרעסערע מעגלעכקייטן צו ווירקן און צו פארשפרייטן זיין תורה.

ווען לוצאטא האט אין יאר 1734 (ער איז דאן אלט געווען קוים 27 יאר) באשלאסן אפצודרוקן א ספר וועגן קבלה, מיטן הסכם פון זיין רבין, ר׳ ישעיה באסאן, און צו וואס ער איז געווען אינגאנצן בארעכטיקט, האבן די רבנים פון

ווענעציע מיטן הסכם פון אַ רייע רבנים פון דייטשלאַנד און פוילן, פּייערלעך געלאָזט אויסרופן אַ חרם אויף די ספרים פון משה חיים לוצאַטאָ. לוצאַטאָ איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זיין היים און זיין לאַנד און איז אוועק קיין אַמסטערדאַם.

אין דעם טעקסט פון דעם חרם, אַרויסגעגעבן אין סוף פון יאָר 1735, ווערט געזאָגט: "אַלע, וואָס וועלן העלפן לוצאַטאָן צו דרוקן זיינע ספרים אָדער צו פאַרשפּרייטן זיינע שריפטן, פאַלן אַרונטער אונטערן גזר פון חרם. אַלע זיינע ספרים, שריפטן, לידער און חיבורים ווערן פאַררעכנט ווי די ספרים פון אַפּיקורסים, וואָס דאַרפן פאַרברענט ווערן. אַזוי דאַרפן אויך פאַרברענט און פאַרניכטעט ווערן אַלע זיינע שריפטן, כדי קיינער זאָל דורך זיי ניט געשטרויכלט ווערן, ניט היינט און ניט שפּעטער".

באַזונדערס ווייטאָגדיק איז פאַר לוצאַטאָ געווען דער פאַקט, וואָס ער איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיינע תלמידים, וועלכע זיינען אים ווייטער געבליבן געטריי און האָבן זיך מיט אים אויך דורכגעשריבן במשך פון זיין גאַנצן גלות אַמסטערדאַם. בכלל אָבער איז דער אַמסטערדאַמער פּעריאָד פאַר לוצאַטאָן געווען אַ צייט פון גרויסער גייסטיקער שעפערישקייט. דאָ, אין אַמסטערדאַם, האָט ער אָנגעשריבן זיינע בעסטע ווערק, ווי זיין דראַמע "לישרים תהלה" און זיין באַרימטן מוסר־ספר "מסילת ישרים". ער האָט דאָ אויך געפונען אַ סך פריינד, וואָס האָבן אים גע־שטיצט און געהאָלפן און וואָס האָבן זיך ניט גערעכנט מיטן חרם פון די רבנים פון ווענעציע.

דעם טיפן מיסטיקער האָט אָבער געצויגן קיין ארץ ישראל, בפרט ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו דעם עלטער פון פערציק יאָר, ווען ער האָט פאַר זיך ווידער אויסגענומען דאָס רעכט זיך ווייטער צו באַשעפטיקן מיט קבלה. אין יאָר 1743 איז ר' משה חיים לוצאַטאָ אוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל, וווּ עס איז אים אָבער ניט געווען באַשערט לאַנג צו פאַרבלייבן. אין יאָר 1747 איז אָנגעקומען די ידיעה פון די רבנים פון טבריה, אַז דער געטלעכער מקובל "דאָס ליכט פון ישראל", איז צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע געוואָרן אַ קרבן פון אַן עפּידעמיע. "ווייל איז זיין חלק אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט און ווי איז אונדז, וואָס עס איז אַראָפּגעפאַלן די קרוין פון אונדזער קאָפּ". אַזוי טראַגיש האָט זיך פאַרענדיקט דאָס קורצע לעבן פון דעם געניאַלן דיכטער און טיפן מיסטיקער.

"מסילת ישרים"

די יידישע רעליגיעזע דענקער האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די שוואַכ־קייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור און זיי האָבן זיך דערפאַר ווייניקער פאַרנומען מיט אַלגעמיינע טעאָרעטישע דיסקוסיעס ווי מיט די פּראָבלעמען פון פּראַקטישער מאָראַל, פון דער מאָראַל פון טאָג־טעגלעכן לעבן. זיי האָבן זייער גוט געוווּסט,

אַז מיר נייטיקן זיך מער אין מעשים ווי אין אידעען, אַז אויב די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז נאָך גאָר ווייט פון אונדזערע מאָראַלישע און סאָציאַלע אידעאַלן, איז עס ניט דערפאַר, ווייל דער מענטש ווייס ניט, וואָס ער דאַרף טאָן, נאָר ווייל ער וויל ניט און ווייל ער האָט ניט דעם כוח מקיים צו זיין דאָס, וואָס ער ווייס.

לוצאַטאָ האָט באַזונדערס טענות צו די געבילדעטע, צו די לערנער, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי נייטיקן זיך ניט מער אין לערנען מוסר, מחמת זיי ווייסן דאָס שוין אַלץ. עס איז אָבער ניט אַ פראַגע פון וויסן, נאָר פון אַ וועג פון לעבן, פון טיפער דערציונג און מאָראַלישער דיסציפּלין. און דאָס פאָדערט אַ סך מער אָנשטרענגונגען ווי חכמה און לומדות. דאָס איז דער זין, לערנט אונדז דער מחבר פון מסילת ישרים, פון דעם פסוק: „אויב דו וועסט זי באַגערן ווי זילבער און ווי אוצרות, וועסטו זי זוכן, דעמאָלט וועסטו פאַרשטיין וואָס באַדייט מורא פאַר גאָט (אז תבין יראת ה׳). דער פסוק זאָגט ניט — דעמאָלט וועסטו פאַרשטיין פילאָזאָפיע, דעמאָלט וועסטו פאַרשטיין אַסטראָנאָמיע, דעמאָלט וועסטו פאַרשטיין מעדיצין, דעמאָלט וועסטו פאַרשטיין די דינים... נאָר דעמאָלט וועסטו פאַרשטיין וואָס באַדייט מורא פאַר גאָט. הייסט עס, אַז גאָטספאַרכטיקייט מוז מען זוכן ווי זילבער און אוצרות.

דערפאַר איז עס אַ גרויסער טעות — זאָגט אונדז לוצאַטאָ, וואָס אויף לערנען מוסר גיבן געוויינטלעך מענטשן אָפּ גאָר ווייניק צייט. דער אמת איז פּונקט פאַרקערט. די מאָראַלישע דערציונג פאָדערט אַ סך מער אָנשטרענגונג און אַ סך מער צייט: „עס איז נייטיק פאַרן מענטשן, ער זאָל קאָנטראָלירן און וועגן זיינע מעשים יעדן טאָג, פּונקט ווי די גרויסע סוחרים מאַכן יעדן טאָג דעם חשבון פון זייערע געשעפטן. און ער מוז פאַר דעם באַשטימען צייטן און פירן אַ חשבון מיט זיך אַליין...".

לוצאַטאָס „מסילת ישרים" איז ניט קיין פאָלקסבוך, ווי דאָס זיינען געווען די פאָלקסטימלעכע מוסר־ספרים פון דעם שניט ווי דער „קב הישר" און אַנדערע. לוצאַטאָ האָט דער עיקר געהאַט אין זינען ניט דעם פאָלקסמענטש, נאָר דעם למדן. לערנען תורה — זאָגט אונדז לוצאַטאָ — איז ניט קיין ציל פאַר זיך, עס האָט נאָר אויף אַזוי פיל א באַדייטונג, אויף וויפל עס העלפט דעם מענטשן צו דערגרייכן אַ העכערע מדרגה אין פרומקייט און אין מאָראַלישער אויפפירונג. מסילת ישרים וויל לערנען דעם תלמיד חכם די קונסט פון זעלבסטבאַהערשונג און טיפער דיס־ציפּלין. ער וויל אים ווייזן דעם וועג צו העכסטער מאָראַלישער לויטערקייט צו וועלכער אַ מענטש קען דערגרייכן נאָר ביסלעכוויז, דורכגייענדיק פאַרשיידענע שטאַפּלען פון זעלבסטדיסציפּלין. לוצאַטאָס בליק איז מער געווענדעט צו גאָט ווי צו דער וועלט. עס איז די עטיק פון דעם רעליגיעזן מיסטיקער, וואָס האָט איין ציל — זיך באַהעפטן מיט דער געטלעכער וועלט. דער אידעאַל פון לוצאַטאָ איז גייסטיקע און מאָראַלישע שלמות.

דער פאָלקאָמער מענטש, דער מושלם, וואָס דערהייבט זיך צו די העכסטע היוכן פון גייסטיקייט און וואָס באַפרייט זיך אין דער העכסטער מאָס פון אַלע פערזענלעכע אינטערעסן און קערפּערלעכע תאוות, אָט דער מענטש לעבט ניט מער מיט זיך, נאָר מיט גאָט און מיט די גייסטיקע אינטערעסן פון כלל ישראל.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס אין מסילת ישרים ווערט אינגאַנצן ניט דערמאָנט וועגן גיהנום און בכלל וועגן שטראָפן פאַר עבירות, ווי דאָס ווערט כסדר געטאָן אין אַלע אַנדערע מוסר־ספרים פון יענער צייט. אויך דאָס דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער ספר איז געשריבן ניט פאַרן פשוטן פאָלקסמענטשן נאָר פאַרן רעליגיעזן פירער, פאַרן תלמיד חכם. איר געפינט דאָ אויך ניט קיין געשיכטעס וועגן שדים, רוחות און גילגולים; ווי מיר באַגעגענען עס אויף שריט און טריט אין דעם שוין דערמאָנטן קב הישר. עס פעלט אָבער אויך אין מסילת ישרים דער פּאַטאָס פון דעם סאָציאַלן רעפאָרמער, דער טיפער אינטערעס פאַר די טאָג־טעגלעכע נויטן פון דעם פשוטן פאָלקסמענטשן. צום טייל ווערט דאָס דערקלערט מיט די באַזונדערע פאַרהעלטענישן אין איטאַליע, ווו די יידישע קהילות זיינען באַשטאַנען פון מער פאַרמעגלעכע און די צאָל אָרעמע איז דאָרט געווען ניט באַזונדערס גרויס.

ר׳ משה חיים לוצאַטאָ איז דער פאַרטרעטער פון אַ הויכער געלייטערטער מאָראַל און ער פאַרשטייט אויסגעצייכנט די פליכט פון דעם איינצעלנעם לגבי זיינע מיטמענטשן. ער באַטאָנט אפילו די פליכט פון רחמנות צו חיות. עס איז אָבער אין דער ערשטער שורה אַ מאָראַל פאַר אויסדערוויילטע, פאַר אַ גייסטיקער אַריס־טאָקראַטיע, וואָס שטעלט צו זיך העכערע פאָדערונגען און וואָס שטרעבט צו דער־גרייכן אַ העכערע מדרגה אין פרומקייט און עטיק.

די יידישע טראַדיציע האָט זיך געשאַפן איר באַזונדער בילד פון דעם גייסטיקן און פּאָליטישן פירער. דער אידעאַל פון דעם יידישן פירער איז דער נביא משה, וואָס האָט מיט פאָטערלעכער ליבע געזאָרגט פאַר זיין פאָלק און געליטן מיט זיין פאָלק. און ווען גאָט זאָגט איין מאָל צו משהן, אַז איך קען שוין מער ניט פאַרטראָגן די זינד פון דעם פאָלק, ענטפערט אים משה: אויב דו ווילסט ניט מער פאַרגעבן זייער זינד — מעק מיך אויס, איך בעט דיך, פון דיין ספר, וואָס דו האָסט געשריבן (מחני נא מספרך אשר כתבת). מען האָט ביי יידן קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט זיך מוסר נפש צו זיין פאַרן קעניג אָדער פאַרן פירער, אָבער פונם פירער האָט מען תמיד פאַרלאַנגט מסירת נפש פאַרן פאָלק. דער אידעאַל פון אַ יידישן פירער איז דערפאַר תמיד געווען ניט דער קעניג נאָר דער נביא, ניט דער פּאָליטיקער, נאָר דער צדיק.

אָט די געשטאַלט פון דעם צדיק פאַרנעמט גאָר אַ באַזונדערן פּלאַץ אין דער מוסר־שיטה פון ר׳ משה חיים לוצאַטאָ, און עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס גאָר ענלעכע אידעען באַגעגענען מיר שפּעטער אין דער חסידישער ליטעראַטור. דער צדיק, אָדער דער הייליקער, ווי ער ווערט אָפט דערמאָנט אין "מסילת ישרים", איז פאַר לוצאַטאָן אַ משיחישע געשטאַלט. אין זיין זכות ווערן אויסגעלייזט אַ סך מענטשן, וואָס האָבן עס מיט זייערע מעשים ניט פאַרדינט. דערפאַר טרעפט אָפט,

אַז צדיקים לײַדן יסורים, כדי צו פֿאַרגעבן די זינד פֿון זײער דור. וואָס גרעסער עס איז דער צדיק, אַלץ מער יסורים נעמט ער אויף זיך, כדי מתקן צו זײַן די זינד ניט נאָר פֿון זײַן דור, נאָר אויך פֿון פֿריערדיקע דורות. דערפֿאַר דאַרף דער צדיק מיט זײַנע מצוות און מעשים טובים האָבן אין זינען ניט זיך, נאָר זײַן גאַנצן דור: "און דאָס איז דער ווילן פֿון גאָט ברוך הוא, אַז די פֿרומע זאָלן מיט זײער זכות פֿאַרגעבן די עבירות פֿון די אַנדערע... וואָרים גאָט ברוך הוא האָט ליב נאָר יענע, וואָס האָבן ליב ייִדן, און וואָס מער האָט אײנער ליב ייִדן, אַלץ מער האָט אים גאָט ליב. דאָס זײַנען די אמתע פֿאַסטוכער פֿון פֿאָלק ישראל, וואָס גאָט ברוך הוא האָט זײ זײער ליב, ווײַל זײ זײַנען זיך מוסר נפֿש פֿאַר זײַנע שאָף און ווײַל זײ זאָרגן און טראַכטן תמיד וועגן דער טובה און דעם שלום פֿון פֿאָלק" (כי אין הקב"ה אוהב אלא למי שאוהב את ישראל וכל מה שאדם מגדיל אהבתו לישראל, גם הקב"ה מגדיל עליו. ואלה הם הרועים האמתיים של ישראל שהקב"ה חפץ בהם הרבה שמוסרים עצמם על צאנו, ודורשים ומשתדלים על שלומם וטובתם).

דער צדיק מוז דערפֿאַר זײַן הײליק אויך אין זײַן פּערזענלעכן און טאָג־טעגלעכן לעבן: "אַפֿילו זײַנע גשמיותדיקע מעשים ווערן ממש הײליקע האַנדלונגען... און אַזאַ מענטש ווערט גערעכנט ווי אַ בית המקדש און אַ מזבח... וואָרים די שכינה רוט אויף זײ ווי זי האָט גערוט אין בית המקדש, און דאָס שפּײַז וואָס זײ עסן איז געגליכן צו אַ קרבן, וואָס ווערט פֿאַרברענט אויפֿן מזבח".

דער לעצטער קאַפּיטל פֿון מסילת ישרים, פֿון וואַנען מיר האָבן דאָ געבראַכט אײניקע אויסצוגן, גיט אונדז דעם שליסל צו דער גאַנצער עטישער סיסטעם פֿון משה חיים לוצאַטאָ. דאָ געפֿינען מיר דעם ענטפֿער צו דער אויפֿגאַבע וואָס איז פֿאָרמולירט געלײך אין ערשטן קאַפּיטל: "דער יסוד פֿון פֿרומקײט און דער שורש פֿון עכטן גלויבן איז, אַז ס'ער מענטש זאָל זיך קלאָר מאַכן, וואָס איז זײַן אויפֿגאַבע אויף דער וועלט" (מה חובתו בעולמו). די אויפֿגאַבע פֿון דעם מענטשן אויף דער וועלט איז — ווי לוצאַטאָ לערנט אונדז — צו לעבן פֿאַרן פֿאָלק, צו לײַדן פֿאַרן פֿאָלק און צו העלפֿן ברענגען די אויסלײזונג פֿון פֿאָלק. יעדער, וואָס שטרעבט צו אַ העכערער מדרגה, מוז אויף זיך נעמען אַ טײל פֿון דער שווערער און אויסערגעוויינטלעך אחריותפֿולער משיחישער אויפֿגאַבע. דאָס איז דער זין פֿון ייִדישן לעבן און דאָס איז דער חוב פֿון דעם מענטשן אויף דער וועלט.

יידן אין פוילן אין דער צייט פון ווילנער גאון

אין לויף פון דורות און דורות איז פוילן געווען אַ מקום מקלט פאַר אַלע פאַרפאָלגטע און גערודפטע יידן פון מערב אייראָפּע. באַזונדערס האָבן זיך געצויגן קיין פוילן יידן פון די דייטשע קהילות. אין קיין שום לאַנד אין אייראָפּע האָבן זיך יידן ניט געפילט אַזוי פריי, אַזוי אין דער היים, ווי אין אַלטן פוילן. און דערפאַר איז ניט קיין ווונדער, וואָס די צאָל יידן האָט דאָ געהאַלטן כסדר אין וואַקסן. נאָך וויכטיקער איז געווען דער פאַקט, וואָס די יידישע קהילות האָבן דאָ אויך געהאַט אַ סך פרייערע מעגלעכקייטן זיך צו אַנטוויקלען. זינט דעם 16טן יאָרהונדערט זיינען די גרויסע ישיבות אין פוילן — אין קראָקע און פויזן, אין לעמבערג און לובלין — געוואָרן די צענטערס פון תורה פאַר יידן פון גאַנץ אייראָפּע. נאָך וויכטיקער איז דער פאַקט, וואָס די יידישע קיבוצים אין מזרח־אייראָפּע האָבן זיך אויסגעצייכנט ניט נאָר מיט זייערע רבנים און תלמידי חכמים, נאָר אויך מיט דער גרויסער צאָל פון פשוטע אַרבעטסמענטשן, פון שטאָטישע בעלי מלאכות און האַרעפּאַשנע דאָרפסיידן. דאָס יידישע לעבן איז דאָ געוואָרן פילזייטיקער, מער עקאָנאָמיש פאַרצווייגט און גייסטיק מער שעפעריש און זעלבשטענדיק.

אַ באַשרייבונג פון יידישן לעבן אין פוילן אין דער ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט געפינען מיר אין דעם באַקאַנטן ספר ״יון מצולה״ פון ר׳ נתן נטע האַנאָווער. דער ספר ״יון מצולה״ איז אַ כראָניק פון דעם ״דריטן חורבן״, ווי מען האָט דעמאָלט באַצייכנט די שוידערלעכע כמעלניצקי־שחיטות, די גזרות ת״ח ות״ט (1648—1649). צום סוף פון זיין טרויעריקער פּאָגראָם־כראָניק גיט אונדז דער מחבר אַ בילד פון יידישן פוילן ערב דער קאַטאַסטראָפע. די דאָזיקע באַשרייבונג געהערט צו די מערקווערדיקסטע דאָקומענטן פון דער יידישער היסטאָרישער ליטעראַטור און זי ערקלערט אונדז אין גאַר אַ גרויסער מאָס דעם גאַנץ באַזונדערן כאַראַקטער פון די יידישע קיבוצים אין מזרח־אייראָפּע. ר׳ נתן נטע האַנאָווער גיט אונדז אַ לעבעדיק בילד פון דער גייסטיקער און מאָראַלישער עשירות פון דעם פּוילישן יידן און צייכנט אונדז אָן די ״זיילן״, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן דער בנין פון יידישקייט אין דער מדינה פוילן. ר׳ נתן נטע האַנאָווער דערציילט אונדז:

״דער ערשטער זייל, די תורה, איז געווען באַוווּסט. מען דאַרף ניט ברענגען קיין ראיות, אַז אין ערגעץ ניט... איז ניט געווען אַזוי פיל תורה ווי אין פוילן. אין אַלע קהילות פלעגט מען אויסהאַלטן ישיבות און געבן אַ פולע שכירות דעם

ראש ישיבה, בכדי ער זאָל זיך קענען אָפּגעבן צו זיין ישיבה אָן דאגות און פאַר־נעמען זיך נאָר מיט דער תורה... און איטלעכע קהילה פלעגט אויסהאַלטן בחורים און זיי צאָלן וואָכן־געלט, כדי זיי זאָלן לערנען...

„דער זייל גמילות חסדים: עס איז קיין שיעור און קיין גרענעץ ניט געוועזן צו גמילות חסדים אין דער פוילישער מדינה. קודם כל אין הכנסת אורחים...״ באַזונדערס אינטערעסאַנט זיינען נתן נטע האַנאָווערס באַשרייבונגען פון יידישן קהילה־לעבן אין פוילן מיט דעם צענטראַלן ראַט פון די פיר פוילישע „מדינות״ (פּראָווינצן), דעם אַזוי גערופענעם „וועד ארבע ארצות״ אין דער שפּיץ.

„דער פערטער זייל — דין: אין פוילן האָט מען זיך נוהג געווען ווי אין ירושלים פאַרן חורבן. מען האָט אָנגעזעצט בתי־דינים אין איטלעכער שטאָט... און האָט מען ניט געוואָלט זיך משפּטן פאַרן נאָענטן בית דין, איז מען געגאַנגען צום גרויסן בית דין. ווארים אין איטלעכער מדינה (פּראָווינץ) איז געווען אַ גרויסער בית דין... און אויב עס פלעגן זיך משפּטן די פירער פון דער קהילה צווישן זיך, זיינען זיי געגאַנגען צו די פּרנסים פון וועד ארבע ארצות, זאָל זיי דער אייבער־שטער באַהיטן און באַשיצן... און די פּרנסים פון די ארבע ארצות זיינען געווען ווי דער סנהדרין... אין זיין צייט, און זיי האָבן געהאַט כוח צו משפּטן די פוילישע יידן, אויפצושטעלן צוימען, תקנות, שטראָפן מענטשן לויט זייער פאַרשטאַנד. און ווו ס׳איז נאָר געווען אַ האַרבער ענין, פלעגט מען ברענגען צו זיי און זיי פלעגן משפּטן״ (איבערזעצונג פון לאַצקי־בערטאָלדי).

דאָס יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע האָט אויך אין אַ סך אַנדערע פּרטים דערמאָנט דאָס לעבן פון אַ נאָרמאַל פאָלק, וואָס קאָן זיך פריי אַנטוויקלען און קאָן שאַפן זיינע אייגענע אינסטיטוציעס פון גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. יידן אין מזרח־אייראָפּע זיינען געווען גאַנצע יידן מיט זייער באַזונדער שפּראַך, זייערע אייגענע מנהגים און זייער אייגענעם שעפערישן קולטורלעבן.

און אָט אין דער סאַמע בלי־תקופה פון יידישן קיבוץ אין פוילן איז אָנגעקומען די מוראדיקע כמעלניצקי־קאַטאַסטראָפע, די גזרות ת״ח ווען הונדערטער יידישע קהילות זיינען חרוב געוואָרן און צענדליקע טויזנטער יידן זיינען אומגעקומען על קידוש השם. דער שטאָלצער בנין פון דעם יידישן ישוב אין פוילן איז געוואָרן אויפגעטרייסלט ביז צו זיינע פונדאַמענטן. אין משך פון דורות און דורות האָט דאָס לאַנד בכלל, און די יידישע באַפעלקערונג בפרט, ניט געקאָנט קומען ווידער צו זיך. די קאַזאַקן־אויפשטאַנדן און די שפּעטערדיקע מלחמות מיט רוסלאַנד און שוועדן האָבן פוילן רויניררט. דאָס לאַנד איז געוואָרן אַלץ מער פאַראָרעמט און דאָס עקאָנאָמישע לעבן איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ. דער דאָזיקער פּראָצעס פון כסדרדיקער ירידה האָט זיך מער ווי אַ יאָרהונדערט שפּעטער פאַרענדיקט מיטן אונטערגאַנג פון דער זעלבשטענדיקער מלוכה פון אַלטן פוילן. און אין אָט דעם פּעריאָד פון צעפאַל פון דער פוילישער מלוכה, וואָס איז באַגלייט געוואָרן דורך טיפע ענדערונגען און אינעווייניקסטע קריזיסן אין יידישן לעבן, איז דעם ווילנער גאון אויסגעקומען צו שאַפן און צו ווירקן.

פוילן איז נאָך אויך אין גאנצן צייט געבליבן דער באַדייטנדסטער יידישער צענטער אין דער וועלט, אָבער דער פוילישער ייד האָט זיך געביטן און דאָס לעבן אין די פוילישע קהילות איז געוואָרן אַנדערש. אין דעם פאַראַרעמטן פוילן איז די לאַגע פון די יידן געוואָרן אַלץ שווערער. עס פלאַקערט זיך פונאַנדער אַ קאַמפּאַניע פון רדיפות און בלבולים קעגן יידן, וואָס ווערט דער עיקר געשטיצט פון דער שטאָטישער קריסטלעכער באַפעלקערונג און פון די קאַטוילישע גייסטלעכע. גאָר ניט ווייניק צרות איז יידן אין דעם אונטערגייענדיקן פוילן אויך אויסגעקומען אויסצושטיין מצד זייערע "פריינד" און "באַשיצער". די מלוכה־באַאַמטע און די פּריצים ניצן אויס יעדע געלעגנהייט, כדי אויסצופּרעסן וואָס מערער געלט פון דער יידישער באַפעלקערונג. פאַר אַלץ מוז דער ייד צאָלן, אַפילו ווען אַ יידישע שטאָט וויל נעמען אַ רב, מוז מען קודם כל געבן אַ פעטע מתנה דעם פּריץ אָדער דעם וואָיעוואָדאַ, כדי צו קריגן זייער הסכם. די יידישע קהילות קענען זיך מער ניט געבן קיין עצה מיט די כסדר שטייגנדיקע הוצאות און פאַרזינקען אַלץ מער אין חובות. גאָר ניט זעלטן באַשטימען די פּריצים "זייערע" יידן ווי די אָנפירער פון די קהילות. עס זיינען אויך געווען פאַלן, ווען גראָד די בעסטע און ערלעכסטע פּערזענלעכקייטן פלעגן זיך אָפּזאָגן פון צו פאַרנעמען וואָסער ניט איז אמט אין דער קהילה. דער פּרעסטיזש פון די יידישע קהילה־אינסטיטוציעס איז דערפאַר שטאַרק געפאַלן און צוזאַמען מיט דעם האָבן זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט די מחלוקתן און די קאָנפליקטן אין די קהילות גופא. אַ פאַרביטערטע מחלוקת איז, למשל, אָנגעגאַנגען אין ווילנע אין משך פון אַ פּאָר צענדליק יאָר — טאַקע אין דער צייט פון ווילנער גאון — צווישן די קהילה־פירער און דעם לעצטן ווילנער רב, ר' שמואל בן אביגדור. די מחלוקת האָט ניט פאַרשאַפט קיין כבוד ביידע צדדים, און נאָכן טויט פון ר' שמואל בן אביגדור איז אין ווילנע דער אמט פון אַ שטאָט־רב אינגאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן. עס איז אָבער אַ סימן פון דער מאָראַלי־שער געזונדקייט פון יידישן קיבוץ אין פוילן אין יענער קריטישער צייט, וואָס גראָד דעמאָלט האָבן זיך באַוויזן אַ ריי גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַ גייסטיקער און מאָראַלישער רענעסאַנס פון יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע. די קהילות און וועדים זיינען זיך צעפאַלן, אָבער די גייסטיקע שעפערישקייט פון פוילישן יידנטום האָט גראָד איצט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה. תשובה־שטימונגען און משיחישע האָפענונגען באַהערשן דעם יידישן מענטשן אין פוילן אין דער צייט נאָך גזרות ת"ח. מען האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו פילן דעם גלות, די טראַגיק פון גלות און די אחריות פון גלות: ווי קען איך פאַרגעסן — רופט אויס אַ יידישער מיסטיקער פון יענער צייט — דעם חורבן פון בית המקדש און די הייליקע שאָף וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש השם. גאָט ברוך הוא זאָל שוין זאָגן גענוג. און תמיד קומען מיר אויף די געדאַנקען די ווערטער פון דעם מקונן: "ווי קען מיר זיין זיס עסן און טרינקען, בעת איך דערמאָן מיך, ווי הינט שלעפּן דיינע יונגע לייבן?" יעדן פרימאָרגן פלעגט דער זעלבער מיסטיקער זאָגן די תפילה: "האר פון דער וועלט! האָב רחמנות אויף מיר

און אויף אַלע אָרעמע פון דיין פאָלק ישראל, און אויף אַלע וואָס גייען אָרום באָרוועס און נאַקעט, הונגעריק און דאָרשטיק און די וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן על קידוש השם".

איז דערפאַר ניט קיין ווונדער, וואָס אין אַ קורצער צייט נאָך גזרות ת"ח איז די גאַנצע יידישע וועלט אויפגערודערט געוואָרן פון דער בשורה, אַז די צייט פון אויסלייזונג איז געקומען, אַז משיח איז ביי דער טיר. די שליחים פון שבתי צבי האָבן כמעט אומעטום געפונען אַ וואַרעמע אויפנאַמע. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דער פאַקט, וואָס אויך נאָך זיין שמד האָבן טויזנטער יידן נאָך ווייטער געגלויבט אין דער משיחישער מיסיע פון שבתי צבי. אַזוי טיף איז געווען די גאולה-בענקעניש אין די הערצער פון ברייטע שיכטן פון פאָלק. נאָך דורות שפּעטער זיינען פאַרבליבן קרייזלעך פון שבתי צביניקעס, וועלכע האָבן שטיל און געדולדיק געוואַרט אויפן ווידערקומען פון זייער אויסלייזער.

גאולה בענקעניש

דער גלויבן אין משיחס צייטן איז אפשר אַזוי אַלט ווי די יידישע געשיכטע. שוין אין דער צייט פון תנ"ך האָבן אונדזערע גרויסע דיכטער און דענקער געחלומט וועגן אַ נייער וועלט, וועגן נייע הימלען און אַ נייער ערד און אויך — וועגן אַ נייעם מענטשן.

דער משיחישער חלום איז אַ צענטראַלער מאָטיוו אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור פון די סאַמע עלטסטע צייטן ביז צו אונדזערע טעג. וואָס איז דער אייגנטלעכער זין אין אָט דעם גלויבן אין בעסערע צייטן, אין אַ בעסערער וועלט? עס איז דער אויסדרוק פון אַ טיפן אָפּטימיזם, ניט געקוקט אויף די שווערסטע אַנטוישונגען; עס איז דער אויסדרוק פון אַ גלויבן אין מענטשן, אַ גלויבן אין דער וועלט און אַ טיפן גלויבן אין דעם באַשעפער פון דער וועלט.

משיחישע אידעען אַליין זיינען אָבער נאָך ניט אַלץ. אין פאַרשיידענע צייטן זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו פאַרוואַנדלען די משיחישע חלומות אין אַ טאָג-טעגלעכערווירקלעכקייט. אַ טייל פון די געזעצן פון תנ"ך, באַזונדערס די געזעצן וועגן אַרבעט, צדקה, וועגן שבת און יום-טוב, זיינען אין תוך אַזעלכע אוטאָפּישע משיחישע געזעצן. צו אָט די אוטאָפּיש-משיחישע געזעצן געהערט, למשל, אויך די באַשטימונג, אַז מען טאָר ניט נעמען קיין פּראָצענט פאַר הלוואות. אין דער פּראַקטיק האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס דאָזיקע געזעץ קען ניט דורכגעפירט ווערן.

אַזוי איז אויך אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס געזעץ וועגן שמיטה.

אַ היפּשע צאָל מיצוות פון תנ"ך און תלמוד זיינען יע אַריין אין דעם פאָלקס-לעבן, ניט געקוקט אויף זייער אוטאָפּישן און משיחישן כאַראַקטער. די משיחישע אידעע איז ביי אונדז געווען אַ סך מער ווי אידעע, דער חלום פון אחרית הימים

דער סוף פון די טעג) איז געווען און געבליבן אַ טייל פון אונדזער ווירקלעכקייט.

עס איז איבעריק צו באַווייזן, אַז דער משיחישער גלויבן האָט ערשט מעגלעך געמאַכט יידיש לעבן אין די שווערע באַדינגונגען פון גלות. געווען אָבער קריטישע צייטן אין אונדזער געשיכטע, ווען גרויסע טיילן פון פאָלק האָבן מער ניט געהאַט דעם כוח געדולדיק צו וואַרטן אויף דער גאולה, וואָס מוז קומען. אין אַזעלכע קריטישע מאָמענטן האָבן זיך אָפט געפונען גענוג יידן, וואָס פלעגן זיך לאָזן פירן און פאַרפירן פון פאַרשיידענע טרוימער און אַוואַנטוריסטן, די אַזוי גערופענע פאַלשע משיחים, וועלכע פלעגן צוזאָגן דעם פאָלק צו ברענגען די גאולה אין דער נאָענטסטער צייט.

אָט די אַלע משיחישע באַוועגונגען זינט דער צייט פון חורבן בית שני האָבן זיך געווייינטלעך געענדיקט מיט טראַגישע דורכפאַלן. איינע פון די גרעסטע קאַטאַס־טראָפעס אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז געווען דער העלדישער אויפ־שטאַנד פון בר כוכבא. אַזאַ גייסטיקער פירער ווי רבי עקיבא האָט מיט זיין גאַנצער אויטאָריטעט געשטיצט דעם אויפשטאַנד.

די רעליגיעזע פירער האָבן דאַן אָנגעהויבן צו לערנען דאָס פאָלק אַלץ מער און מער זיך צו באַוואָפּענען מיט געדולד און מיט אמונה, ניט צו ווערן פאַר־צווייפלט, אויב משיח קומט ניט אַזוי גיך. אָט די גרונטאידעע פון אַקטיוון גלויבן אין משיחן, אַז ער קאָן יעדן טאָג קומען, און דאָך ניט צו ווערן פאַרצווייפלט, אויב ער פאַרזאַמט זיך צו לאַנג, איז אויף אַ קלאַסישן אופן אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דעם צוועלפטן עיקר פון דעם אני מאמין: ״איך גלויב באמונה שלמה אַז משיח וועט קומען, און אפילו ווען ער וועט זיך טאָן פאַרזאַמען, טו איך איטלעכן טאָג וואַרטן אויף אים ער זאָל קומען״.

די צעשפּרייטונג פון יידישן פאָלק איבער גאָר דער וועלט האָט געפירט דערצו, וואָס משיחישע פרוון זיינען געווייינטלעך געווען געאָגראַפיש באַגרענעצט. אַן אויסנאַם איז בלויז געווען די שבתי צבי־באַוועגונג מיט בערך דריי הונדערט יאָר צוריק (1666). דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע נאַציאָנאַל־משיחישע באַוועגונג אין דער געשיכטע פון אונדזער גלות־לעבן. די ווירקונג פון דער שבתי צבי־באַוועגונג איז דערגאַנגען ביז צו די ווייטסטע יידישע ישובים אין אַזיע, אפריקע און אייראָפּע. יידישע קהילות אין פוילן און אין דייטשלאַנד, אין האָלאַנד און איטאַליע, אין תימן און אין מאַראָקאָ, זיינען געוואָרן אויפן טיפסטן אופן אויפגע־רודערט פון די ידיעות, אַז דער מלך המשיח האָט זיך באַוויזן און די גאולה איז גאָר נאָענט.

עס ווערט געווייינטלעך אָנגענומען, אַז די גזרות פון ת״ח ות״ט (די שודער־לעכע כמעלניקצי־פּאָגראָמען אין די יאָרן (1648—1649) זיינען געווען די הויפּט־סיבה, וואָס האָט געפירט צו דער שבתי צבי־באַוועגונג. עס איז אמת, אַז דער חורבן פון יידישן לעבן אין פוילן האָט אַרויסגערופן די טיפסטע אויפרודערונג אין דער יידישער וועלט. די גזרות ת״ח ות״ט ווערן אין איניקע ספרים באַצייכנט ווי דער דריטער חורבן. פוילן איז דאָך דעמאָלט געווען דער גרעסטער און באַדייטנדסטער

יידישער ישוב. ממילא איז די קאַטאַסטראָפע פון ידישן קיבוץ אין פוילן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע.

אָבער גראָד יידן פון פוילן האָבן געשפּילט אַ לפי ערך באַשיידענע ראָל אין דער שבתי צבֿי־באַוועגונג. עס איז אויך שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די ווייט־פאַרוואָרפענע יידישע ישובים אין אַזיע און אַפריקע זיינען געוואָרן אַזוי טיף אויפ־גערודערט דורך דער קאַטאַסטראָפע אין פוילן.

די שבתי צבֿי־באַוועגונג איז, אגב, געווען אַן אויסדרוק ניט נאָר פון יידישער נויט און אָרעמקייט. דער פאַקט איז, וואָס גראָד אַזעלכע דעמאָלט בליענדע יידישע קהילות ווי קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאַלאָניקי, אַמסטערדאַם, האַמבורג און ליוואָרנאָ האָבן פאַרנומען אַ פירנדן פּלאַץ אין דער שבתי צבֿי־באַוועגונג. צווישן די אָנהענ־גער פון שבתי צבֿי געפינען מיר ווייטער גאָר אַ היפּשע צאָל פאַרמעגלעכע יידן און לומדים. לויט דער מיינונג פון דעם באַקאַנטן געלערנטן און פאָרשער, פּראָפעסאָר גרשום שלום (״שבתי צבי ותנועה שבתאית בימי חייו״), איז דער אַקטיוויסטישער משיחיזם אידעיש און רעליגיעז צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם נייעם דרך אין דער קבלה, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן פון ר׳ יצחק לוריא אשכנזי (1534—1572), אין צפת. די קבלה פון ר׳ יצחק לוריא (האר״י ז״ל) האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס די מאָטיוון פון גלות און גאולה פאַרנעמען אין איר אַ צענטראַלן פּלאַץ.

גלות און גאולה איז די גרויסע וועלט־דראַמע. אָנגעהויבן האָט עס זיך אין די טעג פון בראשית. די אור־קאַטאַסטראָפע ווערט אין דער לוריאַנישער קבלה באַצייכנט מיטן נאָמען שבירת הכלים. ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, זיינען די כלים דורך וועלכע דער בורא האָט אויסגעשטראַלט זיין ליכט, צעבראָכן געוואָרן. די אור־עלעמענטן האָבן זיך צעמישט, פונקען פון קדושה (די ניצוצות פון דער שכינה), זיינען געפאַנגען געוואָרן דורך די קליפּות, די שערבלעך פון די כלים. דער גאַנצער באַשאַף איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ געמיש פון שלעכטס און גוטס, פון קדושה און טומאה. און אפילו אין די טיפסטע טיפענישן פון דער טומאה זיינען פאַרבליבן פונקען פון קדושה. איז עס די שליחות פון דעם מענטשן — און קודם כל פון יידישן פאָלק — אויסצולייזן די פונקען פון קדושה פון זייער געפאַנגענשאַפט. דאָס איז דער וועג פון תיקון, פון פאַרבעסערן די וועלט. דאָס קען געשען דורך אונדזערע מעשים, דורך תורה און מיצוות.

תיקון אין דער צענטראַלער מאָטיוו אין דער לוריאַנישער קבלה. און פון דער קבלה איז עס אַריין אין לעבן, באַזונדערס אין דער חסידישער וועלט. אָבער אויך די מתנגדישע מיסטיקער, ווי דער ווילנער גאון און זיינע תלמידים, זיינען אויפן שטאַרקסטן אופן באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער לוריאַנישער תורה פון תיקון. פּראָפעסאָר שלום האָט ריכטיק אָנגעוויזן, אַז די השפעה פון דער לוריאַנישער קבלה דערגרייכט ביז צו אונדזער צייט, ביז צו אונדזערע מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. די לוריאַנישע קבלה און די תורה פון תיקון האָבן באַזונדערס געהאָלפן צוגרייטן דעם באָדן פאַר די אַקטיוועסטע משיחישע שטימונגען און דער־

וואַרטונגען. אַזוי איז אויך צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר דער מערקווערדיקער באַוועגונג פון שבתי צבי.

*

פאַראַן אַן אַלטע יידישע טראַדיציע: משיח וועט קומען, ווען אַלע יידן וועלן תשובה טאָן, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט זיין כולו זכאי, אדער, חס ושלום, ווען אַלע יידן וועלן פאַרזינקען אין זינד, ווען דאָס פאָלק וועט זיין כולו חייב. פרומע יידן האָבן אָפט געקוקט מיט אומצוטרוי אויף די, וואָס "שטופּן דעם קץ", וואָס ווילן ברענגען משיחן מיט געוואַלד. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די אַנטוישונגען, וואָס קענען קומען נאָך די געהויבענע און ניט־דערפילטע האָפענונגען. און עס איז געווען נאָך אַ סיבה, וואָס האָט ביי אַ סך יידישע גייסטיקע פירער אַרויסגערופן אַ געוויסע אומרויקייט אין פאַרבינדונג מיט דער כסדרדיקער פאַרשטאַרקונג פון די משחישע שטימונגען.

צוויי עקסטרעמע טענדענצן לאָזן זיך גאַנץ קלאָר אויסטיילן אין די משיחישע באַוועגונגען ביי יידן פון אַלע צייטן. איין ריכטונג האָט געשטרעבט צו ברענגען די גאולה דורך תשובה און פאַרשטאַרקטער פרומקייט. יידן מוזן פאַרלאָזן זייער זינדיקן וועג און מוזן זיך הייליקן, כדי זוכה צו זיין צו זען מיט די אייגענע אויגן דאָס אָנקומען פון משיחן. איינער פון די מערקווערדיקסטע משיחישע טרוימער פון דעם מין איז געווען ר׳ יהודה חסיד, דער פירער פון אַ "חברה חסידים", וואָס האָבן זיך געשטעלט פאר אַ ציל צו דערנענטערן די גאולה דורך תעניתים, תשובה און תפילות. ר׳ יהודה חסיד איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט אַנצוזאָגן, אַז משיח דאַרף באַלד קומען און יידן דאַרפן זיך גרייטן. ער האָט געמוסרט דעם עולם און פלעגט אָפט מיט אַ ספר־תורה אין האַנט אריינגיין אין דער ווייבערשער שול און אַלע פלעגן אויסברעכן אין אַ געוויין. אין יאָר 1700 האָבן זיך בערך אַ צאָל פון 1150 יידן מיט ר׳ יהודה חסיד אין דער שפּיץ געלאָזט קיין ארץ ישראל, כדי צו באַגעגענען משיחן. דאָס איז געווען די ערשטע מאָסן־עליה פון מזרח־אייראָפּישע יידן קיין ארץ ישראל. קראַנקע און אויסגעמאַטערטע, נאָך חדשים פון וואַנדערן, זיינען די דאָזיקע התלהבותדיקע מיסטיקער אָנגעקומען קיין ירושלים. און דריי טעג נאָך זייער אָנקומען איז דער פירער פון דער "חברה חסידים", ר׳ יהודה חסיד, קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, זיינען אַ סך פון ר׳ יהודה חסיד׳ס תלמידים פאַרבליבן אין ירושלים. אַ טייל אָבער איז אַוועקגעגאַנגען און אייניקע האָבן זיך פאַרבונדן מיט די רעשטלעך פון די שבתי צביניקעס אין טערקיי און אין פוילן.

און דערמיט קומען מיר צום צווייטן עקסטרעם — צום משיחישן אַוואַנטוריזם, וואָס האָט מיט דער צייט אויך געפירט צו מאָראַלישער הפקרות. אויב מיר קענען ניט ברענגען משיחן אויפן וועג פון כולו זכאי, ווען אַלע יידן וועלן פאַרלאָזן זייער זינדיקן וועג, איז אפשר ריכטיק — אַזוי האָבן עס אַפילו אייניקע פאָרמולירט — צו ברענגען משיחן דורכן מיטל פון כולו חייב? און אַזוי איז שוין געוואָרן פאַרשטענדלעך דער שמד פון שבתי צבי. אַ צאָל פון זיינע אָנהענגער האָבן אַפילו

אין דעם געזען אַ געוואַלדיקן אויפטו. דער משיח האָט זיך בכוונה אַראָפּגעלאָזן אין דער וועלט פון טומאה, כדי אַרויסצוראַטעווען פון דאָרטן, פון דער ניט־יידישער וועלט, די פונקען פון קדושה. מען האָט אויך געפונען גענוג פסוקים און מאמרים, וואָס האָבן געזאָלט באַווייזן, אַז אַנדערש האָט עס גאָרניט געקענט זיין. מען האָט געפונען ביישפּילן דערפאַר אין דער יידישער געשיכטע. די גרויסע משיחישע וויזיע פון אַ נייער וועלט און אַ נייעם מענטשן איז טיילווייז געווען פאַרבונדן מיט דער אידעע פון אַ נייער תורה. די בעלי התלמוד האָבן געשטעלט אויפן ערשטן פּלאַץ די אויטאָריטעט פון דער תורה. אַקעגן דעם האָבן די משיחישע טרוימער מער באַטאָנט די אידעע פון מלכות, פון אַ וועלטלעכער מלוכה. די קרוין פון מלוכה איז העכער, האָבן אַ טייל משיחישע טרוימער געגלויבט, ווי די קרוין פון דער תורה, דאָ האָבן מיר דעם טיפערן אידעישן קאָנפליקט צווישן דער עקסטרעם משיחשער און דער תלמודישער טראַדיציע.

די ראַדיקאַלע משיחישע טענדענץ האָט בכלל פּראָטעסטירט קעגן דעם גאַנצן גאַנג פון דער יידישער טראַדיציע, קעגן דער שטרענגער יידישער פרומקייט. געווען אַ סך וואָס האָבן דערוואַרט, אַז משיח וועט באַפרייען די יידן ניט נאָר פון דעם יאָך פון גלות, נאָר אויך פון דעם יאָך פון יידישקייט, פון דעם יאָך פון די מצוות. שבתי צבי אַליין האָט שוין געמאַכט דעם פּרווו אָפּצושאַפן געוויסע מצוות און די טענדענץ האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט ביי זיינע תלמידים.

אין יאָר 1742, דערציילט דער באַלעכאָווער אין זיינע זכרונות, זיינען אין דעם שטעטל נאַדוואָרנע אַ גרופּע שבתי צביניקעס אַרויס תשעה באב אויפן פעלד, האָבן געקוילעט אַ שעפּס ניט לויטן יידישן דין און האָבן עס געבראָטן און געגעסן. מיטן אָנקומען פון משיחן, האָבן די דאָזיקע עקסטרעמיסטן געטענהט, ווערט די אַלטע יידישע תורה אָפּגעשאַפט. און מערקווערדיק איז, וואָס אויך פאַר דעם משונהדיקן געדאַנק האָט מען געפונען אַ שטיצע אין פאַרשיידענע מאמרים פון תלמוד און זוהר.

אַ קלאַסישע פּערזאָניפיצירונג האָט די עקסטרעמע ניהיליסטישע טענדענץ געפונען אין דער געשטאַלט פון דעם משיחישן אַוואַנטוריסט, יעקב פראַנק. די פראַנקיסטן זיינען אַרויסגעטראָטן אויפן שאַרפסטן אופן קעגן דער גאַנצער תלמודישער טראַדיציע פון יידישקייט און דאָס איז ביי זיי געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט מאָראַלישער הפקרות און אפילו סעקסועלער אויסגעלאַסנקייט. דער מגושמדיקער עם הארצישער יעקב פראַנק האָט אין אַן עקסטרעמער און צעקאַלע־טשעטער פאָרם פּערזאָניפיצירט דעם פּראָטעסט פון דעם ערדישן יידישן מענטשן קעגן דורות פון שטרענגער אַסקעטישער פרומקייט, פון תעניתים און תשובה, פון טרויער און תיקון חצות. דער פראַנקיזם האָט בפירוש געשאַפן אַ גאַנצע אידעאָלאָגיע פון "גוישקייט": יידן דאַרפן ווערן אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער מיט אַן עולם הזהדיקן לעבן און עולם הזהדיקע אינטערעסן. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז דער פראַנקיזם האָט געמוזט אַרויסרופן דעם שאַרפסטן ווידערשטאַנד ביי די אָנהענגער פון דער יידישער טראַדיציע. די רבנים האָבן אַריינגעוואָרפן די פראַנ־

קיסטן אין חרם, און פראַנק, פון זיין זייט, האָט זיך נוקם געווען דורך שענדלעכע מסירות אויפן יידישן כלל. ווי ווייט די צערודערונג אין יידישן לעבן אין פוילן איז דעמאָלט דערגאַנגען, באַווייזט דער פאַקט, וואָס נאָך דעם ווי יעקב פראַנק האָט אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן, זיינען נאָך הונדערטער און הונדערטער פון זיינע אָנהענגער אים געבליבן געטריי און האָבן צוזאַמען מיט אים פאַרלאָזן די יידישע אמונה. אָבער אויך אַלס קריסט האָט זיך פראַנק ניט אָפּגעזאָגט פון זיין משיחישער ראָל. און געשמדט האָט זיך דער דאָזיקער משיח — ווי איינער פון זיינע תלמידים האָט ערקלערט — "כדי צו באַפרייען די שכינה וואָס רוים האָט געפאַנגען". אין הסכם מיט דעם פּראָקלאַמירט פראַנק אַ נייעם גלויבן — "דעם הייליקן גלויבן פון אדום". פון איצט אָן דאַרפן יידן אָנהייבן צו גיין אין די וועגן פון עשון: "עס שטייט דאָך געשריבן ועל חרבך תחיה — אויף דיין שווערד זאָלסטו לעבן... איצט איז געקומען אַ גאַנץ אַנדער צייט. מיר וועלן זיך מער שוין ניט באַשעפטיקן מיט דעם וואָס אַמאָל. מיר וועלן בלויז לערנען די קונסט פון מלחמה".

עס איז, אגב, כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין די פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען באַגעגענען מיר אָפט אָט די דאָזיקע צוויי שטראָמען: פון איין זייט, די שטרענג־אַסקעטיש־מאָראַלישע ריכטונג און, פון דער צווייטער זייט, די אַזוי גערופענע פרייע ריכטונג, די ניהיליסטישע, די ריכטונג, וואָס שטרעבט צו באַפרייען דעם מענטשן פון דעם שווערן יאָך פון פאַרשיידענע מאָראַלישע געבאָטן. זיינען דאָך געווען אַ סך ערנסטע סאָציאַליסטישע דענקער, וועלכע האָבן גע־האַלטן, אַז די מאָדערנע מאָנאָגאַמישע פאַמיליע דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן, כדי מעגלעך צו מאַכן אַ באמת פרייע, סאָציאַליסטישע אָרדענונג. עס האָט זיך אָבער כמעט תמיד אַרויסגעוויזן, אַז איבערגעטריבענע פרייהייט פירט דירעקט צו הפקרות.

עס האַנדלט זיך דאָ, אגב, ניט נאָר וועגן פאַרשיידענע ריכטונגען. אָט די צוויי אַקעגנגעזעצטע טענדענצן לאָזן זיך אָפט פעסטשטעלן ביי איין און דער זעלביקער פּערזענלעכקייט. סוף כל סוף זיינען מיר דאָך אַלע פול מיט די טיפסטע אינעווייניקסטע קאָנפליקטן און מלחמות.

און עס האַנדלט זיך דאָ ניט דווקא וועגן תורה און מיצוות, נאָר וועגן דער גאַנצער סיסטעם פון מאָראַל כלל. אונדזער ציוויליזאַציע איז דאָך אויפגעבויט אויפן פּרינציפּ פון געבאָטן און פאַרבאָטן.

עס איז געווען דאָס רעוואָלוציאָנערע 18טע יאָרהונדערט, אַ יאָרהונדערט פון טיפע ענדערונגען און איבערקערענישן, ווען אין מערב און מזרח האָבן זיך באַוויזן נייע כוחות, וואָס האָבן דער אַלטער און דער נייער וועלט געגעבן גאָר אַן אַנדער פּנים. קיינמאָל האָבן זיך יידן אַזוי ניט געניטיקט אין גרויסע גייסטיקע פירער און מוטיקע דענקער, ווי איצטער.

צום גליק זיינען אַזעלכע פירער געקומען. דאָס זיינען געווען ר׳ ישראל בעל שם טוב און דער ווילנער גאון. אויף פאַרשיידענע וועגן און מיט פאַרשיידענע מיטלען האָבן זיי דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט ווידער אומגעקערט איר

פריערדיקן גלאַנץ. אויך זיי זיינען אין תוך געגומען געוועזן משיחישע טרוימער, באַהערשט און איינגאַנצן דורכגעדרונגען פון דער אידעע פון גאולה. ביידע האָבן געמאַכט דעם פרוּוו צו גיין קיין ארץ ישראל, אָבער "מן השמים" האָט מען זיי פאַרהאַלטן, דער דור איז נאָך ניט געוועזן ראוי דערצו. האָט דער בעל שם טוב גענומען לערנען זיינע תלמידים ווי אַראָפּצוברענגען די שכינה אויף דער ערד. און דער ווילנער גאון האָט געפּרובירט ווייזן דעם וועג ווי צו דערהויבן דעם מענטשן צום הימל. דער חסיד און גאון פון ווילנע איז באַשטאַנען דווקא אויף כולו זכאי — יידן מוזן אַליין זוכה זיין צו ברענגען די גאולה. און ניט צוליב דעם וואַרטן מיר אויף משיחן, האָט געלערנט דער גאון, כדי צו ווערן אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער און זיך אויסלערנען די קונסט פון מלחמה, נאָר דווקא, כדי צו ווערן שטאַרקערע יידן, הייליקערע יידן.

דער ווילנער גאון

מתנגדים האָלטן געוויינטלעך גאָר ווייניק פון דעם חסידישן מינהג צו פּראַווען די יאָרצייטן פון גרויסע פּערזענלעכקייטן, פון זייערע מנהיגים און גדולים. די "טרוקענע" ליטוואַקעס זיינען געבאָרענע סקעפּטיקער און עס פעלט זיי כמעט אינגאַנצן דער טאַלאַנט און נייגונג צו וועבן לעגענדעס אַרום די געשטאַלטן פון זייערע באַליבטע פירער און רבנים. געווען אָבער איין אויסנאַם: איין איינציקע מתנגדישע פּערזענלעכקייט האָט נאָך ביים לעבן זוכה געווען צו ווערן די לעגענדע פון זיין דור און פון דורות שפּעטער. און דאָס איז געווען ניט קיין אנדערער ווי דער באַגרינדער פון דעם מתנגדישן וועג אין יידישקייט, ר׳ אליהו בר׳ שלמה זלמן, דער גרעסטער גאון, וואָס דאָס רוסיש-פּוילישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן. דאָס פאָלק האָט אים גערופן "דער ווילנער גאון" אָדער סתם דער גאון.

דעם דריטן טאָג חול המועד סוכות תש״ח איז געווען דער הונדערט און פופציקסטער יאָרצייט פון דעם ווילנער גאון. במשך פון אָט די הונדערט און פופציק יאָר האָט אונדזער יידיש פאָלק אַ סך, גאָר אַ סך איבערגעלעבט. וואָלט דאָס יידישע פוילן ניט געווען אַזוי חרוב, וואָלט די הייליקע קהילה ווילנע, וואָס האָט מיט אַזוי פיל ווערדע און שטאָלץ געטראָגן דעם אַזוי ערלעך פאַרדינטן נאָמען "ירושלים דליטא", נאָך עקזיסטירט ווי אַ גייסטיקער יידישער צענטער — דאַן וואָלט די יידישע ווילנע געוויס פאַרשטאַנען ווי אָפּצוגעבן דעם געהעריקן כבוד דעם גרעסטן פון אירע זין. וואָרים אויב ווילנע איז זוכה געווען צו פאַרנע־מען אַזאַ באַזונדערן פּלאַץ אין יידישן גייסטיקן לעבן, האָט זי עס צו פאַרדאַנקען גאָר אין אַ גרויסער מאָס דער השפעה פון דעם ווילנער גאון און פון זיינע תלמי־דים. עפּעס האָט מען דאָ מיט אַ באַזונדערער ערנסטקייט באַטראַכט און דיסקוטירט אַלע יידישע פּראָבלעמען, אפילו ענינים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שייכות צו דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט. עס איז מיר אַ מאָל אויסגעקומען צו שמועסן מיט אַ פריינד, אַן אויסגעצייכנטן קענער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן די ערשטע פּרווון פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער. ווי קומט עס — האָב איך געפרעגט מיין פריינד — וואָס גראָד ווילנע איז זוכה געווען צו ווערן די וויגעלע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג? זיינען דאָך געווען אין אַלטן רוסלאַנד באַדייטנד גרעסערע יידישע צענטערס, מיט גרעסערע מאַסן פון יידישע אַרבעטער, ווי, למשל, וואַרשע,

לאַדז און אַדעס. ״וואָס וווּנדערט איר זיך?״ — האָט מיר מיין פריינד געענטפערט — ״אין ווילנע האָט דאָך געלעבט דער ווילנער גאון!״ ווער עס האָט זיך נאָר באַגעגנט מיט יידישע אַרבעטסמענטשן אין ווילנע, וועט באַשטעטיקן, אַז דאָס איז באמת דער ריכטיקער ענטפער.

ווילנע, דאָס יידישע ווילנע, איז חרוב. אָבער פאַר אונדז לעבט נאָך ווייטער די גייסטיקע ווילנע, ווילנע של מעלה, און כל זמן יידן וועלן ווייטער שפּינען דעם פאָדעם פון זייער קולטור טראַדיציע, וועט ווילנע ניט פאַרגעסן ווערן, וועט אָפּגעהיט ווערן די גייסטיקע ירושה פון ״ירושלים דליטא״. און צוזאַמען מיט דעם וועט אויך ניט פאַרגעסן ווערן, וועט אָפּגעהיט ווערן, דער נאָמען פון דעם גאון פון ווילנע.

עס איז זיכער ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד די מתנגדישע ליטע האָט געשפּילט אַזאַ פּיאָנערישע ראָל אין ידישן גייסטיקן לעבן במשך פון ניינצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אויב מיר זאָלן מעסטן די ראָל פון די גרויסע פערזענלעכקייטן לויט דער ווירקונג, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף זייערע תלמידים און אויף די שפּעטערדיקע דורות בכלל, דאַן האָט דער ווילנער גאון בלי ספק פאַרדינט צו פאַרנעמען אַ באַזונדערס בכבודיקן פּלאַץ צווישן די גרעסטע פערזענלעכקייטן אין דער ידישער געשיכטע.

אויב דער גרינדער פון חסידות, ר׳ ישראל בעל שם טוב, האָט די יידן אין פּוילן און רוסלאַנד געלערנט צו דאַוונען אויף אַ נייעם אופן, צו פאַרשטיין דעם טיפערן זין פון דער תפילה, כדי צו קענען דאַוונען לשמה — האָט דער גאון פון ווילנע געוויזן זיינע תלמידים דעם וועג פון לערנען, דעם טיפן זין פון תורה, פון תורה לשמה. אויב די חסידישע גדולים האָבן געלערנט דאַוונענדיק, האָט דער ווילנער גאון געדאַוונט לערנענדיק: איז תורה ביי אים געוואָרן אַ הייליקע עבודה. זיין גאַנץ לעבן האָט געהאַט נאָר איין ציל און איין זין — לערנען תורה. טאָג און נאַכט פלעגט דער גאון פון ווילנע זיצן, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, ביי פאַרמאַכטע לאָדן, כדי דער טומל פון גאַס זאָל צו אים ניט דערגיין, און לערנען תורה.

ווי אַזוי האָט דער שטילער גאון, וואָס האָט זיך אַזוי אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, דערגרייכט אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע ווירקונג, און אין וואָס איז די ווירקונג באַשטאַנען?

די לעבנסגעשיכטע פון דעם ווילנער גאון איז ניט באַזונדערס רייך אין אויסערגעוויינטלעכע געשעענישן. און וואָס פאַר אַ באַזונדערע געשעענישן האָבן געקענט פאַסירן אין לעבן פון דעם שטילן ידישן גאון, וואָס האָט ווי ווייט מעגלעך אויסגעמידן זיך צו פאַרנעמען מיט וועלטלעכע און קהלשע ענינים? געשטאַמט האָט ר׳ אליהו בר׳ שלמה זלמן פון אַ משפּחה פון גרויסן ווילנער יחוס. געבוירן דעם ערשטן טאָג פּסח אין יאָר 1720 אין סעלץ, אַ שטעטל ביי בריסק, איז אָבער דער גאון שוין אַלס קינד צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע, וווּ ער האָט פאַרבראַכט כמעט זיין גאַנץ לעבן. געוווינט אין דער

משפחה פון ווילנער גאון ניט נאָר אַ טראַדיציע פון תורה, נאָר אויך פון לויטערער פרומקייט און מאָראַלישער דערהויבנקייט. זיין עלטערזיידע, ר׳ משה רבקהש, ווערט אָפּט באַצייכנט מיטן טיטל "החסיד", דער פרומער, און אין זיין ספר "באר הגולה" באַטאָנט ער באַזונדערס די אויסערגעוויינטלעכע וויכטיקייט פון ערלעכקייט אין האַנדל, סיי מיט ייִדן און סיי מיט ניט־ייִדן (וכשם שאתה צריך להיות נוהג באמונה עם ישראל כך אתה צריך להתנהג עם הנכרי). פאַרקערט, אָפּנאַרן אַ ניט־ייִדן איז נאָך אַ גרעסערע עבירה, ווייל עס פירט צו חילול השם, עס ווערט דורך דעם פאַרשוועכט דער נאָמען פון יידישן גלויבן און פון יידישן פאָלק. אויסגע־צייכנט מיט זיין פרומקייט האָט זיך אויך זיין עלטער־זיידע ר׳ משה קרעמער וואָס האָט אין זיין גאַנצן לעבן זיך קיינמאָל ניט ערלויבט צו האָבן וועלכן ניט איז מאַטעריעלן נוצן פון זיין תורה. ער האָט מקיים געווען בשלמות די מיצווה פון תורה לשמה און ווען ער האָט אָנגענומען די ווילנער רבנות, האָט ר׳ משה קרעמער בפירוש אויסגענומען אַ תנאי, אַז קיין שכירות וויל ער ניט באַקומען. חיונה האָט ער געצויגן פון אַ קראָם, וואָס זיין פרוי האָט געפירט. און דערפאַר האָט ער טאַקע געטראָגן דעם נאָמען ר׳ משה קרעמער. האָבן די ווילנער בעלי בתים גענומען מער איינקויפן סחורה ביי איר אין קראָם. די פרוי האָט אָנגעהייבן צו פירן די בעלי ביתישקייט אויף אַ ברייטערן שטייגער. דער פרומער רב איז געוואָרן אומרויק. באַזונדערס, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אפשר נעמט גאָר די רביצין שכירות פון ווילנער קהל אָן זיין וויסן.

— חס וחלילה — האָט איר זיין פרוי באַרויקט — אָבער זינט דו ביסט געוואָרן רב, האָבן די בעלי בתים אָנגעהויבן מער איינצוקויפן ביי אונדז אין געשעפט און דער פדיון איז געוואָרן גרעסער.

אָבער אויך די תשובה האָט דעם ווילנער רב ניט אינגאַנצן באַרויקט. ר׳ משה קרעמער האָט דאָן ביי זיך באַרעכנט וויפל דאַרף באַטרעפן די הוצאה פון זיין פאַמיליע במשך פון אַ וואָך און האָט געבעטן זיין פרוי, אַז תיכף ווי זי וועט פאַרדינען גענוג פרנסה פאַר דער וואָך, זאָל זי פאַרמאַכן די קראָם, אפילו ווען דאָס זאָל אויסקומען אין דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך: אויך די אַנדערע יידישע קרעמער נייטיקן זיך אין פרנסה...

און דער אוראייניקל פון ר׳ משה קרעמער, דער ווילנער גאון, איז געגאַנגען נאָך ווייטער. דער גאון האָט זיך ניט נאָר אָפּגעזאָגט פון עולם הזה, פון די פאַרגעניגנס פון דער וועלט, ער האָט זיך אויך ניט געיאָגט נאָך עולם הבא. אַ ייד דאַרף לערנען תורה און אָפּהיטן די מצוות צוליב זייער אייגענער וויכטיקייט. תורה לשמה מיינט טאַקע לשמה, אפילו אָן עולם הבא. און דער ווילנער גאון פלעגט וועגן זיך זאָגן: אליהו קען דינען גאָט אויך אָן עולם הבא. דער אמת איז, אַז דער ווילנער גאון האָט גראָד געהאַלטן פון עולם הזה, פון דער וועלט, אַ סך מער ווי פון יענער וועלט. וואָרים נאָר אויף דער וועלט, אין דעם עולם המעשה, קען דער מענטש זוכה זיין צו לערנען תורה, צו אָפּהיטן די מצוות און צו שטייגן פון מדרגה צו מדרגה אין תורה און אין צדקות. דער ווילנער גאון האָט געלערנט זיינע

תלמידים איבערצולעבן די גרויסע פרייד פון גייסטיקער שעפערישקייט ביים אָפּ־היטן יידישקייט. און דערפאַר איז אים געווען אַ שאָד יעדע מינוט פון ביטול תורה, יעדע מינוט, וואָס ווערט ניט אויסגענוצט. וואָרים ווען וועט דער מענטש זיין בכוח אָנצוּיאָגן די פאַרלאָרענע צייט? כאַראַקטעריסטיש איז די ווייטערדיקע געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט וועגן ווילנער גאון: איין מאָל איז צו אים געקומען צו גאַסט זיין שוועסטער, וועלכע ער האָט שוין עטלעכע יאָר ניט געזען. דער גאון האָט איר געגעבן שלום, האָט מיט איר גערעדט אַ פּאָר ווערטער און דאַן געזאָגט: מיר וועלן זיך זען נאָך אַ מאָל, מיין שוועסטער, אויף יענער וועלט. דאָ, אויף דער וועלט, האָב איך קיין צייט ניט. איך מוז לערנען תורה... פאַרן ווילנער גאון איז תורה געווען דער זין פון דער וועלט און דער סוד פון דער וועלט, ווייל נאָר אויף תורה האַלט זיך די וועלט.

שוין אין זיינע קינדער־יאָרן האָט זיך דער גאון אויסגעצייכנט ניט נאָר מיט זיינע אויסערגעוויינטלעכע געניאַלע פעיקייטן, נאָר אויך מיט זיין געוואַלדיקער התמדה. צו זיבן יאָר האָט ער איבעראַשט דעם ווילנער רב, ר׳ העשיל, מיט זיין לומדות. אַ קורצע צייט האָט דאָס זיבניעריקע וווּנדערקינד נאָך געלערנט ביים קידאַנער רב ר׳ משה מרגלית, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין ספר "פני משה", אַ פּירוש אויף ירושלמי. זינט דעמאָלט האָט דער גאון מער קיין רבּיים ניט געהאַט. ער האָט אויך ניט געלערנט אין קיין ישיבות, נאָר האָט זיך אַליין אויסגעפונען זיין וועג אין דעם שיער ניט אומענדלעכן ים פון דער תלמודישער ליטעראַטור. צו צען יאָר האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פאַרטיפן אין די סודות פון דער קבלה־ליטעראַטור, און זיין תלמיד, ר׳ חיים וואָלאָזשינער, שרייבט: אַז נאָך איידער ער איז געוואָרן בר מצווה, האָט דער גאון זיך גענומען "צו באַשאַפן אַ גולם", אָבער מן השמים האָט מען אים דערפון אָפּגעהאַלטן, ווייל ער איז נאָך געווען צו יונג. דער דאָזיקער פּרט באַווייזט אונדז ווי שטאַרק דער יונגער גאון האָט זיך פאַרטיפט אין דער ווונדערלעך מיסטישער וועלט פון סודות און קבלה. דער גאון איז לויט זיין גאַנצער נאַטור געווען אַ מיסטיקער. ער האָט ניט נאָר געלערנט קבלה, נאָר ער האָט געלעבט ווי אַ מקובל און מיט דעם האָט ער זיך אויסגעצייכנט לגבי אַ סך אַנדערע לומדים און רבנים אין פּוילן.

זינט ער איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר — שרייבן די קינדער פון ווילנער גאון וועגן זייער פאָטער — האָט ער זיך דערווייטערט פון אַלע פאַרגעניגנס פון עולם הזה, פלעגט עסן טרוקענע ברויט געווייקט אין וואַסער און פלעגט שלאָפן ניט מער ווי צוויי שעה דורכן מעת לעת. ווינטערצייט פלעגט ער זיצן און לערנען אין אַ קאַלטן צימער, כדי ניט איינצושלאָפן. ביטול תורה איז פאַר אים געווען די גרעסטע עבירה, און זייענדיק פאַרטיפט אין לערנען, פלעגט ער אָפט גאַנצע טעג ניט עסן און ניט טרינקען: "ער האָט קיינמאָל ניט געשריבן קיין בריוו צו זיינע קינדער און האָט קיינמאָל ניט געלייענט זייערע בריוו". דער גאון האָט דערפאַר אויך ניט אָנגענומען קיין שום שטעלע. ער איז ניט געווען קיין רב און ניט קיין ראש ישיבה, ניט קיין מנהיג און ניט קיין פּרנס, וואָרים דאָס אַלץ וואָלט אים

דאָך געפירט צו ביטול תורה, אָבער ניט געקוקט אויף דעם, און אפשר גראָד דערפאַר, איז די מאָראַלישע אויטאָריטעט פון ווילנער גאון געווען גרעסער ווי די אויטאָריטעט פון אַלע רבנים און גדולים פון זיין דור.

ווען דער ווילנער גאון איז אַלט געווען 18 יאָר, האָט ער אויף זיך גענומען אַפּצוריכטן גלות. ער האָט פאַרלאָזן זיין פאַמיליע און האָט אין משך פון אַן ערך זיבן יאָר געוואַנדערט איבער דער וועלט. אין דער צייט האָט ער באַזוכט אַ צאָל יידישע קהילות אין פוילן און דייטשלאַנד. און ווען עס האָט זיך געענדיקט די צייט פון זיין גלות, איז ער צוריק געקומען קיין ווילנע, וווּ ער איז פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן. די צווייטע וויכטיקע געשעעניש אין גאונס לעבן איז געווען זיין פּרווו צו פאָרן קיין ארץ ישראל. אָבער ער האָט זיך אומגעקערט צוריק פון וועג, ווייל מען האָט אים „ניט געגעבן קיין רשות מן השמים".

*

דער ווילנער גאון איז ניט נאָר געווען דער גרעסטער תלמיד חכם פון זיין צייט, נאָר ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט לגבי די אַנדערע רבנים און לומדים אין פוילן מיט זיינע באַדייטנדע ידיעות אין אַלגעמיינע וויסנשאַפטן. ער האָט אַפילו אַליין אָנגעשריבן אַ חיבור אויף מאַטעמאַטיק „איל משולש", און אַ פּרווו פון אַ געאָגראַפיע פון ארץ ישראל אונטערן טיטל „צורת הארץ". דער גאון האָט אויך געבעטן זיין תלמיד ר' ברוך שיק, פון שקלאָוו, צו איבערזעצן וואָס עס איז מעגלעך פון די אַלגעמיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף העברעיש: „וואָרים וואָס וויניקער מען איז באַקאַנט מיט די אַלגעמיינע חכמות, אַלץ וויניקער קען מען פאַרשטיין די חכמה פון דער תורה". דערפאַר האָט אָבער דער גאון ניט געהאַלטן פון פילאָזאָפיע און האָט אפילו געהאט טענות געגן דעם רמב"ם, וואָס האָט זיך געלאָזן פאַרפירן פון די גריכישע דענקער. דער אמת איז, אַז דער גאון האָט געהאַט אַן אייגענע פילאָזאָפיע, אַ יידישע פילאָזאָפיע אין הסכם מיט דער טראַדיציע פון יידישן רעליגיעזן געדאַנק. ער האָט אָבער זיין אייגענע שיטה אין ערגעץ ניט פאָרמולירט אין אַ סיסטעמאַטישער פאָרם, ווי דאָס האָט, למשל, געטאָן דער רמב"ם אין זיין „מורה נבוכים". די יידישע לומדים אין פוילן האָבן זיך איבער־הויפּט ניט אויסגעצייכנט מיט זייער ליטעראַרישער קונסט. זיי האָבן געהאַלטן מער פון לערנען תורה ווי פון שרייבן תורה, און זייער גרעסטע אַמביציע איז געווען צו האָבן וואָס מער תלמידים. אַפילו דער ווילנער גאון, וואָס האָט איבער־געלאָזן אַ גרויסע צאָל חיבורים, האָט ביי זיין לעבן ניט פאַרעפנטלעכט קיין איינעם פון זיינע ספרים. ער האָט גאָר אייגנטלעך געשריבן זיינע חיבורים צום גרעסטן טייל אין דער פאָרם פון קורצע באַמערקונגען און פירושים — פאַר זיך אַליין. כדי צו באַקומען אַ קלאָרע בילד פון דעם גאונס שיטה, מוזן מיר דערפאַר אָנקומען צו די ספרים פון זיינע תלמידים. זייער אַ ווערטפולן מאַטעריאַל וועגן דעם גאון געפינען מיר אויך אין די הקדמות צו פאַרשיידענע פון זיינע ספרים, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון זיינע קינדער און זיינע תלמידים.

דער גאון האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן גלויבן אין די כוחות פון דעם מענטשן און דערפאַר האָט ער פון אים אַזוי פיל געפאָדערט. דער נביאישער געדאַנק פון דער אויסערגעוויינטלעכער ראָל פון דעם מענטשן אין דעם פּלאַן פון דער וועלט שטייט אין צענטער פון דעם גאונס שיטה.

ר׳ חיים וואָלאָזשינער, דער תלמיד מובהק פון ווילנער גאון, הייבט אָן זיין ספר ״נפש החיים״ טאַקע מיט די ווערטער פון בראשית: ״ויברא אלקים את האדם בצלמו״ — גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט, און דאָס מיינט — ערקלערט אונדז ווייטער ר׳ חיים וואָלאָזשינער — אַז פונקט ווי זיין באַשעפער, איז אויך דער מענטש בכוח צו באַשאַפן וועלטן און חרוב צו מאַכן וועלטן, וואָרים גאָט האָט דעם מענטשן געגעבן די הערשאַפט איבער אַן אַ שיעור כוחות און וועלטן. אַלץ, וואָס דער מענטש טוט, רופט זיך אָפּ אויפן גורל פון דער וועלט. און די וויכטיקסטע מיצווה איז לערנען תורה. ״וואָרים אויב, חס ושלום, מען וואָלט אויף דער גאַנצער וועלט, פון איין עק ביז צום צווייטן עק, אויף איין רגע אויפגעהערט צו לערנען תורה, וואָלטן אַלע וועלטן מיט אַ מאָל זיך אומגעקערט צום צושטאַנד פון תוהו ובוהו, ווי דאָס איז געווען איידער גאָט האָט זיי באַשאַפן״. און די נשמה פון דעם מענטשן — לערנט אונדז ווייטער דער תלמיד פון דעם גאון — איז גענומען פון אַלע פאַרשיידענע עולמות פון דער אונטערשטער וועלט ביז צו דער סאַמע העכסטער וועלט, ווו עס געפינט זיך דער כסא הכבוד, גאָטס טראָן־שטול. ״און דער מענטש דאַרף זיך ראַנגלען און מלחמה האַלטן מיטן כוח פון שלעכטס, און דורך זיינע מעשים מוז ער אים בייקומען און אים מאַכן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ביז דאָס שלעכטס וועט פאַרשווינדן פון דער ערד״.

אָט די גרויסע שליחות, ווי אויפצוהאַלטן און מתקן צו זיין די וועלט, איז איבער־געגעבן געוואָרן דעם מענטשן. און ווייל דער מענטש האָט אַזאַ כוח, שטייט ער אפילו אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה — באַמערקט ר׳ חיים וואָלאָזשינער — ווי די מלאכים, וואָרים אַ מענטש קען שטענדיק אויפטאָן עפּעס נייעס, ער האָט דעם כוח מחדש צו זיין. אָבער גאָר אַנדערש זיינען די מלאכים, וועמען גאָט האָט באַשאַפן אין זייער פולשטענדיקער פאָרם און זיי קענען שוין גאָרניט צוגעבן. וואָלטן די מלאכים געקראָגן די תורה, וואָלט די תורה געבליבן אין איר ערשטער געשטאַלט, אַזוי ווי זי איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני, אָן שום ענדערונג און אָן שום צוגאָב.

און ר׳ חיים וואָלאָזשינער וווּנדערט זיך טאַקע דערפאַר, וואָס אין אייניקע תפילות ווערן דערמאָנט די מלאכים, ווי, למשל, אין דער פרייטיק־צו־נאַכטיקער תפילה ״שלום עליכם מלאכי השרת״, ווו דער ייד בעט די מלאכים, זיי זאָלן אים בענטשן מיט שלום, אָדער די באַקאַנטע סליחה ״מלאכי רחמים״, ווו יידן בעטן די מלאכים פון רחמנות, זיי זאָלן זיך פאַר זיי איינשטעלן פאַר גאָט ברוך הוא. ״איך ווייס ניט — האָט ר׳ חיים וואָלאָזשינער געזאָגט — וואָס קענען די מלאכים אונדז העלפן. זיי האָבן אפילו ניט קיין פרייען ווילן און זיי קענען גאָרניט אויפטאָן!״

דער מענטש פאַרנעמט דעם העכסטן פלאַץ אין גאָטס וועלט און נאָר צו גאָט דאַרף ער מתפלל זיין.

איז דערפאַר ניט קיין ווונדער, וואָס דער גאון האָט אַזוי פיל פאַרלאַנגט פון דעם מענטשן און האָט כסדר מורא געהאַט, ער זאָל ניט פאַרלירן זיין טייער־סטן פאַרמעגן — זיין צייט, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן דער עיקר אויף צו לערנען תורה, צו טאָן גוטע מעשים. דער מענטש איז אַ פּיאָנער. ער מוז אַליין, מיט זיינע אייגענע כוחות, מיט זיינע אייגענע אָנשטרענגונגען, זיך באַמיען צו שטייגן אַלץ העכער און העכער, פון מדרגה צו מדרגה. "די תורה קען אַ מענטש דערגרייכן נאָר דורך יסורים" (אין התורה נתנה אלא על ידי יסורין). ר׳ חיים וואָלאָזשינער דערציילט אונדז וועגן גאון, אַז "זיין גאַנצער פאַרגעניגן איז געווען זיין האַרעוואַניע און זיין אָנשטרענגונג אין תורה און אין חכמה. מען האָט אים אפילו געוואָלט איבערגעבן מן השמים אָן שום טירחא און אָן שום אָנשטרענ־גונג די טיפסטע סודות פון די העכסטע עולמות דורך מלאכים, די שרים פון דער תורה, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. און איך האָב געהערט פון זיין הייליקן מויל, אַז אַ סך מאָל זיינען געקומען צו אים מגידים (מלאכים, וואָס לערנען תורה מיט מענטשן, וועלכע זיינען דערצו זוכה געווען) פון הימל מיט דער בקשה, אַז זיי ווילן אים איבערגעבן סודות פון דער תורה אָן שום שווערער מי פון זיין צד, און ער האָט זיך צו זיי אפילו ניט צוגעהערט. און איינער פון די מגידים האָט אים אַ מאָל זייער שטאַרק געבעטן, אָבער ער האָט ניט מסכים געווען... "איך וויל ניט, אַז מיין דערגרייכונג אין גאָטס תורה זאָל זיין דורך וואָסער ניט איז פאַר־מיטלער. מיינע אויגן זיינען געווענדט צו גאָט ברוך הוא אַליין און וואָס ער וועט באַווייליקן מיר צו אַנטפּלעקן און מיר צו שענקען מיין חלק אין זיין תורה דורך מיין אייגענער אַרבעט און מיין אייגענעם כוח... און דאָס וואָס מען קען דער־גרייכן דורך די מלאכים, די מגידים און די שרי התורה, וואָס איך האָב אַליין אויף דעם ניט געהאַרעוועט און איך בין דערצו ניט דערגאַנגען מיט מיין אייגענעם שכל, וויל איך דערפון ניט וויסן".

און בכלל האָט דער גאון ניט געהאַלטן פון די אַלע חכמות און סודות, וואָס אַנדערע האָבן געגלויבט, אַז זיי האָבן עס זוכה געווען צו דערגרייכן אין שלאָף דורך עלית נשמה, ווען זייער נשמה איז אַרויפגעשטיגן אין דער ישיבה של מעלה, דאָרטן צו לערנען תורה. אין דעם פּרט איז ממש אַ תהום צווישן דעם מתנגדישן גאון און די חסידישע גדולים: דער עיקר איז — לערנט אונדז דער גאון וואָס דער מענטש דערגרייכט אויף דער וועלט דורך מי און מאַטערניש, וואָס ער קלייבט אויס דאָס גוטע און גיט אָפּ זיין צייט פאַר תורה און מיט דעם פאַרשאַפט ער אַ נחת רוח זיין באַשעפער גאָט ברוך הוא, און דאָס איז דער גאַנצער זין פון מענטשנס לעבן, זיך צו באַשעפטיקן מיט גאָטס תורה.

און דאָס אַלץ איז ריכטיק — ווי ר׳ חיים וואָלאָזשינער באַטאָנט עס אויס־דריקלעך — אפילו פאַר דעם פשוטסטן מענטשן: "קיין שום ייד זאָל ניט טראַכטן ביי זיך אין האַרצן, וואָס בין איך, און וואָס איז מיין כוח עפּעס אויפצוטאָן מיט

מיינע קליינע מעשים אויף דער וועלט? נאָר ער מוז זיך באַטראַכטן, און וויסן, און פעסט באַשטימען אין זיין געדאַנק, אַז אַלע פּרטים פון זיין טאָן, פון זיין ריידן און פון זיין טראַכטן ווערן, חס ושלום, ניט פאַרלוירן און ווי גרויס איז זיין באַדייטונג און ווי דערהויבן זיינען זיינע מעשים, וואָס יעדערע פון זיי שטייגט אַרויף צו ווירקן אין די העכסטע וועלטן".

פון אַלץ, וואָס דער גאון האָט געטאָן און געשריבן, האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס געזאַנג צום מענטשן, דאָס העכסטע, דערהויבנסטע און הייליקסטע, וואָס גאָט האָט געשאַפן אויף דער וועלט. און דאָס וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס דער מענטש קען אויפטאָן אויף דער וועלט, אין דעם "עולם המעשה". וואָרים אויף יענער וועלט קען שוין דער מענטש גאָרניט דערגרייכן. דאָרטן איז ער אפשר אין דער מדרגה פון אַ מלאך, אָבער וואָס באַדייט אַ מלאך אַקעגן דעם מענטשן? און אין דעם זין קען מען זאָגן, אַז דער גאון האָט געהאַלטן פון עולם הזה אַ סך מער ווי פון עולם הבא.

עס ווערט דערציילט, אַז אין דעם טאָג פון זיין פּטירה, וואָס איז געווען חול המועד סוכות, האָט ער ניט אַרויסגעלאָזן פון האַנט דעם לולב מיטן אתרוג. אַזוי ליב און טייער איז ביי אים געווען די מיצווה. איינער פון די תלמידים פון ר' חיים וואָלאָזשינער דערציילט וועגן דעם גאון, אַז פאַר זיין פּטירה האָט ער גענומען די ציצית אין האַנט און האָט מיט טרערן געזאָגט: "ווי שווער איז עס זיך צו געזעגענען מיט אָט דעם עולם המעשה, ווו אַ מענטש קען זוכה זיין דורך אַזאַ פּשוטער מיצווה ווי ציצית צו זען דעם פּנים פון דער שכינה. און ווו קענען מיר אַזוינס דערגרייכן אין דער וועלט פון די נשמות, אפילו ווען דער מענטש זאָל דערפאַר אָפּגעבן אַלע זיינע כוחות".

קיינער פון די יידישע דענקער און תלמידי חכמים האָט ניט פאָרמולירט אויף אַזאַ קלאָרן און קלאַסישן אופן אָט דעם צענטראַלן געדאַנק פון יידישקייט, ווי דער ווילנער גאון. קען דען זיין אַ גרעסערער גליק און אַ גרעסערע פרייד פאַרן מענטשן ווי ווערן אַ שותף צום רבונו של עולם, זיין אַזוי שעפעריש ווי דער באַשעפער פון דער וועלט? שאַפן וועלטן, אויפהאַלטן וועלטן — מוז דאָס אויך זיין דער העכסטער נחת רוח פון דעם מענטשן וואָס טראָגט דעם צלם אלקים אויף זיין פּנים. און דאָס איז דער זין פון לערנען תורה לשמה און מקיים זיין אַ מיצווה, טאָקע לשם מיצווה, צוליב דעם נחת רוח, וואָס אַ מענטש האָט פון טאָן אַ מיצווה. דאָס איז דער צענטראַלער מאָטיוו פון דעם גאונס פילאָזאָפיע.

*

"ווען גאָט ברוך הוא האָט געהאַט בדעה צו באַשאַפן דעם מענטשן — לייענען מיר אין מדרש — האָבן זיך די מלאכים פאַרטיילט אין פאַרשיידענע גרופּעס: געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט: מען דאַרף דעם מענטשן באַשאַפן, און געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף אים ניט באַשאַפן. חסד (גנאָד) האָט געזאָגט: מען דאַרף דעם מענטשן ניט באַשאַפן, ווייל ער איז פול מיט ליגן; צדק האָט געזאָגט: דער מענטש דאַרף באַשאַפן ווערן, ווייל ער טוט צדקה, און

שלום האָט געזאָגט: דער מענטש דאַרף ניט באַשאַפן ווערן, ווייל ער איז פול מיט מחלוקת..." און פונקט ווי די מלאכים אין הימל, אַזוי האָבן אויך די יידישע דענקער אויף דער ערד אָפט באַטראַכט דעם מענטשן, יעדערער פון זיין פאַרשיי־דענעם ווינקל.

די קלאַסישע ליניע פון יידישן געדאַנק איז געווען די, אַז דער מענטש איז פון דער נאַטור געניגט נאָכצוגעבן זיינע באַגערן, זיך לאָזן פירן פון "יצר הרע" און אַלץ מער צו פאַרזינקען אין זינד. אָבער דער יידישער פעסימיזם איז ניט קיין פעסימיזם פון פאַרצווייפלונג און פון אָפּהענטיקייט, נאָר אַ פעסימיזם, וואָס רופט דעם מענטשן צו אַן אַקטיוון קאַמף. דעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט אויסצוקלייבן זיין וועג — דעם וועג פון גוטס, אָדער, חס ושלום, דעם וועג פון בייז. גלייך נאָכן מבול זיינען, לויט דער ביבלישער טראַדיציע, געגעבן געוואָרן דעם מענטשן די ערשטע געזעצן, ער זאָל וויסן, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט. גלייך נאָך דער באַפרייונג פון מצרים, האָבן די יידן ביים באַרג סיני באַקומען די תורה — דאָס געזעץ פון לעבן און דאָס געזעץ פון דער וועלט. די אַנאַרכיע פון דער נאַטור ווערט פאַרביטן מיט דעם פרינציפּ פון מאָראַ־לישער און רעליגיעזער דיסציפּלין. אָבער די אידעע פון שטרענגער דיסציפּלין האָט אויך אירע שאָטנזייטן: זי בינדט דעם מענטשן, זי באַגרענעצט זיין פרייהייט און צווינגט אים כסדר צו פירן אַ מלחמה קעגן זיך אַליין. דער בעל שם טוב און זיינע תלמידים זיינען געוויס ניט אַוועק פון דער יידישער טראַדיציע, אָבער געוויסע געדאַנקען, וואָס זיי האָבן אַרויסגעזאָגט, זיינען געווען רעוואָלוציאָנער, און די געפאַר איז געווען נאָך גרעסער, וואָס מען האָט זיי געקענט שלעכט אויסטייטשן. דער בעל שם טוב איז געקומען מיט דער אידעע פון אָפּטימיזם: די וועלט איז גוט, אומעטום געפינט זיך די געטלעכקייט, און דאָס גשמיותדיקע, דאָס זינדיקע, איז אָפּטמאָל גאָר אַ שטאָפּל צו הייליקייט: "גאָט פילט אויס אַלע וועלטן, און עס איז ניטאָ קיין פונקט, וואָס איז אַן אים" (ממלא כל עלמין...) דער גאון האָט בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין צום געדאַנק, אַז די געטלעכ־קייט געפינט זיך טאַקע ממש אין אַלע נידעריקערע זאַכן. ער האָט אין דעם געזען די געפאַר פון אַ מאָראַלישן ניהיליזם; וואָרים אויב אַלץ איז געטלעך, איז אפשר קיין שלעכטס ניטאָ און עס זיינען בכלל אויך ניטאָ קיין זינדיקע מעשים?

דער אונטערשייד צווישן דעם גאון און די תלמידים פון בעל שם טוב קומט באַזונדערס אַרויס קלאָר אין דער באַציונג צום פרינציפּ פון דיסציפּלין. די חסידים האָבן ניט שטאַרק געהאַלטן פון אָפּהיטן די אָנגענומענע צייטן פון דאַווענען און זיי פלעגן ניט זעלטן פאַרענדיקן שחרית, ווען מען האָט שוין לויטן דין געדאַרפט דאַווענען מנחה. ר' חיים וואָלאָזשינער באַקלאָגט זיך: איך האָב מיט מיינע אויגן אַליין געזען אין אַן אָרט, ווו מענטשן האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט ניט אָפּצו־היטן די צייטן פון תפילה, אַז זיי האָבן כמעט פאַרגעסן די צייט, ווען מען דאַרף לויטן דין דאַוונען מנחה".

דער פרינציפּ פון באַשטימטע צייטן, פון "קביעות", פון אַ נאָרמירטן ריטם פון לעבן, פאַרנעמט אַ צענטראַלן אָרט אין דער פילאָזאָפיע פון יידישקייט. די יידישע רעליגיעזע פירער האָבן מורא געהאַט פאַר דער שוואַכקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור. לויטן דין מוז דער ייד ניט נאָר אָפּהיטן די צייטן פון תפילה, נאָר ער מוז אויך ביי זיך באַשטימען פעסטע צייטן פאַר לערנען תורה.

און פרומע יידישע בעלי בתים פלעגן דעם כלל שטרענג אָפּהיטן. זיי פלעגן לערנען יעדן טאָג, אין דער זעלביקער צייט, אַ בלאַט גמרא, אַ פּרק משניות אָדער אַ באַשטימטן שיעור פון אַנדערע ספרים. "צוויי בעלי בתים פון אונדזער בית מדרש — לייענען מיר אין די מעמואַרן פון יצחק ניסענבוים — האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט צו לערנען יעדן טאָג צוזאַמען פאַרן דאַוונען אַ בלאַט גמרא. האָט פּאַסירט, אַז די צוויי בעלי בתים האָבן זיך צעקריגט און האָבן אַ לאַנגע צייט איינער מיטן אַנדערן ניט גערעדט. אָבער די גאַנצע צייט פון "ברוגז" האָבן זיי אפילו אין איינציקן טאָג ניט פאַרפעלט צו לערנען צוזאַמען דעם בלאַט גמרא..."

ווען זיינע קינדער פלעגן קומען צום גאון צו גאַסט, איז זיין ערשטע פראַגע תמיד געווען, צי זיי האָבן אַ מאָל ניט אונטערוועגס פאַרפעלט לערנען זייער באַשטימטן שיעור. און דער מנהג איז געווען ביי פרומע סוחרים, אַז ווען זיי פלעגן קומען צוריק פון אַ רייזע, פלעגן זיי די ערשטע זאַך "אָפּצאָלן" די שיעורים, וואָס זיי האָבן אונטערוועגס פאַרפעלט צו לערנען, פּונקט ווי מען איז זיך נוהג צו זאָגן צוויי שמונה עשרהס צו מעריב, אויב מען האָט פאַרפעלט דאַוונען מנחה.

אויך אפילו ביים געבן צדקה האָט זיך דער גאון געהאַלטן ביים שטרענגן כלל פון פעסטע נאָרמעס. געווען פאַרשפּרייט ביי פרומע יידן דער מינהג צו געבן אַ צענטחלק פון פאַרדינסט (מעשר) אויף צדקה. אין אייניקע יידישע היימען פלעגן זיין ספּעציעלע מעשר־פּושקעס, אָדער מעשר־קאַסעס, וווּ מען פלעגט כסדר אַריינלייגן דאָס מעשר געלט. דעם מאַקסימום פון צדקה באַשטימט די גמרא אויף צוויי מאָל מעשר, אַ פינפטחלק פון פאַרדינסט. מער טאָר אַ ייד — אויב ער איז ניט קיין גרויסער גביר — ניט אָפּגעבן פון זיין פאַרדינסט. דער געדאַנק דערפון איז, אַז דער מענטש האָט אויך פליכטן לגבי זיך און זיין פאַמיליע. האָט דער ווילנער גאון, בעת ער האָט זיך געלאָזן אין וועג קיין ארץ ישראל, אָנגעזאָגט זיין פאַמילע, זיי זאָלן למען השם אָפּהיטן די מצווה פון געבן צדקה אַ פינפטחלק פון זייער הכנסה. אויך זיין תלמיד, ר' חיים וואָלאָזשינער, האָט שטרענג אָפּגעהיט צו געבן צוויי מאָל מעשר. אין די אַלטע מוסר־ספרים ווערט אָפט אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט פון דעם מינהג צו געבן אַ צענטחלק פון פאַרדינסט אויף צדקה. ווען דער מענטש גיט צדקה נאָר דאַן, ווען עס מאַכט זיך אים די געלעגנהייט, ווען דער נויטבאַדערפטיקער קומט צו אים, דאַן טוט ער ניט אַלע מאָל די מיצווה מיטן גאַנצן האַרצן. אויב אָבער ער גיט כסדר מעשר, איז ער גראָד צופרידן, ווען דער נויטבאַדערפטיקער קומט צו אים און ער קען באַצאָלן זיין חוב.

איינער פון די חלומות פון גאון איז געווען צונויפצושטעלן אין אַ סיסטעמאַ־טישער אָרדענונג אַלע דינים פון שולחן ערוך מיט ענטגילטיקע אַנטשיידונגען, כדי עס זאָלן מער קיין ספקות ניט בלייבן. און זיין זון דערציילט, אַז ער האָט איין מאָל געפּרעגט זיין פאָטער, פאַרוואָס ער טרעט ניט צו דורכצופירן זיין פּלאַן, האָט ער אים געענטפערט: איך האָב אויף דעם קיין רשות מן השמים.

דערפאַר איז דער גאון געווען אַזוי דערשיטערט, ווען די חסידים האָבן אָנ־געהויבן איינצופירן נייע מינהגים און זיך אָפּצוטיילן אין באַזונדערע שטיבלעך צום דאַוונען. דער גאון איז אַזוי שטאַרק באַשטאַנען אויף דער אויטאָריטעט פון תלמוד, כדי איינצוהיטן די איינהייטלעכקייט פון יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. און די תלמידים פון גאון האָבן אַלץ געטאָן, כדי צו פאַרשפּרייטן דאָס לערנען פון תורה צווישן די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. קיין מאָל איז ביי זיי ניט געווען די טענדענץ צו פאַרוואַנדלען די תורה אין אַ מאָנאָפּאָל פון אַ קליינער צאָל מענטשן. ר׳ חיים וואָלאָזשינער פלעגט יעדן טאָג נאָכן דאַוונען לערנען מיט די בעלי בתים אין בית מדרש ״פאַר קליין און גרויס״ אַ פּרשה חומש. און די ווירקונג פון גאון איז דערגאַנגען אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך פון אַמאָליקער ליטע: ״אין דער ליטע אַמאָל — דערציילט אונדז מענדעלע — היינט אפשר שוין ניט אַזוי, האָט מען געלייגט כבוד ניט אַזוי אויף געלט ווי אויף תורה... בפרט נאָך אין דעם שטעטל ק... אַן אָרט פון תורה פון אייביקע יאָרן, וווּ די איינוווינער זיינען כמעט אַלע לומדים, וווּ דער בית מדרש, די קלויז איז פול מיט בעלי בתים און בעלי הביתלעך, וואָס זיצן און לערנען, אויך מיט ישיבה בחורים, פּרושים פון דער פרעמד, וואָס פאַרלאָזן ווייב און קינד, קנייטשן די גמרא און עסן טעג; ווו אַלע פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, פאַרקלייבן זיך אַרום באַזונדערע טישן בעלי מלאכות און נאָך אַנדערע פונם עולם צו הערן אַ גוט וואָרט פון די פּירזאָגער. דאָרט: ביי איין טיש — מדרש, ביים צווייטן — ״עין יעקב״, ביים דריטן — פּסוק, ביים פערטן — ״חובת הלבבות״ וכדומה אַזעלכע חקירה־ און מוסר־ספרים.

*

דעם ווילנער גאונס חלום צו פאַרברענגען זיינע לעצטע יאָרן אין ארץ ישראל איז ניט מקויים געוואָרן. די סיבות, פאַרוואָס ער האָט זיך אומגעקערט פון וועג צוריק קיין ווילנע, זיינען אונדז ניט באַקאַנט. מיר האָבן אָבער אַ גרונד אָנצונעמען, אַז מיט זיין רייזע קיין ארץ ישראל האָט דער גאון פאַרבונדן גרעסערע פּלענער. ער האָט, ווייזט אויס, געהאַט בדעה צו גרינדן אין ארץ ישראל אַ גרויסע ישיבה, וואָס זאָל ווערן דער גייסטיקער צענטער פאַר די יידן פון גאָר דער וועלט. ווען ער האָט איינגעזען, אַז עס לאָזט זיך ניט דורכפירן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין נסיעה.

עטלעכע יאָר נאָך זיין פּטירה האָבן אייניקע פון דעם גאונס תלמידים פּרובירט רעאַליזירן דעם חלום פון זייער רבין. אין יאָר 1808 איז אָוועק די ערשטע גרופּע פון דעם גאונס תלמידים קיין ארץ ישראל. אין די נאָענטסטע צוויי יאָר זיינען

אַהין געקומען נאָך צוויי גרופּעס. זיי האָבן זיך אַלע באַזעצט אין צפת און האָבן דאָ געגרינדעט אַ ישיבה אויפן נאָמען פון גאון, ווו לומדים פלעגן זיצן אַ גאַנצן טאָג אַנגעטאָן אין טלית און תפילין און לערנען: "די תורה קערט זיך אום צוריק אין איר אכסניא. אַ ישיבה פון אַזאַ פאַרנעם איז ניט געווען אין ארץ ישראל שוין זינט לאַנגע יאָרן". די תלמידים פון גאון האָבן אויך געקויפט ערד און אַראָפּגענומען די תבואה, כדי יידן זאָלן ווידער קענען דאָ מקיים זיין די מיצוות פון לאַנדווירטשאַפטלעכן לעבן. עס איז געווען אַ מין סימבאָלישער אָנהייב פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. נאָכדעם ווי זיי זיינען אָפּגעווען אַ געוויסע צייט אין לאַנד, האָבן זיך די תלמידים פון גאון געווענדעט מיט אַ מין מאַניפעסט צו אַלע יידישע קהילות אין גלות. דער דאָזיקער רוף געהערט צו די רירנדסטע דאָקומענטן, וואָס איז ווען געשריבן געוואָרן פון יידן אין ארץ ישראל: "קודם כל — שרייבן זיי — זיינען מיר געקומען אייך איבערגעבן די בקשה פון ארץ ישראל (בקשת הארץ) און דאָן אונדזער אייגענע בקשה. דאָס לאַנד ברענגט אייך אַ בשורה... דאָס לאַנד רעדט צו אייך: איך דערמאָן זיך די טעג, ווען איך בין געווען אַ האַרינטע... און אויך איצט פעלט ביי מיר גאָרניט. ביי מיר ווערט די תורה קלאָר, ביי מיר שטאַרקט זיך די פרומקייט, ביי מיר ווערט די נשמה פריי... און פאַרוואָס בין איך פאַרשוואַרצט, פאַרשעמט און פאַרלאָזן פון מיינע איינוווינער?... אמת, ווי שיין עס איז צו זיצן אויף דעם לאַנד, ווי ווונדערלעך עס איז די ליבע צו דעם לאַנד!.. אויך אין איר חורבן האָט זי ניט קיין דמיון צו זיך, אויך אין איר פאַרוויסטונג האָט זי ניט צו זיך קיין גלייכן..."

די תלמידים פון גאון זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער. משיח קען ניט קומען, כל זמן די יידן פון דער גאַנצער וועלט וועלן ניט זיין פאַרבונדן. האָבן זיי באַשטימט צו שיקן אַ ספּעציעלן שליח, וואָס זאָל אויפזוכן די עשרת השבטים און די לעגענדאַרישע "בני משה" אויף יענער זייט סמבטיון. דעם שליח האָבן זיי איבערגעגעבן אַ ספּעציעלן בריוו צום "מלך פון ישראל", דעם קעניג פון די צען שבטים. אין דעם בריוו דערציילן זיי בקיצור די געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיטן יידישן פאָלק זינט דער צייט פון חורבן. זיי דערציילן אויך וועגן די תנאים, אמוראים און די שפּעטערדיקע גדולים און גאונים, ביז צו דער צייט פון ווילנער גאון. זיי דערציילן ווייטער וועגן אַלע צרות, וואָס יידן זיינען אויסגעשטאַנען: "און פונדעסטוועגן האָבן מיר דעם גרויסן נאָמען פון גאָט ניט פאַרגעסן".

דער בריוו פאַרענדיקט זיך מיט דער בקשה צו די ברידער אויף יענער זייט סמבטיון: צו דערפרייען זייער האַרץ און צו שיקן צוריק אַן ענטפער אין דער הייליקער שפּראַך (בלשון הקודש), ווו זיי זאָלן דערציילן וועגן זייער לאַנד און זייער לעבן, כדי צו טרייסטן אַלע, וואָס זיצן אין גלות, די צדיקים און גאונים, וואָס ליידן אַזוי פיל פון יסורים, עגמת נפש און אַזוי פיל צרות...

דער שליח איז פאַרבליבן אַ געוויסע צייט אין יעמען (תימן) און איז דאָרטן אומגעקומען. די שליחות איז אָבער ניט געווען אומזיסט און זי האָט ביי אַ סך יידן ווידער אויפגעוועקט די בענקעניש נאָך איין תורה און איין פאָלק.

די מחלוקת צווישן די מתנגדים און די חסידים

חוץ מיט זיינע תלמידים האָט דער גאון זיך זעלטן באַגעגנט מיט מענטשן. פון צייט צו צייט איז אָבער אויך דער גאון געווען געצוווּנגען ארויסצוגיין פון זיין אָפּגעשלאָסנקייט. דאָס איז געווען באַזונדערס דער פאַל, ווען מען האָט זיך געניייטיקט אין דער מאָראַלישער אויטאָריטעט פון דעם גאון און דער גאון גופא האָט געגלויבט, אַז זיין פּערזענלעכע אַריינמישונג איז דרינגענד נייטיק און וויכטיק. איינע פון אַזעלכע געשעענישן אין גאונס לעבן איז געווען די גרויסע מחלוקת צווישן די מתנגדים און די חסידים, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון 18טן יאָרהונדערט. אין דער לאַנגער געשיכטע פון יידישן גלות־לעבן פאַרנעמט דער קאָנפליקט צווישן חסידות און מתנגדות אַ גאַנץ באַזונדערן פּלאַץ. עס איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז עס איז קודם כל געווען אַ אידעישער קאָנפליקט, אַ מחלוקת לשם שמים. און דערפאַר איז די מלחמה פון דעם גאון קעגן דער חסידות־באַוועגונג, הגם זי האָט אויך געהאַט ווי יעדע מחלוקת געבנוג שאָטנזייטן, דאָך געווען אויך רייך אין פּאָזיטיווע מאָמענטן. דער אידעישער קאַמף האָט זיך געפירט אַרום די סאַמע עיקרים, די גרונטפּרינציפּן פון יידישן גלויבן און פון יידישן צוגאַנג צום לעבן. ווי מיר ווייסן אָבער פון דער־פאַרונג, ווערן אידעישע מחלוקתן אָפט געפירט מיט מער עקשנות און מיט מער פאַרביטערונג ווי מחלוקתן פאַר מאַטעריעלע אינטערעסן.

אין יאָר 1772 איז די ווילנער קהילה צום ערשטן מאָל אַרויס מיטן געוואַר פון חרם קעגן די חסידים, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצוטיילן פון כלל, האָבן געשאָפן זייערע אייגענע מנינים, זייער אייגענעם נוסח פון דאַווענען און באַזונדע־רע מינהגים. אויפן חרם געפינט זיך אויך די אונטערשריפט פון דעם גאון. דעם ביישפּיל פון דער ווילנער קהילה האָבן נאָכגעטאָן אַנדערע קהילות אין ליטע און אין ווייס־רוסלאַנד. אַכט יאָר שפּעטער, אין 1780, ווען עס איז אַרויס דער ערשטער ספר מיט דער תורה פון חסידות אונטערן טיטל "תולדות יעקב יוסף", געשריבן פון דעם תלמיד פון ר׳ ישראל בעל שם טוב, ר׳ יעקב יוסף פון פּאָלאָנאָיע, האָט זיך די מלחמה פונאַנדערגעפלאַקערט פון דאָס־ניי. אין ספר "תולדות יעקב יוסף" געפינען זיך די שאַרפסטע אָנפאַלן קעגן די מתנגדישע רבנים און לומדים און אַ רייע שטעלן, וואָס זיינען ניט אינגאַנצן אין גייסט פון דער אָנגענומענער יידישער טראַדיציע. נאָך אַ מאָל האָט די ווילנער קהילה באַשלאָסן אויסצורופן אַ חרם קעגן די חסידים, און אויפן בריוו, וואָס איז וועגן דעם פונאַנדערגעשיקט

געוואָרן צו אַלע קהילות אין ליטע, איז ווידער געווען די אונטערשריפט פון דעם גאון. נאָך צום סוף פון זיין לעבן, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער גאון האָט חרטה אויף זייז קאַמף קעגן די חסידים, האָט ער אין אַ בריוו צו די יידישע קהילות ווידער באַנייט זיין רוף צו רודפן די חסידים "בכל מיני רדיפות" אויף וויפל דאָס איז דערלויבט לויטן יידישן דין.

עס ווערט דערציילט, אַז נאָכן גאונס פּטירה, האָבן זיך די חסידים אין ווילנע געפרייט. ווען ר' שניאור זלמן פון ליאַדי, דער פירער פון די חסידים אין ווייס־רוסלאַנד, איז דערפון געוויר געוואָרן, האָט ער באַלד אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיינע חסידים אין ווילנע, האָט זיי שטאַרק געמוסרט און האָט זיי געוואָרנט אָפּצו־היטן דעם כבוד פונם גאון, "וואָס האָט נאָך זיך ניט געלאָזן קיין גלייכן ביי יידן" (שלא הניח כמותו בישראל). און פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער ווערט דער־ציילט, אַז אין דעם טאָג, ווען דער גאון איז נפטר געוואָרן, איז ער עפּעס געוואָרן באַזונדערס אומעטיק און ער האָט ניט געקאָנט בענטשן אתרוג (דער גאון איז געשטאָרבן חול המועד סוכות) מיט זיין געוויינטלעכער שמחה. דאָן האָט זיך ר' לוי יצחק אָנגערופן צו זיינע תלמידים: קוקט זיך צו, וואָס פאַר אַן עקשן עס איז דער ווילנער מתנגד. ווען זיין נשמה איז אַרויף אויפן עולם האמת איז זי געווען לויטער ווי די זון. נאָר איין איינציקן קליינעם פּגם האָבן די מלאכים אויף איר געפונען. דאָס איז געווען דעם גאונס קאַמף קעגן די חסידים. האָט דער בית דין של מעלה באַטראַכט, וואָס טוט מען מיטן גאון? און עס איז געבליבן, אַז איידער דער גאון גייט אַריין אין גן עדן מוז ער אויסהערן אַ דרשה וועגן חסידות, כדי אָפּצוקומען פאַר זיין זינד. און אויב דער גאון וועט צו דעם ניט מסכים זיין, זאָל מען אים אַריינפירן אין גן עדן דורך דער טיר פון גיהנום. האָט זיך דער גאון פאַרעקשנט און האָט געענטפערט:

"איך וועל בעסער גיין דורך דער טיר פון גיהנום, איידער אויסהערן אַ דרשה וועגן חסידות..."

האָט אָבער פּאַסירט אַ נס. די טויזנטער ספרים, וואָס דער גאון האָט ביי זיין לעבן געלערנט, זיינען געקומען און האָבן פאַרשטעלט די טיר פון גיהנום און קיינער האָט אַהין ניט געקענט אַריינגיין. זיינען די מלאכים געווען געצוווּנגען אַריינצופירן דעם גאון גלייך אין גן עדן אַריין.

אַזוי איז דער גאון אַריין בשלום אין גן עדן אפילו לויט דער מיינונג פון זיינע חסידישע קעגנער. וויניקער מזל האָט אָבער דער גאון געהאַט, ווען ער איז געשטעלט געוואָרן פאַרן משפט פון אונדזערע מאָדערנע יידישע און העברעישע שרייבער. די טויזנטער ספרים און גמרות, וואָס דער גאון האָט געלערנט, האָבן אים דאָ ניט געקענט העלפן. אונדזערע שטרענגע קריטיקער פאַרלאַנגען דווקא, ער זאָל אויסהערן — זייערע ליטעראַרישע דרשות וועגן חסידות.

דער גרויסער קינסטלער י.ל. פּרץ האָט אין זיין קלאַסישער דערציילונג "צווישן צוויי בערג" געפּרובירט אַרויסברענגען דעם אונטערשייד צווישן דעם מתנגדישן תלמיד חכם און דעם חסידישן פאָלקסמנהיג. אין דער געשטאַלט פון

דעם בריסקער רב האָט אונדז י. ל. פּרץ געגעבן אַ בילד פון דעם רויקן, ניכטערן מתנגדישן גאון מיט זיין אייזערנער לאָגיק און זיין ״אייז־קאַלטער״ תורה. איינע פון די ווונדערלעכסטע שטעלן אין י. ל. פּרצעס דערציילונג איז די סצענע, ווי דער בריסקער רב פּירט זיין תלמיד, דעם שפּעטערדיקן ביאַלער רבין, אין גן עדן און ווייזט אים דאָרטן דעם פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט בלויז פאַר זייביידן. און דער יונגער תלמיד, דערשראָקן פאַר זיין איינזאַמקייט אין די פּאַלאַצן פון גן עדן, רופט אויס: ״בעסער אין גיהנום מיט כל ישראל צוזאַמען, איידער דאָ איינער אַליין!״

אַ קינסטלער מעג זיך דערלויבן גרויסע פרייהייטן, און י.ל. פּרץ האָט די דאָזיקע פּריווילעגיע אין דער פולסטער מאָס אויסגענוצט. דערפאַר טאַקע איז די געשטאַלט פון דעם גרויסן מתנגד, און י. ל. פּרץ אַליין האָט דאָס אויסגעצייכנט געוווּסט, אַזוי איינזייטיק געשילדערט. ניין, אויך דער גרעסטער מתנגדישער גאון קען ניט פאַרברענגען איינער אַליין אין גן עדן! אַ מתנגדישער תלמיד חכם מוז דאַווענען מיט אַ מנין יידן, וואָרים ווו צען יידן קלייבן זיך צונויף קומט די שכינה צו זיי. זיצן ניין גאונים צוזאַמען, קענען זיי ניט דאַווענען בציבור; קומט אַריין אַ פּראָסטער ייד, אַ צענטער צום מנין, קומט די שכינה צוזאַמען מיט אים.

ווען דער גאון האָט אין זיינע יונגע יאָרן ״אָפּגעריכט גלות״ — ווערט דער־ציילט — האָט מיט אים פּאַסירט, אַז איין מאָל, ערב פּורים, האָט זיך די בויד, אין וועלכער ער איז געפאָרן, איבערגעקערט און ער האָט געמוזט אַוועקגיין צו פוס אין שטאָט. ווען ער איז געקומען אין בית מדרש, איז שוין געווען נאָכן לייענען די מגילה, און דער עולם איז זיך שוין געווען פונאַנדערגעגאַנגען. דער גאון איז אַרויס אין גאַס, צונויפגעקליבן ניין באַרוועסע אָרעמע יינגלעך, האָט יעדערן פון זיי באַצאָלט צו צוויי גילדן, זיי זאָלן מיט אים מיטגיין אין בית מדרש, כדי ער זאָל קענען לייענען די מגילה מיט אַ מנין. אָבער גלייך ווי דער גאון האָט אָנגעהויבן צו מאַכן די ברכות מיט גרויס כוונה, האָבן זיך די יינגלעך פאַנאַנדערגעלאָכט און זיינען זיך צעלאָפן. און זיין גאַנצן לעבן — ווערט ווייטער דערציילט — האָט זיך דער גאון דערפון מצער געווען, וואָס ער האָט איין מאָל געמוזט לייענען די מגילה ביחידות (אָן אַ מנין).

כאַראַקטעריסטיש פאַרן גרויסן מתנגדישן גאון איז גראָד זיין געוואַלדיקע זאָרג פאַר כלל ישראל, פאַרן יידישן כלל. דער חילוק צווישן דעם בעש״ט און דעם גאון באַשטייט גראָד דערין, וואָס דער בעש״ט האָט קודם כל געזען דעם איינצעלנעם יידן, דעם איינצעלנעם יידישן מענטשן אין זיין איינזאַמקייט, אין זיין הילפלאָזיקייט, בעת דער גאון האָט מער געווענדט זיין בליק אויף די ענינים פון כלל. דער בעש״ט האָט מערער געזען דעם יידן אין גלות, דער גאון האָט זיך אָבער באַזונדערס געזאָרגט וועגן דעם גורל פון יידישקייט אין גלות, פון דער תורה אין גלות. דער בעש״ט און דער גאון פאַרקערפּערן ביידע די בעסטע דעמאָקראַטישע אידעען אין יידישן לעבן. און ביידע האָבן זייער ציל דערגרייכט, הגם אויף פאַרשיידענע וועגן און מיט פאַרשיידענע מיטלען.

דער אמת איז, אַז אַ סך פון אונדזערע מאָדערנע שרייבער האָבן דעם טיפערן זין פון דער מחלוקת צווישן דעם גאון און דער חסידות־באַוועגונג ניט באַגריפן. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם גאון און זיי האָבן אויך ווייניק פאַרשטאַנען פון חסידות, ווי זי איז דעמאָלט געווען אין דערווירקלעכקייט. דער גאון איז ווייט ניט געווען אַזאַ שטרענגער פאַנאַטיקער, ווי מען שטעלט אים זיך פאָר. עס איז אינגאַנצן פאַלש צו שטעלן די פראַגע: ווער איז אין דער מחלוקת געווען דער גערעכטער צד? אין אידעישע קאָנפליקטן פאַסירט עס ניט זעלטן, אַזביידע צדדים זיינען גערעכט. סיי חסידים און סיי מתנגדים זיינען אַ רעזולטאַט פון דער גייסטיקער באַוועגלעכקייט, פון דעם שטאַרקן און אינטענסיוון אינערלעכן לעבן ביי יידן אין פוילן און רוסלאַנד אין יענער צייט.

די וווּנדערלעך שיינע דערציילונג ווי די תפילות זיינען אַרויף צום רבונו של עולם אין זכות פון דעם אָרעמען יינגלס פייפל, גיט אונדז צו פאַרשטיין דעם טיפן זין פון כוונה. דער יינגל האָט ניט געקענט דאַווענען, אָבער ער האָט געהאַט דעם שטאַרקן הייליקן ווילן מתפלל צו זיין. קיין ווערטער אין זיין מויל האָט ער ניט געהאַט, האָט ער עס געטאָן מיטן פייפל. און די דאָזיקע שטומע תפילה, איז, ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט, גיכער אָנגענומען געוואָרן ווי די תפילות פון די ווילקענעוודיקע און באַרעדעוודיקע.

דער בעש"ט האָט געוווּסט וואָס דאַווענען באַדייט. דער בעש"ט האָט געהאַלטן אַ וועלט פון תפילה, און ער האָט זיך דערפאַר געקענט פאַרגינען אַזוינס צו זאָגן. אָבער קען מען טאַקע מיט אַ פייפל דאַווענען? ווי וואָלט אויסגעזען דאָס יידישע לעבן, ווען יידישע ישובניקעס און אפשר אפילו שטאָטיידן אויך, וואָלטן ביי זיך געפּועלט, אַז זייערע קינדער קענען זיך באַגיין אָן תורה און אפילו אָן עברי? יידישע עלטערן האָבן זיך ממש מוסר נפש געווען צו געבן זייערע קינדער אַ יידישע דערציונג. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז ניט דאָס האָט דער בעש"ט געמיינט. ער האָט דאָס ניט געקענט מיינען. און ווען עס געפינען זיך מאָדערנע יידישע שרייבער, וועלכע פאַלן אַריין אין התפעלות, ווען זיי באַגעגענען אין דער חסידישער ליטעראַטור אַ מאמר קעגן די תלמידי חכמים און רבנים, האָבן זיי דעם אמתן זין פון חסידות ניט פאַרשטאַנען. וואָס וואָלטן, אַ שטייגער, מאָדערנע שריי־בער געזאָגט, ווען עס קומט אַ מליץ יושר פאַר דער היינטיקער יידישער יוגנט און פסקנט, אַז מען קען זיין אַ גוטער ייד מיט בייסבאָל און אַז אַ פייפל פון אַ פאַסטוך איז מער ווערט ווי די גאַנצע מאָדערנע יידישע ליטעראַטור? דער כוח פון חסידות איז באַשטאַנען גראָד דערין, וואָס זי האָט אין אמתן קיינמאָל ניט פאַרלאָזן דעם וועג פון דער יידישער טראַדיציע. און חסידים האָבן אפילו אָפּט נאָך געקעמפט מיט מער ברען און מיט מער מסירת נפש פאַר דער טראַדיציע פון יידישקייט ווי מתנגדים.

עס איז אויך אַ גרויסער טעות צו זוכן הינטער דעם אידעישן קאָנפליקט דער עיקר סאָציאַלע אָדער עקאָנאָמישע מאָטיוון. עס איז פאַרשפרייט די פאַרשטעלונג, אַז חסידות איז אין דער ערשטער שורה געווען אַ פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דער

הערשאַפט פון די רבנים און גבירים אין די קהילות בפרט און אין דעם יידישן לעבן בכלל. איז קודם כל נייטיק צו באַמערקן, אַז דער ווילנער גאון איז ניט געווען פאַרבונדן ניט מיט דער אינסטיטוציע פון רבנות און אוודאי ניט מיט דער פירערשאַפט אין די קהילות. עס איז, אגב, כאַראַקטעריסטיש, וואָס דעם גאונס שיטה האָט געפונען איר שטאַרקסטן אָפּקלאַנג אין דער אָרעמער ליטע, בעת די תורה פון חסידות האָט זיך גראָד פאַרפעסטיקט צווישן די מער פאַרמעגלעכע ישובניקעס און שטאָטיידן אין אוקראַינע. דאָ, אין דעם זאַטן דרום־רוסלאַנד, פלעגט מען זיך אפילו וויצלען אויפן חשבון פון די אָרעמע ליטוואַקעס: „אַ ליטוואַק — פלעגט מען דאָ זאָגן — קוילעט אויף שבת אַ הערינג". און די אָרעמע קבצנישע ליטע האָט הויך געהאַלטן די פאָן פון תורה, האָט געבויט ישיבות און האָט אָפּגעהיט די טראַדיציע פון גאון.

תורה איז גאָר אָפט ביי יידן געווען פאַרבונדן מיט אָרעמקייט. דאָס איז געווען דער וועג פון תורה פון די עלטסטע צייטן אָן. און אויך דער ווילנער גאון האָט אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין נויט און דחקות. עס איז דערפאַר אַבסאָלוט פאַלש צו ריידן וועגן דעם גאון ווי וועגן אַ גייסטיקן אַריסטאָקראַט, וואָס איז ווייט פון פאָלק און פאַרשטייט ניט די נייטן און זאָרגן פון פּשוטן פאָלקס־מענטשן. זיין תלמיד, ר' חיים וואָלאָזשינער, באַטאָנט גראָד די גרויסע באַשיידנ־קייט, די גרויסע עניוות פון דעם גאון. און ר' חיים וואָלאָזשינער האָט אַליין אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען ווי מקיים צו זיין די מיצווה פון באַשיידנקייט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געחתמעט אויף זיינע בריוו מיט זיין אָפיציעלן טיטל רב, אָדער ראש ישיבה פון וואָלאָזשין. אויף איין תשובה חתמעט ער זיך חיים במהרי"ץ המלמד... — איינער פון די גרעסטע תלמידי חכמים פון זיין דור, באַצייכנט זיך דער תלמיד פון גאון באשיידן מיטן טיטל „מלמד".

עס ווערט דערציילט, אַז די ווילנער קהילה האָט באַשטימט אַ באַשיידענע אונטערשטיצונג פאַרן גאון. דאָס געלט פלעגט מען אים איבערשיקן דורכן שמש פון קהל. האָט פּאַסירט, אַז אַ לענגערע צייט פלעגט דער שמש אים ניט איבער־געבן דאָס געלט. און הגם דעם גאונס פאַמיליע האָט געליטן אַ סך נויט, האָט ער פונדעסטוועגן די גאַנצע צייט געשוויגן, כדי ניט מבייש צו זיין דעם שמש. פאַר זיין גסיסה, ווערט דערציילט, האָט דער שמש זיך מודה געווען, אַז ער האָט דאָס געלט פון גאון צוגענומען פאַר זיך. דעם גאונס זון דערציילט, אַז גאָר אָפט פלעגט זיין פאָטער אָפּגעבן זיין לעצטן מאָלצייט אָדער זיינע איינציקע זאַכן פאַר אָרעמע. ער פלעגט באַזונדערס זאָרגן פאַר פּדיון שבויים, אויסלייזן געפאַנגענע, און פאַר אָרעמע יידישע טעכטער, וואָס האָבן זיך געניייטיקט אין נדן און אין הוצאות אויף דער חתונה. „איך דערמאָן זיך — שרייבט זיין זון — פון אַ יידן אַ תלמיד חכם פון קיידאַן (אַ שטעטל אין ליטע), וואָס האָט געהאַט אַכט טעכטער, און אַלע האָבן חתונה געהאַט מיט דער הילף פון מיין פאָטער דעם גאון, און ער האָט זיי אַלעמען באַזאָרגט מיט נדן און בגדים און אַלע הצטרכותן אויף דער חתונה, הגם ער איז ניט געווען זיינער אַ קרוב. און אַזוי האָב איך אויך געקענט אַ יידן אַ

צדיק, אַ תלמיד חכם און אַ גרויסן עניו, וואָס האָט געלעבט אין סלוצק, און אַלע זיינע קינדער האָבן חתונה געהאַט מיט דער הילף פון גאון".

גראַד די שטילע און פאַרבאַרגענע, די באַשיידענע לומדים און צדיקים, האָבן געהערט צו די נאָענטסטע פריינד פון דעם גאון. באַקאַנט איז באַזונדערס צווישן דעם גאונס מקורבים דער צדיק ר' ישעיה זוכאָוויצער, אַ דאָרפסייד, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן אין דער פאָלקס־לעגענדע ווי איינער פון די למד־וואָוו־צדיקים. צום גאונס קרייז האָט אויך געהערט דער פאַרבאַרגענער צדיק און מקובל ר' משה איוויער, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געצויגן זיין פרנסה אַלס מלמד ביי די ישובניקעס אין די דערפער. האָט אַ מאָל פּאַסירט, אַז ר' משה איוויער איז געזעסן אין בית מדרש און האָט געהערט ווי בעלי־בתים ריידן צווישן זיך, אַז דער בעדער פון שטעטל איז גאָר שווער קראַנק, האָט ר' משה זיך דאָס גענומען שטאַרק צום האַרצן. ווען ער איז נאָכן דאַוונען געקומען אַהיים, האָט ער באַמערקט ווי זיינע קינדער זיינען פריילעך און שפּילן זיך. "ווי קען אַ ייד זיין פריילעך — האָט ר' משה אויף זיי אָנגעשריען, ווען דער בעדער איז אַזוי קראַנק!"

וועגן דעם גאון גופא ווערט דערציילט, אַז ווען ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, האָט ער אונטערוועגס, פאַרבייפאָרנדיק די שטאָט בראָד, געשיקט אַ בריוו צו אַ ישובניק, אַ פאַרבאַרגענעם צדיק, וואָס מען האָט אים גערופן "ליב גאָטס בהמהלע", וואָרים ער האָט אויסגעוויזן "ווי אַ פּראָסטער מענטש און אַ גרויסער שוטה". דער גאון האָט מיט אים צוזאַמען געוואָלט גיין קיין ארץ ישראל.

ניין, ניט לומדישע גאווה און אוודאי ניט די אינטערעסן פון גבירים און קהל־פירער האָבן געשטויסן דעם גאון זיך אַקעגנשטעלן דער חסידות־באַוועגונג. עס איז געווען פוןביידע זייטן אַ אידעישער קאַמף, אַ מחלוקת לשם שמים.

דעם ווילנער גאון איז גראַד באַשערט געווען צו לעבן אין אַ צייט, ווען דער גרעסטער יידישער צענטער האָט זיך אָנגעהויבן צו צעברעקלען. אין 1772 איז פאָרגעקומען די ערשטע צעטיילונג פון אַלטן פוילן. אין דער זעלביקער צייט האָבן זיך אין מערב אייראָפּע אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע שפּראָצן פון דער רעפאָרם־באַוועגונג. די יידישע קהילות האָבן זיך געהאַלטן ביים צעפאַלן. דער "וועד ארבע ארצות", די צענטראַלע אינסטיטוציע פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, איז שוין פריער ליקווידירט געוואָרן. וואָס וועט ווערן פון יידן און וואָס וועט ווערן פון יידישקייט, אויב דער פרעסטיזש פון דער תורה וועט ניט אָנגעהאַלטן ווערן אין דער פולער מאָס? דאָס איז געווען די הויפּטזאָרג פון דעם גאון.

יידן קענען האָבן ניט מער ווי איין תורה. און די תורה מוז אַרומנעמען אַלץ, וואָס אַזוי פיל דורות יידן האָבן געשאַפן. און דער גאון האָט טאַקע קיין שום זאַך ניט אויסגעלאָזן. ער האָט געלערנט תנ"ך ניט ווייניקער ווי משנה און גמרא, קבלה־ספרים ניט ווייניקער ווי פוסקים און שולחן ערוך. ניט געווען קיין ווינקל פון יידישער חכמה און יידישער תורה, וואָס דער גאון האָט פאַרנאַכלעסיקט. און דעם גאונס תלמיד, ר' חיים וואָלאָזשינער, האָט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה איינגעפירט דעם מינהג צו לערנען יעדן טאָג אַ פרשה חומש. אַ גאַנצע תורה פאַר

אַ גאַנץ פֿאָלק, מוז די תורה זיין גאַנץ און דאָס פֿאָלק זיין גאַנץ. מוז די תורה אויסגעלייזט ווערן פון גלות נאָך איידער דאָס פֿאָלק ווערט אויסגעלייזט פון גלות. האָט דערפֿאַר דער גאון מיט זיינע תלמידים געלערנט ניט נאָר אַלע דינים און מצוות, וואָס אַ ייד קען אָפּהיטן אין גלות, נאָר אויך אלע דינים און מיצוות, וואָס יידן דאַרפֿן אָפּהיטן אין ארץ ישראל. און דער גאון אַליין האָט אָנגעהויבן פּראַקטיש אָפּצוהיטן די מיצוות, וואָס זיינען געווען פֿאַרבונדן מיטן יידישן לעבן אין ארץ ישראל און וואָס זיינען מיט דער צייט בטל געוואָרן. ער האָט געשריבן פּירושים צו די טיילן פון דער משנה און תלמוד, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט די מיצוות התלויות בארץ. דער גאון האָט טיף געגלויבט אין דער נאָענט־קייט פון דער גאולה. און זיין ספר וועגן דער געאָגראַפֿיע פון ארץ ישראל (צורת הארץ) האָט פֿאַר אים געהאַט ניט נאָר אַ טעאָרעטישן ווערט. אין דעם זעלביקן ספר פֿאַרנעמט זיך דער גאון אויך מיטן פּלאַן פון בית המקדש (תכנית הבית), און בלי ספק שטעקט דאָ אויך אַ מיסטיש־משיחישע כוונה. איין תורה און איין פֿאָלק, דאָס איז געווען די עיקר־אידעע פון דעם גאון. און דאָס האָבן זיינע תלמידים פּרובירט פֿאַרווירקלעכן.

ר׳ ישראל בעל שם טוב

דעם ערשטן טאָג שבועות ווערן צוויי הונדערט יאָר זינט דער בעש״ט (ר׳ ישראל בעל שם טוב) איז נפטר געוואָרן.

מיר ווייסן זייער ווייניק וועגן דעם לעבן פון ר׳ ישראל בעל שם טוב. קיין ספרים האָט דער שעפער פון חסידות ניט איבערגעלאָזן. ער האָט אָבער איבער־געלאָזן אַ גרעסערע צאָל תלמידים און גאָר אַ סך חסידים. אין אַ קורצער צייט האָט די חסידות־באַוועגונג זיך פאַרשפּרייט איבער די פאַרשיידנסטע יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע. געווען אַ צייט אפילו, ווען עס האָט אויסגעוויזן, אַז חסידות קען אַריינברענגען די געפערלעכסטע שפּאַלטונגען אין יידישן לעבן. אָבער חסידות איז געבליבן פאַרבונדן מיטן יידישן כלל און האָט אַ סך באַרייכערט דאָס יידישע לעבן.

חסידות קען באַצייכנט ווערן ווי אַ רעוואָלוציע אין דעם יידישן וועג, אָבער אַ רעוואָלוציע וואָס האָט גאָרניט צעשטערט. עס איז אויך זייער וואָרשיינלעך, אַז גראָד די שאַרפע אָפּאָזיציע מצד דעם ווילנער גאון, און די מתנגדישע קרייזן בכלל, האָט אַ סך מיטגעהאָלפן כדי חסידות זאָל ניט אַוועקגיין אויף צו עקסטרעמע וועגן.

ר׳ ישראל בן אליעזר איז געבוירן געוואָרן אַרום דעם יאָר 1700 אין אַ שטעטל אין פּאָדאָליע אויפן גרענעץ צווישן דעמאָלסדיקן פּוילן און טערקיי. ער איז פרי געוואָרן אַ יתום, געווען אַ צייט אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד. די חדר־יינגלעך האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט. ווען ער פלעגט מיט זיי גיין, פלעגט ער זיי פירן מיט געזאַנג. שפּעטער איז דער יונגער ר׳ ישראל געוואָרן אַ שומר אין בית מדרש. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט ער פאַרלאָזן די שטאָט און האָט זיך באַזעצט אין אַ קהילה ביי בראָד. דאָרט איז ער געוואָרן אַ מלמד. נאָכדעם ווי ר׳ ישראל האָט חתונה געהאַט מיט דער שוועסטער פון דעם תלמיד חכם ר׳ גרשון קיטאָווער פון בראָד, האָט ער זיך באַזעצט אין אַ דאָרף אין די קאַרפּאַטן. דאָ האָט ער פאַר־בראַכט יאָרן אין איינזאַמקייט. קיינער האָט ניט געוווּסט פון זיין צדקות און זיינע הויכע מדרגות. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ פּראָסטאַק. ערשט ווען ר׳ ישראל איז אַלט געוואָרן זעקס און דרייסיק יאָר, דערציילט די חסידישע אגדה, איז געקומען זיין צייט אַנטפּלעקט צו ווערן פאַר דער וועלט. דער דור האָט זיך גענייטיקט ניט אין אַ פאַרבאָרגענעם צדיק, נאָר אין אַ צדיק, וואָס זאָל זיך אַנטפּלעקן פאַרן פּשוטן מענטשן, וואָס זאָל אים לערנען און ווייזן דעם ריכטיקן

וועג אין יידישקייט און וואָס זאָל אים העלפֿן אין זיינע זאָרגן פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן. ר׳ ישראל בן אליעזר ווערט איצט ר׳ ישראל בעל שם טוב. ער פֿאָרט אַרום פֿון שטאָט צו שטאָט, פֿון ישוב צו ישוב, זיין נאָמען ווערט גרויס, די צאָל פֿון זיינע חסידים האַלט כסדר אין וואַקסן און אויך אַ צאָל תלמידי חכמים קומען צו אים. זיי ווערן זיינע תלמידים. זיינע לעצטע יאָרן האָט דער בעש״ט פֿאַרבראַכט אין מעזיבוזש.

דער כוח פֿון בעל שם טוב איז באַשטאַנען דער עיקר דערין, וואָס ער האָט ווידער אויסגעלערנט דעם יידישן מענטשן דאַוונען. ער האָט דעם יידישן מענטשן ווידער אויסגעלערנט זיך דורכצורײדן מיטן טאַטן אין הימל.

דאָס הייסט ניט, אַז יידן האָבן, חס ושלום, אין דער צייט פֿון בעש״ט אויפֿגעהערט דאַוונען. אוודאי האָבן יידן געדאַוונט, אָבער עפּעס האָט געפֿעלט אין דעם דאַוונען. אַ חסידישע אגדה דערציילט:

עס איז געווען איין מאָל ערב יום כיפּור, דער בעש״ט האָט געזען, אַ ס׳איז דאָ אַ גרויסער קיטרוג אויף יידן, מען זאָל ביי זיי, חס ושלום, ניט צונעמען די תורה שבעל פּה. (דאָס איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט אין פּוילן געפֿירט אַ פּראָצעס קעגן דעם תלמוד). יום כיפּור, האָט דער בעש״ט געזען, אַז דער קיטרוג ווערט נאָך גרעסער. האָט ער זיך געשטעלט דאַוונען נעילה מיט גרויס געוויין. ווען עס איז געקומען צו די ווערטער: ״שערי שמים פּתח!״ — עפֿן די טויערן פֿון הימל — איז ער שטיל געוואָרן, האָט אָנגעהויבן צו מאַכן משונהדיקע באַוועגונגען, אַזוי, אַז דער עולם איז דערשראָקן געוואָרן. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אויסגעגלייכט און האָט גיך געענדיקט נעילה.

מוצאי יום כיפּור — דערציילט ווייטער די חסידישע אגדה — איז דער עולם געקומען צו אים. מען האָט אים געפֿרעגט, וואָס איז אַזוינס געשען? האָט דער בעש״ט געענטפֿערט: בעת דער תפֿילה פֿון נעילה איז ער אַרויף אין הימל און איז געגאַנגען פֿון איין היכל צום צווייטן, ביז ער איז געקומען אין דעם היכל, וואָס פֿון דאָרט איז געווען בלויז איין טויער, און דער טויער האָט געפֿירט צו גאָט ברוך הוא. און אין דעם היכל — האָט דער בעש״ט דערציילט — האָב איך געפֿונען תפֿילות, וואָס זיינען שוין דאָרט געווען פּופֿציק יאָר, ווייל זיי האָבן ניט געקענט אַרויפֿקומען צו גאָט ברוך הוא. און איצט זיינען אַלע תפֿילות פֿון די פֿופֿציק יאָר געגאַנגען צוזאַמען מיטן בעש״ט, אָבער דער טויער איז געווען פֿאַרשלאָסן. איז דער בעש״ט אַוועק מיט גרויס רעש צו דעם היכל פֿון משיחן. האָט משיח צדקנו צו אים געזאָגט: דו דאַרפֿסט ניט שרייען! און ער האָט אים געגעבן צוויי אותיות, און דער טויער האָט זיך געעפֿנט און אַלע תפֿילות זיינען געקומען פֿאַר גאָט ברוך הוא. אין זכות פֿון די אַלע תפֿילות איז די גזירה בטל געוואָרן.

אָט די אגדה זאָגט אונדז זייער אַ סך וועגן דעם וועג פֿון ר׳ ישראל בעל שם טוב און פֿון חסידות בכלל.

דאָס פאָלק האָט געדאַווענט, די פירער פון פאָלק האָבן געדאַווענט, אָבער די טויערן פון הימל האָבן זיך ניט געעפנט. די תפילות זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן. דער זעלבער מאָטיוו ווערט אויף אַנדערע אופנים איבערגעחזרט אין פאַרשיידענע אגדות. עס ווערט אויך דערציילט וועגן דער התלהבות מיט וועלכער דער בעש״ט האָט מתפלל געווען. בעתן דאַווענען פלעגט ער ווערן אַן אַנדער מענטש און די גאַנצע נאַטור האָט מיט אים געדאַווענט.

דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע פירט זיך דער וויכוח: וואָס איז וויכטיקער, תורה אָדער תפילה, לערנען אָדער דאַווענען? סיי תורה און סיי תפילה געהערן צו דעם דיאַלאָג, צו דעם שמועס צווישן גאָט און פאָלק. צווישן דעם יידישן מענטשן און דער שכינה, כביכול. די תורה ברענגט גאָטס וואָרט צום מענטשן. מיט דער תפילה קומט דער מענטש מיט זיין וואָרט צו גאָט ברוך הוא. דאָס לעבן, די געשיכטע, איז לויט דעם יידישן צוגאַנג, אַ באַגעגעניש צווישן גאָט און מענטש. עס טרעפן אָבער צייטן, ווען ווי אַ וואַנט וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דעם באַשעפער און דעם מענטשן. די תפילות דערגייען ניט צו די הימלען, די פאַרבינדונג צווישן מענטשן און גאָט ווערט געשטערט. אַ טרויער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער וועלט און מענטשן פילן זיך ווי פאַריתומט. זיי ווייסן ניט ווי צו קומען מיט זייער וואָרט צום טאַטן אין הימל.

די צייט, אין וועלכער דער בעל שם טוב האָט געלעבט און געווירקט, איז געווען אַ צייט פון גרויסער מאַטעריעלער נויט און גרויסער גייסטיקער צערודער־רונג. דאָס איז באַזונדערס ריכטיק פאַר די יידישע ישובים אין אוקראַיִנע, וווּ יידן זיינען נאָך ניט געקומען צו זיך נאָך די טראַגישע שחיטות אין די צייטן פון כמעלניצקי, ימח שמו (די גזירות ת״ח ות״ט). דאָ, אין אוקראַיִנע, זיינען נאָך אויך פאַרבליבן רעשטלעך פון די שבתי צביניקעס. אין דער צייט פון ר׳ ישראל בעל שם טוב איז פאָרגעקומען די גרויסע מחלוקת מיט די פראַנקיסטן, וועלכע האָבן געפירט אַ פאַרביטערטע מלחמה קעגן דעם תלמוד. אין דער חסידישער אגדה, וואָס מיר האָבן פריער ציטירט, ווערט אָנגעוויזן אויף אָט די בלבולים קעגן דעם תלמוד מצד די פראַנקיסטן און אויף דער געפאַר פאַרן תלמוד.

אין אָט דער צייט פון דער גרעסטער גייסטיקער צערודערונג אין דער יידישער וועלט איז געקומען דער בעש״ט און גענומען לערנען דאָס פאָלק דאַווענען, גענומען לערנען דעם פאָלקסמענטש זיך ווידער דורכצורייִדן מיטן טאַטן אין הימל. דער בעש״ט האָט געלערנט דעם יידישן מענטשן ווי צו דאַווענען. ער האָט דעם מענטשן געוויזן, ווי תפילה קען אים ווידער דערנענטערן צו זיין באַשעפער. תפילה דאַרף זיין מיט כוונה, תפילה דאַרף זיין מיט התלהבות. די חסידישע דערציילונגען זיינען פול מיט מאָטיוון פון תפילה.

דער העלד פון דער אַלטער חסידישער לעגענדע איז על פי רוב דער ישובניק, דער דאָרפסייד. אין דאָרף האָט דער בעש״ט דערזען די גאַנצע טראַ־געדיע פון דעם איינזאַמען יידן אין גלות. און עס איז באמת אַ וווּנדער, ווי דער

ייד אין דאַרף האָט באַוויזן אויפצוהיטן זיין גלויבן, אויפצוהיטן אַ יידישע היים — די תורה פון בעל שם טוב איז אין דעם פּרט געווען אַ גרויסע הילף.

דער בעל שם טוב האָט דעם יידן געלערנט, אַז מען קען אומעטום דאַוונען, אַז "מלא כל הארץ כבודו", פול איז די גאַנצע וועלט מיט געטלעכקייט. אויך דער איינצעלנער ייד, ווו ער זאָל ניט זיין, איז קיינמאָל ניט אַליין; אומעטום און אַלע מאָל איז די שכינה מיט אים.

די פראַגע איז דעריבער ניט — ווו מען דאַוונט, נאָר ווי מען דאַוונט. עס קען אפילו פּאַסירן, אַז אין בית מדרש ווערן די תפילות פאַרהאַלטן. דער בית מדרש ווערט פול מיט תפילות, ווייל די טויערן פון הימל זיינען פאַרשלאָסן. קומט אָבער אין בית מדרש אַן עם הארץ, אַ ישובניק, און ער זאָגט זיין תפילה מיט האַרץ, מיט כוונה, מיט ליבע צום באַשעפער, גייט אַרויף זיין תפילה צום הימל און אַלע אַנדערע תפילות קומען מיט.

דער געדאַנק פון "מלא כל הארץ כבודו" איז אייגנטלעך ניט געווען קיין נייעס, אָבער ר' ישראל בעל שם טוב האָט דעם ענין פאַרטיפט. ער האָט דערפון געמאַכט אַ יסוד פון יידיש לעבן. אויב גאָט איז אומעטום און די שכינה איז תמיד מיט אונדז, טאָר מען ניט זיין פאַרצווייפלט, בפרט ווען מען האָט דעם גרויסן זכות צו דינען דעם בורא. דאַרף מען דאַוונען מיט שמחה, דאַרף מען אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם טרויער, די עצבות. אָבער דאָ קומען מיר צו דער פראַגע: אויב די געטלעכקייט איז אומעטום, פון וואַנען נעמט זיך רישעות אויף דער וועלט? פון וואַנען נעמט זיך אַזוי פיל זינד? אויך דאָ האָט ר' ישראל בעל שם טוב געהאַט זיין אייגענעם וועג.

דער רבי און די חסידים

פאַראַן אַ פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז חסידות איז געווען אַ דעמאָקראַטישע באַוועגונג, וואָס האָט פּראָטעסטירט קעגן דער פּירערשאַפט פון דער לומדיש־רבנישער אַריסטאָקראַטיע. איך גלויב, אַז דאָס וואָרט דעמאָקראַטיע איז אין דעם פאַל ניט אויפן ריכטיקן פּלאַץ. עס לאָזט זיך ניט באַווייזן, אַז די חסידישע פּירער־שאַפט, למשל, איז געווען מער דעמאָקראַטיש ווי די מתנגדישע פּירערשאַפט. דער אמת איז, אַז די חסידישע אמונה אין רבין האָט געלאָזן גאָר ווייניק פּלאַץ פאַר פרייער קריטיק, בעת דער מתנגדישער רב האָט זיך אַ סך מער געמוזט רעכענען מיט די מיינונגען און שטימונגען פון זיין קהילה. די אויטאָריטעט און די גייסטי־קע השפעה פונם רבין זיינען געוויינטלעך געווען אַ סך גרעסער ווי די אויטאָרי־טעט און די השפעה פון דעם רב. חסידישע רבנים האָבן אפילו אָפט באַשטימט ווער עס זאָל זיצן אויפן כסא הרבנות אין דער אָדער יענער קהילה.

דאָס וואָרט דעמאָקראַטיע איז דעריבער ניט די ריכטיקע באַצייכענונג פאַרן גייסט פון חסידות. עס איז אָבער דורכויס ריכטיק, אַז חסידות האָט זיך אויסגע־

צייכנט מיט א באַזונדערער וואַרעמקייט, מיט ברידערלעכקייט. און אַט די משפּחהדיקייט איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַציִונגען צווישן דעם רבין און זיינע חסידים.

דעמאָקראַטיע אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט איז ביי מתנגדים, גלויב איך, געווען מער ווי ביי חסידים. געווען אין אַ סך קהילות געגוג לומדים, וואָס האָבן זיך געקאָנט דורכשמועסן מיטן רב אין תורה און זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אפילו אַרויסצוזאָגן זייער אייגענע מיינונג. אין דער חסידישער וועלט אָבער האָט דער רבי פאַרנומען גאַר אַ באַזונדערן פּלאַץ. דער רבי איז געווען דער צדיק, און אַ מאָל אפילו דער "צדיק יסוד עולם", דער צדיק וואָס אויף אים האַלט זיך די וועלט. מען קאָן ניט צוגיין צום צדיק מיט אַ קריטישער מאָס, דער צדיק איז העכער פון קריטיק.

עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דער גלויבן אין דעם צדיק איז אַ שפּעטערדיקע דערשיינונג אין חסידות. דאָס איז אַ טעות. די געשטאַלט פון דעם צדיק איז אַן עיקר אין חסידות. איך גלויב ווייטער, אַז דער באַקאַנטער דענקער און געלערנטער מאַרטין בובער איז אינגאַנצן גערעכט, ווען ער ווייזט אָן אויף דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג צווישן דעם רבין און דער געמיינדע פון די חסידים. געווען ביי יידן אַ גלויבן אין פאַרבאָרגענע צדיקים, די למד־וואָווניקעס, וואָס אויף זיי האַלט זיך די וועלט; חסידות האָט אונדז געבראַכט דעם צדיק, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט, כדי צו פירן זיין געמיינדע.

דאָס 18טע יאָרהונדערט איז געווען אַ צייט פון שטאַרקסטן אומרו אין דער יידישער וועלט. די אָפיציעלע יידישע קהילה־אינסטיטוציעס האָבן צוליב אַ רייע סיבות פאַרלוירן זייער פּרעסטיזש. אויך די אינסטיטוציע פון רבנות האָט פאַרלוירן אַ סך פון איר גלאַנץ. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס סיי ר' ישראל בעל שם טוב, דער באַגרינדער פון חסידות, און סיי דער ווילנער גאון, דער פירער פון די מתנגדים, האָבן ניט פאַרנומען קיין שום אָפיציעלע אַמטן אין יידישן קהילה־לעבן. זיי זיינען ניט געווען קיין פּרנסים און ניט קיין רבנים. עס איז געווען אויסשליסלעך זייער פּערזענלעכער פּרעסטיזש, וואָס האָט זיי פאַרשאַפט אַזאַ אויטאָריטעט און אַזוי פיל אָנערקענונג אין דער יידישער וועלט. דאָס פאָלק האָט געזוכט לערער און וועגווייזער, און די חסידות־באַוועגונג האָט גראָד באַוויזן אַרויסצוגעבן לערער און וועגווייזער, וואָס האָבן פאַרשטאַנען די שפּראַך פון פאָלק.

ר' יעקב יוסף פון פּאָלאָנאָיע, דער תלמיד פון בעש"ט, שרייבט אין זיין ספר תולדות יעקב יוסף: אַ מענטש דאַרף זיך ניט איינגעוווינען צו זיצן טאָג און נאַכט און לערנען, נייערט ער דאַרף אויך פאַרברענגען מיט מענטשן, וואָרים ווען ער באַגעגנט זיך מיט מענטשן, קאָן פּאַסירן, ער זאָל זען וואָס מען דאַרף פאַרריכטן (מה שצריך תיקון), און ער וועט אויך באַוויזן מקרב צו זיין די מענטשן צו דינען דעם בורא.

פאַרברענגען מיט פשוטע מענטשן צוזאַמען, טענהן די חסידישע מנהיגים, איז ניט קיין ביטול תורה, און ריידן מיט פשוטע מענטשן איז ניט סתם זיך פאַרנעמען מיט פוסטע זאַכן, מיט דברים בטלים. גראַד מיט אַזעלכע וואַכעדיקע און פשוטע רייד קאָן מען דינען גאָט ברוך הוא.

דאָ האָבן מיר דעם שליסל צו דער חסידישער פירערשאַפט.

די חסידישע דענקער האָבן געגלויבט, אַז מען טאָר ניט איבערטרייבן אפילו מיט דער מידה פון עניוות. דער צדיק דאַרף וויסן, אַז זיין שליחות איז אַ גרויסע. דאָס פאָלק נייטיקט זיך אין אים. דאָס פאָלק איז דאָך דער עיקר פאַרטאָן אין גשמיות, אין וואָכעדיקייט. ערשט דורך דער רוחניותדיקייט פון דעם צדיק ווערט דאָס גאַנצע פאָלק דערהויבן. דערצו איז נייטיק, אַז דער צדיק און זיין געמיינדע זאָלן זיין צוזאַמען, אַז דאָס פאָלק זאָל ניט פאַרלירן זיין אמונה אין די צדיקים, צוליב דעם טעם איז עס אַ גרויסע מיצווה צו דערציילן די וווּנדער פון די צדיקים. ״ווער עס דערציילט די ווונדערלעכע געשיכטעס פון די צדיקים, ווערט איבערגע־געבן אין נאָמען פון בעל שם טוב, איז געגליכן ווי ער וואָלט געלערנט די פאַרבאָרגנסטע סודות פון דער תורה (כל המספר בשבחי צדיקים כאילו עוסק במעשה מרכבה).

די חסידים נייטיקן זיך אין דעם רבין און דער רבי נייטיקט זיך אין די חסידים. ״די וועלט איז געגליכן צו אַ לייטער, זאָגט אונדז ר׳ יוסף פון פּאָלאָנאָיע, דאָס פשוטע פאָלק שטייט אויף דער ערד, זיי זיינען די פיס פון דעם לייטער, און די תלמידי חכמים זיינען דער שפּיץ פון דעם לייטער, ווי עס שטייט געשריבן אין חומש: און זיין שפּיץ דערגרייכט ביז צום הימל״. כדי דער צדיק זאָל זיך פאַר־בינדן מיט זיין עדה, מיט די פשוטע יידן, מוז ער זיך אָפּט אויפפירן ווי א פראָסטער ייד, כדי ער זאָל קאָנען אויפהייבן די פשוטע מענטשן אויף אַ העכערע מדרגה. די ראָל פון דעם רבין אין דער חסידישער וועלט פאַרדינט אונדזער גרעסטן אינטערעס. דער טראַדיציאָנעלער יידישער וועג איז אייגנטלעך אַן אַנדערער. יידישקייט האָט ניט קיין סך פון פאַרמיטלער צווישן דעם מענטשן און דעם באַשעפער. יעדער ייד דאַרף קאָנען דאַוונען, יעדער ייד דאַרף קאָנען קומען מיט זיין תפילה פאַרן טאַטן אין הימל. און דאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז דאָ אַ פּלאַץ פאַר אַ לערער און וועגווייזער, וואָס איז אויך אין דער מדרגה פון אַ פאַרמיטלער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די חסידישע געמיינדע און דער רבי צוזאַמען בילדן מיט זיך גאָר אַ באַזונדערן כוח, אַז צוזאַמען מיטן רבין איז גרינגער אויפצוהאַלטן יידישקייט.

געוואָען אַ מערקווערדיקע בענקעניש אין דער יידישער וועלט, אַ בענקעניש נאָך מלכותדיקייט, נאָך קעניגלעכן גלאַנץ, נאָך עפּעס וואָס פאַרבינדט מלכות שמים, דאָס קעניגרייך פון הימל, מיט מלכותדיקייט אויף דער ערד. דער רבי איז געגליכן צו אַ מלך, אָדער אַ כהן גדול. זיצן ביים רבין איז געגליכן ווי מען וואָלט געזעסן אין בית המקדש, דעם רבינס טיש איז געגליכן צו אַ מזבח און די מאכלים ביים רבינס טיש זיינען געגליכן צו די הייליקע קרבנות אין בית המקדש.

דער ייד אין גלות האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער אויסשטראַלונג פון פּראַכט און מאַיעסטעט. דער חסיד האָט זיך געקאָנט אויפריכטיק פרייען, ווען ער האָט געזען די רחבותדיקייט אין אַ חסידישן הויף. ניט געווען דאָ קיין סימן פון קנאה, פּונקט ווי דער ענגלענדער, למשל, פרייט זיך און איז שטאָלץ מיט זיין קעניגלעכער פאַמיליע, מיט דער פּראַכט און מאַיעסטעט פון ענגלישן קעניגטום. דער רבי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די העכסטע מדרגה פון מלכותדיקער מאַיעסטעט, ווי די שכינה, כביכול, וואָלט אויף אים גערוט. האָבן דעריבער חסידים זיך דערפילט אין אַ העכערער וועלט, ווען זיי זיינען זוכה געווען צו פאַרברענגען צוזאַמען מיטן רבין.

יחזקאל קאָטיק דערציילט אין זיינע זכרונות: זיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ הייסער חסיד, האָט אַ צייט געלעבט אין אַ דאָרף. „אויפן טאַטנס פּנים איז געלעגן אַ באַהאַלטענע מרה שחורה, וואָס ער איז פאַרשטויסן געוואָרן פון שטאָט, פון זיין חסידים-שטיבל, ווו עס איז באמת געווען פריילעך און האַרציק”. איין מאָל, ס׳איז געווען אַרום ראש השנה, דערציילט יחזקאל קאָטיק, האָט זיין פאָטער זיך „פאַרבענקט נאָכן רבין”. איבערלאָזן אין אַזאַ צייט די גאַנצע ווירטשאַפט אויף די פעלדער, איז געווען אוממעגלעך. „דעם טאַטן האָט זיך אָבער פאַרבענקט נאָכן רבין... און נישט קוקנדיק דערויף, וואָס עס ברענט די אַרבעט, וואָס איין אַרבעט יאָגט די צווייטע... וואָס די צייט איז אַ געדריקטע, און אַ הונדערטער איז פּשוט אָן עולם ומלואו, איז ער דאָך אַוועקגעפאָרן קיין סלאָנים. געקומען איז ער אַהיים פאַר יום כיפור און האָט געפונען ביי זיך אין הויף זייער אַ שיינע אָרדענונג”.

דער היזק פאַר דער צייט, וואָס יחזקאל קאָטיקס פאָטער האָט פאַרבראַכט ביים רבין אין סלאָנים, האָט באַטראָפן אַרום זיבן הונדערט רובל, פאַר יענער צייט אַ געוואַלדיקע סומע. דער זון, אַ מתנגד, האָט עס ניט געקאָנט פאַרשטיין. ווען ער האָט אים שפּעטער געפרעגט: טאַטע! צו וואָס האָסטו עס באַדאַרפט? וויל מען פאָרן, קלייבט מען אויס אַ בעסערע צייט. האָט דער פאָטער „מיט אַ מאָדנער טריבער פאַרבענקטהייט אַ קוק געטאָן אויף מיר:

„דו ביסט קיינמאָל קיין חסיד ניט געווען, ווייסטו נישט, וואָס הייסט פאָרן צום רבין. נישטאָ קיין גרעסערער תענוג. דער רבי גיט כוחות צו לעבן...”

דער רבי גיט כוחות צו לעבן, דאָס איז דער סוד פון חסידות.

די פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר אונדז אין דער איצטיקער צייט זיינען אַנדערע. מיר מוזן היינט זוכן נייע וועגן און נייע ענטפערס. מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט דער בעש״ט געפונען דעם וועג צום געמיט פון יידישן מענטשן, באַזונדערס צו דעם געמיט פון דעם פּשוטן יידישן מענטשן. היינט איז אונדזער פּראָבלעם אַ סך קאָמפּליצירטער. אין דער ערשטער שורה מוזן מיר היינט געפינען דעם וועג צום געמיט פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס ווערט מער און מער פאַרכאַפּט פון דעם שטראָם פון אַסימילאַציע. דער אמת איז, אַז די אויפגאַבן פון אונדזער צייט קענען ניט געלייזט ווערן דורך די אָנשטרענגונגען פון איין

איינצעלנעם מענטשן, און אפילו ניט דורך איין שיטה. מיר נייטיקן זיך היינט, גלויב איך, אין אַ בשותפותדיקער אַרבעט פון אַ צאָל גרויסע דענקער פון פאַר־שיידענע ריכטונגען. מיר נייטיקן זיך אין דענקער ווי דער רמב"ם, ווי דער בעש"ט און אויך אין דענקער לויטן מוסטער פון ר' ישראל סאַלאַנטער. מיר מוזן אַנטדעקן פאַר זיך אַליין און פאַר דער וועלט דאָס ליכט פון יידישקייט אין אַלע אירע אויסשטראַלונגען. יידישקייט איז אַ וועג פון דענקען, אַ וועג פון לעבן און דער עיקר — אַ וועג פון צוזאַמענלעבן. דאָס איז די סאַמע שווערסטע אויפגאַבע — ווי מאַכט מען מעגלעך אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן צווישן מענטשן? אין דעם פרט קען דער וועג פון חסידות אונדז אַ סך לערנען. חסידות האָט באַוויזן אַריינ־צוברענגען ברידערלעכקייט אין דעם קרייז פון דער חסידישער געמיינדע. דערפאַר איז די תורה פון חסידות אויך פאַר אונדז היינט נאָך אַ תורה פון לעבן און דער עיקר אַ תורה פון לעבן צוזאַמען.

ר׳ חיים וואלאזשינער און זיין ישיבה

וואָס איז פאַר אונדז געווען וואָלאָזשין? וואָס פאַר אַ ראָל האָט די גרויסע וואָלאָזשינער ישיבה, דער באַדייטנדסטער צענטער פון תורה במשך פון אַ יאָר־הונדערט געשפּילט אין יידישן לעבן? וואָס איז בכלל געווען די ראָל פון די ישיבות און די ישיבה־תּלמידים אין גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אונדזער פאָלק? עפּעס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די עצם עקסיסטענץ פון גרויסע ישיבות, אַז דער פאַקט וואָס טויזנטער און טויזנטער בחורים און יונגע לייט האָבן פאַרבראַכט זייערע בעסטע יאָרן ביי דער גמרא, איז ניט מער ווי אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט. ווי האָט עס דען געקענט זיין אַנדערש?

דער אמת איז אָבער, אַז עס האָט יע געקענט זיין אַנדערש! דערציען אַ יונגן דור לערער און גייסטיקע פירער איז ניט אַזאַ פּשוטע זאַך, איז גאָר ניט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך!

אויפהיטן און איבערגעבן אַ גייסטיקן פאַרמעגן פון דור צו דור איז איינע פון די שווערסטע אויפגאַבן. און דער נס פון יידישן קיום ערקלערט זיך אין גאָר אַ גרויסער מאָס מיט דעם, וואָס אונדזער פאָלק האָט באַוויזן אויף אַ גליקלעכן אופן צו לייזן אָט די אויפגאַבע. די נביאים האָבן געהאָט זייערע תלמידים, די בני נביאים. און די גייסטיקע יורשים פון די נביאים, די יידישע פירער אין דער צייט פון בית שני, האָבן עס באַטראַכט פאַר איינע פון די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען צו דערציען דורות פון תלמידים (והעמידו תלמידים הרבה). אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די תורה שבעל פה, אַזוי איז די יידישע טראַדיציע איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל און פון דור צו דור.

וואָלאָזשין איז דער סימבאָל פון אַ נייער תקופה אין דער יידישער געשיכטע. אין דער עלטערער צייט זיינען די גרויסע ישיבות, די צענטערס פון תורה, געווען פאַרבונדן מיט די גרעסערע קהילות, ווי קראָקע, לובלין, לעמבערג, פּויזן, א.אַז.וו. דאָ האָבן במשך פון דורות געלעבט און געווירקט די גרויסע רבנים און ראשי ישיבות, ווי דער רמ״א, דער מהרש״ל, דער מהר״ם מלובלין און אַנדערע. גאָר אַנדערש איז עס געווען אין נייצנטן יאָרהונדערט. די גרויסע שטאָט איז מער ניט געווען קיין גינסטיקער פּלאַץ פאַר תורה. די צענטערס פון חסידות און די גרויסע ישיבות וואַנדערן אַריבער אין די קלענערע שטעט. עס לויכטן אויף די נעמען פון מיר און וואָלאָזשין, פון קאָצק און גער, פון ליאַדי און ליובאַוויטש, פון טעלז און סלאָבאָדקע. דאָ, אין די קליינע און אָרעמע יידישע שטעטלעך, איז נאָך

במשך פון צוויי יאָרהונדערטער ווייטער געשפּונען געוואָרן דער פאָדעם פון תורה און טראַדיציע.

דער גרינדער פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, ר׳ חיים וואָלאָזשינער, האָט געהאַט אַלע מעלות, וואָס זיינען נייטיק פאַר אַ לערער און אַ פירער. געבוירן אין יאָר 1749 (תק״ט), אין אַ משפחה פון גרויסן לומדישן און רבנישן יחוס, האָט זיך ר׳ חיים וואָלאָזשינער שוין אַלס יונגער בחור אויסגעצייכנט מיט זיינע גרויסע תלמודישע ידיעות. צו זיינע רביים האָבן געהערט אַזעלכע אָנגעזעענע לומדים ווי ר׳ רפאל האַמבורגער און דער באַרימטער מינסקער רב ר׳ אריה ליב, דער מחבר פון ״שאגת אריה״. שפּעטער איז ר׳ חיים וואָלאָזשינער אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר געווען פון די נאָענטסטע פריינד און תלמידים פון דעם ווילנער גאון.

צום אונטערשייד פון זיין גרויסן רבין, דעם פּרוש און חסיד פון ווילנע, איז ר׳ חיים וואָלאָזשינער געווען מער פאַרבונדן מיט דער וועלט און איז געווען מער באַקאַנט מיט די זאָרגן און דאגות פון דעם פּשוטן יידישן מענטשן.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די גרויסע מתנגדישע רבנים האָבן זיך ניט געיאָגט אָנצונעמען בעסער באַצאָלטע שטעלעס אין די רייכערע יידישע קהילות. אַ סך פון זיי האָבן פאַרבראַכט אין די קליינע אָרעמע שטעטלעך. אַ רב אין אַ גרויסער שטאָט איז געווען צו פיל פאַרנומען מיט כלל־זאַכן.

במשך פון זיין גאַנצן לעבן, אַלס דערוואַקסענער, דערציילן ר׳ חיים וואָלאָ־זשינערס תלמידים, האָט ער קיינמאָל ניט געדאַוונט אָן אַ מנין. דערין קומט צום אויסדרוק דער דעמאָקראַטישער כאַראַקטער פון די מתנגדישע פירער. זיי האָבן ניט שטאַרק געהאַלטן פון דאַוונען ביחידות, זיי האָבן געוווסט דעם גרויסן כוח פון יידישן ציבור, אפילו ווען עס איז ניט מער געווען ווי אַ מנין פון צען פּראָסטע יידן.

דער גרויסער גאון און ראש ישיבה פון וואָלאָזשין האָט יעדן טאָג געלערנט מיט די בעלי בתים פון שטעטל אַ פּרשה חומש. זיין זון דערציילט וועגן אים, אַז ער פלעגט פאַרלאָזן די וויכטיקסטע פערזענלעכע ענינים און לויפן אין בית מדרש זאָגן אַ פּרשה חומש פאַר די בעלי בתים.

ר׳ חיים וואָלאָזשינער האָט אויך אויפן שטרענגסטן אופן אָפּגעהיט די מיצוות פון בין אדם לחברו. איינער פון זיינע נאָענטסטע חברים, דער באַרימטער מינסקער רב ר׳ דוד טביל, שרייבט וועגן אים: ״ער פלעגט געבן אויף צדקה אַ פינפטחלק פון זיין פאַרדינסט... זיין הויז איז געווען אָפן פאַר אַלעמען, יעדערער, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרביטערט האַרץ, איז געקומען צו אים. ער פלעגט אַרומגיין און שמועסן מיטן עולם ווי איינער פון זיי, ווי אַ פּשוטער ייד״. אין דער זעלביקער צייט האָט אָבער ר׳ חיים וואָלאָזשינער אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען ווי אָפּצוהיטן דעם כבוד פון אַנדערע, סיי פון די פּשוטע בעלי בתים, סיי פון זיינע חברים און תלמידים.

דער גאון איז אַרויסגעטראָטן אויפן שאַרפסטן אופן קעגן יענע רבנים און תלמידי חכמים, וואָס האָבן געטענהט: צי וואָס דאַרפן מיר אַזוי פיל צייט פאַרלירן

אויף לערנען גמרא, אויב מיר קענען אַלע דינים געפינען אויפן גרייטן טיש אין שולחן ערוך? אין דעם פּרט האָט די וואָלאָזשינער ישיבה געשפּילט אַ געוואַלדיקע ראָלע. דאָ זיינען באמת דערצויגן געוואָרן דורות פון לומדים, וועלכע האָבן זיך געקענט פריי און זעלבשטענדיק באַוועגן אין דער ווייטער וועלט פון דער פאַרצווייגטער הלכה־ליטעראַטור.

*

ר׳ חיים וואָלאָזשינער איז ניט געווען קיין קעמפער לויט זיין נאַטור. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן פאַר דער חסידות באַוועגונג אַ סך מער פאַרשטענדעניש און טאָלעראַנץ ווי זיין רבי, דער ווילנער גאון, גראַד דערפאַר האָט ער עס געהאַלטן פאַר וויכטיק צו באַגרינדן טעאָרעטיש די שיטה פון זיין רבין, די פילאָזאָפיע פון מתנגדות. דאָס האָט ר׳ חיים וואָלאָזשינער געטאָן אין זיין ספר ״נפש החיים״.

איז עס טאַקע נייטיק, אַז דער מענטש זאָל נעמען אויף זיך אַזאַ שווערן יאָך פון תורה און מצוות? צי וואָס דאַרף מען עס אַזוי פיל לערנען? און צו וואָס איז נייטיק אַזוי שטרענג אָפּצוהיטן די אַלע מיצוות? פאַרוואָס זאָלן מיר פון דעם קליינעם שוואַכן מענטשן אַזוי פיל פאַרלאַנגען?

און ר׳ חיים וואָלאָזשינער ענטפערט דערויף: דער מענטש איז ניט קליין און ניט שוואַך. דער מענטש איז די קרוין פון אַלץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפן אויף זיין וועלט. הייליק און דערהויבן קען ווערן דער מענטש, זיינען דערפאַר אויך אַלע זיינע מעשים אַזוי וויכטיק.

זיין ספר ״נפש החיים״ הויבט ער אָן מיטן פסוק ״און גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט, אין גאָטס געשטאַלט האָט ער אים באַשאַפן״ (ויברא אלקים את האדם בצלמו בצלם אלקים ברא אותו). דאָס איז דער לייטמאָטיוו פון ר׳ חיים וואָלאָזשינערס פילאָזאָפיע. דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלקים, ער איז אַ שותף צו גאָט, ער איז דער זין פון גאָטס וועלט. דאַרף דער מענטש דערפאַר זיך אָפּגעבן אַ חשבון פון זיין גרויסער ראָל, פון זיין אויסערגעוויינטלעכער באַדייטונג אין דעם געטלעכן פּלאַן פון דער וועלט. דער רבונו של עולם האָט דעם מענטשן איבערגעגעבן אַ גרויסע מאַכט איבער טויזנטער און טויזנטער כוחות און וועלטן. איז דעריבער אַלץ, וואָס דער מענטש טוט, אַזוי וויכטיק. זאָל דער מענטש דערפאַר קיינמאָל ניט טראַכטן ״וואָס בין איך? וואָס פאַר א ווירקונג קענען דען האָבן מיינע נישטיקע מעשים אין דער וועלט? (אל יאמר בלבו ח״ו, כי מה אני ומה כחי לפעול כמעשי השפלים שום ענין בעולם), נאָר ער מוז כסדר האָבן אין זינען, אַז יעדע איינצלהייט פון זיינע מעשים, פון זיינע רייד און פון זיינע געדאַנקען, יעדע מינוט און יעדע רגע ווערן, חס ושלום, ניט פאַרלוירן״.

דער גאַנצער ספר ״נפש החיים״ איז אַ לויבגעזאַנג פאַרן מענטשן, פאַר דער הייליקייט און דערהויבנקייט פון דעם מענטשן. און יחוס פאַרפליכטעט! ווי אַזוי קען דער מענטש זיינע טייערע הייליקע מינוטן פאַרברענגען אין גאַרנישט, בעת

ער איז אימשטאַנד דורך תורה און מיצוות מתקן צו זיין די וועלט, דערנענטערן די אויסלייזונג פון דער וועלט.

כאַראַקטעריסטיש פאַר חיים וואָלאָזשינער איז די פראַגע, וואָס ער באַהאַנדלט אין ערשטן טייל פון זיין ספר "נפש החיים": ווער שטייט העכער — דער מענטש אָדער דער מלאך? (אם האדם מישראל גדול מהמלאך, או מלאך גדול ממנו?). און ר' חיים וואָלאָזשינער ענטפערט דערויף: עס איז ריכטיק, אַז אין אַ סך פּרטים שטייט דער מלאך העכער פאַרן מענטשן, אָבער דער מענטש האָט איין גרויסע מעלה — ער קען שטייגן, ער קען זיך דערהויבן, ער קען דערגריין צו די העכסטע מדרגות. אָט די פעיקייט האָט אַ מלאך ניט. דער מלאך בלייבט שטענדיק אויפן פּלאַץ, וואָס דער בורא באַשטימט פאַר אים. דערפאַר הייסן די מלאכים "עומדים" (לכן נקראים המלאכים עומדים), שטייענדיקע, ווייל זיי בלייבן שטיין אויף זייער מדרגה, ווייל זיי דערהויבן זיך ניט פון שטאַפּל צו שטאַפּל.

גאָר אַנדערש איז דער מענטש. אים האָט דער באַשעפער געשענקט די מעג־לעכקייט פון צו זיין אַ הולך, זיך צו באַוועגן, צו שטייגן, צו דערהויבן זיך און צו דערהויבן די וועלט. צו דעם צוועק האָט גאָט געגעבן די מענטשן די תורה. פון דער צייט פון מתן תורה אָן איז זי דעם מענטשנס תורה, געהערט זי שוין ניט מער דעם הימל (ומשבא משה והורידה לארץ לא בשמים היא). דאָס איז, אגב, אַ פאַרדעקטע פּאָלעמיק קעגן חסידות. וועגן אַ סך פון די חסידישע מנהיגים פלעגט מען דערציילן, אַז זיי האָבן זוכה געווען צו עלית נשמה, צו לערנען תורה אין הימל. זאָגט אונדז ר' חיים וואָלאָזשינער, אַז תורה לערנט מען ניט אין הימל (לא בשמים היא), תורה לערנט מען אויף דער ערד. מוז מען דערפאַר דאָ, אויף דער ערד, האָבן אַ פּלאַץ פאַר תורה, אַ ישיבה.

דער מענטש איז אַ שותף צום רבונו של עולם. דינען גאָט האָט דערפאַר פאַר ר' חיים וואָלאָזשינער גאָר אַן אַנדער באַדייטונג. דורך זיינע מעשים שטאַרקט דער מענטש דעם כוח פון דער שכינה. ער ציטירט דערביי דעם מאמר פון מדרש: בזמן שישראל עושין רצונו של מקום מוספין כוח בגבורה של מעלה", ווען יידן טוען דעם ווילן פון גאָט ברוך הוא, שטאַרקן זיי דעם כוח פון דער השגחה. און ווען דאָס יידישע פאָלק איז אין אַ צרה, האָט אויך די שכינה צער דערפון, אפילו ווען דער איינצעלנער מענטש ליידט יסורים, זאָגט גאָט ברוך הוא "עמו אנכי בצרה", איך לייד מיט אים צוזאַמען. ווען דער יידישער כלל ליידט, ווען יידן ווערן פאַרפאָלגט און גערודפט, איז עס דאָך אַ חילול השם. אַלע זאָגן דאָך: גאָטס פאָלק ווערט געפּלאָגט און געפּייניקט. מוזן מיר דערפאַר מתפלל זיין, די גאולה זאָל באַלד קומען, יידן זאָלן אויסגעלייזט ווערן, כדי עס זאָל נעמען אַ סוף צום חילול השם און צו דעם צער פון דער שכינה!

דער מענטש טאָר אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן — לערנט אונדז ווייטער ר' חיים וואָלאָזשינער, אַז ער לעבט אין אַ מאַטעריעלער וועלט, אין דעם "עולם המעשה". גוטע געדאַנקען, גוטע כוונות, זיינען דערפאַר ניט קיין סך ווערט, אויב זיי ווערן ניט באַגלייט דורך גוטע מעשים:

"ניט די מחשבה איז דער עיקר אין אונדזער עבודת הבורא, נאָר די מעשים זיינען דאָס ווירקלעכע... וואָרים פּונקט ווי אַ מענטש קען ניט אַרויפשטייגן די אויבערשטע שטאַפּלען פון אַ לייטער, אויב עס פעלן די אונטערשטע שטאַפּלען, אַזוי זיינען מיר, וואָס אונדזער פּלאַץ איז אין דעם עולם המעשה, מחויב מקיים צו זיין די מיצוות מיט אַלע פּרטים... אויב מען קען דערגרייכן אָפּצוהיטן די מיצווה מיט אַ געלייטערטער מחשבה, איז אוודאי און אוודאי גוט. מיר טאָרן זיך אָבער ניט אָפּזאָגן פון די מיצוות, אפילו ווען מיר קענען ניט דערגרייכן די העכסטע כוונה. און אוודאי טאָרן מיר ניט פאַרלאָזן, חס ושלום, דאָס לערנען פון דער הייליקער גמרא, וואָס ברענגט צו מעשים, וואָרים דאָס איז דאָך דער זין פון לימוד פון גמרא, כדי מיר זאָלן קענען דערפון אָפּלערנען הלכה למעשה. ווייל צו די וואָס לערנען הלכות, כדי זיי אָפּצוהיטן און מקיים צו זיין. זיי האַלטן אויף די גאַנצע וועלט".

אָט די דאָזיקע פילאָזאָפיע פון תורה און מיצוות, ווי ר' חיים וואָלאָזשינער האָט עס פאָרמולירט אין זיין הקדמה צום ווילנער גאונס פירוש אויפן שולחן ערוך, האָט אים געשטויסן צו גרינדן די גרויסע ישיבה, כדי ווידער אויפצוהייבן דעם פּרעסטיזש פון תורה.

די וואָלאָזשינער ישיבה

קנאַפּע הונדערט און פערציק יאָר האָט עקזיסטירט די ישיבה אין וואָלאָזשין. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1802, עטלעכע יאָר נאָך דעם ווי דאָס אַלטע פּוילן איז זיך צעפאַלן, און זי איז אונטערגעגאַנגען אין 1939, ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה. במשך פון די 137 יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט וואָלאָזשין געזען פאַרשיידענע צייטן: ביז צום אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן, ווען די ישיבה איז אויף אַ צייט פאַרמאַכט געוואָרן פון דער צאַרישער רעגירונג, איז וואָלאָזשין געווען דער גרעסטער צענטער פון תורה אין גאָר דער וועלט. אָבער אפילו נאָך שפּעטער, ווען וואָלאָזשין האָט פאַרלוירן איר פריערדיקן גלאַנץ, און די נייע מוסר־ישיבות פון ר' ישראל סאַלאַנטערס שיטה האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן, איז דער נאָמען וואָלאָזשין געבליבן הייליק און טייער אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

עס האָט אַלעמען געצויגן צו דער אכסניא פון תורה, ווו עס האָבן געלערנט די גרעסטע עילויים און מתמידים, עס איז אָבער נאָך עפּעס געווען אין וואָלאָזשין, וואָס האָט גערייצט דעם געמיט און פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון די יונגע גמרא־לערנער — דאָס איז געווען דער ניגון פון וואָלאָזשין!

פון תמיד אָן האָבן יידן געלערנט גמרא מיט אַ ניגון. זיינען די ישיבות און

בתי מדרשים פול געווען מיט געזאַנג פון תורה. אין וואָלאָזשין אָבער האָט דער ניגון פון תורה געהאַט אַ באַזונדערן צויבער. וואָלאָזשין איז דאָך געווען דער בית המקדש פון תורה! דער באַרימטער וואָלאָזשינער ראש הישיבה ר׳ הירש לייב (ר׳ נפתלי צבי יהודה בערלין) האָט טאַקע די תורה־לערנער פאַרגליכן מיט די לויים און כהנים אין בית המקדש. עס איז, אגב, ניט קיין צופאַל, וואָס דער זעלביקער ראש הישיבה האָט געשריבן אַ פירוש צו שיר השירים. די ווונדערלעכע געזאַנגען פון שיר השירים האָבן זיך ביי אים צונויפגעגאָסן מיטן ניגון פון די לערנער אין דער ישיבה, מיטן געזאַנג פון דער תורה (רנה של תורה).

נאָכדעם ווי די ישיבה איז ענטגילטיק געשלאָסן געוואָרן, האָבן די וואָלאָזשינער יידן נאָך אַלץ ניט געקענט גלויבן, אַז דער ניגון פון תורה האָט אינגאַנצן אויפגעהערט. אין די טונקעלע נעכט, האָט מען דערציילט, הערט מען נאָך אַלץ אין דעם בנין פון דער ישיבה דאָס געזאַנג פון די לערנער. אין אַ באַשרייבונג פון חורבן וואָלאָזשין איז דאָ אַ באַריכט וועגן די לעצטע טעג פון דער ישיבה.

די גרויסע וואָלאָזשינער ישיבה איז נאָך פאַרמאַכט געוואָרן אין 1939 בעת דאָס סאָוועטיש מיליטער האָט פאַרנומען די שטאָט. אין בנין פון דער ישיבה גופא, דערציילט אונדז דער מחבר פון באַריכט, יוסף שווארצבערג, האָט די סאָוועטישע אַדמיניסטראַציע געמאַכט אַ רעסטאָראַן:

> די איינוווינער פון שטעטל — לייענען מיר דאָ — ביי וועלכע די ישיבה איז געווען די קרוין, האָט עס זייער געקרענקט. ליידער איז אָבער ניט מעגלעך געווען, די גזירה אָפּצושאַפן. דערביי איז צו באַמערקן, אַז דער וועכטער פון רעסטאָראַן אין דער ישיבה, גדליה מרדכי ווידראָוויטש, האָט זיך געווענדעט צו דעם פאַרוואַלטער פון רעסטאָראַן, וויינער, ער זאָל אים באַפרייען פון דער אַרבעט, ווייל ער לעבט איבער יעדע נאַכט פיל שרעק. ווי עס קומט אין מיטן דער נאַכט, הערט ער ווי רוחות הויבן אָן צו לערנען און זינגען. וויינער האָט זיך פון דעם אויסגעלאַכט. און איין נאַכט איז ער אפילו אַליין אַוועק היטן דעם רעסטאָראַן. ווען ער האָט אָבער דערהערט שפּעט אין דער נאַכט דאָס לערנען און זינגען, איז ער אַ פאַרחלשטער אַנטלאָפן פון דער געביידע און פון דאַן אָן מורא געהאַט אַריינצוקומען אַהער אפילו בייטאָג.

געלערנט האָט מען אין וואָלאָזשין טאָג און נאַכט: ״גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת האָט מען דאָרטן געהערט דעם קול פון תורה״. דעם מינהג צו לערנען אַ גאַנצן מעת לעת האָט שוין איינגעפירט ר׳ חיים וואָלאָזשינער. יעדע נאַכט פלעגן זיך בייטן משמרות, ״ווען איין משמר גייט ארויס, קומט דער צווייטער אַריין, און אפילו שבת און יום־טוב פלעגט מען די משמרות ניט איבעררייסן (משמר יוצא משמר נכנס, ואף בלילי שבתות ויו״ט לא פסקו אלו המשמרות)״. ר׳ חיים אַליין, דערציילט ווייטער וועגן אים זיין תלמיד, פלעגט אויך אָפט אַריינקומען ביינאַכט צו לערנען צוזאַמען מיט די ישיבה־לייט. אין וואָלאָזשין

פלעגט מען שפעטער דערציילן, אַז ר׳ חיים פלעגט באַזונדערס אָפּהיטן צו בלייבן אין ישיבה מוצאי יום כיפור ביז צוועלף ביינאַכט. ער האָט מורא געהאַט, אַז צוליבן תענית, ווען אַלע זיינען אויסגעמאַטערט פון אַ גאַנצן טאָג דאַווענען און פאַסטן, וועט זיך ניט געפינען קיינער, וואָס זאָל בלייבן צום משמר לערנען. האָט דער ראש ישיבה גענומען די פליכט אויף זיך.

געווען אַ טיפער זין אין דעם מינהג צו לערנען אַ גאַנצע נאַכט. דאָס וואָרט משמר — וואַך, היטן — שטאַמט נאָך פון דער צייט פון בית המקדש, ווו דער מינהג פון משמרות איז געווען איינגעפירט. נאָכן חורבן פון בית המקדש, האָט דער תלמיד פון גאון געהאַלטן, פאַרנעמט דער טיש פון תורה דעם פּלאַץ פון מזבח. אין זיין ספר ״נפש החיים״ באַטאָנט ר׳ חיים וואָלאָזשינער כסדר די וויכטיקייט פון לערנען תורה. וואָרים וואָלט די וועלט, הס ושלום, אויף איין רגע געבליבן אָן תורה, וואָלטן תיכף אַלע עולמות חרוב געוואָרן, וואָלטן זיי אויפגעהערט צו עקזיסטירן (תיכף כרגע היו כל העולמות נחרבים ובטלים ממציאת לגמרי). מוז מען דעריבער אין ישיבה אָפּהיטן די זעלביקע משמרות ווי אין בית המקדש אַמאָל.

דאָס לערנען ביינאַכט האָט בכלל אויף אַלעמען איבערגעלאָזן דעם שטאַרקס־טן רושם. מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, אַליין אַ תלמיד פון וואָלאָזשין, שרייבט וועגן דעם:

> אַ וואונדערלעך בילד אַנטפּלעקט זיך פאַר יענעם, וואָס שפּאַצירט זיך דורך אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט פאַרן פּלאַץ פון ישיבה. די לאָמפּן וואַרפן זייער ליכט אויפן אויסגעשפּרייטן ווייסן שניי. די שטימע פון דריי הונדערט תלמידים, וועלכע לערנען מיט התמדה און התלהבות, לאָזט זיך הערן פון איין עק פּלאַץ ביז צום צווייטן. דאָ גייט פאַרביי אַ יונגער איידעלער לערנער מיט דער גמרא אונטערן אָרעם. ער איילט זיך אין ישיבה צו לערנען תורה. און דאָ קומען אַ פּאָר לערנער צוריק אַרויס פון דער ישיבה. די מידקייט האָט זיי גובר געווען, אָבער מיט פאַרדרוס רייסן זיי איבער דאָס לערנען. דאָ אַנטפּלעקט זיך די יידישע וועלט אין איר פולער מאַיעסטעט! און אָן גוזמא קענען מיר זאָגן: ווער עס האָט ניט געזען דאָס דאָזיקע בילד, האָט קיין שיינקייט אין זיין לעבן ניט געזען״.

דער גייסט פון דעם גאון האָט באַהערשט דעם גאַנצן אופן פון לערנען אין וואָלאָזשין. דאָ, אין דער גרויסער ישיבה, איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן דער גייסט פון תורה לשמה. מען האָט געלערנט, כדי צו לערנען, ווייל תורה איז דער זין פון דער וועלט! האָט מען דערפאַר אין וואָלאָזשין ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן יענע טיילן פון תלמוד, וואָס האָבן אַ פּראַקטישע באַדייטונג, און יענע, וואָס האָבן אין אונדזער צייט נישט קיין שום פּראַקטישן אינטערעס. אין אַנדערע ישיבות פלעגט מען לערנען נאָר געוויסע מסכתות, דער עיקר פון

נשים און נזיקין. אין וואָלאָזשין האָט מען געלערנט גאַנץ ש״ס. ריכטיק האָט באַמערקט ר׳ מאיר ברלין אין זיין ״פון וואָלאָזשין ביז ירושלים״, אַז דער שיעור אין דער גרויסער ישיבה איז געווען ווי אַ מין ״קרבן תמיד״; יעדן טאָג — אויסער שבת און יום־טוב און תשעה באב — פונקט האַלב איינס דעם זייגער האָט מען געזאָגט דעם שיעור. געזאָגט האָט מען דעם שיעור כסדר, פון ברכות ביז ענדע נדה. פינף מאָל אַ וואָך דף על דף, יעדן טאָג דעם בלאַט גמרא, און פרייטיק איז געזאָגט געוואָרן רא״ש פון די פינף בלאַט גמרא פון דער וואָך.

מען האָט אין וואָלאָזשין אויך געלערנט יעדן טאָג אַ פרשה חומש. דער שוין פריער ציטירטער ר׳ מאיר ברלין, דער זון פון דעם באַרימטן וואָלאָזשינער ראש ישיבה, ר׳ הירש ליב, שרייבט וועגן דעם חומש לערנען אין וואָלאָזשין:

> איינער פון די כאַראַקטער־שטריכן פון דער וואָלאָזשינער ישיבה איז געווען דאָס ״חומש זאָגן״. אין קיין ישיבה, ווי ווייט עס איז באַקאַנט, האָט מען ניט געלערנט קיין חומש. וואָס הייסט, גרויסע מענטשן, גרויסע לומדים, וועלן לערנען חומש? דאָס לערנען דאָך ייִנגלעך, און וועלכער דערוואַקסענער מענטש, בפרט נאָך אַ תלמיד חכם, קען דאָס ניט קיין חומש? אין וואָלאָזשין האָט געהערשט אַן אַנדער גייסט... דער טאָג אין וואָלאָזשינער ישיבה האָט זיך אָנגעהויבן מיט ״חומש זאָגן״. גלייך נאָכן דאַווענען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ביי אַ טיש די בעסערע ישיבה־לייט, און דער טאַטע ז״ל האָט געזאָגט פאַר זיי אַ פרשה חומש״.

אויך אין דעם ״חומש זאָגן״ אין וואָלאָזשין האָט זיך נאָך געלאָזט שפּירן די ווירקונג פון דעם גאון און פון זיין גרויסן תלמיד, ר׳ חיים, דעם גרינדער פון דער וואָלאָזשינער ישיבה.

געווען גרויסע מתמידים אין וואָלאָזשין, בחורים, וואָס האָבן אַלץ פאַרגעסן, זיי האָבן די וועלט און זיך אַליין פאַרגעסן, כדי זיך אינגאַנצן מוסר נפש צו זיין פאַר דער תורה. דער ראש ישיבה פלעגט אפילו אַמאָל וואָרענען קעגן די איבער־טרייבונגען פון התמדה. ״א מתמיד — האָט ר׳ הירש ליב געטענהט — דאַרף עסן אין צייט, שלאָפן אין צייט און לערנען אין צייט״. צו איינעם פון די יונגע בחורים מתמידים האָט ר׳ הירש ליב זיך אַ מאָל אָפּגערופן: ״דו לערנסט אַזוי פיל, אַז דו האָסט ניט קיין צייט ווען צו זיין אַ למדן״.

יעדער לערנער האָט געהאַט זיין ניגון און יעדער תלמיד פון ישיבה האָט אין זיין באַזונדערן ניגון אַריינגעלייגט אַ סך פון זיין לעבן, פון זיין נשמה און פון זיינע חלומות. פאַרן מתמיד איז די ישיבה פון וואָלאָזשין ניט געווען קיין תפיסה, ווו ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן פון נאַטור, פון די שטראַלן פון דער זון און פון דער גאַנצער וועלט אַרום. פאַרקערט, דאָ האָט זיך פאַר אים די וועלט ערשט אַנטפּלעקט אין איר העכסטער אויסשטראַלונג. וואָלאָזשין איז געווען אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך, אַ וועלט ווו דאָס פאָלק האָט געשאַפן און אויסגעשמידט זיין אייגענעם גייסט.

ווען די וואלאזשינער ישיבה איז געווען אין איר גלאנץ

אין דער מתנגדישער וועלט זיינען געוויינטלעך קיין דינאַסטיעס ניט געווען, לויט דעם שטייגער פון די רביישע הויפן ביי די חסידים. אַ רב האָט מען געדאַרפט ווערן, און דערצו האָט מען אויך געדאַרפט האָבן די הסכמה פון די בעלי בתים פון דער קהילה.

אַנדערש איז געווען די לאַגע אין די גרויסע ישיבות און באַזונדערס אין וואָלאָזשין. דער פירער פון אַ גרויסער ישיבה, ווו די בחורים האָבן ניט געדאַרפט אָנקומען צו די טובות פון די בעלי בתים, האָט זיך געפילט אַ סך זעלבשטענדיקער. ער האָט דערפאַר אַליין געקענט באַשטימען, ווער עס זאָל אים העלפן אין זיין אַרבעט און ווער עס זאָל פאַרנעמען זיין פלאַץ. געווען אַ חוץ דעם נאָך אַנדערע סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דער אַנטוויקלונג פון אַ דינאַסטיע אין וואָלאָזשין. דער אויסערגעוויינטלעכער פרעסטיזש פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער האָט דאָ, נאַטירלעך, געשפילט די ערשטע ראָל. איז עס דעריבער געווען נאַטירלעך, אַז נאָך דער פטירה פון ר׳ חיימען איז די פירונג פון דער ישיבה איבערגעגאַנגען צו זיין זון, ר׳ איצעלען, וועלכער האָט זיך, אַגב, אויסגעצייכנט מיט די זעלבע מעלות ווי זיין פאָטער.

עס איז ווייט ניט געווען קיין גרינגע זאַך צו זאָגן דעם שיעור, אין וואָלאָזשין פאַר בחורים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע גרויסע פעיקייטן און זייערע ידיעות אין לערנען. דערפאַר איז טאַקע דער ״שיעור״ אין וואָלאָזשין געוויינטלעך איבערגעגאַנגען בירושה ניט פון טאַטן צום זון, נאָר פון שווער צום איידעם. אויסקלייבן אַן איידעם אַ תלמיד חכם איז שטענדיק געווען גרינגער ווי צו האָבן זין גרויסע תלמידי חכמים.

איר העכסטן גלאַנץ האָט וואָלאָזשין דערגרייכט אין דער צייט פון ר׳ הערש לייב (ר׳ נפתלי צבי יהודה ברלין, באַקאַנט אונטער זיין אָפּגעקירצטן נאָמען: נצי״ב), דעם איידעם פון ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער. במשך פון פערציק יאָר איז ר׳ הערש לייב געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם גרעסטן צענטער פון תורה אין דער וועלט. צוזאַמען מיט ר׳ הערש לייבן איז אין די ערשטע יאָרן געווען ראש ישיבה דער באַרימטער תלמיד חכם ר׳ יוסף בער סאָלאָווייציק, דער שפּעטערדיקער בריסקער רב. שפּעטער איז ר׳ רפאל שאַפּיראָ, אַן איידעם פון ר׳ הערש לייבן, געוואָרן צווייטער ראש ישיבה. אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, איז צווייטער ראש ישיבה געווען ר׳ חיים סאָלאָווייציק. דעם שיעור האָט מען אין וואָלאָזשין געזאָגט יעדן טאָג, אַ חוץ שבת. דריי מאָל אַ וואָך — דער ערשטער ראש ישיבה, און דריי מאָל אַ וואָך — דער צווייטער ראש ישיבה. באַזונדערס באַליבט זיינען געווען די שיעורים פון ר׳ חיים סאָלאָווייציק, וועלכער האָט געהאַט זיין אייגענעם גאַנג פון לערנען. דער דעמאָלט נאָך יונגער ר׳ חיים איז געווען

דער שעפער פון דעם אַזוי געררופענעם דרך ההבנה, דעם לאַגישן פּאַרטיפן זיך אין די פּראָבלעמען פון הלכה. דער דאָזיקער מעטאָד פון לערנען איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרן אין די אַנדערע גרויסע ישיבות פון ליטע.

די ראשי ישיבות האָבן אויך געהאַט די זאָרג פאַר די מאַטעריעלע הצטרכותן פון די תלמידים. אויסקומען מיט די אייגענע מיטלען האָט געקענט נאָר אַ לפי ערך קליינער טייל, ניט געקוקט דערויף, וואָס וואָלאָזשין איז געווען די "אַריסטאָ־קראַטישע" ישיבה.

געוויינטלעך פלעגט מען זיך צו פרישטיק און אָוונטברויט באַנוגענען מיט ברויט און טיי. וואַרעם געקעכטס פלעגט מען עסן נאָר צו מיטאָג. דער גאַנצער בודזשעט פון אַ ישיבה־בחור פלעגט געוויינטלעך באַטרעפן ניט מער ווי אַ רובל ביז אַ רובל פופציק קאָפּעקעס אַ וואָך. דערפון פלעגט נאָך ביז דרייסיק־פערציק קאָפּעקעס אַוועק אַוועקגיין אויף דירה־געלט.

נעכטיקן פלעגט מען אין וואָלאָזשין אין פּריוואַטע דירות, אויף "סטאַנציעס". געוויינטלעך פלעגן דריי־פיר בחורים לעבן אין איין צימער. די בעל הביתטע פלעגט אויך איינקויפן און קאָכן פאַר די ישיבה־לייט. און עס האָט זיך באמת געפאָדערט אַ גרויסע קונסט מצד די בעל הביתטעס צו באַזאָרגן זייערע ישיבה־לייט מיט עסן פאַר צען־פופצן קאָפּעקעס אַ טאָג.

אין אַ בעסערער לאַגע האָבן זיך געפונען די "יונגע־לייט". אַזוי האָבן געהייסן די חתונה־געהאַטע, וואָס זיינען געקומען קיין וואָלאָזשין זיך פּאַרפול־קומען אין לערנען, אָדער זיך צוגרייטן פאַר רבנות. אַ טייל פון די "יונגע־לייט" זיינען געווען איידעמס אויף קעסט און זיי פלעגן קריגן אַ געוויסע אונטערשטי־צונג פון דער היים. אויך פון דער ישיבה פלעגן די "יונגע־לייט" קריגן אַ העכערע אונטערשטיצונג. אַ באַזונדערע פּריוויליגירטע גרופּע אין וואָלאָזשין זיינען געווען די"בראָדסקיס". אַזוי האָט מען גערופן די יונגע לייט, וואָס האָבן געקראָגן אַ אונטערשטיצונג פון דעם ספּעציעלן פאָנד, וואָס דער מיליאָנער ישראל בראָדסקי, דער דעמאָלט באַקאַנטער קיעווער צוקער־פאַבריקאַנט, האָט מנדב געווען. די ציגזן פון דעם בראָדסקי־פאָנד זיינען געווען באַשטימט אויף אויסצוהאַלטן צען יונגע לייט במשך פון פינף יאָר מיט אַלע זייערע הצטרכותן.

אָבער ניט געקוקט אויף אַלע אונטערשיידן צווישן די תלמידים פון דער ישיבה, האָט דאָך דאָרט געהערשט דער גייסט פון איין משפּחה. אַזוי איז געווען די באַציונג פון די ראשי ישיבה צו די תלמידים און אַזוי איז אויך געווען די באַציונג פון די תלמידים איינע צו די אַנדערע. און ווי האָט עס דען אַנדערש געקענט זיין, ווען מען האָט פּאַקטיש טאָג און נאַכט פאַרבראַכט צוזאַמען? מען דערציילט: אַ באַרימטער רב האָט אַ מאָל געבראַכט זיינעם אַ זון, אַ בן יחיד, אין וואָלאָזשין. דער פאָטער האָט זיך דאַן געווענדט צום ראש ישיבה, ר׳ הערש לייבן, מיט דער בקשה, ער זאָל אויף זיין זון באַזונדערס אַכטונג געבן: "ער איז דאָך ביי מיר אַ בן יחיד!" דערויף האָט אים דער ראש ישיבה געענטפערט: "איר

זייט געוויס גערעכט. אייער זון איז ביי אייך אַ בן יחיד, ביי מיר אָבער זיינען אַלע פיר הונדערט ישיבה־לייט בנים יחידים״.

אין דער ישיבה האָבן אַלע געלערנט פאַר זיך און צוזאַמען. יעדער ישיבה מאַן איז קודם כל געווען אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, אויף זיינע אייגענע פעיקייטן און זיין אייגענער התמדה. דער ראש ישיבה איז ניט געווען קיין לערער אין געוויינטלעכן זין פון וואָרט. זיין ״שיעור״ האָט געהאַט דער עיקר דעם צוועק צו סטימולירן די תלמידים, אָנצווייזן זיי אויף די פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַר־בונדן מיט דעם אָדער יענעם ענין. אין וואָלאָזשין איז אפילו ניט געווען קיין פליכט צו הערן דעם שיעור. אָבער גראַד דערפאַר איז דער איינפלוס פון ראש ישיבה, ווי אַ לערער און וועגווייזער, געווען נאָך גרעסער.

ניט ווייניקער וויכטיק איז געווען דער איינפלוס פון די ישיבה־לייט איינע אויף די אַנדערע. פאַרשפּרייט איז געווען דער מינהג צו לערנען בחברותא, צוויי חברים צוזאַמען. אַמאָל פלעגט אויך אַ יינגערער תלמיד דינגען אַן עלטערן בחור, וואָס זאָל מיט אים לערנען צוזאַמען. נאָך וויכטיקער איז געווען אין די ישיבות דער מינהג צו ״ריידן אין לערנען״, באַזונדערס אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שיעור פון דעם ראש ישיבה. אויף אַזאַ אופן איז אין דער ישיבה געשאַפן געוואָרן אַ הויכער סטאַנדאַרט פון לערנען, וואָס האָט זיך, נאַטירלעך, אויך אָפּגערופן אויף די לערנער אַ חוץ די ישיבות.

די זעלבשטענדיקייט פון די ישיבה־לייט איז געקומען צום אויסדרוק אויך אויף אַנדערע געביטן. די תלמידים פון דער ישיבה האָבן געהאַט זייער אייגענע קאַסע פאַר דער אונטערשטיצונג פון די באַזונדערס נויטבאַדערסטיקע, אונטערן נאָמען ״תומכי תורה״. געווען אויך אַ ״גמילות חסדים״, וואָס פלעגט אַרויסגעבן הלוואות. אַ באַזונדערער קאָמיטעט האָט זיך פאַרנומען מיט באַזאָרגן ״סטאַנציעס״ פאַר די אָנגעקומענע תלמידים.

די תלמידים האָבן זיך אפילו געמישט אין די אינעווייניקסטע ענינים פון ישיבה־לעבן. ניט געקוקט אויף דעם גרויסן דרך ארץ פאַר דעם ראש ישיבה, איז עס פון צייט צו צייט געקומען צו גאַנץ שאַרפע קאָנפליקטן. געווען אפילו ״סטרייקן״ אין וואָלאָזשין, ווען מען האָט אין דער ישיבה אָפּגעשטעלט דאָס לערנען, ווייל די תלמידים זיינען מיט עפּעס ניט געווען צופרידן. אַ כאַראַקטעריס־טישע באַשרייבונג פון אַזאַ סטרייק גיט אונדז דער זון פון ר׳ הערש לייבן, ר׳ מאיר ברלין אין זיין בוך ״פון וואָלאָזשין ביז ירושלים״:

> צו די צרות פון דעם ווינטער איז נאָך ניט געווען קיין סוף. עס האָט אויסגעבראָכן דער גרויסער ״שאַ״. אַ ״שאַ״ האָט געהייסן אין דער וואָלאָזשינער ישיבה דאָס, וואָס מען רופט היינט אַ סטרייק. ווען עס האָט פּאַסירט עטוואָס צווישן די ראשי ישיבה און די ישיבה־לייט. און די לעצטע האָבן געוואָלט באַווייזן זייער כוח, האָבן זיי געסטרייקט, ניט צו לערנען... מען איז געזעסן, ווי געוויינטלעך, ביי די גמרות,

נאָר אַנשטאָט צו לערנען, האָט יעדער ישיבה־מאַן געמאַכט מיט די ליפּן "סססס" און אַ שרעקלעכער קול פון הונדערטער "ס" האָט פאַרהילכט די ישיבה. מען האָט באַלד צו וויסן געגעבן דעם טאַטן ז"ל און ער איז געקומען אין דער ישיבה. ווו ער איז געשטאַנען, האָט מען געלערנט, אָדער געמאַכט זיך לערנענדיק. עטוואָס ווייטער פון אים האָט מען געמאַכט דעם "שא" מיט אַלע כוחות. עס זיינען דאָן געווען אייניקע סיבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן די אומצופרידנקייט פון די ישיבה־לייט — די אַלגעמיינע שווערע עקאָנאָמישע לאַגע און אויך דער פאַל, וואָס עס האָט געזאָלט קומען אַ נייער ראש ישיבה, וועלכן די ישיבה־לייט האָבן ניט געהאַלטן פּאַסנד פאַר דעם גרויסן אַמט".

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער "גרויסער שא" איז פאָרגעקומען אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען דאָס וואָרט סטרייק איז נאָך ביי יידן אין רוסלאַנד געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. איז דערפאַר טאַקע ניט קיין ווונדער, וואָס אַ סך פון די תלמידים פון דער וואָלאָזשינער ישיבה האָבן שפּעטער גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ביי יידן. "אַ וואָלאָזשינער ישיבה־מאַן קען אַלץ ווערן, האָט אַ מאָל געזאָגט ר' הערש לייב, אָבער ניט יעדערער קען ווערן אַ ישיבה־מאַן אין וואָלאָזשין".

וואָלאָזשין האָט דערצויגן מענטשן, וואָס האָבן ניט נאָר געקענט לערנען פאַר זיך, נאָר אויך טראַכטן פאַר זיך, טראַכטן זעלבשטענדיק! דעריבער האָט וואָלאָזשין געשפּילט אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע ראָל אין יידישן גייסטיקן לעבן אין רוסלאַנד און אין פּוילן במשך פון די לעצטע דורות.

די קריזיס־יאָרן אין דער וואָלאָזשינער ישיבה

וואָלאָזשין האָט געהאַט ניט נאָר אירע צייטן פון גלאַנץ, נאָר אויך אירע אומרויקע יאָרן: צייטן פון שווערע נסיונות, ווען אויף דער ישיבה האָבן זיך אָנגערוקט געפאַרן סיי פון דרויסן און סיי פון אינעווייניק. איז דאָך וואָלאָזשין געווען דורכויס פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיטן יידישן לעבן אין רוסלאַנד. האָט ממילא די ישיבה אויך דורכגעלעבט אַלע יענע קריזיסן, וואָס דאָס רוסישע יידנטום בכלל האָט דעמאָלט דורכגעלעבט.

די עצם עקזיסטענץ פון וואָלאָזשין איז געווען אַ דאָרן אין די אויגן פון דער דעמאָלטדיקער צאַרישער רעגירונג און פון דעם עקסטרעמען טייל פון די יידישע משכילים. וואָלאָזשין האָט געוואַלדיק אויפגעהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער לומדישער און רבנישער וועלט און האָט באַזאָרגט די יידישע שטעט און שטעטלעך מיט לומדים און גייסטיקע פירער. אַלע באַמיונגען פון דער רעגירונג און די משכילים, איבערצונעמען די פירונג אין די יידישע קהילות מיט דער הילף פון די

אַזוי גערופענע "קאַזיאָנע ראַבינער", האָבן זיך ניט איינגעגעבן. פאַר די ברייטע פאָלקסמאַסן זיינען די רבנים פון אַלטן שניט געבליבן די איינציקע אָנערקענטע גייסטיקע פירער. די "קאַזיאָנע רבנים", וואָס האָבן געענדיקט די ניי־געגרינדעטע ראַבינער־שולן, האָט מען אין בעסטן פאַל טאָלערירט. קיינער האָט זיך אָבער ניט גערעכנט מיט זייער אויטאָריטעט אַלס רעליגיעזע פירער, וואָס זיי האָבן לויט די פּלענער פון דער רעגירונג און דער ראַדיקאַלער השכלה געזאָלט ווערן.

האָט זיך ממילא אַלץ מער געשטעלט די פראַגע וועגן איבערנעמען וואָלאָזשין אונטערן קאָנטראָל פון דער רעגירונג, פאַרוואַנדלען די גרויסע ישיבה אין אַ מאָדערניזירטער "ראַבינער שולע". קעגן דעם האָבן זיך די פירער פון דער ישיבה געוועהרט מיט אַלע כוחות.

ריין פאָרמעל האָט עס זיך געהאַנדלט אַרום דער פראַגע: צי זאָל מען אין דער ישיבה אויך לערנען רוסיש און אַנדערע וועלטלעכע לימודים. דער ראש ישיבה, ר' הערש לייב ברלין, איז ניט געווען פּרינציפּיעל קעגן דעם, אַז די רבנים זאָלן זיך לערנען די לאַנדשפּראַך; ער האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין דערצו, אַז דאָס זאָל געשען אין וואָלאָזשין. אין דער ישיבה, האָט ער געהאַלטן, מוזן די תלמידים זיין פאַרנומען נאָר מיט איין זאַך — מיט לערנען תורה.

אין די אַכציקער יאָרן האָבן די פירער פון וואָלאָזשין סוף כל סוף געמוזט נאָכגעבן די פאָדערונג פון דער רעגירונג און מען האָט פאָרמעל איינגעפירט דעם לימוד פון רוסיש און חשבון פאַר די תלמידים. האָט מען דאָס אָבער געטאָן ניט אין די ווענט פון דער ישיבה גופא, נאָר אין אַ באַזונדערן צימער. אין דער ישיבה גופא האָט דאָס לערנען פון תורה ניט געטאָרט איבערגעריסן ווערן אויף איין איינציקן מאָמענט.

עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע: ווער זאָל זיין דער לערער פון רוסיש פאַר די תלמידים פון דער ישיבה? נעמען אַ ייִדישן לערער האָט מען מורא געהאַט. ער קען נאָך האָבן אַ שלעכטן איינפלוס אויף די בחורים. אַרום דער פראַגע האָבן זיך געפירט לאַנגע וויכוחים און סוף כל סוף האָט מען גענומען אַ קריסטלעכן לערער פאַרן לימוד פון רוסיש, כדי נאָך שטאַרקער צו באַטאָנען, אַז דאָס לערנען די לאַנדשפּראַך האָט גאָרניט צו טאָן דירעקט מיטן לעבן אין דער ישיבה.

עס איז ניט געווען סתם שנאה צו וועלטלעכער בילדונג, וואָס האָט באַוויגן די פירער פון וואָלאָזשין זיך אַזוי אַקעגנשטעלן די פאָדערונגען פון דער רעגירונג און די משכילים. די רעליגיעזע פירער פון יענעם דור האָבן זיך איינפאַך מיט דער פּראָבלעם ניט געקענט געבן קיין עצה. די פאַרשיידענע פּרוּוון צו פאַראייניקן תורה מיט וועלטלעכער בילדונג האָבן קיין גינסטיקע רעזולטאַטן ניט געבראַכט.

מען דערציילט: אַ הויכער רוסישער באַאַמטער האָט אַ מאָל געפרעגט ר' חיים בריסקער, וועלכער איז אַ צייט געווען דער צווייטער ראש ישיבה אין וואָלאָזשין, פאַרוואָס ער האָט זיך ניט געלערנט קיין רוסיש. ער וואָלט דאָך דאַן געקענט ריידן מיט די העכסטע באַאַמטע און וואָלט געוויס געקאָנט ברענגען אַ

סך נוצן פאַר יידן! — ווען איך וואָלט געלערנט רוסיש, האָט אים ר׳ חיים געענטפערט, וואָלט איך מן הסתם ניט געקאָנט ווערן בריסקער רב.

ר׳ חיים בריסקער, וואָס האָט זיך בכלל אויסגעצייכנט אַלס אויסערגעוויינט־לעכע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט, סיי אַלס ראש ישיבה אין וואָלאָזשין, און סיי אַלס רב אין בריסק, איז בכלל געווען דער שאַרפסטער קעגנער פון יעדן קאָמ־פּראָמיס מיט דער נייער צייט. ער איז אפילו ניט געווען צופרידן, ווען די אָרטאָ־דאָקסישע קרייזן האָבן געשאַפן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע אויפן מאָדערנעם שטיי־גער — די ״אגודת ישראל״.

ווען אייניקע פון זיינע פריינד האָבן אים געפרעגט: פאַרוואָס געפעלט אים ניט, ווען פרומע יידן ווילן זיך אָרגאַניזירן? האָט זיי ר׳ חיים געענטפערט מיט אַ משל:

— מיר ווייסן זייער וויל, האָט ער געזאָגט, אַז עלעקטריש ליכט איז אַ סך בעסער ווי אַ קעראָסין־לאָמפּ. עס איז באַקוועמער, ריינער און ליכטיקער. פאַראַן פונדעסטוועגן איין גרויסער חסרון: אויב עס שטעלט זיך עפּעס אָפּ אין דער צענטראַלער עלעקטרישער סטאַנציע, דאַן גייט אויס דאָס ליכט אין דער גאַנצער שטאָט. ביי די פּשוטע קעראָסין־לאָמפּן איז אַזאַ זאַך ניט מעגלעך. אויב אַ לאָמפּ לעשט זיך אויס אין איין הויז, בלייבט נאָך גענוג ליכט אין די אַנדערע הייזער. אַזוי איז עס אויך מיט יידישקייט — האָט ר׳ חיים בריסקער פאַרענדיקט — ער איז פאַראַן אַ גרויסע סכנה, ווען אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע נעמט איבער די זאָרג פאַר תורה און מיצוות.

עס קען ניט געלייקנט ווערן, אַז ר׳ חיים האָט דאָ אַנגעוויזן אויף אַ קראַנקן פונקט אין אונדזער גאַנצער מאָדערנער קולטור — די סכנה פון דער גרויסער צענטראַליזאַציע, פון איבעראָרגאַניזאַציע. ביז צום היינטיקן טאָג האָבן מיר נאָך ליידער קיין מיטל קעגן אָט דער קראַנקהייט ניט געפונען.

עס וואָלט פונדעסטוועגן געווען אַ טעות אָנצונעמען, אַז די שטימונגען פון דער צייט זיינען צו וואָלאָזשין ניט דערגאַנגען. גראָד פאַרקערט. וואָלאָזשין איז אין דעם פּרט געווען אַ סך מאָדערנער ווי די אַנדערע ישיבות. צווישן די תלמידים פון וואָלאָזשין האָט מען באַגעגנט קענער פון תנ״ך און פון העברעיש. אַ סך פון די ישיבה־לייט זיינען געווען באַקאַנט מיט דער השכלה־ליטעראַטור און מיט דער מאָדערנער העברעישער פּובליציסטיק. אין די אַכציקער יאָרן זיינען דאָ געווען שטאַרק פאַרשפּרייט די ״חיבת־ציון״ שטימונגען. צו די אַנגעזעענסטע ״חובבי־ציון״ פון יענער צייט האָט דאָך געהערט דער ראש ישיבה אַליין, ר׳ נפתלי צבי יהודה ברלין. עס פאַרשטייט זיך אָבער, אַז דאָס אַלץ האָט ניט געקאָנט געטאָן ווערן אין די ווענט פון דער ישיבה גופא. דאָס איז געווען קעגן דעם גייסט פון וואָלאָזשין. אין דער ישיבה איז מען פאַרנומען נאָר מיט תורה. מיט אַלע אַנדערע ענינים קען מען זיך פאַרנעמען מחוץ דער ישיבה.

עס איז, אגב, כדאי צו פאַרצייכענען, אַז דער גרויסער דיכטער ביאַליק האָט זיין שריפטשטעלערישע קאַריערע אָנגעהויבן אין וואָלאָזשין. דאָ האָט ער זיך

שוין קונה שם געווען ווי אַ קענער פון תנ"ך און אַ "צוקונפטיקער שרייבער". אַ גרויסע השפעה אויף די יונגע לערנער האָט דעמאָלט געהאַט אחד העם, וועלכער האָט מיט זיינע אַרטיקלען וועגן ארץ ישראל בפרט ("אמת מארץ ישראל") און וועגן יידישע פּראָבלעמען בכלל אויפגערודערט די יידישע יוגנט.

אין יאַנואַר 1892 האָט די צאַרישע פּאָליציי אומגעריכטערהייט די ישיבה געשלאָסן. די ישיבה־לייט האָט מען געהייסן אין משך פון דריי טעג פאַרלאָזן וואָלאָזשין.

ווען מען איז אין שטעטל דערפון געוווּיר געוואָרן, האָבן אַלע — דערציילט אונדז ר' מאיר ברלין אין זיין שוין פריער ציטירטן בוך "פון וואָלאָזשין ביז ירושלים" — גענומען שטראָמען צו דעם ישיבה־בנין:

"מען האָט גענומען אַרויסטראָגן די ספרי תורה, מען האָט אַרויסגעבראַכט די אַלע ספרים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַן עקסטראַ צימער... און טראָגנדיק יעדע ספר־תורה און ברענגענדיק יעדן פּאַק ספרים, זיינען די יללות געווען עד לב השמים. דער געדראַנג צו קושן די ספרי תורהס פון דעם עולם... איז אַן אַ סוף... מענער ברעכן די הענט, פרויען וויינען אויפן קול... מען האָט געפילט, אַז דער גרעסטער מקום תורה... גייט אונטער. דער גרויסער עולם... קען זיך ניט באַשליסן אָוועקצוגיין פון דעם אָרט. מען שטייט גרופּעסווייז, מען וויינט איינציקווייז..."

דער רושם פון שליסונג פון דער וואָלאָזשינער ישיבה איז געווען אַ געוואַל־דיקער. באַזונדערס דערשיטערט זיינען געווען די לערנער אין די אַנדערע ישיבות פון ליטע. במשך פון יאָרן פלעגט אויפגעפירט ווערן אין די ליטווישע ישיבות אַ טעאַטער־שפּיל וועגן דער שליסונג פון וואָלאָזשין. די דראַמע איז געווען געשריבן און אויפגעפירט אין יידיש, און פאַרענדיקט האָט זיך דאָס שפּיל מיט אַ פייערלעכן צוזאָג פון אליהו הנביא צום ראש ישיבה, אַז די תורה וועט ניט פאַר־געסן ווערן ביי יידן.

"שרעק זיך ניט פאַרן קיום פון כלל.
גאָט האָט געעפנט אַן אַנדער קוואַל.
ער וועט פאַר יידן חיים צושטעלן
ווי לאַנג דיין ישיבה וועט זיי פעלן".

(יצחק ריווקינד "רשימות" בד. 5)

די ישיבה אין וואָלאָזשין איז שפּעטער געעפנט געוואָרן פון דאָס ניי. איר פריערדיקן פּלאַץ אין יידישן לעבן האָט זי שוין אָבער מער ניט באַוויזן צו פאַרנעמען. די פירערשאַפט איז איצט איבערגעגאַנגען צו די נייע מוסר־ישיבות אין ליטע.

אמאליקע ישיבה־בחורים און קלויזניקעס

פון תמיד אָן איז תורה ביי אונדז אָפּט געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט נויט און אָרעמקייט: "אַט אַזוי איז דער וועג פון תורה: ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן, וואַסער מיט אַ מאָס זאָלסטו טרינקען, און אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן" (כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן). דאָס איז געווען דער וועג פון תורה גאָר אַמאָל, אין דער צייט פון תלמוד, און אַזוי איז עס געבליבן ביז צו אונדזער צייט.

אפילו נאָך אין דער צווייטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט, ווען עס זיינען שוין אויפגעקומען אַ סך גרעסערע ישיבות אין ליטע און רוסלאַנד, האָט דער גרעסטער טייל יידישע־לערנער נאָך פאַרבראַכט אין די קלויזן און בתי מדרשים. כמעט יעדער לערנער איז אַ געוויסע צייט געווען אַ "קלויזניק", האָט געלערנט פאַר זיך אין אַ בית מדרש.

דער מינהג איז געווען, אַז ביז בר מיצווה, בערך, פלעגט דער יונגער לערנער בלייבן אין דער היים, אונטער דער השגחה פון די עלטערן און דעם רבין. צו דרייצן־פערצן יאָר, אַ מאָל נאָך אפילו פריער, פלעגט מען שוין אָנהייבן צו לערנען "פאַר זיך". אין דעם עלטער האָט אַ יידישער יינגל, אַ לערנער, שוין אַליין געדאַרפט קענען "לייענען" אַ בלאַט גמרא, האָט אַליין שוין געדאַרפט קענען געפינען דעם וועג אין דעם "ים התלמוד", אין דער רייכער ליטעראַטור פון גמרא און פוסקים.

עס איז פאַר אונדז היינט קוים מעגלעך זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי מען האָט דרייצן־פערצן־יעריקע קינדער געלאָזט "לערנען פאַר זיך", זיי זאָלן אַליין, אָן דער הילף פון אַ רבין, פאַרענדיקן זייער דערציונג. אָבער אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. דאָס יידישע לעבן איז געווען אָרעם.

די קלויזן און בתי מדרשים אין די שטעט און שטעטלעך פון אַמאָליקן רוס־לאַנד און פוילן זיינען געוואָרן די יידישע אוניווערזיטעטן. אין דעם שטעטלשן בית מדרש פלעגן זיצן און לערנען באַלעבאַטישע בחורים, איידעמס אויף קעסט און "אָרעם־בחורים" פון דער פרעמד. די בחורים פון דער פרעמד פלעגט די שטעטל באַזאָרגן מיט "טעג". נעכטיקן פלעגן זיי, על פי רוב, אין בית מדרש, אויף אַ האַרטער באַנק. אַזוי איז געווען זייער וועג פון תורה.

"ווי נאָר אַזאַ מין בחור פלעגט זין באַווייזן אין קלויז — לייענען מיר אין די זכרונות פון דעם באַקאַנטן שריפטשטעלער אַ. י. פּאַפּירנאַ — מיטן שטעקן אין

האַנט און אַ זעקל אויף די פּלייצעס, האָבן אים אַלע אַרומגערינגלט, מקבל פּנים געווען, און תּיכּף זיך גענומען פֿאַרזאָרגן אים מיט ״טעג״... עסן האָט ער, ספרים און ליכט — וויפֿל זיין האַרץ גלוסט, אַ דירה — די קלויז, קיין בעט און קיין קישן דאַרף ער נישט״.

אין קלויז פּלעגן אויך זיצן און לערנען חתונה־געהאַטע ״יונגע־לייט״, געקומען פֿון אַנדערע שטעט, ״פּרושים פֿון דער פֿרעמד, וואָס פֿאַרלאָזן ווייב און קינד, קנייטשן די גמרא און עסן טעג״ (מענדעלע אין ״שלמה ר׳ חיימס״).

די באַלעבאַטישע בחורים און די ״איידעמס אויף קעסט״ זיינען, נאַטירלעך, געווען די גליקלעכערע. זיי האָבן ניט געדאַרפֿט עסן קיין ״טעג״ און זיי זיינען ממילא געווען באַפֿרייט פֿון דער שווערער זאָרג פֿאַרן שטיקל ברויט. דער באַקאַנטער העברעישער שרייבער משה לייב ליליענבלום האָט מיט כּעס און פֿאַרביטערונג געשריבן וועגן זיין יוגנט בכלל, און וועגן די יאָרן, וואָס ער האָט געלעבט ביי זיין שווער אויף קעסט, בפרט. זיין שאַרפֿע און ביטערע קריטיק איז אָבער צום גרעסטן טייל אומבאַרעכטיקט. משה לייב ליליענבלום איז געווען אַ קינד פֿון אַן אָרעמען יידישן בעל מלאכה. גאָר פֿרי איז אים די מוטער געשטאָרבן און זיין פֿאָטער האָט חתונה געהאַט מיט דער שוועסטער פֿון דער פֿאַרשטאָרבענער פֿרוי, מיט דער מומע פֿון דעם יונגן ליליענבלומען. די אָרעמע פֿרוי האָט זיך ממש מוסר נפש געווען, כּדי צו געבן איר פּלעמעניק אַ יידישע דערציִונג. ליליענבלום אַליין שרייבט וועגן איר: ״אָט די אידיאָטקע האָט אָפּגעגעבן איר לעבן פֿאַר מיינעטוועגן״ (השוטה הזו הפקירה חייה למעני). צו פֿופֿצן יאָר האָט דער יונגער לערנער חתונה געהאַט און במשך פֿון זעקס יאָר געלעבט ביי זיין שווער אויף קעסט. אין די יאָרן פֿון זיצן אויף קעסט איז ליליענבלום געוואָרן דער גרויסער למדן, און, אין תּוך גענומען, אויך דער משכּיל און שרייבער. דאָס זיינען געווען ליליענבלומס אוניווערזיטעטס־יאָרן. האָבן אים טאַקע זיין שווער און שוויגער אַזוי אומגליקלעך געמאַכט, ווי ליליענבלום באַשרייבט עס? וואָס וואָלט אַרויסגעקומען פֿון דעם יונגן ליליענבלומען, ווען זיין טאַטע וואָלט ניט געווען קיין אָרעמער יידישער בעל מלאכה, נאָר אַן אָרעמער ליטווישער פּויער? וואָלט אים אַ ״גויישער״ שווער אויך געהאַלטן זעקס יאָר אויף קעסט?

לערנען תּורה האָט פֿאַר דעם יונגן יידישן לערנער געהייסן זיך אָפּזאָגן פֿון אַ סך פֿרייד פֿון לעבן גראָד אין יענע יאָרן, ווען דער יצר הרע צום לעבן איז אַזוי שטאַרק. איז דערפֿאַר ניט קיין וווּנדער, וואָס אונדזערע דיכטער און שרייבער האָבן דערשפּירט דעם טאָן פֿון טרויער און איינזאַמקייט אין דעם ניגון פֿון גמרא, אין דעם ניגון פֿון דעם מתמיד. אַ גרויסער טייל פֿון דער יידישער אינטעליגענץ האָט דעם וועג דורכגעמאַכט. ווי שוין פֿריִער דערמאָנט, האָבן כּמעט אַלע אונדזערע לערנער אַ געוויסע צייט פֿאַרבראַכט ווי איינזאַמע קלויזניקעס. לערנען ״פֿאַר זיך״, טראַכטן ״פֿאַר זיך״ און זאָרגן פֿאַר זיך איז בכלל געווען דער גורל פֿון אַ גרויסן טייל פֿון דער יידישער יוגנט. אָט די זעלבשטענדיקייט און ״פֿאַרזיכיקייט״ האָט געהאַט אַ סך מעלות און חסרונות און זי האָט אַרויפֿגעלייגט איר באַזונדערן

שטעמפּל אויפֿן לעבן און דענקען פֿון די ישיבֿה־בחורים און קלויזניקעס.

געווען אָפּט פֿאַלן, ווען די יונגע לערנער האָבן בכיוון אויסגעזוכט אַ פֿאַר־וואָרפֿענעם בית מדרש, כּדי צו לערנען אַליין, זיין אַליין מיט דער תּורה. עס האָט זיי געצויגן דער אומעט פֿון איינזאַמקייט.

אַ. ליעסין דערציילט אין זיינע זכרונות, ווי זיין פֿאָטער האָט געדונגען אַ בחור, אַ קלויזניק, וואָס זאָל מיט אים לערנען. געלערנט האָבן זיי אין בית מדרש, ווו עס האָט זיך געפֿונען נאָך אַ לערנער פֿון דער פֿרעמד:

„אומעטיק איז מיר געווען אין דער שטילער, כּמעט ליידיקער שול, דער־הויפּט אין די נאָך־מעריבֿדיקע לאַנגע ווינטערנעכט. אין איין ווינקל בין איך געזעסן מיטן קלויזניק, אין אַן אַנדער ווינקל איז געזעסן צוגע־שמידט צו אַ גרויסער גמרא אַ קליינינקער מתמיד פֿון אַ דערבייִיקן שטעטל. אינדערשטיל פֿלעגט דער מתמיד אויסזינגען זיין סוגיא, און דער אַלטער גמרא־ניגון פֿלעגט קלינגען אין דער יונגינקער שטים מיט אַ צופֿנדיקן טרויער".

„צו דרייצן יאָר" — שרייבט ביאַליק אין אַן אויטאָביאָגראַפֿישן בריוו — „בין איך אַרויס פֿון דעם רשות פֿון די רביים אין מיין אייגענעם רשות און איך האָב געלערנט אין בית מדרש אַליין, אַליין — וואָרים איך בין געווען דער איינציקער יינגל אין דער גאַנצער געגנט, וואָס האָט דאָ געלערנט אין בית מדרש — אַ חוץ דעם דיין... דאָס זיצן אין בית מדרש אַליין האָט געהאַט דעם שטאַרקסטן איינפֿלוס אויף מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג און אויף מיין אינעווייניקסטער וועלט. אַליין מיט מיינע אַלטע און נייע געדאַנקען, מיט מיינע ספֿקות און פֿאַרבאָרגענע טראַכטע־נישן, האָב איך אַ סך צייט פֿאַרבראַכט ביי דעם אַלמער פֿון די ספֿרים, פֿלעג פֿאַרזינקען אין אַ ים פֿון חלומות און דמיונות און פֿלעג מאַכן דעם חשבון פֿון דער וועלט".

ביאַליק און ליעסין האָבן אָבער נאָך געהאַט אַ היים חוץ בית מדרש. געווען אויך ישיבֿה־בחורים, וואָס דער בית מדרש איז טאַקע בפּועל ממש געוואָרן זייער היים. דאָ האָבן זיי געלערנט און דאָ פֿלעגן זיי אויך נעכטיקן. אין „מיינע קינדער־יאָרן" דערציילט פּרץ הירשביין, ווי ער האָט אַ צייט פֿאַרבראַכט אַזוי אַליין, איינגאַנצן אַליין אין אַ בית מדרש:

איך בין צום גרעסטן טייל געווען אַליין אין בית מדרש... אַ חוץ שטעטלדיקע יידן, למדנים, וואָס זיינען פֿאַרלאָפֿן אין בית מדרש אַריין בייטאָג אַריינקוקן אין אַ ספֿר. פֿונדעסטוועגן בין איך ניט זאַט געוואָרן מיט מיין אַליין־זיין. ס'האָט געצויגן צו יחידות, וואָס מען האָט געקענט דערגרייכן נאָר אין די לאַנגע ווינטערנעכט, אַליין מיט די פֿאַליצעס ספֿרים.

אויך אין די קלויזן און בתי מדרשים, ווו עס האָבן געלערנט גרעסערע גרופּעס קלויזניקעס, זיינען די יונגע קינדער פּאַקטיש געווען אַליין. דאָס האָט געטראָגן מיט זיך גרויסע סכנות. פעיקע בחורים מיט אַ שטאַרקן ווילן האָבן זיך נאָך אַן עצה געגעבן. אַנדערע זיינען געוואָרן בטלנים, באַנק־קוועטשער. אויך אַ טייל פון עולם האָט זיך אָנגעהויבן צו באַציען מיט אַ געפיל פון ביטול צו די "אָרעם־בחורים", צו די "טעג־עסער". ר׳ חיים וואָלאָזשינער האָט די אַלע געפאָרן איינגעזען: "אַלע, וואָס זוכן גאָט ברוך הוא און זיין תורה — טענהט ער — זיינען צעשפּרייט ווי די שאָף, וואָס האָבן ניט קיין פּאַסטוך". און ער האָט דער־פאַר אַפּעלירט צו דער יידישער וועלט מיט זיין באַרימטן אויפרוף וועגן דער דרינגענדער נייטיקייט צו שאַפן אַ צענטער פון תורה.

די מיטעלע ישיבות

וואָלאָזשין איז געווען דער עלטסטער און באַדייטנדסטער צענטער פון תורה אין אַמאָליקן רוסלאַנד; אויך די קלענערע ישיבות האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין גייסטיקן לעבן פון יידן אין רוסלאַנד און פוילן. באַקאַנט און באַרימט זיינען באַזונדערס געווען די ישיבות אין מיר און איישישאָק. צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט זיינען אויפגעקומען די גרויסע מוסר־ישיבות אין סלאָבאָדקע, טעלז, נאָוואַראַדאָק, סלוצק א.אַז.וו. אַ באַזונדערן אינטערעס פאַרדינען די מיטעלע ישיבות. דאָס זיינען געווען די פּראָלעטאַרישע ישיבות, די פאָלקס־ישיבות.

די מיטעלע ישיבות פלעגן ניט שיקן קיין משולחים איבער דער וועלט. האָבן זיי דערפאַר געמוזט שאַפן אויף אַן אַרט סיי די נייטיקע מיטלען פאַר די ראשי ישיבות, סיי פאַר די ישיבה־בחורים. צווישן די גרינדער פון די מיטעלע ישיבות האָבן געשפּילט אַ באַזונדערע ראָל אייניקע תלמידים פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער, אָבער צוליבן דוחק אין געלטמיטלען, איז דאָ ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט אָפּצושאַפן די סיסטעם פון "עסן טעג", ווי דאָס איז געווען אין וואָלאָזשין.

אָבער ניט געקוקט אויף אַלע חסרונות, וואָס דאָס "עסן טעג" האָט געהאַט, האָט זיך גראָד אַ דאַנק דעם געשאַפן אַ נעענטערער קאָנטאַקט צווישן די ישיבה־לערנער און די פאָלקסמענטשן. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די טיפע ליבע צו תורה און דער רעספּעקט פאַר די תורה־לערנער, וואָס איז זינט דורות און דורות געווען איינגעוואָרצלט אין יידישן פאָלקסלעבן.

געווען ביי אונדז אוודאי מעצענאַטן פון תורה. אויך די ישיבות זיינען אָפט געגרינדעט געוואָרן דורך פאַרמעגלעכע און רייכע באַלעבאַטים. אזוי, למשל, איז די ערשטע ישיבה אין מינסק געגרינדעט געוואָרן מיט די מיטלען פון אַ רייכער פרוי בלומע, וואָס האָט פאַר דעם צוועק אויסגעבויט אַ ספּעציעלן בנין און האָט אויף אירע אייגענע הוצאות אויך אויסגעהאַלטן די לערנער. דאָס איז געווען די באַרימטע "בלומקעס קלויז". דער ערשטער ראש ישיבה פון "בלומקעס קלויז" איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער, ר׳ מרדכי מינסקער. עטלעכע יאָר

שפעטער האָט ר׳ מרדכי מינסקער געגרינדעט אַ ישיבה אין ווילנע מיט דער הילף פון דעם נדבן ר׳ שמואל יודעס קליאַטצקי. די איבערגעגעבנסטע מעצענאָטן פון תורה זיינען ביי אונדז אָבער געווען פשוטע פּאָלקסמענטשן, קליינע קרעמער, באַלמעלאָכעס און סתם יידן, וועלכע האָבן זיך אָפּט געטיילט מיטן לעצטן ביסן, כדי צו באַזאָרגן די אָרעמע לערנער מיטן נייטיקסטן צום לעבן.

אַ קלאַסישע שילדערונג פון אינעווייניקסטן לעבן אין איינער פון די באַקאַנטעסטע ישיבות פון דעם מין געפינען מיר אין די מעמואָרן פון מענדעלע מוכר ספרים, אין זיין „שלמה ר׳ חיימס". עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דער סלוצקער ישיבה, ווו מענדעלע האָט פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט צום סוף פון די פערציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. די דאָזיקע שילדערונג איז בלי ספק כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר די אַנדערע ישיבות פון יענער צייט און אפילו נאָך פון אַ שפעטערדיקער תקופה:

די בחורים קומען צום מערסטן צוגיין אַהינצו צו־פוס, ליידיק און בלויז. קוים אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך דאָס פּעקל — אַ צוויי אַלטע אויסגעלאַטעטע העמדער מיט אַ פּאָר אויסגעטראָטענע פאַרמאַרעזשעטע זאָקן. געבראַכט פון דער היים...
און די שטאָט, ווי געפאַלן זי איז און באַפאַלן פון אייגענע אָרעמעלייט, טראָגט אויף זיך אַזעלכע פון דער פרעמד, אויסהאַלטנדיק זיי מיט וואָס נאָר מעגלעך. דער אָרעמסטער ייד איז גרייט, אויב ער האָט נאָר, מיט דעם ביסן זיך צו טיילן צוליב דער תורה".

די שווערסטע פּראָבלעם פאַר די פריש־אָנגעקומענע בחורים איז, נאַטירלעך, געווען די פראַגע פון קריגן טעג. דאָס איז ניט אַלע מאָל געווען אַזוי לייכט. די גליקלעכע זיינען געווען יענע, וואָס האָבן געהאָט אַלע זיבן „טעג" פון דער וואָך. געווען אפילו אַזעלכע גליקלעכע, וואָס האָבן אַ מאָל געהאָט נאָך אַ איבעריקן „טאָג". פאַרנומענע באַלעבאָסטעס פלעגן אָפּט געבן דעם לערנער געלט אָנשטאָט עסן. געוויינטלעך פלעגט עס באַטרעפן צען־פופצן קאָפּעקעס אַ טאָג. אין אַזאַ פאַל האָט דער גליקלעכער ישיבה־בחור געהאָט די מעגלעכקייט צו גיין עסן צו אַ צווייטן באַלעבאָס און די קליינגעלט האָט ער געהאָט אויף דער הוצאה. דאָס זיינען אָבער געווען אויסנאָמען. אַ סך אָפטער פלעגט טרעפן דער פאַל, ווען דעם ישיבה־בחור האָט געפעלט אַ טאָג אָדער צוויי טעג אַ וואָך. איינעם האָט געפעלט אַ מאָנטיק, אַ צווייטן — אַ מיטוואָך, אַ דריטן — אַ פרייטיק.

עס איז אוודאי געווען זייער שווער פאַר די יונגע לערנער, כמעט נאָך קינדער, פאַרוואָגלט צו ווערן פון דער היים און עסן ביי פרעמדע טישן. מיר מוזן אָבער דערביי געדענקען, אַז דאָס איז דעמאָלט געווען אַן אָנגענומענער מינהג. דער ישיבה־בחור, וואָס האָט אַליין „געגעסן טעג", האָט געוווּסט, אַז ביים טיש פון זיינע עלטערן זיצט אויך אַ לערנער פון דער פרעמד. איז דערפאַר ביי אים ניט געווען קיין שום געפיל פון געפאַלנקייט דערביי. געווען, אגב, באַלעבאַ־

טים, וועלכע האָבן זיך גראָד געפֿילט גליקלעך מיט דעם, וואָס ביי זייער טיש זיצט אַ לערנער און מען קען ריידן דברי תורה ביים עסן. זיינען זיי דאָך אַליין דורך דעם געוואָרן שותפים צו דער תורה!

ניט זעלטן פלעגט טאַקע פּאַסירן, ווען אַן אָרעמע פרוי פלעגט קומען אין ישיבה און קלאָגן, פאַרוואָס מען שיקט איר ניט קיין לערנער צום עסן. מיר זיינען, אמת, אָרעם, איז געווען איר טענה, אָבער דער לערנער וועט פון מיין טיש ניט אַוועקגיין קיין הונגעריקער.

ווי עס איז געווען די באַציונג פון פּשוטע פּאָלקסמענטשן צו די ישיבה־לערנער, שילדערט אונדז מענדעלע אין זיינע שוין פריער ציטירטע מעמואָרן. ווען ער איז געקומען אין דעמאָלסדיקער סלוצקער ישיבה און האָט אָנגעהויבן זוכן "טעג", האָט ער זיך צופעליק דערמאָנט אַן זיינעם "א קרובס אַ קרובה":

> דערפרעגט ער זיך צו איר, און טרעפט זי זיצן אין מאַרק ביי אַ טישל מיט געבעקס און נאַשערייען... נעמט זי אים אויף, דאַרט טאַקע לעבן טישל מיט די מולטערס, ווי אַן אייגענעם... מיט אַ גדולה, אַ פרייד און מיט אַן אויסריידן פאַר אים איר שווער ביטער האַרץ, מיט אַ רחמנות־פּנים און לסוף מיט אַ זיס פריינדלעך שמייכעלע: קיין טאָג, בחורל, קען איך דיר נישט געבן, אַז שטענדיק ווי דו זעסט, היניע איך דאָ ביי דער מולטער... נאַר וואָס דען?... אַלע מיטוואָך קום צו אהער, צו מיר, וועל איך דיר געבן אַ ברויטל. וועסטו האָבן צו עסן דעם טאָג. און איך וועל זאַט זיין מיט דער מיצווה — אַלע מיטוואָך!

אַט די ווייטע קרובה זאָגט אים אַ חוץ דעם נאָך צו, אַז זי וועט "פּרווון אַ שמעק טאָן" ביי איר בעקער, ביי וועמען זי נעמט דאָס ברויט:

> ער אַליין איז אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַרבעט מיט שוויס פאַר צוויי, און טיילט זיך מיטן ביסן מיט אָרעמע לומדים, קלויזניקעס, ישיבה־בחורים, איטלעכן טאָג מיט אַן אַנדערן. איז אויב נאָר ביי אים איז דאָ איין טאָג אַ פרייער, מעגסטו זיכער אויף אים רעכענען. קוראַפּאַטעס וועסטו ביי אים ניט עסן, ער האָט נישט. אָבער ברויט מיט קרופּניק יאָ. ער וועט נאָך מיט גרויס הנאה דיר אונטערטרייבן, אַלץ עס, עס!

ניט אַלע בחורים זיינען געווען אַזוי גליקלעך, צו האָבן אַלע זיבן טעג אין וואָך. אַזוי באַשרייבט אונדז מענדעלע אַ וואָכעדיקן פאַרנאַכט אין דער ישיבה, ווי די בחורים קומען זיך צונויף צוריק נאָכן עסן און זעצן זיך אויס אַרום דעם אָפענעם אויוון. "צוויי בחורים... איינער עפּעס א שלים־מזל, גאָר אַן אַ "טאָג"... זיצן אויף די קני ביים אָפענעם טירל, אַנטקעגן דעם פייער, אַכטונג געבנדיק איטלעכער צו זיין זידנדיקן טעפּל, ווו עס יאָגט זיך אַ גרויפּ נאָך אַ גרויפּ"... דאָס גרייטן די ישיבה־בחורים זייער מאָלצייט פאַר זיך אַליין. "מיטוואָך — דערציילט מענדעלע וועגן זיך — זיצט דאָ שלמהלע אויך". וואָרים מיטוואָך האָט ער

קיין ריכטיקן "טאג" ניט געהאַט. די אָרעמע פרוי, די מאַרק־זיצערין, פלעגט אים דעם טאָג געבן אַ ברויטל. "אַט דאָס ברויטל — שרייבט ווייטער מענדעלע — איז באמת טייער... טייערער פונם בעסטן "טאָג", באַטראַכטנדיק זיך מיט וואָס פאַר אַ הייסער ליבשאַפט צו גאָט און צו זיין תורה דאָס דאָזיקע ברויטל איז געגעבן געוואָרן". אין אייניקע ישיבות פלעגט מען פאַר די בחורים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין "טעג", פאַרטיילן עסן אָדער קאָכן אַ קעסל.

מיטעלע ישיבות פון דעם מין זיינען געווען אין אַ רייע יידישע שטעט ווי סלאָנים, מינסק, ווילנע, גראָדנע, באָברויסק, פרוזשענע א.אַז.וו. אייניקע שטעט האָבן אפילו אויסגעהאַלטן צו עטלעכע ישיבות, גרעסערע און קלענערע. די ראשי ישיבות זיינען געווען מייסטנס געצאָלטע. אין אייניקע פאַלן זיינען עס אויך געווען פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים, לומדים, וואָס האָבן פאַר זייער אַרבעט קיין געלט ניט גענומען. עס איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז עס זיינען אויך געווען ישיבות, וואָס פלעגן אויסגעהאַלטן ווערן פון באַזונדערע חברות. אַזוי, למשל, איז געווען אַ ישיבה אין דער קירזשנערשער שול אין מינסק, וואָס איז געבויט און אויסגעהאַלטן געוואָרן פון די קירזשנער. אין ווילנע איז געווען אַ גרויסע ישיבה אין דער קצבישער קלויז, ווו עס האָבן אַ צייט געלערנט אַרום אַכציק ישיבה־בחורים.

די באַקאַנטעסטע און באַדייטענדסטע ישיבה אין ווילנע איז געווען די ר' מיילעס ישיבה, אָדער ר' מיילעס קלויז. די גרינדער פון דער ר' מיילעס ישיבה זיינען געווען פשוטע באַלמעלאָכעס, אייניקע שניידער, וואָס האָבן געדאַוונט אין דעם גאונס קלויז. שפּעטער איז צוגעקומען נאָך אַ ייד אַ קוימענקערער מיטן נאָמען שעפּסל (שבתי). אַט דער שבתי קוימענקערער האָט איבערגענומען אויף זיך די מאַטעריעלע זאָרג פאַר די לערנער. ער אַליין פלעגט צונויפנעמען ביי די קרעמער ברויט, מעל און גרויפּן, צו קאָכן פאַר די ישיבה־בחורים, און זיין פרוי פלעגט פאַר זיי וואַשן די וועש. ער האָט אויך געשאַפן דאָס געלט, כדי איינצוקויפן דעם פּלאַץ, אויף וועלכן עס איז שפּעטער אויסגעבויט געוואָרן דער בנין פון דער ר'מיילעס קלויז.

מיט דער צייט איז די ר'מיילעס ישיבה שטאַרק אויסגעוואַקסן אין צאָל און אין באַדייטונג. אין די פערציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט זיינען דאָרטן געווען ראשי ישיבות אַזעלכע אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן ווי ר' ישראל סאַלאַנ־טער און ר' מרדכי מעלצער. דער גרעסטער טייל תלמידים האָט געלעבט פון עסן "טעג". די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין "טעג", פלעגט די ישיבה באַזאָרגן מיט ברויט און געקעכץ. אויף דעם באַדן איז אפילו אין די ניינציקער יאָרן אויסגע־בראָכן אַ סטרייק אין דער ר'מיילעס קלויז. די ישיבה־בחורים האָבן פאַרלאַנגט אַ הוספה — מען זאָל זיי געבן אַ פערטל פונט ברויט אַ טאָג אַלס אַ צוגאָב צו די דריי פערטל פונט ברויט, וואָס זיי האָבן ביז דעמאָלט געקראָגן.

געווען אין דער ר'מיילעס קלויז אויך לערנער, וואָס האָבן געלעבט אויף "אייגענע קעסט". צו דער קאַטעגאָריע פון "באַלעבאַטישע קינדער" האָט אויך

געהערט דער שפעטער באַקאַנט געוואָרענער פּאָלקסזינגער, אליקום צונזער:

״אַז איך זאָל ״עסן טעג״ — דערציילט אונדז אליקום צונזער אין זיינע מעמוארן — האָט מיין מוטער גערעכנט פאַר אַ גרויסן בזיון. און דער־פאַר האָט זי מיך געהאַלטן אויף ״אייגענע שפּייז״, כאָטש איך האָב ביי די ״אייגענע שפּייז״ אַ סך מער געהונגערט פון אַנדערע ״טעג־עסער״. יעדן זונטיק אינדערפרי, ווען איך פלעג דאַרפן אַוועקגיין אין דער ישיבה אויף אַ גאַנצער וואָך, פלעגט זי מיר מיטגעבן אַ לעבל ברויט מיט 5 גראָשן מזומן. צוויי מאָל אַ טאָג פלעג איך זיך קויפן פאַר אַ האַלבן גראָשן געקאָכטע אַרבעס צום ברויט, און די געקאָכטע אַרבעס האָט ביי מיר פאַרטראָטן די שטעלע פון אַלע מעדני מלכים. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַזאַ אָרעמע שפּייז האָט אַזאַ יינגל ווי איך, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין יראת שמים, ווייניק געקימערט... יעדן פרייטיק אינדערפרי פלעג איך עולה רגל זיין אין אַנטאָקאָליע (אַ פאַרשטאָט פון ווילנע — א.מ.) צו מיין מוטער אויף שבת״.

אפילו אין די אָרעמסטע שטעט און שטעטלעך פון דער אַלטער היים איז די קרוין פון תורה קיינמאָל ניט געבליבן פאַריתומט. יידן האָבן אַליין געלערנט תורה און האָבן געהאָלפן די לערנער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער צייט פאַר תורה. און אָט די גרויסע און הייליקע ליבע האָט ארויסגעבראַכט וווּנדערלעכע געשטאַלטן פון פאָלקסמענטשן, וועלכע פאַרדינען, אַז זייערע נעמען און זייערע מעשים זאָלן אָפּגעהיט ווערן לזכרון פאַר דורות און דורות.

אַזוי, למשל, ווערט אונדז דערציילט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין ״המליץ״ פון יאָר 1889 וועגן די אָרעמע ישיבה־יינגלעך אין קאָוונע. אַ סך פון זיי האָבן ניט געהאַט קיין ״טעג״, ווייל דער אַלגעמיינער מצב אין שטאָט איז געווען אַ שווערער. צום גליק האָט זיך געפונען אַן אָרעמע פרוי, גאָלדע די וואַסערטרעגערקע, וואָס האָט אויף זיך גענומען צו באַזאָרגן די ישיבה־בחורים מיט עסן. זי גייט אַרום מיט אַ קאָרב איבערן שטאָט — דערציילט דער קאָרעספּאָנדענט — און קלייבט צונויף עסנוואַרג פאַר די אָרעמע לערנער. יעדן טאָג קומט זי אין ישיבה און ״ביי איר אין טאָרבע געפינט זיך פון כל טוב״.

אַזוי איז עס אויך געווען אין אַלע אַנדערע שטעט. פון ווילנע ווערט אונדז דערציילט וועגן דעם הייליקן ר׳ שמעון קאַפּטאַן, וואָס האָט באַזונדערס געזאָרגט פאַר די אָרעמע ישיבה־בחורים.

דאָס איז געווען דער וועג פון תורה אין דעם גרעסטן טייל פון די ישיבות אין רוסלאַנד אין ניינצענטן יאָרהונדערט. אונטערשטיצונגען אין געלט האָבן געקראָגן בלויז די תלמידים אין די גרויסע ישיבות, וואָס פלעגן שיקן משולחים, ווי וואָלאָזשין און מיר. געווען בלויז איין ישיבה, וואָס האָט געהאַט איר אייגענעם וועג, ווו די באַלעבאַטים פון שטעטל האָבן אַליין אויסגעהאַלטן די ישיבה, און די לערנער האָבן דאָך ניט געגעסן קיין ״טעג״. דאָס איז געווען די אַמאָל באַרימטע

ישיבה אין איישישאַק. ווער עס וויל וויסן און פאַרשטיין וואָס עס האָט געמיינט אַהבת התורה און כבוד התורה ביי יידן, מוז זיך באַקענען מיט איישישאַק, מיט איר ישיבה און מיט אירע באַלעבאַטים.

איישישאק און איר ישיבה

אין איישישאַק האָבן געלערנט דער עיקר ניט קיין ישיבה־בחורים, נאָר פרושים, חתונה־געהאַטע יונגע לייט. די ישיבה פון די פרושים אין איישישאַק איז דעם ברייטערן יידישן עולם גראָד ווייניקער באַקאַנט. די סיבה דערפון איז גאָר אַ פשוטע — די איישישקער יידן זיינען געווען באַשיידענע צדיקים, שטילע און פאַרבאָרגענע. האָט די וועלט פון זיי ניט געוווסט.

פאַר די ישיבות אין מיר און וואָלאָזשין זיינען אַרומגעפאָרן משולחים איבער דער גאַנצער וועלט, האָט מען ממילא אומעטום געוווסט און אומעטום וועגן זיי גערעדט. איישישאַק האָט זיך אַנדערש געפירט. דאָס דאָזיקע קליינע שטעטעלע אין ליטע, ווו עס האָבן געלעבט קוים עטלעכע הונדערט יידישע משפחות, האָט אויף אַן אויסערגעוויינטלעך בכבודיקן אופן באַזאָרגט און אויסגעהאַלטן איבער הונדערט לערנער. און געווען זיינען עס פשוטע האָרציקע יידישע אַרבעטסמענטשן, קליינע קרעמער און בעלי מלאכות, וואָס האָבן אויף זיך גענומען אַנצוהאַלטן דעם נר תמיד פון תורה, אויסצוהאַלטן איינע פון די גרעסטע ישיבות, וואָס די יידישע וועלט האָט פאַרמאָגט אין ניינצענטן יאָרהונדערט.

ווי אַזוי האָט איישישאַק דערגרייכט דאָס, וואָס אַ סך גרעסערע און רייכערע יידישע קהילות האָבן ניט געקענט באַווייזן? אויך די ישיבה אין איישישאַק איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער רענעסאַנס פון תורה־לערנען אין ליטע, אָנהויב פאַריקן יאָרהונדערט. די טראַדיציע פון דעם ווילנער גאון און זיינע תלמידים האָט דאָ געווירקט אפשר נאָך שטאַרקער ווי אין וואָלאָזשין. האָט מען טאַקע דער־פאַר אין איישישאַק זייער אַ סך געהאַלטן פון אָפּהיטן דעם כבוד פון דער תורה און דעם כבוד פון די לערנער. די פרושים אין איישישאַק זיינען ניט געגאַנגען עסן "טעג" צו די בעלי בתים פון שטעטל. דאָ איז געווען דער מינהג צו ברענגען דעם לערנער דאָס עסן אין בית המדרש אַריין. דריי מאָל אַ טאָג פלעגן די בעלי בתים ברענגען די מאָלצייטן אין דער ישיבה, כדי אויף אַזאַ אופן אָפּצוהיטן דעם כבוד און די צייט פון די תלמידי חכמים. איישישאַק אַליין האָט אויך באַזאָרגט די נייטיקע מיטלען אויף איינצוקויפן ספרים — ש"ס, פוסקים, שאלות ותשובות און אַז. וו. פאַר דער ישיבה. שוין אין די זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָבן די הוצאות פון דער ישיבה באַטראָפן אַן ערך 10,000 רובל אַ יאָר. דאָס איז פאַר יענער צייט און פאַר אַ קליינער און אָרעמער יידישער קהילה ווי איישישאַק ממש אַ פאַנטאַסטישער ציפער.

ניט געווען אין איישישאַק קיין בעל הבית, וואָס זאָל זיך ניט פילן פאַרפליכ-טעט לפחות איין־צוויי מאָל אַ וואָך באַזאָרגן אַ פּרוש מיט עסן: ״יעדן טאָג, אַרום איינס אַזייגער — לייענען מיר אין אַ באַשרייבונג וועגן דעם לעבן פון די ישיבה־לייט אין די אַכציקער יאָרן — קלייבן זיך צונויף אין די הויפן פון די בתי מדרשים אַ גרויסע צאָל פרויען און מיידלעך. דאָס ברענגען זיי וואַרמעס פאַר די פּרושים, כדי זיי זאָלן ניט פאַרלירן קיין צייט אויף גיין עסן... אַלע יידן פון שטעטל, אַפילו די סאַמע אָרעמסטע, באַטייליקן זיך אין דער מיצווה פון באַזאָרגן די פּרושים. איטלעכער לויט זיינע מעגלעכקייטן: ווער אַ טאָג, ווער צוויי טעג, אָדער אַפילו נאָך מער. און אויב עמעצער איז ניט געווען אימשטאַנד צו נעמען אויף זיך אַ פולן טאָג פאַר אַ פּרוש, האָט ער געמאַכט שותפות מיט זיין שכן, און צוזאַמען האָבן זיי איבערגענומען די הספקה פון לערנער״.

אין אַן אויפרוף, וואָס ר׳ ישראל סאַלאַנטער און אַנדערע אָנגעזעענע פּערזענ-לעכקייטן האָבן סוף פאַריקן יאָרהונדערט אַרויסגעלאָזן וועגן דער נייטיקייט פון דער גרינדונג פון ישיבות, ווערט באַזונדערס ציטירט דער מוסטער פון איישישאַק:

״פאַרוואָס זאָלט איר ניט נאָכטאָן — ווערט דאָ געזאָגט — דעם ביישפּיל פון אַ קליין שטעטל, פון איישישאַק, ווו אַלע, אָרעם און רייך, כמעט אַן אויסנאַם, האָבן אויף זיך גענומען ווי אַ פליכט, ניט צו עסן זייער ברויט אַליין, נאָר אָפּצו-געבן פון דעם, וואָס זיי האָבן, אַ טייל פאַר די תורה־לערנער, וואָס זיצן פאַר גאָט, און מיט שמחה, ווי מען פלעגט אַמאָל ברענגען די ביכורים אין בית המקדש, ברענגען זיי זייער חלק פאַר יעדערן אין זיין צייט. זייער גרעסטע פרייד איז, ווען די לערנער נעמען אָן זייער מתנה. און אַזוי האָבן זיי מצליח געווען ווידער אויפצוריכטן די קרוין פון דער תורה, און זייער ישיבה איז געוואָרן אַ ליכט פון תורה פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק״.

וועגן דעם רב און ראש ישיבה פון איישישאַק, ר׳ אברהם שמואל, ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיך קיינמאָל ניט געזעצט עסן, כל זמן אַן אורח איז אויך ניט געזעסן צוזאַמען מיט אים ביים טיש.

פאַרשיידענע חברות האָבן געזאָרגט פאַר די אַנדערע הצטרכותן פון די לערנער און פון דער ישיבה. אָנהייב די זעכציקער יאָרן האָבן זיך די בעלי בתים פון שטעטל באַשטייערט און האָבן מיט זייערע אייגענע מיטלען אויסגעבויט צוויי בתי מדרשים פאַר די ישיבה־לייט. די הוצאות אויף די בנינים האָבן באַטראָפן אַ סכום פון דרייסיק טויזנט רובל. כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַציונגען פון די פשוטע פאָלקסמענטשן צו דער ישיבה און די ישיבה־לייט איז דער פאַקט, וואָס אַן אָרעמער בעל הבית האָט זיך ממש געפילט אומגליקלעך, אויב ער האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַזאָרגן אַ ישיבה־מאַן מיט עסן. אין די מעמואַרן פון דעם העברעישן שרייבער אלעזרי ווילקאַנסקי, וואָס האָט אַליין געשטאַמט פון איישישאַק, געפינען מיר די וווּיטערדיקע רירנדע שילדערונג פון דער אהבת התורה פון אַ יידישן אַרבעטסמענטשן:

"ווינטער־צייט גייט שלמה דער גערטנער אַרום ווי צערודערט און אָפּהעגטיק; ער קען אפילו ניט באַזאָרגן איין איינציקן מאַלצייט פאַר אַ פּרוש. אָבער ווען עס קומען אָן די זומערטעג, באַווייזט ער זיך מיטאַמאָל ביי דער טיר פון בית המדרש באַלאָדן מיט די פּירות פון זיין גאָרטן. שטיל און אומבאַמערקט לייגט ער אַוועק זיין אָרעמע מתנה אויף איינער פון די בענק פון בית המדרש, און אַליין רוקט ער זיך באַשיידן אָפּ הינטערן אויוון, כדי צוצוקוקן ווי די פּרושים פאַרטיילן צווישן זיך זיינע ביכורים און זעצן זיך ווידער לערנען. אַזוי פלעגט שלמה דער גערטנער זיך נוהג זיין טאָג איין טאָג אויס אין דער זומער־צייט".

פּירושים זיינען, דוכט מיר, איבעריק. תורה איז פאַרן יידישן מענטשן, פאַר יעדן יידן, געווען אַ טייל פון זיין לעבן. דאָס לערנען תורה אַליין איז אָבער געווען נאָך ווייניק. מיט תורה איז געווען פאַרבונדן אַ גרויסע אידעע.

ר' ישראל סאלאנטער און די מוסר־באוועגונג

איז הלל געווען גערעכט? קען מען טאַקע אויסלערנען די גאַנצע תורה על רגל אחת? אָדער אפשר איז גאָר דער שטרענגער שמאי געווען גערעכט?

די מיצווה ליב צו האָבן דעם חבר ווי זיך אַליין איז אוודאי אַ גרויסע מיצווה, די גרעסטע מיצווה, אָבער אפשר אויך די שווערסטע מיצווה! וויפל מענטשן האָבן עס באַוויזן צו דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה? געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער פון היללן. זיי האָבן גערעדט נאָר וועגן ליבע, און דעם פירוש האָבן זיי איינגאַנצן פאַרגעסן. וואָס זיינען די רעזולטאַטן? עס איז אָפט ניט אַזוי שווער צו פּריידיקן ליבע, רופן צו גערעכטיקייט, אַ סך שווערער איז עס דורכצופירן אין לעבן, און דאָס קען מען שוין אוודאי ניט אויף איין פוס, על רגל אחת.

אַ גרויסער טייל פון די יידישע רעליגיעז־עטישע דענקער האָבן דערפאַר מער געהאַלטן פון דעם שטרענגן שמאי, וועלכער האָט געשטעלט שווערערע פאָדערונגען צו זיך און צו זיינע תלמידים.

אָבער אויך דער וועג פון דעם שטרענגן שמאי איז ניט פריי פון געפאַרן. עס טרעפט אָפט, אַז צוליב דעם לאַנגן פירוש לאָזט מען אַרויס פון אויג דעם צענטראַלן געדאַנק. עס קען פאַסירן, אַז דער מענטש זאָל פאַרבייטן דעם ציל מיט די מיטלען. עס קומט אויס ניט זעלטן צו באַמערקן, ווי די איידלסטע און לויטערסטע אידעאַליסטישע באַוועגונגען ווערן ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַפּאַראַטן פון מאַכט און אונטערדריקונג, ווי גרויסע אידעען ווערן אויסגעוועפּט און ביסלעכווייז פאַרביטן דורך מעכאַנישע צערעמאָניעס און פאָרמאַליטעטן.

די געפאַרן זיינען באַזונדערס גרויס אין רעליגיעזן לעבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז גרינגער צו זיין מער פרום ווי גוט, אַז אַ סך מענטשן קענען, למשל, גיכער איינהיטן זייער מויל פון עסן טרפות ווי פון זאָגן רכילות. עס איז בכלל אויסערגעוויינטלעך שווער אין משך פון יאָרהונדערטער אָנצוהאַלטן די ריינקייט פון אַ גרויסער אידעע. מענטשן זיינען לויט זייער נאַטור געצנדינער, און זיי זיינען כסדר גענייגט צו פאַרבייטן אידעען מיט צערעמאָניעס און גלויבן מיט אַבערגלויבן. שוין די נביאים האָבן געהאַט טענות קעגן יענע, וואָס האָבן געגלויבט, אַז דער עיקר איז צופרידנצושטעלן גאָט מיט קרבנות. און דאָס זעלביקע געפינען מיר אין תלמוד: "רחמנא לבא בעי", גאָט רעכנט זיך נאָר מיטן גוטן ווילן פון מענטשן, מיט זיינע אמתע כוונות. אַ גרויסער יידישער דענקער פון מיטלאַלטער האָט דערפאַר געשריבן אַ גאַנצן ספר וועגן "די פליכטן פון האַרצן"

(חובת הלבבות). דער בעל מוסר פרעגט ניט נאָר, וויפל אַ מענטש לערנט תורה, נאָר — ווי אַ גרויסער חסידישער רבי האָט זיך אויסגעדריקט — וואָס די תורה האָט אויסגעלערנט דעם מענטשן. איז דער מענטש בעסער געוואָרן? איז ער איידעלער געוואָרן? איז ער דערהויבן געוואָרן דורכן לערנען תורה?

און דאָ קומען מיר צו דער פראַגע, וואָס עס האָט זיך געשטעלט אייגער פון די באַדייטנדסטע יידישע דענקער פון נייַנצנטן יאָרהונדערט: ווי לערנט מען מוסר? ווי אַזוי קומט מען דערצו, אַז דאָס לייענען פון אַ מוסר־ספר זאָל טאַקע ווירקן אויפן מענטשן, ער זאָל ווערן בעסער און ערלעכער? ווו איז דער וועג, וואָס פירט פון גוטע ווערטער צו גוטע מעשים?

ר׳ ישראל סאַלאַנטער, דער באַגרינדער פון דער מאָדערנער מוסר־באַוועגונג, איז געבאָרן געוואָרן און האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין ליטע, וואָס איז אין גאָר אַ גרויסער מאָס, טאַקע אַ דאַנק זיין ווירקונג, געוואָרן דער וויכטיקסטער צענטער פון תורה אין דער יידישער וועלט. די גרויסע ישיבות אין סלאָבאָדקע, טעלז, נאָוואַראַדאָק און אַנדערע, זיינען געשאַפן געוואָרן פון ר׳ ישראל סאַלאַנטערס תלמידים און האָבן אַנגענומען זיין שיטה פון לערנען מוסר. די מוסר־באַוועגונג האָט זיך ביסלעכווייז פאַרשפּרייט און האָט אויך פאַר־כאַפּט אַלע אַנדערע גרויסע ישיבות, ווי מיר, ראַדין א.אַז.וו. דער איינפלוס פון דער מוסר־באַוועגונג איז מיט דער צייט ווייט אַריבער די גרענעצן פון די ליטווישע ישיבות. באַזונדערס דינאַמיש און עקספּאַנסיוו זיינען געווען די נאָוואַ־ראַדקער מוסרניקעס, וועלכע האָבן אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן געשאַפן אַ גאַנצע נעץ פון גרעסערע און קלענערע ישיבות, און אפילו ביז אַמעריקע און ארץ ישראל איז דערגאַנגען די השפעה פון ר׳ ישראל סאַלאַנטערס מוסר־באַוועגונג.

אין וואָס שטעקט דער כוח פון ר׳ ישראל סאַלאַנטערס מוסר שיטה, וואָס האָט באַוויזן דורכצופירן אַזאַ טיפע רעוואָלוציע אין די ישיבות פון ליטע און פוילן? וואָס האָט די מוסר־באַוועגונג מחדש געווען? איינער פון ר׳ ישראל סאַלאַנטערס תלמידים האָט געפּרובירט פאָרמולירן דעם אונטערשייד צווישן די מוסרניקעס און אַנדערע ריכטונגען אין יידישן לעבן בזה הלשון:

די אויפגעקלערטע זאָגן: ״קען די וועלט״; חסידים זאָגן: ״קען גאָט״; לומדים זאָגן: ״קען די תורה״ און מוסרניקעס זאָגן: ״קען זיך״. דער גרעסטער סוד פון דער וועלט איז דער מענטש אַליין און קענען זיך איז די שווערסטע תורה. אין נאָמען פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער גיבן איבער זיינע תלמידים אַ ווערטל: ״זיבעציק יאָר לעבט דער מענטש מיט זיך אַליין און קען זיך ניט!״ וואָס אָבער האָט דעם באַגרינדער פון דער מוסר־באַוועגונג געשטויסן דערצו זיך אַזוי אינטענ־סיוו צו פאַרנעמען מיט דער פּראָבלעם פון מענטשן מיטן דערקענען זיך אַליין?

די מוסר־באַוועגונג פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז געווען דער ענטפער אויף דער השכלה־באַוועגונג, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל גייסטיקע אומרויקייט צווישן דער יידישער יוגנט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. זינט דורות און דורות זיינען יידן אין פוילן און רוסלאַנד געוווינט צו זען אין דער תורה דעם

גאַנצן זין פון זייער לעבן און דעם זין פון דער וועלט. תורה איז געווען ניט נאָר די העכסטע חכמה, נאָר אפילו די בעסטע סחורה. אַלע געדאַנקען פון דעם יונגן ישיבה־בחור זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער תורה, מיט די הייליקע ספרים.

פון אַלע גאָטס מתנות אויף דער גרויסער ערד —
האָט דאָך מיין יוגנט אייך, בלויז אייך, געקענט,
אַ גאָרטן זייט איר מיר געווען אין זומערהיצן
אַ קישן פאַר מיין קאָפּ אין קאַלטע ווינטערנעכט.
(ביאליק "ביים אַלמער פון ספרים", איבערז. פון יי. שוואַרץ)

און דאָ האָט זיך מיט אַ מאָל אין בית מדרש אַריינגעריסן די השכלה. דער קליינשטעטלדיקער יונגער מאַן פון ליטע און פוילן האָט זיך באַגעגנט מיט דער וועלט, און ער האָט זיך פאַרלוירן ווי אַ קליין קינד אין אַ פרעמדער גרויסער שטאָט.

די לאַגע איז געוואָרן באַזונדערס קריטיש מיט דעם, וואָס די רוסישע רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם ערשטן האָט זיך גענומען פאַר דער אויפגאַבע "אויסצומענטש־לען" די יידן און מאַכן פון זיי "ציוויליזירטע" בירגער. אין דער אויפגאַבע "צו מאַכן יידן מיט לייטן גליידך" האָט דער ברוטאַלער רעזשים פון ניקאָלאַי דעם ערשטן געפונען אַ סך פון זיינע העלפער גראָד אין דעם לאַגער פון די משכילים. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע רדיפות אויף די חדרים און ישיבות. מען האָט געפּרובירט צווינגען יידן, זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין אַלגעמיינע שולן, אין "שקאָלעס". די רעגירונג האָט אַפילו מיט דער הילף פון די משכילים געשאַפן ספּעציעלע סעמינאַרן, ווו עס האָבן געזאָלט דערצויגן ווערן דורות פון "אויפגע־קלערטע" רבנים, פון יידישע גייסטיקע פירער, וואָס האָבן געזאָלט העלפן דעם צאַרישן רעזשים אין זיין פּאָליטיק פון אַסימילאַציע.

ר' ישראל סאַלאַנטער האָט באַצייטנס באַגריפן דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער סכנה, וואָס די שותפות פון השכלה מיט דער צאַרישער אַסימילאַציע — פּאָליטיק שטעלט מיט זיך פאַר פאַרן קיום פון יידישן פאָלק. מען האָט אים, אגב, פאָרגע־שלאָגן, ער זאָל עס ווערן דער אָנפירער פון דעם נייעם רבנים־סעמינאַר, וואָס די רעגירונג האָט דעמאָלט געשאַפן אין ווילנע. ר' ישראל סאַלאַנטער האָט פאַר־שטאַנען, אַז דאָס וויל מען האָבן זיין נאָמען, כדי צו קריגן אַ הכשר פאַר דער נייער אינסטיטוציע, אַז די אמתע בעלי בתים וועלן זיין אַנדערע. און ער האָט פאַרלאָזן ווילנע. ער האָט אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז דער קאַמף קעגן דער השכלה טאָר ניט זיין בלויז אַ נעגאַטיווער; אַז עפּעס מוז מען אויסבעסערן און באַנייען. די מאָראַלישע פּראָבלעם מוז דאָ פאַרנעמען אַ צענטראַלן פּלאַץ און אויף דעם געביט קען די יידישע טראַדיציע אויסהאַלטן די קאָנקורענץ מיט דער וועלט. אויפן רוף פון דער השכלה: באַקען זיך מיט דער וועלט! האָט ר' ישראל סאַלאַנטער געענטפערט: באַקען זיך מיט יידישקייט, דערקען זיך אַליין! און ער האָט געוויזן, אַז עס איז פאַראַן מיט וואָס זיך צו באַקענען און וואָס צו לערנען.

*

ליטע האָט געהאַט איר אייגענעם נוסח פון יידיש לעבן און יידיש טראַכטן, אַ נוסח, וואָס איז אַזוי דייטלעך געקומען צום אויסדרוק אין די מוסר־אידעען פון ר' ישראל סאַלאַנטער. אויך די מוסרניקעס ציען זייער יחוס פון גאון. עס ווערט געוויינטלעך אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, וואָס ר' ישראל סאַלאַנטערס רבי, ר' זונדעל סאַלאַנטער, האָט געלערנט אין דער ישיבה פון ר' חיים וואָלאָזשינער, דעם תלמיד פון ווילנער גאון. מען קען נאָך ווייטער אָנווייזן אויף אַ געוויסער קרובה־שאַפט אין אידעען צווישן דעם גאון און ר' ישראל סאַלאַנטער. באַזונדערס כאַראַק־טעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס סיי דער גאון און סיי ר' ישראל האָבן במשך פון זייער גאַנץ לעבן קיינמאָל ניט אָנגענומען קיין שטעלע פון רבנות און זיינען געבליבן "בעלי בתים", כדי אויף אַזאַ אופן ניט צו זיין אָפּהענגיק פון גבאים און קהילה־פירער. מען האָט אַ מאָל געפרעגט ר' ישראל סאַלאַנטער, פאַרוואָס ער זאָגט זיך כסדר אָפּ אָנצונעמען אַ שטעלע פון רבנות, האָט ער געענטפערט: לויטן דין דאַרף יעדע יידישע קהילה האָבן לכל הפחות צען בטלנים, איז דאָך אוודאי אַ יושר, אַז דער יידישער כלל זאָל האָבן לפחות איין בטלן!

ר' ישראל סאַלאַנטער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1810 אין דעם שטעטל זאַגער אין ליטע. ביז צום עלטער פון צוועלף יאָר האָט ער געלערנט ביי זיין פאָטער ר' זאב וואָלף, וואָס איז געווען רב אין גאָלדינגען און טעלז. דאַן איז ר' ישראל געפאָרן לערנען קיין סאַלאַנט, אין דער ישיבה פון סאַלאַנטער רב, ר' הערשל ברוידע. אַן ערך אַכצן יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין סאַלאַנט. אָבער ר' ישראל איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין מער ווי אַ למדן. אין אים האָט געשטעקט דער פונק פון אַ נביא, פון אַ טיפן דענקער און אַ קעמפערישן רעפאָרמער. געווען אין אים אויך אַ ניצוץ פון חסידישער התלהבות. ער האָט באַזונדערס הויך אָפּגע־שאַצט די באַדייטונג און די אחריות פון דעם גייסטיקן פירער ביי יידן. ר' ישראל סאַלאַנטער האָט פאַרשטאַנען די גרויסע וויכטיקייט פון דעם לעבעדיקן וואָרט און דעם לעבעדיקן ביישפּיל. ער האָט דערפאַר אַליין קיין ספרים ניט געשריבן און האָט זיך בלויז פאַרנומען מיט דערציען אַ דור פון תלמידים. דער בעסטער מוסר־ספר, האָט ער געלערנט, איז אַ מאָראַלישער מענטש, פון וועמען אַנדערע קענען אָפּלערנען אַ מוסר השכל. אַז מען האָט ביי ר' ישראלן אַ מאָל געפרעגט: וואָס האָסטו געלערנט פון דיין רבין ר' זונדעל? האָט ר' ישראל געענטפערט: איך האָב פון אים גאָר ניט געלערנט, איך האָב אים נאָר געזען! פאַר דעם גרינ־דער פון דער מוסר־באַוועגונג איז קלאָר געוואָרן, אַז מיט ספרים קען מען זיך שוין אַן עצה געבן, ספרים זיינען פאַראַן גענוג. מוז מען דערפאַר דער עיקר זיך אָפּגעבן מיט דער דערציונג פון אַ דור גייסטיקע פירער, וואָס וועלן מיט זייער לעבן און מיט זייער אויפפירונג ווערן די לערער פון פאָלק. און דערצו זיינען בייטיק מוטיקע און קעמפערישע נאַטורן. הגם ר' ישראל האָט אַליין קיינמאָל ניט געוואָלט אָננעמען קיין שטעלע פון רבנות, האָט ער אָבער גאָר אַ סך געהאַלטן פון דעם ענין רבנות. ער האָט זיינע תלמידים אָפּט צוגערעדט דערצו, זיי זאָלן זיין גרייט איבערצונעמען די שווערע אחריות פון אַ רב, וואָרים נאָר שטאַרקע

מאַראַלישע פּערזענלעכקייטן זיינען באַרופן צו ווערן רבנים. אין די קרייזן פון די מוסרניקעס ווערט אָפט ציטירט אַ ווערטל פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער: אַ רב, וועלכן מען וויל ניט אַרויסטרייבן פון שטאָט, איז קיין רב ניט; און אויב מען טרייבט אים אַרויס — איז ער קיין מענטש ניט.

די גרויסע מאַראַלישע פּערזענלעכקייט האָט תמיד פאַרנומען אַ צענטראַלן פּלאַץ אין יידישן גייסטיקן לעבן, באַזונדערס באַליבט זיינען תמיד געווען די געשטאַלטן פון דעם למד־וואָווניק און דעם נביא, וועלכע רעפּרעזענטירן צוויי גאַנץ באַזונדערע, און טיילוויז אַקעגנגעזעצטע טענדענצן. דער למד־וואָווניק איז דער שטילער פאַרבאָרגענער צדיק, דער נסתר, וואָס באַהאַלט זיך פון דער וועלט. גאָר אַנדערש איז דער נביא, דער שטראָפער, דער קעמפערישער רעפאָרמער. אין דער יידישער פאָלקסלעגענדע ווערן אָפט דיביידע געשטאַלטן פאַראייניקט. וועגן ר׳ ישראל בעל שם טוב, למשל, דערציילט די חסידישע לעגענדע, אַז אַ סך יאָרן האָט ער געפירט אַ לעבן פון אַן אָרעמען, פּשוטן אַרבעטסמענטשן. לסוף אָבער — דערציילט די חסידישע לעגענדע — האָט מען אים געגעבן צו וויסן מן השמים, אַז עס איז געקומען זיין צייט נתגלה צו ווערן, אַנטפּלעקט צו ווערן פאַר דער וועלט, ווייל דער דור נייטיקט זיך אין אַ נייעם מנהיג.

גרויסע מאַראַלישע פּערזענלעכקייטן זיינען אָפט געשטאַנען פאַר דער פראַגע: וואָס איז ריכטיקער — אַנטלויפן פון דער זינדיקער וועלט, אָדער גיין און פּרובירן אויסבעסערן די וועלט? פאַר אָט דעם קאָנפליקט איז אויך געשטאַנען ר׳ ישראל סאַלאַנטער.

ר׳ ישראל סאַלאַנטערס רבי אין מוסר איז געווען ר׳ זונדעל סאַלאַנטער. מיט אים האָט זיך ר׳ ישראל באַגעגנט אין סאַלאַנטער בית מדרש, ווו זיי האָבן צוזאַמען געלערנט. ר׳ זונדעל סאַלאַנטער איז נאָך געווען אין גאָר אַ גרויסער מאָס דער טיפּ פון דעם שטילן למד־וואָווניק. ר׳ ישראל האָט זיך צו זיין רבין באַצויגן מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד. און האָט אים כאַראַקטעריזירט מיט די ווערטער פון חומש: "סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה" — אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד, אָבער זיין שפּיץ דערגרייכט ביז צום הימל. אויך דער צדיק ר׳ זונדעל האָט געהערט צו יענעם קרייז ליטווישע לומדים, וואָס פלעגן ניט אָננעמען קיין רבנות. זיין אָרעמע חיונה האָט ר׳ זונדעל געצויגן פון מסחר. אַזוי אַז נאָר ווייניק מענטשן האָבן געוווסט וועגן זיין גרויסקייט אין תורה און אין מוסר. ר׳ זונדעלס איידעם, דער באַרימטער רב פון ירושלים, ר׳ שמואל סאַלאַנטער, האָט געשריבן וועגן זיין שווער, אַז ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געוואַלדיקער לומדות, אין נגלה ווי אין נסתר (קבלה). ער איז געווען אַ גדול הדור אין תורה ווי אין גוטע מידות, און נאָר מחמת זיין באַשיידנקייט איז עס געבליבן פאַרבאָרגן פאַר דער וועלט.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער און זיינע תלמידים פלעגן דערציילן וווּנדערלעכע זאַכן וועגן ר׳ זונדעלס פרומקייט און וועגן זיינע מידות און מעשים טובים. אַזוי האָט מען אים איינמאָל געפונען ווי ער שטייט מיט אַ האַמער און פאַרריכט אַ קליאַמקע

פון דער טיר צו זיין הויף. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קליאַמקע איז קאַליע געוואָרן און מען האָט די טיר פון דרויסן ניט געקענט עפענען. לויט דער גמרא אין בבא בתרא איז עס אָבער ״ניט קיין מעלה״, ווען אַ טיר פון אַ הויף עפנט זיך ניט פון דרויסן, ווייל די אָרעמעלייט קענען דאַך ניט אַריינקומען אין הויף. האָט ר׳ זונדעל פאַרריכט די טיר.

אין זיין שטעטל סאַלאַנט פלעגט ר׳ זונדעל זיך פרייטיק ניט פאַרנעמען מיט מסחר, נאָר ער פלעגט אַרומגיין איבער די אכסניות און פלעגט באַזאָרגן די סוחרים, וואָס פלעגן קומען פון אַנדערע שטעט, מיט חלה און וויין אויף שבת. ר׳ זונדעל האָט זיך קיינמאָל ניט געקימערט וועגן זיין אייגענעם כבוד. ער פלעגט גיין אָנגעטאָן ווי אַ פשוטער פאַלקסמענטש, אַזוי אַז פרעמדע, וואָס האָבן אים ניט געקענט, פלעגן אים אָננעמען פאַר אַן עם הארץ. דערפאַר אָבער איז ער געווען געוואַלדיק אָפּגעהיט, ווען עס פלעגט זיך האַנדלען וועגן יענעמס כבוד.

ר׳ זונדעל פלעגט אָפט אַרויסגיין שפּאַצירן אויסערן שטאָט אויפן פעלד, כדי זיך צו פאַרטיפן אין געדאַנקען פון תורה און מוסר. ווען ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו ר׳ זונדלען און זיין התנהגות, פלעגט ער פון צייט צו צייט אים אויך נאָכגיין פון ווייטן אויפן פעלד. איין מאָל האָט עס ר׳ זונדל באַמערקט, האָט ער זיך אָפּגערופן צו אים: ״ישראל! לערן מוסר, וועסטו ווערן אַ פרומער ייד״. ווי ר׳ ישראל אַליין האָט דערציילט, האָבן די ווערטער אויף אים געמאַכט אַן אויסערגעוויינטלעכן איינדרוק, ״ווי אַ פלאַם־פייער וואָלט אַריין צו מיר טיף אין מיין האַרצן״. זינט יענער צייט איז ער געוואָרן ר׳ זונדלס תלמיד און ער האָט פון אים געלערנט די וועגן פון גאָטספאַרכטיקייט און מוסר.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט אָבער געפילט, אַז די נייע צייט פאָדערט מער אַקטיווע, קעמפערישע פירער. ער האָט די דאָזיקע באַדערפעניש אין פירער, וואָס היילינקן זייער גאַנץ לעבן דעם לײדנשאַפטלעכן קאַמף פאַר יידישקייט, אויסגעדריקט אין אַן אַריגינעלן אופן אין זיין קלאַסישן מאמר: **אַ ליכט לייכט פאַר אַלעמען, זי אַליין גייט אוים.**

ר׳ ישראל האָט געלערנט זיינע תלמידים: ווי עס איז דער בעסטער וועג צו העלפן דעם נויטבאַדערפטיקן, ער זאָל זיך קענען שטעלן אויף זיינע אייגענע פיס און מער ניט דאַרפן אָנקומען צו פרעמדע — אַזוי אויך ביים לערנען מוסר מיטן עולם מוזן מיר זיך באַמיען, זיי זאָלן דערגיין צו דער מדרגה פון ווערן לערנער ״פאַר זיך״ און זיי זאָלן מיט דער צייט אַליין, מיט זייערע אייגענע כוחות, פרובירן שטייגן פון מדרגה צו מדרגה, ווארים דאָס ערגסטע איז, האָט ר׳ ישראל געלערנט, ווען דער מענטש פאַרלירט די אַמביציע צו שטייגן, ווען ער לאָזט זיך ״גיין ווי עס גייט זיך און לעבן ווי עס לעבט זיך״. דער אמת איז אָבער, אַז דער מענטש קען גאָרניט בלייבן אויף איין אָרט. אויב ער באַמיט זיך ניט כסדר אויפצוהייבן, מוז ער אַראָפּפאַלן. די וועלט איז אַ לייטער — אָדער מען גייט אַרויף, אָדער מען גייט אַראָפּ, אין מיטן לאָזט מען ניט בלייבן שטיין. אָבער וועלכער וועג פירט אַרויף און ווי אַזוי פאַרהיט מען זיך פון צו פאַלן באַרג אַראָפּ?

*

ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט געהערט צו די געציילטע יידישע רעליגיעזע פירער פון נייַנצעטן יאָרהונדערט, וואָס האָבן געקענט די וועלט און האָבן פאַרשטאַנען די וועלט. וואָרים מען קאָן גאָרניט אָפּהיטן אַ סך מיצוות פון דער תורה — האָט ער געלערנט — אויב מען איז ניט באַקאַנט מיט די באַדערפעענישן און פאָדערונגען פון די פּשוטע מענטשן. דער גרויסער תלמיד חכם טאָר ניט זיין קיין פּרוש, נאָר גראָד פאַרקערט, ער דאַרף זיין אַ "מעורב עם הבריות", דאַרף לעבן צוזאַמען און פאַרברענגען צוזאַמען מיט מענטשן. און ר׳ ישראל האָט זיין גאַנץ לעבן געזוכט אַן ענטפער — ווי אַזוי דאַרף דער יידישער מענטש באַגעגענען די וועלט ?

אין יאָר1840 איז ר׳ ישראל איינגעלאַדן געוואָרן קיין ווילנע, כדי דאָרטן צו פאַרנעמען די שטעלע פון אַ ראש ישיבה אין דער דעמאָלט באַרימטער ר׳ מיילעס ישיבה. דאָ, אין דעם צענטער פון תורה און השכלה, האָט ער זיך אייגנטלעך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט דער גרויסער וועלט. דאָ, אין ירושלים דליטא, האָט ר׳ ישראל זיך גלייך אַרויסגעוויזן ניט נאָר ווי אַ גאון אין תורה, נאָר אויך ווי אַן אויסערגעוויינטלעך מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. ער האָט גלייך באַגריפן דעם טיפערן זין פון גייסטיקן קריזיס, וואָס די השכלה האָט אַרויסגערופן אין די קרייזן פון דער יידישער יוגנט. און דער שטרענגער מוסרניק, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן קיין מאָל ניט געוואָלט אָננעמען קיין שטעלע פון רבנות, האָט מיט צופרידנקייט אָנגענומען די שטעלע פון אַ ראש ישיבה, ווייל ער האָט זיך געפילט באַרופן איבערצונעמען די שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות פון אַ לערער און אַ וועגווייזער. איבער אַכט יאָר האָט ר׳ ישראל פאַרבראַכט אין ווילנע. און דער ווילנער פּעריאָד איז אפשר געווען דער וויכטיקסטער און פּרוכטבאַרסטער אין זיין לעבן.

אין יאָר 1841 האָט דער רוסישער בילדונגס-מיניסטער אַרויסגערופן קיין פּעטערבורג דעם דעמאָלט נאָך יונגן דייטשן רעפאָרם-ראַבינער מאַקס ליליענטאַל, וואָס האָט געדאַרפט מיטאַרבעטן ביי דער דורכפירונג פון די צאַרישע רעפאָרם-פּראָיעקטן אויפן געביט פון יידישער דערציונג. דער הויפּטצוועק פון דער רעפאָרם האָט אייגנטלעך געזאָלט זיין — אָפּצושאַפן ביסלעכווייז די חדרים און די ישיבות און איינצופירן אויף זייער אָרט נייַע שולן לויט די ווונטשן און פאָדערונגען פון דער רעגירונג. אין דער זעלביקער צייט איז אויך געקומען די קליידער-גזירה. מען האָט דער יידישער באַפעלקערונג פאַרווערט צו טראָגן די טראַדיציאָנעלע יידישע בגדים. די שווערסטע גזירה איז אָבער געווען די "רעקרוטשינע", די גזירה פון נעמען, ריכטיקער פון כאַפּן, יידישע קינדער פאַר סאָלדאַטן. דער קהל פלעגט פאַר דעם צוועק אָנשטעלן ספּעציעלע "כאַפּערס". ביי די אידעאַלסטע באַדינגונגען וואָלט די סיסטעם פון "כאַפּן" און "כאַפּערס" געמוזט פירן צו די שווערסטע מיסברויכן. קיין אידעאַלע באַדינגונגען זיינען אָבער ווייט ניט געווען. די קאַנטאָ-ניסטן-גזירה געהערט צו די טרויעריקסטע קאַפּיטלען פון דער יידישער געשיכטע

אין אַלטן רוסלאַנד. די איידלסטע און ערלעכסטע מענטשן האָבן, אויף ווי ווייט מעגלעך, אויסגעמיטן זיך צו מישן אין קהלשע ענינים.

אויף דריי זאַכן האַלט זיך די וועלט — לערנט אונדז די משנה — אויף לערנען תורה, אויף תפילה און אויף גוטס־טאָן מיט מענטשן (על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים). אין צייטן פון שווערע קריזיסן איז געווייטלעך דער דריטער זייל, דער זייל פון גמילות חסדים, דער וויכטיקסטער. דעם גרעסטן שאָדן פאַרן פּרעסטיזש פון יידישן גלויבן האָבן געבראַכט יענע רעליגיעזע פירער, וואָס האָבן אין זייער פּערזענלעכן לעבן ניט באַוויזן זיך צו האַלטן אויף דער געהעריקער מאָראַלישער הויך. די אמונה פאַרלירט איר נשמה אויב זי פאַרלירט איר מאָראַליש יסוד. ווען מען האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן אין קאָוונע פאַלן פון חילול שבת ביי יידן, האָט ר' ישראל צונויפגערופן זיינע תלמידים און האָט זיי אָנגעהויבן שטאַרק צו מוסרן. האָט זיך איינער פון זיינע תלמידים אָפּגערופן: וואָס מוסרט איר אונדז? האָט אים ר' ישראל געענטפערט: ווען מיר וואָלטן געווען אָפּגעהיט אין אונדזערע מדרגות, דאַן וואָלט דער פּשוטער עולם ניט דערגאַנגען ביז חילול שבת". אין אַן אַנדער פאָרם האָט ר' ישראל אויסגעדריקט דעם זעלביקן געדאַנק אין דעם מאמר: "אויב מען רעדט אין קאָוונער בית מדרש לשון הרע — איז מען אין פּאַריז מחלל שבת".

מיטן פּנים צום מענטשן — דאָס איז געווען איינער פון די צענטראַלע געדאַנקען פון דער נייער מוסר־באַוועגונג. אין זיין "אגרת המוסר" (מוסר־בריוו) באַמערקט ר' ישראל: מיר זעען ווי יידן זיינען אַזוי ווייט אָפּגעהיט אין כשרות, אַז עס האָט זיך ביי אונדז אפילו אַנטוויקלט אַן עקלגעפיל צו טרפות. און ביים מינדעסטן ספק לויפט מען צום רב פרעגן אַ שאלה. אין געשעפטסלעבן איז פּונקט פאַרקערט. מען קומט ניט צו רבנים מיט שאלות, צי מען האָט דאָס געלט פאַרדינט אויף אַ כשרן אופן. מען נעמט זיך ניט שטאַרק צום האַרצן, אויב מען האָט דעם צווייטן אין עפּעס באַעוולט, און אפילו ווען דער באַעוולטער מאָנט, זוכט מען אויס אַלערליי פאַלשע תירוצים, כדי ניט צו באַצאָלן.

גאָר ווייניק מענטשן גיבן זיך אָפּ אַ חשבון וועגן די "קליינע עבירות, וואָס מען טוט לגבי דעם חבר, ווי לשון הרע, קנאה און אַ מאָל אפילו עוולות אין געלט און געשעפטסזאַכן. מען טוט אָפּט אָפּ עבירות. מען פירט מחלוקתן כלומרשט לשם שמים, אין אמתן ווערט מען געטריבן פון דעם אייגענעם יצר הרע. און די מחלוקתן "לשם מצווה", טענהט ר' ישראל, זיינען גראָד די געפערלעכסטע. מען האָט אַ מאָל אין אַ שטעטל אָפּגעזאָגט אַ שוחט פון דער שטעלע, צוליב אַ חשש, אַז זיין חלף האָט געהאַט אַ פּגם. האָט ר' ישראל געזאָגט: ווער ווייסט וויפיל פּגימות זיינען געווען אין דעם חלף, מיט וועלכן מען האָט געקוילעט דעם שוחט?

דער עיקר דאַרף זיך אַ מענטש היטן צו זיין אַ צדיק אויף יענעמס חשבון. עס טרעפט אָפט, אַז אַ פרומער ייד יאָגט זיך טאָן אַ מיצווה און באַגייט דערביי, גאָרניט מערקנדיק, אַ סך עבירות. אַזוי, למשל, ווען אַ ייד שטייט אויף פרי צו סליחות און מאַכט אַ גרויסן טומל, וועקט ער אויף די שכנים, אַ מאָל אפילו

קראַנקע און קליינע קינדער, וואָס נייטיקן זיך אין שלאָף. אַנדערע ערלויבן זיך אויפצוּוועקן די דינסט, זי זאָל צוגרייטן פאַרן בעל הבית, איידער ער גייט צו סליחות, אַ גלאָז טיי. און די דינסט איז דאָך געוויינטלעך אַ יתומה אָדער אַן אַלמנה — באַמערקט ר׳ ישראל — פאַרזינדיקט זיך דער בעל הבית קעגן דעם געבאָט פון ״כל אלמנה ויתום לא תענון״ — קיין אלמנה און אַ יתום זאָלט איר ניט באַעוולהן. ווען ער קומט אין בית מדרש, געפינט ער ניט זיין שטענדער אויפן ריכטיקן פּלאַץ, בייזערט ער זיך אויפן שמש, און ער באַגייט די עבירות פון לשון הרע און פון פאַרשעמען זיין חבר פאַר מענטשן. אַזוי קען גאָר אַ מיצווה פירן צו אַ סך עבירות. איז וואָס האָט דער פרומער אויפגעטאָן מיט זיין אויפשטיין פרי צו סליחות?

אַ מאָל, ווערט דערציילט, האָט ר׳ ישראל געזען, ווי איינער פון זיינע תלמידים פאַרברויכט אַ סך וואַסער ביים וואַשן די הענט צום עסן. עס איז אַ מיצווה ניט צו שפּאָרן קיין וואַסער אויף נטילת ידים. האָט ר׳ ישראל אים צוגערופן און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז נאָך אַ מאָל זאָל ער עס ניט טאָן. עס איז גענוג, אַז מען היט אָפּ דעם דין און עס איז ניט קיין יושר צו ווערן זיין אַ צדיק אויפן חשבון און אויף די פּלייצעס פון דעם אָרעמען וואַסערטרעגער.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער אַליין איז געווען גענוי אָפּגעהיט אין אַלע מיצוות. ער האָט אָבער תמיד געהאַט אין זינען, אַז דעם צווייטן זאָל, חס ושלום, ניט אויסקומען צו ליידן פון זיין פרומקייט. אַזוי ווערט איבערגעגעבן פון זיינע תלמידים, אַז איין מאָל פאַר פסח, ווען מען האָט פאַר אים געבאַקן שמורה מצה און ער אַליין איז געווען ניט געזונט, האָט ער געבעטן זיינע תלמידים, זיי זאָלן גיין און געבן השגחה ביים באַקן די מצות. אויף דער פראַגע פון די תלמידים: אויף וואָס דאַרף מען באַזונדערס אַכטונג געבן? האָט ר׳ ישראל געענטפערט: זעט, מען זאָל זיך ניט בייזערן אויף דער קנעטערקע. זי אַרבעט אפשר ניט אַזוי גיך, אָבער זי איז אַן אלמנה, מוז מען באַזונדערס זיין אָפּגעהיט.

ביים דאַוונען, פלעגט ר׳ ישראל סאַלאַנטער קיינמאָל ניט מאריך זיין ביים זאָגן שמונה עשרה, כדי ניט צו פאַרהאַלטן דעם עולם. ווען ער האָט פאַרבראַכט אין וואַרשע, האָבן זיך די חסידים געוווּנדערט, וואָס דער ליטווישער צדיק דאַוונט אַזוי גיך. אויף דער פראַגע פון די חסידים: וו קומט עס וואָס ער האָט איינער פון די ערשטע פאַרענדיקט שמונה עשרה? האָט ר׳ ישראל געענטפערט: ״איך האָב געזען, אַז דאָ דאַוונען צוזאַמען מיט מיר בעלי מלאכות און יעדער איילט זיך צו זיין אַרבעט. האָב איך ניט געוואָלט, אַז צוליב דעם וואָס איך וועל מאריך זיין ביים דאַוונען, זאָלן יידן האָבן שאָדן״.

עס איז אָבער איין מאָל יע פּאַסירט, ווען ישראל האָט דעם עולם געלאָזט אויף זיך וואַרטן. דאָס איז געווען יום־כיפור צו ״כל נדרי״. ערשט נאָכן דאַוונען האָט ער זיינע פריינד מיט גרויס פשטות דערציילט, אַז גייענדיק אין שול, האָט ער דערהערט פון שטוב אַ קול פון אַ וויינענדיק קינד. די מאַמע איז אַוועק אין שול און האָט איבערגעלאָזן די עלטערע שוועסטערל, זי זאָל אַכטונג געבן אויפן קינד. ר׳ ישראל האָט אויפגעוועקט דאָס מיידעלע, אַליין אַ זעקסיאָריק קינד, וואָס

איז איינגעשלאָפן, און ער האָט געוואָלט אוועקגיין אין שול. דאָס מיידעלע האָט אָבער מורא געהאַט אַליין צו בלייבן אין שטוב, איז ר׳ ישראל פאַרבליבן מיט די קינדער, ביז די מאַמע איז צוריק געקומען פון דאַוונען. און ווען ער האָט פאַר־ענדיקט צו דערציילן די געשיכטע, האָט ר׳ ישראל געזאָגט, אַז ער איז צופרידן, וואָס גראָד יום כיפור האָט ער זוכה געווען צו טאָן אַזאַ גרויסע מצווה.

אין די עטלעכע ביישפילן שפיגלט זיך אָפּ ר׳ ישראלס צוגאַנג צו דער גאַנצער פּראָבלעם פון יידישקייט, פון מיצוות און גוטע מעשים. אָבער ווי דערציט מען די מענטשן צו גוטע מעשים? ר׳ ישראל האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז וויסן אַליין איז ווייניק. אין תוך ווייס יעדערער, אפילו דער פּשוטסטער מענטש, וואָס אַן ערלעכער ייד דאַרף טאָן. און ר׳ ישראל פלעגט זאָגן: הלוואי וואָלט דער גרעסטער געטאָן, וואָס דער קלענסטער ווייס. איז דערפאַר געווען נייטיק צו געפינען נייע וועגן פון לערנען תורה און מוסר. אָט די נייע וועגן האָט ר׳ ישראל איבערגעגעבן זיינע תלמידים.

דער וועג ווי צו לערנען מוסר

ווי אַ גוטער קענער פון דער מענטשלעכער נשמה, האָט דער באַגרינדער פון דער מוסר־באַוועגונג אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז אַ חוץ דעם שכל ווירקן נאָך אין מענטשן טיפערע כוחות, איבער וועלכע ער איז אָפט גאָר קיין בעל הבית ניט. דער קראַנקער שיכור פאַרשטייט אָפט די געפאַר פון טרינקען, אָבער ער קען זיך ניט העלפן. די נאַטור — לערנט ר׳ ישראל סאַלאַנטער — שלעפּט דעם מענטשן כסדר באַרג אַראָפּ. און נאָר ווען דער מענטש מאַכט אויסערגעוויינטלע־כע אָנשטרענגונגען, קען ער ביסלעכווייז בייקומען זיין יצר הרע און זיך איינ־שאַפן גוטע מידות. עס איז נייטיק, אַז די גוטע מידות זאָלן ווערן אַ טייל פון דער מענטשלעכער נאַטור. דער מאָראַלישער מענטש דאַרף דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה, אַז אים זאָל זיך וועלן טאָן גוטס, אפילו ווען דאָס קען אים ברענגען שאָדן: "ווען מען זאָל געבן גיהנום פאַר אַ מיצווה, און גן עדן פאַר אַן עבירה" — לערנען די מוסרניקעס — "דאַרף מען לויפן טאָן אַ מיצווה!" אָבער ווי דער־גרייכט מען צו אַזאַ מדרגה? ר׳ ישראל האָט זיינע תלמידים איבערגעגעבן אַ שיטה און אַ וועג ווי צו לערנען מוסר, ווי צו דערגרייכן, אַז די געלייטערטע ווערטער פון מוסר זאָלן מיט דער צייט פאַרוואַנדלט ווערן אין גוטע מעשים און גוטע מידות.

ווייט איז דער וועג פון וויסן ביז טאָן, פון ווערטער צו מעשים, אַזוי ווייט ווי פון הימל ביז צו דער ערד. אָבער פונדעסטוועגן — זאָגן די מוסרניקעס — ווען עס קומט רעגן פון הימל, רעגן אין צייט, גיט די ערד אירע פרוכט. אַזוי ווערט אויך דאָס וואָרט פון מוסר ניט פאַרלוירן, אויב עס ווערט געזאָגט אויפן געהעריקן אופן און אין דער געהעריקער צייט. און דער ערשטער כלל, וואָס ר׳

ישראל סאַלאַנטער האָט אָנגעזאָגט זיינע תּלמידים, איז געווען אַז מוסר דאַרף מען לערנען מיט התפעלות. דעם מענטשנס האַרץ איז פאַרשטאָפּט און גוטע ווערטער דערגרייכן צו אים זייער שווער. מוז דער מענטש דערפאַר לערנען מוסר אויף אַזאַ אופן, אַז זיין גאַנצער איך זאָל אויפגעטרייסלט ווערן. פריער — שרייבט ר׳ ישראל סאַלאַנטערס תּלמיד, ר׳ יצחק בלאַזער, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען ר׳ איצעלע פּעטערבורגער — פּלעגט מען לערנען מוסר מיטן ניגון פון גמרא, אָדער מען פלעגט בלויז אַריינקוקן אין אַ מוסר־ספר. כדי צו דערגרייכן בלויז וויסן איז עס געווען. אָבער כדי צו מעורר צו זיין דעם מענטשן, כדי צו באַוועגן אים צו טאָן גוטע מעשים, איז דאָס ווייניק. דאָ איז נייטיק צו לערנען מוסר מיט דער התפעלות פון דער נשמה, זיין האַרץ זאָל אָנגעוואַרעמט ווערן, זיין געוויסן זאָל אויפגערודערט ווערן, און עס זאָל זיך אין אים דערוועקן די מורא פון גאָט ברוך הוא. דאַרף מען לערנען „מיט אַ טרויעריקן ניגון און מיט ברענענדיקע ליפּן, כדי דאָס האַרץ זאָל זיך אָנצינדן און זאָל דעם מענטשן געבן די כוחות אויסצופירן גוטע מעשים, מיטן ווילן, אָדער איבער געוואַלד.

דאָס לערנען מיט אַ ניגון און מיט התפעלות איז אַן אַלטע יידישע טראַדיציע. אַזוי האָבן יידן געלערנט דורות און דורות גמרא. אויך די חסידישע באַוועגונג האָט געשאַפן אירע פאָרמען פון ניגון און התפעלות. ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט דאָס זעלביקע געטאָן פאַר מוסר. און ר׳ ישראל סאַלאַנטערס אַ תּלמיד ווייזט טאַקע בפירוש אָן אויף דער ווירקונג פון מוזיק און געזאַנג. אַזוי ווי די קלאַנגען פון מוזיק קענען ביים מענטשן אַרויסרופן געפילן פון פרייד און פון טרויער, אַזוי מוזן אויך די ווערטער פון מוסר געזאָגט ווערן אויף אַזאַ אופן, זיי זאָלן אַרויסרופן ביים מענטשן געפילן און געדאַנקען פון תשובה און חשבון הנפש.

דער צווייטער כלל פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז — **איבערחזרן**. ווען דער מענטש לערנט מוסר און ער קומט צו אַ פּסוק אָדער אַ מאמר, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק, זאָל ער זיך דאָ אָפּשטעלן און זאָל דעמזעלביקן מאמר איבערחזרן און נאָך אַ מאָל איבערחזרן, ביז עס איז געוואָרן אַ טייל פון זיין נשמה. און דער באַגרינדער פון דער מוסר־באַוועגונג ווייזט דערביי אָן אויף דער באַקאַנטער תּלמודישער לעגענדע וועגן דעם באַרימטן תּנא רבי עקיבא. — מה דאָך, דאָס ווייכע וואַסער האָט געקענט דורכדרינגען דעם האַרטן שטיין, וועלן דאָך די ווערטער פון דער תּורה אוודאי קענען דורכדרינגען מיין האַרץ — האָט געזאָגט רבי עקיבא און ער האָט זיך געזעצט לערנען תּורה.

דערפאַר וועלן אויך די ווערטער און געדאַנקען פון מוסר — האָט געלערנט רבי ישראל — ניט פאַרפעלן זייער ווירקונג, אויב מען וועט זיי כסדר איבערחזרן. עס איז דאָס זעלביקע — ווייזט אָן ר׳ ישראל סאַלאַנטער — מיט אַנדערע לימודים. ווען אַ מענטש לערנט זיך לייענען און לערנט זיך אַ נייע שפּראַך, נעמט דאָס ביים אים אַ סך צייט, ביז ער געוויינט זיך צו צו ריידן און לייענען אינגאַנצן פריי. יעדער קלענער איינדרוק פאַר זיך איז כמעט ווי גאָרנישט, אָבער מיט דער

צייט קריצן זיי זיך איין אין האַרצן און ווערן אַ טייל פון דער מענטשלעכער נאַטור.

איז שוין ממילא דערפון קלאָר דער דריטער כלל: מוסר דאַרף מען לערנען אַלע טאָג, אָדער ווייניקסטנס איין מאָל אין וואָך, כדי די איינדרוקן פון לערנען מוסר זאָלן ניט אָפּגעווישט ווערן. ר׳ ישראל האָט איינגעפירט די סיסטעם פון לערנען מוסר בקביעות, אין באַשטימטע צייטן. געוויינטלעך איז געווען אָנגענומען ביי זיינע תלמידים צו לערנען מוסר פאַרנאַכט, אין דער טונקעלער בין השמשות־דיקער שטימונג פון בין מנחה למעריב.

דאַקעגן האָבן די קריטיקער געטענהט, אַז צוליבן לערנען מוסר וועט דער עולם פאַרלאָזן דאָס לערנען פון גמרא, און דאָס וועט מיט דער צייט פירן צו ביטול תורה. דער ענטפער פון די מוסרניקעס איז אָבער געווען, אַז גראָד פאַר־קערט: דאָס לערנען מוסר וועט דעם מענטשן באַוועגן אויך צו לערנען מער תורה. אין די קרייזן פון די מוסרניקעס דערציילט מען: מ׳האָט אַ מאָל געפרעגט ר׳ ישראל סאַלאַנטער: אַז מען האָט ניט מער ווי איין שעה פריי, וואָס זאָל מען לערנען — מוסר, אָדער גמרא? ״לערנט מוסר״ — האָט ער געענטפערט — וועט איר זען, אַז איר האָט מער ווי איין שעה!״

כדי צו דערגרייכן די נייטיקע ווירקונג — האָט ר׳ ישראל סאַלאַנטער געלערנט — איז וויכטיק צו שאַפן אַ באַזונדער פּלאַץ פאַר לערנען מוסר. און ר׳ ישראל האָט איינגעפירט די ״מוסר־שטיבלעך״ אין קאָוונע און אין נאָך אייניקע שטעט אין ליטע. די ״מוסר־שטיבל״ איז אָפן אַ גאַנצן טאָג. ווען איינער האָט צייט, קומט ער אַהין אַריין לערנען מוסר. מען קען אפשר פרעגן — באַמערקט דער תלמיד פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ר׳ יצחק בלאַזער — צו וואָס זיינען נייטיק באַזונדערע ״מוסר־שטיבלעך״, ווען מען קען סיי אינדערהיים און סיי אין יעדן בית המדרש לערנען מוסר? ניין! — ענטפערט ר׳ יצחק בלאַזער — אַ ייד וועט זיך ניט אָנוועקזעצן לערנען מוסר מיט התפעלות און מיט אַ טרויעריקן ניגון אין דער אָנוועזנהייט פון זיין משפחה אָדער פון אַנדערע מענטשן אין בית המדרש. ווייל ער וועט זיי ניט וועלן שטערן ביים לערנען. בפרט נאָך, אַז דאָס לערנען מוסר וועט אים מעורר זיין צו וויינען און פון זיינע אויגן וועלן זיך גיסן טרערן, וועט ער זיך פאַרשעמען. גאָר אַנדערש אין ״מוסר שטיבל״. דאָרט קען ער זיך לאָזן פריי באַהערשן פון מוסר און תשובה געדאַנקען. פאַר־קערט, דאָס איז טאָקע דער צוועק פון דער ״מוסר־שטיבל״ — אַרויסרופן ביים מענטשן אַזעלכע געפילן און שטימונגען.

דער לעצטער און וויכטיקסטער כלל איז: **לערנען מוסר בציבור.** כדי צו פאַרשטאַרקן די ווירקונג פון מוסר אויף זיינע תלמידים, האָט ר׳ ישראל געלערנט איינצופירן באַשטימטע צייטן, דער עיקר בין מנחה למעריב, ווען זיי זאָלן צוזאַ־מען לערנען מוסר, מאַכן אַ חשבון הנפש פון דעם, וואָס מען האָט אָפּגעטאָן במשך פונם טאָג, און איינער זאָל דעם אַנדערן העלפן און מעורר זיין צו תשובה. באַזונדערס וויכטיק איז דאָס לערנען מוסר שבת נאָך מנחה, ווען מען מאַכט דעם

חשבון פון דער גאַנצער וואָך. אויך דאָ איז דער באַגרינדער פון מוסר געגאַנגען אין די וועגן פון דער יידישער טראַדיציע. ווען אַ חברה יידן זיצן און לערנען אַ בלאַט גמרא אָדער אַ פרק משניות, איז עס אין סך הכל אַ סך, אַ סך מער ווי ווען יעדערער באַזונדער וואָלט געזעסן ביי זיך אינדערהיים און געלערנט.

ווען ר' ישראל סאַלאַנטער האָט געלעבט אין קאָוונע, האָט ער במשך פון אַ לענגערער צייט זיך נוהג געווען צו פאַרברענגען די גאַנצע וואָך אין אַלעקסאָט, אַ פאַרשטאָט ביי קאָוונע. און נאָר אויף שבת פלעגט ער קומען צוריק אַהיים. דאָרטן אין אַלעקסאָט האָט ער געלעבט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און פלעגט זיך פאַרטיפן אין תורה און אין מוסר. איין מאָל אין וואָך פלעגן זיינע נאָענטסטע תלמידים קומען צו אים הערן מוסר. נאָכן דאַווענען מנחה — דערציילט זיין תלמיד — פלעגט דער רבי אָנטאָן דעם טלית און פלעגט אָנהייבן פאַר אונדז זיין דרשה וועגן מוסר, ווי דאָס איז געווען זיין שטייגער. אַ מאָל פלעגט ער דרשענען גאַנצע שעהען און אינמיטן דרשענען פלעגט ער אַריינקומען אין אַזאַ התפעלות, אַז אונדזער האַרץ פלעגט אין אונדז צוגיין און ער פלעגט זיך פונאַנדערוויינען מיט גרויס געוויין און פלעגט אונדז וועקן און מעורר זיין צו בעטן רחמים ביי גאָט ברוך הוא וועגן די ענינים פון דער נשמה, און דאַן פלעגט ער זאָגן אַ פסוק פון תשובה ווי "לב טהור ברא לנו אלהים" (באַשאַף אונדז, גאָט, אַ ריין האַרץ), אָדער "השיבנו ה' אליך ונשובה חדש ימינו כקדם" (ברענג אונדז צוריק צו דיר, גאָט, און לאָמיר זיך אומקערן; באַניי אונדזערע טעג ווי אַמאָל). און מיר אַלע פלעגן מיט אים צוזאַמען מתפלל זיין בציבור, גאָט ברוך הוא זאָל אונדז העלפן תשובה צו טאָן און זאָל רייניקן אונדזער האַרץ, מיר זאָלן אים דינען באמת".

אַ באַזונדער שטאַרקן רושם אויף די יונגע מוסרניקעס אין די מוסר־ישיבות פלעגן מאַכן די שבת־צו־נאַכטן. די שטימונג פון דעם האַלב־טונקעלן שבתדיקן בין השמשות אין בית מדרש אָדער אין ישיבה איז געווען באַזונדערס צוגעפּאַסט פאַר מוסר־ און תשובה־געדאַנקען. דער באַקאַנטער קריטיקער בעל מחשבות דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן זיינע קינדער־יאָרן, ווי זיין פאָטער פלעגט אים נאָך אַלס קינד מיטנעמען שבת פאַרנאַכט קיין סלאָבאָדקע צו הערן די מוסר־דרשות פון ר' איצעלע פעטערבורגער. "ביז צום היינטיקן טאָג קען איך ניט פאַרגעסן יענע געפילן פון טרויער און אומרו, וואָס פלעגן מיר אַמאָל אַרומכאַפּן, ווען פון דער טונקלקייט פלעגן מיטאַמאָל צו מיר דערגיין די וויינענדיקע קלאַנגען פון "השיבנו ה' אליך ונשובה..."

געווען אַ סך אומעט, אַ סך טרויער אין דעם לערנען פון מוסר. מען דאַרף לערנען מוסר מיט אַ צעבראָכן געמיט. וואָרים "עס איז ניטאָ קיין גאַנצערע זאַך — זאָגן די מוסרניקעס — ווי אַ צעבראָכן האַרץ". געווען אָבער אויך אין מוסר אַ סך ליכט, אַ סך גלויבן און אפילו אַ סך שמחה.

ר׳ ישראל סאלאנטער און די השכלה־באוועגונג

די השכלה איז געקומען אויף דער יידישער גאַס מיט אַ גרויסער אידעע, מיט דער אידעע פון הומאַניזם, פון גלויבן אין מענטשן. די השכלה־באוועגונג איז אויפגעקומען אין דער פרילינגס־תקופה פון דעם אייראָפּעישן ליבעראַליזם, ווען מען האָט באמת געקענט גלויבן, אַז די פאַרשפּרייטונג פון וויסן, בילדונג און אויפקלערונג וועט גאָר גיך מאַכן אַ סוף צו די צרות, וואָס האָבן געפּלאָגט די גאַנצע וועלט און פון וועלכע מיר, יידן, האָבן באַזונדערס געליטן. עס האָט אויסגעוויזן, אַז מיר שטייען אויפן שוועל פון אַ משיחישער תקופה, ווען פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט וועלן באַהערשן די גאַנצע וועלט.

ערשט די געשעענישן פון אַנהייב די אַכציקער יאָרן — די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד און די כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד — האָבן אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ דערשיטערט דעם נאַיוון גלויבן אין פּראָגרעס און ציוויליזאַציע. די צייט אָבער פון 1840 ביז 1880 געהערט נאָך אינגאַנצן צו דער תקופה פון דער נאַיווער השכלה. און עס קען ניט געלייקנט ווערן, אַז אַפילו די נאַיווע השכלה האָט אַ געוויסע צייט געשפּילט אַ פּאָזיטיווע און ניצלעכע ראָל אין יידישן לעבן. די אידעע פון הומאַניזם, דער גלויבן אין מענטשן, איז יידן קיינמאָל ניט געווען פרעמד. עס וועט אפשר אַפילו ניט זיין קיין איבערטרייבונג צו זאָגן, אַז יידן זיינען געווען די שעפער פון הומאַניזם. דער יידישער גלויבן אין דעם איין און איינציקן גאָט, דעם באַשעפער פון גאָר דער וועלט, איז דורך און דורך הומאַניסטיש. עס איז דאָך אין תוך דער גלויבן אין איין גאָט, איין וועלט און איין מענטשהייט. אָבער דער היסטאָרישער גורל האָט אונדזער פאָלק צו אָפט געצוווּנגען זיך איינצושליסן אין זיך. און קעגן אונדזער ווילן האָבן מיר זיך כסדר באַגעגנט מיט צוויי וועלטן: מיט אונדזער אייגענער יידישער וועלט, און מיט אַ פרעמדער, אָפט פיינדליכער, ניט־יידישער וועלט.

די השכלה אָט זיך גענומען פאַר דער אויפגאַבע ווידער צו פאַרשיטן דעם תהום, וואָס איז אין לויף פון דורות געשאַפן געוואָרן צווישן דער יידישער און ניט־יידישער וועלט. זי האָט עס אָבער געטאָן אויף אַזאַ אופן, וואָס האָט ביי די ברייטסטע יידישע פאָלקסשיכטן געמוזט אַרויסרופן געפילן פון אומרו און אָפט אַפילו פון שאַרפסטן פּראָטעסט. אויך די משכילים האָבן פאַר זיך געזען צוויי וועלטן — אַ וועלט פון ״מענטשן״ און אַ וועלט פון יידן, און כדי צו לייזן די יידישע פראַגע איז דערפאַר — לויט דער מיינונג פון די משכילים — געווען נייטיק, אַז די יידן זאָלן ווערן ״מענטשן״. האָבן די משכילים דערפאַר געפּריידיקט, אַז יידן דאַרפן אָפּוואַרפן זייער מאַמע־לשון און אָנהייבן צו ריידן ווי ״מענטשן״, דאָס הייסט, די שפּראַך פון לאַנד; אַז זיי דאַרפן אָפּוואַרפן זייערע

טראַדיציאָנעלע בגדים און זיך אָנהייבן קליידן ווי "מענטשן"; אַז זיי דאַרפֿן אָוועקוואַרפֿן זייערע אַלטע יידישע מינהגים און זיך אָנהייבן פֿירן ווי "מענטשן". אין בעסטן פֿאַל קען מען נאָך בלייבן אַ ייד ביי זיך אינדערהיים — אין גאַס דאַרף מען זיין אַ "מענטש". אַ ייד, איז אויסגעקומען, ווערט ערשט אַ "מענטש", ווען ער גייט אָוועק פֿון יידישקייט. די גרויסע אידעע פֿון הומאַניזם איז דאָ צוביטן געוואָרן אויף די קליינגעלט פֿון פּראַקטישער אַסימילאַציע, פֿון צופּאַסן זיך פֿאַר יעדן פּרייז צו דער אַרומיקער וועלט.

דער באַגרינדער פֿון דער מוסר־באַוועגונג האָט זיך אַ סך געמאַטערט איבער די פּראָבלעמען פֿון ייד און וועלט. אין זיין מלחמה קעגן דער השכלה איז בלי ספק צום טייל געווען אַ מלחמה קעגן דעם משכיל אין דער אייגענער נשמה. געווען אפֿילו אַ צייט, ווען ער האָט, ווייזט אויס, געזוכט וועגן ווי צו מאַכן שלום צווישן דער יידישער טראַדיציע און דער נייער וועלט. ר' ישראל סאַלאַנטערס מאָראַלישע אידעען און באַזונדערס זיין לויטערע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט האָבן אַרויס־גערופֿן דעם גרעסטן רעספּעקט אפֿילו אין די קרייזן פֿון די משכילים, הגם זיי האָבן אָפּט שאַרף באַקעמפֿט די מוסר־באַוועגונג.

ר' ישראל סאַלאַנטער איז געוואָרן דער אידעאָלאָג פֿון אַ יידישן רעליגיעזן הומאַניזם. אין מיטלפּונקט פֿון זיין מאָראַלישער פֿילאָזאָפֿיע שטייט אָבער ניט די אַבסטראַקטע מענטשהייט, נאָר דער לעבעדיקער מענטש. און ר' ישראל סאַלאַנטער האָט כסדר געלערנט זיינע תלמידים, אַז די תורה פֿון יידישן הומאַ־ניזם דורכצופֿירן אין לעבן. אַ באַזונדערס שטאַרקן רושם האָט אויף אַלעמען געמאַכט ישראל סאַלאַנטערס מוטיקע פֿירערשאַפֿט אין דער צייט פֿון דער כאָלערע־מגפֿה אין ווילנע אין יאָר 1848. ער האָט זיך פּערזענלעך געשטעלט אין דער שפּיץ פֿון דער הילפֿסאַרבעט לטובת די קראַנקע און ער האָט פֿאַר דעם צוועק אויך מאָביליזירט זיינע תלמידים. כסדר האָט ער פֿון אַלעמען פֿאַרלאַנגט אויף דעם שטרענגסטן אופֿן אויסצופֿירן די פֿאָדערונגען פֿון די דאָקטוירים, וואָרים אין אַזאַ צייט איז די פֿאָדערונג פֿון דאָקטאָר אַלץ איינס ווי אַ הייליקער געבאָט פֿון דער תורה.

זיין אויסערגעוויינטלעכן מאָראַלישן מוט האָט ר' ישראל סאַלאַנטער אַרויס־געוויזן, ווען ער האָט אויף זיך גענומען, זיך ניט רעכענענדיק מיט דער מיינונג פֿון אַ טייל פֿון די ווילנער רבנים, צו דערקלערן עפֿנטלעך, אַז אין דער צייט פֿון דער מגפֿה טאָר מען יום כּיפּור ניט פֿאַסטן. ער האָט געלאָזן אויסקלעפּן מודעות איבער אַלע ווילנער בתי מדרשים, מען זאָל אין דעם הייליקן טאָג ניט פֿאַסטן, מען זאָל מקצר זיין ביים דאַווענען, און דער עולם זאָל בעסער זיך דורכגיין שפּאַ־צירן אויף דער פֿרישער לופֿט אָדער זיך פֿאַרנעמען מיט העלפֿן די קראַנקע. מיט דעם אַליין האָט זיך ר' ישראל סאַלאַנטער ניט באַנוגנט, און יום כּפּור אינדערפֿרי, ווען מען האָט געענדיקט דאַווענען שחרית, איז ער אַרויף אויף דער בימה אין דער גרויסער שול צוזאַמען מיט צוויי ווילנער מורה הוראות און האָט אויסגערופֿן:

אין נאָמען פון דער הייליקער תורה, ווו עס שטייט געשריבן "וחי בהם" — די מיצוות זיינען געגעבן געוואָרן צום לעבן און ניט צום שטאַרבן — זיינען מיר מתיר צו עסן היינטיקן יום כיפור. און ר׳ ישראל האָט גענומען אַ כוס וויין און געמאַכט קידוש און ער צוזאַמען מיט די רבנים האָבן פאַרזוכט פון די געבעקס, וואָס זיי האָבן מיט זיך אַרויפגענומען אויף דער בימה. דער עולם איז געשטאַנען אַ דערשיטערטער, געוווּן אַזעלכע, וואָס האָבן אפילו אויסגעדריקט זייער אומצו־פרידנקייט. אוודאי מעג אַ מענטש אין אַזאַ צייט ניט פאַסטן, אָבער אַרויפגיין אין ווילנער שול און בפרהסיא עסן יום כיפור, דאָס האָבן זיי ניט געקענט פאַרשטיין. אָבער ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט עס גראָד געהאַלטן פאַר זיין חוב צו ווייזן פאַר אַלעמען, אַז אין אַזאַ צייט איז גאָר אַן עבירה צו פאַסטן. און ער האָט אַלעמען געצוווּנגען אַרויפצוגיין אויף דער בימה און פאַרזוכן פון געבעקס.

נאָך יאָרן שפּעטער האָט מען דערציילט די געשיכטע, און דער באַקאַנטער יידיש־העברעישער שריפטשטעלער דוד פרישמאַן האָט די געשעעניש פאַראייביקט אין זיין "שלשה שאכלו" — דריי, וואָס האָבן געגעסן.

וועגן אַ תלמיד פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער דערציילט דער יידיש־רוסישער שריפטשטעלער א. י. פּאַפּירנאַ אַן ענלעכע געשיכטע, וועלכע איז נאָך מער כאַראַקטעריסטיש פאַרן גייסט פון סאַלאַנטערס מוסר־פילאָזאָפיע. א.י. פּאַפּירנאַ איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין דעם באַקאַנטן שטעטל קאָפּוליע, פון וואַנען עס האָט אויך געשטאַמט מענדעלע מוכר ספרים. אין זיינע מעמואַרן דערציילט פּאַפּירנאַ אַ מערקווערדיקע געשיכטע וועגן דעם איידעם פון קאָפּוליער רב, אַ יונגן מאַן אַ למדן, ר׳ אליהו גאָלדבערג, וועלכער איז, אגב, שפּעטער געוווּן רב אין באָברויסק. ר׳ אליהו גאָלדבערג האָט געלעבט עטלעכע יאָר אַלס אַ "פרוש" אין ווילנע.

ער איז צוריקגעקומען פון דאָרטן אַלס גרויסער למדן מיט סמיכות אויף רבנות, אָבער די קאָפּוליער "פּרושים" האָבן באַמערקט אין אים אַ געוויסע פאַר־ענדערונג. ראשית, האָט ער אָפּגעגעבן אַ סך צייט אויף לערנען "מוסר", און צווייטנס, האָט ער מיטגעבראַכט פון ווילנע אַ דייטשן געאָגראַפישן אַטלאַס, וווהין ער האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן.

ר׳ אליהוס פרומקייט איז געשטאַנען אויסער אַלע חשדים. פונדעסטוועגן איז באַלד מיט אים פאַרגעקומען אַ סקאַנדאַל. און ווען? אום יום כיפור, אינם טאָג פון יום הדין! אין דעם טאָג איז ר׳ אליהו אַרויס פון קלויז, אַוועק און נישט צוריקגעקומען. די בחורים און די פּרושים האָבן זיך דערשראָקן און זיינען אים געגאַנגען זוכן. לאַנג האָבן זיי אים געזוכט און סוף כל סוף געפונען אים אין דעם "הקדש". דאָרט איז ר׳ אליהו געשטאַנען, געהאַקט האָלץ און געלייגט אין אויוון, ווו ער האָט געקאָכט זופּ פאַר די אָרעמע קראַנקע...

אויסהערנדיק די שאַרפע טענות פון די דערשיטערטע בעלי בתים, האָט רבי זיסקינד זיי געענטפערט: יע, ס׳איז אַ חרפה, וואָס דער יונגער מאַן האָט בעסער

פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו פאַרברענגען דעם דאָזיקן הייליקן טאָג, ווי מיר, זקנים!

דער דאָזיקער אינצידענט — גיט צו א.י. פּאַפּירנאַ — האָט נאָך אַ צייט לאַנג געדינט ווי אַ טעמע פאַר געשפּרעכן און וויכוחים.

פאַר זיך אַליין, האָט ר׳ ישראל סאַלאַנטער געלערנט, דאַרף אַ מענטש מער זאָרגן פאַר זיין נשמה, אָבער ווען עס קומט צו דיין חבר, דאַן מוזטו קודם כל זאָרגן פאַר זיין גוף. וואָרים יענעמס גוף איז דיין נשמה. מען איז אָבער אויך מחויב אָפּצוהיטן דאָס אייגענע לעבן און דאָס אייגענע געזונט. און ר׳ ישראל באַטאָנט כסדר די וויכטיקייט פון דער מיצווה פון "ונשמרתם מאד לנפשותיכם" — איר זאָלט זייער אַכטונג געבן אויף זיך, אויף אייער לעבן, ווייל דאָס לעבן פון אַ מענטשן, פון יעדן מענטשן, איז דאָס העכסטע און דאָס הייליקסטע, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט. און דער גוף — פלעגט ר׳ ישראל סאַלאַנטער זאָגן — איז אַ מתנה טובה, וואָס גאָט ברוך הוא האָט דעם מענטשן געשענקט, טאָרן מיר עס ניט פאַרנאַכלעסיקן. דער מענטש דאַרף אוודאי כסדר זוכן וועגן, ווי צו ברעכן זיינע תאוות, באַזונדערס די יאָגעניש נאָך געלט און כבוד, ער מוז אָבער אָפּהיטן זיין קערפּער און זיין געזונט. ר׳ ישראל סאַלאַנטער אַליין און אַ סך פון זיינע תלמידים, באַזונדערס די מוסרניקעס פון סלאָבאָדקע, פלעגן שטאַרק אַכטונג געבן אויף זייער הלבשה, צו זיין געקליידט ריין און זויבער. פון דער אַנדערער זייט, האָט אָבער ר׳ ישראל קיינמאָל ניט געטראָגן קיין רבנישע קליידונג, נאָר פלעגט זיך קליידן ווי אַ באַלעבאַטישער ייד.

גראָד צוליב זיין גרויסן מאָראַלישן פּרעסטיזש האָבן אייניקע משכילים רעקאָמענדירט דער צאַרישער מאַכט צו באַשטימען ר׳ ישראל סאַלאַנטערן פאַרן פירער פון דעם נייעם ראַבינער סעמינאַר, וואָס די רעגירונג האָט דעמאָלט געשאַפן אין ווילנע. מען האָט אים פאָרגעשלאָגן זייער אַ הויכן געהאַלט, און דער דעמאָלדיקער רוסישער בילדונגס־מיניסטער אוּוואַראָוו, וועלכער איז צופעליק דעמאָלט געווען אין ווילנע, איז אפילו געקומען פּערזענלעך צו ר׳ ישראל סאַלאַנטערן אין זיין ישיבה, אים פאַרצולייגן אָנצונעמען דעם פּאָסטן. אָבער ר׳ ישראל האָט זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט, און כדי אויסצומיידן ווייטערדיקע שוועריקייטן מצד דער רעגירונג, האָט ער אין יאָר 1849 פאַרלאָזן ווילנע.

ניט נאָר צווישן די משכילים, נאָר אפילו אין די רבנישע קרייזן, האָבן אַ סך געהאַלטן, אַז ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט געמאַכט אַ טעות. אונטער זיין אָנפירונג, האָבן אַ סך געגלויבט, וואָלט אפשר דער ראַבינער־סעמינאַר געקראָגן אַן אַנדער פּנים. אַ באַקאַנטער קאָוונער דאָקטער האָט אַ מאָל וועגן דעם ענין געשמועסט מיט ר׳ ישראל סאַלאַנטערן און ר׳ ישראל האָט אים ערקלערט: עס איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן אַ רב און אַ דאָקטאָר. ווען אַ ייד קומט צום רב מיט אַ שאלה, דאַרף דער רב וויסן דעם חילוק צווישן אַ גביר און אַן אָרעמאַן. ביי אַ גביר איז ניט קיין אומגליק, אויב ער פּסקנט, אַז עס איז טריף. גאָר אַנדערש ביי אַן אָרעמאַן. דאָ איז דער רב מחויב אויסצוזוכן אַלע

מעגלעכקייטן כדי צו געפינען אַ היתר. אויך אַ דאָקטאָר פאַרשטייט דעם אונטער־שייד צווישן אַ גביר און אַן אָרעמאַן. אָבער גאָר אויף אַן אַנדער אופן. ווען מען רופט אים צו קראַנקע, דאַן לויפט ער קודם כל צום גביר, און צו אַן אָרעמאַן, וואָס קען ניט באַצאָלן, קומט ער בכלל ניט. דערפאַר דאַרף די ישיבה, ווו עס ווערן דערצויגן רבנים, טראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער, ווי אַן אוניווערזיטעט, ווו עס ווערן דערצויגן דאָקטוירים. די ישיבה דאַרף דעם קומענדיקן דור פון גייסטיקע פירער געבן קודם כל אַ מאָראַלישע דערציונג. און מיט דעם, וואָס מען וויל פאַרבייטן די ישיבה פאַר אַ רבנים־סעמינאַר, האָט ר׳ ישראל געזאָגט, וועט מען דעם ציל ניט דערגרייכן.

און ר׳ ישראל האָט זיך דערפאַר געשטעלט די אויפגאַבע צו דערציען אַ דור תלמידים, וואָס זאָלן זיין ראוי צו ווערן די גייסטיקע פירער פון פאָלק. און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט זיך אים איינגעגעבן צו רעאַליזירן זיין חלום. סוף די זעכציקער און אָנהויב די אַכציקער יאָרן איז אין קאָוונע געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר די מוסר־ישיבות אין ליטע.

דער וועג צו דער מוסר־ישיבה

גאָר באַזונדערס האָט זיך ר׳ ישראל סאַלאַנטער אָפּגעגעבן מיט זוכן נייע וועגן און מיטלען ווי צו פאַרשטאַרקן און ווי צו הויבן דעם פּרעסטיזש פון דער תורה און פון דער יידישער טראַדיציע בכלל.

פאַר דער אויפגאַבע האָט זיך ר׳ ישראל סאַלאַנטער גענומען, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזן ווילנע און האָט זיך אויף אַ לענגערע צייט באַזעצט אין קאָוונע. דאָ, אין קאָוונע, האָט זיך אים איינגעגעבן צו שאַפן אַרום זיך אַ קרייז פון איבער־געגעבענע תלמידים, וואָס האָבן ביי אים געלערנט דעם וועג פון תורה און דעם וועג פון מוסר. און אפשר איז ר׳ ישראל סאַלאַנטער געווען דער איינציקער פון זיין דור, וואָס האָט געהאַט תלמידים אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט; תלמידים, וואָס האָבן געלערנט ניט סתם תורה, נאָר ר׳ ישראל סאַלאַנטערס תורה. זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי זיך באַטראַכט ווי די תלמידים פון זייער רבין און יעדעס וואָרט, יעדער געדאַנק פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער פלעגט איבערגעגעבן ווערן מיט דער גרעסטער פּיעטעט פון מויל צו מויל און פון דור צו דור.

איינער פון די משכילישע קעגנער פון די מוסרניקעס דערציילט, ווי ער איז אַ מאָל אַריין אין אַ מוסר־שטיבל און האָט דאָרטן געטראָפן אַ רבין מיט זיינע תלמידים, ווי זיי דערציילן אַ מעשה שהיה פון לעבן פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער:

עס איז די געשיכטע ווי ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז אַמאָל אַריינגעקומען שפּעט ביינאַכט צו אַ שוסטער און האָט אים געפונען זיצנדיק ביי דער אַרבעט ביים שיין פון אַ צאַנקענדיק ליכטל.

פאַרוואָס אַרבעט איר אַזוי שפּעט? האָט ר׳ ישראל געפרעגט. דאָס ליכט האַלט דאָך ביים אויסגיין און איר וועט גאָרניט באַוויזן אויפצוטאָן!

עס מאַכט ניט אויס, האָט דער שוסטער געענטפערט. כל זמן דאָס ליכטל ברענט, קען מען נאָך אַרבעטן און פאַרריכטן!

און ר׳ ישראל, טיף גערירט, האָט דערפון אָפּגעלערנט פאַר זיך אַ שטיקל מוסר — וואָרים אויב פאַר די באַדערפענישן פון גוף איז ריכטיק, אַז כל זמן דאָס ליכטל ברענט, קען מען נאָך פאַרריכטן, איז דאָך אוודאי און אוודאי אין יידישקייט, כל זמן די נשמה, גאָטס ליכט (נר ה׳ נשמת אדם), איז נאָך דאָ, קען מען נאָך אַרבעטן און פאַרריכטן!

און דער רבי מיט די תלמידים — דערציילט דער דערמאָנטער משכיל מיט איראָניע — האָבן געהאַלטן כסדר אין איבערחזרן די ווערטער: כל זמן דאָס ליכטל ברענט, קען מען נאָך אַרבעטן; כל זמן דאָס ליכטל ברענט, קען מען נאָך פאַרריכטן! און וואָס מער זיי האָבן די ווערטער איבערגעחזרט מיט דעם טרויעריקן מוסר־ניגון, אַלץ מער זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין התפעלות, אַלץ אַ טיפערן זין האָבן זיי געפונען אין די דאָזיקע פשוטע ווערטער.

ווי אין ווילנע, אַזוי אויך אין קאָוונע, האָט ר׳ ישראל זיך פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן זיינע מוסר־אידעען צווישן בעלי בתים און די ברייטע פאָלקסשיכטן. אַ חוץ זיין ישיבה אין ר׳ הירשל נאָוויאַזערס קלויז, האָט ער געגרינדעט אַ באַזונדער מוסר־שטיבל פאַר „בעלי בתים" אין דער „זאַגערשער קלויז". ר׳ ישראל אַליין איז געווען דורך און דורך אַ פאָלקסמענטש און ער האָט דערפאַר כסדר געפרווט צו געווינען פאַר זיינע אידעען דעם פשוטן פאָלקסמענטשן. אין אַ רייע שטעט האָט זיך אים איינגעגעבן צו שאַפן חברות פאַר בעלי מלאכות אויף צו לערנען „חיי אדם", מוסר־ספרים, „עין יעקב" א.אז.וו. אָבער ניט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען, האָט די מוסר־באַוועגונג ניט געפונען קיין שטאַרקן אָפּקלאַנג אין פאָלק. מען האָט זיך באַציגן מיטן גרעסטן רעספּעקט צו ר׳ ישראל סאַלאַנטערס פערזענלעכקייט, אָבער נאָר געציילטע, יחידי סגולה, זיינען באמת געוואָרן חסידים פון ר׳ ישראל סאַלאַנטערס שיטה. קיין פאָלקס־באַוועגונג האָט זיך דעם באַגרינדער פון מוסר ניט איינגעגעבן צו שאַפן.

עס ווייזט אויס, אַז דאָס האָט ר׳ ישראלן שטאַרק ווייַ געטאָן. די לעצטע יאָרן, וואָס ער איז געווען אין קאָוונע, האָט ער געלעבט ווי אַ פּרוש. אַ גאַנצע וואָך פלעגט ער פאַרברענגען אין אַ פאַרשטאָט ביי קאָוונע, ווייט פון מענטשן און ווייט פון טומל פון דער שטאָט, און אויף שבת פלעגט ער קומען צוריק אהיים. שפּעטער האָט ער, צוליב זיין שלעכטן געזונטצושטאַנד, בכלל פאַרלאָזן קאָוונע און די לעצטע פאַר צענדליק יאָר פון זיין לעבן האָט ער מייסטנס פאַרבראַכט אין אויס־לאַנד, אין מעמעל, קעניגסבערג, און אַ געוויסע צייט אויך אין פּאַריז.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט אַ חוץ דעם איבערגעלעבט שטאַרקע אַנטוישונגען אין זיין נאָענטסטן קרייז. איינער פון זיינע בעסטע תלמידים איז אינגאַנצן אַוועק

פון ידישקייט. אים האָט אויך פאַרשאַפט אַ סך עגמת נפש, וואָס איינער פון זיינע זין איז, אונטערן איינפלוס פון דער השכלה, אוועק פון דער היים און האָט אָנגע־הייבן שטודירן מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע אין קעניגסבערגער אוניווערזיטעט. נאָכן ענדיקן האָט זיך זיין זון באַזעצט אין פעטערבורג, ווו ער איז גאַר גיך געוואָרן באַרימט אַלס גרויסער מאַטעמאַטיקער. אָבער גאָר פרי, נאָך קוים דרייסיק יאָר, איז דער יונגער און פילצוזאָגנדיקער זון פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער געשטאָרבן. דער עצם פאַקט, וואָס זיין אייגענער זון האָט פאַרלאָזן די תורה און איז אוועק שטודירן וועלטלעכע וויסנשאַפטן — הגם ער איז געבליבן אַ געטרייער ייד — האָט אויף ר׳ ישראלן שטאַרק געווירקט.

*

דער באַגרינדער פון מוסר האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פלענער, ווי צו מאַכן פון גמרא, פון תלמוד בכלל, אַ פאָלקסבוך. ער האָט געטראַכט וועגן איבער־זעצן דעם תלמוד אין אַ לייכטן פאַרשטענדלעכן העברעיש, כדי ידערער זאָל קענען גוט פאַרשטיין אַ בלאַט גמרא אָן דער הילף פון אַ רבין. ער האָט אויך געזוכט אַ פאַרלעגער, וואָס זאָל אַרויסגעבן גאַנץ ש״ס אין איין באַנד, כדי יעדער ייד זאָל קענען האָבן אַ ש״ס ביי זיך אינדערהיים. דער פלאַן איז כידוע שפעטער רעאַליזירט געוואָרן. די לעצטע יאָרן האָט ר׳ ישראל סאַלאַנטער געפרוווט געפינען מיטלען ווי צו איבערזעצן דעם תלמוד אין אָן אייראָפעישער שפּראַך. אין מעמעל האָט זיך ר׳ ישראל אויך גענומען אַרויסצוגעבן אַ חודש־זשורנאַל פאַר ענינים פון תורה און מוסר אונטערן נאָמען ״תבונה״. עס זיינען אָבער ארויס ניט מער ווי צוועלף נומערן (אין די יאָרן 1860—1861). מיט אַלע זיינע גרויסע פלענער איז ר׳ ישראל געבליבן איינזאַם, אַליין. דער גרעסטער טייל רבנים פון זיין דור האָבן די צייכנס און די באַדערפענישן פון דער צייט ניט פאַרשטאַנען.

נאָכדעם ווי ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט פאַרלאָזן קאָוונע, איז זיך זיין ישיבה צעפאַלן. אייניקע פון זיינע תלמידים האָבן פּרובירט ווייטער פאָרטצוזעצן זיין אַרבעט. קיין גרויס הצלחה האָבן זיי אָבער ניט געהאַט. ערשט אין די לעצטע יאָרן פון ר׳ ישראל סאַלאַנטערס לעבן איז, אַ דאַנק אַ גליקלעכן צופאַל, אים געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט טיילווייז צו פאַרווירקלעכן דעם חלום פון זיין לעבן — אויפהייבן דעם כבוד פון דער תורה. אַ רייכער ייד אין בערלין, עובדיה לאַכמאַן, האָט געשטעלט אין זיין רשות אַ גרעסערע סומע. ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט זיך אַ קורצע צייט געשלאָגן מיט דער דעה, וואָס ער זאָל מיט דעם געלט מאַכן. לכתחילה האָט ער געטראַכט צו באַנוצן דעם פאָנד כדי ווייטער אַרויסצו־געבן דעם תורה־זשורנאַל ״תבונה״. עס איז אָבער פאַר אים באַלד קלאָר געוואָרן, אַז די צייט פאָדערט ניט קיין זשורנאַלן און ניט קיין ספרים, נאָר מענטשן. און ר׳ ישראל האָט באַשלאָסן צו באַנוצן דעם פאָנד, כדי צו שאַפן אַ נייעם צענטער פון תורה. אַזוי איז אין 1877 געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַרן גרויסן צענטער פון תורה אין קאָוונע און סלאָבאָדקע, פון וואַנען די מוסר־באַוועגונג האָט זיך

שפעטער פאַרשפּרייט איבער אַלע ישיבות פון ליטע און רוסלאַנד. עס וועט זיין ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז מיט די סלאָבאָדקער ישיבות הייבט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון תורה־לערנען ביי יידן, אַ קאַפּיטל וואָס האָט נאָך ביז איצטער זיין היסטאָריקער ניט געפונען.

די מוסר־ישיבות

פונקט ווי די מוסר־באַוועגונג האָט זיך געניייטיקט אין די ישיבות, אַזוי האָבן זיך די ישיבות געניייטיקט אין מוסר. די מוסר־אידעען פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָבן אַריינגעבראַכט גאָר אַ נייע נשמה אין לעבן פון די ישיבות. די השכלה האָט כסדר פאַרכאַפּט איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער און האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ מער אַריינצורייסן אין די געצעלטן פון תורה. אפילו די ישיבה פון וואָלאָזשין, די פעסטונג פון דער יידישער טראַדיציע, האָט אָנגעהייבן אַלץ מער צו פאַרלירן פון איר אַמאָליקן גלאַנץ.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט לכתחילה גאַרניט געהאַט דעם פּלאַן אויפצובויען אַ נייע מוסר־ישיבה, וואָס זאָל זיך שאַרף אויסטיילן לגבי די ישיבות פון דעם אַלטן שניט. ווען ער האָט באַקומען אין זיין רשות די פאָנדן פון דעם בערלינער מעצענאַט עובדיה לאַכמאַן, איז ער צוגעטראָטן, מיט דער הילף פון דעם דעמאָלס־דיקן קאָוונער רב ר׳ יצחק אלחנן, צו שאַפן אַ מין העכערע אַקאַדעמישע אַנשטאַלט פאַר תורה. ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט דער עיקר געהאַט אין זינען צו באַזאָרגן אַ געוויסע צאָל יונגעלייט לומדים מיט די מאַטעריעלע מיטלען, זיי זאָלן זיך קענען צוגרייטן צו רבנות. ר׳ ישראל האָט איינגעזען, אַז עס איז נייטיק אויך דאָ איינצו־פירן אַ רעפאָרם: עס מוז געשאַפן ווערן אַ תורה־צענטער פאַר פּרושים אונטער דער השגחה פון גרויסע רבנים. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אין קאָוונע אונטער דער אָנפירונג פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ר׳ יצחק אלחנן און דעם רב פון ראַסיין, ר׳ אַלכסנדר משה לפּידות, דער באַרימטער "כולל" פון די פּרושים, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק "צו שטיצן תורה־לערנער, זיי זאָלן זיך קענען צוגרייטן צו ווערן רבנים ביי יידן".

געשאַפן איז געוואָרן דעם "כולל הפּרושים" מיט אַ צאָל פון צען יונגע לייט, אָבער אין משך פון עטלעכע יאָר איז דער "כולל" פון קאָוונע־סלאָבאָדקע געוואַל־דיק אויסגעוואַקסן. סוף אַכציקער יאָרן האָבן אין כולל פון די פּרושים שוין גע־לערנט קרוב צוויי הונדערט יונגע לייט. קיין אייגענעם בנין האָט דער כולל ניט געהאַט, און די פּרושים זיינען געווען צעשפּרייט איבער די בתי מדרשים אין קאָוונע און סלאָבאָדקע און טיילוויז אפילו אין די שטעטלעך אַרום קאָוונע. פאָנדן פון עובדיה לאַכמאַן האָבן, נאַטירלעך, שוין מער ניט געקלעקט און משולחים פון קאָוונע־סלאָבאָדקע זיינען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן איבער דער

גאַנצער וועלט צו שאַפן די נייטיקע מיטלען פאַר דעם כולל פון די פּרושים.

דער אָנפירער פון דעם כולל איז אין דער ערשטער צייט געווען ר׳ הירש ראַבינאָוויץ, דער זון פון ר׳ יצחק אלחנן. אין 1880 האָט זיין פּלאַץ פאַרנומען דער תלמיד פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ר׳ איצעלע פּעטערבורגער. און מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן די שטורמישע תקופה פון דער מוסר־באַוועגונג אין די ישיבות.

*

דער שטאָלץ פון די מוסרניקעס, זייער גלויבן, אַז זיי האָבן געפונען אַ נייעם אמת, אַ נייע פילאָזאָפיע, אַז זיי האָבן ווידער אַנטפּלעקט דאָס ליכט פון דער יידישער טראַדיציע, איז געווען געוואַלדיק וויכטיק פאַר דער אויפלעבונג פון די ישיבות. דאָס האָט אָבער אַרויסגערופן די שאַרפסטע פּראָטעסטן מצד יענע לומדים, וואָס האָבן פון דער נייער שיטה ניט געהאַלטן. אין קאָוונע און סלאָבאָד־קע האָט זיך אַזוי אַרום פונאַנדערגעפלאַקערט אַ שאַרפער און ביטערער קאַמף צווישן די אָנהענגער און קעגנער פון מוסר. ר׳ איצעלע פּעטערבורגער איז סוף כל סוף געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די אָנפירונג איבערן כולל פון די פּרושים און איז שפּעטער אויך אַוועק פון קאָוונע. אין דער צווישנצייט האָבן אָבער די מוסרניקעס באַוויזן אויפצובויען נייע פּאָזיציעס. עס איז געשאַפן געוואָרן די גרויסע מוסר־ישיבה אין סלאָבאָדקע, די ישיבה ״כנסת ישראל״ וואָס איז אין משך פון צוויי דורות געווען דער וויכטיקסטער צענטער פון תורה אין דער יידישער וועלט און פון וואַנען די מוסר־באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט איבער כמעט אַלע אַנדערע ישיבות אין רוסלאַנד און פוילן.

עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז די מוסר־ישיבה האָט געפונען איר וועג. אין דער מוסר־באַוועגונג גופא האָבן צווישן זיך געקעמפט פאַרשיידענע ריכטונגען. אָבער אויך די אינעווייניקסטע חילוקי דעות זיינען אין אמתן געווען אַ ברכה פאַר דער מוסר־באַוועגונג. צום ערשטן מאָל האָבן זיך אין די ישיבות אין רוסלאנד געפירט וויכוחים אויפן באַרן פון יידישער טראַדיציע. עס איז ניט געווען די פראַגע: השכלה אָדער טראַדיציע? נאָר — וועלכער וועג פון דער יידישער טראַדיציע פירט גיכער צום ציל? צום ציל פון אַ גאַנצער און פאַר־שטאַרקטער יידישקייט?

*

די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט פאַרנעמט דעם צענטראַלן פּלאַץ אין דער געדאַנקען־וועלט פון די מוסרניקעס. אין דעם פּרט ווייזן זיך די מוסרניקעס אַרויס ווי די אידעישע תלמידים פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער, וועלכער האָט כסדר באַטאָנט די גרויסע ראָל פון דעם מענטשן אין גאָטס פּלאַן פון דער וועלט. די מוסר־באַוועגונג האָט די אידעע פּרובירט נאָך ווייטער פאַרטיפן.

דער מוסרניק איז אַ קעמפער. ער מאַכט קיינמאָל ניט שלום מיט דער וועלט. דערין באַשטייט אויך דער אונטערשייד צווישן מוסר און חסידות. דערפאַר האָט

די מוסר־באַוועגונג ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג צווישן ברייטן עולם. דער מוסרניק מוז כסדר שטיין אויף דער וואַך, ער מוז כסדר אַרבעטן איבער זיך, כסדר מאַכן אַ חשבון מיט זיך, וואָרים: "מען וועט דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון, פאַרוואָס מען האָלט ניט חשבון".

איז דערפאַר דער ניגון פון מוסר געווען אַ טרויעריקער ניגון. אַפילו די פריילעכקייט פון מוסר איז גאַנץ ווייט פון יענער תמימותדיקער פריילעכקייט, וואָס חסידות האָט געשאַפן. די מוסר־באַוועגונג האָט אַ סך געלערנט פון חסידות. דאָס איז אָבער געווען אַ מתנגדישע חסידות.

דער פאַרטרעטער פון דער עקסטרעמסטער ריכטונג אין מוסר איז געווען ר' יוסף יוזל הורוויץ, דער גרינדער פון דער נאָוואַראַדקער ישיבה. ר' יוסף יוזל האָט געשאַפן די שיטה פון דעם שטרענגן פּיאָנערישן מוסר. דאָס לערנען מוסר דאַרף דערציען ניט נאָר פרומע ערלעכע יידן, נאָר מאָראַלישע העלדן; מענטשן, וואָס זיינען גרייט מבטל צו זיין די וועלט, זיך אָפּצוזונדערן פון דער וועלט, כדי צו דעראָבערן די וועלט. די תלמידים פון נאָוואַראַדעק פלעגן אָפט איבערחזרן דעם מוסר־שפּרוך: די וועלט זאָגט, אַז מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער, יוזל פלעגט זאָגן: אַז מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַריבער. אַן ענלעכער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין אַ צווייטן מוסר־ווערטל פון ר' יוזל: אויב עס איז ניטאָ קיין וועג, וועל איך אים אויסטרעטן. די דינאַמישע נאָוואַראַדקער שיטה האָט זיך נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה שטאַרק פאַרשפּרייט אין פּוילן. ערב דער צווייטער וועלט מלחמה זיינען אין פּוילן געווען איבער זיבעציק תורה־אַנשטאַלטן, צווישן זיי עטלעכע באַדייטנדע גרויסע ישיבות און גאָר אַ גרויסע צאָל ישיבות קטנות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון די נאָוואַראַדקער.

די נאָוואַראַדקער שיטה האָט גערופן דעם לערנער זיך אָפּצוזאָגן פון דער וועלט. וואָרים באמת איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן אַזוי, אַז דער מענטש זאָל זיך קענען באַנוגענען מיט זייער ווייניק. די סאַמע נייטיקסטע באַדערפעניש זיינען דאָך ביי אַלעמען גלייך. דער גביר קען ניט אויפעסן מער ברויט ווי דער אָרעמאַן. וואָלט מען, למשל, געדאַרפט פאַרבראַוכן לויטן פאַרמעגן, דאַן וואָלט דאָ אויסגעקומען אַז אויב אַן אָרעמאַן שלאָפט אויף איין בעט "מוז אַ גביר שלאָפן ווייניקסטנס אויף צוויי בעטן, אַ מיניסטער אויף פיר בעטן און אַ מלך אויף צען בעטן". אויף אָט דעם פאַלקסטימלעך־נאַיוון אופן האָט ר' יוזל פּרובירט אָנווייזן, אַז אין תוך זיינען אַ סך פון אונדזערע מאַטעריעלע באַדערפענישן ניט מער ווי אויסגעטראַכטע. און מיר קענען זיך גאַנץ גוט באַגיין אָן זיי. די נאַטור אַליין האָט געוואָלט, אַז דער מענטש זאָל זיך באַנוגענען מיט ווייניק, וואָרים ער קען גאָר אַזוי פיל ניט געניסן! (מזה ראיה שהבריאה היתה שבענין הגשמיות יתנהג האדם בהכרח בפרישות, יען כי אינו מסוגל לקבל הרבה). גאָר אַנדערש אָבער איז אויפן געביט פון גייסטיקע און מאָראַלישע דערגרייכונגען. דאָ קען דער מענטש שטייגן אַלץ העכער, אויפטאָן אַלץ מער! דעריבער דאַרף דער מענטש קאָנצענטרירן זיין גאַנצע ענערגיע, זיין גאַנצע אַמביציע אויף גייסטיקע דערגרייכונגען!

פאַרוואָס, פרעגט ר׳ יוזל, האָט אדם הראשון געגעסן פון עץ הדעת? איז עס, ווייל ער האָט ניט געקענטביישטיין דעם יצר הרע? ניין! דאָס עסן פון עץ הדעת איז געווען ניט דער אָנהייב פון זינד, נאָר דער אָנהייב פון אונדזער מענטשלעכער קולטור, דער אָנהייב פון מענטשלעכן שטייגן אַלץ העכער און העכער. אין גן עדן איז דער ערשטער מענטש געווען אין דער בחינה פון אַ מלאך. ער האָט ניט געקענט זינדיקן, ער האָט אָבער אויך ניט געקענט טאָן קיין מיצוות. ער האָט ניט געקענט פאַלן און האָט ניט געקענט שטייגן. האָט אדם הראשון ניט געוואָלט בלייבן קיין מלאך. דער מענטש האָט געבענקט נאָך פרייהייט, צו האָבן די מעגלעכקייט אויסצוקלייבן צווישן גוטס און שלעכטס. אָט די פּריווילעגיע פון פרייהייט איז נאַטירלעך פאַרבונדן מיט די גרעסטע סכנות. דער מענטש קען נאָר דאַן שטייגן אַלץ העכער און העכער, ווען ער האָט אויך די מעגלעכקייט צו זינקען אַלץ טיפער און טיפער (כי אי אפשר לאדם לעלות מעלה, כי אם בשעה שיכול לרדת מטה מטה). האָט דערפאַר דער ערשטער מענטש געגעסן פון דעם בוים פון וויסן, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט מאָראַליש צו שטייגן, הגם דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער ריזיקע פון זינקען, אַריינפאַלן אין דעם ים פון זינד און תאוות (כי רק ע״י חיי הניסיון יתגדל האדם. חקר בדעתו לאכול מעץ הדעת למען להחליף מצבו מבחינת מלאך לבחינת בחירת אדם שיש לו האפשרות גם לרדת מטה).

דער מענטש איז די איינציקע באַשעפעניש אויף דער וועלט, וואָס קען זינדיקן, אין דעם ליגט זיין גרויסקייט. איז דערפאַר פאַרשטענדלעך, וואָס ר׳ יוזל האָט אַזוי מורא געהאַט, דער מענטש זאָל ניט פאַרלירן זיין אַמביציע צו קעמפן, זיך כסדר אַקעגנצושטעלן דער וועלט, כסדר צו וועלן שטייגן: דאָס ערגסטע וואָס קען מיט אַ מענטשן פּאַסירן — לערנט אונדז ר׳ יוזל — איז ווען ער בלייבט אַזוי ווי ער איז.

די מער רעפּרעזענטאַטיווע שיטה פון מוסר איז אָבער בלי ספק געווען די סלאָבאָדקער. דאָ איז געשאַפן געוואָרן די לערע וועגן דער גרויסקייט און דערהויבנקייט פון דעם מענטשן, **רוממות האדם**. די שיטה איז אויסגעאַרבעט און פאָרמולירט געוואָרן פון דעם גרינדער פון דער סלאָבאָדקער מוסר־ישיבה ״כנסת ישראל״, ר׳ נטע הירש פינקעל. אין ישיבה האָט מען אים גערופן ״דער אַלטער״.

די צענטראַלע אידעע פון סלאָבאָדקער מוסר איז, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, די גרויסקייט פון דעם מענטשן. דער מענטש איז די קרוין פון דער וועלט. און דערפאַר, ווייל זיין מדרגה איז אַזוי גרויס, איז זיין מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט נאָך גרעסער. די תורה און די מיצוות זיינען געגעבן געוואָרן דעם מענטשן ניט בלויז כדי ער זאָל אָפּהיטן גאָטס ווילן און אָפּגעבן כבוד דעם באַשעפער פון דער וועלט, נאָר דער עיקר, כדי צו לייטערן דעם מענטשן, כדי אים צו דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה.

די דינים פון דער תורה — האָט דער ״אַלטער״ געלערנט — האָבן מערער דעם צוועק אָפּצוהיטן דעם מענטשן פון ברענגען שאָדן, ווי צו באַשיצן דעם

באַשעדיקטן. וואָרים אַ מענטש דאַרף זיך מער היטן ער זאָל ניט אָנטאָן קיין שאָדן אַ צווייטן, ווי פון דעם, אַז דער צווייטער זאָל אים ניט אָנטאָן קיין שאָדן.

די וועלט מיינט — האָט ווייטער דער "אַלטער" געלערנט — אַז די ברכות, וואָס דער ייד זאָגט, ווען ער לייגט זיך שלאָפן, אָדער ווען ער געניסט עפּעס פון דער וועלט, איז אַ מין צינז, אַן אָפּצאָל, וואָס דער מענטש דאַרף צאָלן דעם רבונו של עולם פאַר די פאַרגעניגנס פון דער וועלט. דער אמתער זין פון די ברכות איז גאָר אַן אַנדערער. די ברכות זיינען אַ מתנה פון גאָט, דער מענטש זאָל פאַרשטיין און באַגרייפן די שיינקייט און די פּראַכט פון גאָטס וועלט.

וואָרים דער שטייגער איז, אַז דער מענטש ווערט נאָר איבערראַשט פון נייע זאַכן. געוווינט ער זיך צו עפּעס צו, דאַן פאַרלירט ער דעם געפיל פון פרייד און פאַרגעניגן, ווען ער געניסט דערפון. דער מענטש דאַרף אָבער יעדן טאָג באַטראַכטן די וועלט, אָט ווי זי וואָלט היינט באַשאַפן געוואָרן. יעדן טאָג דאַרף ער באַוווּנדערן די רייכקייט און שיינקייט פון גאָטס באַשאַף, דערפאַר זיינען געגעבן געוואָרן די ברכות, כדי דער מענטש זאָל יעדעס מאָל צוגיין צו דער וועלט ווי אַ ניי־געבוירענער, ווי ער וואָלט דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן געהאַט הנאה פון דעם, וואָס גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן (המחדש בטובו בכל יום מעשה בראשית).

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז מיט זיין אויסטייטשונג פון דעם זין פון די ברכות איז דער "אַלטער" פון סלאָבאָדקער געוועזן אַ סך נענטער צו די פאַרשטע־לונגען פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, ווי יענער פריידענקער, וואָס האָט באַטראַכט די מיצוות ווי אַ שווערן יאָך, וואָס די רעליגיע האָט אַרויפגעלייגט אויפן מענטשן.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן סלאָבאָדקער דרך איז אויך אַ מוסר־שמועס פון דעם "אַלטן" וועגן גאָטספאַרכטיקייט (יראת ה') און פרייד, שמחה.

עס איז געוויינטלעך אָנגענומען — האָט איין מאָל געזאָגט דער "אַלטער" — אַז מורא פאַר גאָט און פרייד זיינען צוויי באַגריפן, וואָס שליסן זיך איינע די אַנדערע אינגאַנצן אויס. די וועלט האַלט, אַז דער, וואָס האָט מורא, פרייט זיך ניט, און דער, וואָס איז זיך משמח, האָט ניט קיין מורא. אָבער דאָס איז אַ טעות. די תורה לערנט, אַז מורא און שמחה זיינען ניט קיין צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן, נאָר גראָד פאַרקערט. מורא פאַר גאָט שליסט גאָר אין זיך איין די פרייד מיט גאָטס תורה און גאָטס מיצוות. און אַ מענטש קען גאָר ניט דערגרייכן צו דער מדרגה פון גאָטספאַרכטיקייט (יראת שמים), אויב ער קען זיך ניט פרייען מיט גאָטס תורה. אַ ראיה האָבן מיר — האָט דער "אַלטער" ווייטער געלערנט — פון דער מיצווה פון מעשר שני. די תורה האָט אָנגעזאָגט די יידן, זיי זאָלן ברענגען זייערע מעשרות אין ירושלים און עס דאָרטן עסן, כדי זיי זאָלן אין ירושלים לערנען צו זיין פרום און מורא צו האָבן פאַר גאָט (למען תלמד ליראה את ה' אלקיך כל הימים). וואָלט מען דאָך געקענט מיינען, אַז אין ירושלים פלעגן יידן קומען פאַרזאָרגטע, פאַרטרויערטע און דערשלאָגענע צוליב דער מורא פאַר גאָט.

דער אמת איז אבער פונקט פאַרקערט. אין חומש גופא ווערט געזאָגט, אַז יידן אין ירושלים דאַרפן זיך פרייען — "ושמחת אתה וביתך", און ירושלים ווערט באַצייכנט ווי "די פרייד פון דער וועלט" (משוש כל הארץ).

סלאָבאָדקע האָט מער באַטאָנט די גרויסקייט פון מענטשן, און ממילא אויך זיינע פליכטן. אַבער סלאָבאָדקע האָט ניט אָפּגעלייקנט די וועלט. גראָד פאַרקערט: יעדער מענטש דאַרף האָבן אין זינען, אַז צוליב אים און פאַר אים איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן (בשבילי נברא העולם).

דאָס האָט פונדעסטוועגן ניט געענדערט דעם דורך און דורך ערנסטן, מתנגדיש־לומדישן כאַראַקטער פון מוסר אין סלאָבאָדקע. געלערנט האָט מען מוסר יעדן טאָג בין מנחה למעריב. דאָס איז געווען דער חשבון פון דעם טאָג. שבת בין השמשות האָט די מוסר־שעה אָנגענומען אַ באַזונדערס ערנסטן כאַראַקטער.

די ישיבה־לייט אין סלאָבאָדקע האָבן אויך געהאַלטן פון שמחה, מען פלעגט אין סלאָבאָדקע אפילו זינגען. אַבער דאָך האָט אַפילו דאָ געגאָלטן דער כלל, אַז "עס איז נישטאָ קיין גאַנצערע זאַך ווי אַ צעבראָכן האַרץ".

דער בוך און דער מענטש

דער בעסטער פירוש צו דער תורה, פלעגט זאָגן ר' ירוחם, דער משגיח פון דער באַרימטער ישיבה אין מיר, איז דער מענטש אַליין. אויב דו פאַרשטייסט ניט אַ שווערן ענין אין גמרא און דו געפינסט דערויף ניט קיין ענטפער אין רש"י און אין אַנדערע מפרשים, זוך דעם ענטפער אין דיין אייגענער נשמה, וואָרים דער שליסל צו דער תורה איז דער מענטש אַליין.

ר' ירוחם, דער גייסטיקער פירער פון דער מירער ישיבה במשך פון מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט, איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע מוסרניקעס פון אונדזער דור. באַזונדערס גרויס איז געווען זיין ווירקונג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מיר איז געוואָרן דער באַדייטנדסטער צענטער פון תורה אין אייראָפּע. ווי דאָס רוב אַנדערע פירער פון דער מוסר־באַוועגונג האָט ער אַליין כמעט גאָרניט געשריבן. ניט אַלץ דאַרף מען פאַרשרייבן, האָט ער געהאַלטן. און דאָס איז באַזונדערס ריכטיק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם אופן ווי אַ מענטש דאַרף לעבן און ווי ער דאַרף זיך אויפפירן. מוסר, פלעגט ר' ירוחם זאָגן, איז אַ מין תורה שבעל פה, וואָס דאַרף איבערגעגעבן ווערן פון מענטש צו מענטש. די געדאַנקען פון מוסר דאַרפן זיין פאַרשריבן אין דער מענטשלעכער נשמה, אַבער ניט אויף פּאַפּיר. איז דאָ דעריבער גילטיק דער אַלטער כלל, אַז "דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאומרם בכתב", דאָס אַלץ, וואָס געהערט צו דער תורה שבעל פה, טאָר מען ניט איבערגעבן דורך פאַרשרייבן עס.

צום גליק האָבן ר׳ ירוחמס תלמידים אַ טייל פון זיינע מוסר־שמועסן יאָ פאַרשריבן, און דריי יאָר נאָך דער פּטירה פון זייער רבין (ר׳ ירוחם איז נפטר געוואָרן אין זומער 1936) האָבן זיי עס פאַרעפנטלעכט אונטערן טיטול ״חבר מאמרים״. און אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך איבערצוגעבן שריפטלעך די אידעען פון אַן אָריגינעלן דענקער, איז עס אין דעם ספר ״חבר מאמרים״ דערגרייכט געוואָרן אין גאָר אַ באַדייטנדער מאָס.

איך האָב געהאַט די זכיה צו לערנען אין מירער ישיבה אונטער ר׳ ירוחמס השגחה. שוין עטלעכע יאָר ווי איך האָב דעם ספר ״חבר מאמרים״ געזוכט און איך האָב עס אין די ניו יאָרקער ביבליאָטעקן ניט געקענט געפינען. ווען איך האָב סוף כל סוף דעם ספר באַקומען און איך האָב אין אים אָנגעהויבן אַריינצוקוקן, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן די סיבה פון ר׳ ירוחמס געוואַלדיקער השפּעה אויף הונדערטער פון זיינע תלמידים.

ווי אין דער מוסר־באַוועגונג בכלל, אַזוי פאַרנעמט אויך אין דער תורה פון ר׳ ירוחמען דער מענטש, דער איינצעלנער מענטש, דעם צענטראַלן פּלאַץ.

צוליב וואָס האָט גאָט געהייסן ציילן די יידן אין מדבר? — פרעגט ער. און ער ענטפערט — ווייל ער האָט זיי געוואָלט ציילן. ווייל ער האָט געוואָלט האָבן פאַר זיך יעדן איינצעלנעם יידן, יעדן מיט זיין נאָמען און מיט זיינע זאָרגן. ר׳ ירוחם שטיצט זיך דערביי אויפן מאמר: צוליב דעם, ווייל גאָט ברוך הוא האָט די יידן אַזוי ליב, ציילט ער זיי אַזוי אָפט (מרוב חבתם מונה אותם כל שעה). דורכן ציילן — לערנט אונדז ר׳ ירוחם — איז יעדער איינצעלנער פון כלל ישראל געוואָרן אַ פּערזענלעכקייט פאַר זיך און ניט בלויז אַ טייל פונם כלל (על ידי המנין נעשה כל אחד ואחד מהכלל ישראל עיקר שלם בפני עצמו, ולא רק כלל מכלם יחד). האָט דעריבער אויך איטלעכער איינצעלנער ייד פאַר זיך מקבל געווען די תורה ביים באַרג סיני, איטלעכער מיט זיין אייגענעם פּירוש. אַזוי, אַז די תורה האָט זעקס מאָל הונדערט טויזנט פּירושים, ווייל זעקס מאָל הונדערט טויזנט יידן זיינען געווען ביים באַרג סיני (שכל פרט ופרט קבל את התורה הקדושה עם הפירוש שלו, וישנם ס׳ ריבוא פירושים משום שיש ס׳ ריבוא של ישראל).

אין דער אמתן — לייענען מיר ווייטער — איז יעדער מענטש אַ וועלט פאַר זיך... און עס איז אַ גרויסער בזיון פאַרן מענטשן, אַז פון גאַנצן ״צלם אלקים״ ווערט אַ כלל. דאָס איז קעגן דער באַשאַפונג פון דעם מענטשן, ווייל ער איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ ״פּרט״, אַ מענטש פאַר זיך. דעריבער האָבן אונדזערע חכמים ז״ל געזוכט צו דעם עצות און זיי האָבן געזאָגט, אַז איטלעכער מענטש דאַרף ביי זיך טראַכטן: ״די גאַנצע וועלט איז ניט באַשאַפן געוואָרן, ווי נאָר צוליב מיר״ (כל העולם כולו לא נברא אלא בשבילי). אייגנטלעך איז עס דאָך גאָר אַ גרויסע גאווה, ווען דער מענטש טראַכט אַזוי, אָבער גראָד דער מין גאווה איז וויכטיק. דער מענטש טאָר ניט זיין אַזאַ עניו, ער זאָל אינגאַנצן פאַרשווינדן אין דעם כלל. נייערט דער מענטש דאַרף זיין אַ פּערזענלעכקייט פאַר זיך (האדם

צריך שיהיה "יחיד" בפני עצמו). דעריבער דאַרף אַ מענטש ביי זיך שטענדיק טראַכטן, אַז די וועלט איז פּאַרטיילט גלייך אויף גלייך, אַ העלפט צדיקים און אַ העלפט רשעים, קען ער ממילא מיט זיינע מעשים אַריבערציען די וואָגשאָל אין איין זייט אָדער אין דער אַנדערער זייט. דאָס איז דער וועג אונדז צו לערנען, אַז איטלעכער מענטש דאַרף זיין אַ פּרט (כל אלה הן עצות איך להעשות בעל פּרט).

דאַרף מען צוליב דעם טאַקע אָנהייבן פון זיך, כדי צו פאַרשטיין די תורה. ווען אַ מענטש דערקענט זיך אַליין, די כוחות, וואָס ווירקן אין אים גופא, דאַן קען ער אויף דעם וועג אַלץ מער באַגרייפן דעם זין פון דער הייליקער תורה (כשהאדם מכיר את עצמו... מכיר הוא מכחות נפשו את התורה הקדושה). האָט ממילא איטלעכער איינצעלנער ייד אַ גלייכן חלק אין דער תורה און אַ גלייכן חלק אין כלל ישראל. צוליב דעם טעם האָט גאָט אַזוי שטרענג אָנגעזאָגט, אַז יעדער ייד זאָל זיך באַטייליקן מיטן זעלביקן אָפּצאָל פאַרן משכן. דער גביר זאָל ניט געבן מערער און דער אָרעמאַן ווייניקער ווי אַ האַלבן שקל (העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט ממחצית השקל). עס וואָלט געווען אַ בפירושע זינד צו דערלויבן דעם גביר צו געבן מערער ווי אַ האַלבן שקל. דאָס וואָלט דאָך געהייסן, אַז דער גביר האָט אַ גרעסערן חלק אין דער עבודה פון בית המקדש. עס וואָלטן זיך אפילו געקענט געפינען רייכע לייט, וואָס וואָלטן גרייט געווען צו נעמען אויף זיך אַלע הוצאות מיטן תנאי, אַז דער בית המקדש זאָל זיין אויף זייער נאָמען. האָט די תורה דערפאַר אַזוי שטרענג איינגעזאָגט: "העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט". דער משכן און דער בית המקדש געהערן צום כלל ישראל און צו איטלעכן יידן באַזונדער.

און אַזאַ געפאַר איז פאַראַן ניט נאָר ווען עס האַנדלט זיך וועגן גבירים. אויך די גייסטיקע פירער האָבן ליב צו פאַרכאַפּן אַלץ פאַר זיך (וכטבע העשיר הוא גם טבע החכם) — לערנט אונדז ר' ירוחם. די וועלט האַלט, למשל, אַז חכמה איז דער בעסטער מיטל צו איידלקייט און אַלע גוטע מידות בכלל. דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות, טענהט דער מחבר פון "חבר מאמרים". מיר ווייסן דאָך זייער וואויל, אַז חכמה פירט אָפט צו איבערגעטריבענער גאווה און צו איבערגעטריבענע אַמביציעס. עס ווענדט זיך על כן אינגאַנצן אָן דעם, ווי מען באַנוצט די חכמה און ווי מען באַנוצט די תורה, וואָס מען האָט געלערנט. דאָס איז דער זין פון דעם מאמר: "אויב דער מענטש האָט זוכה געווען, איז די תורה פאַר אים אַ רפואה, האָט ער ניט זוכה געווען, קען זי פאַר אים ווערן אַן אומגליק" (זכה נעשית לו סם חיים, לא זכה נעשית לו סם המות). דערפון קענען מיר ווייטער אָפּלערנען, אַז ניט פון תורה און חכמה קומט מען צו גוטע מידות. נאָר פאַרקערט — דורך גוטע מידות איז מען זוכה צו תורה.

ווי גרויס עס קען ווערן די געפאַר פון תורה, באַמערקט ווייטער ר' ירוחם, ווייזט אונדז אַ מאמר וועגן משהן. דאָס וואָס עס ווערט דערמאָנט אין חומש צוויי מאָל משה, דאָס לאָזט אונדז הערן, זאָגט דער מדרש, אַז נאָכדעם ווי גאָט האָט

גערעדט מיט משה רבינו, איז ער פונדעסטוועגן געבליבן דער זעלביקער עניו ווי ער איז געווען פריער (הוא משה עד שלא נדבר עמו הוא משה משנדבר עמו). איז דאָך אין פלוג אַ פראַגע: ווי קען דען אַ מענטש קאַליע ווערן דורך דעם, וואָס גאָט רעדט מיט אים? טראַכט מען זיך אָבער אין דעם ענין אריין, שטעלט זיך גראָד אַן אַנדער פראַגע: ווי זאָל אַ מענטש ניט ווערן קיין בעל גאווה, ווען ער האָט זוכה געווען, אַז גאָט זאָל מיט אים ריידן? דערפון זעען מיר די אמתע מאַראַלישע גרויסקייט פון משה רבינו. ער האָט גערעדט מיט גאָט, ער האָט מקבל געווען די תורה, און ער איז פונדעסטוועגן ניט געוואָרן קיין בעל גאווה. קען דען זיין אַ גרעסערער חידוש?

איז ממילא אויך ניטאָ קיין פונדאַמענטאַלער אונטערשייד, לויט דער שיטה פון די מוסרניקעס, צווישן דער תורה פון דעם מענטשן, דער תורה פון מענטש־לעכקייט, און דער תורה, וואָס איז געגעבן געוואָרן ביים באַרג סיני. דער כלל אין דער משנה, אַז אויב ס׳איז ניטאָ קיין דרך ארץ, קיין נאָרמאַל מענטשלעך לעבן, קען אויך ניט זיין קיין תורה (אם אין דרך ארץ אין תורה), איז פאַר ר׳ ירוחמען אַ צענטראַלער פונקט אין זיין שיטה פון מוסר. מיר דאַרפן כסדר לערנען פון לעבן, און די תורה גופא איז אַרויסגעוואַקסן פון לעבן. ווערט דאָך געזאָגט אין תלמוד, אַז אברהם אבינו האָט געלערנט די גאַנצע תורה, נאָך איידער זי איז געגעבן געוואָרן ביים באַרג סיני. איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז מען קען קומען מיטן אייגענעם שכל און מיטן אייגענעם געוויסן צו דער תורה!

וואָרים דער אמת איז, אַז מען טאָר גאָרניט אָפּטיילן די געטלעכקייט פון דער נאַטור. די וועלט איז איינע און גאָט איז אין דער וועלט. אין דעם פּרט דערנענטערט זיך ר׳ ירוחם צו דער חסידישער פילאָזאָפיע פון "מלא כל הארץ כבודו", די גאַנצע וועלט איז פול מיט גאָטס מאַיעסטעט, די וועלט איז געטלעך. ער ציטירט אין דעם צוזאַמענהאַנג אפילו אַ מאמר פון יהודה הלוי וועגן דער איינהייט פון נאַטור און גאָט, וואָרים דאָס וואָרט "הטבע" (די נאטור) באַטרעפט די זעלביקע צאָל (בגימטריא) ווי "אלקים". מיר דאַרפן אפילו נאָך גיין ווייטער, באַמערקט ר׳ ירוחם, די נאַטור איז געגליכן צום באַרג סיני (לפי דברינו הטבע הוא "הר סיני" ממש).

די גרויסע אויפגאַבע פון דעם מענטשן איז צו מאַכן שלום צווישן די פאַר־שיידענע עלעמענטן פון דער וועלט און צווישן די פאַרשיידענע כוחות, וואָס ווירקן אין אים גופא. צו אָט דער מדרגה האָט דערגרייכט משה רבינו. ער האָט שלום געמאַכט צווישן הימל און ערד, צווישן דער גייסטיקער און מאַטעריעלער וועלט. דער גאַנצער זין פון דער תורה איז שלום (דשלום הוא סוד קבלת התורה). און שלום אויף דער וועלט קען נאָר דאַן קומען, ווען דער מענטש האָט דערגרייכט די מדרגה פון שלום אין זיך אַליין. אַזוי איז דער מענטש דער בעסטער פירוש צו דער תורה.

*

די מוסר־באַוועגונג האָט כמעט ניט געשאַפן קיין ליטעראַטור. עס איז במשך

פון אַ לאַנגער צייט געווען אַ תורה שבעל פה. די גרויסע פירער פון דער מוסר־באַוועגונג, פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער אָן, האָבן זיך כמעט ווי אויסשליסלעך פאַרנומען מיט דערציִען תלמידים. מען האָט געלערנט מוסר, מען האָט געזאָגט מוסר, מען האָט געשמועסט וועגן מוסר. קיין פערזענלעכקייטן מיט שריפטשטעלערישע טאַלאַנטן האָט די מוסר־באַוועגונג אָבער ניט ארויסגעגעבן. דערפאַר איז די יידישע וועלט נאָך ביז צום היינטיקן טאָג ווייניק באַקאַנט מיט דער שיטה פון מוסר בכלל און מיטן לערנען אין די מוסר־ישיבות בפרט.

זייער העכסטן גלאַנץ האָבן די מוסר־ישיבות דערגרייכט אין דער צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. אַ חוץ די ישיבות פון סלאָבאָדקע, טעלז, נאָוואַרדאָק, סלוצק און ראַדין, זיינען זינט 1918 אויפגעקומען גרעסערע ישיבות אין גראָדנע, ביאַליסטאָק, באַראַנאָוויטש, קאַמענעץ־ליטאָווסק, קלעצק, פינסק און אין נאָך אַ רייע שטעט און שטעטלעך אין ליטע און פוילן. דעם ערשטן פּלאַץ האָט אין דער צייט פאַרנומען די באַרימטע מירער ישיבה, וואָס איז קורץ פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה אַריבער צו די מוסרניקעס. בסך הכל האָבן די מוסר־ישיבות ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה געציילט איבער צען טויזנט תלמידים; צווישן זיי הונדערטער ישיבה־לייט פון מערב אייראָפּע און אַמעריקע.

מיטן חורבן פון די יידישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע זיינען דאָרטן אויך חרוב געוואָרן די געצעלטן פון תורה. אונדזער חוב איז עס היינט, צוזאַמען מיט דער גייסטיקער ירושה פון דער אַלטער היים בכלל, אויפצוהיטן דאָס בעסטע און הייליקסטע, וואָס איז קולטיווירט געוואָרן אין די ישיבות פון אַמאָליקן ליטע, פוילן און רוסלאַנד.

דער חפץ חיים

דער חפץ חיים האָט געהערט צו די באַליבטעסטע פּערזענלעכקייטן פון דער לומדיש־רבנישער וועלט פון פאַרגאַנגענעם דור. געהייסטן האָט ער ר׳ ישראל מאיר הכהן; גערופן האָט מען אים אָבער אויפן נאָמען פון זיין ערשטן בוך, **חפץ חיים**, אַ פאָלקסטימלעכער מוסר־ספר, וואָס איז גלייך געוואָרן שטאַרק אָנגענומען ביים פאָלק און אויך ביי די לומדים.

געלעבט האָט דער חפץ חיים אין דעם שטעטעלע ראַדין. געווען איז ער אַ ייד אַ "בעל הבית". ער האָט זיך תמיד אָפּגעזאָגט פון רבנות און האָט אפילו ניט פאַרנומען קיין אַמט אין דער גרויסער ראַדינער ישיבה, וואָס ער האָט אַליין אויפגעבויט און אויפגעהאַלטן. אַ שטילער און באַשיידענער, איז ער דאָך געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון זיין דור. און פאַרשאַפט האָט ער זיך זיין פּלאַץ אין אונדזער יידישער וועלט ניט נאָר דורך זיינע ספרים, נאָר אויך און אפשר אין דער ערשטער שורה, דורך זיין פּערזענלעכקייט. געווען ווייניק פירער ביי אונדז, וואָס האָבן אַזוי פיל געלעבט מיט די זאָרגן פון פאָלק, ווי דער חפץ חיים.

אויף זיין שטייגער איז דער חפץ חיים געווען אַ זוכער און אַן אָריגינעלער דענקער, און עס איז באמת אַ גרויסער שאָד, וואָס ווען מיר שרייבן וועגן מאָדערנע יידישע שרייבער און דענקער, פאַרגעסן מיר כמעט אינגאַנצן די שעפע־רישע פּערזענלעכקייטן פון דער רעליגיעזער וועלט. שרייבט אַ קינסטלער וועגן יצר הרע, וועגן זינד און נאָך אַזעלכע וועלטלעכע ענינים, פאַרדינט ער אַריינגע־נומען צו ווערן אין דעם טעמפּל פון אונדזער ליטעראַטור. שרייבט ער אָבער וועגן דעם, וואָס אַ מענטש דאַרף טאָן און וואָס ער טאָר ניט טאָן, ווי מען דאַרף זיך היטן פאַר לשון הרע און רכילות און ווי מען דאַרף דעם חבר העלפן, דאָס איז פאַר אונדז מגידות, צו ליטעראַטור האָט עס ביי אונדז קיין שייכות ניט. עס איז צייט, דוכט מיר, אַ ביסל צו רעווידירן אונדזער מיינונג וועגן יידישע שרייבער, יידישע דענקער און יידישער ליטעראַטור.

אין די בריוו און שמועסן פון חפץ חיים ("מכתבי חפץ חיים"), וואָס זיין זון ר׳ אריה לייב הכהן האָט אַרויסגעגעבן און וועלכע זיינען מיט אַ צייט צוריק אַרויס צום צווייטן מאָל אין ניו יאָרק, געפינען מיר אַ רייכן און ווערטפולן היסטאָרישן מאַטעריאַל וואָס איז שייך יידיש לעבן בכלל. דער חפץ חיים איז זוכה געווען צו אַ הויכן עלטער און ס׳איז אים באַשערט געווען צו זען דעם גאַנג פון יידיש לעבן במשך פון דריי דורות. די ראַדיקאַלע רעוואָלוציע אין דער יידישער

וועלט, דער אויפקום פון די מאָדערנע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, פּרעסע, טעאַטער א.אַז.וו. האָבן אים טיף אויפגערודערט.

"ווען יעדערער זאָל זיך דערמאָנען, ווי זיין שטאָט האָט אויסגעזען מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק, האָט דער חפץ חיים אין אַ רעדע אויף אַן אסיפה פון רבנים אין ווילנע אויסגערופן, מוז ער בלייבן שטיין פאַרוואונדערט, ווי וווייט עס איז אין אַזאַ קורצער צייט נתמעט געוואָרן דער לימוד התורה. נעמען, מיר, למשל, ווילנע, ווי לאַנג איז ווילנע געווען אַן עיר מלאה חכמים וסופרים, און היינט? היינט זיינען קוים דאָ אַ קליין ביסעלע געציילטע בני תורה. און אַזוי איז אומעטום".

און אויב ער איז געווען אומרויק וועגן דעם גורל פון יידישקייט אין דער אַלטער היים, איז ער נאָך אומרויקער געווען וועגן אַמעריקע. ווען יידן זיינען נע ונד, איז שווער פּאַר זיי אָפּהיטן יידישקייט. זיין זון דערציילט אונדז וועגן אַ לענגערן וויכוח, וואָס ער האָט געהאַט מיטן פאָטער וועגן אַמעריקע. די צעשפּריי־טונג פון יידן איבער גאָר דער וועלט, האָט דער חפץ חיים זיך באַקלאָגט, שטעלט אין סכנה דעם קיום פון יידישקייט. דערויף האָט זיין זון אים געפרעגט, וואָס קען מען טאָן, פון ווילטאָג פאַרט מען דאָך ניט אַוועק? אפשר וואָלט געווען ריכטי־קער, האָט דער זון ווייטער געזאָגט, אַז מענטשן ווי דו זאָלן פאָרן צוזאַמען מיט די אויסוואַנדערער אין די נייע לענדער, זיי צו דערמונטערן און דערמוטיקן אויפצוהיטן יידישקייט?

דער חפץ חיים האָט דערויף אים ניט געענטפערט. אין אַ צייט אַרום האָט ער אָבער אָנגעשריבן אַ ספר אונטערן נאָמען "נדחי ישראל" (די פאַרוואָגלטע פון ישראל), וואָס האָט געדאַרפט דינען ווי אַ וועגווייזער פאַר די איבערגעקומענע אין די נייע לענדער. דער ספר "נדחי ישראל" באַווייזט, ווי ערנסט דער חפץ חיים האָט זיך מיט דעם ענין פאַרנומען. ער איז אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז וווּ נאָר עס איז לויטן דין פאַראַן אַ מעגלעכקייט אין אַ צייט פון נויט מקיל צו זיין, האָט ער מקיל געווען. קען דען פאַר אַ יידן זיין אַ גרעסערע נויט, האָט דער חפץ חיים געזאָגט, ווי לעבן אַלס אַ פרעמדער אין אַ פרעמד לאַנד? האָט ער טאַקע צוליב דעם טעם דעם ספר "נדחי ישראל" ניט געוואָלט פאַרשפּרייטן אין רוסלאַנד און פּוילן, ווו עס איז ניט געווען אַזוי שווער אָפּצוהיטן יידישקייט.

אין דער הקדמה צו זיין ספר פרעגט זיך דער חפץ חיים: וואָס וועט ווערן פון דעם יונגן דור אין אַמעריקע? פון די, וועלכע זעען ביי זייערע עלטערן אין דער היים אַזוי ווייניק יידישקייט? און צוליב וואָס קומט דאָס אַלץ פאַר — טענהט ער ווייטער — יידן זיינען דאָך אין אַמעריקע פריי, קיינער פאַרפאָלגט זיי ניט. זיי קענען לעבן ווי יידן, אויב נאָר זיי ווילן! ווי קען אַ פאָלק אַזוי גיך פאַרגעסן יידישקייט, אַ פאָלק, וואָס האָט זיך אַזוי פיל מוסר נפש געווען פאַר דער תורה און פאַר די מיצוות פון דער תורה?

ניט קיין סך ווייניקער אומרויק איז ער געווען, וואָס איז שייך דעם גורל פון

יידישקייט אין רוסלאַנד און פוילן. מיר מוזן הײַנט אַליין וואָס מער לערנען תורה. ווער ווייס צי אונדזערע קינדער וועלן וועלן לערנען? אין אַ שמועס מיט זיין זון האָט דער חפץ חיים אַ מאָל געזאָגט: "דו ביסט ניט אַזאַ הייסער ייד ווי איך בין, דײַנע קינדער זײַנען קעלטער פון דיר, זייערע קינדער וועלן זיין קעלטער פון זייערע עלטערן. ביז וואַנען וועט דערגרייכן די קאַלטקייט?

דער חפץ חיים האָט אַ מאָל געהערט, ווי איינער האָט געזאָגט: דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון בוים. האָט דער חפץ חיים מיט אַ זיפץ זיך אָפּגערופן: דאָס אַלץ איז ריכטיק, אויב דער ווינט טראָגט עס ניט אַוועק.

האָט ער געפילט אַלס זיין חוב כסדר אָנצוווייזן, ווי שווער עס איז צו דערציען קינדער פאַר יידן. געקומען צו אים אַ מאָל אַ ייד בעטן אַ ברכה, אַז זיינע קינדער זאָלן זיין ערלעכע יידן. האָט דער חפץ חיים אים געענטפערט: מיט אַ ברכה ווילסטו איר עס מאַכן? היינטיקע צייטן דאַרף מען אויף דעם האָבן מסירת נפש.

מוז איטלעכער ייד ביי זיך טראַכטן, אַז אויף אים אַליין האַלט זיך יידישקייט. אַ ייד דאַרף האַלטן, אַז ס'איז ניטאָ מער ווי איין טאָג, איין ענין און איין מענטש. פאַרלאָז זיך ניט אויף אַנדערע און וואַרט ניט, אַז אַנדערע זאָלן פאַר דיר אָפּהיטן יידישקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע פּרוּוון פון מאָדערנער יידישער דערציונג האָבן ביים חפץ חיים ניט נושא חן געווען. אין זיינע לעצטע יאָרן אין פוילן האָט ער אַלץ געטאָן כדי צו שטאַרקן די חדרים און ישיבות און צו באַקעמפן די אַזוי גערופענע פרייע שולן, וועגן די יידישיסטישע און העברעישע שולן האָט ער זיך אַ מאָל אויסגעדריקט: אין די תרבות־שולן לערנט מען קינדער צו ווערן גויים אויף העברעיש און אין די ציש"אָ־שולן לערנט מען קינדער צו ווערן גויים אויף יידיש.

דער חפץ חיים האָט ניט געהאַלטן פון וויכוחים מיט אַפּיקורסים. "פאַר אַ מאמין, האָט ער געזאָגט, איז קיין קשיא ניטאָ, פאַרן אַפּיקורוס איז קיין תירוץ ניטאָ". דערפאַר האָט אָבער דער חפץ חיים אַ סך געהאַלטן פון מאַנען און פאַר־לאַנגען פון די, וואָס האַלטן פון יידישקייט, האָבן אָבער ניט דעם כוח צו זיין יידן. ער האָט אין אַ שטעטל אַ מאָל געהאַלטן אַ דרשה וועגן דעם, וואָס מען שיקט די קינדער אין ניט־יידישע שולן, ווו עס קומט אפילו צו חילול שבת. נאָך דער דרשה האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין איידעם, ר' צבי הירש לעווינסאָן: "ר' הירש, וואָס מיינט איר, אַז מיר זיינען יוצא מיט דער דרשה, וואָס מיר האָבן געזאָגט אין בית מדרש? ניין, מיר דאַרפן רופן יעדן טאַטן פון קינד און מיט אים ריידן וועגן דעם. ביי וועמען וועט מען מאָנען, ביי אונדז ביידן וועט מען דאָך מאָנען!

געגלויבט האָט ער מיט זיין גאַנצער נשמה, אַז מיר לעבן אין משיחס צייטן. אין די יידישע צרות פון אונדזער דור האָט ער געזען די געבורטווייען פון דער משיח־צייט (חבלי משיח). דאַרף מען געפינען די וועגן, כדי צו פאַרקירצן די ווייטאָגן.

אַ ציוניסטישער טוער האָט אין אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג אַ מאָל געפּרובירט באַווייזן די נייטיקייט פון ציוניזם מיט דעם ביישפּיל פון בולגאַריע, וואָס האָט סוף כל סוף אויסגעקעמפט פאַר זיך פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט. ווען מען האָט דעם אַרטיקל פאָרגעלייענט פאַרן חפץ חיים, האָט ער זיך צעוויינט און האָט זיך אָפּגערופן: האָבן מיר אין לויף פון אַכצן הונדערט יאָר, זינט דעם חורבן, פאַר־גאָסן אַזוי פיל בלוט, כדי צו זיין אַ מלוכה ווי בולגאַריע? זיינען דאָס אונדזערע גאולה האָפענונגען? דער חפץ חיים האָט געהאַט אַן אַנדער פאַרשטעלונג, אַנדע־רע חלומות און אַנדערע אַמביציעס וואָס איז שייך גאולה און משיחס צייטן!

פונדעסטוועגן האָט דער חפץ חיים אין דער קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג אין ארץ ישראל אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן געזען סימנים פון גאולה און ער אַליין האָט געהאַט בדעה צו פאָרן פאַרברענגען זיינע לעצטע יאָרן אין ארץ ישראל.

פון צייטונגען האָט דער חפץ חיים ניט געהאַלטן. סוף כל סוף וואָס דערוויסן מיר זיך פון דער צייטונג — צרות! ווייסן מיר עס אָן דער צייטונג, און העלפן קענען מיר דאָך סיי ווי ניט! אויף איין נייעס האָט ער יאָ געוואַרט, אויף משיחישע נייעס, אויפן אָנזאָג פון דער גאולה. כל זמן מיר הערן ניט, אז ה׳ מלך, גאָט איז געוואָרן קעניג אויף דער וועלט, האָט ער אַ מאָל געזאָגט צו זיינעם אַ תלמיד, איז ניטאָ קיין נייעס. די צייטונגען זיינען אים אויך ניט געווען צום האַרצן, נאַטירלעך, צוליב זייער אינהאַלט. באַזונדערס האָט אים ווייט געטאָן, וואָס אויף שבת פלעגט מען אַרויסגעבן פאַרגרעסערטע נומערן. האָט דער עולם שוין ניט קיין צייט ארייַנצוקוקן אין אַ ספר. מיט דעם געדאַנק, אַז אַ יידישע צייטונג איז פאַר זיך אַליין אַ וויכטיקער עלעמענט פון יידישקייט, האָט, נאַטירלעך, אַ טיף פרומער דענקער, ווי דער חפץ חיים, ניט געקענט שלום מאַכן.

מיר האָבן דאָ נאָך כמעט ניט באַרירט דעם חפץ חיימס שיטה, זיין פּערזענלעך לעבן און זיין צוגאַנג צו די מיצוות שבין אדם לחברו. ער האָט דאָס אויספירלעך באַהאַנדלט אין זיינע באַקאַנטע און אַזוי באַליבטע ספרים: ״חפץ חיים״, ״שמירת הלשון״, ״אהבת חסד״ און אַנדערע.

דער קעלמער מגיד און זיין צייט

ר׳ משה יצחק דרשן, וואָס אין דעם ברייטן עולם מער באַקאַנט אונטערן נאָמען דער קעלמער מגיד, האָט געהערט צו די מערקווערדיקסטע געשטאַלטן פון זיין צייט. דער גאָט־געבענטשטער פאָלקסרעדנער האָט זיך אַ חוץ דעם נאָך אויס־געצייכנט מיט אַ סך אַנדערע מעלות און קודם כל ווי אַ מאָראַלישע פּערזענלעכ־קייט.

מגידים און מגידות בכלל האָבן ביי אונדז ניט געהאַט קיין באַזונדערן מזל. די לומדים האָבן געוויינטלעך געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די פאָלקס־רעדנער. מיט ניט ווייניקער ביטול האָבן זיך די משכילים באַצויגן צו די מגידים. עס קען, אמת, ניט געלייקנט ווערן, אַז דער גרעסטער טייל פון די מגידים האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט, ניט מיט זייער לומדות און אויך ניט מיט קיין אנדערע מעלות. געווען אָבער אויך צווישן די דאָזיקע פאָלקסרעדנער איינצעלנע גרויסע פּערזענ־לעכקייטן. גענוג דאָ בלויז צו דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם דובנער מגיד, פון וועמען דער ווילנער גאון האָט אַזוי פיל געהאַלטן. אַ פאָלקסרעדנער פון דעם פאַרנעם איז אויך געווען דער קעלמער מגיד, ר׳ משה יצחק דרשן.

מיר זיינען היינט ווייט פון די אידעאָלאָגישע קאַמפן, וואָס האָבן זיך אָפּגע־שפּילט אין די יידישע שטעט און שטעטלעך אין אַלטן רוסלאַנד מיט צוויי־דריי דורות צוריק. עס שטייט פאַר אונדז היינט ניט מער די פראַגע — ווער איז דע־מאָלט געווען גערעכט. זיי זיינען אַלע טיילווייז געווען גערעכט און אַלע ביז צו אַ געוויסן גראַד געווען אומגערעכט. עס וואָלט זיכער געווען דער גרעסטער טעות פון אונדזער זייט צו לייקענען די פאַרדינסטן פון דער השכלה־באַוועגונג. דער אמת איז דאָך, אַז אַלע מאָדערנע יידישע באַוועגונגען זיינען אויפן שטאַרק־סטן אופן באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער השכלה־ליטעראַטור פון די זעכציקער, זיבעציקער און אַכציקער יאָרן. פון דער אַנדערער זייט, מוזן מיר מודה זיין, אַז אין גאָר אַ סך פּרטים זיינען גראָד די שאַרפסטע און סאַמע פאַרביטערטסטע קעגנער פון דער השכלה געווען גערעכט. וואָלט די השכלה־באַוועגונג געווען געהאַט געזיגט נאָך מיט אַכציק, ניינציק יאָר צוריק, דאַן וואָלטן מיר היינט וועגן אַ סך זאַכן שוין גאָרניט געהאַט מער וואָס צו דיסקוטירן. קיין יידישע און העברעישע ליטעראַטור וואָלטן מיר היינט אוודאי און אוודאי שוין ניט געהאַט. די משכילים פון יענער צייט, פון דער צווייטער העלפט פון נייַנצעגטן יאָרהונדערט, האָבן אונדז איבערגעלאָזן ביכער, וועלכע האָבן פאַר אונדז, אגב, שוין היינט

גאַר אַ קנאַפּן ווערט. די פרומע פון יענער צייט, אָבער, האָבן איבערגעלאָזן לעבע־דיקע יורשים, דורות יידן. און דאָס זיינען דאָך געווען דער עיקר די קינדער פון די פרומע, וועלכע זייען געוואָרן די פּיאָנערן פון אַלע מאָדערנע שטרעמונגען און באַוועגונגען אין יידישן לעבן.

דער קעלמער מגיד איז געווען דער שאַרפסטער און פאַרביטערטסטער קעגנער פון די משכילים. און אים איז אויסגעקומען צו פירן זיין קאַמף אין אַ צייט, ווען דער גלויבן אין דער וועלט, דער גלויבן אין דעם מענטשן, אין השכלה, אין בילדונג און אויפקלערונג, האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. דאָס איז דאָך געווען די צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, ווען יידן אין רוסלאַנד האָבן אָנגעהויבן צו האָפן, אַז אָט באַלד־באַלד וועט קומען זייער באַפרייונג. פאַר די משכילים פון יענער צייט איז דערפאַר דער קעלמער מגיד מיט זיין עקשנותדיקן קאַמף קעגן די נייע אידעען און די נייע מאָדעס געווען די פאַרקערפּערונג פון די "פינצטערע כוחות" אויף דער יידישער גאַס.ביידע צדדים האָבן איינע די אַנדערע ניט געשאַנעוועט. עס באַקומט זיך דערפאַר אָפּט די פאַלשע פאַרשטעלונג, אַז דער גרויסער פאָלקסרעדנער האָט זיך כמעט ווי אינגאַנצן אָפּגעגעבן בלויז מיטן נעגאַטיוון קאַמף קעגן דער השכלה. דאָס איז אַ טעות. אויך דער קעלמער מגיד האָט געהאַט די אַמביציע צו "רעפאַרמירן" דאָס יידישע לעבן. ער האָט אָבער געזוכט צו פאַרבעסערן דעם מצב פון די יידן אין רוסלאַנד אויף גאַר אַן אַנדער אופן. אַזוי, למשל, לייענען מיר וועגן אים אין די זכרונות פון דעם באַקאַנטן יידישן שרייבער א. י. פּאַפּירנאַ:

"איך האָב אים געהערט אין באָברויסק. גערעדט האָט ער דעמאָלט איבער דעם פאַלשן האַנדל בכלל און פאַלשער וואָג און מאָס בפרט. געדרשנט האָט ער, ווי תמיד, מיט אַ טיפן אינערלעכן געפיל, און דער איינדרוק פון זיין דרשה איז געווען דער, וואָס ניט וואַרטנדיק אפילו אויף מעריב, זיינען די קרעמער אַנטלאָפן אהיים קאָנטראָלירן זייער מאָס און וואָג, צעבראַכן אויף שטיקלעך די, וואָס זיינען געווען פאַלש".

ענלעכע שילדערונגען געפינען מיר ביי אַ רייע אַנדערע מעמואַרן־שרייבער, וואָס האָבן נאָך געהאַט דאָס גליק צו הערן דעם גרויסן פאָלקסרעדנער. אין זיינע "חרובע וועלטן" שרייבט א.ש. זאַקס וועגן דעם קעלמער:

"דער קעלמער מגיד איז געווען אַ הויכע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. אין די דינים בין אדם לחברו איז ער געווען אַ גרעסערער מקפּיד ווי אין די דינים פון בין אדם למקום. אין פאַרלויף פון גאַנצע צוויי דורות איז ער יעדעס יאָר דורכגעפאָרן אַלע שטעט און שטעטלעך פון ליטע. אין דער קערה פלעגט זיך צונויפקלייבן אַ סך געלט פאַר אים, אָבער אַליין איז ער שטענדיק געווען אַן אביון. אַלץ, וואָס ער האָט געמאַכט, פלעגט ער אויסטיילן אויף ישיבות און אונטערשטיצן יתומים...

זיין פאַרשטעלונגסקראַפֿט איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע און דאָס בילד פון גיהנום מיט אַלע גליענדע קאַלכאויוונס און מיט די פייערדיקע אייזערנע ריטער איז אים שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן... דער כסא הכבוד, וואָס ווערט באַוואַכט פון די מלאכים און באַלויכטן פון דער שכינה, איז פאַר דעם קעלמער מגיד געווען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע".

די בילדער פון גיהנום און גן עדן זיינען פאַר דעם גרויסן פאַלקסרעדנער, דעם שטרענגן מוכיח, געווען גאָר אַ וויכטיקער מיטל צו ווירקן אויפן עולם. ער האָט אָבער אויך געהאַט וואָס צו זאָגן דעם עולם, ווי מיר קענען עס זען פון אַ רייע טיפע און אָריגינעלע באַמערקונגען אין זיין ספר "תוכחת חיים", וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אויף דער עלטער, ווען ער איז שוין געווען אַ מידער און שווער קראַנקער מענטש.

דער ערשטער קאַפּיטל פון דעם ספר פאַרנעמט זיך מיט אַזאַ ענין ווי בטחון; און אפילו דער היינטיקער ייד קען אַ סך לערנען פון דעם דאָזיקן אַלטמאָדישן דרוש־ספר. דער שטרענגער מוכיח האָט דאָ אַ שמועס מיטן ידישן קרעמער און ער שטעלט די פראַגע — ווער האַלט וועמען? צי האַלט דער ייד די קרעמל, אָדער די קרעמל האַלט דעם יידן? ווער איז דער בעל הבית איבער וועמען? פאַראַן — זאָגט דער קעלמער — אַ סך יידן, וואָס גלויבן אין צוויי געטער: זיי גלויבן אין גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, און זיי גלויבן אויך אין דער קרעמל. דערפון נעמט עס זיך, וואָס מיר זעען ניט זעלטן, ווי אַ ייד שטייט אין בית מדרש און דאַוונט מיט גרויס כוונה און מיט התלהבות, און נאָכן דאַוונען גייט ער אַוועק צו זיך אין קראָם און דאָרטן פאַרנעמט ער זיך מיט זיינע געשעפטן אויך מיט התלהבות. און פון גרויס התלהבות פּאַסירט — באַמערקט דער קעלמער — אַז מען זאָגט אַ ליגן אין געשעפט און מען גיט פאַלשע וואָג און מאָס. אויפן ערשטן בליק איז דער גאַנצער ענין ניט פאַרשטענדלעך, ווי איז עס מעגלעך, פרעגט מען זיך, אַז אַ פרומער ייד, וואָס דאַוונט מיט אַזוי פיל כוונה און התלהבות, זאָל גאָר זיין אַ שווינדלער אין געשעפטסזאַכן? אָבער אין אמתן — זאָגט אונדז ר' משה יצחק דרשן — איז זיך גאָר ניטאָ וואָס צו וווּנדערן. דער ייד דינט צוויי געטער.

אויב אָבער אַ ייד האָט אמונה בלויז אין רבונו של עולם, אויב אַ ייד האָט בטחון — טענהט דער קעלמער — קען ער ביי זיך אָפּמאַכן, אַז מען איז ניט מחויב צו שטיין אַ גאַנצן טאָג אין קראָם, אַז דער מענטש דאַרף אויך האָבן צייט פאַר זיך, פאַר תורה און פאַר מצוות.

אָט די אידעע, אַז דער ייד טאָר ניט ווערן קיין קנעכט פון זיין געשעפט, איז געווען איינער פון די צענטראַלע מאָטיוון פון דעם קעלמער מגידס דרשות. עס איז אמת — פלעגט ער זאָגן — אַז עס שטייט געשריבן אין דער תורה בזעת אפיך תאכל לחם, אין שווייס פון דיין געזיכט וועסטו עסן דיין ברויט, אַ מענטש

דאַרף האַרעווען אויף חיונה. עס שטייט דאָך אָבער ניט געשריבן אין דער תורה — פלעגט טענהן דער קעלמער — אַז אַ מענטש מוז שוויצן זעכצן שעה אַ טאָג כדי צו פאַרדינען אויף חיונה! עס איז גענוג, אַז דער מענטש וועט אַרבעטן ניט מעד ווי אַכט שעה אַ טאָג און דאַן וועט אים בלייבן גענוג צייט פאַר יידישקייט.

דער קעלמער איז געקומען צו לערנען די אָרעמע יידן, ווי אַזוי זיי זאָלן קענען ווערן אַ פאָלק פון גבירים, גבירים פון גייסט: "פאַראַן פאַרשיידענע מינים עשירות אויף דער וועלט — דערציילט אונדז דער פאָלקסמגיד. פאַראַן מענטשן, וואָס זייער עשירות באַשטייט אין גאָלד און זילבער; אַנדערע פאַרמאָגן אַ סך פעלדער און ווייגערטנער; פאַראַן נאָך אַנדערע, וואָס זייער עשירות באַשטייט פון הייזער און ווערטפולע חפצים. אויב איר וועט אָבער פרעגן אַט די אַלע גבירים, צי פאַרמאָגן זיי אַזאַ טייערן אוצר, וואָס רופט זיך "צייט", וועלן זיי אייך אַלע ענטפערן מיט איין קול — "ניטאָ קיין צייט". זיי ווייסן, מיין ברודער — רופט אויס דער פאָלקסלערער — אַז זייער עשירות איז קיין עשירות ניט און זייער לעבן איז קיין לעבן ניט, ווי באַלד זיי האָבן ניט קיין "צייט" פאר תורה און מעשים טובים, אָבער די, וואָס האָבן "צייט", יענע זיינען די אמתע גבירים"!

*

דעם גרויסן פאָלקס-מגיד איז אויסגעקומען צו פירן זיין קאַמף קעגןביידע טענדענצן פון דער נייער צייט, סיי קעגן די אידעאַליסטישע משכילים, סיי קעגן די אַלע, פאַר וועמען די השכלה איז געווען ניט מער ווי אַ דעקמאַנטל צו פאַרמאָס־קירן די אייגענע עגאָיסטישע אַמביציעס: אַן אויפגעקלערטער איז געווען פטור פון אַלץ. אַ טייל פון די משכילים האָבן מיט דער צייט אַליין איינגעזען די געפאַרן, וואָס די "היינטוועלטיקייט" האָט מיט זיך געטראָגן. דער באַקאַנטער העברעישער שרייבער, דר. קאַמינער, אגב, איינער פון די פיאָנערן פון יידישן סאָציאַליזם אין די זיבעציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, האָט אונדז איבערגעלאָזן אַ בייסיקע כאַראַקטעריסטיק פון די "אויפגעקלערטע ליבעראַלע גבירים". דער גרויסער יידישער שרייבער שלום עליכם האָט דאָס ליד איבערגעזעצט אויף יידיש. מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר אויסצוגן פון דעם ליד, וואָס ווייזט אונדז די שאָטנזייטן פון דער דעמאָלטדיקער אויפקלערונג. דאָס ליד טראָגט דעם טיטל — גביר ליבעראַל מי יודע:

גביר ליבעראַל מי יודע?
גביר ליבעראַל אני יודע
— — — — — — — — — — —
קיין הייליקע זאַך איז ניטאָ
אויף דער וועלט:
קיין תורה, קיין חכמה —
דער עיקר איז געלט.
פון צדקה איז ער פטור,

דער אַקטריסע אַ מתּנה
האַלז און נאַקן דעם יתום
אַ פייג דער אלמנה

— — — — — — — — — — — —

דער קאַמף איז געווען ניט קיין גלייכער און ער איז געפירט געוואָרן פון ביידע צדדים מיט פאַרשיידענע מיטלען. די משכּילים זיינען געווען קליינע גרופּעס. געווען יידישע שטעטלעך, ווו מען האָט געקענט די צאָל משכּילים אויס־ציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. זיי האָבן אָבער געהאַט די אונטערשטיצונג פון די „ליבעראַלע" גבירים און אָפט אויך פון דער צאַרישער רעגירונג. דער קעלמער מגיד אָבער האָט הינטער זיך געהאַט די פאָלקסמאַסן. די משכּילים האָבן געפירט זייער פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַריש, דורך ביכער, און דער עיקר דורך דער דעמאָלטדיקער העברעישער פּרעסע. דער קעלמער מגיד איז ניט געווען קיין ליטעראַט. זיין געווער איז געווען דאָס לעבעדיקע וואָרט, וואָס האָט אָנגעצונדן און באַגייסטערט דעם עולם. די משכּילים האָבן כּסדר אָנגעוויזן אויף די פאָדע־רונגען פון דער נייער צייט, די פאָדערונגען פון לעבן, פון דעם עולם הזהדיקן לעבן. און זיי זיינען אוודאי אין אַ גרויסער מאָס געווען גערעכט. דאָס לעבן אין דער וועלט האָט זיך געענדערט, און עפּעס האָט זיך אויך ביי אונדז יידן געמוזט ענדערן. זיי זיינען אָבער ניט געווען גערעכט אין זייערע מעטאָדן. דער קעלמער מגיד האָט פון זיין זייט מיט עולם הזהדיקע מאָטיוון ניט געקענט אַרגומענטירן. פון שטאַנדפּונקט פון פּראַקטישקייט איז אפשר די גאַנצע יידישקייט, מיט דער השׂכּלה צוזאַמען, געווען אַן איבעריקע זאַך. האָט דער גרויסער פאָלקסמגיד זיך דערפאַר אַזוי שטאַרק באַנוצט מיט אַ צווייטן געווער — מיט יענער וועלט — מיטן גיהנום און מיטן גן עדן. דער רושם פון זיינע דרשות איז געווען אַ געוואַלדיקער, ווי דאָס ווערט כּסדר באַטאָנט פון אַלע, וואָס האָבן אים געהערט. צום באַדויערן איז אָבער פון דעם קעלמער מגידס דרשות און משלים זייער ווייניק וואָס אויפ־געהיט געוואָרן. קליינע רעשטלעך, פראַגמענטן פון זיינע דרשות, זיינען נאָך פונדעסטוועגן פאַרבליבן.

דער באַקאַנטער ציוניסטישער שרייבער און רעדנער הרב י. ניסענבוים פאַר־צייכנט אין זיינע מעמואַרן, אַז פון אַלע מגידים, וועלכע ער האָט געהערט אין זיין יוגנט, ווען ער איז אַלט געווען ניין־עלף יאָר, דער איינציקער, „וואָס זיינע ווער־טער זיינען איינגעקריצט געוואָרן ביי מיר אין האַרצן ביז צום היינטיקן טאָג, איז געווען דער קעלמער מגיד".

„איך דערמאַן זיך נאָך — שרייבט י. ניסנבוים — דעם משל, וואָס ער האָט געבראַכט: אַ בגד — האָט ער געזאָגט — באַשטייט פון פאַרשיידענע טיילן... פאַראַן... אַ מאָל אַ בגד, וואָס האָט שוין אַלץ, וואָס אין אים פעלט גאָרניט. מען קען אים אָבער נאָך ניט אָנטאָן. צי ווייסט איר, יידן, ווען אַזאַ זאַך פּאַסירט? האָט דער מגיד אויסגערופן מיט זיין דונערדיקער שטימע. דאָס פּאַסירט דאַן,

ווען מען האָט ניט באַצאָלט דעם שניידער זיין אַרבעטסגעלט און ער האָט נאָך ניט אַרויסגענומען פון בגד די ווייסע נעט! אַזוי, רבותי, מוז יעדער ייד אַנגרייטן פאַר זיך אַ בגד, וואָס ער וועט אים אַ מאָל דאַרפן טראָגן אין גן עדן. אָט דער בגד באַשטייט פון די מיצוות, וואָס דער מענטש טוט אויף דער וועלט... אָבער כל זמן מען האָט ניט באַצאָלט אַרבעטסגעלט פאַרן נייען און מען האָט ניט אַרויס־געצויגן די ווייסע נעט, קען מען אים ניט אָנטאָן, און דער בעל הבית פון דעם בגד וועט, חלילה, פאַרבלייבן אויף דער אמתער וועלט אַ נאַקעטער. ווייסט איר, יידן, וואָס דאָס דאָזיקע אַרבעטסגעלט מיינט? דאָס איז די צדקה, וואָס מיר גיבן פאַר אָרעמע! אָן צדקה, רבותי, וועט איר זיך אויף יענער וועלט שעמען אין אייערע בגדים... און דאָ האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין ווונדערלעכן טאַלאַנט צו שילדערן די געוואַלדיקע בושה, וואָס די, וואָס גיבן ניט קיין צדקה, וועלן ליידן אויף יענער וועלט, ביז דער גאַנצער עולם אין בית מדרש האָט אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעכן געוויין".

דער קעלמער מגיד פלעגט אויך אָפט אַפּעלירן צו איינצעלנע מענטשן. י. ניסנבוים דערציילט, ווי מען האָט איין מאָל פאַרבעטן דעם קעלמער אין דעם גבירישן בית מדרש. דאָרטן האָט ער ניט געדרשנט פון דער בימה, נאָר ער איז געזעסןביים טיש און דער גביר מיט דער משפחה אַרום אים. דער מגיד האָט גענומען דעם מוסר ספר "מסילת ישרים" און האָט אָנגעהויבן גלייך פון דער ערשטער שורה: "דער יסוד פון פרומקייט און דער שורש פון דינען גאָט מיטן גאַנצן האַרצן איז, אַז דער מענטש זאָל זיך אָפּגעבן אַ חשבון, וואָס איז זיין חוב אין זיין וועלט (מה חובתו בעולמו)". עס שטייט ניט געשריבן — האָט דער מגיד באַמערקט — מה חובתו בעולם, וואָס איז זיין חוב אין דער וועלט, נאָר "בעולמו", אין זיין וועלט. און דאָס מיינט, האָט דער קעלמער ערקלערט, אַז יעדער מענטש האָט זיין באַזונדער וועלט, זיינע באַזונדערע פליכטן, וואָרים עס איז ניט געגליכן די וועלט פון דעם אָרעמען צו דער וועלט פון דעם פאַרמעגלעכן. און ער האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן, וואָס איז די וועלט פון דעם פאַרמעגלעכן און אין וואָס עס באַשטייען זיינע פליכטן אין זיין וועלט. צוויי שעה האָט ער וועגן דעם גערעדט און דער איינדרוק אויף די אָנוועזנדע איז געווען אַ געוואַלדיקער.

*

באַזונדערס שאַרף פלעגט דער קעלמער אַרויסטרעטן קעגן די גבירים און "אויפגעקלערטע", וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן גאָלן די בערד. אין דער צייט האָט זיך עס געוואָרפן שטאַרק אין די אויגן. מען דערציילט, אַז איין מאָל, איז צו אים נאָך אַ דרשה צוגעקומען איינער פון די פירער פון דער קהילה, אַ היינטוועלטיקער ייד, אַ גלוח, מיט שטאַרקע טענות, פאַרוואָס ער שרעקט אַזוי דעם עולם מיט שטראָפן און מיט גיהנום. האָט דער קעלמער אים געענטפערט:

ערלויבט מיר, איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט מיט מיר פּאַ־סירט; איך בין איין טאָג געגאַנגען שפּאַצירן, באַגעגן איך אַן אָקס. שטרעקט ער אויס זיין פּוס און זאָגט מיר שלום עליכם! ענטפער איך אים: דו, ווילדער אָקס,

וואָס פאַר אַ מחותן בין איך עפּעס מיט דיר? ענטפערט מיר דער אָקס: מיין פלייש עסט דו? דו ביסט גערעכט, האָב איך אים געזאָגט און האָב אים געענטפערט עליכם שלום! גיי איך מיר ווייטער, באַגעגן איך אַ קו. שטרעקט זי מיר אויס די פוס און זאָגט מיר: שלום עליכם! ענטפער איך איר: נאַרישע בהמה, וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט דיר? ענטפערט מיר די קו: מיין מילך טרינקסט דו? דו ביסט גערעכט, האָב איך איר געזאָגט און האָב איר געענטפערט עליכם שלום! גיי איך מיר ווייטער, באַגעגן איך אַ באָק. שטרעקט דער באָק אויס זיין פוס און זאָגט מיר: שלום עליכם! ענטפער איך אים: דו טיפּש צווישן די בהמות, וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט דיר? ענטפערט מיר דער באָק: איך טראָג אַ באָרד און דו טראָגסט אַ באָרד. גערעכט, האָב איך אים געזאָגט און האָב אים געענטפערט עליכם שלום! גיי איך מיר מיין וועג ווייטער, איך באַגעגן אַ חזיר, שטרעקט דער חזיר אויס זיין פוס און זאָגט מיר: שלום עליכם! דאָ בין איך שוין שטאַרק אין כעס געוואָרן און האָב אים געזאָגט: דו טמאדיקע בהמה, דיין פלייש עס איך ניט, דיין מילך טרינק איך ניט, קיין באָרד האָסטו ניט — וואָס פאַר אַ מחותנים זיינען מיר!

האָט מען אים אין אַ סך קהילות גאַנץ שטאַרק גערודפט און ניט זעלטן האָט זיך אפילו פּאָליציי אַריינגעמישט, און ער איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די שטאָט.

אין אַ גרויסער צאָל שטעט האָט זיך דער קעלמער ספּעציעל פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן חברות פאַר בעלי מלאכות און באַזונדערס מיט שאַפן גמילות חסדים־קאַסעס.

הרב יעקב מזאה, וואָס איז געווען אַמאָל רב אין מאָסקווע, דערציילט אין זיינע זכרונות, ווי דער קעלמער מגיד האָט געהאָלפן צו שאַפן אַזאַ גמילות חסדים־קאַסע פאַר די בעלי מלאכות אין מאָהילעוו. דער איינציקער, וואָס האָט געקענט דאָ אַרויסהעלפן, איז געווען דער גביר ישעיה שור. ווען דעם קעלמער מגיד איז אויסגעקומען צו דרשענען אין גבירישן בית מדרש, האָט ער באַזונדערס גערעדט וועגן דער גרויסער וויכטיקייט פון דער מיצווה פון גמילות חסד, וואָס שטייט אפילו העכער ווי די מיצווה פון צדקה. און דערביי האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, דערציילט אַ מעשה:

...ווען די תפילות פון די אָרעמע בעלי מלאכות זיינען דערגאַנגען צום הימל, האָבן זיך אַרום כסא הכבוד פאַרזאַמלט אַלע תנאים און אמוראים, וואָס זיינען אַליין געווען בעלי מלאכות: ר׳ יוחנן דער שוסטער (ר׳ יוחנן הסנדלר); ר׳ יצחק דער שמיד (ר׳ יצחק נפחא); ר׳ יהושוע דער קוילן־ברענער (ר׳ יהושוע הפחמי) און נאָך אַנדערע, און האָבן מיט טרערן אין די אויגן געבעטן גאָט ברוך הוא פאַר זייערע אָרעמע ברידער אויף דער וועלט. קען דען דער האַר פון דער וועלט ניט העלפן די אָרעמע בעלי מלאכות? — האָבן זיי געטענהט. האָט דער רבונו של עולם געלאָזט ברענגען זיינע מלאכים און האָט צו זיי געזאָגט:

זייט וויסן, שפּעטסטנס ביז מאָרגן, צוועלף אַ זייגער בייטאָג. מוז געשאַפן ווערן דאָס נייטיקע געלט פאַרן גמילות חסד!

האָבן די מלאכים געטענהט:

רבונו של עולם! דו האָסט אויף אונדז גוזר געווען אַ גזרה, וואָס מיר קענען עס ניט דורכפירן!

אין דעם מאָמענט איז ארויסגעשפרונגען דער מלאך המות און האָט זיך אָפּגערופן:

רבונו של עולם! גיב מיר רשות, איך זאָל אַראָפּגיין אויף דער ערד און נאָך היינטיקע נאַכט ברענגען פאַר דיר די נשמה פון דעם גביר פון שטאָט, וואָרים ער האָט איבערגעלאָזן אַ צוואה, אַז אין טאָג פון זיין לוויה זאָל מען פאַרטיילן אַ גרויסע סומע געלט אויף צדקה, וועט שוין אויך זיין געלט פאַרן גמילות חסדים. האָט אים גאָט ברוך הוא געגעבן רשות און אויף מאָרגן האָט מען געעפנט דעם גמילות חסדים אין שטאָט.

די דאָזיקע ווערטער — שרייבט הרב יעקב מזאה — וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן מיט אַ געוואַלדיקער לעבעדיקייט, אָט ווי דער מגיד וואָלט דערביי אַליין געווען, האָבן אַרויסגערופן אַ שרעקלעכן געוויין צווישן דעם עולם.

און דער מגיד האָט זיך געווענדעט צו דעם גביר מיט די ווערטער:

ר׳ ישעיה, איך ווייס, אַז דו ביסט אַן ערלעכער ייד און אַ גרויסער בעל צדקה. וואַרט ניט, ביז וואַנען דער מלאך המות וועט קומען און ער וועט עפענען דעם גמילות חסדים. לאָז ניט דעם מלאך המות ער זאָל ווערן דער בעל צדקה. זע, אַז דו אַליין זאָלסט האָבן הנאה פון דיין אייגענער צדקה. דו זאָלסט אַליין זען די פרות פון דיין צדקה־אַרבעט.

און דער גביר האָט געענטפערט מיט טרערן אין די אויגן: אי״ה איך וועל געבן דאָס נייטיקע געלט פאַרן גמילות חסדים.

אויך אין יעקב דינעזאָנס שטעטל האָט דער קעלמער מגיד אויסגענוצט די בימה, כדי צו שטראָפן די אָרטיקע ״אפיקורסים״ (דער קאַפּיטל וועגן קעלמער מגיד אין דינעזאָנס אויטאָביאָגראַפיע געהערט, ווי מיר ווייזט אויס, צו די בעסטע קאַפּיטלען אין דער יידישער מעמואַרן־ליטעראַטור בכלל). און דער גרעסטער ״אפיקורוס״ אין שטעטל איז געווען איינער אַ משכיל מיטן נאָמען קלמן. דער פאָלקסמגיד האָט אָפּריער אויסגערעכנט די פאַרשיידענע מינים עבירות, וואָס זיינען דאָ...

— און דאָ האָט ער אָנגעהויבן אויסרעכנען, ווי גרויס, ווי ברייט, ווי טיף און הויך דער גיהנום איז... מיט די קעסלען גרויסע ווי די גאַנצע וועלט, פול מיט צוגאָסענעם בליי, אין וועלכן עס לייטערן זיך די נשמות...

אָט דער גיהנום, ברידער, איז ערשט דער מדור ראשון פון גיהנום...

— און ער האָט אויסגערעכנט ביז צום לעצטן מדור...

— מיינט איר, יידן, אַז דאָס איז שוין גאָר? ניין, ברידערלעך! עס איז דאָ נאָך אַ גיהנום, אַ גרעסערער, אַ ברייטערער!... און די יסורים אין אים איז גאָר

אין לספר ואין להגיד! אַט דעם גיהנום רופט מען "שאול תחתיה", דער אונטער־שטער שאול... און פון אים איז שוין קיין וועג ניטאָ אַ מאָל אַרויסצוקומען. און ווייסט איר, יידן, פאַר וועמען איז אָנגעגרייט אַט דער גיהנום? פאַר אַפּיקורסים, רחמנא לצלן! פאַר קלמנקע דעם אפיקורוס...

— אַי, קלמנקע, וויי צו דיר, אפיקורוסל! דו זעסט דאָך שוין דיין סוף, דיין ביטערן סוף...

— טו תשובה, קלמנקע, תשובה טו!.. געוואַלד, קלמנקע, וואָס טראכסט דו זיך?..

די לעצטע ווערטער האָט שוין דער מגיד ניט געזאָגט, נאָר געשריען מיט די לעצטע כוחות, מיט אַזאַ געוואַלדיקן קול, מיט אַזאַ דורכדרינגענדיקן ניגון... אַז... ניט געוועזן איינער, וואָס האָט ניט געוויינט און געכליפּעט...

"וואָס טראַכסט דו זיך, געוואַלד, וואָס טראַכסט דו זיך?" האָט דער קעלמער מגיד כסדר געפרעגט דעם יידישן מענטשן.

דער צדיק

ווי ער ווערט געשילדערט אין די יידישע הייליקע ספרים

די העלדן פון שלום האָבן ביי יידן פון די עלטסטע צייטן אָן פאַרנומען אַ וויכטיקערן פּלאַץ ווי די העלדן פון מלחמה. די אויסערגעוויינטלעכע מלחמה־גבורות פון די קנאים און בר כוכבא זיינען אין דער יידישער טראַדיציע כמעט ווי פאַרשוויגן געוואָרן.

די סיבה פאַר דעם איז ניט שווער צו געפינען: דער הייליקסטער יידישער טרוים איז געווען — שלום. די נביאים האָבן געחלומט וועגן דער צייט, ווען די שווערדן וועלן ווערן איבערגעשמידט אויף אַקעראייזנס און די שפּיזן אויף שנייד־מעסערס. אין דברי הימים ווערט דערציילט: ווען דוד האָט געהאַט דעם פּלאַן צו בויען אַ בית המקדש פאַר גאָט אין ירושלים, דאַן האָט אים גאָט געלאָזט זאָגן דורכן מויל פון זיין נביא: "אַ סך בלוט האָסט דו פאַרגאָסן און גרויסע מלחמות האָסט דו געפירט; דו קענסט דערפאַר ניט בויען אַ הויז צו מיין נאָמען, ווייל דו האָסט פיל בלוט פאַרגאָסן... אַ זון וועט דיר געבוירן ווערן, ער וועט זיין אַ מענטש פון רו... וואָרים שלמה וועט זיין זיין נאָמען, און שלום און רויקייט וועל איך געבן ישראל אין זיינע טעג. ער וועט בויען אַ הויז צו מיין נאָמען".

די בענקעניש נאָך שלום איז אויך אַ צענטראַלער מאָטיוו אין די יידישע תפילות. מיט דער ברכה "ברענג שלום" (שים שלום) פאַרענדיקט זיך די וויכ־טיקסטע יידישע תפילה — שמונה עשרה. דעם שלום אַקאָרד פון אַ גרויסן טייל תפילות און ברכות בילדן די ווערטער "דער וואָס מאַכט שלום אין הימל, זאָל מאַכן שלום פאַר אונדז און פאַר גאַנץ ישראל, און זאָגט אמן!" פרייטיק צו נאַכט, ווען דער ייד פאַרלאָזט דעם בית מדרש, באַגלייטן אים אַהיים מלאכים פון שלום, און באַלד ווי ער קומט אין שטוב, באַגריסט ער זיינע באַגלייטער מיט די ווערטער: "שלום עליכם, מלאכים פון דינסט..."

איז טאָקע דערפאַר ניט קיין וווּנדער, וואָס די גרויסע מאָראַלישע פערזענלעכ־קייטן פאַרנעמען דעם צענטראַלן פּלאַץ סיי אין תנ"ך, סיי אין תלמוד, סיי אין דער שפּעטערדיקער רעליגיעזער ליטעראַטור. די יידישע מלכים זיינען אַלץ מער געשטעלט געוואָרן אין שאָטן דורך די נביאים. אפילו דוד המלך איז שפּעטער געוואָרן אַזוי באַליבט ביים פאָלק, ניט דורך זיינע דערפאָלגרייכע מלחמות, נאָר ווי דער זינגער פון תהילים. דער אידעאַל פון דער גרויסער מאָראַלישער פערזענלעכקייט, פון דעם צדיק, האָט זיך, נאַטירלעך, אין לויף פון צייט שטאַרק

געביטן. די נביאים זיינען נאָך דער עיקר קעמפער פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און דערפאַר איז זיי אַפט אויסגעקומען ביטער צו קריטיקירן און שטראָפן דאָס פאָלק. אין דער צייט פון גלות בבל באַווייזט זיך דער נביא, דער טרייסטער. אין תלמוד און מדרש ווערט אפילו דערציילט, אַז גאָט איז געווען שטאַרק אומצופרידן מיט דעם שטרענגן און קעמפערישן אליהו הנביא. אַנשטאָט צו קומען צו מיר מיט טענות קעגן די יידן — זאָגט גאָט — האָסטו גאָר געדאַרפט זיין פאַר זיי אַ מליץ יושר, ווי דאָס איז געווען משה, און ניט ריידן קיין שלעכטס אויף מיינע קינדער. דערפאַר האָט אים גאָט געזאָגט, ער זאָל זאַלבן זיין תלמיד אלישע פאַר אַ נביא אויף זיין פלאַץ, ווייל די וועלט קען ניט פאַרטראָגן אַזאַ שטרענגן מאַנער און שטראָפער.

דעם ערשטן פלאַץ פאַרנעמט, וואָס ווייטער אַלץ מערער, דער שטילער צדיק, וואָס שטעלט זיך איין פאַר זיין פאָלק און נעמט אויף זיך די צרות פון זיין פאָלק, כדי אויסצולייזן זיין דור. אין די לעצטע קאַפּיטלען פון ישעיה ווערט פאַר אונדז געשילדערט די ווונדערלעכע געשטאַלט פון "גאָטס קנעכט" (עבד ה'), וואָס איז געוואָרן דער קרבן פאַר די זינד פון כלל:

"אונדזערע קראַנקהייטן האָט ער געטראָגן
און אונדזערע ווייטאָגן האָט ער אויף זיך געלאָדן...
ער קומט אָפּ פאַר אונדזער גליק,
און דורך זיינע ווונדן זיינען מיר געהייליקט געוואָרן.
מיר אַלע האָבן ווי די שאָף געבלאָנדזשעט;
איטלעכער איז געגאַנגען זיין וועג,
און גאָט האָט אויסגעלאָזט אויף אים
די שטראָף פאַר אונדזער אַלעמענס זינד".

דער צדיק צייכנט זיך אויס ניט נאָר מיט זיין פרומקייט, גערעכטיקייט און גוטע מעשים, נאָר אויך מיט זיין באַשיידנקייט, מיט זיין עניוות. שוין וועגן משה רבינו ווערט דערציילט, אַז ער איז געווען דער באַשיידנסטער מענטש אויף דער וועלט. מיט זיין באַשיידנקייט און זיין אויסערגעוויינטלעכער געדולד האָט זיך אויך אויסגעצייכנט דער תנא הלל. צוויי מענטשן האָבן זיך אַ מאָל געוואָטן — ווערט דערציילט אין גמרא — אויף אַ סומע פון פיר הונדערט גילדן: ווער עס וועט באַווייזן הללן ארויסצוברענגען פון געדולד, יענער וועט געווינען. דאָס איז געווען, דערציילט ווייטער די גמרא, ערב שבת. איז איינער פון זיי געקומען צו הללן, ווען ער האָט זיך געהאַלטן אין וואַשן לכבוד שבת. הלל האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס אַנטקעגן און יענער האָט אים אָנגעהויבן צו שטעלן אַ ריי נאַרישע און פוסטע פראַגעס. הלל האָט ניט פאַרלוירן זיין רויקייט און האָט אים אויף אַ געלאַסענעם אופן אויף אַלץ געענטפערט. צום סוף פרעגט ער אים: ביסטו עס הלל, וואָס מען רופט דיך דער נשיא פון ישראל? יע, ענטפערט אים דער תנא. אויב אַזוי, זאָגט יענער ווייטער צו הללן, זאָלן ניט זיין קיין סך אַזעלכע

ווי דו ביי ידן. פֿאַרוואָס, מיין זון? פרעגט הלל. ווייל איך האָב צוליב דיר פֿאַרלוירן פֿיר הונדערט גילדן. האָט אים דער באַרימטער תנא געענטפֿערט: הלל איז ווערט דו זאָלסט פֿאַרלירן צוליב אים פֿיר הונדערט און נאָך אַ מאָל פֿיר הונדערט גילדן, און הלל וועט ניט אַריינפֿאַלן אין צאָרן.

דער צדיק לעבט אויך אָפּט אין גרויס אָרעמקייט. וועגן ר׳ חנינא בן דוסא ווערט דערציילט אין גמרא: יעדן טאָג גייט אַרויס אַ בת קול פֿון הימל און זאָגט: ״די גאַנצע וועלט ווערט געשפּייזט אין זכות פֿון מיין זון חנינא, אָבער מיין זון חנינא באַנוגנט זיך מיט אַ טאָפּ באָקסער פֿון ערב שבת צו ערב שבת״. דערפֿאַר טאַקע, ווייל ער דאַרף גאָרניט פֿאַר זיך און פֿאַרלאַנגט גאָרניט פֿאַר זיך, קען דער צדיק אַ סך פֿועלן פֿאַר דער וועלט. און אין צייטן פֿון אומגליקן און צרות קומט דאָס פֿאָלק צום צדיק, ער זאָל פֿאַר זיי מתפּלל זיין. ווי די נביאים, אַזוי האָבן אויך די צדיקים אין דער צייט פֿון משנה און תלמוד, לויטן גלויבן פֿון פֿאָלק, געהאַט דעם כּוח צו באַווייזן וווּנדער. אין דער גמרא ווערט דערציילט: עס איז איינמאָל געווען אַ יאָר פֿון גרויס טריקעניש און דאָס פֿאָלק איז געקומען צום צדיק חוני המעגל (חוני דער קרייזמאַכער), ער זאָל מתפּלל זיין אויף רעגן. האָט חוני מתפּלל געווען, און קיין רעגן איז ניט געקומען. וואָס האָט דאַן חוני געטאָן? ער האָט אָנגעצייכנט אַ קרייז און האָט זיך געשטעלט אין דעם קרייז און האָט געזאָגט: ״האַר פֿון דער וועלט, דיינע קינדער זיינען געקומען צו מיר, ווייל איך בין ווי אַ בן בית ביי דיר. איך שווער מיט דיין הייליקן נאָמען, אַז איך וועל זיך ניט רירן פֿון מיין פּלאַץ, ביז דו וועסט רחמנות האָבן אויף דיינע קינדער״. האָט אָנגעהויבן צו טראָפּן רעגן, האָט חוני געזאָגט: ״ניט אויף דעם האָב איך מתפּלל געווען. האָט אָנגעהויבן צו גיסן רעגן מיט אַ שטורעם. האָט חוני ווייטער געזאָגט: ״ניט אויף דעם האָב איך מתפּלל געווען, נאָר רעגן פֿון ברכה און הצלחה האָב איך געבעטן״. האָט אָנגעהויבן צו רעגענען ווי דער סדר איז.

דער עלטערפֿאָטער פֿון ידישן פֿאָלק פֿאַרלאַנגט גערעכטיקייט אויך פֿון דעם האַר און ריכטער פֿון דער וועלט, ווען גאָט וויל באַשטראָפֿן די זינדיקע שטאָט סדום:

״וועט דער ריכטער פֿון גאָר דער וועלט ניט טאָן קיין גערעכטיקייט! (השופט כל הארץ לא יעשה משפט!)״. אפשר זיינען דאָ פֿערציק... דרייסיק... צוואַנציק אומשולדיקע... דאָ האָבן מיר אין דער געשיכטע פֿון ידישן רעליגיעזן געדאַנקען צום ערשטן מאָל די אידעע, אַז אַ גאַנצע שטאָט, און אפשר אַ גאַנצע וועלט, קען געראַטעוועט ווערן אין זכות פֿון אַ קליינער צאָל צדיקים; וואָרים אויב אין אַן אָרט קענען בלייבן לעבן צען צדיקים, איז דאָס אַליין אַ באַווייז, אַז די זינד פֿון אַ שטאָט איז נאָך ניט פֿאַרפֿולט.

אויף די צדיקים האַלט זיך די וועלט. אין יעדן דור מוז זיין לפּחות זעקס און דרייסיק צדיקים, כּדי די וועלט זאָל האָבן אַ קיום.

ידן האָבן קיינמאָל ניט פֿאַרגעטערט זייערע העלדן. אפילו די גרעסטע צדיקים זיינען ניט פֿריי פֿון זינד. דער מענטש איז דאָך ניט מער ווי אַ בשר

ודם. אין דער זעלביקער צייט אָבער ווערט שוין אין תנ"ך דער נביא באַצייכנט ווי אַ איש האלהים, אַ געטלעכער מאַן. אויך אין דער שפּעטערדיקער צייט ווערן די צדקים אָפּט געשילדערט ווי מענטשן פון גאָר אַן אַנדער וועלט. די מדרגה פון דעם צדיק איז אפילו העכער ווי די מדרגה פון אַ מלאך (גדולים צדיקים יותר ממלאכי השרת). דער צדיק האָט אפילו דעם כוח מבטל צו זיין אַ גזירה פון גאָט, און פאַרקערט, גאָט איז מקיים די גזירה פון דעם צדיק. דער פּסוק אין משלי "וצדיק יסוד עולם", דער צדיק איז דער פונדאַמענט פון דער וועלט, ווערט אין גמרא אויסגעטייטשט אויף אַ פּשוטן אופן, וואָס מיינט, אַז אין יעדן דור זיינען טאַקע פאַראַן אַזעלכע איינצעלנע צדיקים, וואָס אויף זיי האַלט זיך די גאַנצע וועלט. דאָס איז דער צדיק הדור אדער דער צדיק יסוד עולם. איין מאָל אין פופציק יאָר — דערציילט אַ חסידישע לעגענדע — קלייבט אויס די פּמליא של מעלה אַ גרויסן צדיק, וועלכער באַקומט דעם טיטל "צדיק יסוד עולם". דאָס הייסט, ער איז דער גרעסטער צדיק פון דער וועלט און ער איז דער פונדאַמענט, וואָס אין זיין זכות שטייט די וועלט, און אַלע מענטשן און אַלע באַשעפענישן, וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט, האָבן אַ קיום נאָר אין זיין זכות. און אויב אפילו, חלילה, די וועלט ווערט פאַרדאָרבן, און די מענטשן טוען אַזעלכע שלעכטע מעשים, וואָס דערפאַר קומט, אַז די וועלט זאָל אונטערגיין, בלייבט זי פונדעסטוועגן שטיין אין זכות פון דעם צדיק יסוד עולם.

אין זוהר ווערט דערציילט: איינמאָל איז רבי שמעון בן יוחאי ארויס און האָט באַמערקט, ווי דאָס ליכט ווערט פאַרטונקלט און די וועלט ווערט פינצטער. זאָגט צו אים זיין זון רבי אליעזר: לאָמיר גיין און זען וואָס וויל גאָט ברוך הוא מאַכן מיט דער וועלט. האָבן זיי באַגעגנט אַ מלאך, וואָס האָט זי געזאָגט: גאָט האָט מיך געשיקט חרוב מאַכן די וועלט, ווייל עס זיינען ניטאָ קיין זעקס און דרייסיק צדיקים. האָט רבי שמעון געזאָגט צום מלאך: גיי און זאָג צו גאָט, אַז דער זון פון יוחאי איז דאָ אויף דער וועלט.

איז דער מלאך געקומען צו גאָט און האָט צו אים געזאָגט: דו ווייסט דאָך, וואָס שמעון בן יוחאי האָט מיר געזאָגט. האָט אים גאָט געענטפערט: גיי און מאַך חרוב די וועלט און רעכן זיך ניט מיטן זון פון יוחאי. ווען דער מלאך איז ווידער אַראָפּ, האָט אים בן יוחאי געזאָגט: אויב דו וועסט ניט אַוועקגיין פון דאַנען, וועל איך אויף דיר גוזר זיין, דו זאָלסט מער ניט אַרויפגיין צוריק אויפן הימל. גיי און זאָג פאַר גאָט ברוך הוא: אויב עס זיינען ניטאָ קיין דרייסיק צדיקים, וועלן זיין געגנוג צוואַנציק, און אויב עס זיינען ניטאָ קיין צוואַנציק, וועלן זיין געגנוג צען, און אויב עס זיינען ניטאָ קיין צען, וועלן זיין געגנוג צוויי; איך און מיין זון, און אויב עס איז ניטאָ קיין צוויי, וועט זיין געגנוג איינער, און דאָס בין איך, וואָרים עס שטייט געשריבן, דער צדיק איז דער יסוד פון דער וועלט.

אין דעם מאָמענט איז אַרויס אַ בת קול פון הימל און האָט געזאָגט: געבענטשט איז דיין חלק, רבי שמעון, וואָרים גאָט ברוך הוא איז גוזר אין הימל

און דו, אויף דער ערד, ביסט מבטל זיין גזרה. געוויס, אויף דיר שטייט עס געשריבן: דעם ווילן פון זיינע פאַרכטיקע וועט ער טאָן (רצון יריאיו יעשה).

די גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן האָבן אין דער יידישער געשיכטע געווירקט ניט נאָר אין דער פאָלקסלעגענדע, נאָר טאַקע אין לעבן; און ניט נאָר אין די אַמאָליקע צייטן, נאָר אויך אין די לעצטע דורות. אָן די דאָזיקע וווּנדער־לעכע געשטאַלטן פון צדיקים און למד־וואָווניקעס, וואָלט די גאַנצע יידישע געשיכטע פאַר אונדז געבליבן אומפאַרשטענדלעך. גראָד בנוגע דער נייערער צייט האָבן מיר אין אונדזער רשות אַ רייכערן היסטאָרישן מאַטעריאַל, וואָס גיט אונדז די מעגלעכקייט זיך צו שאַפן אַ גענויערע פאַרשטעלונג וועגן דעם לעבן און דער ווירקונג פון אַ סך מערקווערדיקע געשטאַלטן פון דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

דער צדיק און די תפילה פון דעם עם הארץ

דער העלד פון דער יידישער פאָלקס־פאַנטאַזיע איז כמעט תמיד געווען דער צדיק. דער יידישער פאָלקסמענטש האָט אוודאי געזוכט אַ ביסל גליק, פרייד אין לעבן, אָבער נאָך שטאַרקער איז געווען זיין בענקעניש נאָך גערעכטיקייט; ער האָט געזוכט אַ זין אין לעבן, אַ זין פאַר זיך און אַ זין פאַר דער וועלט. ער האָט בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די וועלט איז הפקר „לית דין ולית דיין", ניטאָ קיין געזעץ און ניטאָ קיין ריכטער אויף דער וועלט. וואָלט ער געקומען צו אַזאַ אויספיר, וואָלט ער דאָך מער קיין כוח ניט געהאַט צו בלייבן ביי זיין יידישקייט. האָט ער זיך דעריבער ניט געלאָזט פאַרבלענדן פון דער אויסערלעכקייט און מיט דער גרעסטער עקשנות האָט ער געהאַלטן אין איין זוכן די פאַרבאָרגענע גערעכטיקייט און פאַרבאָרגענע צדיקים. אויפן צדיק האַלט זיך די וועלט, דער צדיק איז דער פונדאַמענט פון דער וועלט. אָבער ווו איז ער? ווו געפינט מען אים?

און געגייטיקט האָט מען זיך אין דער הילף פון דעם צדיק זייער אָפט, באַזונדערס אין צייטן פון גזרות, אומגליקן און רדיפות. יידן נייטיקן זיך אין זיין הילף און זיי געפינען אים.

אין ארץ ישראל, ווען עס האָט זיך דער רעגן פאַרשפּעטיקט, פלעגט מען באַשטימען אַ תענית און דאָס גאַנצע פאָלק פלעגט זיך פאַרזאַמלען מתפלל צו זיין. ווערט דערציילט אין תלמוד וועגן פאַרשיידענע צדיקים, וואָס זייער תפילה איז תמיד אָנגענומען געוואָרן. אַזאַ צדיק איז געווען דער באַרימטער חוני המעגל. אַזאַ צדיק איז אויך געווען זיינער אַן אייניקל, וואָס האָט געהייסן מיטן נאָמען „חנן דער פאַרבאָרגענער" (חנן הנחבא). דעם נאָמען האָט ער געקראָגן דערפאַר, ווייל ער פלעגט זיך פאַרבאַהאַלטן פאַר מענטשן.

ווען די וועלט פלעגט זיך נייטיקן אין רעגן, לייענען מיר אין אַ תלמודישער אגדה, פלעגן די חכמים שיקן די חדר־ייִנגלעך צו חנן דעם פּאַרבאַרגענעם און זיי פלעגן אים אָננעמען פאַר די פּאָלעס און פלעגן צו אים זאָגן: טאַטע, טאַטע, גיב אונדז רעגן. פלעגט ער זאָגן פאַר גאָט ברוך הוא: "האַר פון דער וועלט, גיב רעגן פון די קינדערס וועגן, פון וועגן די קינדער, וואָס פאַרשטייען ניט דעם אונטערשייד צווישן דעם טאַטן, וואָס גיט רעגן און דעם טאַטן, וואָס גיט ניט קיין רעגן".

דער גרויסער צדיק דאַרף פאַר זיך גאָרניט. אויב ער איז פונדעסטוועגן מתפּלל, אָדער פאַר אַנדערע אָדער אויס ריינער ליבע צו גאָט, איז עס, ווייל ער גאַרט צו דאַנקען און לויבן זיין ליבן נאָמען. וויכטיק איז די גוטע כוונה, די ריינקייט פון האַרצן און ממילא איז די תפילה פון דעם פּראָסטן מענטשן, פון דעם עם הארץ ניט ווייניקער טייער ווי די תפילה פון דעם גרעסטן למדן. די פאָלקסטימ־לעכע געשיכטעס וועגן תפילות פון פּראָסטע יידן אַנטפּלעקן פאַר אונדז דעם טיפן גלויבן און מאַראַלישן כוח פון דעם יידישן פאָלקסמענטשן.

אין די יידישע שטעט און שטעטלעך האָט זיך אין לויף פון דורות געפירט אַן אַלטער וויכוח — וואָס איז וויכטיקער — אַ בלאַט גמרא אָדער אַ קאַפּיטל תהלים. די יידן־לערנער, די חברה ש"ס־יידן, האָבן כסדר געטענהט, אַז אויף תורה האַלט זיך די וועלט! — און די חברה תהילים־יידן (מען פלעגט זיי אויך רופן "דוד המלכס גוואַרדיע") האָבן פון זייער זייט געטענהט — אויף אַ קאַפּיטל תהלים האַלט זיך די וועלט. און אַזוי האָט טאַקע דאָס פאָלק אָנגענומען. איז אַ ייד געווען אין נויט אָדער, חס ושלום, אין אַ צרה פאַרן כלל, האָט מען זיך צוגע־כאַפּט צום תהילים. אפילו די חברה ש"ס־יידן זיינען אין אַן עת צרה געוואָרן תהילים־יידן.

אין אַן אַלטן קבלה־ספר ווערט דערציילט אַ מעשה נורא וועגן דעם זכות פון זאָגן תהילים. די מעשה האָט פּאַסירט נאָך אין מיטלאַלטער, אין אַ צייט פון גרויסע גזירות אויף יידן אין דייטשלאַנד. די שונאי ישראל האָבן דעמאָלט חרוב געמאַכט אַ גרויסע צאָל יידישע קהילות. אָבער איין קליינע קהילה לעבן ערפורט האָבן זיי ניט אָנגערירט. געלעבט האָט אין דעם קליינעם שטעטעלע אַן אָרעמער און פּראָסטער ייד, אָבער זייער אַ פרומער ייד. ווען ער איז געשטאָרבן און עס איז אַריבער אַ חודש נאָך זיין פּטירה, איז ער געקומען צו חלום צו איינעם פון די גרויסע לומדים וואָס האָט געלעבט אין דעם זעלביקן שטעטל, אָנגעטאָן אין תכריכין, מיט אַ קליינעם ספרל אין האַנט. פרעגט אים דער לערנער: ביסטו ניט דער מאַן, וועמען מיר האָבן געבראַכט צו קבורה יענעם און יענעם טאָג? — גאַנץ ריכטיק, האָט ער אים געענטפערט. — און וואָס פאַר אַ ספרל האָסטו אין האַנט? האָט ער אים ווייטער געפרעגט. — דאָס איז דער ספר תהילים, האָט דער מאַן אין די תכריכין זיך אָפּגערופן. איך בין געקומען דיר צו זאָגן, אַז דו זאָלסט וואָרענען די באַלעבאַטים פון שטעטל, זיי זאָלן וואָס גיכער אַנטלויפן פון דאַנען. ווייל כל זמן איך האָב געלעבט, פלעג איך יעדע וואָך פאַרענדיקן דעם

גאַנצן תהילים, און צוליב דעם זכות איז די קהילה באַשירעמט געוואָרן פון אַלע צרות, אָבער אַצינד איז ניטאָ ווער עס זאָל באַשירעמען די קהילה פון גזירות. —

אינדערפרי האָט דער לערנער דערציילט אין שטעטל וועגן זיין חלום. אַ טייל יידן האָבן זיך צוגעהערט צו דער עצה, האָבן פאַרלאָזן די קהילה און זיינען טאַקע ניצול געוואָרן. דערפון זעען מיר, פאַרענדיקט דער ספר, דעם כוח פון תהילים און דעם גרויסן זכות פון די, וואָס היטן אָפּ צו זאָגן תהלים יעדן טאָג.

געווען אַ פאַרשפרייטער מינהג אין די שטעט און שטעטלעך אין דער אַלטער היים זיך אויפצוהויבן שבת גאַנץ פרי און גיין זאָגן תהילים. די פאַרהאַרעוועטע און פאַרמאַטערטע יידן האָבן זיך ניט געקענט פאַרגינען צו בלייבן אין בעט אַ פאָר שעה לענגער אין דעם הייליקן טאָג שבת. אָפּשלאָפן דעם שבת, הגם ער האָט כשר פאַרדינט דעם אָפּרו, האָט אַ ייד ניט געקענט. פאַרקערט, אין אַזאַ הייליקן טאָג דאַרף מען דאָך עפּעס אויפטאָן פאַר דער נשמה אויך. שבת איז ניט נאָר פאַרן גוף!

ווערט דערציילט אַ געשיכטע וועגן איינעם אַזאַ פּראָסטן יידן, יקיר שוסטער האָט מען אים גערופן. זיין שטייגער איז געווען, אין דער נאַכט פון שבת, דריי אַ זייגער פאַרטאָג, צו גיין איבערן שטעטל, רופן דעם עולם תהילים זאָגן. הויך אויפן קול פלעגט ער זינגען מיט אַ ניגון:

הערט נאָר אויס, מיינע ליבע לייט,
וואָס כ׳וועל אייך זאָגן:
דער זייגער האָט שוין דריי געשלאָגן,
ס׳איז שוין צייט תהילים גיין זאָגן.

האָט איינמאָל פּאַסירט, ער איז אַרויס פון זיין שטוב רופן דעם עולם תהילים זאָגן, איז אים אַנטקעגן געקומען אַן אַלטער מאַן, מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: ״דו ווייסט, יקיר שוסטער, אַז דיין תהילים רופן מאַכט אַ רעש אין אַלע זיבן הימלען״. און דער אַלטער מאַן איז נעלם געוואָרן. דאָס איז געווען, דערציילט די פאָלקסמעשה, אליהו הנביא.

דער תהלים־ייד איז על פּי רוב געווען אַ פּשוטער ייד, אַ בעל מלאכה. קיין עם הארץ אָבער איז ער ניט געווען. עם הארצים זיינען ביי אונדז בכלל געווען גאָר אַ זעלטענע דערשיינונג. פאַראַן אַ סך ווערטלעך און פאָלקס־מעשיות וועגן עם הארצים ישובניקעס. דער אמת אָבער איז, אַז אפילו צווישן די ישובניקעס זיינען געווען ניט ווייניק יידן לומדים און געוויינטלעך האָט איטלעכער ישובניק געקענט שרייבן. עס פלעגט אָבער יע פּאַסירן, אַז אַ פּראָסטער ייד זאָל געשטרויכלט ווערן מיט דער עברי. דעם טייטש פון די תפילות האָט דער פּשוטער דאָרפסייד אָפט ניט פאַרשטאַנען. דערציילט די חסידישע פאָלקסטראַדיציע אַ געשיכטע:

געווען אַ מאָל אַ שלעכטע צייט, אַ צייט פון קראַנקהייטן, ניט היינט געדאַכט, און אַ סך פון די יונגע פרויען זיינען פרי אַוועק פון דער וועלט. ערב יום כיפור איז אַ ישובניק געקומען אין שטאָט, ווי דער שטייגער איז דעמאָלט געווען, און

ווען מען האָט געדאַוונט מנחה, האָט ער אין שמונה עשרה פאַרביטן דאָס וואָרט שנים וואָס מיינט יאָרן, מיט נשים — פרויען. אין דער ברכה, ווו מען בעט גאָט אויף אַ גוט יאָר, ווען מען זאָגט, געלויבט ביסט דו גאָט, וואָס דו טוסט בענטשן די יאָרן (מברך השנים), האָט דער ישובניק אָנשטאָט דעם געזאָגט "מברך הנשים", דאָס מיינט, געלויבט ביסטו גאָט, וואָס דו טוסט בענטשן די פרויען. און זאָגנדיק די ברכה, האָט ער זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט, ווייל ער האָט געמיינט, אז דאָס איז אַ תפילה פאַרן געזונט פון די פרויען. האָט טאַקע די תפילה פון דעם פראָסטן יידן, וואָס האָט זיך אַזוי אומשולדיק און אומבאהאָלפן פאַרפּלאָנטערט ביים דאַוונען, געמאַכט אַ גרויסן רושם, און די מגפה איז איינגעשטילט געוואָרן.

אַ צווייטע חסידישע פאָלקסמעשה דערציילט: אין אַ דאָרף האָט אַמאָל געלעבט אַ ישובניק. איז ער געווען זייער באַפריינדעט מיטן פּריץ. איז געטראָפן אַן אומגליק און דער ישובניק און זיין פרוי זיינען פאַר דער צייט אַוועק פון דער וועלט. געבליבן איז אַ יונג קינד, אַ קיילעכדיקער יתום. האָט דער פּריץ אויף אים רחמנות געקראָגן און האָט אים אויפגעהאָדעוועט ביי זיך ווי אַן אייגן קינד.

אַזוי האָט דער יינגל זיך אויפגעהאָדעוועט און האָט פון יידישקייט גאָרניט געוווסט. דער פּריץ האָט אים אָבער דערציילט, ווער זיינע עלטערן זיינען געווען, און האָט אים אויך איבערגעגעבן פאַרשיידענע זאַכן, וואָס זיין טאַטע־מאַמע האָבן איבערגעלאָזן. צווישן די פאַרבליבענע זאַכן זיינען געווען חומשים און אַ סידור, אַ קרבן מנחה, פון וועלכן די מאַמע פלעגט דאַוונען.

האָט דער יינגל איין מאָל געזען, ווי די דאָרפסיידן פאָרן אויף ימים נוראים אין שטאָט אַריין. האָט ער זיי געפרעגט: וווהין פאָרט איר? האָבן זיי אים דער־ציילט, אַז זיי פאָרן אויף די הייליקע יום־טובים אין שטאָט אויסבעטן אַ גוט יאָר. איז ער אומרויק געוואָרן. ביינאַכט האָבן זיך זיינע עלטערן צו אים באַוויזן אין חלום און האָבן אים איינגעזאָגט, ער זאָל זיך אומקערן צו זיין אמונה, ווייל ער איז דאָך אַ ייד. האָט ער ביי זיך געטראַכט, מאָלע וואָס אַ מענטש קען זען אין חלום. ס׳איז אַריבער אַ יאָר, און נאָך אַ מאָל האָבן זיך די עלטערן צו אים באַוויזן אין חלום. האָט ער מיטגענומען דער מאַמעס סידור און איז אַוועק מיט די דאָרפס־יידן אין שטאָט אַריין. געקומען צו כל נדרי, האָט ער געזען, ווי די גאַנצע עדה יידן, אָנגעטאָן אין קיטלען און טליתים, טוען בעטן און וויינען פאַר גאָט. האָט זיך דער יינגל פונאַנדערגעוויינט פון גרויס צער, מחמת ער האָט ניט געקענט דאַוונען. דאַן האָט ער גענומען דעם סידור און האָט געזאָגט: "האַר פון דער וועלט, איך קען ניט דאַוונען, אָבער דאָ האָסטו דעם סידור מיט אַלע תפילות". און ער האָט ארויפגעלייגט דעם קאָפּ אויפן סידור און האָט תשובה געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן. האָט זיין תפילה געמאַכט אַ גרויסן רושם און זיין תשובה איז אָנגענומען געוואָרן.

זאָל דעריבער די תפילה פון דעם עם הארץ ניט זיין גרינג אין דיינע אויגן, וואָרים גרויס איז דער כוח פון אַ ריינער כוונה, פון אַ געבעט, וואָס קומט פון לויטערן געמיט. דער מענטש זעט נאָר דאָס דרויסנדיקע, אָבער גאָט ברוך הוא זעט דאָס האַרץ.

דער ליידנדער משיח

די ייִדישע טראַדיציע האָט קיינמאָל ניט געפּרווּווט צונויפמישן די צוויי גאָר באַזונדערע באַגריפן פון מאַכט און גערעכטיקייט, ווי דאָס איז געשען ביי אַ סך אַנדערע פעלקער.

די עצם טראַדיציע פון די שטילע און פאַרבאָרגענע צדיקים איז אַ פּראָטעסט קעגן דעם סדר פון דער וועלט, קעגן דער רישעות, וואָס איז אַזוי פאַרשפּרייט צווישן די פעלקער. די וועלט האַלט זיך ניט אויף די שטאַרקע, באַטאָנט די ייִדישע טראַדיציע, ניט אויף די רייכע, און אפילו ניט אויף די גרויסע חכמים. אויף די גערעכטע און די ערלעכע, אויף די אָרעמע און באַשיידענע — נאָר אויף זיי האַלט זיך די וועלט! די גרעסטע סכנה פאַר דער וועלט, האָבן אונדזערע רעליגיעזע פירער און דענקער געהאַלטן, איז גאווה. גאווה דעמאָראַליזירט דעם מענטשן און גאווה מאַכט חרוב די וועלט. האָבן די נביאים דערפאַר געפירט אַ כסדרדיקע מלחמה קעגן דער גאווה פון די גרויסע און מעכטיקע. „ווען אַ מענטש האָט גאווה אין זיך" — לייענען מיר שפּעטער אין תלמודישער אגדה, „זאָגט וועגן אים גאָט ברוך הוא: איך און ער קענען ניט הויזן צוזאַמען אויף דער וועלט" (אין אני והוא יכולים לדור בעולם).

גאווה איז פאַרבונדן מיט מאַכט און עשירות, בעת באַשיידנקייט איז בדרך כלל דער חלק פון די שטילע און אָרעמע. זיינען דעריבער אין תנ״ך אַזוי נאָענט די באַגריפן פון אָרעמקייט און באַשיידנקייט, פון עניות און עניוות. אין אייניקע ערטער אין תנ״ך ווערן אפילו די ווערטער עניים און ענווים געברויכט אין דעם זעלביקן זינען.

דערפון נעמט זיך ווייטער, וואָס די אָרעמע ווערן גאָר אָפט אידענטיפיצירט מיט די גערעכטע. אַזוי, למשל, איז דער דיכטער פון תהילים, קאַפּ. פ״ו, מתפלל צו גאָט מיט די ווערטער: נויג צו גאָט, דיין אויער און ענטפער מיר, וואָרים אַן אָרעמאַן און אַן אביון בין איך, באַהיט מיין זעל, ווייל ערלעך בין איך (הטה ה' אזנך ענני כי עני ואביון אני, שמרה נפשי כי חסיד אני). די פרומע און די אָרעמע געהערן צוזאַמען, פונקט אַזוי ווי עס געהערן מייסטנס צוזאַמען די מעכטיקע און די זינדיקע.

מיט דעם איז פאַרבונדן די ייִדישע אָפּשאַצונג פון ליידן, פון יסורים. די אַלטע וועלט האָט זיך געהאַלטן ביים כלל, אַז די אומגליקלעכע זיינען די געשטראָפטע פון גאָט. אין דער זעלביקער צייט איז די עולם־הזהדיקע הצלחה תמיד באַטראַכט געוואָרן ווי אַ סימן פון גאָטס ברכה. און ווי האָט מען זיך דען אַנדערש געקענט פאַרשטעלן? אין תוך גענומען דינען מיר דאָך נאָך אַפילו היינט אין אונדזער צייט דעם קולט פון הצלחה, פון דערפאָלג. מיר האָבן ליב שיינקייט, פיזישע קראַפט, רייכקייט. אַנטוויקלט זיך ביי אונדז ממילא אַ נעגאַטיווע באַציונג

צו די אָרעמע און עלנטע, די קראַנקע און שוואַכע. אין אַלטן גריכנלאַנד, באַזונ־דערס אין דער מיליטאַריסטישער ספּאַרטע, איז געווען פאַרשפּרייט דער מינהג צו באַזייטיקן גלייך נאָך דער געבורט די קינדער, וואָס זיינען געקומען אויף דער וועלט מיט קערפּערלעכע פעלערן, אויך די צו שוואַכע קינדער.

ס'איז אוודאי ניט געווען ביי יידן קיין ביטול באַציונג צו קערפּערלעכער שיינקייט און פיזישער קראַפט. עס האָט אָבער ביי אונדז קיינמאָל ניט אָנגענומען די פאָרם פון אַ קולט. האָבן מיר ממילא קיינמאָל ניט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די אומגליקלעכע. דער יידישער כלל איז — אַלע זיינען מיר גאָטס באַשעפע־נישן, זיינען מיר אַלע ברידער און דאָס לעבן פון איטלעכן מענטשן איז הייליק.

פיזישער כוח, עשירות, חכמה, קערפּערלעכע שיינקייט, ניט דאָס זיינען די וויכטיקסטע מעלות פון אַ מענטשן. דאָס מענטשלעכע אויג זעט נאָר וואָס פון דרויסן איז. דער האַר פון דער וועלט, דער טאַטע אין הימל, זעט אָבער אויך, וואָס ביי דעם מענטשן אינעווייניק איז. ער זעט די ריינקייט פון דער מענטשלע־כער נשמה, די לויטערקייט פון זיין געמיט. "אויב אַ מענטש באַנוצט זיך מיט צעבראָכענע כלים — זאָגט אונדז דער מדרש — איז עס אַ חרפה פאַר אים, אָבער גאָט ברוך הוא'ס כלים זיינען צעבראָכענע, ווי עס שטייט געשריבן, נאָענט איז גאָט צו די צעבראָכענע הערצער (קרוב ה' לנשברי לב)". און די בעסטע מתנה פאַר גאָט, לייענען מיר אין תהילים, איז — אַ צעבראָכן געמיט (זבחי אלקים רוח נשברה).

פּאַסירט דעריבער, אַז גאָט וויל אויספּרובירן די מענטשן און ער שיקט אַראָפּ אויף דער ערד זיינע מלאכים אין דער געשטאַלט פון אָרעמע וואַנדערער. שווער איז די זינד פון יענע, וואָס באַוואָלהבען די שוצלאָזע וואַנדערער. דאָס איז געווען די זינד פון סדום. פאַר אָט די זינד איז סדום חרוב געוואָרן.

אַ תלמודישע אגדה דערציילט אונדז אַ געשיכטע פון ר' אלעזר, דעם זון פון ר' שמעון. ער איז אַ מאָל געפאָרן צוריק פון דער ישיבה אַהיים. געווען איז ער אין אַ פריילעכער און האָפערדיקער שטימונג, ווייל ער האָט געלערנט אַ סך תורה. דער יצר הרע פון לומדישער גאווה האָט אים באַצוווּנגען. אונטערוועגס איז אים אַנטקעגנגעקומען אליהו הנביא אין דער געשטאַלט פון זייער אַ מיאוסן מענטשן. זאָגט ער צו אים: שלום עליכם, רבי. האָט אים ר' אלעזר ניט געענטפערט, ווי עס פירט זיך, עליכם שלום, נאָר האָט זיך צו אים מיט פאַראַכטונג אָפּגערופן: דו קאַליקע, ווי העסלעך דו זעסט אויס! זיינען אַלע לייט פון דיין שטאָט אַזוי העסלעך? איך ווייס ניט, האָט אליהו אים געענטפערט, אָבער גיי צו דעם מייסטער, וואָס האָט מיך באַשאַפן און זאָג אים: ווי העסלעך איז די כלי, וואָס דו האָסט באַשאַפן! האָט ר' אלעזר באַגריפן, אַז ער האָט געזינדיקט מיט זיינע רייד. איז ער אַראָפּ פון זיין אייזל, איז געפאַלן דעם מאַן צו די פיס און האָט צו אים געזאָגט: "איך ווייס, איך האָב אַנטקעגן אייך געזינדיקט, זייט מיר מוחל..."

די ליידנדע און געשטראָפטע זיינען אָפט גראָד די, וועמען גאָט ברוך הוא

האָט ליב. ווי עס שטייט געשריבן, וועמען גאָט האָט ליב, דעם שטראָפט ער (את אשר יאהב ה׳ יוכיח).

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן די געשטאַלט פון דעם אומשולדיק ליידנדן, פון דעם צדיק, וואָס נעמט אויף זיך די שטראָף פאַר די זינד פון דער וועלט. דאָס איז די געשטאַלט פון דעם ליידענדן משיח, וועלכע פאַרנעמט אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ אין דער יידישער פאָלקס־טראַדיציע.

*

איינע פון די שענסטע מתנות, וואָס די יידישע וועלט האָט געשענקט דער קולטור וועלט, איז — די משיחישע אידעע. דער גלויבן אין אַ בעסערער און גערעכטערער וועלט. ווי אָרעם און זינלאָז וואָלט אויסגעזען אונדזער גאַנץ לעבן אָן דעם פונק פון גלויבן, אָן דעם חלום פון אַ גליקלעכער צוקונפט. און געניייטיקט האָבן זיך אַם מייסטן אין גלויבן און האָפענונג די אָרעמסטע, די שוואַכסטע, די מיט צרות באַלאַדענע, פון גורל דערדריקטע, אַנטמוטיקטע און פאַרצווייפלטע. האָבן די יידישע נביאים צו זיי געבראַכט דעם חלום פון אויסלייזונג, דעם חלום פון משיחס צייטן.

די ערשטע משיחישע געשטאַלט אין דער געשיכטע איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער גרויסער נביא, דער לערער און וועגווייזער פון אונדזער פאָלק — משה רבינו. יידן האָבן אַ סך געהאַלטן פון יחוס, עס איז אָבער פאַר זיי ניט געווען קיין חרפה צו דערציילן, אַז אונדזערע עלטערפאָטערס זיינען אַמאָל געווען קנעכט אין מצרים. זיי זיינען געווען קנעכט, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, זיי זיינען אָבער געוואָרן אויסגעלייזט, פריי זיינען זיי געוואָרן און אַ פריי לעבן האָבן זיי געשאַפן.

אָרעמקייט,ליידן, נויט און עלנט קענען ניט פאַרמינערן דעם מאָראַלישן ווערט פון דעם מענטשן. גראָד פאַרקערט: דורך די פאַרשיידענע פּרוּוונגען אין לעבן ווערט דער מענטש געלייטערט. דאָס לעבן איז אַ כסדרדיקע מלחמה און דער באַרג אַרויף פירט דורך שטרויכלונגען, אַנטוישונגען, כל ערליי שוועריקייטן. עס איז אָבער אַ וועג באַרג אַרויף.

אין דער משה־טראַדיציע איז נאָך פאַראַן אַ דיסטאַנץ צווישן דעם אויסלייזער און די אויסגעלייזטע. דער אויסלייזער האָט לכתחילה ניט געטיילט דעם ביטערן גורל פון זיינע ברידער. האָט די טראַדיציע געשאַפן אַ משיחישע געשטאַלט, וואָס איז פון לכתחילה אָן געווען פאַרבונדן מיטן פאָלק, און וואָס האָט תמיד געטיילט זיין גורל, זיינע ליידן און זיין פּיין. פאַראַן אַ ווּנדערלעכע משיחישע נבואה אין זכריה קאַפּ. ט. דער טעקסט לייענט זיך:

פריי זיך זייער, טאָכטער פון ציון,
טו שאַלן, טאָכטער פון ירושלים,
זע, דיין קיניג וועט קומען צו דיר,
אַ גערעכטער און אַ העלפער איז ער,

אַן אָרעמער, און טוט רייטן אויף אַן אייזל,
אויף אַ יונגן זון פון אַן אייזעלין.
(גילי מאד בת ציון, הריעי בת ירושלים,
הנה מלכך יבוא לך, צדיק ונושע
הוא עני ורוכב על חמור ועל עיר בן אתונות).

דער משיחישער אויסלייזער באַווייזט זיך אין דער געשטאַלט פון אַן אָרעמען וואַנדערער, וואָס קומט צו רייטן אויף אַן אייזל (עני ורוכב על חמור). די רייכע און די מעכטיקע רייטן אויף פערד. אַן אייזל אָבער איז די בהמה פון דעם אָרעמאַן. וועט אויך דער אויסלייזער פון ישראל זיך באַווייזן ווי איינער פון די אָרעמסטע פון פאָלק.

די נבואה פון זכריה האָט אַ חוץ דעם נאָך אַ סימבאָלישע באַדייטונג. דער מלך המשיח איז דער קעניג פון שלום. פערד און רייטוועגענער זיינען אָבער די אינסטרומענטן פון מלחמה. קען דאָך דער מלך המשיח ניט קומען רייטנדיק אויף אַ פערד, ווי דאָס איז דער שטייגער פון די מלכים פון דער וועלט! דאָס ווערט אָבער בפירוש געזאָגט אַ פסוק ווייטער, וועלכער לייענט זיך:

און איך וועל פאַרשניידן אַ רייטוואָגן פון אפרים,
און אַ פערד פון ירושלים;
און פאַרשניטן וועט ווערן דער בויגן פון מלחמה;
און ער וועט טאָןריידן שלום צו די פעלקער;
זיין געוועלטיקונג וועט דערגרייכן פון ים צו ים
און פונם טייך ביז צו די עקן פון דער ערד.
(והכרתי רכב מאפרים וסוס מירושלים
ונכרתה קשת מלחמה ודבר שלום לגוים
ומשלו מים עד ים ומנהר עד אפסי ארץ).

די נבואה פון זכריה איז שפּעטער אויסגענוצט געוואָרן פון דער קריסטלעכער לעגענדע. בכלל האָבן די קריסטלעכע טעאָלאָגן אַלע משיחישע שטעלן אין תנ״ך אויסגעטייטשט ווי אַן אָנזאָג אויפן אָנקומען פון דעם קריסטלעכן משיח. דאָס איז, נאַטירלעך, ניט מער ווי לעגענדע, און קיין שום ערנסטער קריסטלעכער פאָרשער פּרובירט היינט ניט מער אויסצוטייטשן די משיחישע שטעלן אין תנ״ך לויט דער קריסטלעכער טראַדיציע. די קריסטלעכע טראַדיציע האָט ביי אונדז אויך איבער־גענומען די געשטאַלט פון דעם ליידנדן משיח. עס קען אָבער דער מינדסטער ספק ניט זיין, אַז די עצם אידעע איז דורך און דורך אַ יידישע. דאָס ווערט היינט אָנערקענט פון אַלע ערנסטע געלערנטע. און באַזונדערע באַווייזן זיינען, אגב, גאַרניט נייטיק. משיח און פאָלק געהערן צוזאַמען, און די ליידן פון דעם אויסלייזער זיינען סימבאָליש פאַר די ליידן פון פאָלק, פון דעם פאָלק, וואָס פאַרקערפּערט מיט זיך די משיחישע אידעע.

אין דער נבואה פון זכריה וועגן דעם אָרעמען און באַשיידענעם אויסלייזער, וואָס באַווייזט זיך רייטנדיק אויף אַן אייזל, באַגעגענען מיר צום ערשטן מאָל אין אַ קלאַסישער פאָרמולירונג די געשטאַלט פון דעם שטילן און פאַרבאָרגענעם צדיק, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן דער מוסטער פון דעם שפּעטערדיקן למד־וואָווניק. אַ צווייטער סימן פון דער יידישער משיח־טראַדיציע זיינען די ליידן פון דעם אויסלייזער. און דאָ איז שוין די משיחישע געשטאַלט אַן אָפּשפּיגלונג ניט פון דעם איינצעלנעם צדיק, נאָר, ווי מיר האָבן שוין געזען, פון דעם גורל פון גאַנצן פאָלק. אויף אַ וווּנדערלעכן אופן איז די דאָזיקע גורל־פאַרבונדנקייט צווישן דעם מלך המשיח און דאָס משיחישע פאָלק געקומען צום אויסדרוק אין אייניקע תלמודישע אגדות.

די תלמודישע טראַדיציע לערנט אונדז: אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז געבוירן געוואָרן דער אויסלייזער פון יידישן פאָלק. זיין נאָמען איז מנחם, דער טרייסטער, ווייל ער דאַרף ברענגען האָפענונג און נחמה צום פאָלק ישראל. און אין יענעם טאָג, לייענען מיר, איז אליהו הנביא געווען אונטערוועגס, האָט ער געהערט אַ בת קול פון הימל שרייט און רופט: דער בית המקדש האַלט ביים חרוב ווערן. דעם קיניגס קינדער ווערן איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט און די מלכה (דאָס פאָלק ישראל) וועט בלייבן ווי אַן אלמנה... ווי אליהו האָט דאָס דערהערט, האָט ער צו זיך געזאָגט: זיין ליבער נאָמען האָט בדעה חרוב צו מאַכן די וועלט! איז ער געגאַנגען און האָט באַגעגנט מענטשן, ווי זיי אַקערן און זייען. האָט אליהו צו זיי זיך אָפּגערופן: גאָט ברוך הוא טוט צאַרנען אויף דער וועלט. ער וויל חרוב מאַכן זיין הויז און פאַרטרייבן זיינע קינדער צווישן פעלקער, און איר פאַרנעמט זיך גאָר מיט אייערע טעגלעכע זאָרגן! איז אַרויס נאָך אַ מאָל אַ בת קול און האָט צו אים געזאָגט: לאָז זיי טאָן זייער אַרבעט, וואָרים עס איז שוין געבוירן געוואָרן זייער העלפער...

איז אליהו ווייטער געגאַנגען און האָט באַגעגנט אַ פרוי זיצט אין איינגאַנג פון איר שטוב, און איר קינד, איינגעריכט אין בלוט, ליגט פאַר איר. זאָגט אליהו צו איר: מיין טאָכטער, אַ זון האָסטו געבוירן? זאָגט זי צו אים: יע! רופט ער זיך אָפּ: און פאַרוואָס איז ער איינגעריכט אין בלוט? האָט זי אים געענטפערט: אַ גרויס אומגליק האָט מיר געטראָפן — וואָרים אין דעם טאָג, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, אין דעם טאָג איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש. האָט אליהו צו איר געזאָגט: שטיי אויף און נעם דיין קינד, וואָרים עס איז דיר באַשערט, אַז דורך אים זאָל קומען אַ גרויסע ישועה. און ער האָט איר געגעבן קליידער אים אָנצוטאָן. האָט זי אָבער ניט געוואָלט ביי אים נעמען. האָט ער צו איר געזאָגט: נעם די קליידער און אין אַ צייט אַרום וועל איך קומען און אָפּנעמען דאָס געלט.

ס'זיינען אַריבער פינף יאָר, איז אליהו הנביא נאָך אַ מאָל געקומען זען, וואָס דאָס קינד מאַכט, האָט ער באַגעגנט די פרוי ווי זי שטייט ביים טיר. זאָגט ער צו איר: מיין טאָכטער, וואָס מאַכט דאָס קינד? רבי, האָב איך דיר דען ניט געזאָגט,

אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ שלעכטן מזל — וואָרים אין דעם טאָג, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש? און נאָך אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן. פיס האָט ער, און ער קען ניט גיין, אויערן האָט ער, און ער קען ניט הערן, אויגן האָט ער, און ער קען ניט זען, אַ מויל האָט ער, און ער קען ניט ריידן. ווי זי האָט עס געזאָגט, איז געקומען אַ שטורעמווינט און האָט אים פאַרטראָגן אין ים הגדול אַריין. האָט אליהו צעריסן זיינע קליידער און האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און האָט אָנגעהויבן וויינען און שרייען: ווײַ איז מיר, פאַרלוירן איז געגאַנגען די ישועה פון ישראל! איז אַרויס אַ בת קול און האָט געענטפערט: אליהו! ניט ווי דו טראַכסט, אַזוי איז עס. ביירעט, פיר הונדערט יאָר וועט ער וווינען אין ים הגדול, אכציק יאָר ביי די טויערן פון רוים, און די איבעריקע יאָרן וועט ער אַרומוואָגלען איבער אַלע מדינות, ביז זיין צייט וועט קומען.

אַ צווייטע אגדה דערציילט אונדז: דער תנא רבי יהושוע בן לוי האָט אַ מאָל באַגעגנט דעם נביא אליהו, האָט ער אים געפרעגט: ווען וועט קומען משיח? האָט אליהו אים געענטפערט: גיי צו אים און ווער געוויר ביי אים. און ווו געפינט ער זיך? האָט דער תנא ווייטער געפרעגט. — ביי די טויערן פון רוים. — און ווי וועל איך אים דערקענען? — פרעגט נאָך אַ מאָל רבי יהושוע. האָט אליהו צו אים געזאָגט:

ער זיצט צווישן די אָרעמע, וואָס זיינען באַלאָדן מיט ווונדן און קראַנקהייטן. די אַנדערע בינדן אָפּ און פאַרבינדן צוריק זייערע ווונדן מיט איין מאָל. אָבער ער בינדט אָפּ און פאַרבינדט איטלעך ווונד באַזונדער. ווייל ער טראַכט, ווען איך זאָל ווערן גערופן, זאָל איך זיך ניט דאַרפן צו לאַנג פאַרהאַלטן.

ביי די טויערן פון רוים, דאָרט, ווו אַלע אומגליקלעכע לעבן, וועלכע קענען פאַר זיך ניט געפינען קיין פּלאַץ אין דער גרויסער, רייכער און פריילעכער וועלט־שטאָט, דאָרט לעבט אויך דער מלך המשיח.

און ווייטער לייענען מיר אין אַ מדרש: אין די יאָרן, ווען משיח וועט דאַרפן קומען, וועט מען ברענגען אייזערנע באַלקנס און מען וועט זיי אַרויפלאָדן אויף זיין האַלז, ביז זיין קערפּער וועט ווערן אויפגעקאָרטשעט און ער וועט שרייען און וויינען: רבונו של עולם, ווי לאַנג וועל איך עס קענען אויסהאַלטן!... ווי לאַנג וועל איך עס מוזן פאַרטראָגן! איך בין דאָך ניט מער ווי אַ בשר ודם! דאַן וועט גאָט ברוך הוא צו אים זאָגן: משיח, מיין גערעכטער, ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָסט דו עס אויף זיך גענומען. און איצט, וועט דיין צער זיין ווי מיין צער, וואָרים איך שווער, זינט דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן און מיינע קינדער זיינען פאַרטריבן געוואָרן, האָב איך מיר ניט געזעצט אויף מיין שטול. האָט משיח געזאָגט: אַצינד האָט זיך מיין געמיט באַרויקט. דער קנעכט קען דאָך ניט פאַרלאַנגען מער ווי זיין האַר.

אַזוי ווערט אַלץ פאַרבונדן אין איין גרויסן צער. די ליידן פון דעם מלך המשיח, די יסורים פון יידישן פאָלק אין גלות און דער צער פון דעם טאַטן אין

הימל, וואָס האָט חרוב געמאַכט זיין הויז און האָט זיינע קינדער אין גלות פאַרטריבן.

פאַרוואָס אָבער איז אויף גאָטס קנעכט אויסגעפאַלן אַזאַ שווערער גורל? פאַרוואָס איז אים אַזוי באַשערט אַזוי פיל צו ליידן, אַזוי פיל אַריבערצוטראָגן? און פאַרוואָס זאָל דאָס יידישע פאָלק אַזוי ליידן? מיט וואָס זיינען מיר ערגער פון די אַנדערע פעלקער? פאַרוואָס האָט דער האַר פון דער וועלט זיין צאָרן אויף אונדז אויסגעגאָסן?

דאָס זיינען פראַגן, וואָס האָבן געמאַטערט די יידישע דענקער פון אַלע דורות, באַזונדערס אָבער זינט דער צייט פון גלות בבל. דאָס יידישע פאָלק האָט אויף זיך גענומען די ליידן פון גלות. מיר האָבן אָבער געוואָלט פאַרשטיין דעם זין פון גלות און דעם זין פון דער וועלט. אַזוי פיל צער, אַזוי פיל עלנט! דאַרף עס אַזוי זיין? מוז עס אַזוי זיין?

און די גאולה, די אויסלייזונג פון דער וועלט, וועט זי באמת קומען? און ווען וועט זי קומען?

און וואָס איז מיט די ליידן פון דעם איינצעלנעם צדיק? פאַרוואָס ווערט ער באַשטראָפט? וועמעס זינד טראָגט ער אויף זיך? אויף דער פראַגע האָט אונדז געפּרוווט געבן אַן ענטפער איינער פון די גרעסטע יידישע נביאים, וואָס האָט געלעבט און געווירקט אין דער צייט פון גלות בבל. דעם ענטפער געפינען מיר אין די וווּנדערלעכע דיכטונגען וועגן גאָטס קנעכט, דעם עבד ה׳. דער טיטל "גאָטס קנעכט" איז גלייכצייטיק אַ סימבאָל פאַרן נביא און אַ סימבאָל פאַר גאָטס פאָלק. נביא, משיח און פאָלק זיינען איינס, זייער גורל איז איינער.

דער נביא און דער למד־וואָווניק

אין אָנהייב פון דער יידישער געשיכטע איז געווען דער נביא. אַזוי דערציילט אונדז די ביבלישע טראַדיציע. אברהם אבינו ווערט אין חומש באַצייכנט ווי אַ נביא. און אויב ער איז פאַר עמעצן מתפלל, הערט זיך גאָט צו צו זיין תפילה. די נביאים זיינען די גרויסע בעטער, וועלכע שטעלן זיך איין פאַר זייער פאָלק, פאַר זייערע ברידער אין נויט.

די תפילה, דאָס בעטן און זיך אויסטענהן מיטן טאָטן אין הימל פאַרבינדט דעם נביא מיטן למד־וואָווניק. אַ חוץ דעם אָבער איז צווישן אָט די צוויי וווּנדערלעכ־סטע געשטאַלטן, וואָס די יידישע טראַדיציע האָט געשאַפן, אַ גאַנצער תהום.

דער נביא איז אַ רעדנער. ער לעבט און ווירקט צווישן פאָלק. איר באַגעגנט אים אויף די גאַסן און מאַרקפּלעצער פון ירושלים, שומרון און בית אל. דער נביא איז אַ לערער, אַ וועגווייזער, מוסר־זאָגער און אַ קעמפער, ער אַנטלויפט ניט פון דער וועלט ,גראָד פאַרקערט. גאָר אַנדערש דער למד־וואָווניק. דאָס איז דער שטילער צדיק, דער פאַרבאָרגענער, דער שווייגער. איר הערט פון אים כמעט

קיין וואָרט ניט און זיין תפילה איז אַ שטילע תפילה. דער שטילער למד־וואָווניק איז דאָך שיער ניט אַ טעם, נאַיוו, באַשיידן און מוראדיק אומבאַהאָלפּן. עס קען אים אפילו גאָרניט איינפאַלן צו פּרווון זיך אַריינמישן אין כלל זאַכן. ווער בין איך און וואָס בין איך, טראַכט ער ביי זיך כסדר, איך זאָל ווערן אַ פירער און וועג־ווייזער ביי יידן.

און דאָך זיינען זיי אין דער זעלביקער צייט אַזוי נאָענט איינער צום אַנדערן, דער נביא און דער למד־וואָווניק. און איר קענט ניט פאַרשטיין די געשטאַלט פון דעם למד־וואָווניק, אויב איר באַקענט זיך ניט פריער מיט דער געשיכטע פון דער נבואה ביי יידן.

עס איז געווען שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז די גרויסע פירער און לערער פון פאָלק זאָלן אין זיך אויך ניט האָבן די מעלה פון גרעסטער באַשיידנקייט, וואָס צייכנט אַזוי אויס דעם למד־וואָווניק. וועגן משה רבינו ווערט דאָך בפירוש געזאָגט, אַז ער איז געווען דער באַשיידנסטער מענטש אויף דער וועלט (והאיש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה). ווי אַזוי דען איז ער געקומען דערצו צו נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע אויפגאַבע, ווי זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון פאָלק?

די נביאים זיינען געווען געצוווּנגען קעגן זייער ווילן צו נעמען אויף זיך די נאַציאָנאַלע שליחות. גאָט האָט זיי גערופן צו ווערן נביאים ביי יידן, און זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו פאָלגן גאָטס באַפעל. אַזוי ווערט דערציילט וועגן משה, אַז ווען גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן און האָט אים געשיקט קיין מצרים אויסצולייזן זיין פאָלק, האָט דער גרויסער נביא זיך אָפּגעזאָגט אַנצונעמען די שליחות. "ווער בין איך דען", האָט משה געענטפערט, "איך זאָל גיין צו פּרעהן און איך זאָל באַפרייען דאָס פאָלק פון מצרים?" סוף כל סוף האָט משה זיך געמוזט אונטערוואַרפן גאָטס באַפעל און ער איז געוואָרן דער באַפרייער און אויסלייזער פון זיינע ברידער. ענלעך איז דער באַריכט וועגן ירמיהוס נביאות. ווען גאָט באַווייזט זיך צו אים און זאָגט צו אים: "נאָך איידער דו ביסט אַרויס פון דיין מוטערס טראַכט, האָב איך דיך באַשטימט ווי אַ נביא פאַר די פעלקער. (בטרם תצא מרחם הקדשתיך נביא לגויים נתתיך), רופט ירמיהו אויס: "אַ, מיין גאָט, איך קען גאָרניט ריידן, וואָרים איך בין נאָך יונג". דערויף ענטפערט אים גאָט: "זאָג ניט, איך בין יונג, ניי"ערט אומעטום, וווהין איך וועל דיך שיקן, זאָלסטו גיין, און, וואָס איך וועל דיר באַפעלן, זאָלסטו ריידן".

אַן ענלעכע פאָרשטעלונג באַגעגענען מיר אין חסידישן פאָלקלאָר. די גרויסע חסידישע מנהיגים זיינען פון אַנהייב געווען פאַרבאָרגענע צדיקים. דאַן איז געקומען זייער צייט, ווען זיי זיינען גערופן געוואָרן צו ווירקן אין דער וועלט, צו ווערן די פירער און לערער פון פאָלק. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך געמוזט "אַנטפּלעקן". נתגלה ווערן. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט די לעבנסגעשיכטע פון ר' ישראל בעל שם טוב, ווי זי ווערט געשילדערט אין דער

חסידישער טראַדיציע. דער באַגרינדער פון חסידות איז לכתחילה געווען אַ פּאַר־באַרגענער צדיק.

די פראַגע, וואָס איז דער ריכטיקער וועג פון ידישער פרומקייט, האָט, אגב, באַאומרויקט אַ סך ערנסטע יידישע דענקער. סיי ר׳ ישראל סאַלאַנטער און סיי זיין רבי ר׳ זונדעל סאַלאַנטער, למשל, האָבן געלעבט ווי פּשוטע באַלעבאַטים און האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות זיך ניט אויסצוטיילן מיט קיין שום זאַך לגבי אַנדערע. מיט דער צייט אָבער איז ר׳ ישראל געקומען צו דער דעה, אַז דאָס איז אַ פאַלשער וועג. ניטא אין אונדזער היינטיקער וועלט, האָט ער געזאָגט, קיין פּלאַץ פאַר נסתרים. אונדזער דור נייטיקט זיך ניט אין למד־וואָוניקעס, האָט ר׳ ישראל סאַלאַנטער געלערנט זיינע תלמידים, נאָר אין נביאים און אין וועגווייזער, און מיר האָבן ניט קיין שום רעכט צו לאָזן דאָס פאָלק אויף הפקר, ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך.

עס איז אויסערגעוויינטלעך שווער צו געפינען די האַרמאָנישע פאַרבינדונג צווישן דעם אַקטיוון קעמפער און דעם באַשיידענעם צדיק, צווישן דעם נביא און דעם למד־וואָווניק. און דאָך וואָלט די עצם אידעע וועגן פאַרבאָרגענע צדיקים גאָרניט געווען מעגלעך אָן דער קעמפערישער נביאישער באַוועגונג.

די נביאים האָבן די ערשטע אַרויסגעבראַכט די גרויסע וויכטיקייט פון געוויסן, פון אינערלעכער ערלעכקייט און מאָראַלישער לויטערקייט. זיי האָבן דעריבער אויפן שאַרפסטן אופן באַקעמפט אַלע אויסערלעכע רעליגיעזע צערעמאָניעס, ווי זיי זיינען אָפּגעהיט געוואָרן פון די כהנים אין בית המקדש.

די נביאים זיינען עס געווען, וועלכע האָבן פאַרביטן די עבודה פון קרבנות מיט דער עבודה שבלב, דינען גאָט מיטן האַרצן. די נביאים און זייערע תלמידים האָבן עס געשאַפן די רעוואָלוציאָנערע אינסטיטוציע פון דעם באַשיידענעם בית מדרש, וואָס האָט מיט דער צייט אַלץ מער פאַרביטן דעם בית המקדש מיט זיין גאַנצער אויסערלעכער פּראַכט.

די נביאים האָבן אָנגעהייבן מיט ברענגען גאָטס וואָרט צום פאָלק, שפּעטער האָבן זיי געבראַכט די זאָרגן און די טענות פון פאָלק פאַר גאָט. דאָס וויכטיקסטע אָבער, וואָס די נביאים האָבן אויפגעטאָן, איז געווען — וואָס זיי האָבן אויסגע־לערנט דעם פאָלקסמענטשן צו קומען אַליין און מתפלל זיין פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט. און ווען דאָס פאָלק האָט זיך דאָס אויסגעלערנט, זיינען קיין כהנים מער ניט געווען נויטיק. אפילו די נביאים האָבן זייער היסטאָרישע שליחות פאַרענדיקט. פאָלק און גאָט האָבן זיך באַגעגנט, און אַלע פאַרמיטלער זיינען געוואָרן איבעריק.

די תפילה האָט דעם פּשוטן מענטשן באַפרייט גייסטיק, זי האָט אים געגעבן דעם מעכטיקסטן אינסטרומענט אין זיין קאַמף פאַר חשיבות, פאַר אָנערקענונג. דינען גאָט מיטן האַרצן, ווי דאָס דאַוונען ווערט באַצייכנט אין דער תלמודישער ליטעראַטור, האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר גאָר אַ נייעם צוגאַנג צו אַלע רעלי־גיעזע פּראָבלעמען. יידן האָבן תמיד אַ סך געהאַלטן פון תורה, אָבער נאָך מער

האָבן זיי געהאַלטן פון אינערלעכער ערלעכקייט. קלאַסיש איז אין דעם פּרט די ווונדערלעכע דערציילונג וועגן דער תּפילה פון דעם פּאַסטוך, וואָס ווערט געבראַכט אין "ספר חסידים". דאָ באַגעגענען מיר די געשטאַלט פון אַ למד־וואָווניק, וואָס איז טאַקע באמת אַן עם הארץ און ניט קיין למדן, וואָס האַלט זיך פאַרבאָרגן.

דער פאַרבאָרגענער צדיק גייט אפּריכטן גלות

כמעט די גאַנצע געשיכטע פון אונדזער פאָלק איז אַ געשיכטע פון וואַנדערונגען, פון כסדרדיקן נע־ונד. און אָנגעהויבן האָט זיך דער לאַנגער וועג פון אונדזערע וואַגלענישן מיטן אָנהייב פון יידיש לעבן. גלות איז געווען אונדזער וועג און גלות איז אַזוי אָפט געווען אונדזער גורל. זיינען אונדזערע וואַגלענישן געווען בלויז — האָבן זיך יידישע דענעקר אָפט געפרעגט — אַ שטראָף פאַר אונדזערע זינד, אָדער איז עס פאַרקערט אַ הייליקע שליחות ?

גלות קען זיין אַ שטראָף און גלות קען זיין אַ גרויסע אויפגאַבע ; גלות קען זיין אַן אָפּקומעניש פאַר עבירות און עס קען אויך זיין אַ שליחות צו דער וועלט. אַזאַ שליחות האָבן דאָך געהאַט די נביאים : זיי האָבן כסדר ארומגעוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט און אפילו פון לאַנד צו לאַנד, כדי צו ברענגען גאָטס וואָרט צו די מענטשן.

דער פאַרבאָרגענער צדיק טיילט דעם גורל פון זיין פאָלק, נעמט ער אויף זיך די יידישע שליחות און די יידישע ליידן. ווען דאָס פאָלק איז אין גלות און די שכינה איז אין גלות, ווי קען דאָן דער צדיק אויסמיידן דעם גורל פון גלות ? אַזוי איז ביסלעכווייז אויפגעקומען דער מינהג פון אָפּריכטן גלות (תיקון גלות). פרומע יידן, גרויסע צדיקים און לערנער, פלעגן אויף אַ לאַנגער צייט פאַרלאָזן זייער היים, זייערע אייגענע און נאָענטסטע, און פלעגן וואַנדערן פון ישוב צו ישוב און פון איין קהילה צו דער צווייטער. נע־ונד זיינען זיי געווען, ווו זיי האָבן געגעכטיקט, האָבן זיי ניט געטאָגט. אָנגעטאָן אין אָרעמע בגדים, מיטן וואַנדערשטעקן אין דער האַנט און אַ קליין פּעקל אויף דער פּלייצע, זיינען די שטילע צדיקים געגאַנגען זען די וועלט, בלייבנדיק אַליין פאַרבאָרגן פון דער וועלט.

פאַר אַ טייל צדיקים איז די צייט פון גלות געווען אַ צוגרייטונג פאַר זייער שפּעטערדיקער אַרבעט צווישן פאָלק. איידער דער צדיק נעמט אויף זיך אָט די הייליקע אויפגאַבע, מוז ער פריער דורכגיין אַ פעריאָד פון אויסלייטערונג, מוז ער אָפּריכטן גלות.

גלות איז אַ וועג פון תשובה פאַרן יחיד און אַ מאָל אויך פאַרן כלל. גלות איז אַ שטראָף פאַר שווערע זינד. דער רוצח, וואָס האָט ניט ווילנדיק געהרגעט אַ מענטשן, מוז אָפּקומען זיין שולד דורך גלות. ער מוז פאַרלאָזן זיין היים און

זוכן ערגעץ ווו אַ מקום מקלט פאַר זיך. צו בלייבן נע־ונד דאָס גאַנצע לעבן, איז געווען די שטראָף פון קינען, דעם ערשטן ברודער־מערדער. גיין אַפּריכטן גלות האָט דעריבער באַדייט — נעמען אויף זיך די שטראָף פאַר די האַרבסטע זינד, סיי פאַר די אייגענע זינד, סיי פאַר די זינד פונם כלל. אין דער זעלביקער צייט אָבער איז דאָס אָפּריכטן גלות אויך אויסגענוצט געוואָרן, כדי צו רופן און וועקן דעם עולם צו תשובה. אַ טייל פון די וואַנדערער האָבן זיך פאַרנומען מיט מגידות, מיט מוסרן דעם עולם און פאַרשפּרייטן תורה צווישן פאָלק. דאָס איז באַזונדערס ריכטיק בנוגע אייניקע תלמידים פון בעל שם טוב. אַליין טאָן תשובה און רופן צו תשובה איז געווען דער הויפּטצוועק פון אָפּריכטן גלות.

דער מינהג איז געווען פאַרשפּרייט סיי אין דער חסידישער און סיי אין דער מתנגדישער וועלט. ווען דער ווילנער גאון איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, איז ער אַוועק אָפּריכטן גלות. במשך פון פינף יאָר איז ער געווען נע־ונד און האָט אַרומגעוואַנדערט איבער פאַרשיידענע שטעט און מדינות. ער האָט קיינעם ניט דערציילט, ווער ער איז. אַזוי האָבן זיך געפירט אַלע, ווען מען האָט אויף זיך גענומען די מיצווה פון תיקון גלות. דאָך האָט מען אים אין אַ סך שטעט דערקענט און מען האָט אים אָפּגעגעבן כבוד.

איין מאָל, ווערט דערציילט, ס׳איז געווען אַ הייסער זומערטאָג, דער גאון מיטן קלומעקל אויפן פּלייצע איז שוין דאָן געווען אויפן וועג צוריק אַהיים. אַ בעל עגלה, וועלכער איז פאַרבייגעפאָרן, האָט אים אַרויפגענומען צו זיך אויפן וואָגן. אין וועג האָט זיך דעם בעל עגלה פאַרוואָלט אַ דרימל. בעט ער דעם גאון, ער זאָל זיך זעצן פון פאָרנט און נעמען די לייצעס אין די הענט: איר דאַרפט ניט מורא האָבן, מיינע סוסים ווייסן שוין אַליין דעם וועג. — דער גאון אַ צופרידענער, וואָס ער קען נאָך מקיים זיין אַ מיצווה אויך, האָט גענומען די לייצעס אין די הענט און דער בעל עגלה איז דערווייל איינגעשלאָפן.

אַריינגעקומען אין שטעטל, האָט אַ ייד, וואָס האָט אַ לענגערע צייט געלעבט אין ווילנע, צופעליק דערקענט דעם גאון. איז ער געקומען צולויפן אויפן מאַרק־פּלאַץ און האָט גענומען רופן: ״יידן, משיח איז געקומען!״ איז זיך צונויפגעלאָפן אַן עולם: ווו איז אייער משיח? — וואָס הייסט, איר זעט ניט! אָט דאָ זיצט דער גאון אויפן וואָגן און האַלט די לייצעס אין די הענט, און דער ייד, וואָס זיצט הינטער אים, איז אוודאי משיח. ווי קען עס דען זיין אַנדערש?

אָפּגעריכט גלות אין זייער יוגנט האָבן די צוויי באַרימטע חסידישע מנהיגים, ר׳ אלימלך פון ליזענסק און זיין ברודער, ר׳ זושע האַניפּאָלער. געגאַנגען זיינען זיי אָנגעטאָן ווי בעטלער, און זיי איז אויך אויסגעקומען אויסצושטיין אַ סך צרות. מען האָט אָפּט געמאַכט חוזק פון די אומגליקלעכע און אומבאַהאָלפענע בעטלער. עס האָט אפילו אַ פּאָר מאָל פּאַסירט, אַז זיי האָבן געקראָגן געשלאָגן. אַזוי האָט מען דעם צדיק ר׳ אלימלך אַ מאָל חושד געווען, אַז ער האָט באַגנבעט אַ קרעטשמער, ביי וועמען ער האָט געהאַט איבערגענעכטיקט. אַ צווייטן מאָל האָט ער געקראָגן געשלאָגן, ווערט דערציילט, אין אַ בית מדרש אין בעלזשיץ. ר׳ אלימלך

איז אַנגעקומען פאַרנאַכט אין שטעטל און איז פאַרבליבן אין בית מדרש. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געזעסן און געלערנט. אינדערפרי האָט ער זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ באַנק מיטן קלומעקל צוקאָפּנס. דערווייל איז געקומען דער בעל הבית, אויף וועמעס פּלאַץ ר׳ אלימלך האָט זיך צוגעשפּאַרט. זעט ער, אַן אָפּגעריסענער בעטלער האָט פאַרנומען זיין שטאָט, נעמט דער ייד אים וועקן. האָט ר׳ אלימלך זיך אויפגעכאַפּט, זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדער זייט און ווידער איינגעשלאָפן. איז דער בעל הבית אריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן, האָט אים גענומען שלאָגן, ביז ר׳ אלימלך האָט זיך אויפגעהויבן. די חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז נאָך דורות שפּעטער פלעגן די אַלטע לייט אין בעלזשיץ אָנווייזן אויף דער באַנק אויף וועלכער ״דער רבי ר׳ אלימלך, זיין זכות זאָל אונדז ביישטיין, האָט געקראָגן געשלאָגן״.

איין מאָל, ווערט דערציילט, האָט מען דעם רבין ר׳ אלימלך געגעבן צו וויסן מן השמים, אַז ווען ער וועט נאָך אַ מאָל קריגן געשלאָגן, איז עס אַ סימן, אַז די צייט פון גלות איז פאַר אים געענדיקט און אַז ס׳איז געקומען די שעה, ווען ער דאַרף אַנטפּלעקט ווערן פאַר דער וועלט.

וועגן זיין ברודער, ר׳ זושע האַניפּאָלער, ווערט דערציילט:

אין דער צייט, ווען ער האָט אָפּגעריכט גלות, נאָך איידער ער איז נתגלה געוואָרן, פלעגט ר׳ זושע עפּטער קומען קיין בערדיטשעוו. קיינער האָט דעמאָלט ניט געוווסט, ווער ער איז. איינשטיין פלעגט ער געווייגטלעך ביי אַן אָרעמען מלמד. שפּעטער, ווען ר׳ זושע איז שוין געוואָרן באַרימט, איז ער איינמאָל געקומען קיין בערדיטשעוו אין אַ קאַרעטע מיט דריי שיינע פערד. טויזנטער חסידים זיינען אַרויס אַנטקעגן אים אָפּצוגעבן כבוד. צווישן זיי איז אויך געווען איינער פון די רייכסטע באַלעבאַטים פון שטאָט. איז צוגעגאַנגען דער עושר דער אים בעטן, ער זאָל ביי אים איינשטיין, ס׳איז צוגעגרייט פאַרן רבין אַ שיינער צימער, ווו ער וועט קענען פאַרבלייבן אַזוי לאַנג ווי ער וועט וועלן.

האָט ר׳ זושע אים געענטפערט: ר׳ ייד, איך בין שוין פריער עטלעכע מאָל געווען אין בערדיטשעוו. דעמאָלט ביסטו קיינמאָל ניט געקומען מיך פאַרבעטן צו זיך. פאַרוואָס? דער איינציקער אונטערשייד איז דאָך בלויז אין די פערד; אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען אַן אָרעמער נע־ונדניק, פלעג איך קומען צו פוס קיין בערדיטשעוו. היינט בין איך געקומען צופאָרן אין אַ קאַרעטע מיט דריי פערד. קענסטו צו זיך פאַרבעטן די סוסים. זיי האָבן דאָך דאָס פאַרדינט דעם כבוד. און זושע, זושע וועט בלייבן ביי דעם אָרעמען מלמד.

עס פלעגט אויך ניט זעלטן פאַסירן, אַז אַ צדיק פלעגט אויף זיך נעמען די שטראָף פון גלות, כדי אָפּצוקומען פאַר אַ באַשטימטן חטא, וואָס ער אַליין איז באַגאַנגען.

וואָס פאַר אַ האַרבע עבירה קען אַ ייד, אַ פרומער לערנער, באַגיין, עס זאָל אים קומען דערפאַר אַזאַ שטראָף ווי גלות. עס קען, באַטירלעך, ניט זיין קיין עבירה ווי גנבה, גזלה וכדומה. ווי קומט אַ פרומער און ערלעכער ייד צו אַזעלכע עבירות? עס איז אָבער דאָ איין גרויסע עבירה, אין וועלכער אַ סך פרומע און

ערלעכע יידן ווערן געשטרויכלט. דאָס איז די זינד פון גאווה, פון זיך האַלטן גרעסער און וויכטיקער פאַרן חבר. נאָך שווערער איז די זינד, ווען מען פאַרשעמט דעם חבר. מבייש זיין אַ מענטשן, לערנט אונדז דער תלמוד, איז געגליכן, ווי מען וואָלט פאַרגאָסן זיין בלוט. פאַר אַזאַ זינד איז אָפט ניטאָ קיין אַנדער תשובה ווי נעמען אויף זיך גלות.

אַ פאָלקסטימלעכע געשיכטע דערציילט:

אין דער הייליקער קהילה שאַרגאַראָד איז אַמאָל געווען אַ רב, אַ באַרימטער תלמיד חכם, אָבער אַ בייזער ייד, אַ גרויסער כעסן. האָט איינמאָל פּאַסירט, מען האָט זיך געגרייט צו אַ גרויסער חתונה, דער שמש איז געווען שטאַרק פאַרנומען און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, צו רופן דעם רב אין שול אַריין, ווי ער פלעגט זיך נוהג זיין יעדן פרימאָרגן. ווען ער האָט זיך דערמאָנט און איז געגאַנגען רופן דעם רב, איז שוין געווען אַ ביסל שפּעט. געקומען אין שול, הערט דער רב, ווי דער עולם זאָגט שוין „ברכו". ווערט ער שטאַרק אין כעס, וואָס דער שמש האָט ניט באַוויזן אים צו רופן אין צייט, פאַלט ער אויף אים אָן מיט זלזולים און ער לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש אין באַק. דער רב האָט זיך תיכף געשטעלט דאַוונען, אָבער קיין ריכטיקע כוונה ביים דאַוונען האָט ער שוין ניט געהאַט.

שבת האָט מען דעם רב אויפגערופן צו דער תורה, צו שלישי. מען האָט גראָד געהאַלטן ביי דער ערשטער סדרה פון שמות. ווי דער בעל קריאה האָט אָנגעהייבן צו לייענען, איז דער רב געוואָרן אַ דערשיטערטער. ער האָט געהערט לייענען דעם פסוק: און ווען משה איז אַרויס אויפן צווייטן טאָג, ערשט ער זעט, צוויי יידן קריגן זיך, זאָגט משה צו איינעם פון זיי: „רשע, פאַרוואָס שלאָגסטו דיין ברודער?!" (ויצא ביום השני והנה שני אנשים עברים נצים, ויאמר לרשע למה תכה רעך). ווי אַ דונער פון העלן הימל האָט עס דעם רב געטראָפן. ער דערמאָנט זיך וואָס די גמרא זאָגט, אַז ווען איינער גיט אַ פּאַטש דעם חבר אין באַק, איז עס געגליכן, ווי ער וואָלט אַ פּאַטש געטאָן דער שכינה, כביכול (הסוטר לועו של חברו כאילו סוטר לועה של שכינה).

שבת צו נאַכט איז דער רב אַוועק צום שמש און האָט מיט געוויין און תחנונים אים געבעטן, ער זאָל אים מוחל זיין. דער שמש, אַ דערשראָקענער און צעטומלטער, האָט אים אפילו ניט געקענט ענטפערן.

דער רב האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

געלעבט האָט ער פון נדבות, איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ בעטלער. אָבער מערקווערדיק: אומעטום האָט מען אים אָפּגעגעבן כבוד. אַזוי האָט ער אַרומגעוואַנדערט פון ישוב צו ישוב און פון שטאָט צו שטאָט גאַנצע דריי יאָר. איז ער געוואָרן שטאַרק אומרויק. קיין בזיונות האָט ער ניט געליטן, ער איז ניט אָפּגעקומען פאַר זיינע זינד, איז ביי אים געבליבן זיך אומקערן צוריק צו זיך אין שטאָט. אפשר וועט ער דאָרטן באַקומען זיין שטראָף.

געקומען צוריק אין שאַרגאַראָד, האָט אים קיינער ניט דערקענט. פרייטיק־צו־נאַכט נאָך קבלת שבת, דער רב איז געשטאַנען ביי דער טיר צוזאַמען מיט

די אָרעמע אורחים. האָט אים דער שמש אַוועקגעפירט צום פּרנס. מען האָט אָפּגעגעסן, געזונגען די זמירות. האָט אים דער פּרנס פאַרבעטן צו בלייבן ביי זיי די נאַכט.

שבת אינדערפרי איז ביים פּרנס אין שטוב געוואָרן אַ גרויסער טומל. די טאָכטער האָט זיך געקליבן אין שול אַריין. ערשט, זי קען ניט געפינען איר שנירל פּערל, וואָס זי האָט געקראָגן אַ מתנה פון איר שווער. מיט אַ מאָל קומט אַריין דער שמש רופן דעם עולם צום דאַווענען. ווי ער הערט די געשיכטע, גייט ער צו צו דעם אורח, הייסט אים אָפּגעבן די שנור פּערל און לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש אין באַק. ער האָט זיך פאַרמאָסטן אים צו געבן נאָך אַ פּאַטש, אָבער דאָ האָט דער אורח זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ באַפעלערישן טאָן זיך אָפּגערופן: משה שמש! געבנוג, מער ווי איין פּאַטש קומט מיר ניט!.. דו שגץ! דער שאַרגאָראָדער רב לעבט נאָך! איך בין דער רב, און איך בין אויף דיר גוזר, דו זאָלסט תיכף אָפּגעבן די גנבה צוריק...

דער רב האָט געבעטן די באַלעבאַטים, מען זאָל דעם שמש מוחל זיין. און ער אַליין איז אין זיינע אָרעמע בגדים אַוועק אין שול דאַווענען. די שמחה אין שטאָט איז געווען אין לשער. דער רב איז אָפּגעקומען פאַר זיינע זינד און איז געקומען צוריק צו זיין קהילה. קיין רבנות אָבער האָט ער מער ניט געפירט. זיין חזקה האָט ער איבערגעגעבן זיין איידעם. און ער אַליין האָט זיינע לעצטע יאָרן פאַרבראַכט אין תורה און עבודה.

דער ערלעכער סוחר — דער למד וואוניק

קען אַ הענדלער, אַלץ איינס צי אַ קליינער קרעמער, צי אַ גרויסער סוחר, זיין אַן ערלעכער ייד? פון די עלטסטע צייטן אָן פירט זיך אַ וויכוח וועגן דער ראָל פון האַנדל און הענדלער אין דער קולטור פון די ציוויליזירטע פעלקער. ס'איז געוויינטלעך זייער פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז האַנדל איז כמעט שטענדיק פאַר־בונדן מיט שווינדל און אָפּנאַרעריי. אַ רוסיש פאָלקסוואָרט, למשל, זאָגט: "ניע אַבמאַניעש, ניע פּראָדאַש" — אויב דו וועסט ניט אָפּנאַרן, וועסטו ניט קענען פאַרקויפן. און ס'איז באמת ניט אַזוי גרינג צו זיין אַן ערלעכער הענדלער, אפשר נאָך שווערער ווי צו זיין אַן ערלעכער פּאָליטיקער. דער אומגליק אין בײדע פאַלן איז — נייטיקייט אין רעקלאַמע. וואָרים ס'איז מייסטנס פּונקט אַזוי שווער צו פאַרקויפן אַ שטיקל סחורה, ווי צו "פאַרקויפן" אַן אידעע אָדער אַ פּאָליטישע פּלאַטפאָרמע. דער עולם וויל ניט סתם קויפן, דער עולם זוכט "מציאות"; מען דאַרף אים איינריידן און ער לאָזט זיך גערן איינריידן. מען מוז כסדר רימען די אייגענע סחורה און מען מוז קודם כל פאַרדעקן אַלע חסרונות.

פאַראַן אַ חוץ דעם נאָך אַנדערע געפאַרן אין האַנדל. דער סוחר שטייט כסדר פאַר ניסיונות. עס מאַכן זיך אָפט געלעגנהייטן, ווען מען קען אַריינכאַפּן אַ גרינגן

פּאַרדינסט. מען קען אָפּנאַרן אין וואָג און מאָס. די תורה און די נביאים האַלטן דעריבער אין איין וואָרנען קעגן די, וואָס געברויכן אַ פאַלשע מאָס און אַ פאַלשע וואָג. דער נביא הושע איז, ווייזט אויס, אין דעם פּרט אפילו געווען שטאַרק פּעסימיסטיש. "דער הענדלער האָט פאַלשע וואָגשאָלן אין זיין האַנט, אָפּנאַרן האָט ער ליב (כנען בידו מאזני מרמה לעשק אהב). אין דער שפּעטערדיקער צייט אָבער האָבן די יידישע רעליגיעזע פירער געגעבן זייער מיינונג וועגן דער ראָל פון האַנדל, וועגן קויפן און פאַרקויפן, און עס ווערט גאַנץ דייטלעך אָנגענומען, אַז מען קען זיין אַ געשעפטסמענטש און אויך אַן ערלעכער ייד דערצו.

פאַראַן נאָך אַ סיבה, וואָס רופט ביי אונדז אַרויס ערנסטע ספקות בנוגע דער ראָל פון האַנדל און הענדלער אין סאָציאַלן לעבן. עס איז שטאַרק פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז האַנדל בכלל איז אַ גרינגע פּרנסה. מען דאַרף ניט צופיל האָרעווען, און די גאַנצע קונסט פון מסחר באַשטייט דערין — איינצוקויפן וואָס ביליקער און פאַרקויפן וואָס טייערער. הייסט עס דאָך, האָבן אַ סך געטענהט, אַז דער הענדלער לעבט אויפן חשבון פון יענעמס אַרבעט! דער פויער פּראַצעוועט, דער בעל מלאכה אין שטאָט האָרעוועט, דאַן מישט זיך אַריין דער סוחר און נעמט ביי זיי צו אַ חלק פון זייער פאַרדינסט. אָט די פּאָפּולערע פאַרשטעלונג איז אין תוך אינגאַנצן פאַלש. זי האָט אָבער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון סאָציאַלן געדאַנק ביי יידן און ביי ניט־יידן. די טעאָריע, אַז הענדלער זיינען פּאַראַזיטן, האָט אויך געשפּילט אַ היפּשע ראָל אין דער אַנטיסעמיטישער העצע קעגן יידן. באַזונדערס מערקווערדיק אָבער איז דער פאַקט, וואָס אַ סך יידישע פּובליציסטן האָבן די דאָזיקע טעאָריע איבערגענומען און אפילו פּראָפּאַגאַנדירט אין אונדזערע קרייזן.

באַקענט מען זיך נענטער מיט דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור, דאַן באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער בילד. גראָד די פעלקער, וואָס האָבן געשפּילט אַ פּיאָנערישע ראָל אין וועלטהאַנדל, זיינען אויך געווען די פעלקער פון דער העכסטער ציוויליזאַציע. געגוג צו דערמאָנען די פיניקיער, דאָס אַמאָליקע גריכנ־לאַנד און, אין אונדזער צייט, ענגלאַנד און האָלאַנד. מיר זיינען אויך באַרעכטיקט צוצוגעבן דעם ביישפּיל פון אונדזער אייגן יידיש פאָלק אין דער גלות־צייט.

דער האַנדל שטעלט דעם מענטשן פאַר אַ ניסיון. אָבער דורך ניסיונות ווערט דער מענטש דערהויבן און געלייטערט.

ערשט ביים באַגעגענען זיך מיט מענטשן, ביים האַנדלען און דינגען זיך, ביים קויפן און פאַרקויפן, איז דאָ די מעגלעכקייט אַרויסצוווייזן מענטשלעכקייט און ערלעכקייט, דרך ארץ צו זיך און דרך ארץ צום צווייטן. דער מסחר שטעלט דעם מענטשן פאַר אויפגאַבן, פאַר פליכטן, פאַר אחריות. עס איז אפשר גרינגער צו בלייבן אַן ערלעכער ייד, ווען מען פאַרנעמט זיך מיט פּשוטער אַרבעט, עס איז אָבער זיכער, אַז ערלעכקייט אין האנדל איז ווייט ניט קיין קלענערע מדרגה ווי ערלעכקייט אין אַרבעט.

מען איז ביי אונדז געוווינט אָנצונעמען, אַז די פאָלקסטראַדיציע האָט דעם

למד־וואָוניק זיך שטענדיק פאַרגעשטעלט ווי אַ האַרעפּאַשניק, אַ יגיע־כפּימניק, אַ בעל מלאכה אָדער אַ דאַרפסייד. דאָס איז נאָר צום טייל ריכטיק. צווישן די פאַרבאָרגענע צדיקים האָבן מיר אויך באַגעגנט אַזעלכע געשטאַלטן ווי ר׳ משה קרעמער און ר׳ ישעיה זוכאָוויצער. די יידישע טראַדיציע האָט, ווי מיר זעען, ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן האַנדל און מלאכה. דער עיקר איז געווען — אַן ערלעכע פּרנסה, פאַרדינען חיונה אויף אַן ערלעכן אופן.

אַ בכבודיקע און ערלעכע פּרנסה, מען זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו דעם חסד פון מענטשן און מען זאָל ניט דאַרפן ליידן קיין חרפות און בזיונות — דאָס איז געווען דער טיפסטער ווונטש פון דעם יידישן מענטשן. ווען דער ייד קומט נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר אויפן עולם האמת, לערנט אונדז די אגדה, איז איינע פון די ערשטע פראַגעס, אויף וועלכע ער דאַרף ענטפערן — צי האָסטו זיך אויפגע־פירט ערלעך אין האַנדל? איז ממילא ניט קיין ווונדער, וואָס דער ערלעכער הענדלער פאַרנעמט זיין געהעריקן פּלאַץ צווישן די למד־וואָוניקעס, צווישן די פאַרבאָרגענע צדיקים. אַ פאָלקסטימלעכע לעגענדע דערציילט:

געווען אַמאָל אַ פּשוטער ייד, אַן אָרעמער קרעמער, לערנען האָט ער ניט געקענט, אַפילו דאַווענען איז אים געווען שווער. איז ער געקומען צום רב פרעגן, וואָס זאָל ער טאָן, אויב ער וויל זיך אויפפירן ווי אַ פרומער און ערלעכער ייד. האָט דער רב אים געזאָגט: זייט אָפּגעהיט אין האַנדל, קיינעם ניט אָפּנאַרן, געבן שטענדיק אַ גוטע וואָג און אַ גוטע מאָס. האָט דער ייד געטאָן ווי דער רב האָט אים געהייסן און גאָט ברוך הוא האָט אים געהאָלפן, אַזוי אַז ער איז געוואָרן אַ גרויסער עושר.

האָט איין מאָל פּאַסירט: עס איז געווען אַ געפערלעכע טריקעניש אין דער געגנט און דער רב האָט גוזר תענית געווען. איז מען געקומען צום רב דערציילן, אַז דער גביר האָט דעם תענית ניט אָפּגעהיט.

דער רב האָט דעם גביר געלאָזט רופן, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט וועגן דעם תענית גאָר ניט געוווּסט. דער ערלעכער סוחר איז פול געוואָרן מיט צער און רחמנות, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און האָט מתפלל געווען צו גאָט ברוך הוא מיט די ווערטער: רבונו של עולם, אַזוי ווי איך פאָלג דיר און היט אָפּ דיינע געבאָטן, בעט איך דיך, פאָלג מיך אויך, עס זאָל קומען רעגן פון הימל. און תיכף ווי ער האָט געזאָגט די ווערטער, האָבן זיך באַוויזן וואָלקנס און ס׳האָט אָנגעהויבן צו רעגענען.

האָבן דער רב און די בעלי בתים אָנגעהויבן דעם סוחר אויסצופרעגן, צי איז ער ניט אַ מאָל אַ פאַרבאָרגענער צדיק! האָט ער זיי דערציילט, אַז ער איז באמת אַ פּראָסטער ייד. ער איז אָבער זייער אָפּגעהיט אין האַנדל, און איטלעכס מאָל, ווען ער וועגט אָפּ סחורה פאַר אַ קונד, זעט ער אויפן צינגל פון וואָג גאָטס נאָמען.

דערפאַר קאָנען מיר אָפּלערנען, פאַרענדיקט די פאָלקסמעשה, אַז מען קען דינען גאָט אויך מיט ערלעכקייט אין געשעפט, מיט ערלעכקייט ביים קויפן און פאַרקויפן. ווייל צו די, וואָס זיינען זוכה דערצו.

ערלעכקייט אין האַנדל און ערלעכקייט אין לעבן בכלל איז כמעט ניט מעגלעך געווען אָן דער מידה פון בטחון. עס איז פאַרן אָרעמען ידישן הענדלער, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געפירט אַ ביטערע פאַרצווייפלטע מלחמה פאַרן שטיקל ברויט, אָפּט געווען זייער שווער בייצושטיין די ניסיונות פון לעבן. פון צייט צו צייט מאַכט זיך אַ גרינגער פאַרדינסט, וועט מען האָבן אויף שבת און יום־טוב, וועט זיין אַ בגד אָדער אַ פּאָר שיך פאַר אַ קינד! ווי אַזוי זאָל מען ביישטיין אַזאַ ניסיון? ס׳איז אָבער געוואָרן גרינגער צו בלייבן אויפן ערלעכן וועג מיטן כוח פון בטחון, מיטן גלויבן, אַז ס׳איז אויך נאָך דאָ אַ טאַטע אין הימל, וואָס וועט זיינע קינדער ניט לאָזן אויף הפקר.

אַ חסידישע לעגענדע דערציילט:

אַ באַקאַנטער רבי האָט אַ מאָל געהערט, ווי זיינע תלמידים דערציילן וווּנדער־לעכע מעשיות וועגן אַ ישובניק. פון אַלע עקן וועלט איז מען געפאָרן צו דעם פּראָסטן ישובניק, און וואָס ער פלעגט נאָר זאָגן, פלעגט תיכף מקויים ווערן. איז געבליבן, אַז דער רבי זאָל זיך איבערטאָן אין פּשוטע בגדים און זאָל אַליין פאָרן אַ קוק טאָן, כדי זיך צו דערוויסן, מיט וועלכן כוח דער דאָרפישער שענקער פועלט אַזוי פיל ישועות. איז עס מיטן כוח פון קדושה, אָדער, חס ושלום, מיטן כוח פון דער סיטרא אחרא, גאָט זאָל אונדז באַהיטן?

דריי טעג האָט דער רבי פאַרבראַכט ביים שענקער אין שטוב. דער רב האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעקוקט און האָט בשום אופן ניט פאַרשטאַנען, מיט וואָס דער פּראָסטער ישובניק איז זוכה געווען צו אַזאַ מדרגה. אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער שטיין און פאַרקויפן משקה, קוים אָפּגעריסן אַ ביסל צייט אויף דאַוונען. אויך ביינאַכט, ווען ער גייט אַוועק פון געשעפט, פירט ער זיך ווי אַלע פּשוטע יידן. ער עסט אָפּ, לייגט זיך שלאָפן און ווען ער שטייט אויף אינדערפרי, באַוויזט ער קוים אָפּצודאַוונען.

ערשט ווען דער רבי איז גוזר געווען אויף אים, ער זאָל דערציילן דעם גאַנצן אמת, האָט דער ישובניק אים דערציילט די געשיכטע פון זיין לעבן:

— איך האָב אין מיין לעבן געהאַט אַ סך צרות. איך האָב אָבער קיין מאָל ניט פאַרלוירן מיין בטחון אין גאָט. איין מאָל האָט פּאַסירט, ווען איך האָב פאַרלוירן מיין גאַנץ פאַרמעגן, איז מיין פאַמיליע צו מיר צוגעשטאַנען, איך זאָל גיין אין שטאָט אַריין זוכן אַ שותף מיט געלט. אפשר וועט זיך דער אייבערשטער מרחם זיין. איך גיי אַזוי אין וועג. מיט אַ מאָל ווער איך פול מיט בטחון, בלייב איך שטיין און טענה זיך אויס מיטן רבונו של עולם. „האַר פון דער וועלט, וואָס דו באַזאָרגסט מיט פּרנסה אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד! הער נאָר צו צו מיין געבעט. דו ווייסט זייער ווויל, טאַטע אין הימל, ווי גרויס ס׳איז מיין נויט, ווי עלנט זיינען מיינע קינדער. איך בעט דיך, האַר פון דער וועלט! צו וואָס זאָל איך

זוכן אַ שותּף אַ בשר ודם, וואָס הייַנט איז ער דאָ און מאָרגן איז ער מער ניטאָ. זיי דו מיין שותּף, שיק מיר צו דיין ברכה, און פון אַלץ, וואָס איך וועל פאַרדינען, וועל איך אַ העלפט אָפּגעבן אויף צדקה פאַר נויטבאַדערפטיקע פאַמיליעס און פאַר אָרעמע לערנער״.

און ווי איך האָב נאָר געענדיקט מיין תּפילה, האָב איך אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע. ערשט אין געפין אַ זילבערנע מטבע. בין איך אַוועק צוריק אַהיים און האָב זיך אָפּגערופן צו מיין פרוי, איך האָב געפונען זייער אַ גוטן רייכן שותּף. אָט די מטבע האָט ער מיר געגעבן אויף אָן אָנהויב. זאָל זיין מיט מזל!

זינט יענער צייט האָב איך אין אַלע מיינע געשעפטן מצליח געווען. דאָס גאַנצע געלט, וואָס קומט אַריין, טייל איך איין אין צוויי גלייכע טיילן: איין טייל פאַר צדקה און דעם צווייטן טייל פאַר מיינע הוצאות. אַ גאַנצן טאָג שטיי איך אין געשעפט. איך לאָז קיינעם ניט צו, ווייל עס איז פאַר מיר די הייליקסטע עבודה אָפּצוהיטן דאָס געשעפט, איך זאָל, חס ושלום, ניט פאַרמינערן דעם חלק פון גאָטס שותּפות. איך בין אויך אָפּגעהיט, דאָס געלט צו פאַרטיילן צווישן ערלעכע אָרעמע לייט. דאָס איז דער אופן, ווי איך טו דינען זיין ליבן נאָמען!

האָט דער רבי דאָן געזאָגט צו זיינע תּלמידים: איצט איז עס פאַר מיר מער ניט קיין חידוש. ס'איז דאָך אַ בפירושער דין אין שולחן ערוך: ״שותּף מה שעשה עשה״, וואָס אַ שותּף טוט אין געשעפט, איז געטאָן. נון, אָט דער דאַרפסייד איז דעם רבונו של עולמס אַ שותּף, איז דאָך ניט קיין ווונדער, וואָס ער קען אַזוי פיל פועלן!

דער ווילנער גאון און די פאַרבאָרגענע צדיקים

דער ווילנער גאון איז ניט געווען קיין למד־וואָווניק. אָבער צווישן זיינע פריינד און תּלמידים זיינען געווען אַ סך פון ״פאַרבאָרגענע צדיקים״ פון זיין דור. די וועלט האָט וועגן זיי אָפּט גאָרניט געוווסט, אָבער ר׳ אליהו בר׳ שלמה זלמן, דער גאון פון ווילנע, האָט זייער וויל געוווסט, ווער ס'זיינען געווען די פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס האָבן געלעבט אין זיין צייט.

ווען דער גאון האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין קיין ארץ ישראל און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין בראָד, האָט ער געשיקט אַ בריוו מיט אַ שליח מיוחד צו דעם ווינער ר׳ לייבן און האָט שטרענג איינגעזאָגט, ער זאָל למען השם קיינעם ניט איבערגעבן דעם בריוו, נאָר ר׳ לייבן אין האַנט אַריין...

ווען דער שליח האָט דעם בריוו איבערגעגעבן און איז אַוועק, איז דער ישובניק צוגעשטאַנען צו ר׳ לייבן, זיין ווינער, צו ״לייבקען״, ווי ער האָט אים גערופן, ער מוז אים דערציילן די געשיכטע מיטן בריוו. האָט ר׳ לייב קיין ברירה ניט געהאַט און ער האָט דערציילט, אַז דאָס האָט דער גאון אים געבעטן, זיי זאָלן ביידע צוזאַמען פאָרן קיין ארץ ישראל. האָט ער אים געענטפערט, אַז מען באַדאַרף

ניט, ווייל מן השמים האָט מען ניט געוואָלט, דער גאון זאָל פאָרן, וועלן זיי דאָךביידע זיך מוזן אומקערן פון וועג צוריק.

די דאָזיקע פאָלקסטימלעכע לעגענדע איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש. אין ארץ ישראל האָט דער גאון איינער אַליין ניט געוואָלט פאָרן. האָט ער פאָר זיך געפּרובירט אויסזוכן אַ חבר. און דעם גאונס חבר אויף דעם וועג אין דעם הייליקן לאַנד האָט געזאָלט זיין — אַ פאַרבאַרגענער צדיק, דער שטילער דאָרפסייד, דער ווינער ר׳ לייב.

וועגן ר׳ משה קרעמער, אַן עלטערזיידן פון דעם ווילנער גאון, ווערט דערציילט:

געווען איז ער אַ פשוטער קרעמער. אַז ער איז אַ גרויסער למדן, האָט קיינער ניט געוווּסט. געוווּיר געוואָרן איז מען פון דעם אויף אַזאַ אופן:

ווען דער אַלטער רב, דער גרויסער צדיק ר׳ נחמן לאַדימירער, האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער געלאָזט צונויפרופן די לומדים און חשובע בעלי בתים פון ווילנע און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן אויפנעמען פאַר אַ רב איינעם ר׳ משה, וואָס זיין ווייב האַלט אַ קראָם אין דער יידישער גאַס. אויב ר׳ משה וועט ניט מסכים זיין, און ער וועט רק טענהן, אַז ער איז גאָרניט ראוי דערצו, ווי קומט ער צו זיין אַ רב! זאָלט איר אים זאָגן, אַז ר׳ נחמן לאַדימירער האָט אַזוי געהייסן.

נאָך דער פטירה פון דעם אַלטן רב, זיינען די בעלי בתים און מנהיגים פון שטאָט אַוועק צו ר׳ משה קרעמער און אים איבערגעגעבן די צוואה פון ר׳ נחמן לאַדימירער. האָט ר׳ משה מסכים געווען אָנצונעמען די רבנות נאָר מיט איין תנאי. קיין שכירות וועט ער ניט נעמען, זיין ווייב האָט דאָך אַ געשעפט!...

און ווען ר׳ משה האָט זיך דערוווּסט, אַז פון גאַנץ שטאָט קומט דער עולם אין זייער קראָם געבן צו לייזן זיין פרוי, האָט ער זיך תיכף אוועקגעזעצט, האָט אויסגערעכנט אופן פאַפיר די הוצאה פאַר דער גאַנצער וואָך און האט הייליק אָנגעזאָגט דער רביצין, אַז וויבאַלד נאָר זי וועט פאַרדינען אויף דער הוצאה פון דער וואָך, אפילו אויב דאָס זאָל זיין אין דעם ערשטן טאָג, אין דעם טאָג פון זונטיק, זאָל זי די גאַנצע וואָך האַלטן די קראָם פאַרמאַכט. אויך אַנדערע יידן דאַרפן האָבן פרנסה! האָט ער צו איר געזאָגט.

דעם כלל, אַז אויך אַנדערע יידן נויטיקן זיך אין פרנסה, פאַרגעסט מען, ליידער, צו אָפט. די געשיכטע לערנט אונדז אָבער נאָך עפּעס, ניט נאָר אין מלאכה, נאָר אויך אין האַנדל קען אַ ייד אַפּהיטן ערלעכקייט. אויך אַ קרעמער לעבט פון זיין אַרבעט. אויך אַ קרעמער קען דערגרייכן צו אַ מדרגה פון אַ למד־וואָוניק, פון אַ פאַרבאַרגענעם צדיק. און ר׳ משה קרעמער איז געווען ניט דער איינציקער.

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער טראַדיציע פון דער מתנגדישער וועלט זיינען די דערציילונגען וועגן די למד־וואָוניקעס, וועלכע האָבן געהערט צו דעם ענגערן קרייז פון דעם ווילנער גאון. זיי זיינען קודם כל געווען גרויסע לומדים, ווי למשל, ר׳ משה איווער, ר׳ לייב טעלזער און ר׳ ישעיה זוכאָוויצער.

ר׳ ישעיה זוכאָוויצער

ביז צום היינטיקן טאָג איז נאָך ווייט ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דער געהעריקער מאָס די ראָל פון דעם ישובניק, די ראָל וואָס די דאָרפסיידן האָבן געשפּילט אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע.

די אַנטיסעמיטישע טענות קעגן די יידישע קרעטשמערס און אַרענדאַטאָרן אויף די דערפער זיינען צום באַדויערן איבערגענומען געוואָרן פון אַ גרויסער צאָל נאַיווע יידישע שרייבער און געלערנטע. מען האָט דערביי פאַרגעסן איין פּשוטן פאַקט, אַז אַלץ, וואָס דער פּויער האָט באַקומען פון שטאָטישע פּראָדוקטן, האָט ער עס באַקומען דורך די יידישע קרעטשמערס, אַרענדאַרן און אויפקויפער. אַלץ, וואָס דער פּויער האָט געברויכט, האָט ער געקויפט ביי זיין יידישן שכן; צי דאָס איז געווען אַזאַ עלעמענטאַרער אַרטיקל ווי זאַלץ, צי דאָס איז געווען אַ ״פּאַטשיילקע״ (אַ קאָפּטיכל) פאַר זיין פרוי אָדער זיין טאָכטער, צי ער האָט זיך גענייטיקט אין אַ שמיד, אַ סטעלמאַכער אָדער אַן אויוונמאַכער — אין די אַלע פאַלן איז ער אָנגעקומען צום יידן.

מיטן יידן האָט דער פּויער געהאַנדלט, געקויפט און פאַרקויפט. קען זיין, אַז אין איינצעלנע פאַלן האָט ער זיך אָפּגענאַרט. אָן קיין געלט אָבער האָט דער ייד ביי אים קיין שום זאַך ניט גענומען. ווי אַנדערש אָבער איז געווען די באַציונג צום פּויער מצד די קריסטלעכע הערשנדיקע קלאַסן. וואָס האָט דער פּויער געהאַט פון זיי, וואָס האָט די מלוכה, וואָס האָבן די פּריצים, וואָס האָבן די קריסטלעכע גייסטלעכע געגעבן דעם פּויער?

די מלוכה האָט ביים פּויער גענומען שטייערן, די דאָרפישע יוגנט האָט מען גענומען פאַר סאָלדאַטן, און וואָס האָט מען דעם דאָרף דערפאַר געגעבן? אפילו מיט די עלעמענטאַרסטע שולן האָט מען דאָך די דאָרפסבאַפעלקערונג ניט באַזאָרגט. די פּריצים האָבן אויפן ברוטאַלסטן אופן עקספּלואַטירט די אָרעמע דאָרפסמענטשן; געווען צייטן, ווען מען האָט די פּויערים באַהאַנדלט ווי קנעכט, און וואָס האָבן די פּריצים דעם פּויער געגעבן? — גאָרניט, אַבסאָלוט גאָרניט. די גייסטלעכע האָבן אויך ביים פּויער כסדר גענומען, כסדר האָט מען פון אים פאַרלאַנגט. און וואָס האָט אים די קירך געגעבן? אפילו ניט קיין גייסטיקע באַפרידיקונג פאַר זיין געמיט. אַ טרייסט האָט דער עלנטער פּויער געזוכט ניט אין זיין גלויבן, נאָר אין דעם ביטערן טראָפּן. דער ״עקספּלואַטאָר״ אָבער איז געבליבן דער ייד. אַזוי האָבן עס געזאָגט די אַנטיסעמיטן און אַזוי האָבן עס,ליידער, איבערגעחזרט אַ סך יידישע שרייבער.

דער אמת איז, אַז גראַד אויפן דאָרף זיינען די באַציונגען צווישן די ישובניקעס און די פּויערים געווען די בעסטע. דער אַנטיסעמיטיזם אין דאָרף איז במעט תמיד געקומען פון די שטעט. דאָס האָבן די קריסטלעכע אינטעליגענטן כסדר געהאַלטן

אין דערציילן דעם פויער וועגן דער יידישער "עקספּלואַטאַציע". איך וואָלט געקענט ברענגען אַן אַ שיעור פֿאַקטן און דאָקומענטן עס צו באַשטעטיקן. דער בעסטער באַווייז אָבער איז דער עצם פֿאַקט, וואָס במשך פֿון דורות האָבן איינצעלנע יידישע משפּחות אָפּגעלעבט אין די דערפֿער אין די בעסטע און פֿריינד־לעכסטע באַציונגען מיט די פּויערים. ווי אַזוי וואָלט עס געווען מעגלעך, ווען די יידישע קרעטשמערס און אַרענדאַרן וואָלטן געווען אַזעלכע "בלוטזויגער" און "עקספּלואַטאַטאָרן", ווי מען האָט זיך כסדר באַמיט אונדז איינצוריידן? ווער האָט דען די יידישע ישובניקעס אין דאָרף געקענט באַשיצן, אויב די באַפעלקע־רונג וואָלט זיך צו זיי באַצויגן מיט שנאה?

דער גרעסטער וווּנדער איז, וואָס אין די דערפֿער זיינען אין סך הכל געווען ווייניקער אָנפֿאַלן אויף יידן ווי אין די שטעט. דער ייד אין דאָרף איז געווען אַ וויכטיקער טייל פֿון נאַציאָנאַלן און עקאָנאָמישן לעבן. דער פּויער האָט עס אין דער פֿולסטער מאָס אָפּגעשאַצט. און טאַקע דערפֿאַר איז זיין באַציונג צום יידישן שכן געווען דורך און דורך אַ מענטשלעכע.

געווען געוויס פֿאַלן, ווען יידישע אַרענדאַרן האָבן באַעוולהט איינצעלנע פּויערים. געווען זיכער אויך פֿאַלן פֿון עקספּלואַטאַציע, און אפילו פֿון ברוטאַלער עקספּלואַטאַציע. דאָס איז אָבער ווייט ניט געווען דער כלל. על פּי רוב זיינען די באַציונגען צווישן די ישובניקעס און די פּויערים געווען שכנותדיקע און פֿריינד־לעכע. און גאָר ניט זעלטן האָבן די פּויערים זיך באַצויגן מיטן גרעסטן דרך ארץ און רעספּעקט צו די ישובניקעס.

בדרך כלל זיינען די ישובניקעס געווען פֿרומע און ערלעכע יידן. זיי האָבן אָפֿט געמוזט ברענגען גרויסע קרבנות כדי אויפֿצוהיטן יידישקייט אין דער היים און צו דערציען זייערע קינדער ווי יידן. זיי האָבן זיך אַ חוץ דעם אויסגעצייכנט מיט זייער צדקה און מיט זייער הכנסת אורחים, וואָס האָט ממש קיין גרענעצן ניט געהאַט. די פֿאָלקסטימלעכע טראַדיציע האָט געוווּסט, ווי שווער עס איז געווען פֿאַרן ישובניק צו לעבן ווי אַ ייד אין אַ ניט־יידישער וועלט און ווּ גרויס זיין זכות מוז זיין. האָט מען מחמת דעם געזוכט צווישן די ישובניקעס די שטילע און פֿאַרבאָרגענע צדיקים. און, באמת, געווען למד־וואָווניקעס צווישן די דאָרפֿסיידן. געווען וווּנדערלעכע פּערזענלעכקייטן צווישן זיי. עס איז אפילו אַ טעות, אַז דאָס רוב ישובניקעס זיינען געווען עם הארצים. מען וואָלט געקענט אויפֿציילן אַ היפּשע צאָל לומדים און גרויסע תלמידי חכמים צווישן די דאָרפֿסיידן. אַ דאָרפֿס־ייד איז, למשל, געווען דער פֿאָטער פֿון ר׳ ישראל בעל שם טוב; אַ קינד פֿון אַ דאָרפֿישן ישוב איז אויך געווען שלמה מיימון. באַזונדערס מערקווערדיק אָבער איז די געשיכטע פֿון ר׳ ישעיה זוכאָוויצער, אַ דאָרפֿסייד, אַ תלמיד חכם און אַ פֿאַרבאָרגענער צדיק.

ר׳ ישעיה זוכאָוויצער האָט געהערט צו דעם דור פֿון ישראל בעל שם טוב און דעם גאון פֿון ווילנע. די גרויסע וועלט האָט וועגן אים לפֿי ערך ווייניק געוווּסט. ער איז געווען אַ פּערזענלעכער פֿריינד פֿון דעם גאון און ער פֿלעגט זיך

מיט אים, ווייזט אויס, עפּטער באַגעגענען. ער איז ניט געווען קיין מנהיג פון זיין דור און מען האָט כמעט גאָר ניט געוווּסט וועגן זיין לומדות. נאָך זיין פּטירה אָבער האָט דער גאון געריסן קריעה, האָט אים מספיד געווען און האָט דערציילט וועגן זיין גרויסקייט אין תורה און צידקות.

געלעבט האָט ר׳ ישעיה אין דאָרף זוכאָוויץ, ניט ווייט פון מיר, אַ שטעטל אין ווייסרוסלאַנד, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן מיט איר גרויסער ישיבה. אויפן בית עולם אין מיר האָט ר׳ ישעיה אויך געפונען זיין לעצטע רו. אויף זיין מצבה זיינען געווען אָנגעשריבן די פּשוטע ווערטער: דאָ ליגט באַהאַלטן דער חסיד ר׳ ישעיה, דער זון פון ר׳ מרדכי, וואָס האָט פאַרלאָזן אונדזער וועלט כ׳ תשרי פון יאָר תקכ״א (1760). דער טעקסט פון דער מצבה איז געווען איבער־געדרוקט אין ״הצפירה״ פון יאָר 1899, דאָס הייסט הונדערט און פערציק יאָר נאָכן טויט פון ר׳ ישעיהן.

פּשוטע ווערטער, אַזוי איז געווען, האָט דאָס פאָלק דערציילט, דער ווילן פון דעם צדיק. ביסלעכווייז האָט זיך אָלץ ווייטער פאַרשפּרייט די לעגענדע וועגן ר׳ ישעיה דעם נסתר, ר׳ ישעיה דעם למד־וואָווניק.

אויסגעצייכנט האָט זיך ר׳ ישעיה זוכאָוויצער מיט זיין פּשטות, זיין אויסער־געוויינטלעכער ערלעכקייט, מיט זיין צדקה און מיט זיין הכנסת אורחים. ניט נאָר יידן, אויך די גאַנצע ניט־יידישע באַפעלקערונג פון דער געגנט האָט אים פאַר־הייליקט. דורות און דורות שפּעטער, נאָך אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, פלעגן די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער דערציילן די וווּנדער פון דעם צדיק ר׳ ישעיה.

און פאַרשפּרייט איז געווען צווישן די פּויערים דער גלויבן, אַז ווו ר׳ ישעיה טרעט אַרויף מיט זיינע פיס, דאָרט ווערט די ערד געבענטשט, איז אַ מזל ברכה אין דער געגנט. עניש ״גדיע שאַיאַ כאַדזיע, טאָם זשעטאַ סיען ראָדזיע״ — ווו שאַיע גייט, דאָרט איז די תבואה געראָטן, איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל צווישן די דאָרפסלייט. אָבער ווי מאַכט מען, אַז ר׳ ישעיה זאָל מיט אַ מאָל זיך דורכ־שפּאַצירן אויף אַ פרעמד פעלד?

האָבן די פּויערים געפונען אַן עצה. פון צייט צו צייט פלעגן זיי פאַרטרייבן ר׳ ישעיהס אַ בהמה אויף זייער פעלד. ווי ר׳ ישעיה פלעגט נאָר געוווּיר ווערן, פלעגט ער תיכף לויפן אָוועקנעמען די בהמה, זי זאָל קיינעם, חס ושלום, קיין שאָדן ניט ברענגען. דער פרומער ר׳ ישעיה וועט דאָך ניט לאָזן זיינע בהמות זיך פּאַשען אויף פרעמדע פעלדער! דערווייל אָבער האָט דער פּויער זיין ציל דער־גרייכט. דער צדיק איז געווען אויף זיין פעלד.

און אָט דער ר׳ ישעיה איז געווען אַ דאָרפסייד, אַ פאַרמעגלעכער אַרענדאַר און ממילא אַן ״עקספּלואַטאַטאָר״. זיינע קריסטלעכע שכנים, די פּויערים, האָבן פון דעם אָבער גאָרניט געוווּסט און זיי האָבן אים פאַרהייליקט.

ר׳ ישעיה האָט געהאַט אַ גרויסע בראָנפן־ברענערײ (גוראַלניע). איין מאָל, ווערט דערציילט, ס׳איז געווען ערב פּסח און ר׳ ישעיה האָט ניט באַוויזן צו

פאַרקויפֿן דעם חמץ אין צייט. האָט ער אויף גיך געהייסן אויסלײדיקן די ברויז, אַרויסטראָגן די פעסער מיטן בראָנפֿן און זיי לאָזן אויפֿן פעלד אויף הפקר. ר׳ ישעיה וועט קיין חמץ ניט האַלטן איבער פּסח, אפילו ער זאָל פֿאַרלירן זיין גאַנץ פֿאַרמעגן. די פעסער זיינען, פֿאַרשטייט זיך, געוואָרן גיך אויסגעליידיקט... אויף מאָרגן נאָך יום־טוב האָט ר׳ ישעיה די לערע פעסער אַריינגענומען צוריק צו זיך אין ברויז. ווי פֿאַרוווּנדערט זיינען אָבער אַלע געווען, ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פעסער זיינען ווידער געווען פול מיט משקה.

ר׳ ישעיה האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט אָפּהיטן די מיצווה פֿון צדקה און הכנסת אורחים. זיין הויז איז געווען אָפֿן פֿאַר אַלעמען. אַ דורכגייער, אַן אורח, פֿלעגט דאָ קענען ניט נאָר אָפּעסן, נאָר אויך איבערנעכטיקן, און ר׳ ישעיה פֿלעגט אים אפילו מיטגעבן אַ שיינע נדבה אויפֿן וועג.

האָט זיך ווער געניייטיקט אין אַ גמילות חסד, האָט מען אויך געוווּסט אַז ר׳ ישעיה וועט ניט אָפּזאָגן. אַ מאָל, דערציילט מען, איז אַ גאַנץ פֿרעמדער ייד געקומען צו ר׳ ישעיה וועגן אַ גמילות חסד. פֿרעגט אים ר׳ ישעיה: ווער קען אייך? אפשר האָט איר עמעצן, וואָס זאָל פֿאַר אייך גאַראַנטירן? ענטפֿערט אים דער ייד, איך בין דאָ אַ פֿרעמדער. איך האָב דאָ ניט קיין פֿריינד און קיין באַקאַנטע, וואָס זאָלן פֿאַר מיר קענען ערב זיין, בלויז איין גאָט אין הימל. האָט דער ייד מיט טרערן אין די אויגן זיך אָנגערופֿן, ווייס מיין ערלעכקייט און ער קען פֿאַר מיר ערב זיין!

— איר דאַרפֿט ניט קיין בעסערן זשיראַנט, האָט ר׳ ישעיה געזאָגט און ער האָט דעם יידן געגעבן דעם גמילות חסד. אין אַ צייט אַרום איז דער ייד געקומען צו ר׳ ישעיהן אָפּצאָלן דעם חוב. גאָט האָט מיר געהאָלפֿן, האָט ער געזאָגט, איך האָב מצליח געווען אין מיינע געשעפֿטן. און דאָ האָט איר צוריק אייערע טויזנט רענדלעך. האָט ר׳ ישעיה זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס געלט. אייער זשיראַנט — האָט ער געטענהט — האָט מיר שוין באַצאָלט דעם גאַנצן חוב:

"אין דעם טאָג, ווען איך האָב אייך געגעבן די הלוואה, האָט אייער ערב, זיין ליבער נאָמען, מיר צוגעשיקט אַ מסחר, פֿון וועלכן איך האָב פֿאַרדינט טויזנט רענדלעך. און דאָס האָב איך פֿאַררעכנט אויף אייער חוב. קען איך נאָך אַ מאָל דאָס געלט ניט נעמען". דער ייד איז אָבער געווען באַשטאַנען, אַז ער וויל דווקא אַליין באַצאָלן זיין חוב. זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געדונגען, ביז ס׳איז ביי זיי ביידן געבליבן, אַוועקצוגעבן די טויזנט רענדלעך אויף צדקה.

ר׳ שמעון קאַפּטאַן, דער למדן וואָוניק פֿון ווילנע

אַרום דרייסיק יאָר האָט ער פֿאַרבראַכט אין ווילנע. אַלע האָבן אים געקענט. יידן און ניט־יידן האָבן זיך צו אים באַצויגן מיטן גרעסטן רעספּעקט. און דאָך

איז ער פאַר אַלעמען געבליבן אַ רעטעניש און קיינער האָט אים נענטער ניט געקענט. זיין ליבע צום מיטמענטשן האָט ניט געהאַט קיין גרענעצן און פונקט אַזוי האָט די גאַנצע שטאָט אים פאַרהייליקט, און דאָך איז ער געווען אַליין.

געהייסן האָט ער שמעון שליזגאַל, אָבער גערופן האָט מען אים — ר׳ שמעון קאַפּטאַן, אָדער שימעלע קאַפּטאַן, צוליבן אַלטן קאַפּטאַן, וואָס ער פלעגט טראָגן זומער און ווינטער. ער האָט פאַר זיך אַליין כמעט ווי גאָרניט געדאַרפט און האָט קיינמאָל ביי קיינעם גאָרניט פאַרלאַנגט. שטאָלץ איז מיט אים געווען די שטאָט פון לומדים און גאונים, און ווען זיין לעבנסוועג האָט זיך פאַרענדיקט, האָט גאַנץ ווילנע געטרויערט און אַ גאַנצע שטאָט האָט זיך אויפגעהויבן אים אָפּצוגעבן זיין לעצטן כבוד. אַ רייע רוסישע צייטונגען האָבן דאַן געגעבן גרעסערע באַריכטן און אַרטיקלען וועגן זיין לעבן און וועגן דעם גרויסן כבוד, וואָס ווילנע האָט אים אָפּגעגעבן אויף זיין לעצטן וועג. אין ״קול מבשר״, דער איינציקער יידישער וואָכנשריפט, וואָס איז דעמאָלט דערשינען, אין דעם נומער 21 פון יאָר 1865, לייענען מיר:

> ״דער דאָזיקער מאַן איז ניט געווען קיין רב, קיין דיין, קיין באַרימטער למדן, קיין ליטעראַט, קיין געלערנטער, קיין עושר, קיין פּוסטער מיוחס, קיין גוטער ייד, קיין בעל מופת, אפילו ניט קיין אייניקל, דווקא אַ פּשוטער מענטש...״

און דאָך, גיט צו דער ״קול מבשר״, וועט זיין שם טוב איבערלעבן אַ סך, וואָס פאַרן אין גרויסע קאַרעטעס... גאַנץ אַלטע באַלעבאַטים אין ווילנע קענען זיך ניט דערמאָנען אַזאַ לויה מיט אַזאַ כבוד, ווי דער מענטש האָט געהאַט. און אַזוי האָבן וועגן אים אויך געשריבן העברעישע צייטונגען, וואָס זיינען דעמאָלט דערשינען.

שמעון שליזגאַל, ווי ער האָט געהייסן פון דער היים, איז געבוירן געוואָרן אין אַ ישוב אין דער געגנט פון אָשמינע. לויט אייניקע ידיעות איז זיין פאָטער געווען אַ פאַרמעגלעכער ייד און אַ גרויסער בעל צדקה. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ יורד. שמעון קאַפּטאַן אַליין האָט געאַרבעט ווי אַ וויינער (אַ בראָנפנמאַכער) אין אַ גוראַלניע. ער האָט זיך דאָ אויסגעצייכנט מיט זיין גרויסער ערלעכקייט. צו עטלעכע און דרייסיק יאָר האָט אים געטראָפן אַ שווערער פערזענלעכער אומגליק. אין אַ קורצער צייט זיינען אים אַוועקגעשטאָרבן די פרוי און די קינדער און ער איז פאַרבליבן איינגאַנצן אַליין. טיף דערשיטערט פון דעם אומגליק איז שמעון קאַפּטאַן געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ער האָט איינגאַנצן אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיך, וועגן זיין פערזענלעך לעבן. ער האָט אויך ניט געקענט בלייבן אויף זיין אַלטן פלאַץ און בערך אין יאָר 1835 איז ער אַוועק קיין ווילנע.

דאָ אין ווילנע איז ער אָנגעקומען אויף אַ פאַבריקל, וווּ מען פלעגט פאַברי־צירן שמעקטאַבאַק. איבערשלאָפן די נאַכט פלעגט ער אין בית מדרש אויף אַ באַנק. האָט ער אויף זיך גענומען די מיצווה, פון זיינע אָרעמע פאַרדינסטן צו

באַזאָרגן נויטבאַדערפטיקע פאַמיליעס מיט ליכט אויף שבת. ביסלעכווייז האָט ער זיך אַלץ מער אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט באַזאָרגן די פאַרשיידנסטע נויטבאַדערפטיקע: יתומים, אָרעמע אלמנות, קימפּעטאָרינס. זיינע אייגענע פאַרדינסטן האָבן אים מער ניט געקלעקט. האָט ער זיך גענומען זאַמלען נדבות. דעם גאַנצן טאָג פלעגט ער אַרומוואַנדערן איבער ווילנער גאַסן, זאַמלען און פאַרטיילן נדבות. בײנאַכט פלעגט ער אַרבעטן צו פאַרדינען דאָס נייטיקע פאַר זיך.

די ערשטע צייט האָט זיך דער עולם צו אים באַצויגן מיט אַ געפיל פון ביטול. ביסלעכווייז אָבער איז דער דרך ארץ צו אים אַלץ מער געשטיגן און קיינער האָט שמעון קאַפּטאַנען ניט אָפּגעזאָגט. אין אַ סך געשעפטן זיינען געווען אויסגעהאַנגען פּושקעס מיט דער אויפשריפט: „צדקה פאַר שמעון קאַפּטאַן".

דאָס בילד פון דעם „בעטלער" שמעון קאַפּטאַן האָט זיך טיף איינגעקריצט אין דעם זכרון פון זיין דור. וועגן חפץ חיים ווערט דערציילט, אַז ער פלעגט אָפט דערמאָנען דעם צדיק ר' שמעון, ווי ער פלעגט אַרומגיין מיט דער גרויסער צדקה־פּושקע איבער די ווילנער גאַסן און פלעגט מיט אַן אומעטיקן ניגון אויסזינגען די ווערטער:

ווער עס גיט אַ גראָשן געלט
דער האָט די אייביקע וועלט

אין גאַר אַ סך פּרטים כאַראַקטעריסטיש איז דאָס ליד וועגן אים פון אַ באַקאַנטן פּוילישן דיכטער, וואָס י.ל. פּרץ האָט איבערגעזעצט אונטערן נאָמען „דער יידישער קוועסטאַר". מיר ברענגען דאָ אייניקע אויסצוגן:

מען זעט אים טאָג־טעגלעך שוין אַ דרייסיק יאָר,
מיט זיין טרויעריק פּנים און די פייכטע אויגן,
מיט זיין שלאַנקן וווקס, קיילעכיק געבויגן,
און דער לאַנגער באָרד מיט פאַרגרויטע האָר.
מען קען גוט זיין קאַפּטאַן, אייַן גאָט ווייסט ווי לאַנג...
— — — — — — — — — — — — — — —
פון אַ בלאָטע אַרויס אין אַ בלאָטע אַריין,
מיט אַ בלעכענער גרויסער פּושקע אין דער האַנט,
ער קלינגט מיט איר: „אַ האַלבן גראָשן וואַרפט אַריין!"...
פאַר געמיינע לייט, ביי געמיינע לייט
בעט ער האַלבע גראָשן, קיינער זאָגט ניט אָפּ...
— — — — — — — — — — — — — — —
נאָך דעם זעט מען אים אויף בוידעם און אין קעלער
ווו די אָרעמע נדבות — ער אָרעמע פאַרטיילט!
ווו נאָר דלות וווינט, ווו עס קרענקט אַ פעלער,
קינדער וויינען — ברויט, ווו נאָר הונגער ווײלט...

דאָרטן איז ער דאָ, טיילט שוין האַלבע גראָשן,
ער הערט נישט אויס קיין דאַנק, רעדט מיט קיינעם פיל,
כאָטש מען זאָגט שוין לאַנג: אַ ייד איז אַן געפיל.

———————————

דער פוילישער מחבר האָט, ווייזט אויס, אַ סך געהערט אין זיין סביבה וועגן יידישער קאַלטקייט, הגם אונדזערע קריסטלעכע שכנים האָבן גראָד געוווּסט, ווי יידן צייכענען זיך אויס מיט זייער רחמנות. דער דיכטער פאַרענדיקט זיין ליד מיט די ווערטער:

און איבער "הונדערט" יאָר וועלן זיך אַלע שלאָגן,
ווער עס זאָל די מיטה אויף די אַקסלען טראָגן,
און עס וועלן לויפן שוואַרצע, גרויע בערד,
אַלע וועלן וויינען, אַלע גיסן טרערן
און מען וועט אים שיטן ירושלים ערד
און עס וועט אַ נייע שורה הייליק ווערן.

זיינע "קינדער" זיינען געווען די לערנער, די אָרעמע ישיבה־ייִנגלעך און ישיבה־בחורים, וועלכע פלעגן קומען אין דער גרויסער שטאָט ווילנע צו לערנען תורה. זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען, ווען ער פלעגט קומען אין ר'מיילעס ישיבה און גרייטן דעם טיש פאַר די "אָרעם־בחורים". זיין באַליבטער מאכל איז געווען ברויט מיט קעז, פלעגט ער דעם מאכל אויך עפטער צוגרייטן פאַר זיינע "קינדער". אַ חוץ עסן פלעגט ער די לערנער פון צייט צו צייט אויך באַזאָרגן מיט אַ בגד און מיט אַלע אַנדערע זאַכן, אין וואָס זיי האָבן זיך גענייטיקט.

צענדליקער טויזנטער גילדן פלעגט ער פאַרטיילן יאָר איין און יאָר אויס. דאָס איז אין יענער צייט געווען אַ פאַרמעגן. הונדערטער און הונדערטער משפחות זיינען דורך אים געהאָלפן געוואָרן. און דאָס אַלץ איז געשען אויף אַזאַ אופן, אַז קיינער האָט כמעט ניט געוווּסט.

אין דעם שוין פריער ציטירטן אַרטיקל פון "קול מבשר" לייענען מיר: "כאָטש ער איז שוין אַלט געווען, פלעגט ער תמיד אַרומלויפן. ער האָט געזאַמלט נדבות. אָפּגעטראָגן זיינע יידישע אָרעמעלייט, איז געגאַנגען מבקר חולה זיין, האָט אָפּגעזוכט זיינע אביונים... די גאַנצע שטאָט ווילנע האָט זיך ניט געקענט פאַרחידושן, ווי ווייט דער מענטש האָט זיך מקריב געווען פון אָרעמע לייטס וועגן... אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען געזונט, האָט ער געאַרבעט אין אַ טאַבאַטשנער פאַבריק דורך די נעכט און דערפון האָט ער זיך דערנערט. אין די לעצטע יאָרן, אַז ער האָט שוין ניט געקענט פאַרדינען און האָט געליטן הונגער, האָבן גוטע מענטשן אונטערשטיצט דעם ערלעכן אַלטן. מען האָט אים געדונגען אַ ווינקעלע אין שכנות אויף אַ נאַכטלעגער און דאָרט טאַקע האָט מען אים באַשטעלט אַן אָרעם שטיקל וואַרעמס... זומער און ווינטער איז ער תמיד געגאַנגען אין

לייוונטענע אָרעמע קלײדער. אַז עס האָט זיך אַ מאָל געטראָפן, אַז עמעצער האָט אים געשענקט אַ גוטן קאַפּטאַן, האָט ער אים באַלד פֿאַרקױפֿט, האָט זיך געקויפט א וואָלוול מלבוש פון גראָבער לייוונט און דאָס איבעריקע האט ער צוטיילט די אָרעמעלייט".

קורץ פאַר זיין פטירה, ווערט דערציילט, איז ר' שמעון קאַפּטאַן געקומען אין ר'מיילעס קלויז און האָט פאַרבראַכט מיט "זיינע" ישיבה-בחורים. ביים אַוועקגיין האָט ער זיך מיט זיי געזעגנט און האָט זיי געזאָגט, אַז מער וועלן זיי זיך שוין מסתמא ניט זען. ער איז דאַן אַוועק צו זיך און אויף מאָרגן איז ער שוין ניט געווען. געשטאָרבן איז ער דעם לעצטן טאג פסח פון יאָר תרכ"ה (1865).

דער אָנדענק פון ר' שמעון קאַפּטאַן איז געוואָרן פאַרהייליקט אַלץ מער און מער און אָרום זיין וווּנדערלעכער געשטאַלט זיינען געשאַפן געוואָרן אַ רייע פאָלקסמעשיות און לעגענדעס.

ניט געווען אין ליטע קיין קולט פון פערזענלעכקייטן, ווי עס האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקלט אין דער חסידישער וועלט. צו וואָס שאַפן לעגענדעס, צו וואָס כסדר דערציילן וווּנדער-געשיכטעס פון רבנים, ווען דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן איז אַזוי פול מיט לעגענדע, פול מיט וווּנדער? דער חסידישער ייד האָט ליב אַ שיינע מעשה, דער "טרוקענער" ליטוואַק אָבער פרעגט גלייך: איז עס טאַקע אַן אמתע געשיכטע, אַ מעשה שהיה? אַפילו אָרום דער געשטאַלט פון דעם ווילנער גאון, די גרעסטע פערזענלעכקייט, וואָס דאָס ליטווישע אידנטום האָט אַרויסגעגעבן, זיינען קיין סך לעגענדעס ניט געשאַפן געוואָרן. מען האָט אַן אַ שיעור דערציילט וועגן דעם גאונס חידושים אין תורה, ס'איז אָבער קיינעם ניט איינגעפאַלן צו דערציילן ניסים ונפלאות וועגן דעם גאונס לעבן.

אָט אַזוי זיינען זיי געווען, אָט די ליטווישע יידן, די לומדישע מתנגדים. האָט זיך מחמת דעם אפילו אויך ניט געשאַפן קיין קולט אָרום דער מערקווערדיקער געשטאַלט פון ר' שמעון קאַפּטאַן. ווילנע האָט אים באַוווּנדערט, ווילנע האָט אים פאַרהייליקט; פאַר קיין "גוטן יידן" האָט מען די איידלסטע פערזענלעכקייט, וואָס די יידישע ווילנע האָט דעמאָלט פאַרמאָגט, ניט געמאַכט. אַזוי איז שימעלע קאַפּטאַן געבליבן דער שטילער למד-וואָווניק, ער איז כמעט ווי ניט "נתגלה" געוואָרן, און דער סוד פון זיין לעבן איז מיט אים אַוועק אין דער אייביקייט.

איז ממילא די קאַפּטאַן-לעגענדע ניט אַזוי רייך אַן פאַרבן. ס'רוב האָבן ווילנער יידן וועגן אים דערציילט אמתע מעשיות, אפשר אַ ביסעלע באַרייכערט פון דער פאָלקס-דיכטערישער פאַנטאַזיע. די קאַפּטאַן-לעגענדע איז געווען דער לעבעדיקער שמעון קאַפּטאַן, און די וווּנדער פון אָט דעם ליטווישן גוטן-יידן זיינען געווען זיינע גוטע מעשים.

שימעלע קאַפּטאַן מיט זיין גרויסער צדקה-פּושקע איז געוואָרן אַ סימבאָל. ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט דער אַלטער שמעון אַרומגיין איבער די גאַסן און הויפן פון ווילנע און קלייבן נדבות. אָבער מערקווערדיק, ער פלעגט קיינמאָל

ניט אַנקלאַפּן אַליין אין אַ טיר, כדי צו בעטן אַ נדבה. ווער ווייס, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אפשר קען יענער גאָר קיין נדבה ניט געבן. אפשר איז ער גאָר אַליין אַן אביון, טאָר מען אים ניט פֿאַרשעמען!

ר׳ שמעון קאַפּטאַן האָט מיט דער גרעסטער זאָרג אָפּגעהיט דעם כבוד פֿון זיינע שטאָטלייט, סיי ווען ער האָט געבעטן צדקה, סיי ווען ער האָט פֿאַרטיילט צדקה. ער פֿלעגט זיך קיינמאָל ניט איינקוקן, ווען עמיצער פֿלעגט צוגיין אַריינ־וואַרפֿן אַ מטבע אין פּושקע. עס איז פֿאַר אים ניט געווען קיין אונטערשייד צי מען וואַרפֿט אַריין אַ גרעסערע צי אַ קלענערע נדבה. ער פֿלעגט אפילו ניט אַכטונג געבן, ווען עמיצער האָט אויסגעביטן אַ גרעסערע מטבע אויף קליינגעלט, כדי צו געבן אַ נדבה. ווען מען האָט אים געפֿרעגט: ״ר׳ שמעון, סטייטש, עס קען דאָך גרייִלעך פּאַסירן, אַ מענטש זאָל גאָר נעמען צוריק מער, וויפֿל ער האָט געגעבן?״ פֿלעגט ר׳ שמעון ענטפֿערן:

״אַן ערלעכער ייִד וועט דאָך אַזאַ זאַך ניט טאָן, און אויב עס וועט יאָ אַ מאָל פּאַסירן, איז דאָך דאָס טאַקע אַ סימן, אַז דער ייִד נייטיקט זיך, אַז ער האָט ניט אויף ברויט, טאָ זאָל ער נעמען, דאָס געלט איז דאָך פֿאַר צדקה!״

מיר ווייסן ניט, צי שמעון קאַפּטאַן האָט געקענט לערנען. אין איין שרייבן וועגן אים ווערט דערציילט, אַז ער איז געווען אַ פּראָסטער ייִד. עס איז יעדנפֿאַלס זיכער, אַז ער האָט כמעט קיין צייט אויף לערנען ניט אָפּגעגעבן. זיין גאַנצער טאָג איז געווען פֿאַרנומען מיט איין זאַך — מיט צדקה, מיט העלפֿן אָרעמע און מיט באַזאָרגן ״זיינע קינדער״, די ישיבה־בחורים פֿון ר׳ מיילעס ישיבה און דעם גאונס קלויז.

ר׳ שמעון האָט, נאַטירלעך, שטרענג אָפּגעהיט ייִדישקייט. ווי האָט עס דען אַנדערש געקענט זיין?! עס פֿלעגט אָבער אַ מאָל פּאַסירן, אַז כדי צו העלפֿן אַ נויטבאַדערפֿטיקן אָדער אַ קראַנקן, פֿלעגט ער אויף געוויסע זאַכן ווייניקער אַכטונג געבן, אַזוי, למשל, ווערט דערציילט:

אַ מאָל האָט ר׳ שימעלע געטראָגן אום שבת עפּעס אַ זאַך אונטער די קליידער פֿאַרשטעקט. אַ ייִד האָט דאָס באַמערקט און האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט. נאָר ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט געשוויגן. איז דער ייִד אים נאָכגעגאַנגען און האָט אים נאָך אַ מאָל געפֿרעגט... דעמאָלט ערשט האָט אים ר׳ שימעלע געענטפֿערט: ״אין אַ מיר באַקאַנט הויז איז דאָ אַ קימפּעטאָרין, בין איך געוויר געוואָרן, אַז זי האָט שוין דעם צווייטן טאָג ניט געהאַט קיין עסן, ברענג איך איר אַ הון״.

ר׳ שמעון איז אַ מאָל געוויר געוואָרן וועגן אַן אָרעמען בעל מלאכה, וואָס האָט זיך געזעצט שבעה און אין שטוב איז אפילו אויף ברויט ניט געווען. בכלל איז געווען פֿאַרשפּרייט דער מינהג, אַז די שכנים פֿלעגן אין דער וואָך פֿון שבעה, ווען דער אבל האָט ניט געטאָרט גיין אַרבעטן, אַרויסהעלפֿן מיט אַלץ, וואָס איז געווען נייטיק. אין ווילנע איז פֿאַר דעם צוועק אפילו געווען אַ ספּעציעלע חברה ״ניחום אבלים״. געווען אָבער פֿאַלן, ווען מענטשן פֿלעגן זיך שעמען צו דערציילן

וועגן זייער נויט. איז ר׳ שמעון געווען געבענטשט מיט דעם באַזונדערן חוש אויסצוגעפינען די שטילע און שעמעוודיקע נויטבאַדערפטיקע און ער איז אויך געווען אַ קינסטלער אין דעם אופן ווי ער האָט זיי געהאָלפן.

געוויר געוואָרן פון דער געשיכטע וועגן דעם אָרעמען בעל מלאכה, האָט ער תיכף איינגעקויפט עסנוואַרג אויף אַ גאַנצער וואָך, האָט עס אַריינגעטאָן אין אַ זאַק און איז אַוועק צו דעם אָרעמאַן אהיים אים מנחם אבל זיין. ער האָט פאַר־בראַכט ביים אבל אַ שטיקל צייט, איז דאָן שטילערהייט אַרויס און דעם זאַק מיט עסנוואַרג האָט ער איבערגעלאָזן.

דערציילט האָט מען אין ווילנע, אַז אַפילו אין אַ תענית פלעגט ר׳ שמעון בלייבן מיט זיין צדקה־פושקע אין גאַס, וואָרים דווקא אין אַ טאָג פון אַ תענית מוז מען דאָך יידן דערמאָנען צו געבן צדקה און צו זאָרגן פאַר נויטבאַדערפטיקע.

איינע פון די מערקווערדיקסטע געשיכטעס, וואָס מען פלעגט דערציילן אין ווילנע, איז די מעשה ווי ר׳ שמעון קאַפּטאַן האָט פאַרקויפט זיין חלק עולם הבא. די דאָזיקע געשיכטע איז, ווייזט אויס, אין ווילנע געווען זייער פּאָפּולער. מיר איז יעדנפאַלס אויסגעקומען צו באַגעגענען אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַ־טור פאַרשיידענע וואַריאַנטן וועגן דעם, ווי דער צדיק ר׳ שמעון האָט אָפּגעגעבן זיין חלק עולם הבא פאַר צדקה. האָבן מיר דאָ צו טאָן בלויז מיט אַ לעגענדע, אָדער איז פאַראַן אַ קערנדל אמת אין דער געשיכטע? דערויף איז היינט שווער צו געפינען אַן ענטפער. עס איז יעדנפאַלס כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דער מתנגדישער ווילנע האָט אַזאַ לעגענדע געקענט געשאַפן ווערן. אפילו ירושלים דליטא האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון דעם כישוף פון ר׳ שמעון קאַפּטאַנס וווּנדערלעכער פערזענלעכקייט. לויט איין נוסח איז די געשיכטע פאַרגעקומען אויף אַזאַ אופן:

ר׳ שמעון איז אַ מאָל געקומען אין אַ פּלאַץ קלייבן נדבות פאַר זיינע לערנער. איז דאָרטן גראָד געווען אַ משכיל, אַ ווילער יונג, און עס האָט זיך אים פאַרוואָלט אַ ביסל חוזק מאַכן. רופט ער זיך אָפּ צו ר׳ שמעונען. איך גיב אייך הונדערט רובל אַ נדבה, אָבער נאָר מיטן תנאי, איר זאָלט מיר אָפּגעבן אייער חלק עולם הבא. ר׳ שמעון האָט לאַנג ניט געטראַכט און האָט אים געענטפערט: יע, איך פאַרקויף אייך.

— איך פאַרלאַנג אָבער, איר זאָלט מיר אונטערשרייבן; ס׳זאָל זיין אָפּגעמאַכט, ווי ס׳געהער צו זיין!

— איך בין מסכים — ענטפערט ר׳ שמעון. ער האָט גענומען און ער האָט אים געגעבן אַנגעשריבן אויף פּאַפּיר און געחתמט, אַז ער פאַרקויפט אים זיין חלק עולם הבא. דער משכיל האָט איהם דאָן אויסגעצאָלט די הונדערט רובל. ווען שטאָט איז געוויר געוואָרן, איז געוואָרן אַ טומל אין ווילנע. וואָס הייסט, אַ ייד פאַרקויפט זיין חלק עולם הבא?! איז מען געקומען מיט טענות צו ר׳ שמעונען. וואָס איז דער רעש — האָט ער געענטפערט — שמעון קאַפּטאַן קען קלייבן צדקה אָן עולם הבא אויך!

לויט אַ צווייטן נוסח האָט זיך די געשיכטע אָפּגעשפּילט אויף אַזאַ אופן:

אין דעם שטעטעלע באקשט, לעבן ווילנע, איז איינגעפאַלן די באָד. און גראָד האָט זיך געמאַכט אַ שווידערלעך קאַלטער ווינטער. און מען קען זיך ניט גיין טובל זיין אין טייך! און דאָ קומט נאָך צו אַ מגפה פון דיפטעריט. כמעט ניטאָ קיין יידיש הויז, וואָס איז געבליבן פאַרשאַנעוועט. דער עולם גלויבט, אז דאָס איז אַ שטראָף דערפאַר, וואָס מען פאַרלאָזט די מקווה, יידן קענען ניט אָפּהיטן קיין טהרת המשפחה. בלייבט ביי קהל, מ׳זאָל שיקן שלוחים קיין ווילנע, אפשר וועלן ווילנער גבירים אַרויסהעלפן.

אָבער ווילנע האָט אירע אייגענע צרות און אירע אייגענע אָרעמעלייט. האָבן די שלוחים פון באקשט (מ׳האָט באַדאַרפט גאַנצע דריי הונדערט רענדלעך) קיין געלט ניט געקראָגן. ווען ר׳ שמעון איז געוויר געוואָרן פון דער געשיכטע, איז ער אַוועק צו די באקשטער יידן און האָט צו זיי געזאָגט: פאַרבלייבט נאָך אַ פּאָר טעג, ביז איבער שבת, אפשר וועל איך אייך קענען העלפן.

שבת אינדערפרי איז ר׳ שמעון אַוועק אין דער גרויסער שול דאַוונען. פאַר קריאת התורה איז ער ארויף אויף דער בימה און ער האָט אויסגערופן, אַז ער גיט אָפּ זיין גאַנצן חלק עולם הבא פאַר יענעם, וואָס וועט געבן דאָס געלט צו פאַרריכטן די מקווה אין באקשט. אין שול איז געוואָרן אַ טומל: אַ קלייניקייט, ר׳ שמעון גיט אָפּ זיין גאַנצן חלק עולם הבא!

תיכף איז אַרויף אויף דער בימה איינער פון די ווילנער גבירים, איז צוגעגאַנגען צו ר׳ שמעונען און האָט ביי אים גענומען אַ תקיעת כף, אַז ער גיט אים אָפּ זיין חלק עולם הבא, אויב ער איז אים מנדב די דריי הונדערט רענדלעך. דער גאַנצער עולם איז געוואָרן פאַרציטערט... און שטאָט האָט ניט גערוט.

אויף מאָרגן האָט מען ר׳ שמעונען גערופן אין בית דין שטיבל. ווען מען האָט אים געפרעגט: ווי פאַרקויפט עס אַ ייד זיין חלק עולם הבא? האָט ער מיט אַ שמייכל געענטפערט: ״זייט ניט באַזאָרגט, יידן: שמעון קאַפּטאַן קען דינען גאָט אָן עולם הבא אויך״. און אין דער רגע — האָט מען אין ווילנע דערציילט — איז די מגפה אין באקשט איינגעשטילט געוואָרן.

דבורה אסתר

דבורה אסתר איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1817. איר פאָטער האָט געהאַלטן אַן אכסניה און איז געווען אַ ייד אַ למדן. זי האָט גאָר יונג חתונה געהאַט, ווי ס׳איז געווען דער שטייגער אין יענער צייט, און פון אירע באַשיידענע פאַרדינסטן פלעגט זי גאָר אַ באַדייטענדן טייל אָפּגעבן אויף צדקה, דער עיקר — מתן בסתר פאַר פאַראָרעמטע פאַמיליעס. אַ חוץ דעם פלעגט זי אויך אַרויסהעלפן די לערנער אין די בתי מדרשים. מיט קיין אייגענע קינדער האָט איר גאָט ניט געבענטשט. האָט דבורה אסתר זיך מער און מער אָפּגעגעבן מיט העלפן אַנדערע.

די אָנגענומענע פאַרשטעלונג, אַז פרויען האָבן אין יידישן לעבן כמעט קיין שום ראָל ניט געשפּילט, איז דורך און דורך פאַלש. עס איז דער גרעסטער אומזין, ווען מען רעדט און מען שרייבט ביי אונדז, אַז די יידישע פרוי איז געווען מחויב אָפּצוהיטן ניט מער ווי דריי מיצוות. אין דעם פּרק "במה מדליקין" ווערט, אמת, דערמאָנט, ווי וויכטיק עס איז, פרויען זאָלן זיין אָפּגעהיט בנוגע די געבאָטן פון חלה, נדה און אָנצינדן שבת ליכט. האָבן אייניקע מאָדערנע שרייבער דערפון געדרונגען, אַז מיטן אויסנאַם פון די דערמאָנטע דריי געבאָטן איז די יידישע פרוי פּטור פון אַלע מיצוות. דער אמת איז, אַז די יידישע פרוי האָט אויף זיך גענומען גאָר אַ היפּשן פּעקל פון מיצוות. אפילו די מיצווה פון לערנען תורה האָבן די פרויען פּראַקטיש אָפּגעהיט. די יידישע פרוי איז געווען אַ פרוי מיט גרויסע אַמביציעס, אַמביציעס פאַר זיך און נאָך מער פאַר אירע קינדער. זי האָט אַ סך געהאָלפן אין דער שווערער מלחמה פאַר פרנסה, זי האָט זיך באַמיט צו העלפן פאַרדינען אויף חיונה אויף דער וועלט און צו פאַרדינען אַ חלק עולם הבא אויף יענער וועלט.

און די יידישע פרוי האָט אויך געהאַט די אַמביציע און די מעגלעכקייט זיך צו באַטייליקן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, באַזונדערס וואָס איז שייך צדקה. די מיצווה פון צדקה האָבן די יידישע פרויען מקיים געווען ניט נאָר ביחידות, נאָר אויך בציבור. אין אַ רייע שטעט זיינען אויך געווען ספּעציעלע פרויען חברות, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אונטערשטיצן אָרעמע כלות און קימפּעטאָרינס. געווען אַ חוץ דעם איינצעלנע פרויען, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די אַרבעט פון גאַנצע חברות. און אַזאַ אינסטיטוציע פאַר זיך איז געווען דבורה אסתר.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז מיט אירע אייגענע באַשיידענע מיטלען האָט דבורה אסתר קיין סך ניט געקענט אויפטאָן. וואָס מער זי האָט געפּרובירט העלפן, אַלץ מער האָט זי זיך באַקענט מיט דער יידישער נויט, אַלץ מערער איז מען צו איר געקומען נאָך הילף. איז ביי אַ בעל עגלה געפאַלן אַ בהמה; האָט זיך געמאַכט אַ שׂרפה אין שטאָט; האָט, חס ושלום, פּאַסירט אַן אומגליק אין אַ שטעטל לעבן ווילנע — איז מען געקומען צו דבורה אסתרן. און דבורה אסתר האָט קיינעם ניט אָפּגעזאָגט, פלעגט זי זיך אַרויסלאָזן אין מאַרק, אויפן שולהויף זאַמלען נדבות. אָפּטמאָל פלעגט זי אָנטאָן אירע יום־טובדיקע בגדים און מיט אַ פּאַטשיילקע אין האַנט פלעגט זי גיין פון קראָם צו קראָם קלייבן נדבות פאַר אַ וויכטיקער צדקה. קיינער האָט דבורה אסתרן ניט אָפּגעזאָגט. ס'איז גאָר געווען אַ זכיה צו געבן דבורה אסתרן אַ נדבה.

און דבורה אסתר האָט איר פּאַרצווייגטע צדקה־אַרבעט געפירט מיט אַן אַ שיעור ליבע, אָבער אויך מיט חשבון. זי האָט געהאַט באַזונדערע קעשענעס פאַר פאַרשיידענע צדקות: איין קעשענע פאַר אָרעמע כלות, אַ צווייטע פאַר הלוואות (אָן פּראָצענט, נאַטירלעך), אַ דריטע פאַר אַנדערע צדקות. דאָס געלט פון די פאַרשיידענע צדקות פלעגט זי קיינמאָל ניט פאַרמישן. דער עיקר האָט זי זיך אינטערעסירט מיט גמילות חסדים, העלפן אַ מענטשן זיך אַליין שטעלן אויף די

פיס. גאָר אַ סך יידן אין ווילנע האָבן איר געהאַט צו פאַרדאַנקען, אויב זיי זיינען ניט אַראָפּגעזונקען צום שטאַנד פון אָרעמע בעטלער.

מיט דער צייט האָט דבורה אסתר געפונען אַ צאָל מיטאַרבעטער, מענער און פרויען וואָס האָבן איר געהאָלפן אין איר שווערער און איבערגעגעבענער אַרבעט. איר אייגענע פרנסה, דאָס פאַרקויפן געבעקס, האָט זי איינגאַנצן אָפּגעלאָזן און אַלע אירע כוחות האָט זי אָפּגעגעבן אויסשליסלעך פאַר צדקה און גמילות חסדים.

די ערשטע צייט האָט דבורה אסתר דאָס "געשעפט" פון גמילות חסדים געפירט ביי זיך אין דער היים. גאָר אָפט פלעגט זי אויסבאָרגן געלט אויף אַ משכון, צירונג, זילבערנע לייכטער און דאָס גלייכן. ערב שבת פלעגט זי דעם משכון אָפּגעבן, כדי די פרוי זאָל זיך ניט פילן פאַרשעמט פאַר אירע שכנים. שבת פלעגט מען דעם משכון ברענגען צוריק. עס פלעגט זעלטן פאַסירן, מען זאָל דבורה אסתרן ניט באַצאָלן. דער רעספּעקט צו איר איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די אָרעמסטע פרויען פלעגן אַלץ טאָן, כדי צו באַצאָלן דעם חוב אין צייט.

דבורה אסתר איז, אגב, ניט געווען קיין שטרענגע מאַנערקע. זי האָט זייער גוט געוווּסט, אַז אויב אַ ייד באַצאָלט ניט אין צייט, מן הסתם קען ער ניט. דאָס זיינען אָבער געווען גאַנץ זעלטענע פאַלן. אגב, האָבן אַ סך געגלויבט, אַז אַ גמילות חסד ביי דבורה אסתרן איז אַ סגולה צו פרנסה און הצלחה. זיינען אפילו פאַרמעגלעכע מענטשן געקומען נעמען אַ גמילות חסד ביי דער צדיקת. דערביי פלעגן זיי אויך געבן אַ שיינע נדבה.

דבורה אסתרס מאַן איז געווען אַ חבר אין דער חברה שמשים ביי דער חברה קדישא. האָט די חברה שמשים אין תרכ"ב (1862) באַשלאָסן צו גרינדן אַ גמילות חסד. דאָס איז, אגב געווען אַ פאַרשפּרייטער מינהג ביי אַ סך יידישע חברות, וועלכע האָבן געהאַט זייערע אייגענע בתי מדרשים. די וועלט האַלט זיך דאָך, ווי עס ווערט געזאָגט אין פּרק, אויף דריי זיילן, אויף תורה, עבודה און גמילות חסדים. מוז מען די אַלע דריי זיילן פאַרפעסטיקן אין בית מדרש. איז ממילא נויטיק אַ חוץ תורה און תפילה אויך אָפּצוהיטן אין בית מדרש טאַקע די מיצווה פון גמילות חסדים. קיין אייגענעם בנין אָבער האָבן די חברה שמשים ניט געהאַט. ערשט, ווען דבורה אסתר האָט געשאַפן די נייטיקע געלט, האָט אין יאָר תרל"ט (1879) די חברה שמשים זוכה געווען צו אַן אייגענעם מקום תפילה אין דעם הויף פון ר' מיילעס, "און די צידקנית דבורה אסתר", ווערט דערציילט אין פנקס פון דער חברה שמשים, "האָט זוכה געווען, אַז אַלע פאַפירן זאָלן זיין אויף איר נאָמען, ווייל זי האָט אַ סך געטאָן דורכצופירן אירע פלענער אויף איינצוקויפן דעם מקום תפילה און זי איז אויך די, וואָס שאַפט אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַרן גמילות חסד, וואָס געהערט צו דער קלויז".

דבורה אסתרס גמילות חסד איז געווען מער ווי בלויז אַן אינסטיטוציע פון סאָציאַלער הילף. די פאַראייניקונג פון תורה, תפילה און צדקה, פון קומען דאַווענען און נעמען אַ הלוואה, האָט אַרויפגעלייגט גאָר אַ באַזונדערן שטעמפּל אויף דער גאַנצער הילפסאַרבעט. אָרעמע בעלי מלאכות און אָרעמע פרויען האָבן זיך ניט

געפילט פאַרשעמט אַריינקומענדיק אין דבורה אסתרס קלויז, זיי האָבן זיך דאָ געפילט אינגאַנצן אינדערהיים.

גרויס איז אויך געווען דבורה אסתרס ווירקונג אויפן באַלעבאַטישן עולם אין ווילנע. אירע וואַרעמע האַרציקע ווערטער האָבן תמיד געפונען אָפענע אויערן, און אַ סך פרויען פלעגן אפילו אָוועקגעבן זייער צירונג פאַר דבורה אסתרס גמילות חסד. אזוי, למשל, איז געווען פאַרשריבן אין פנקס פון דער חברה, אַז די פרוי מרת ליפשה, די טאָכטער פון ר׳ משה מרדכי, האָט מיט איר גוטן ווילן אָפּגעגעבן "אַ בינטל פערל, אַ פּאָר אויריננגלעך און פיר פינגערלעך פאַרן גמילות חסד פון דבורה אסתר", מיט דעם תנאי, אז נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָל מען אַ גאַנץ יאָר זאָגן קדיש און אל מלא רחמים און מען זאָל אויך פאַרשרייבן דעם טאָג פון יאָרצייט אין פנקס פון דער חברה.

דער עיקר זיינען דבורה אסתרס קונדן געווען די אָרעמסטע פרויען, וועלכע פלעגן שטיין מיט די קאָשיקעס אויפן מאַרק. דבורה אסתר האָט זיי געהאָלפן ניט נאָר מיט געלט, נאָר אויך מיט אַ האַרציק וואָרט, מיט טרייסט און דערמוטיקונג. ביז צו אירע לעצטע טעג האָט זי אָפּגעהיט די מיצווה פון גמילות חסדים: "עס איז געווען שיין צו זען, ווי אפילו אין אירע לעצטע יאָרן, ווען זי איז שוין אַלט געווען קרוב 90 יאָר, פלעגט די אלטיטשקע דבורה אסתר נאָך גיין זייער אויסגע־פוצט, אין דרייען איינגעבויגן, מיט איר שטעקעלע און פאַטשיילקע אָדער זעקל זאַמלען נדבות פון קראָם צו קראָם פאַר איר גמילות חסד" (ציטירט פון אַ ביאָ־גראַפישער נאָטיץ, געשריבן פון דעם קדוש ר׳ חייקל לונסקי ז״ל).

דבורה אסתר איז געשטאָרבן י״א כסלו תרס״ח (1907). טויזנטער און טויזנטער מענטשן האָבן זי באַגלייט אויף איר לעצטן וועג. אַלע קראָמען זיינען געווען צוגעמאַכט, און יונג און אַלט זיינען געגאַנגען אָפּגעבן כבוד דער ווונדערלעכער פרוי, וואָס האָט מיט אירע מעשים טובים זיך פאַרשאַפט אַ נאָמען פאַר דורות. אויף איר קבר אויפן נייעם בית עולם אין ווילנע האָט מען אויסגעבויט אַן אוהל, ווו די עלנטע און פאַרביטערטע געמיטער, באַזונדערס אומגליקלעכע פרויען, פלעגן קומען מתפלל זיין. דער אוהל איז געווען פול מיט פאַרשיידענע צעטעלעך, מיט בקשות צו דבורה אסתרן. אפילו די ווענט זיינען געווען פאַרשריבן מיט פאַרשיי־דענע בקשות.

אַזוי האָט געלעבט און געווירקט אַ פשוטע יידישע פרוי, דבורה אסתר איז געווען איר נאָמען. אַזוי האָבן אויך געלעבט נאָך גאָר אַ סך יידישע פרויען, וועמענס נעמען זיינען פאַרגעסן געוואָרן אין לויף פון דורות. זייערע מעשים טובים אָבער זיינען געבליבן און ווירקן נאָך ביז צו אונדזער צייט. און אויב אונדזער פאָלק איז דורכגעגאַנגען דעם שווערן וועג פון גלות, איז עס אין גאָר אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק די פאַרגעסענע און ניט־פאַרגעסענע דבורה אסתרס, וועלכע האָבן מיט זייער איינפאַכקייט, מיט זייער האַרציקייט און מוטערלעכער איבערגעגעבענ־קייט, אַריינגעבראַכט אַזוי פיל גלויבן, מוט און האָפענונג אין די היימען פון די אָרעמסטע און עלנדסטע.

ר׳ ישראל בעל שם טוב און די למד־וואָוו צדיקים

די חסידישע באַוועגונג האָט אין יידישן לעבן אַריינגעבראַכט ניט נאָר נייע אידעען און מינהגים, נאָר אויך גאָר נייע געשטאַלטן. דער חסידישער העלד איז, ווי מיר ווייסן עס זייער ווויל, ניט דער למדן, נאָר דער צדיק. אויך די מתנגדים האָבן, אמת, אַן אַ שיעור געהאַלטן פון צדקות. דער חסידישער צדיק אָבער געהערט גאָר צו אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע. די אידעע, אַז אויפן צדיק האַלט זיך די וועלט, אַז דער צדיק איז דער פונדאַמענט פון דער וועלט (צדיק יסוד עולם), איז אין דער יידישער טראַדיציע געווען באַקאַנט. אָבער ערשט אין חסידות איז די אידעע פון צדיק יסוד עולם געוואָרן דער צענטראַלער מאָטיוו. דער צדיק איז אַלץ: ער איז דער גייסטיקער פירער, ער איז דער פאַרמיטלער צווישן דעם מענטשן און דעם טאַטן אין הימל, אים זיינען איבערגעגעבן געוואָרן די שליסלען פון געזונט און פרנסה, און אים איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן די שליחות צו העלפן און דערמוטיקן דעם יידישן מענטשן.

דער חסידישער צדיק איז שיער ניט אַ משיחישע געשטאַלט. ער קען אָבער דורכפירן זיין שליחות נאָר דאַן, ווען ער ווערט אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט. דאָס פאָלק נייטיקט זיך אין אַ צדיק, וואָס מען קען צו אים קומען, מיט וועמען מען קען זיך דורכריידן. דער פאַרבאָרגענער צדיק, דער למד־וואָווניק, קען דעם פשוטן פאָלקסמענטשן ווייניק העלפן. דאָס פאָלק וויל דעם צדיק זען, וויל האָבן דעם זכות צו געניסן פון דער אויסשטראַלונג פון זיין ליכטיקער פערזענלעכקייט.

האָט זיך אויף אַזאַ אופן געשאַפן אַ קאָנפליקט אין דער יידישער טראַדיציע, דער קאָנפליקט צווישן דעם פאַרבאָרגענעם און דעם אַנטפּלעקטן צדיק, דעם באַשיידענעם למד־וואָוווניק פון איין זייט און דעם מוטיקן רבי און פירער, וואָס גיט זיך אָפּ אַ חשבון וועגן זיין היסטאָרישער ראָל, פון דער צווייטער זייט. ווער פון זיי איז גרעסער: דער שטילער און פאַרבאָרגענער צדיק אָדער דער שטאָלצער פירער, וואָס נעמט אויף זיך אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות?

אַ חסידישע פאָלקסמעשה דערציילט: דער בעל שם טוב האָט אַ מאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים: פאָרט אין יענער און יענער שטאָט און געפינט דאָרט אויס יענעם און יענעם יידן, וואָרים ער איז אַ גרויסער צדיק, איינער פון די פאַרבאָר־גענע למד־וואָווניקעס. האָבן די תלמידים געדונגען אַ בעל עגלה, זיינען געקומען אין יענער שטאָט און האָבן זיך באַגעגנט מיטן צדיק. ווען זיי זיינען געקומען צוריק, האָט דער בעל שם טוב זיי געפרעגט: — איר האָט זוכה געווען אים צו זען? — יע, רבי, מיר האָבן אים געזען. — און וואָס האָט איר אין אים געזען? — האָט דער בעל שם טוב ווייטער געפרעגט. האָבן די תלמידים אים געענטפערט: אַלע מעלות, וואָס מיר האָבן געזען ביי דיר, אונדזער הייליקער רבי, האָבן מיר געפונען ביי אים.

דער בעל שם טוב האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן האָט ער צו זיי מיט אַ שמייכל געזאָגט:

ס׳איז אמת, אַלץ וואָס איר האָט געפונען ביי מיר האָט איר געפונען ביי יענעם צדיק, און דאָס איז ניט קיין חידוש, וואָרים אין איין און דעם זעלביקן טאָג, אין דער זעלביקער שעה און אין איין מזל זיינען מיר געבוירן געוואָרן. און ווען ס׳איז געקומען די צייט, אַז אונדזערע נשמות זאָלן אַראָפּגיין אויף דער וועלט, האָבן מיר זיך באַטראַכט, וואָס פאַר אַ מיצווה קען אַ קינד מקיים זיין, ווען ס׳איז נאָך אין דער מוטערס טראַכט? האָבן מיר אויסגעפונען, אַז ס׳איז פאַראַן בלויז איין מיצווה, כיבוד אם, אָפּגעבן כבוד דער מאַמען. האָבן מיר אויף זיך גענומען אָפּצו־היטן אָט די מיצווה, כל זמן איטלעכער פון אונדז וועט זיין אין דער מוטערס טראַכט, זאָל ער די מאַמע ניט מצער זיין. מיר האָבן עס אויף זיך גענומען און מיר האָבן עס אויך מקיים געווען.

ווען עס איז געקומען די צייט און מיר האָבן דערזען די ליכטיקע וועלט, האָבן מיר ווייטער אָנגעהאַלטן די מיצווה פון כיבוד אם. מיר האָבן אונדזערע מאַמעס ניט פאַרשאַפט קיין צער. מיר האָבן ניט געשריען און ניט געוויינט, ווי ס׳איז דער שטייגער פון אַנדערע קינדער. איין אונטערשייד איז אָבער צווישן אונדז געווען. מיין חבר פלעגט קיינמאָל ניט וויינען... איך אָבער בין געווען שטיל נאָר, ווען די מאַמע איז ביי מיר געווען. ווי נאָר זי פלעגט אַוועקגיין, פלעג איך אָנהויבן צו וויינען און צו שרייען...

דערפאַר האָט מיין חבר זוכה געווען און ער איז געוואָרן אַ פאַרבאָרגענער צדיק, און מיין גורל איז געווען, איך זאָל ווערן באַרימט. באמת האָבן מיר ביידע דיזעלביקע מעלות, אָבער ווייל ער האָט אָפּגעהיט די מיצווה פון כיבוד אם, סיי ווען זי איז געווען אין דער היים און סיי ווען זי איז ניט געווען, האָט ער זוכה געווען צו זיין אַ נסתר. איך אָבער, ווייל איך האָב מיין מאַמען פאַרשאַפט צער אונטער די אויגן, בין געוואָרן מפורסם (איבעדערציילט לויט ש. עגנון).

הייסט עס, אַז דער פאַרבאָרגענער צדיק האָט דערגרייכט צו א העכערער מדרגה! ווערן באַרימט פאַר דער וועלט איז גאָר אַ שטראָף פאַר זינד, פאַר די זינד פון שרייען און וויינען! פאַראַן בלי ספק אַ טיפער זין אין אָט דער וווּנדער־לעכער לעגענדע. דאָס איז אָבער ניט מער ווי איין נוסח. מיר ווייסן אויך פון אַ צווייטן נוסח, וואָס איז, דוכט מיר, געווען מער אין הסכם מיט דער שיטה פון ר׳ ישראל בעל שם טוב. איינער פון די אָנגעזעענסטע תלמידים פון בעש״ט, דער מחבר פון תולדות יעקב יוסף, גיט איבער אין נאָמען פון זיין רבין:

איך האָב געהערט פון מיין רבין, אַז צו פיל עניוות איז גאָרניט קיין גרויסע מעלה פאַרן מענטשן, וואָרים דאָס פירט דערצו, אַז דער מענטש ווערט דערוויי־טערט פון דינען גאָט ברוך הוא מיטן גאַנצן האַרצן, מחמת ער טראַכט ביי זיך, וואָס פאַר אַ ווערדע קען דען האָבן מיין לערנען און מיין דאַווענען? וואָלט ער אָבער געגלויבט, אַז זיין תפילה און תורה איז משפיע אַלע וועלטן, און אפילו די מלאכים נייטיקן זיך אין זיינע מיצוות, וואָלט ער דאָך געדינט השם יתברך מיט דער גרעסטער דבקות, און ער וואָלט געווען אָפּגעהיט מיט איטלעך וואָרט און מיט יעדן קלאַנג פון די תפילות, עס אַרויסצוזאָגן ווי ס׳געהער צו זיין... אַזוי איז

דער מענטש מחויבביי זיך צו טראַכטן, אַז ער איז געגליכן צו דעם לייטער, וואָס אונדזער פאָטער יעקב האָט געזען אין חלום — דער לייטער שטייט אויף דער ערד, אָבער זיין שפּיץ דערגרייכט ביז צום הימל. אַזוי איז אויך דער מענטש. אַלע זיינע באַוועגונגען, זיינע מעשים און זיינע ווערטער מאַכן אַ רושם אין די העכסטע הימלען.

דער בעל שם טוב האָט בכן ניט געהאַלטן פון צופיל עניוות. מיט דער מידה פון עניוות איז שווער צו פירן אַ קאַמף. עס האָט געהערט אַן אַ שיעור מוט און אפילו אַ היפּש ביסל נייטיקע און באַרעכטיקטע גאווה זיך אַקעגנצושטעלן דער טראַדיציע פון דורות. און דאָך איז אין דער פּערזענלעכקייט פון ר׳ ישראל בעל שם טוב געווען זייער אַ סך, וואָס דערמאָנט די געשטאַלט פון דעם למד־וואָווניק. האָט דעריבער די חסידישע לעגענדע אייגעטיילט דאָס לעבן פון בעש״ט אין צוויי פּעריאָדן. די ערשטע עטלעכע און דרייסיק יאָר פון זיין לעבן איז ער געווען אַ פאַרבאָרגענער צדיק. ווען ס׳איז אָבער געקומען די צייט און דאָס יידישע פאָלק האָט זיך גענייטיקט אין אַ נייעם לערער און וועגווייזער, איז דער בעל שם טוב נתגלה געוואָרן, האָט ער זיך געמוזט אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט.

מיר וויסן זייער ווייניק פון דער לעבנסגעשיכטע פון ר׳ ישראל בעל שם טוב. אונדזערע גרויסע פירער פון אַמאָל האָבן קיין מעמואַרן ניט געשריבן. דער בעל שם טוב האָט אפילו קיין ספרים ניט איבערגעלאָזן. די אַלגעמיין באַקאַנטע ביאָגראַפיע פון דעם באַגרינדער פון דער חסידות־באַוועגונג, די שבחי הבעש״ט, טראָגט על פּי רוב אַ לעגענדאַרן כאַראַקטער. פונדעסטוועגן לאָזט זיך נאָך היינט, הגם נאָר אין גאַנץ אַלגעמיינע שטריכן, צייכענען דאָס בילד פון דעם פאָלקס־טימלעכן פירער און דענקער, וואָס דאָס יידישע מזרח־אייראָפּע האָט אַרויסגעגעבן.

עס קען, דוכט מיר, קיין שום ספק ניט זיין, אַז דער בעל שם טוב האָט געהערט צו יענע פאַרבאָרגענע צדיקים, וועמען דאָס פאָלק האָט אַנטדעקט, ווייל דאָס פאָלק האָט דעם צדיק געזוכט. און אויך דער בעל שם טוב האָט פון זיין זייט כסדר געזוכט דעם פאָלקסמענטשן. ער האָט אים געזוכט און ער האָט אים אויך געפונען.

אַ שטילער און פאַרבאָרגענער צדיק איז שוין געווען, ווי די לעגענדע דער־ציילט אונדז, דער פאָטער פון בעל שם טוב, ר׳ אליעזר האָט ער געהייסן. געלעבט האָט ר׳ אליעזר אין אַ דאָרף, אַן אָרענדאַר געווען, ווי אַ סך יידישע דאָרפסלייט פון יענער צייט, און אַ גרויסער מכניס אורחים. איין מאָל איז צו אים געקומען אליהו הנביא אין דער געשטאַלט פון אַן אורח אַ פּראָסטאַק. געווען איז עס אין אַ שבתדיקן טאָג. דערזעט מיט אַ מאָל ר׳ אליעזר ווי אַ ייד קומט צו אים אַריין מיט אַ פּעקל אויף דער פּלייצע און מיטן שטעקן אין האַנט. האָט דאָס אים זייער ווי״ געטאָן, אַ ייד זאָל מחלל שבת זיין! ער האָט אָבער קיין וואָרט ניט געזאָגט און ער האָט זיין אורח פריינדלעך אויפגענומען. נאָר ניט אַזוי פריינדלעך איז געווען דער אורח. ער האָט כסדר פאַרלאַנגט אַלץ מער עסן, און ר׳ אליעזר האָט געטאָן זיין ווילן. שבת צו נאַכטס, נאָך הבדלה, האָט ר׳ אליעזר דעם אורח באַגלייט און

האָט אים נאָך מיטגעגעבן אַ שיינע נדבה אויפן וועג. דאַן האָט דער אורח, דער פּראָסטאַק, זיך פאַר אים אַנטפּלעקט. דאָס איז געווען אליהו הנביא, וואָס איז געקומען אים אויספּרובירן, כדי צו זען, ווי ווייט ער היט אָפּ די גרויסע מיצווה פון הכנסת אורחים, די מיצווה פון אברהם אבינו. און אליהו האָט צו אים געזאָגט: פון וועגן דעם זכות פון דיין הכנסת אורחים וועט ביי דיר געבוירן ווערן אַ זון, וואָס וועט זיין אַ ליכט פאַר דער וועלט.

ר׳ אליעזר איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן, און ווען זיין זון ישראל איז נאָך געווען אַ קליין קינד, איז געקומען זיין צייט זיך צו געזעגענען מיט דער וועלט. פאַר זיין פּטירה, דערציילט די יידישע טראַדיציע, האָט ר׳ אליעזר גענומען זיין זון אויף די הענט און האָט צו אים געזאָגט: איך האָב ניט זוכה געווען דיך צו דערציען. איך ווייס אָבער, וואָס דיר איז באַשערט. מיין טייער קינד, דיין גאַנץ לעבן זאָלסטו געדענקען, אַז גאָט איז מיט דיר און דו זאָלסט פאַר קיין שום זאַך קיין מורא ניט האָבן!

אַזוי איז דער יונגער ישראל געבליבן אַליין, און אַליין איז ער אויך דורכגע־גאַנגען די ערשטע העלפט פון זיין לעבן, די צייט, ווען ער איז געווען אַ פאַרבאָר־גענער צדיק.

*

די חסידות־באַוועגונג האָט געשאַפן גאָר אַן אייגנאַרטיקע פאָלקסליטעראַטור, אַ ליטעראַטור, וואָס האָט כמעט אינגאַנצן אָפּגעווישט דעם גרענעץ צווישן תורה און פאָלקסמעשיות, צווישן אַ בלאַט גמרא און אַ וווּנדערגעשיכטע וועגן אַ גוטן יידן. די חסידישע ספרים באַטאָנען גאָר אָפט די וויכטיקייט צו דערציילן די שבחים, די ניסים ונפלאות פון די צדיקים. האָבן די תלמידים פון ר׳ ישראל בעל שם טוב אָפּגעהיט די דאָזיקע מיצווה מיט גרויס דבקות, און געווען אפילו חסידים, וואָס פלעגן זאָגן אַ באַזונדער תפילה, זיי זאָלן זוכה זיין זיך צו פאַרנעמען מיט די סיפּורי מעשיות פון די אמתע צדיקים.

די געשטאַלט פון דעם צדיק איז אין דער חסידישער פאָלקסליטעראַטור אַ מערקווערדיקע פאַראייניקונג פון דעם פּשוטן פאָלקסמענטשן און דעם הייליקן איבערמענטשן. חסידות איז אויפגעקומען ווי אַ פאָלקסבאַוועגונג און האָט באַזונ־דערס געפּאַנגען דאָס געמיט און די פאַנטאַזיע פון דעם פּראָסטן יידן אין שטעטל און פון די ישובניקעס אין די דערפער. דער פאָלקסמענטש האָט געזוכט אַ העלד און אַ העלפער, אַ רבין און אַ וועגווייזער. דער העלפער און וועגווייזער האָט אָבער געדאַרפט געהערן צום פאָלק און בלייבן פאַרבונדן מיטן פאָלק. אויף אַ קלאַסישן אופן איז די חסידישע פאַרשטעלונג וועגן דעם פאַרבאָרגענעם צדיק געקומען צום אויסדרוק אין די ״שבחי הבעש״ט״, די לעבנסבאַשרייבונג פון ר׳ ישראל בעל שם טוב.

ווען דער יונגער ישראל איז געוואָרן אַ יתום, דערציילט אונדז די טראַדיציע, האָבן די בעלי בתים פון שטעטל אים געשיקט צו אַ מלמד. דער יתום האָט, אמת, געהאַט אַ גרויסע פעולה אין לערנען, אָבער פון צייט צו צייט פלעגט ער אַנטלויפן

פון חדר. ער פלעגט אַנטלויפן אין וואַלד. האָבן זיך די בעלי בתים מיט אים זיך קיין עצה ניט געקענט געבן, און דער ייִנגל איז אויפגעוואַקסן כמעט ווי אָן אַ חדר, גאָר ניט ווי דער שטייגער איז געווען ביי ייִדן.

אין די יוגנט־געשיכטעס פון אַנדערע ייִדישע העלדן ווערט, פאַרקערט, דער־ציילט, ווי דאָס קינד האָט שוין אין חדר אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינטלעכן פלייס צו לערנען און איז איינגאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין תורה.

וואָס האָט דער יונגער בעש״ט געזוכט אין דעם וואַלד אַליין?

עס זיינען אַריבער די חדר־יאָרן, האָט זיך דער יונגער ישראל פאַרדונגען פאַר אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד. ער פלעגט ברענגען די קליינע קינדער אין חדר אריין, אין מנחה־צייט פלעגט ער זיי ברענגען אין בית מדרש, ווי דער שטייגער איז געווען אַמאָל, וווּ ער פלעגט מיט זיי זאָגן מיט אַ ניגון "אמן, יהא שמיה רבא". מען פלעגט שוין הערן אין גאַס, ווען דער יונגער ישראל פלעגט מיט אַ זיסן ניגון פירן די קליינע קינדער אין בית מדרש אַריין. די לויטערע תפילה פון די קינדער האָט פאַרשאַפט אַזאַ גרויס נחת רוח אין הימל, לייענען מיר אין די "שבחי הבעש״ט", ווי דאָס איז געווען ווען די לוויים פלעגן זינגען שירה אין בית המקדש. עס איז געווען אַ צייט פון רצון פאַר גאָט, און דער שטן, דער יצר הרע, האָט זיך דערשראָקן: איז טאַקע געקומען די צייט, האָט ער זיך געפרעגט, ווען די רישעות וועט פאַרשווינדן פון דער וועלט? אַזוי גרויס איז געווען דער כוח פון דער תפילה פון די קינדער!

איז דער שטן אַריין אין אַ מכשף, ווערט ווייטער דערציילט, און דער מכשף האָט זיך פאַרשטעלט אין דער געשטאַלט פון אַ ווילדער חיה, כדי אָפּצושרעקן די קינדער, ווען זיי גייען מיט געזאַנג אין בית מדרש זאָגן אמן. זיינען די קינדער זיך צעלאָפן פאַר גרויס שרעק, און די הייליקע עבודה איז בטל געוואָרן. אָבער דער יונגער ישראל האָט זיך געשטאַרקט, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, ווי זיין פאָטער האָט אים אָנגעזאָגט אין זיינע לעצטע ווערטער — "געדענק, אַז גאָט איז מיט דיר און דו זאָלסט פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן" — און ער איז אַוועק צו די בעלי בתים, זיי שטאַרק געבעטן, זיי זאָלן אים ווייטער געבן די קינדער, וואָרים מען טאָר דאָך ניט מבטל זיין דאָס לערנען פון תורה. מיט דעם אייבערשטנס הילף, האָט ער צו זיי געזאָגט, וועל איך דערהרגענען די חיה רעה.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

דער יונגער באַהעלפער האָט זיך אָקעגנגעשטעלט און האָט מיט זיין שטעקן די ווילדע חיה דערהרגעט צום טויט. אויף צומאָרגנס האָט מען דעם ערל, דעם מכשף, געפונען אַ טויטן.

שפּעטער, לייענען מיר אין "שבחי הבעש״ט", איז דער יונגער ישראל געוואָרן אַן אונטערשמש אין בית מדרש. זיין שטייגער איז געווען, אַז ווען די לערנער פלעגן אויף זיין, פלעגט ער שלאָפן, און ווען די לערנער פלעגן איינשלאָפן, פלעגט ער זיך אויפהייבן און טאָן זיין הייליקע עבודה, אַזוי אַז קיינער האָט פון דעם ניט געוווּסט.

נאָך פאַר דער חתונה האָט ר׳ ישראל בעל שם טוב פאַרלאָזן זיין היימשטאָט און האָט זיך באַזעצט אין אַ קהילה לעבן בראָד, ווו ער האָט זיך פאַרנומען מיט מלמדות. דער יונגער מלמד האָט שטאַרק נושא חן געווען אין די אויגן פון די בעלי בתים און מען פלעגט אפילו צו אים קומען מיט בוררות און דין תורות, ווייל מען האָט זיך פאַרלאָזן אויף זיין חכמה און זיין ערלעכקייט. האָט איין מאָל פּאַסירט, אַז אין שטעטל איז אָנגעקומען אַ חשובער בעל הבית, דער פאָטער פון ר׳ גרשון קיטעווער, וואָס איז, אגב, דעמאָלט געווען רב אין בראָד. ער איז געקומען וועגן אַ דין תורה און מען האָט אים געראָטן, אַז ער וועט אוודאי ניט געפינען קיין בעסערן דיין, ווי דעם יונגן מלמד. ווען ר׳ גרשון קיטעווערס פאָטער איז געקומען צום מלמד, האָט ער דערזען ברוח הקודש, ווערט אונדז דערציילט, אַז דער יונגער ישראל איז דער באַשערטער פון זיין טאָכטער. ער האָט אויך איינגעזען, אַז דער מלמד איז גאָר אַ גרויסער למדן. האָט ער מיט אים געשריבן תנאים. דער יונגער מלמד האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז אין די תנאים זאָל מען שרייבן בלויז זיין נאָמען ישראל בן אליעזר, אָן שום טיטלען, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט, כדי קיינער זאָל ניט געוויר ווערן, אַז ער איז אַ תלמיד חכם.

אויפן וועג צוריק קיין בראָד איז ר׳ גרשון קיטעווערס פאָטער נפטר געוואָרן. אַ צייט שפּעטער איז דער יונגער ישראל געקומען צום בראָדער רב, אָנגעטאָן ווי אַ פּראָסטער ישובניק, אין אַ פויערשן פּעלצל. ר׳ גרשון האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ בעטלער צו אים אַריינגעקומען, און ער האָט אים געוואָלט געבן אַ נדבה. זאָגט צו אים דער בעש״ט, איך דאַרף זיך מיט אייך דורכריידן וועגן אַ וויכטיקן ענין. זיינען זיי אַריין אין אַ באַזונדערן צימער און ער האָט אים געוויזן זיינע תנאים. דער בראָדער רב איז געוואָרן אָן אויפגעציטערטער. ווי פּאַסט דאָס פאַר אים צו האָבן אַזאַ פּראָסטאַק אין דער משפחה? און ווי האָט זיין פאָטער עליו השלום גאָר געקענט פאַרקנסן זיין טאָכטער פאַר אַן עם הארץ?

האָט ר׳ גרשון גערופן די שוועסטער און האָט איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע. ״אויב דער פאָטער האָט אַזוי באַשטימט, האָט זי געזאָגט, וועל איך עס אָננעמען פאַר גוט״. האָט ר׳ גרשון אויך מסכים געווען און מען האָט באַשטימט דעם טאָג פון דער חופה. קורץ פאַר דער חופה האָט דער בעש״ט דערציילט זיין קינפטיקער פרוי דעם גאַנצן אמת, ער האָט איר אָבער אָנגעזאָגט, זי זאָל, למען השם, קיינעם וועגן דעם גאָרניט דערציילן, אפילו אויב זיי וועט אויסקומען במשך פון יאָרן ליידן אַ סך דחקות.

נאָך דער חתונה האָט ר׳ גרשון פּרובירט לערנען מיט זיין שוואָגער תורה. אָבער ר׳ ישראל האָט זיך געמאַכט ווי ער פאַרשטייט גאָר ניט. נאָך אַלע אומזיסטע פּרוּוון אים עפּעס אויסצולערנען, האָט דער בראָדער רב זיך אָפּגערופן צו זיין שוועסטער: עס איז פאַר מיר אַ גרויסע חרפה צו האָבן אַזאַ שוואָגער אַן עם הארץ. אויב דו ווילסט זיך מיט אים גטן, איז גוט, און אויב ניט, וויל איך דיר בעטן צו פאַרלאָזן די שטאָט. איך וועל אייך קויפן אַ פערד און וואָגן און באַזעצט זיך ערגעץ ווו אַנדערש.

אַזוי האָט זיך ר׳ ישראל באַזעצט אין אַ דאָרף צווישן די שטעטלעך קאסאוו און קיטעוו אין די קאַרפּאַטן. דאָ, אין די קאַרפּאַטן־בערג, פלעגט ער פאַרברענגען איינער אַליין, אין התבודדות. צוויי־דריי מאָל אַ וואָך פלעגט די פרוי צו אים קומען מיטן וואָגן. ער פלעגט אָנגראָבן ליים און זי פלעגט עס אָוועקפירן אין שטאָט אַריין פאַרקויפן. אַזוי האָבן זיי געלעבט אין דחקות און איינזאַמקייט זיבן יאָר. דאַן האָט דער בעש״ט זיך ווידער גענומען צו מלמדות. מיט דער צייט האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט שחיטה און האָט זיך באַזעצט אין אַ ישוב. זיין פרוי האָט אַ ביסל געהאַנדלט און ער פלעגט אַרומפאָרן איבער די דערפער באַזאָרגן די ישוב־ניקעס מיט כשר פלייש, פון ביידע פּרנסות איז אָבער אויף ברויט ניט געווען. איז דער בעש״ט געווען געצווונגען נאָך אַ מאָל צו זוכן הילף ביים שוואָגער. ר׳ גרשון האָט אים דאַן אַריינגענומען צו זיך, ער זאָל ביי אים זיין אַ משרת. איין מאָל, ווען דער בראָדער רב איז אַרויסגעפאָרן איבערן לאַנד, איז ר׳ ישראל מיט אים מיטגעפאָרן. ער האָט עס געדאַרפט זיין דער שמייסער, האָט דער בעש״ט פאַרפירט די פערד אין אַ בלאָטע. ״אפילו צו אַזאַ פשוטער אַרבעט טויג ער אויך ניט״, האָט ר׳ גרשון זיך באַקלאָגט. ענדלעך האָט ר׳ גרשון געדונגען פאַר זיין שוועסטער אַ קרעטשמע אין אַ דאָרף. די פרוי האָט זיך פאַרנומען מיט דער פרנסה, און דער בעש״ט אַליין האָט פאַר זיך אויסגעבויט אַ שטיבל אין וואַלד, ווו ער האָט פאַר־בראַכט אַ גאַנצע וואָך אין לערנען און דאַווענען, נאָר פון שבת צו שבת פלעגט ער קומען אַהיים. זייער מצב האָט זיך איצט פאַרבעסערט אַזוי, אַז זיי האָבן אויך געקענט מקיים זיין ווי געהעריק די מיצווה פון הכנסת אורחים. ר׳ ישראל פלעגט אָבער ווייטער טראָגן זיין פויערשן פעלצל, און אַלע האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ פּראָסטאַק, אַ ישובניק.

אין די ביאָגראַפיעס פון די גרויסע פּערזענלעכקייטן איז מייסטנס שווער אָפּ־צוטיילן דיכטונג פון אמת. אָבער אויך אין דער דיכטונג איז אָפט פאַראַן אַ קערנדל אמת. עס קען קיין שום ספק ניט זיין, אַז ר׳ ישראל בעל שם טוב האָט אַ לאַנגע צייט געפירט אַ שטיל אָפּגעזונדערט לעבן. ער האָט זיך לאַנג פאַרטיפט אין זיך, איידער ער איז אַרויס צו ווירקן אין דער וועלט. עס איז זיכער אויך כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער בעש״ט האָט זיך אין זיין לעבן פאַרנומען מיט אַזוי פיל פּרנסות. אָנהייבנדיק פון זיינע יוגנטיאָרן איז ער געווען — אַ באַהעלפער, אַ אונטערשמש, אַ מלמד, אַ משרת, אַ דאָרפסייד, אַ שוחט, אַן אַרענדאַר. כאַראַקטע־ריסטיש איז ווייטער, וואָס דער בעש״ט האָט געהאַט ווייניק קאָנטאַקט מיט דער רבניש־לומדישער וועלט. זיין אייגענער שוואָגער האָט זיך לכתחילה באַצויגן צו אים זייער קאַלט. שפּעטער, איז, אגב, ר׳ גרשון קיטעווער געוואָרן זיין פריינד און אַ חסיד. בכלל האָט די תורה פון ר׳ ישראל בעל שם טוב געפונען דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג ביי די דאָרפסלייט און די נידעריקערע כלי קודש, מלמדים, שוחטים און מגידים. די נידעריקערע כלי קודש באַגעגענען מיר, אגב, אויך צווישן זיינע נאָענטסטע תלמידים.

ווען דער בעל שם טוב איז אַלט געוואָרן זעקס און דרייסיק יאָר (איז עס אַ רמז אויף דער צאָל למד־וואָו, זעקס און דרייסיק?), איז געקומען זיין צייט נתגלה צו ווערן, זיך צו אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט.

די לעגענדע דערציילט — דער בעש״ט איז אַנטפּלעקט געוואָרן דערפאַר, ווייל זיין ליכט האָט מער ניט געקענט בלייבן פאַרבאָרגן. אַן אורח, אַ לערנער, איז איין מאָל פאַרבליבן אויף שבת ביים בעש״ט. ער איז ניט געווען שטאַרק גליקלעך, וואָס ער דאַרף פאַרברענגען דעם הייליקן טאָג שבת ביי אַן עם הארץ. ביינאַכט האָט זיך דער אורח אויפגעכאַפּט פון שלאָף, ערשט ער זעט, אַ פייער ברענט ביים אויוון. מן הסתם, איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס האָלץ, וואָס איז דאָרטן געלעגן, האָט זיך אָנגעצונדן. האָט ער גענומען אַ כלי מיט וואַסער צו פאַרלעשן דעם פלאַם. אָבער ווי פאַרוואונדערט איז ער געוואָרן, ווען ער איז צוגעקומען נענטער און ער האָט דערזען, ווי דער בעש״ט זיצט לעבן אויוון און אַ ליכט שיינט אַרום אים ווי אַ רעגנבויגן. פאַר שרעק איז דער אורח געפאַלן אין חלשות. ווען ער איז ווידער געקומען צו זיך, האָט ער געפרעגט דעם בעש״ט, וואָס איז דאָ פּאַסירט? ענטפערט אים דער בעש״ט: ״איך ווייס ניט, איך האָב געזאָגט תהילים״. די וועלט האָט זיך אָבער ענדלעך דערוווּסט. די וועלט האָט דערזען דאָס גרויסע ליכט און ר׳ ישראל בעל שם טוב, דער שטילער און פאַרבאָרגענער, איז ענדלעך אַנטפּלעקט געוואָרן.

ר׳ ישראל גוי קדוש און דער גרויסער ר׳ ליבער

אין דער הייליקער קהילה קראָקע האָט אַמאָל געלעבט אַ פּראָסטער ייד, אַ גרויסער גביר. גערופן האָט מען אים ישראל גוי, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער עם הארץ און האָט דערצו נאָך קיין מאָל קיין פּרוטה צדקה ניט געגעבן. ווען עס איז געקומען זיין צייט און ער איז געוואָרן אַ חולה מסוכן, האָט ער צו זיך געלאָזט רופן די גבאים פון חברה קדישא. האָבן זיי פון אים פאַרלאַנגט טויזנט רענדלעך און ער האָט זיך פאַרעקשנט, אַז מער ווי הונדערט וועט ער זיי ניט געבן. ווען ער איז געשטאָרבן, איז געבליבן אויף דער אסיפה פון דער חברה קדישא, און דער רב האָט אויך מסכים געווען דערצו, אַז מען זאָל אים ניט אָפּגעבן קיין שום כבוד ביי דער קבורה, ווייל ער האָט ביי זיין לעבן קיינמאָל קיינעם ניט געהאָלפן. און אַזוי איז עס געווען. מען האָט דעם בר מינן איבערגעגעבן דעם קברן ר׳ לייב און ער האָט אים געטאָן זיין רעכט.

עס זיינען קוים אַריבער צוויי וואָכן נאָכדעם ווי ישראל גוי איז אַוועק פון דער וועלט, און אין שטאָט איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. איין אָרעמאַן נאָכן צווייטן איז געקומען צום רב זיך קלאָגן, ער האָט ניט אויף שבת און קיינער וויל אים ניט העלפן. מען האָט אָנגעהייבן נאָכצופרעגן, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז הונדערט פאַמיליעס זיינען געבליבן אָן ברויט.

פון וואַנען האָבן זיך מיט אַ מאָל גענומען אַזוי פיל אָרעמעלייט ? — האָט דער רב זיך געפרעגט. ביסלעכווייז איז ער געוווּיר געוואָרן די גאַנצע געשיכטע. דער קאָרגער גביר ישראל גוי איז אין אמתן גאָר געווען אַ גרויסער בעל צדקה. ער האָט אָבער ניט געוואָלט עמעצער זאָל דערפון וויסן. האָט ער אָפּגעמאַכט מיט צוויי פון זיינע פריינד, איינער אַ בעקער, און דער צווייטער אַ קצב, זיי זאָלן באַזאָרגן די אָרעמע משפחות מיט ברויט, חלה און פלייש אויף שבת. אַצינד האָט דער רב פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסער צדיק דער פּראָסטאַק ישראל גוי איז געווען. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געגעבן מתן בסתר.

דער רב האָט זיך זייער דערשראָקן, ווייל זיי האָבן דעם פאַרבאַרגענעם צדיק ניט אָפּגעגעבן זיין כבוד אפילו נאָך זיין פּטירה, און ער האָט אויסגערופן אַ תענית. ביינאַכט האָט זיך דער פאַרשטאָרבענער צו אים באַוויזן אין חלום און האָט צו אים געזאָגט: זייט ניט באַזאָרגט, וואָס איר האָט מיר ניט אָפּגעגעבן קיין כבוד ביי מיין קבורה. דאָס אַלץ איז געווען מן השמים. עס האָט געהאַלטן, חס ושלום, זאָל אַרויסגיין אַ שלעכטע גזירה אויף דער גאַנצער קהילה קראָקע. האָב איך אויף זיך גענומען אָפּצוקומען פאַר די זינד פון דער שטאָט. דערפאַר האָב איך געליטן בזיונות ביי מיין קבורה.

און ווען מען האָט אים שפּעטער געשטעלט אַ מצבה, האָט מען צו זיין נאָמען צוגעגעבן דאָס וואָרט 'קדוש'. אַזוי זיינען אויסגעקריצט אויפן מצבה־שטיין די ווערטער: "פ"נ ר' ישראל גוי קדוש".

די מערקווערדיקע לעגענדע וועגן ישראל גוי קדוש איז דער קלאַסישער מוסטער פון דעם יידישן אידעאַל וועגן דעם פאַרבאַרגענעם צדיק. ביים לעבן האָט ער כסדר געגעבן צדקה אויף זיין באַשיידענעם אופן און זיין טויט איז געווען מער ווי צדקה. מיט זיין טויט האָט ער אויף זיך גענומען די זינד פון אַ גאַנצער קהילה. דאָס איז, נאַטירלעך, ווייט ניט געווען דער איינציקער אופן פון צדקה.

געווען ביי יידן אַ סך גבירים און גרויסע לומדים, וואָס פלעגן געבן צדקה מיט אַ ברייטער האַנט; זיי פלעגן אָבער על פּי רוב שוין אויף דער וועלט באַקומען אַ טייל עולם הבא פאַר זייערע מעשים טובים. אַ גרויסער בעל צדקה האָט געקראָגן גענוג אָנערקענונג און כבוד אפילו ווען ער האָט עס ניט פאַרלאַנגט. פון דער אַנדער זייט האָט דער גביר ניט אַלע מאָל ווי געהעריק אָפּגעהיט דעם כבוד פון דעם נויטבאַדערפטיקן.

עס איז זייער שווער זיך אָפּצוהיטן פון גאווה, בפרט ווען מען איז אַ גביר און אַ גרויסער למדן דערצו. די גמרא פּסקנט אַפילו, אַז אַ ביסל גאווה מעג אַ תלמיד חכם זיך דערלויבן, די פראַגע איז בלויז: וויפל איז דער שיעור פון אַ ביסל גאווה ?

אַ פאָלקסטימלעכע לעגענדע דערציילט:

אין בערדיטשעוו האָט אַמאָל געלעבט אַ פרומער ייד, אַ מופלג בתורה און אַ בעל צדקה, וואָס האָט צו זיך אין דער גאַנצער שטאָט קיין גלייכן ניט געהאַט. גערופן האָט מען אים דער גרויסער ר' ליבער. באַזונדערס האָט ר' ליבער טייער געהאַלטן די מיצווה פון הכנסת אורחים. זיין הויז איז געווען ברייט אָפן פאַר יעדן

דורכגייער. איז אַן אַרעמער וואַנדערער צו אים אַריין אַ טרויעריקער, איז ער צוריק אַרויס אַ פריילעכער. ר׳ ליבער אַליין האָט געזאָרגט פאַר זיינע אורחים און ער האָט זיי תמיד געהאָלפן מיט וואָס ער האָט געקענט. אַזוי ווייט איז געווען באַקאַנט זיין גוטער נאָמען אויף דער וועלט, אַז אַן אורח, וואָס איז געקומען קיין בערדיטשעוו, האָט גאָר צו קיין אַנדער בעל הבית ניט געוואָלט גיין. האָט זיך געמאַכט, ר׳ ליבער איז אַ מאָל אַזוי געזעסן מיט זיין משפחה און האָט זיך צוגע־קוקט צו די אורחים, וואָס זיינען כסדר אַריינגעקומען צו אים. איז ער געוואָרן אַ ביסל האָפערדיק ביי זיך און עס האָבן זיך ביי אים ניט־ווילנדיק אַרויסגעריסן די ווערטער: גאָט צו דאַנקען, איך האָב מקיים געווען די מיצווה פון הכנסת אורחים מיט אַזוי פיל איבערגעגעבנקייט, אַז אויפן עולם האמת וועל איך זיך ניט דאַרפן שעמען אפילו פאַר אברהם אבינו עליו השלום.

ווי ר׳ ליבער האָט אויסגערעדט אָט די ווערטער, איז געוואָרן אַ גרויסער רעש אין הימל. עס איז זיך צונויפגעקומען דער בית דין של מעלה און ס׳האָט געהאַלטן דערביי, עס זאָל אַרויס אַ גזר, אַז ר׳ ליבער זאָל, חס ושלום, ניט אויסלעבן דאָס יאָר. איז געקומען אליהו הנביא זכרו לטוב און האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן גרויסן צדיק. לסוף איז געבליבן, מען זאָל ר׳ ליבערן שטעלן פאַר אַ ניסיון. וועט ער ביישטיין דעם ניסיון, דאַן וועט זיין גזר פאַרביטן ווערן אויף אַ יאָר גלות, אַ גאַנץ יאָר זיין נע־ונד.

עס איז גראָד געווען פרייטיק פאַרנאַכט. ר׳ ליבער האָט שוין געהאַט אָנגעטאָן זיינע שבתדיקע בגדים, איז צו אים אַריינגעקומען אַן אָרעמאַן אַ שיכור, אָנגעטאָן קרוע בלוע, און פרעגט זיך נאָך: ווו איז ליבער? ענטפערט ער אים: איך בין עס. נעמט דער אָרעמאַן אַראָפּ זיין זעקל פון די פּלייצעס, גיט עס אַ וואָרף אויף דער ערד און פרעגט דעם בעל הבית מיט חוצפה: האָט איר עפּעס צום עסן? איך בין הונגעריק! האָט ר׳ ליבער אים געגעבן אַ פלעשל משקה מיט צובייסנס און אַ שיינעם חלק פיש. דער אורח האָט זיך גיך אַן עצה געגעבן מיט דער משקה און די פיש און האָט מיט נאָך מער חוצפה גענומען טענהן: ״אַזוי גיט מען ביי אייך עסן? איך בין טויט הונגעריק!״ האָט ר׳ ליבער אים געגעבן אַ חלה פון די שבתדיקע חלות און אַ גאַנצן לאַבן ברויט. ער האָט אים אויך געבראַכט אַ כלי מיט וואַסער און מיט גרויס מי האָט ער קוים ביי אים געפועלט, ער זאָל זיך וואַשן צום עסן. דער אורח האָט סוף כל סוף אויפגעגעסן אַלץ, וואָס ר׳ ליבער האָט געהאַט צוגעגרייט, די פיש און די פלייש, און אפילו דעם קוגל, וואָס איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן פאַרטיק.

ווען דער אורח האָט אָפּגעגעסן, רופט זיך צו אים אָפּ ר׳ ליבער: איצט לאָמיר גיין דאַווענען. ענטפערט אים דער אורח: איך בין פאַרמאַטערט פון וועג, איך וויל גיין שלאָפן. האָט ר׳ ליבער אים געוויזן אַ בעט אין זיין אורחים־שטיבל, ווייל ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע דירה פאַר די אורחים מיט שיינע חדרים און די בעסטע בעטגעוואַנד. דער אורח איז אָבער אַלץ ניט געווען צופרידן: מיר פּאַסט ניט צו שלאָפן אין אורחים־שטיבל. איך וויל שלאָפן אין ליבערס בעט. האָט ר׳ ליבער

איך פֿאַרצוקעטן זיין אייגענעם צימער, און דער שיכורער אורח האָט זיך אריינגע־וואָרפֿן אין זיינע שמוציקע בגדים אין ר׳ ליבערס בעט.

שבת אינדערפֿרי האָט ר׳ ליבער געבעטן די בעלי בתים, מען זאָל צו אים שיקן קוגל און משקה לכבוד דעם אורח. האָט מען פֿון גאַנץ שטאָט געבראַכט שבתדיקע מאכלים צו ר׳ ליבערן. ווען ער איז געקומען צוריק פֿון דאַווענען, איז דער אורח נאָך געשלאָפֿן. האָט ר׳ ליבער אויף אים געוואַרט מיטן עסן. גלייך ווי ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט זיך דער אורח געזעצט צום טיש, ניט געדאַוונט און ניט געוואַשן, און אין אַ רגע איז דער גאַנצער טיש אויסגעליידיקט געוואָרן. אָפּגעגעסן, האָט דער אורח זיך אויפֿגעהויבן פֿון טיש און גענומען אויסברעכן דאָס גאַנצע עסן. דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט צו שלש סעודות. ר׳ ליבער האָט פֿונדעסטוועגן ניט געזאָגט קיין וואָרט און האָט דעם אורח ניט מבייש געווען.

שבת צו נאַכט נאָך הבדלה פֿלעגט ר׳ ליבער זיך נוהג זיין יעדן אורח מיט־צוגעבן אַ שיינע נדבה אויפֿן וועג. דאָס מאָל האָט ער מורא געהאַט דעם אורח צו געבן אַ באַשטימטע נדבה, האָט ער אים דערלאַנגט דעם גאַנצן בייטל מיט די געלט און האָט צו אים געזאָגט: ר׳ ייִד, נעמט אייך וויפֿל איר באַדאַרפֿט. האָט דער אורח געענטפֿערט: איך האָב צייט, באַזאָרגט אַפֿריער די אַנדערע אורחים. ווען אַלע זיינען שוין געהאַט אַוועק, האָט דער שיכורער אורח זיך אָפּגערופֿן צו ר׳ ליבערן: זיי וויסן, אַז איך בין געשיקט געוואָרן צו דיר מן השמים דיך אויסצופּרובירן, מחמת עס איז געוואָרן אַ גרויסער רעש אין הימל, ווען דו האָסט זיך אַנגעהויבן צו באַרימען מיט דיין הכנסת אורחים. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז דיין שטראָף זאָל זיין זייער אַ האַרבע. אַצינד אָבער, אַז דו ביסט בייגעשטאַנען דעם ניסיון און דו האָסט זיך אויף מיר דעם גאַנצן טאָג שבת ניט געבייזערט, הגם איך האָב דיר פֿאַרשאַפֿט אַזוי פֿיל צער, איז דער שלעכטער גזר בטל געוואָרן. אַנשטאָט דעם וועסטו מוזן ליידן אַ יאָר צייט גלות, אַ גאַנץ יאָר וועסטו דאַרפֿן זיין נע־ונד, וווּ דו וועסט טאָגן, וועסטו ניט נעכטיקן, און וווּ דו וועסט נעכטיקן, וועסטו ניט טאָגן. נאָר די טעג פֿון שבת און יום־טוב וועסטו בלייבן אויף דעם זעלביקן פּלאַץ. דיין אָפּקומעניש הייבט זיך אָן גלייך. מאָרגן אינדערפֿרי זאָלסטו פֿאַרלאָזן דיין הויז.

ווי דער אורח האָט פֿאַרענדיקט זיינע רייד, איז ער נעלם געוואָרן. האָט ר׳ ליבער פֿאַרשטאַנען, ווער דער אורח איז געווען.

אויף צומאָרגנס איז ר׳ ליבערס ווייב אַרויס אין גאַס און האָט אים איינגע־קויפֿט אַלטע צעריסענע בגדים. אַזוי אַנגעטאָן אין די בגדים פֿון אַ בעטלער, מיט אַ טאָרבע אויף דער פּלייצע און אַ שטעקן אין האַנט, איז ר׳ ליבער אַוועק אָפּריכטן גלות אין דער מדינה פֿון עסטרייך, ווו קיינער האָט אים ניט געקענט.

דער גרויסער ר׳ ליבער איז, אגב, געווען אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט. ער האָט געלעבט אין דער צייט פֿון ר׳ ישראל בעל שם טוב און ער איז אויך געווען מיט אים נאָענט באַפֿריינדעט. ווען דער גרינדער פֿון חסידות פֿלעגט קומען קיין בערדיטשעוו, פֿלעגט ער איינשטיין ביי ר׳ ליבערן. עס ווערט דערציילט, אַז דער בעל שם טוב האָט אַ מאָל וועגן אים געזאָגט: פֿאַראַן צדיקים, וואָס זיינען זוכה,

אַז אליהו זאָל זיך צו זיי אַנטפּלעקן. אליהו אָבער איז זוכה געווען, אַז ר׳ ליבער זאָל זיך צו אים אַנטפּלעקן. גילוי ר׳ ליבער איז, הייסט עס, נאָך אפשר אַ העכערע מדרגה ווי גילוי אליהו.

אַ פֿאַלקסלעגענדע דערציילט:

ר׳ ליבער איז אַ מאָל געשטאַנען אויפֿן פעלד לעבן אַ בוים און האָט געדאוונט. איז גראָד פֿאַרבייגעפֿאָרן דער פּירשט פון שטאָט און האָט אים גערופן, ער זאָל קומען צו אים. אָבער ר׳ ליבער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. איז דער פּירשט שטאַרק אין כעס געוואָרן און האָט אים גענומען שלאָגן מכת רצח. אָבער ר׳ ליבער האָט זיך אַלץ ניט גערירט פון פּלאַץ. איז דער פּירשט געוואָרן דערשיטערט. פון וואַנען נעמט זיך צו אַ יידן אַזאַ כוח? ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געשיקט אַ שליח צו ר׳ ליבערן אים איבערבעטן. האָט ר׳ ליבער געענטפערט: ער וועט דעם פּירשט מוחל זיין נאָר מיט איין תנאי. אויף דעם פּלאַץ, ווו ער האָט אים געשלאָגן, זאָל מען אויסבויען אַ בית מדרש. דער פּירשט האָט דערצו מסכים געווען און האָט דעם פּלאַץ אָפּגעגעבן אַ מתנה פאַר דער קהילה פון בערדיטשעוו.

ס׳איז, אגב, כאַראַקטעריסטיש, וואָס די פֿאָלקסלעגענדע האָט אויך געוווּסט צו דערציילן וועגן ר׳ ליבערס עניוות. ווען ער פלעגט שפּאַצירן אונטערן שטאָט און ער׳ פלעגט זען אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע בהמה, פלעגט ער אַליין זי ברענגען צו פירן צום בעל הבית. ר׳ ליבער פלעגט גיין פון קראָם צו קראָם אַכטונג געבן אויף די קרעמער, זיי זאָלן ניט אָפּנאַרן אין מאָס און וואָג. אין זיינע לעצטע יאָרן איז ר׳ ליבער, ווייזט אויס, צוגעשטאַנען צו דער חסידות־באַוועגונג און האָט געהאָלפן פֿאַרשפּרייטן די תורה פון זיין פריינד און חבר, ר׳ ישראל בעל שם טוב.

דער שיכור איז געווען א פארבארגענער צדיק

אַ פֿאַרבאָרגענער צדיק אַ שיכור! איז דאָס מעגלעך? יע, די חסידישע לעגענדע ווייסט אונדז צו דערציילן אויך וועגן דעם. אין דער צייט פון בעל שם טוב, לויט אַן אנדער נוסח אין דער צייט פון דעם ייד הקדוש, האָט אַזאַ צדיק געלעבט. נאָר ר׳ ישראל בעל שם טוב האָט געוווּסט, ווי גרויס זיין זכות איז און ווי שטאַרק אָנגענומען עס איז זיין תפילה פאַרן טאַטן אין הימל.

מיר, יידן, האָבן בדרך כלל זייער ווייניק געזינדיקט מיטן ביטערן טראָפּן. אַ שיכור איז ביי אונדז גאָר אַ זעלטענע דערשיינונג, באַזונדערס צווישן דעם "בעל הביתישן" קלאַס. אויב אַ ייד האָט גענומען אַ ביסל משקה, איז עס כמעט תמיד געווען פֿאַרבונדן מיט עפּעס אַ שמחה אָדער אַ יום טוב. איז ממילא ניט קיין חידוש, וואָס מען האָט מיט פֿאַראַכטונג, אָפּט געמישט מיט ווייטאָג, געקוקט אויף אַ שיכור. חסידות האָט טיילווייז געענדערט די באַציונג צו אַ גלעזל משקה. ווין מאַכט פריילעכער דאָס מענטשלעכע געמיט (יין ישמח לבב אנוש). חסידות האָט אַ סך געהאָלטן פון פרייד. אָבער אויך חסידות האָט געגעבן דעם הכשר נאָר,

ווען מען טרינקט בחברותא, מען קומט זיך צוזאַמען, מען מאַכט אַ ברכה און מען ווינטשט זיך לחיים. חסידות האָט אַן אַ שיעור געהאַלטן פון חברשאַפט, פון ברידערלעכקייט, און אַ גלעזל משקה, ווען מען טרינקט צוזאַמען לחיים, העלפט אַ סך אָפּצווישן די פאָרמעלע גרענעצן צווישן מענטש און מענטש.

דאָס אַלץ האָט אָבער צו שיכרות קיין שום שייכות ניט געהאַט. נאָר אין דער עקסטרעם־טענדענציעזער השכלה־ליטעראַטור ווערן די חסידים באַשולדיקט אין שיכרות. מיר ווייסן אָבער, אַז שיכורן איז אין דער חסידישער, פּונקט ווי אין דער מתנגדישער וועלט, באַטראַכט געוואָרן ווי אַ גרויסע עבירה. פון וואַנען נעמט זיך דאָן די פאָרשטעלונג פון אַ צדיק, אַ שיכור?

געווען אַ טיפערע סיבה, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די פאָרשטעלונג וועגן דעם למד־וואָווניק, דעם שיכור. חסידים האָבן געהאַט אַ מער פאַרגעבנדיקע באַציונג צו מענטשלעכע שוואַכקייטן און מענטשלעכע זינד. אויך ביי די זינדיקסטע מענטשן, לערנט חסידות, קען מען נאָך געפינען פונקען פון קדושה. מיר מוזן משפּטן אַ מענטשן ניט נאָר לויט זיינע מעשים, נאָר דער עיקר — לויט זיינע כוונות. רחמנא לבא בעי, גאָט זעט און שאַצט אָפּ דאָס מענטשלעכע געמיט, דעם מענטשנס גוטן ווילן. דערפאַר מאַכן מיר ניט זעלטן טעותן, ווען מיר פּרובירן משפּטן מענטשן לויט זייער אויסערלעכקייט. משפּט קיינעם ניט, דו קענסט קיינמאָל ניט וויסן, וואָס דיין פריינד און חבר לעבט איבער טיף אין זיין נשמה. אָט איז, דוכט זיך, אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז אַ ייד, אַ שיכור. מיר אַלע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, מיר האָבן געטראַכט — אַ זינדיקער מענטש, אַ פאַרלאָרענע נשמה. אָבער ר׳ ישראל בעל שם טוב האָט געוווּסט, אַז דאָס איז גאָר געווען דער צדיק הדור. די חסידישע לעגענדע דערציילט:

אין דער צייט פון בעל שם טוב ז״ל איז געווען אַ מאָל אַ גרויס טריקעניש, ניט היינט געדאַכט. עס זיינען אַוועק וואָכן און וואָכן, און קיין טראָפּן רעגן האָט זיך ניט באַוויזן. איז מען געקומען אים בעטן, ער זאָל מתפּלל זיין צו גאָט ברוך הוא. האָט דער בעל שם טוב געענטפערט: צוליב די גרויסע זינד פון דעם דור זיינען אַלע טויערן פון תפילה פאַרשלאָסן געוואָרן. נאָר איין עצה קען איך אייך געבן. קלייבט אויס אייניקע חשובע לייט, זיי זאָלן פאָרן אין יענער און יענער שטאָט, דאָרט וועלן זיי געפינען אַ מאַן, וואָס זיין נאָמען איז אַזוי און אַזוי. אויב איר וועט פּועלן ביי יענעם מאַן, ער זאָל פאַר אייך מתפּלל זיין, וועט גאָט ברוך הוא אוודאי שיקן רעגן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין יענער שטאָט און האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכצו־פרעגן אויף דעם מאַן מיט דעם נאָמען, וואָס דער בעש״ט האָט זיי געגעבן, האָבן די שטאָטלייט געלאַכט. אָט דער ייד איז דאָך אַ פּראָסטער שיכור. אינדערפרי טוט ער נאָך אָן טלית און תפילין און הויבט אָן צו דאַווענען. אָבער ווי עס קומט צו הודו, טוט ער תיכף אויס דעם טלית און תפילין און נעמט זיך טרינקען ביז ער פאַלט אַ טויט־שיכורער. אַזוי ליגט ער אָפּ אַ שיכורער ביז אויף מאָרגן אינדערפרי.

די שלוחים, שטאַרק צערודערטע, זיינען פונדעסטוועגן געבליבן פאַרעקשנט,

זיי זיינען אַוועק צום שיכור אַהיים גאַנץ פרי טאָקע, ווען ער האָט זיך געשטעלט דאַוונען. געדאַוונט האָט ער מיט דביקות און התלהבות. ווי נאָר ער האָט אַראָפּגענומען די תפילין, זיינען זיי צו אים צוגעלאָפן, האָבן אים ניט געלאָזט נעמען קיין טראָפּן שנאַפּס, ביז ער וועט זיי הייליק צוזאָגן, אַז גאָט וועט ברענגען רעגן אויף דער ערד. זיי זיינען אַזוי לאַנג צו אים צוגעשטאַנען, ביז ער האָט גענומען מתפלל זיין: "האַר פון דער וועלט! דיין פאָלק ישראל נייטיקט זיך אין רעגן, גיב זיי רעגן פון מזל ברכה!" ער האָט דאַן תיכף זיך גענומען צום טרינקען, און אין דער זעלבער רגע זיינען די הימלען געוואָרן פאַרוואָלקנט און אַ רעגן פון מזל ברכה איז געקומען.

ווען די שלוחים זיינען געקומען צוריק צום בעל שם טוב, האָבן זיי אים געפרעגט: רבי, וואָס איז דער מער מיט דעם שיכור?

האָט ר' ישראל זיי דערציילט:

דער שיכור איז אַמאָל געווען אַ גרויסער צדיק. אָבער מיט איין מיצווה איז ער ניט געווען אָפּגעהיט. ער פלעגט זאָגן די תפילות ביז הודו נאָך אײדער ער האָט אָנגעטאָן טלית און תפילין. ווען ער איז געקומען אויפן עולם האמת, האָט דער בית דין של מעלה געפסקנט, אַז זיין נשמה מוז אַראָפּגיין נאָך אַ מאָל אויף דער וועלט צו פאַרריכטן די איינציקע עבירה, וואָס ער האָט אין זיין לעבן געטאָן. האָט דער צדיק זיך צעוויינט. ווער ווייס, האָט ער געטענהט, אויב איך וועל ניט געשטרויכלט ווערן מיט אַנדערע עבירות! איז געבליבן, מען זאָל אים לאָזן דאַוונען נאָר ביז הודו און דאַן זאָל ער אַ גאַנצן טאָג שיכורן, כדי ער זאָל בלייבן אָפּגעהיט פון אַנדערע עבירות.

פאַראַן אַ צווייטער נוסח פון דער זעלביקער לעגענדע:

ר' ישראל קאָזשעניצער, ווערט דערציילט, האָט פאַר זיין פטירה אָנגעזאָגט זיין בעסטן תלמיד, אַז ווען ער וועט שוין מער ניט זיין, זאָל דער תלמיד נעמען פאַר אַ רבין איינעם, וואָס הייסט ר' משה שטשאַגיל, וועלכער וווינט אין יענער און יענער שטאָט. עס האָט זיך פאַרענדיקט די צייט פון אבלות נאָך דעם הייליקן ר' ישראל קאָזשעניצער, איז דער תלמיד אַוועק זוכן זיין נייעם רבין. אָנגעקומען אין יענער שטאָט, הייבט ער זיך אָן נאָכפרעגן אויף דעם צדיק ר' משה שטשאַגיל, האָט דער עולם גענומען לאַכן. אַזאַ צדיק איז ביי אונדז נישטאָ. מיר קענען אָבער איינעם אַ שיכור מיטן נאָמען משה שטשאַגיל. אין דער רגע איז משה שטשאַגיל אָנגעקומען אויפן מאַרקפּלאַץ. אַן אויסגעפּוצטער פראַנט מיט אַ חברה לײדיקגייער. האָבן זיי געהאַלטן כסדר אין טרייבן לצנות. דער תלמיד פון ר' ישראל קאָזשעניצער איז געוואָרן אַ פאַרציטערטער. אָט דער שיכורער לץ זאָל דאָס ווערן מיין רבי, מיין וועגווייזער? ער האָט זיך פונדעסטוועגן אָנגענומען מיט מוט, איז צוגעגאַנגען נענטער און האָט צו אים געזאָגט: רבי, איך וויל, איר זאָלט מיט מיר לערנען תורה! האָט משה שטשאַגיל זיך פונאַנדערגעלאַכט און האָט זיך אָפּגערופן צו זײַער חברה אַרום אים: ווי געפעלט אייך, אָט דער שוטה רופט מיר גאָר רבי און וויל

אַריין צו אונדז אין דער חברה. ברויכן מיר טאָקע אַזעלכע שוטים? — האָבן אַלע פון אים חוזק געמאַכט.

דער תלמיד, אַ דערשלאָגענער און פאַרשעמטער, איז אָבער געבליבן ביי זיינס, און שטילערהייט האָט ער צו דעם פירער פון דער לצים־חברה געזאָגט:

— מיך האָט געשיקט צו אייך ר׳ ישראל קאָזשעניצער. ער האָט אויף אייך גוזר געווען, איר זאָלט מיט מיר לערנען תורה, און איך וועל אייך מער ניט אָפּלאָזן אַפילו אויף איין רגע!

ווען ר׳ משה שטשאַגיל האָט דערהערט די ווערטער, איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. ער האָט זיך געזעגנט מיט דער חברה לצים און איז מיט זיין נייעם תלמיד אַוועק אין אַ חורבה, ווייט הינטער דער שטאָט. דאָרט פלעגט ער מיט אים יעדע נאַכט לערנען תורה. און דאָרט, אין דער חורבה, איז דער תלמיד פאַרבליבן, ביז ר׳ משה שטשאַגיל איז נפטר געוואָרן.

אַזוי האָט דער צדיק משה שטשאַגיל געפירט אַ טאָפּלטן לעבן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער פאַרבראַכט מיט דער חברה לצים, צוזאַמען מיט זיי געהוליעט, צוזאַמען מיט זיי געשיכורט. ביינאַכט אָבער נאָך חצות, איז ער געקומען צו זיך אין חורבה לערנען און מתפלל זיין. דאָס פאַרברענגען מיט דער חברה לצים איז, לויט דער לעגענדע, געווען אַ טייל פון דעם צדיקס עבודה. פאַראַן צייטן, לערנט אונדז די פאָלקסטימלעכע טראַדיציע, ווען דער צדיק דאַרף גיין צו די זינדיקע און געפאַלענע; אויך די לצים זיינען ניט אינגאַנצן אויסגעליידיקט פון מיצוות, אויך ביי זיי קען מען נאָך געפינען פונקען פון קדושה.

עס איז אונדז באַקאַנט נאָך אַ דריטער נוסח וועגן דעם שיכור, וואָס איז געווען אַ פאַרבאָרגענער צדיק. עס איז אַמאָל געווען אַן עת צרה, ניט היינט געדאַכט. און יידן זיינען געקומען זוכן הילף ביים הייליקן רבין, ר׳ ברוך מעזשיבוזשער. דער רבי האָט זיי געשיקט צו דעם שיכור. דאָס ווערט דערציילט אויף דעם זעלביקן אופן, ווי אין די פריערדיקע וואַריאַנטן. ווען די שלוחים זיינען געקומען צוריק צום רבין, האָט ר׳ ברוך דערציילט זיינע תלמידים, ווער דער שיכור איז און אין וואָס זיין כוח באַשטייט.

דער שיכור איז אַמאָל געווען אַ סוחר, אַ גרויסער גביר און אַ שיינער מאַן. האָט איינמאָל פּאַסירט, און אין אים האָט זיך פאַרליבט אַ רייכע און שיינע פּריצטע. האָט זי אים אָנגעהויבן איינצורעדן, ער זאָל פאַרלאָזן זיין פאַמיליע און חתונה האָבן מיט איר, וועט ער ווערן דער בעל הבית איבער איר גאַנצן פאַרמעגן. די פּריצטע איז אים אויך געפעלן געוואָרן און עס האָט שוין געהאַלטן, ער זאָל ביי איר פאַרבלייבן. האָט זיך געמאַכט, אַז זיצנדיק ביי איר אין פּאַלאַץ, האָט ער מיט אַ מאָל דערהערט אַ געוויין און אַ געיאָמער פון יידישע מענטשן. דאָס זיינען געווען אָרעמע אַרענדאַרן, וואָס די פּריצטע האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין געפענגע־ניש, ווייל זיי האָבן ניט באַצאָלט די ראַטעס. זיי האָבן כסדר געהאַלטן אין איין וויינען און שרייען: העלפט אונדז! ראַטעוועט אונדז! איז ער צו זיי אַרויסגע־גאַנגען און זיי האָבן אים דערציילט, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט. דער סוחר איז

ווידער אַריין אין פּאַלאַץ און האָט פאַרלאַנגט פון דער פּריצטע זי זאָל די געפאַנגענע באַפרייען. האָט זי אַזוי געטאָן און ער האָט איינגעשפּאַנט פערד און וואָגן און האָט זיי געבראַכט צוריק אַהיים.

באַלד ווי ער האָט מקיים געווען די גרויסע מיצווה פון פּדיון שבויים, און ווי מיר ווייסן וויל, איז איין מיצווה ברענגט מיט זיך נאָך אַ מיצווה (מצוה גוררת מצוה), האָט ער ביי זיך אָנגעהויבן צו טראַכטן: ווי קען איך טאָן אַזאַ עבירה צו פאַרלאָזן מיין ווייב און גיין לעבן מיט אַ פּריצטע! האָט ער גענומען זיין פאַמיליע און איז אַנטלאָפן פון דאָרטן.

און ווייל דער סוחר האָט מקיים געווען אַזאַ גרויסע מיצווה און האָט צו דעם נאָך תשובה געטאָן, האָט דער בית דין של מעלה געפּסקנט, אַז ער איז דער צדיק הדור און וואָס ער וועט גוזר זיין, וועט מקוים ווערן. איז געוואָרן אַ רעש אין הימל, ער וועט דאָך אויב אַזוי מבטל זיין אַלע שטראָפן און גזרות, וואָס קומען מן השמים פאַר מענטשלעכער זינדיקייט. איז געבליבן, מען זאָל אים מאַכן פאַר אַ שיכור, ער זאָל גאָרניט ווייסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. און באמת, האָט דער הייליקער רבי צוגעגעבן, איז אַ גרויסע סכנה צו קומען צו אים עפּעס בעטן. אָבער אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ צרת רבים, אַן אומגליק, וואָס האָט אָנגע־רירט דעם כלל ישראל, איז קיין ברירה ניט געווען, און מען האָט געמוזט אָנקומען צו זיין הילף.

גערדאנקען וועגן גוטע מידות און גוטע מעשים

יידישע ניכטערקייט

אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור פאַרנעמט וויין גאָר אַ באַזונדערן פּלאַץ. וויין פאַרטרייבט דעם אומעט, ווי מיר לייענען עס אין משלי: גיט אַ שטאַרקן געטראַנק צו דעם פאַרצווייפלטן און וויין צו די מיט אַ פאַרביטערט געמיט (תנו שכר לאובד ויין למרי נפש). אָבער וויין קען אויך פאַרפירן, וויין קען שאַפן אַן אַ שיעור זאָרגן און פּראָבלעמען. און דער עיקר — וויין, אין אַ צו גרויסער מאָס, פאַרשעמט דעם מענטשן, נעמט פון אים אַוועק זיין מענטשלעכקייט. זאָגט דאָך אונדז דער נביא הושע: זנות, וויין און ווינזאַפט נעמט אַוועק דאָס האַרץ (זנות ויין ותירוש יקח לב). זיינען טאַקע געווען נזירים, וואָס פלעגן זיך אָפּהאַלטן פון וויין פאַר אַ געוויסער צייט. און געווען אויך ביי אונדז נזירים, וואָס פלעגן בכלל קיין וויין ניט אָנרירן. דאָס זיינען געווען די תלמידים פון יונדב בן רכב, די אַזוי׳ גערופענע רכבים.

און מערקווערדיק איז דער פאַקט, וואָס אונדזערע לערער און וועגווייזער האָבן גראָד ניט געהאַלטן פון אַט דער עקסטרעמער שיטה. די מיצווה פון קידוש אויף וויין פאַרנעמט דווקא אַ צענטראַלן פּלאַץ אין דער פייערלעכקייט פון שבת און יום־טוב. און גאָר באַזונדערס חשוב איז דער פּלאַץ פון וויין ביים סדר. לערנען מיר דאָך אין שולחן ערוך: אפילו דער אָרעמער ייד, וואָס לעבט פון צדקה, זאָל פאַרקויפן זיין מלבוש, אָדער באָרגן, אָדער זיך פאַרדינגען אויף אַרבעט, כדי צו האָבן וויין פאַר די פיר כוסות (אפילו עני שמתפרנס מן הצדקה ימכור מלבושו או ילוה או ישכיר עצמו לד׳ כוסות). יידן זיינען אַ פאָלק פון שיכורים — וואָלט מען דאָך געקענט מיינען — פאַרקויפן אַ מלבוש צוליב פיר כוסות! ווייסן מיר אָבער זייער ווויל, אַז יידן זיינען דאָס ניכטערסטע פאָלק אויף דער וועלט. זיי האָבן אָבער געפונען אַ תיקון פאַר דעם יצר הרע פון וויין. זיי האָבן אויסגעלייזט דעם כוס פון דעם תהום פון טומאה, און די וווּנדערלעכע פיר כוסות ביים סדרדיקן טיש זיינען געוואָרן דער סימבאָל פון יידישער פרייהייט, פון יידישער גייסטיקייט. דער פאַרצווייפלטער, וואָס זוכט אַ טרייסט אין דעם כוס וויין, אַנטלויפט פון דער וועלט, פון די זאָרגן פון דער וועלט. ער אַנטלויפט אויך פון זיין מענטשלעכקייט. דער שיכור טרינקט ניט מיט דער פאַמיליע צוזאַמען. ער פאַרגעסט די וועלט, ער פאַרגעסט אפילו זיינע נאָענטסטע. דער יידישער מענטש אָבער פילט זיך ביים יום־טובדיקן טיש פאַראייניקט מיט כלל ישראל, מיט די יידן פון גאָר דער וועלט און מיט אַלע דורות יידן.

*

פאַר וואָס איז שיכרות אַזוי ווייניק פאַרשפּרייט צווישן יידן? ווי קומט עס, וואָס יידן אין מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבן במשך פון דורות געהאַט בראָנפן־ברענערייען, שענקען און קרעטשמעס, זיינען אַזוי זעלטן געוואָרן אַליין די קרבנות פון דעם ביטערן טראָפּן? וואָס האָט זיי געגעבן דעם כוח גובר צו זיין דעם יצר הרע פון נאָך אַ כוסע, אָט די איבעריקע גלעזל בראָנפן, וואָס מאַכט דעם אונטער־שייד צווישן שיכור און ניכטער?

טרינקען איז ביי אונדז געווען פאַרבונדן מיט אַ סעודת־מיצווה, מיט אַ חתונה, אַ ברית, אַ יום־טוב, תנאים, אַ שלום זכר א.אַז.וו. מען האָט אַ סך מערער געטרונקען בציבור ווי ביחידות, מערער אין בית המדרש און אין שטיבל ווי אין דער היים און אין שענק.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אפילו אין אַמעריקע, ווו דער אַלטער יידישער לעבנסשטייגער איז כמעט ווי פאַרשוווּנדן, זיינען יידן נאָך עד היום פאַרבליבן אַ ניכטער פאָלק. די סטאַטיסטיק וועגן אַלקאָהאָליזם איז בכלל זייער אַ מאָגערע. אָבער דאָס ביסל ציפערן, וואָס מיר פאַרמאָגן וועגן יידישער שיכרות אין אַמעריקע, באַשטעטיקן אין דער פולסטער מאָס די אַלגעמיין אָנגענומענע מיינונג.

דאָס זאָגן אונדז, למשל, די ציפערן פון דער אויספאָרשונג, וואָס בנימין מאַלצבערג האָט געמאַכט וועגן די אַלקאָהאָל־קראַנקע, וועלכע זיינען אין די יאָרן 1929—1931 אויפגענומען געוואָרן אין די שפּיטאָלן פון ניו־יאָרק־שטאָט. ער האָט פאַרגליכן פאַרשיידענע גרופּעס אימיגראַנטן. אויף יעדע הונדערט טויזנט איינגע־וואַנדערטע האָט זיך באַקומען די פאָלגענדע צאָל אַלקאָהאָל־קראַנקע:

ביי איירישע — — — — — — —	25.6
ביי די סקאַנדינאַוויער — — — — —	7.8
ביי די איטאַליענער — — — — —	4.8
ביי די ענגלענדער — — — — —	4.3
ביי די דייטשן — — — — — —	3.8
ביי יידן — — — — — — —	0.5

ענלעכע ציפערן האָבן מיר פאַר אַ רייע אַנדערע שפּיטאָלן און אינסטיטוציעס. די איירישע פאַרנעמען אומעטום דעם ערשטן פּלאַץ, די יידן — דעם לעצטן. פּונקט אַזוי נישטיק איז די צאָל יידן צווישן די "טרעמפּס" אויף דער "באַוערי" אין ניו יאָרק. אַן אויספאָרשונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אייניקע אַנשטאַלטן, וועלכע ווערן באַזוכט פון די באַוערי־לייט, האָט צווישן 444 באַזוכער פעסט־געשטעלט בלויז איין איינציקן יידן.

דער פילאָזאָף אימאַנועל קאַנט, וועמען די יידישע ניכטערקייט איז שטאַרק אויפגעפאַלן, האָט די פראַגע געפּרובירט פאַרענטפערן אויף אַזאַ אופן: פרויען, גייסטלעכע און יידן, היטן זיך פאַר שיכרות, מחמת זייער פּאָזיציע איז אַ שוואַכע. זיי מוזן זיך מער רעכענען מיט דער מיינונג פון דער דרויסנדיקער וועלט.

די ערקלערונג איז ווייט ניט אין הסכם מיט די פאַקטן. אין רוסלאַנד, למשל, האָבן די פּראַוואָסלאַווע גייסטלעכע, און דווקא די סאַמע אָרעמסטע, די דאָרפישע

גייסטלעכע, גאַנץ ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. עס איז אויך ניט ריכטיק, אַז סעקטעס און גרופּעס, וועלכע לעבן צווישן אַ פּרעמדער מערהייט־באַפּעלקערונג, קאָנטראָלירן זיך אַ סך מער אין פּרט פון שיכרות. די רוסישע "סטאַראָוועריצעס", למשל, האָבן דווקא ליב געהאַט דעם טרונק. פון דער אַנדער זייט, האָט דער ייִד אין שטעטל געלעבט אין זיין אייגענער סביבה און ער האָט זיך ניט געדאַרפט שטאַרק רעכענען מיט דער מיינונג פון די "גויים", וועלכע וואָלטן אים, אגב, פאַר אַן איבעריק גלעזל בראַנפן קיין צו גרויסע פאַרווורפן ניט געמאַכט. פונדעסטוועגן וויל איך ניט לייקענען, אַז אין דער ערקלערונג פון עמאַנועל קאַנט איז יע פאַראַן אַ קערנדל אמת, אָבער ניט מער ווי אַ קערנדל. די עיקר סיבות זיינען גאָר אַנדערע.

מען קען ניט פאַרשטיין דאָס יידישע וואָכעדיקע לעבן אָן דעם יידישן שבת; מען קען ניט פאַרשטיין דעם יידישן האַנדל און די אויפפירונג פון דעם יידן אין מאַרק און אויפן יריד, ניט ווייסנדיק ווי דער ייד האָט געלעבט אין בית המדרש. און אויב מען וויל פאַרשטיין די סיבה פון דער יידישער ניכטערקייט, דאַן מוז מען זיך פּרובירן פאַרטיפן אין דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע. דאָ, אין דער רעליגיעזער טראַדיציע, געפינען מיר דעם שליסל צום יידישן טאָג־טעגלעכן לעבן.

לויט דער יידישער פאַרשטעלונג, איז עסן און טרינקען בכלל אַ הייליקער ענין, ווייל אין תוך מוז דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן זיין הייליק און געהייליקט. מוז מען צוליב דעם טעם מאַכן אַ ברכה פאַרן עסן, און לויבן און דאַנקען זיין ליבן נאָמען נאָכן עסן.

דער טיש אין דער יידישער היים איז אַ מזבח, דאָס עסן איז אַ קרבן, און דער, וואָס זעצט זיך צום טיש עסן, איז געגליכן צום כהן אין בית המקדש (המאכל הוא קרבן והאוכלו הוא הכהן העובד). איז דעריבער אַזאַ גרויסע מיצווה צו ריידן אין תורה, ווען מען זיצט ביים טיש, וואָרים ווען דריי זיצן ביי איין טיש און ריידן דברי תורה, איז געגליכן, ווי זיי וואָלטן געגעסן פון דעם טיש פון גאָט ברוך הוא (שלשה שאכלו על שלחן אחד ואמרו עליו דברי תורה כאילו אכלו משלחנו של מקום).

האָט מען דערפאַר שוין אין דער צייט פון דער משנה איינגעפירט דעם מינהג צו וואַשן די הענט איידער מען זעצט זיך צום טיש. לכתחילה האָבן דעם מינהג אָפּגעהיט נאָר די כהנים אין בית המקדש. ביסלעכווייז האָט אויך דאָס גאַנצע פאָלק אויף זיך גענומען צו עסן די טאָג־טעגלעכע מאָלצייטן מיט דערזעלבער קדושה ווי די כהנים עסן תרומה (לאכול חולין בטהרה). ארום דעם מינהג פון נטילת ידים האָבן זיך אין לויף פון דורות געפירט לאַנגע און היציקע וויכוחים. די קריסטן, למשל, האָבן עס שאַרף קריטיקירט. די רעליגיעזע פירער פון יידישן פאָלק האָבן אָבער זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז יעדער ייד איז אין דער בחינה פון אַ כהן, זיינען דאָך יידן אַ ממלכת כהנים, און דערפאַר מוז זיך דער ייד הייליקן ביים עסן און טרינקען.

און נאָך אַ זאַך איז צוגעקומען. מען מעג און מען דאַרף זיך משמח זיין. מען

טאָר אָבער ניט אינגאַנצן פאַרגעסן דעם גלות פון פאָלק ישראל און דעם גלות פון דער שכינה. האָט מען צוליב דעם מתקן געווען, אַז נאָך יעדער מאָלצייט, פאַרן בענטשן, זאָל מען זאָגן "על נהרות בבל" (ביי די טייכן פון בבל), כדי זיך צו דערמאָנען דעם חורבן ירושלים. שבת און יום־טוב, ווען מען טאָר ניט טרויערן, זאָגט מען פאַרן בענטשן דעם קאַפּיטל תהילים "בשוב ה׳ את שיבת ציון".

זיך אָנשיכורן אָבער הייסט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך. דער ייד האָט עס ניט געקענט. דער פּריץ האָט זיך געקענט פאַרגינען כסדר צו שיכורן. זיינע געשעפטן האָט מען געפירט אָן אים. דער פּויער האָט עס זיך אויך געקענט פאַרגינען — צוליב זיין גרויסער אָרעמקייט. ער האָט ניט געהאַט וואָס אָנצווווערן. דער ייד אין שטעטל האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכן ניט מיטן פּויער און ניט מיטן פּריץ. דער ייד האָט געמוזט לעבן מיט אַ חשבון. זיין גאַנץ לעבן איז געווען אויסגערעכנט און אָרגאַניזירט. עסן און טרינקען צוזאַמען מיט קריסטן האָט ער ניט געקענט. האָט ממילא דער ייד ניט געקענט אינגאַנצן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון יידישקייט. איז ער אַפילו אין זיין שיכרות געבליבן ניכטער.

דערציילט די חסידישע לעגענדע: יום כיפּור, פאַר כל נדרי, ווען די שול איז שוין געווען פול מיט יידן, פלעגט ר׳ לוי יצחק אָנהייבן זיין טענה צו גאָט ברוך הוא מיט די ווערטער: רבונו של עולם, ווען דו וואָלסט געזאָגט די גויים, אַז ס׳איז אַ מיצווה צו עסן און צו טרינקען ערב דעם הייליקן טאָג יום כיפּור, וואָלטן זיי דאָך אַלע איצט געלעגן שכורע און אפילו קיין מנין וואָלט מען ניט געקענט צונויפ־קלייבן צום דאַווענען. אָבער גיב אַ קוק אויף דיין הייליקן פאָלק ישראל; קיין איין איינציקער פון זיי איז ניט שיכור, קיינער האָט זיך ניט צו פיל אָנגעגעסן, און זיי אַלע זיינען געקומען אין דיין מקום קדוש און זיי שטייען פאַר דיר!

דער ייד האָט תמיד געקענט גובר זיין זיין יצר הרע, און ער האָט געמוזט זיך קאָנטראָלירן. און דאָס ווערט אויף אַ קלאַסישן אופן ארויסגעבראַכט אין אַ צווייטער חסידישער אגדה וועגן ר׳ לוי יצחקן: ס׳איז געווען אַ מאָל אין אַ מאַרק־טאָג, איז ר׳ לוי יצחק אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, האָט איבערגעטאָן זיינע בגדים, מען זאָל אים ניט דערקענען, און איז אַוועק אויפן מאַרק מיט אַ קאָרב אָנגעפילט מיט גוטע מאכלים, חלה מיט פיש און משקה. גייט ער צו צו די טרעגערס און די פורמאַנעס, וואָס שטייען אויפן מאַרק, און לייגט יעדן איינציקן פאַר עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין. עסן ווילט זיי זיך אַלעמען. אָבער ווי קען מען עסן פאַרן דאַווענען? ענטפערן זיי אים: אַ דאַנק, ר׳ ייד, מיר האָבן נאָך ניט געדאַוונט!

אַ צווייטער נוסח פון דער זעלביקער געשיכטע איז אַזאַ: שפּעט ביינאַכט, אַלע זיינען שוין געשלאָפן, איז ר׳ לוי יצחק אַריינגעקומען אין אַן אַכסניא, נעמט זיך וועקן דעם עולם און גיט זיי צו עסן און צו טרינקען. אָבער קיינער רירט זיך ניט צו. "רבי", טענהן זיי, "ווי קען מען עסן מיט די הענט אומגעוואַשן?" איז ער צוגעגאַנגען צו אַ פּויער, וועלכער איז געשלאָפן אין דער זעלבער אכסניא. האָט דער פּויער, נאַטירלעך, קיין שהיות ניט געמאַכט. דעמאָלט האָט ר׳ לוי יצחק זיך

געוועגדעט מיט אַ טענה צום רבונו של עולם: "טאַטע אין הימל, קוק אַראָפּ אויף דיינע קינדער און זע, וואָס פאַר אַ הייליק פאָלק דו האָסט!"

ר' לוי יצחק בערדיטשעווערס פילאָזאָפיע וועגן יידישער "שיכרות" האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען י. ל. פּרץ. אין זיין "שהשמחה במעונו" דערקלערט אַ חסיד דעם אונטערשייד צווישן טרינקען און טרינקען, צווישן דעם ווי די פרומע יידן טרינקען און די היינטוועלטיקע טרינקען:

מיר טרינקען און זיי טרינקען...

וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ טרונק בראַנפן אין שענק... און וואָס פאַר אַ טעם אין שטיבל ביי אַ סיום, ביי אַ יאָרצייט, אָדער גלאַט ביי אַ פּשוטן שלש סעודות!

ביי זיי לאָזט זיך דער בראַנפן ניט טרינקען... נאָר דער יצר הרע הייסט...

מאַכט מען אָבער איבער דער משקה אַ ברכה, טרינקט מען זי לשם מיצווה, איז מען זי מתקן... לאָזט זיך די משקה טרינקען און די נשמה האָט נחת פון טרינקען און וויל טרינקען.

*

די פּראָבלעם פון שיכרות איז אַן ענין, וואָס דאַרף און מוז אינטערעסירן יעדן מענטשן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט מאָראַלישע פּראָבלעמען. פאַרוואָס זוכן אַזוי פיל מענטשן טרייסט אין דעם ביטערן טראָפּן? און ווי קומט עס וואָס יידן, אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן, האָבן גראָד באַוויזן זיך אָפּצוהיטן פון דעם נסיון צו פאַרטרינקען די צרות!

איך גלויב, אַז די פּראָבלעם פון שיכרות איז אַ צענטראַלע פּראָבלעם פון אונדזער גאַנצער מאָדערנער קולטור. שיכרות איז אין אַ געוויסער מאָס אַ וועג צו אַנטלויפן פון די שווערע פּראָבלעמען פון לעבן, צו אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט. שיכרות, פּונקט ווי "געמבלען", איז אַ וועג צו אַנטלויפן פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, צו אַנטלויפן פון מאָראַלישע פליכטן. פאַראַן צייטן, ווען גאַנצע פעלקער ווערן פאַרשיכורט, ווען גאַנצע פעלקער פאַרגעסן זייערע מאָראַלישע התחייבותן. דער מאָדערנער נאַציאָנאַליזם איז צו אַ געוויסן גראַד אַ פאָרם פון שיכרות. און די ווילדע יאָגעניש נאָך עולם הזה און פאַרגעניגנס קען אוודאי דערגריין ביז פּאַטאָלאָגישער שיכרות. אין אירע פאַרשיידנסטע פאָרמען איז שיכרות די גרעסטע געפאַר פאַר אַ דעמאָקראַטישער וועלט.

די גרעסערע סך־הכלדיקע אַרבעט פון טשאַרלס ר. סניידער, "אַלקאָהאָל ענד דהי דזשוס" (אַלקאָהאָל און די יידן), אַנטהאַלט זייער אַ רייכן מאַטעריאַל. דער מחבר באַהאַנדלט קריטיש די פאַרשיידענע טעאָריעס. קיין פולן ענטפער געפינען מיר דאָ אויך ניט.

דער מחבר איז ניט געגנוג באַקאַנט מיטן גאַנצן יידישן לעבנסשטייגער, ווי דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די יידישע שטעט און שטעטלעך אין דער

אַלטער היים. איך פּערזענלעך גלויב, אַז פינף סיבות האָבן אויף אַן אַנטשיידע־נעם אופן מיטגעהאָלפן כדי צו ראַטעווען יידן פון שיכרות.

א) געווען אין יידישן לעבן אַ סך חברשאַפט, אַ סך ברידערלעכקייט. דער איינצעלנער ייד האָט זיך ניט געפילט אינגאַנצן הילפלאָז, צווישן יידן ווערט מען ניט פאַרפאַלן, האָט ער געגלויבט. האָט דער יידישער מענטש זיך געפילט עלנט אין דער היים, איז ער אַוועק אין בית מדרש. האָט ער ניט געהאַט מיט וועמען זיך דורכצוריידן, האָט ער זיך אויסגעטענהט מיטן טאַטן אין הימל, האָט ער אויסגעגאָסן זיין האַרץ אין אַ קאַפּיטל תהילים.

דער פּרינציפּ פון פריינדשאַפט און חברשאַפט איז, אגב, כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם צוגאַנג פון דער געזעלשאַפט "אַלקאָהאָליקס אַנאָנימאָס" צו דער פּראָבלעם פון שיכרות. די מיטגלידער קומען זיך אַפּט צונויף, מען רעדט זיך דורך, מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן, מען דערציילט, וואָס מען האָט דורכגע־לעבט. אָט די אַטמאָספערע פון אינטימער היימישקייט שפּילט אַ געוואַלדיקע ראָל און העלפט אַ סך מענטשן זיך אָפּצוהאַלטן פון ביטערן טראָפּן.

די דערפאַרונג פון די "אַלקאָהאָליקס אַנאָנימאָס" ווייזט אונדז, אגב, אויך קלאָר די גרענעצן פון פסיכיאַטרישער באַהאַנדלונג. דער פאַקט איז, אַז דאָקטוירים און פּסיכאָלאָגן זיינען מייסטנס הילפלאָז אין דער באַהאַנדלונג פון קראַנקע אַלקאָ־האָליקער. עס איז אויך אַ פאַקט, אַז די מעדיצינישע וויסנשאַפט האָט טיילווייז געלערנט און קען נאָך אַ סך לערנען פון די דערפאַרונגען פון די "אַלקאָהאָליקס אַנאָנימאָס". דאָס וויכטיקסטע, וואָס מיר קענען לערנען, איז: ניט אַלע פּסיכישע פּראָבלעמען קענען פאַרענטפערט ווערן אין דעם קאַבינעט פון אַ דאָקטאָר אָדער פּסיכיאַטער. ווען אַ מענטש פילט זיך הילפלאָז, עלנט און פאַראייניזאַמט, קען אים דער דאָקטאָר זעלטן העלפן.

אין צייטן פון קריזיסן, ווען דער מענטש ווערט פאַרכאַפּט פון אַ ליידנשאַפט־לעכן דורשט נאָך אַלקאָהאָל און ס'איז כמעט ווי אוממעגלעך זיך צו קאָנטראָלירן, אין אַזעלכע פאַלן איז אויך געוואַלדיק וויכטיק — אַזוי האָט די פּראַקטישע דער־פאַרונג פון דער געזעלשאַפט "אַלקאָהאָליקס אַנאָנימאָס" געוויזן — זיך צו באַ־געגענען מיט אַ צווייטן אַלקאָהאָליקער, פּרובירן אים העלפן. און ווען מען פּרובירט דעם צווייטן העלפן, ווערט מען אַליין געהאָלפן.

ב. דער ייד האָט תמיד געהאַט די מעגלעכקייט צו "פאַרדינען" אַ מיצווה צו העלפן א חבר. און פאַרדינען אַ מיצווה איז אַן אויסגעצייכנטער מיטל אין צייטן פון יאוש און אַפּהענטיקייט. עס איז דערפאַר ניט קיין ווונדער, וואָס די אָרעמסטע דאָרפסיידן, די ישובניקעס, האָבן אַזוי טייער אָפּגעהיט די מיצווה פון הכנסת אורחים, פון אויפנעמען פריינדלעך אַן אורח. ערשטנס, האָט מען דערביי געהאַט די מעגלעכקייט זיך דורכצוריידן, און צווייטנס, מען האָט מקיים געווען אַ גרויסע מיצווה. איז דאָך אויפנעמען אַן אורח געגליכן געוואָרן ווי מען וואָלט אויפגענומען די שכינה כביכול.

ג. ניט קיין קלענערע ראָל האָט געשפּילט דער פאַקט, וואָס יידישקייט איז אַ

שיטה פון שטרענגער מאָראַלישער דיסציפּלין; די דיסציפּלין פון שולחן ערוך האָט באַהערשט דאָס גאַנצע לעבן: דער יידישער מענטש האָט געוווּסט, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט. אַזאַ שטרענגע רעליגיעז־מאָראַלישע דיסציפּלין האָט זיך ניט געקענט פּאָרן מיט שיכרות.

ד) דער ייד אין גלות האָט געוווּסט, אַז ער מוז אָפּהיטן זיין כבוד און דעם כבוד פון יידישן פאָלק. איינע פון די מעלות פון פאָלק ישראל, זאָגט דער תלמוד, איז וואָס זיי זיינען שעמעוודיקע (ביישנים). דאָס שעמען זיך פאַר די נאָענטסטע, פאַר די פריינד און באַקאַנטע, האָט אַ סך יידן אָפּגעהיט פון דער קראַנקהייט פון שיכרות.

ה) ניט קיין קליינע ראָל האָט ביי יידן געשפּילט די צוגעבונדנקייט צו דער פאַמיליע. מיר זיינען דאָך שטענדיק געווען אַ מינדערהייט, די יידישע לאַגע בכלל איז געווען אַזוי אומרויק, האָט מען זיך מער געטוליעט איינער צום אנדערן, זיינען די משפּחה־געפילן געווען שטאַרקער. דערצו האָט דער יידישער מענטש געהאַט מער זאָרגן. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן די אַטמאָספערע, וואָס האָט כמעט ווי אוממעגלעך געמאַכט שיכרות ביי יידן. אויף איינע פון די סיבות איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן אין דער דערמאָנטער אַרבעט פון דר. סניידער.

דערמיט האָבן מיר, נאַטירלעך, דעם ענין ניט אויסגעשעפּט. עס איז אָבער קלאָר, אַז יידיש לעבן נייטיקט זיך באַזונדערס אין חברשאַפט און פריינדשאַפט. מיר זיינען אָפט אַזוי איינזאַם אין דער וועלט, איז דערפאַר אַזוי וויכטיק, מיר זאָלן ניט בלייבן איינזאַם צווישן אייגענע.

דער מענטש וויל און קען זיין גוט

מען דערציילט וועגן דעם קעלמער מגיד: ער איז אַ מאָל געקומען אין אַ שטאָט און האָט געהאַלטן אַ שטרענגע מוסר־דרשה, ווי זיין שטייגער איז געווען. זיינען צו אים צוגעקומען אַ פּאָר משכילים מיט אַ טענה: רבי, האָבן זיי צו אים געזאָגט: די זעלביקע דרשה האָבן מיר דאָך געהערט פון אייך מיט אַ יאָר צוריק. האָט דער קעלמער מגיד זיי געענטפערט: זאָגט מיר, שקצים, אַז איר האָט פאַר־אַיאָרן געטאָן אַן עבירה, גלוסט זיך אייך שוין מער ניט צו טאָן די זעלביקע עבירה? מען זאָגט, אַז גראַד פאַרקערט, וואָס מער מען טוט אַן עבירה, אַלץ מער וויל מען די עבירה איבערחזרן. איז וואָס איז די עוולה, אויב איך רוף כסדר איבערצוחזרן אַ הייליקע מיצווה?

דער רמב״ם האָט געזאָגט: איטלעכער מענטש קען זיין אַ רשע ווי ירבעם בן נבט און אַ צדיק ווי משה רבינו. דער מענטש איז ניט אינגאַנצן הילפלאָז אין זיין מלחמה מיטן יצר הרע. עס איז אָבער אויך ריכטיק, אַז די אַרומיקע וועלט, חברים, פריינד, די געזעלשאַפט, קענען שפּילן גאָר אַ גרויסע ראָל. דער מענטש איז ניט קיין קנעכט פון דער סביבה, ער מוז עס ניט זיין. עס זיינען אָבער פאַראַן באַדינגונגען, ביי וועלכע עס איז גרינגער צו זיין גוט, און פאַראַן באַדינגונגען,

וועלכע ברענגען אונדז אפט צו זינד. ניט אומזיסט בעט דער יידישער מענטש יעדן טאָג — ער זאָל ניט געשטעלט ווערן פאַר אַ ניסיון.

דער מענטש וויל זיין גוט און דער מענטש קען זיין גוט, אויך אין אונדזער געזעלשאַפט, וואָס איז אַזוי פול מיט חסרונות, איז פאַראַן אַ ברייט פעלד פאַר גוטע מעשים. מיר ווייסן אָבער וועגן דעם זייער ווייניק.

אָט איז אַ נאָטיץ אין דער צייטונג. עס איז געשטאָרבן אַ יידישע פרוי אין עלטער פון אַכט און אַכציק יאָר. אין לויף פון פינף און זעכציק יאָר פלעגט זי קומען איין טאָג אין וואָך אין מאָנטעפיאָרע־שפּיטאָל העלפן באַזאָרגן די קראַנקע. זי האָט אָנגעהויבן איר אידעאַליסטישע אַרבעט, ווען זי איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר און ביז צום עלטער פון 85 יאָר האָט זי געטאָן איר הייליקע שליחות.

פאַרוואָס ווייס מען ביי אונדז אַזוי ווייניק וועגן אַזעלכע פאַלן פון ליבע און אידעאַליזם? פאַרוואָס מאַכט מען אין אונדזער צייט אַזוי פיל רעקלאַמע פאַר די אַלע העלדן פון האָליווד? פאַרוואָס שרייבט מען ביי אונדז אַזוי פיל וועגן די כלערליי פאַרברעכער, און פאַרוואָס ווערן כמעט ווי אינגאַנצן פאַרשוויגן די באַשיידענע אידעאַליסטן, וואָס ברענגען אָפט גרויסע קרבנות כדי צו העלפן דעם מיטמענטשן? פאַרוואָס אַזוי פיל רעקלאַמע פאַרן יצר הרע?

אונדזער גאַנצע מאָדערנע ליטעראַטור איז פול מיט נעגאַטיווע טיפּן און פול מיט זינד. און ניט ווילנדיק שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז אונדזער גאַנץ לעבן איז לויטער אַ לעבן פון זינד, פון תאוות און פון רישעות.

אין מיינע חדר יאָרן, געדענק איך, פלעגן מיר ליב האָבן צו לייענען מעשיות פון גזלנים. מיר האָבן אויך געלייענט אַ היפּש ביסל מעשיות פון צדיקים און פון פאַרבאָרגענע צדיקים (למד־וואָווניקעס). אין אונדזער צייט האָט מען כמעט אויפגעהערט צו שרייבן מעשיות וועגן צדיקים. די רשעים האָבן פאַרכאַפּט די וועלט. און ניט נאָר רישעות, אויך גראָבקייט איז געוואָרן אַן ענין. גרויסע קינסטלער האַלטן עס פאַר אַן אויפטו, ווען זיי שילדערן דעם מענטשן נאַקעט, ווען זיי ברענגען אַריין וואָס מער נאַקעטקייט אין קונסט און ליטעראַטור. מען ווייזט כסדר דעם נאַקעטן מענטשן, דעם מענטשן אָן איידלקייט, אָן מיצוות, אָן אַ נשמה יתרה. איז דער נאַקעטער מענטש דער אמתער מענטש? ניין! דאָס איז דער גרעסטער טעות פון דער קולטור פון אונדזער צייט.

ליבע, פריינדלעכקייט, ברידערלעכקייט איז אַן ענין פון מענטש צו מענטש. די צענטראַלע פּראָבלעם פון אונדזער צייט איז, וואָס די אינסטיטוציעס פאַרשטעלן דעם מענטשן. עס זיינען גאָר אָפט פאַראַן פאַלן, ווען דער מענטש ווייסט ניט, וואָס צו טאָן מיט זיין גוטסקייט, ווען ער ווייסט ניט, ווי צו זיין גוט.

*

ווער עס לייענט די פאַרשיידענע שילדערונגען פון יידיש לעבן אין אַמעריקע אין ביכער, געדרוקט אין ענגליש, באַגעגנט זעלטן סימפּאַטישע יידישע געשטאַלטן. די גרעסטע צאָל העלדן פון דער ענגליש־יידישער ליטעראַטור רופט אַרויס ביי אונדז אין בעסטן פאַל געמישטע געפילן. עס ווייזט זיך אָבער ארויס, אַז עס איז

נאָך ניט פאַרשוווּנדן דער פּשוטער ייִד מיט זיין פּשוטער און הייליקער ליבע צו תּורה און ייִדישקייט. אָט לייענען מיר, אין דער צייטונג, וועגן אַ ייִדישן אַלטוואַרג־הענדלער. מיט איבער פופציק יאָר צוריק איז ער געקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט אַ צייט ביי שניידעריי, שפּעטער גענומען אַרומפּאָרן איבערן לאַנד, איינקויפן און פאַרקויפן אַלטע און געניצטע זאַכן. געלעבט האָט ער באַשיידן, געהאַט ווייניק פריינד און די פרייע צייט פלעגט ער זיצן און לערנען. זיין גאַנץ פאַרמעגן — אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר — האָט ער איבערגעלאָזן פאַר דער ישיבה־אוניווערזיטעט.

דער גרויסער דיכטער ביאַליק באַשרייבט ווי זיין פאָטער, וואָס איז אַ צייט געווען אַ שענקער, פלעגט זיצן איבער אַ ספר און לערנען, בעת דער שענק איז געווען פול מיט טומל און גערויש. הינטער די פּעסער מיט משקה האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט, שרייבט דער דיכטער, די הייליקע און געפּייניקטע געשטאַלט פון זיין פאָטער, פאַרטיפט אין די פאַרגעלטע בלעטער פון אַ ספר. אַזעלכע געשטאַלטן זיינען ביי אונדז געווען ניט קיין זעלטנהייט. דער באַרימטער פּוילישער שרייבער וולאַדיסלאַוו ריימאַנד, דער מחבר פון דעם באַקאַנטן ראָמאַן "כלאָפּי" (די פּויערים), באַשרייבט אויך אַ ייִדישן שענקער יאַנקעל, וואָס פלעגט זיצן אין שענק און כּסדר אַריינקוקן אין אַ ספר. וולאַדיסלאַוו ריימאַנד מאָלט ניט זיין ייִדישן שענקער מיט סימפּאַטישע שטריכן. גראָד פאַרקערט, און דעריבער איז אָט דאָס בילד פון דעם ייִדן, וואָס זיצט ביים ספר, נאָך מער כאַראַקטעריסטיש. אין אַ צווייטער שטעלע פון זיין ראָמאַן גיט ריימאַנד איבער אַ שמועס פון די פּוילישע פּויערים וועגן זייער קאַטוילישן פּריסטער: רופט זיך אָפּ איינער פון די פּויערים — "ער זיצט כּסדר איבער די ביכער ווי אַ ייִד". עס איז פאַר די פּויערים געווען שווער זיך פאַרצושטעלן אַ ייִדן אָן אַ ספר.

ייִדישע בעלי מלאכות, אַלטוואַרג־הענדלער, קרעמער און שענקער זיצן ביי ספרים און לערנען תּורה. אָרעמקייט און תּורה. איז עס געווען אָרעמקייט ? אָדער אפשר איז עס געווען די גרויסע גייסטיקע עשירות פון אונדזער פאָלק ?

*

מיר קענען אָן אַ שיעור לערנען פון קליינינקייטן, ווייל דאָס גאַנצע לעבן באַשטייט פון קליינינקייטן. און אויך ליבע און מענטשלעכקייט קומען דער עיקר צום אויסדרוק אין קליינינקייטן, אין די טאָג־טעגלעכע באַציונגען אין דער פאַמיליע, ביי דער אַרבעט און צווישן מענטש און מענטש.

אַ קריסטלעכער אַרבעטסמענטש איז געווען אין לויף פון אַ צאָל יאָרן אָן אויפהער ביי פאַרשיידענע בויפּראָיעקטן אין דעם ישיבה־אוניווערזיטעט. ער פלעגט מיט אַלעמען ריידן וועגן דער וויכטיקייט פון דערציונג און ער האָט שטאַרק ליב געהאַט די ישיבה און די סטודענטן. ער האָט אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין לויף פון אַ לאַנגן אַרבעטסלעבן, איבערגעלאָזן פאַר זיין אַדאָפּטירטער אינסטי־טוציע. און ער איז זיכער זיין גאַנץ לעבן געווען דער פּשוטער, שטילער און ערלעכער אַרבעטסמענטש. און אויב עס זיינען נאָך דאָ אַזוינע שטילע און איידעלע

מענטשן, ווי דזשאַרדזש קאַנט, איז באַרעכטיקט אונדזער גלויבן אין מענטש־לעכקייט.

מיר לעבן אין אַ צייט פון רעקלאַמע, און כמעט אַלע אונדזערע צדיקים און רעוואָלוציאָנערן, כמעט אַלע אונדזערע קעמפער און פּאַרזאָרגער, זיינען רעקלאַמע־העלדן. אָבער רעקלאַמע פאַרבייט מעשים מיט ווערטער, און דאָס איז געוואָרן אַ קללה פון אונדזער צייט. מיר ווייסן, ווי געפערלעך עס קען ווערן דער יצר הרע פון גאווה ביי מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אויפרודערן די וועלט, וואָס באַנוגענען זיך מיט רודערן און אויפרודערן.

עס איז בלי ספק וויכטיק צו קעמפן פאַר יושר און גערעכטיקייט, פאַר איידלקייט און מענטשלעכקייט. אָבער עס איז שווער צו זיין אַ קעמפער און אַן איידעלער מענטש דערצו. עס איז שווער עפּעס אויפצוטאָן אין פּאָליטישן לעבן מיט דער מידה פון איידלקייט, און ס׳איז נאָך אַ סך שווערער עפּעס צו דערגרייכן מיט דער מידה פון באַשיידנקייט און עניוות.

איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע מאָראַלישע פּראָבלעמען איז — ווי ווייט קען אַ מענטש גיין מיט דער מצווה פון עניוות? דעריבער מוז מען לערנען מוסר. מען מוז אַרבעטן איבער מוסר, ווייל דער ענין מוסר פאָדערט האַרעוואַניע.

*

מיט אַ געפיל פון באַוווּנדערונג לייען איך די באַריכטן וועגן יידישע סאָלדאַטן און אָפיצערן, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין דייטשלאַנד בעת די רוסישע אַרמייען האָבן צעשמעטערט היטלערס מיליטערישע מאַשין. און אָט די יידיש־רוסישע סאָלדאַטן און אָפיצערן האָבן זיך אויפגעפירט אויפן אַנשטענדיקסטן אופן. זיי האָבן ניט גענומען קיין נקמה פון דער דייטשער באַפעלקערונג, הגם גאָר אַ סך פון זיי האָבן פאַרלוירן זייערע נאָענטסטע אין די טראַגישע יאָרן פון די נאַצי־שחיטות. איך האָב געלייענט פּונקט אַזעלכע באַריכטן וועגן יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן באַהאַנדלט מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט די דייטשע קריגס־געפאַנגענע אין רוסלאַנד. און גאָר אַ סך פון אָט די געפאַנגענע זיינען דאָך געווען יידן־מערדער.

נקמה איז אינגאַנצן ניט קיין יידישע מידה. מיר זיינען ניט קיין פאָלק פון נקמה און אונדזער גלויבן איז ניט אַ גלויבן פון נקמה, ווי דאָס באַהויפּטן די יידישע שונאים. אין די הייליקע ווערטער פון דעם גרויסן נביא ישעיה איז ניטאָ קיין סימן פון האַס קעגן ניט־יידן, גראָד פאַרקערט, דער נביא רופט אַלע ניט־יידן זיך צו פאַרבינדן מיט יידן און מיט דער יידישער אמונה, „וואָרים מיין הויז וועט גערופן ווערן דאָס הויז פון תפילה פאַר אַלע פעלקער״ (כי ביתי בית תפילה יקרא לכל העמים). די אַלע ליידן פון דעם גלות האָבן ביי אונדזער גרויסן נביא ניט אָפּגעשוואַכט זיין טיפן גלויבן אין מענטשן און מענטשלעכקייט.

*

אידעאַליסטישע קריסטן איבער דער גאַנצער וועלט האָבן געהאָלפן ראַטעווען יידן. זייער צאָל איז, ליידער, געווען צו קליין. מען וואָלט געקענט ראַטעווען אַ

סך מער קרבנות. לאָמיר אָבער ניט פאַרגעסן, לאָמיר שטענדיק דערמאָנען מיט דאַנק יעניקע, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס כדי אונדז צו העלפן.

אפילו אין דעם דייטשן סדום זיינען געווען צדיקים, לײדער װײניק צדיקים... געווען אייניקע וואָס האָבן מיט מסירת נפש געהאָלפן ראַטעווען יידן. אין דענעמאַרק, האָט אַ אידעאַליסטישער דייטשער באַאַמטער די יידן באַצייטנס געוואָרנט וועגן דעם רציחישן פּלאַן פון די נאַציס. און אַ דאַנק אים און אַ דאַנק דעם אידעאַליזם פון דעם דענישן פאָלק, האָבן זיך די יידן אין דענעמאַרק געראַטעוועט.

*

פאַראַן אַ טיפער זין אין זאָגן גוט מאָרגן! אין באַגריסן אַ מענטשן, אין ווערן אַ שותף צו זיין פרייד און צו זיין צער. דאָס זיינען ניט סתם פוסטע צערעמאָניעס. ווען מיר זאָגן אַ מענטשן גוט מאָרגן, העלפן מיר צו פאַרטרייבן די מרה שחורה פון אים, פילט ער, אַז ער איז ניט איינער אַליין אויף דער וועלט. ער האָט שותפים, ער האָט באַקאַנטע, ער האָט פריינד. דעריבער האָבן יידן תמיד אַזוי טייער געהאַלטן די מיצווה פון הכנסת אורחים. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פריינדלעכקייט די דאָרפסיידן. דורך באַגריסן אַ מענטשן, אויפנעמען אַ פרעמדן, זאָגן אַ פריינדלעך וואָרט דעם עלנטן, העלפן מיר צו פאַרטרייבן דעם גלות, דעם עלנט, די איינזאַמקייט פון דער וועלט. מיר קענען דורך אונדזערע מעשים, דורך מענטשלעכקייט ברענגען די גאולה. און דאָס איז דאָך דער זין פון יידישקייט, דער זין פון דער יידישער געשיכטע.

*

ס'איז דער גרעסטער טעות אָנצונעמען, אַז קאַמפן און מחלוקתן צווישן יחידים און גרופּעס זיינען אַ רעזולטאַט בלויז פון קאָנקרעטע עקאָנאָמישע קאָנפליקטן. דער אמת איז, אַז שנאת חינם שפּילט אַ סך אַ גרעסערע ראָל אין מענטשלעכן לעבן, ווי מיר שטעלן זיך דאָס געוויינטלעך פאָר. אויך ווייל דער מענטש איז זייער סענסעטיוו צו קריטיק, אפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן פריינדלעכע קריטישע באַמערקונגען, קומט אויף דעם באָדן ניט זעלטן צו ערנסטע קאָנפליקטן אפילו אין דער פאַמיליע: צווישן ברידער און שוועסטער, צווישן עלטערן און קינדער. קענען אויסקומען מיט מענטשן איז דערפאַר אַ גאַנצע תורה. אין אונדזער מוסר־ליטעראַטור ווערט אָפּגעגעבן גאָר אַ סך פּלאַץ פאַר אָט דעם ענין.

עס האַנדלט זיך דאָ וועגן רעספּעקטירן דעם מיטמענטשן, אָפּהיטן זיין כבוד, און ניטאָ קיין גרעסערע זאַך ביי אונדז יידן ווי כבוד הבריות! און כדי צו באַקעמפן די פאַרשיידענע פּאַראַיבלס און שנאת חינם האָבן מיר זיך באַוואָפנט מיט אַ גאַנצן אַרסענאַל פון איידלקייט און העפלעכקייט. די מאָדערנע רעוואָלוציע קעגן איידל־קייט איז אין תוך אַ רעוואָלוציע קעגן מענטשלעכקייט.

כמעט יעדע רעוואָלוציע ברענגט מיט זיך אַ כוואַליע פון גראָבקייט. דאָס איז צום טייל פאַרשטענדלעך. עס קען ניט געלייקנט ווערן, אַז איידלקייט האָט צייטנ־

ווייז די פונקציע צו פאַרדעקן אומגערעכטיקייט. אַזוי זאָגט אונדז אַ מאמר אין חגיגה: "יש נאה דורש ואין נאה מקיים", פאַראַן מענטשן, וואָס דרשענען זייער שיין, זיי זיינען אָבער ניט אַזוי שיין ביים מקיים זיין.

דאָס אַלץ איז ריכטיק. אוודאי מוזן מיר באַקעמפן יעדע פאָרם פון רישעות, וואָס פאַרדעקט זיך הינטער איידעלע מליצות. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מיר דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון קולטור, פון איידלקייט, אַז מיר דאַרפן פאַראַדירן מיט גראָבקייט. מיר נייטיקן זיך פאַרקערט אין מער מענטשלעכקייט, אין דער תורה פון מוסר און מידות. און ס'איז דאָ גאָר אַ סך וואָס צו לערנען.

*

די געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור איז ניט קיין געשיכטע בלויז פון מלחמות און רעוואָלוציעס. עס איז אַ געשיכטע פון שטילע עקשנותדיקע העלדן, וואָס האָבן אויסגעלערנט די מענטשן צו אַרבעטן, שאַפן, בויען; עס איז אַ געשיכטע פון שטילע העלדן, וואָס האָבן אונדז אויסגעלערנט זיך אָפּצוהיטן פון קראַנקהייטן, צו שטאַרקן די שוואַכע, צו העלפן די ליידנדע; עס איז אַ געשיכטע פון הייליקע מענטשן, וואָס האָבן אונדז אויסגעלערנט ליב צו האָבן, מיטצוהעלפן, מיטצואַרבעטן, פון מענטשן, וואָס האָבן אונדז אויסגעלערנט די קונסט פון פריינדשאַפט, פון חברשאַפט, פון טרייסטן און העלפן דעם מיטמענטשן אין שווערע צייטן, אין צייט פון נויט. אָט די גרויסע העלדן ווערן אין דער געשיכטע ווייניק דערמאָנט. מיר ווייסן לפּי ערך גאָר ווייניק וועגן די מוטיקע פּיאָנערן, וואָס האָבן געזאָרגט פאַר בלינדע, פאַר שטומע, פאַר אַלערליי קאַלעקעס און פאַרקריפּלטע, פאַר אַלע איינזאַמע און עלנטע.

ווען אונדזערע נביאים האָבן געחלומט וועגן אַ בעסערער און מער גערעכטער וועלט, ווען זיי האָבן געחלומט וועגן משיחס צייטן, האָבן זיי אין זייערע חלומות אַריינגענומען די אַלע, וואָס ליידן פון קערפּערלעכע פעלערן. "אין יענער צייט, זאָגט אונדז דער נביא ישעיה, וועלן די בלינדע אָנהייבן זען און די אויערן פון די טויבע וועלן זיך עפענען; דער הינקענדיקער וועט שפּרינגען ווי אַ הינד און די צונג פון דעם שטומען וועט אָנהייבן זינגען". מיר זיינען נאָך ווייט פון משיחס צייטן, אָבער עפּעס איז אויפגעטאָן געוואָרן פאַר די בלינדע און די שטומע, פאַר די טויבע און הינקענדיקע, און פאַר אַ סך אַנדערע, וואָס זיינען פון דער נאַטור באַוואָלהט געוואָרן. דער עיקר אָבער — די באַוואָלהטע פון דער נאַטור זיינען מייסטנס אויך באַוואָלהטע פון דער געזעלשאַפט. קעמפן קעגן אָט די פאַראורטיילן, געבן די פאַרקריפּלטע אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן, איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן, מיט וועלכער עס פאַרנעמען זיך די געזעלשאַפטן פאַר רעהאַביליטאַציע. עס האַנדלט זיך דאָ ניט סתם וועגן רחמנות. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אָנערקענען דעם פאַרקריפּלטן ווי אַ גלייכן, ווי אַ מענטשן, וואָס איז ווי מיר אַלע באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, ניט געקוקט אויף אַלע זיינע פיזישע פעלערן. ניט רחמנות, נאָר ליבע, טיפע מענטשלעכע ליבע, איז דער שליסל צו אַלע פּראָבלעמען

פון מענטש און מענטשלעכקייט. אין תוך גענומען טראָגן מיר זיך אַלע אַרום מיט פעלערן, אַלע זיינען מיר אין אַ געוויסן זין פאַרקריפּלטע.

די געשיכטע וועגן העלען קעלער פאַרדינט אונדזער גרעסטן אינטערעס. עס באַווייזט דעם כוח פון ליבע. פאַראַן אַ תלמודישע טראַדיציע, אַז דורך שנאת חינם איז חרוב געוואָרן ירושלים. שנאת חינם קען חרוב מאַכן אַ וועלט. ליבע קען ווידער אויפבויען אַ וועלט. מיט ליבע קען מען דערנענטערן משיחס צייטן. דער נס פון העלען קעלער איז מעגלעך געוואָרן דורך אַ קאָמבינאַציע פון וויסן און ליבע.

די לערערין פון דעם בלינדן און טויב־שטומען קינד, ען סוליוואַן, איז אַליין געווען אַן אומגליקלעכע פרוי. אין איר קינדהייט, האָט זי געליטן אַ סך נויט און עלנט. זי האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַ יתומים־הויז און איז דערצו נאָך געווען האַלב־בלינד. און אָט די לערערין האָט אין איר דערציערישער אַרבעט באַוויזן וווּנדער.

די ערשטע גרויסע דערגרייכונג פאַר דער קליינער העלען איז געווען, ווען זי איז געוווּיר געוואָרן, אַז יעדע איינצעלנע זאַך האָט אַ נאָמען. אין דעם מאָמענט איז פאַרגעקומען אַ גרויסע איבערקערעניש אין דער וועלט פון דער קליינער העלען. די גרויסע דערגרייכונג פאַר אונדז וועט זיין, ווען מיר וועלן באַגרייפן, אַז יעדער מענטש האָט אַ נאָמען, אַז יעדער איינצעלנער מענטש איז אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך.

*

דער קראַנקער מענטש איז אָפט אַ פאַרגעסענער מענטש, בפרט ווען מען איז נאָך אַן אָרעמאַן דערצו. עס איז שווער צו באַפרידיקן אַ קראַנקן מענטשן. און עס איז אויך אָפט שווער צו פאַרשטיין דעם געמיט פון אַ קראַנקן. גאָר אָפט טראַכט ער, אַז ער איז אַן איבעריקע לאַסט פאַר דער וועלט און אפילו פאַר זיינע נאָענטס־טע. און אַ מאָל דוכט זיך אים, אַז מען טוט פאַר אים צו ווייניק, פילט ער זיך פאַרלאָזן און פאַרגעסן, פאַרגעסן פון די נאָענטסטע און פאַרגעסן פון דער וועלט.

קוקט אַריין אין די געזאַנגען פון תהלים, פּרובירט זיך פאַרטיפן אין דער געשיכטע פון ספר איוב, און איר וועט בעסער פאַרשטיין דעם געמיט פון דעם קראַנקן און פאַרגעסענעם. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז קיין דאָקטאָר האָט ניט געהאָלפן אַזוי פיל קראַנקע, אַזוי פיל פאַרצווייפלטע, ווי דער מחבר פון ספר איוב.

וואָס האָט דער ספר איוב צו זאָגן דעם ליידנדן מענטשן ? ער זאָגט אים קודם כל : דו ביסט ניט אַליין אין דיינע ליידן. פאַראַן אַ סך ליידנדע אויף דער וועלט, איינער פון זיי איז געווען דער גרויסער צדיק איוב, גרויס אין צייטן פון גליק און אויך גרויס אין זיין ליידן. האָסט אַ סך שותפים, דו קראַנקער און ליידנדער מענטש!

צווייטנס, קומט אונדז דער ספר איוב צו זאָגן : ליידן איז מענטשלעך, ליידן געהערט צו אונדזער מענטשלעכן גורל. עס זיינען ניט זעלטן די בעסטע, די איידלסטע, די ערלעכסטע, וואָס זייער גורל איז ליידן. דורך ליידן ווערט אָפט דער

מענטש געלייטערט, מוזן מיר טראָגן מיט מוט אונדזער מענטשלעכן גורל, וואָס איז אָפט מערליידן ווי גליק.

דער ספר איוב פאַרבינדט דעם עלנטן ווידער מיט דער וועלט. דער ספר איוב העלפט אים זיך צו באַפרייען פון זיין איינזאַמקייט, פון דעם געפיל, אַז ער איז פאַרגעסן געוואָרן פון דער וועלט און אפילו פאַרגעסן געוואָרן פון זיין באַשעפער. דער האַר פון דער וועלט פאַרגעסט ניט די ליידנדע.

דערפאַר ווערט אין תלמוד אַזוי שטאַרק אַרויסגעבראַכט די מיצווה פון ביקור חולים, פון באַזוכן די קראַנקע. ווער עס באַזוכט אַ קראַנקן, זאָגט אונדז אַ מאמר אין תלמוד, נעמט צו אַ זעכציקסט חלק פון זיין קראַנקהייט. אין אונדזערע אַלטע יידישע שטעט און שטעטלעך זיינען כמעט אומעטום געווען חברות פון ביקור חולים און לינת הצדק, וועלכע פלעגן העלפן קראַנקע מאַטעריעל און אויך מיט דעם, וואָס זיי פלעגן זיי באַזוכן און באַזאָרגן. עס זיינען מייסטנס געווען פשוטע פאָלקס־מענטשן, וואָס פלעגן זיך פאַרשרייבן אין די חברות פון ביקור חולים און לינת הצדק און וואָס פלעגן טאָן זייער אַרבעט מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט.

אויך אַ גרויסע צאָל יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט דער מיצווה פון ביקור חולים, אַזוי, למשל, אין אַמעריקע, די פאַרשיידענע לאַנדס־מאַנשאַפטן, דער אַרבעטער־רינג, דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד א.אַז.וו. גרויס איז די מיצווה פון ביקור חולים, לערנט אונדז דער תלמוד, וואָרים אויך גאָט ברוך הוא באַזוכט די קראַנקע!

דער רב, אויף וויפיל ער פאַרנעמט זיך מיט דער מיצווה פון ביקור חולים, זוכט אַליין אויס דעם קראַנקן. צווישן אים און דעם חולה זיינען ניטאָ קיין שום געלט־חשבונות. דערפאַר האָט דער רב מער מעגלעכקייט צו געווינען דעם חולהס פולסטן צוטרוי, ווי דאָס האָט דער דאָקטאָר. און דער רב רעפּרעזענטירט אויך מיט זיך, מיט זיינע מעשים, מיט זיין אויפפירונג, די וועלט פון יידישקייט, וואָס ווערט מיט זיין קומען דעם חולה נענטער און טייערער.

*

דערציילן דעם אמת איז אָפט זייער אַ דעליקאַטער ענין.

לויט דער יידישער טראַדיציע איז עס גראָד וויכטיק, ווען דער מענטש גיט זיך אָפּ אַ חשבון וועגן זיינע לעצטע טעג. אין חומש, למשל, ווערט דערציילט, ווי גאָט האָט געזאָגט צו משה רבינו: "עס האָבן זיך דערנענטערט דיינע טעג אוועק־צוגיין פון דער וועלט" (הן קרבו ימיך למות), און דעריבער דאַרף משה, דער פירער פון פאָלק, אויסגעפינען אַ צווייטן מנהיג, וואָס זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ. אין זיינע לעצטע טעג רופט דאָן משה צונויף דאָס פאָלק, בענטשט זיי און גיט זיי איבער זיינע ווונטשן. דאָס זעלביקע ווערט דערציילט וועגן משהס תלמיד יהושע, וועגן יעקב אבינו און וועגן דוד המלך.

דאָ האַנדלט זיך עס, נאַטירלעך, וועגן גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס טראָגן אויף זיך פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן כלל, פאַרן גאַנצן פאָלק. בכלל אָבער האָט מען זיך נוהג געווען ניט צו זאָגן דעם קראַנקן דעם פולן אמת. געווען דאָ נאָך אַ

טיפערע סיבה. מען האָט קיינמאָל ניט שלום געמאַכט מיטן גורל און מען האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון צו האָפן. אפילו ווען מען קומט צו אַ חולה מסוכן זאָגן מיט אים ווידוי, גיט מען אים צו מוט מיט די ווערטער: "געווען אַ סך, וואָס האָבן געזאָגט ווידוי און זיי זיינען געזונט געוואָרן און, פאַרקערט, אויך אַזעלכע, וואָס זיינען אַן ווידוי אַוועק פון דער וועלט. און פאַרן שכר, וואָס דו זאָגסט ווידוי, וועסטו ווידער געזונט ווערן!"

די סאַמע וויכטיקסטע פראַגע איז: וויל דער פאַציענט וויסן דעם אמת? עס קען, דוכט מיר, קיין ספק ניט זיין, אַז אויב דער פאַציענט וויל באמת וויסן דעם אמת און אויב עס האנדלט זיך וועגן אַ מענטשן, וואָס קען דעם אמת פאַרטראָגן, איז דער דאָקטאָר באַרעכטיקט און אפשר אפילו מחויב עס צו זאָגן. אין די מייסטע פאַלן וואָלטן די קראַנקע געוואָלט וויסן **איין אמת** — אַז זייער קראַנקהייט איז ניט קיין געפערלעכע. עס האנדלט זיך, נאַטירלעך, דאָ ניט וועגן פאַלן, ווען אינפאָרמירן דעם פאַציענטן וועגן זיין צושטאַנד איז וויכטיק, כדי ער זאָל זיך אָפּהיטן. אין אַלע אַנדערע פאַלן איז די פראַגע וועגן זאָגן דעם פאַציענטן דעם אמת אין דער ערשטער שורה אַ מאָראַלישע.

איך גלויב, אַז ס'וועט זיין ניט קיין גוזמא צו זאָגן: על פי רוב ווילן מענטשן ניט הערן קיין ביטערע אמתן. דאָס איז ריכטיק אפילו אין סאָציאַלן און פאָליטישן לעבן. האָט מען דאָך שוין אין דער צייט פון תנ"ך געראָדפט די נביאי האמת. עס זיינען אָבער דאָ פאַלן, ווען מען טאָר דעם אמת ניט פאַרבאַהאַלטן — אפילו ווען דערצו פאָדערן זיך קרבנות.

פאַראַן נאָך אַ זאַך, וואָס איז ניט ווייניקער וויכטיק ווי אמת: יושר, מענטשלעכקייט! דער דורכשניטלעכער מענטש קומט צום דאָקטאָר ווי צו זיין גייסטיקן פירער, צו זוכן הילף, דערמוטיקונג, טרייסט און אַ ביסל האָפענונג. די אויפגאַבע פון דעם דאָקטאָר איז דעריבער קודם כל — מענטשלעכקייט, העלפן דעם פאַציענט געזונט צו ווערן און העלפן אים אריבערצוטראָגן די שווערסטע פרוווּנגען. און דאָ איז אָפט נייטיק געוויסע זאַכן צו פאַרשווייגן. כל זמן דער חולה האָט האָפענונגען, געהערט ער צו דער וועלט פון די לעבעדיקע. פאַרמשפּטע זיינען מיר דאָך סוף כל סוף אַלע. אַזוי איז דאָס מענטשלעכע לעבן! פונדעסטוועגן גלויבן מיר עס ניט. נאַרן מיר זיך אָפּ, האַנדלען מיר, ווי מיר וואָלטן געגלויבט אין אַן אייביק לעבן. פאַרוואָס זאָלן מיר אָט די אילוזיע צונעמען ביי דעם קראַנקן?

און אפשר איז דערמוטיקונג און האָפענונג דער גרעסטער אמת?

ב. דער וועג פון דעם "מעמד הר סיני" צו דער תלמודישער הלכה-יידישקייט

משה רבינו און רבי עקיבא

אין די צייטן פון תנ״ך

דער תנ״ך, דער ספר פון בונד

דער וויכטיקסטער יידישער צושטייער צו דער אַלגעמיינער קולטור איז בלי ספק די אידעע פון עטישן מאָנאָטעיזם, דעם גלויבן אין דעם איין און איינציקן גערעכטן באַשעפער פון גאָר דער וועלט. דער מאָנאָטעיזם פון די נביאים איז אַ סך מער ווי בלויז אַ נייע פאָרם פון רעליגיעזן גלויבן. די אידעע פון איין באַשעפער פון דער וועלט שליסט אין זיך איין די אידעע פון איין וועלט, וואָרים דער איין און איינציקער גאָט איז דאָך דער פאָטער פון אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד, און ממילא איז קלאָר אַז אַלע מענטשן זיינען ברידער, וואָרים ״איין פאָטער האָבן מיר אַלע, איין גאָט האָט אונדז באַשאַפן״. אַט דער אוניווערסאַליזם ליגט אין יסוד פון יידישן מאָנאָטעיזם, און דערפאַר טאַקע האָבן די אידעען פון תנ״ך געהאַט אַזאַ געוואַלדיקן איינפלוס אויך אויף דער ניט יידישער וועלט.

אַז דער גלויבן אין דעם איין און איינציקן גאָט, ווי ער איז פאָרמולירט אין תנ״ך, איז אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגיאָריקער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, האָט שוין אויך גוט געוווּסט אונדזער אַלטע טראַדיציע, וועלכע פּרוּווט געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע: ווי קומט עס, וואָס די מענטשן זיינען אַזוי ווייט אָוועקגעגאַנגען פון דעם ריכטיקן גלויבן און דעם גערעכטן וועג, וואָס גאָט האָט פאַר זיי באַשטימט? עס איז ווייטער אַ פראַגע: ווי קומט עס, וואָס דער באַשעפער פון דער וועלט איז געוואָרן במשך פון דער צייט דער גאָט פון איין פאָלק, בשעת אַלע אַנדערע פעלקער דינען די אָפּגעטער? די דערציילונגען פון חומש אין בראשית און שמות פּרוּוון אונדז געבן אַן ענטפער אויף אָט די ביידע פראַגן.

אין די ערשטע עלף קאַפּיטלען פון בראשית ווערט פאַר אונדז געצייכנט אַ בילד פון אַ געוואַלדיקער מאָראַלישער און רעליגיעזער ירידה פון די מענטשן אין דער אורצייט. די דאָזיקע ירידה הייבט זיך אָן מיט דער ערשטער זינד פון אדם און חוה. אָט די ערשטע זינד האָט עס, לויט דער טראַדיציע, באַשטימט דעם שווערן גורל פון דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. זינט דאַן איז דער מענטש פאַר־שאַלטן צו פאַרדינען זיין ברויט מיטן שווייס פון זיין פּנים. פון דער ערד איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן, די ערד מוז ער באַאַרבעטן און צו דער ערד קומט ער צוריק. די זינד פון גן־עדן איז אָבער בלויז אַן אָנהייב. דער צווייטער דור איז נאָך אַ סך זינדיקער. די ערשטע צוויי ברידער, וואָס האָבן געלעבט אויף דער

ערד, קענען צווישן זיך ניט אויסקומען, און קין, אדמס עלטערער זון, דערהרגעט זיין ברודער הבל. דאָס איז דער ערשטער מאָרד און דערצו נאָך אַ ברודער־מאָרד. ניט קיין וווּנדער, וואָס די וועלט זינקט אַלץ ווייטער אין תהום פון זינד און פאַרברעכן. ניט נאָר די מענטשן, נאָר אַלע בעלי חיים האָבן פאַרדאָרבן זייער וועג אויף דער ערד און די וועלט איז פול געוואָרן מיט אומגערעכטיקייט. די זינדיקייט פון דעם מענטשן הערט אפילו ניט אויף נאָכן מבול, וואָס גאָט האָט געבראַכט ווי אַ שטראָף אויף דער וועלט .דער איינציקער גערעכטער, נח, וואָס איז געווען אַ צדיק אין זיין דור, פלאַנצט אַ ווייגאָרטן און שיכורט זיך אָן — און שיכרות פירט אומפאַרמיידלעך, לויט דער טראַדיציע, צו אויסגעלאַסנקייט. נאָך גרעסער איז געווען די זינד פון די שפּעטעריקע דורות. די מענטשן באַשליסן צו בויען אַ טורעם, וואָס זאָל דערגרייכן ביז צום הימל, כדי זיך צו מאַכן אַן אייביקן נאָמען און זיין גלייך מיט גאָט. דער באַשעפער פון דער וועלט צעמישט זייער שפּראַך און צעשפּרייט די מענטשן איבער דער גאַנצער וועלט. זינט דער צייט פון דער הפלגה — ווערט אונדז דערציילט — זיינען די מענטשן צעטיילט אויף פאַרשיידענע פעלקער, מלוכות און שפּראַכן, און עס איז ניטאָ מער קיין שלום צווישן די קינדער פון נחן, ווי צווישן די קינדער פון אדם און חוה.

מיט דער צעמישונג פון די שפּראַכן האָט די כסדרדיקע מאָראַלישע ירידה פון די מענטשן אין דער אורצייט דערגרייכט איר טיפסטן פונקט. איצט איז געקומען די צייט פאַר אַ נייער וועגדונג, פאַר אַ ווידערדערנענטערונג צווישן גאָט און מענטש. דאָס מאָל האַנדלט עס זיך ניט וועגן דעם גאַנצן מענטשלעכן מין, נאָר וועגן איינצעלנע אויסדערוויילטע, וועלכע נעמען אויף זיך די שליחות באַקאַנט צו מאַכן גאָטס נאָמען צווישן די מענטשן. דער ערשטער פון די אויסדערוויילטע, צו וועמען גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט, איז געווען אברהם, דער עלטערפאָטער פון פאָלק ישראל. ווייטער קומט גאָטס אַנטפּלעקונג צו משהן און צום גאַנצן פאָלק ישראל ביים באַרג סיני. לויט אַן אַלטער טראַדיציע האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט צו אברהמען מיטן נאָמען א־ל ש־די, אָבער מיט זיין אייגנטלעכן נאָמען ה׳ האָט גאָט זיך ערשט אַנטפּלעקט צו משהן (וארא אל אברהם, אל יצחק ואל יעקב בא־ל ש־די ושמי ה׳ לא נודעתי להם). דער נייער נאָמען סימבאַליזירט, נאַטירלעך, אַ נייע מדרגה אין דער געטלעכער אַנטפּלעקונג צו דער וועלט. דער לעצטער עטאַפּ אין דער נייער אַנטוויקלונג וועט זיין, ווי עס לאָזט זיך שליסן אויפן גרונט פון אַ רייע שטעלן אין תנ״ך, ווען גאָט וועט זיך אַנטפּלעקן צו אַלע מענטשן. און הגם די דאָזיקע פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע שטייט ניט אַלע מאָל אין הסכם מיט די היסטאָרישע פאַקטן, איז ניט געקוקט אויף דעם, האָט די וווּנדערלעכע שילדערונג פון דער רעליגיעזער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט ביז צום רעליגיעזן אַקט פון מתן תורה אַן אויסערגעוויינטלעכן אינטערעס.

פאַר דעם תנ״ך פאַרשער האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג די ביבלישע טראַ־

דיציע, אַז יעדע נייע מדרגה פון דער אַנטפּלעקונג פון גאָט צו די מענטשן איז סאַנקציאָנירט און באַקרעפטיקט געוואָרן דורך אַ בונד (ברית), אַ הייליקן אָפּמאַך צווישן גאָט און די מענטשן. דער ערשטער בונד ווערט געשלאָסן גלייך נאָכן מבול. די דערציילונג וועגן דעם טראַגט אָן אויסערגעוויינטלעך פייערלעכן כאַראַקטער און ווערט פון דער יידישער טראַדיציע באַטראַכט ווי דער ערשטער אוניווערסאַלער געזעץ, אַ מין וועלט־טשאַרטער, וואָס דאַרף רעגולירן די באַציונגען צווישן יחידים און פעלקער. נאָך דעם, ווי נח האָט געבראַכט זיין קרבן און האָט געדאַנקט דעם האַר פון דער וועלט פאַר זיין חסד, באַשליסט גאָט צו באַשטימען פעסטע, אייביקע געזעצן פאַר דער וועלט און אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד:

"און גאָט האָט געזאָגט אין זיין האַרצן: איך וועל מער ווידער ניט פאַרשילטן די ערד פון וועגן דעם מענטשן, וואָרים די טראַכטונג פון דעם מענטשנס האַרצן איז שלעכט פון זיין יוגנט אָן; און איך וועל מער ווידער ניט פאַרטיליקן אַלץ וואָס לעבט, אַזוי ווי איך האָב געטאָן. אַזוי לאַנג ווי די טעג פון דער ערד, זאָל זייונג און שניט, און קעלט און היץ, און זומער און ווינטער, און טאָג און נאַכט, ניט אויפהערן".

נאָך דעם ווי סע זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן די אייביקע געזעצן פאַר דער נאַטור, ווערן פעסטגעשטעלט די גרונטגעזעצן פון צוזאַמענלעבן פאַר אַלע באַשעפענישן אויף דער וועלט, מענטשן און בעלי חיים.

"און גאָט האָט געבענטשט נחן און זיינע זין, און האָט צו זיי געזאָגט: פרוכפּערט אייך און מערט אייך, און פילט אָן די ערד, און אייער מורא און אייער שרעק זאָל זיין אויף יעטוועדער חיה פון דער ערד, און אויף יעטוועדער פויגל אין הימל, אויף אַלץ, וואָס די ערד ווידמעט, און אויף אַלע פישן פון ים; אין אייער האַנט זיינען זיי איבערגעגעבן, אַלץ, וואָס באַוועגט זיך, וואָס לעבט, זאָל זיין פאַר אייך צום עסן, אַזוי ווי גרינע קרייטעכץ האָב איך אייך דאָס אַלץ געגעבן".

דער מענטש ווערט באַשטימט פאַרן הערשער איבער אַלע באַשעפענישן פון דער ערד, עס ווערט אים אויך דערלויבט צו עסן פלייש פון די בעלי חיים: „אַזוי ווי גרינע קרייטעכץ האָב איך אַלץ דאָס אייך געגעבן". אָט די דערלויבעניש ווערט געגעבן נאָר מיט דער באַדינגונג, אַז דאָס בלוט פון די בעלי חיים זאָל ניט געגעסן ווערן: "נאָר פלייש מיט זיין לעבן, זיין בלוט, זאָלט איר ניט עסן". גאָר אַ באַזונדער פּלאַץ פאַרנעמט אין דעם נייעם וועלטפּלאַן דער מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט:

"אָבער אייער בלוט, פון אייערע נפשות, וועל איך אויפמאָנען; פון דער האַנט פון איטלעכער חיה וועל איך עס אויפמאָנען, און פון דער האַנט פון דעם מענטשן... וועל איך אויפמאָנען דאָס לעבן פון אַ מענטשן, דער וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פון אַ מענטשן, זאָל דורך אַ מענטשן זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן. וואָרים אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער געמאַכט דעם מענטשן..."

"און גאָט האָט געזאָגט: דאָס איז דער צייכן פון דעם בונד, וואָס איך גיב צווישן מיר און צווישן אייך, און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש, וואָס

איז מיט אייך, אויף אייביקע דורות. מיין בויגן האָב איך אַריינגעטאָן אין וואָלקן, און ער וועט זיין אַ צייכן פון בונד צווישן מיר און צווישן ערד... און איך וועל זיך דערמאָנען אָן מיין בונד צווישן מיר און צווישן אייך, און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש און דאָס וואַסער וועט מער ניט ווערן קיין מבול אומ־צוברענגען אַלע באַשעפענישן".

דער דאָזיקער ערשטער וועלטשאַרטער פאַרפליכטעט אַלעמען. דאָס פאַרבאָט צו געניסן פון בלוט פון די בעלי חיים ווערט נאָך אַ סך מאָל איבערגעחזרט אין תנ"ך און ליגט אין יסוד פון די יידישע געזעצן וועגן שחיטה און כשרות. כאַראַק־טעריסטיש איז אָבער באַזונדערס דער פאַקט, וואָס אַפילו דער האַר פון דער וועלט נעמט אויף זיך פאַרפליכטונג אָפּצוהיטן די אייביקע געזעצן פון דער וועלט און מער ניט צו ברענגען קיין מבול אויף דער ערד. דער רעגנבויגן ווערט באַשטימט ווי דער הייליקער סימבאָל פון דעם בונד צווישן גאָט און די מענטשן.

די ביבלישע טראַדיציע וועגן דעם ערשטן בונד צווישן גאָט און דער וועלט, האָט אין דער תלמודישער צייט געפירט צו דער פאָרמולירונג פון אַ סיסטעם פון עלעמענטאַרע גרונטגעזעצן פון דער מענטשלעכער מאָראַל, וואָס זיינען אָבליגאַ־טאָריש פאַר אַלע פעלקער אָן אונטערשייד פון גלויבן. די דאָזיקע גרונטגעזעצן טראָגן דעם נאָמען שבע מדות בני נח, די זיבן געבאָטן, וואָס גאָט האָט געגעבן צו נחן און זיינע קינדער.

דער צווייטער בונד איז געשלאָסן געוואָרן צווישן גאָט און אברהם אבינו. אין דעם בונד האָט גאָט צוגעזאָגט אברהמען אָפּצוגעבן דאָס לאַנד כנען ווי אַן אייביקע נחלה צו זיינע קינדער. דעם זעלביקן פייערלעכן צוזאָג האָט גאָט שפּעטער, לויט דער טראַדיציע, אויך געגעבן יצחקן און יעקבן. גאָטס צוזאָג, אַז ארץ ישראל זאָל אויף אייביק פאַרבלייבן אַ יידיש לאַנד, ווערט דערפאַר אויך באַצייכנט ווי דער בונד מיט די אבות — ברית אבות.

דער דריטער בונד איז געשלאָסן געוואָרן ביים באַרג סיני צווישן גאָט און דעם גאַנצן פאָלק ישראל. די באַשרייבונג פון דער געשיכטע פון מתן תורה געהערט צו די וווּנדערלעכסטע שילדערונגען וואָס מיר געפינען אין תנ"ך. די גראַנדיעזע מאַיעסטעטישע סצענע, ווי דער האַר פון דער וועלט באַווייזט זיך מיט דונערן און בליצן צום גאַנצן פאַרזאַמלטן פאָלק, איז איינציקאַרטיק אין דער גאַנצער רעליגיעזער וועלט־ליטעראַטור. און אַזוי ווערט עס אויך באַטראַכט אין חומש: "האָט דען אַ מאָל אַ פאָלק געהערט גאָטס שטימע, ווי ער רעדט פון פייער, ווי דו האָסט געהערט, און איז געבליבן לעבן"?

אויך דער בונד ביים באַרג סיני ווערט ניט באַטראַכט ווי אַ דעקרעט פון אַ הערשער, נאָר ווי אַ קעגנזייטיקער אָפּמאַך צווישן גאָט און דאָס פאָלק ישראל: איר — זאָגט משה רבינו צום פאָלק — האָט היינט אויסגעקליבן ה' פאַר אייער גאָט צו גיין אין זיינע וועגן און אָפּצוהיטן זיינע געבאָטן און געזעצן... און ה' האָט אייך אויסגעקליבן פאַר זיין אויסדערוויילט פאָלק, איר זאָלט היטן אַלע זיינע מיצוות. ביי די נביאים ווערט אַפילו די געשיכטע פון מתן תורה באַצייכנט ווי אַ

הייליקער בונד צווישן אַ געליבטן און זיין אויסדערוויילטער: "איך געדענק דיך נאָך — זאָגט גאָט צום פאָלק ישראל דורכן מויל פון זיין נביא ירמיה — די טרייקייט פון דיין יוגנט, די ליבשאַפט פון דיין כלה־צייט, דיין גיין נאָך מיר אין אַ ניט געזייט לאַנד".

דער בונד ביים באַרג סיני איז אָבער פון די יידישע רעליגיעזע דענקער באַטראַכט געוואָרן ניט נאָר ווי אַ נאַציאָנאַלע געשעעניש, נאָר ווי אַ וועלט־היסטאָרישער אַקט, אַ ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור. די תורה, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם פאָלק ישראל, איז לויט איר גאַנצן וועזן אַ תורה פאַר גאָר דער וועלט. דאָס פירט אונדז צו דער אידעע וועגן דעם לעצטן בונד, דעם בונד צווישן גאָט און דער גאַנצער וועלט: "אין יענעם טאָג, זאָגט דער נביא הושע — וועל איך שליסן אַ בונד צווישן זיי און די חיות פון פעלד און די פויגלען פון הימל, און בויגן און שווערד און מלחמה וועל איך באַזייטיקן פון דער ערד". דער לעצטער בונד, דער משיח־בונד, וועט מאַכן אַ סוף ניט נאָר צו די קאָנפליקטן און מלחמות צווישן מענטשן, נאָר אויך צו יעדער פאָרם פון קאַמף און בלוט פאַרגיסונג אויף דער וועלט: "אַ וואָלף וועט לעבן צוזאַמען מיט אַ שעפּס, און אַ לעמפּערד מיט אַ ציגעלע וועט רוען... און אַ קו מיט אַ בער וועלן זיך פּיטערן, און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי".

די תורה ווערט באַצייכנט אין אַ צאָל שטעלן אין תנ"ך ווי דאָס ספר הברית, דאָס בוך פון בונד. ווען דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט ביים באַרג סיני, לייענען מיר אין שמות, האָט משה פאַרשריבן אַלץ, וואָס גאָט האָט געזאָגט, "און ער האָט דאַן גענומען דעם ספר פון בונד און ער האָט פאָרגעלייענט פאַרן גאַנצן פאָלק, און זיי האָבן געזאָגט: אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן" (נעשה ונשמע). דער אויסדרוק **ספר הברית** ווערט אויך באַנוצט אין מלכים. דאָס איז געווען אין דער צייט פון קעניג יאשיהו. דער קעניג האָט געלאָזט פאַרזאַמלען "אַלע לייט פון יהודה און אַלע באַוווינער פון ירושלים און די כהנים און די נביאים און דאָס גאַנצע פאָלק פון קליין ביז גרויס און ער האָט פאַר זיי געלייענט די ווערטער פון דעם ספר פון בונד, וואָס איז געפונען געוואָרן אין גאָטס הויז (ויקרא באזניהם את כל דברי ספר הברית הנמצא בבית ה'). מיר האָבן דאָ אייגנטלעך אַן איבערחזרונג פון דעם מעמד הר סיני. אויך דאָ אין ירושלים פאַרפליכטעט זיך דאָס פאָלק אָפּצוהיטן די געבאָטן פון ספר התורה "און דאָס גאַנצע פאָלק, ווערט דאָ געזאָגט, איז צוגעשטאַנען צום בונד" (ויעמד כל העם בברית).

די גאַנצע גרויסקייט פון דער אידעע פון דעם ספר הברית ווערט פאַר אונדז ערשט קלאָר, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז ערשט אין דער צייט פון דער פּראָטעסטאַנטישער רעפאָרמאַציע איז די ביבל איבערגעזעצט געוואָרן אויף די פאָלקס־שפּראַכן און ערשט דאַן האָט דער קריסטלעכער פשוטער מענטש געקענט לייענען די ביבל. ביי אונדז אָבער איז דער תנ"ך פון אָנהויב אָן געווען אַ ספר פאַרן פאָלק און אַ ספר פונם פאָלק: דער ספר פון בונד.

די גייסטיקע פירער פון אַלע צייטן האָבן כמעט תמיד פּרובירט מאַנאָפּאַליזירן פאַר זיך דעם אינסטרומענט פון וואָרט. מען האָט בכוונה באַנוצט פאַר ליטעראַרישע צוועקן ספּעציעלע אויסדרוקן, אַ פּראָפעסיאָנעלן זשאַרגאָן און אָפט אפילו אַ פרעמד־דע שפּראַך (ווי לאַטייניש אין מיטלעלטער), כדי זיך אויסצוטיילן פון דער מאַסע. דאָס האָבן אפילו פּרובירט טאָן די כהנים אין ישראל און יהודה. דער נייער וועג פון תנ״ך איז ממילא געווען אַ רעוואָלוציאָנערער וועג, ווייל דאָס פאָלק איז געוואָרן אַ שותף צום וואָרט, ווייל די תורה איז געוואָרן דער ספר פון בונד, דער ספר פון שותפות צווישן דעם מענטשן און זיין באַשעפער. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער נייער ציוויליזאַציע, פון דער יידישער ציוויליזאַציע, וואָס האָט מיט דער צייט געוויזן דעם וועג פאַר דער גאַנצער מערבדיקער קולטור־וועלט. אויך אַנדערע פעלקער האָבן געהאַט שריפטלעכע דאָקומענטן. מיר האָבן היינט אין אונדזער רשות רעשטלעך פון ליטעראַטורן פון אַלטע קולטור־פעלקער אין מעסאָפּאָטאַמיע און מצרים. מיר האָבן היינט אויך אַ צאָל דאָקומענטן און ליטעראַ־רישע דענקמעלער פון די דירעקטע שכנים פון ישראל, פון די פעניקיער, די אַראַמעער א. אַנד. אָבער די געשיכטע פון יהודה האָט געהאַט איר אייגענעם וועג. דאָס איז געווען דער וועג פון ספר און דער וועג פון בונד, און לאָמיר עס נאָך קלאָרער פאָרמולירן — **דער וועג פון דעם ספר הברית, דעם ספר פון בונד.**

א פאלק פון גאט־זוכער אויף די וועגן פון תורה

פאַרצווייגט זיינען די וועגן פון יידישן טראַכטן, פון יידישע זוכענישן. דער יידישער מענטש איז לויט זיין נאַטור אַ גאָט־זוכער. דאָס וואָרט ״דרש״ אין העברעיש, ווערט אין תנ״ך אָפט באַנוצט אין דעם זין פון דינען גאָט, אָפּהיטן גאָטס געבאָטן. ״זוכט גאָט!״ — רופט אויס דער נביא ישעיהו. און פונקט אַזוי קומט דער נביא מיט טענות צום פאָלק, ווייל זיי האָבן גאָט ניט געזוכט. דאָס וואָרט ״דרש״ ווערט אויך באַנוצט ווי אַ באַצייכענונג פאַר לערנען תורה. דער פרומער מענטש זוכט גאָטס תורה, ער זוכט גאָטס געבאָטן, ווי ס׳ווערט געזאָגט אין תהילים: ״כי פקודיך דרשתי״, וואָרום דיינע געבאָטן האָב איך געזוכט. דערפון נעמט זיך דאָס וואָרט דרשענען, זוכן דעם טייטש, זוכן דעם זין פון אַ פסוק. און דאָס איז אויך דער טייטש פון בית המדרש, דאָס הויז ווו מען לערנט תורה, דאָס הויז, ווו מען זוכט דעם זין פון דער תורה.

די גאַנצע יידישע ציוויליזאַציע איז אַ תורה־ציוויליזאַציע. דאָס גאַנצע יידישע קולטור־לעבן איז פאַרבונדן מיט לערנען תורה, מיט זוכן דעם זין פון דער תורה און מיט דרשענען די תורה. די תלמודישע ליטעראַטור איז אויפגעבויט אויפן עיקר פון דרשענען די תורה. פאַראַן אפילו אַ מיינונג אין תלמוד, אַז געוויסע מיצוות זיינען געשריבן צוליב דער מיצווה פון דרשענען, צוליב ״דרוש וקבל שכר״. עס זיינען בכן פאַראַן מיצוות, וואָס האָבן בלויז אַ ריין טעאָרעטישע באַדייטונג. פאַראַן

אין זיי אַ טיפערער פילאָזאָפישער זין, זיי זיינען אָבער ניט געשריבן געוואָרן פאַרן פּראַקטישן לעבן. דער תלמוד ווייסט אַ חוץ דעם פון נאָך אַ כלל, דאָס איז דער כלל פון טעאָרעטישע הלכות. זיי געהערן צו דער גרופּע פון "הלכה ואין מורין כן", אַזוי איז טאַקע דער דין, אָבער פּראַקטיש פּסקנט מען ניט לויטן דין, לויט דער טעאָרעטישער הלכה.

אין פּרק "בן סורר ומורה" אין סנהדרין ווערט אויספירלעך דיסקוטירט די פראַגע ווי צו באַהאַנדלען אַ יונגן מענטשן, אַ ווידערשפּעגנסטיקן זון, וואָס שטעלט זיך אַקעגן טאַטע־מאַמע. ס'איז אמת, אין דער תורה ווערט בפירוש געזאָגט, אַז דער בן סורר ומורה פאַרדינט די שווערסטע שטראָף. געפינען מיר אָבער אין סנהדרין די מיינונג, אַז אַזאַ פּראַקטישער פאַל, ווען אַ בן סורר ומורה זאָל פאַרמשפּט ווערן צום טויט, איז קיינמאָל ניט געווען און וועט קיינמאָל ניט זיין (לא היה ולא עתיד להיות). צוליב וואָס איז דאָן דער דין געשריבן געוואָרן? כדי יידן זאָלן לערנען, זאָלן דרשענען (דרוש וקבל שכר).

דער דין פון בן סורר ומורה איז זיכער ניט געשריבן געוואָרן סתם, כדי יידן אין בית מדרש זאָלן האָבן וואָס צו טאָן. אין סנהדרין גופא געפינען מיר פאַר־שיידענע אויסטייטשונגען פון דעם געבאָט פון בן סורר ומורה. מיר וועלן זיכער ניט זיין ווייט פון אמת, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז דאָס געזעץ האָט אין זינען צייטן, ווען די סאַמע יסודות פון סאָציאַלן לעבן ווערן צעטרייסלט, ווי צייטן פון מלחמות און רעוואָלוציעס, צייטן פון הונגער און מגפות. דאָן איז מען אָפט געצוווּנגען אָנצונעמען די סאַמע עקסטרעמסטע מיטלען, כדי אָפּצוהיטן די מאָראַ־לישע דיסציפּלין פון דעם יונגן דור.

אַ צאָל ליבעראַלע דענקער מיינען, אַז דאָס געזעץ וועגן טויטשטראָף דאַרף ניט אויסגעמעקט ווערן פון די געזעצביכער. פּראַקטיש דאַרף אַלץ געטאָן ווערן, כדי דאָס געזעץ זאָל ניט דורכגעפירט ווערן. עס קענען אָבער פאָרקומען אויסער־געוויינטלעכע פאַלן. אַזאַ פאַל איז געווען דער פּראָצעס פון דעם שוידערלעכן מערדער אַדאָלף אייכמאַן, ימח שמו.

און אַז די עקסטרעמסטע שטראָף דאַרף פאַרבלייבן טעאָרעטיש אין די געזעצ־ביכער, גלויבן אַ צאָל ליבעראַלע דענקער, צוליב נאָך אַ טעם. דאָס פאָלק דאַרף זיך אָפּגעבן אַ חשבון וועגן דער באַדייטונג פון געוויסע פאַרברעכנס. און קודם כל דאַרף עס וויסן דער פאַרברעכער גופא, אַפילו ווען זיין לעבן ווערט געשאַנעוועט. דאָס איז דער זין פון דעם כלל "דרוש וקבל שכר", עס מיינט ניט סתם דרשענען און זיך מפלפל זיין. דאָס געזעץ פון בן סורר ומורה ברענגט פאַר אונדז אַרויס די פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען פון מאָראַלישער דערציונג און מאָראַלישער דיסציפּלין. דער מענטש דאַרף פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן זינד און זינד.

דער תנ״ך אין איבערזעצונג

פֿאַראַן ניט ווייניק שטעלן אין תנ״ך, וואָס זיינען פֿאַר אונדז אַ רעטעניש. עס איז פֿאַר אונדז ניט אַלע מאָל קלאָר דער טייטש פֿון געוויסע ווערטער. און ס׳איז פֿאַר אונדז ניט אַלע מאָל קלאָר דער זין פֿון געוויסע פּסוקים. אין דעם פּרט איז אַפֿילו די בעסטע איבערזעצונג געפֿערלעך, ווייל זי פֿאַרפֿירט דעם לייענער. אין דער איבערזעצונג לייענט זיך דער טעקסט גלאַט. אַלץ איז פֿאַרשטענדלעך, ממש אַ מחיה צו לייענען. דער אמת אָבער איז, אַז אין אַזעלכע פֿאַלן איז די איבערזעצונג בלויז אַ פּירוש צום טעקסט, אַן אויסטייטשונג און ניט קיין דירעקטע איבערזעצונג. יעדער געלערנטער איז מייסטנס זיכער, אַז זיין אויסטייטשונג איז די איינציק ריכטיקע און זיין איבערזעצונג איז אין פֿולסטן הסכם מיט די נייסטע דערגרייכונגען פֿון דער וויסנשאַפֿט. אָבער דאָס איז ניט מער ווי אַן אילוזיע. די וויסנשאַפֿט האָט אירע גרענעצן. און דאָס איז אויך ריכטיק בנוגע דער תנ״ך־וויסנשאַפֿט.

די בעסטע אילוסטראַציע איז אין דעם פֿאַל שוין דער ערשטער פּסוק פֿון בראשית: דער העברעישער טעקסט לייענט זיך: ״בראשית ברא אלק׳ את השמים ואת הארץ״. די געוויינלעכע איבערזעצונג איז: אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד״. אַזוי איז עס אין דער אַלטער ענגלישער ביבל. אַזוי איז עס אין דער יידישער איבערזעצונג פֿון יהואש און אין אַ צאָל אַנדערע איבערזעצונגען. אָבער שוין ביי די אַלטע יידישע מפרשים געפֿינען מיר אַן אַנדער אויסטייטשונג פֿון בראשית ברא... לויט דער אויסטייטשונג פֿון רש״י, למשל, וואָלט מען גאָר געדאַרפֿט איבערזעצן: ״ווען גאָט האָט אָנגעהויבן צו באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד״. דער רד״ק, ווידער, נעמט אָן, אַז דער ערשטער פּסוק פֿון בראשית מיינט: ״אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד״. עס איז קלאָר, אַז דער ערשטער פּסוק לאָזט זיך איבערזעצן אויף צוויי אופֿנים. מען קען איבערזעצן — ״אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד״, און מען קען אויך איבערזעצן — ״ווען גאָט האָט אָנגעהייבן צו באַשאַפֿן דעם הימל און די ערד״. דער אונטערשייד איז אין דער באַטאָנונג פֿון דעם וואָרט **בראשית**. די ערשטע אויסטייטשונג שטעלט דעם פֿולן טראָפּ אויף בראשית — דאָס איז דער אָנהייב. דערמיט הייבט זיך אָן די וועלט. עס איז דער **בראשית**. די צווייטע אויסטייטשונג הייבט ווייניקער אַרויס די באַדייטונג פֿון דעם בראשית. עס איז ניט דער אָנהייב, נאָר ״ווען גאָט האָט אָנגעהייבן צו באַשאַפֿן הימל און ערד״. עס האַנדלט זיך דאָ, ווי מיר זעען, וועגן אַ טיפֿן פֿילאָזאָפֿישן אונטערשייד.

די נייע איבערזעצונג פֿון תנ״ך, אין ענגליש, וואָס דערשיינט איצט, שטיצט זיך אויף די לעצטע אַרכעאָלאָגישע און לינגוויסטישע פֿאָרשונגען. פֿאַראַן אויך געשיכטעס פֿון דער באַשאַפֿונג פֿון דער וועלט ביי אַנדערע אַלטע פֿעלקער. און אויפֿן גרונט פֿון יענע אַלטע טעקסטן לאָזט זיך אָננעמען, אַז אויך אין חומש האָט

די געשיכטע פון בראשית זיך אָנגעהייבן מיט דעם וואָרט "ווען" ("ווען גאָט האָט אָנגעהייבן צו באַשאַפן הימל און ערד").

דאָס איז, ווי איך גלויב, אַ פונדאַמענטאַלער טעות. ניטאָ פּאַקטיש אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור קיין באמת פּאַראַלעלער טעקסט צו דער געשיכטע פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט, ווי מיר האָבן עס אין בראשית. און די סיבה איז גאָר אַ פשוטע: ניט געווען קיין גלויבן אין דעם איין און איינציקן גאָט, דעם באַשעפער פון גאָר דער וועלט, ביי אַנדערע אַלטע פעלקער. במילא איז די יידישע געשיכטע פון בראשית אַ יחיד במינה. דער יידישער מאָנאָטעיזם האָט געבראַכט אינגאַנצן אַ נייע פאַרשטעלונג וועגן גאָט און וועלט, וועגן דעם באַשעפער און אַלץ, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן. ניטאָ אַבסאָלוט קיין פּאַראַלעלע געשיכטע צו דער מעשה בראשית פון חומש, ווייל דער גאַנצער באַגריף פון דעם בורא עולם איז דורך און דורך יידיש.

דאָס וואָרט, אגב, קלאָר אַרויסגעבראַכט אין ירמיה, קאַפּ. י׳. דאָ ווענדט זיך דער נביא צו די יידן אין בבל. אויב מען וועט אייך פרעגן, פאַרוואָס ווילט איר ניט דינען די אַנדערע געטער, וואָס צו זיי טוען דינען די לייט פון בבל, זאָלט איר זיי ערקלערן, זאָגט דער נביא:

"די געטער, וואָס האָבן די הימלען און די ערד ניט באַשאַפן, וועלן אונטערגיין פון דער ערד און פון אונטער די דאָזיקע הימלען" (איבערזעצונג פון יהואש).

די זעלביקע קלאָרע אידעע וועגן דעם בורא עולם, דעם איין און איינציקן גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, געפינען מיר ביים נביא ישעיה און אין די אַנדערע ספרים פון תנ"ך. אין דער יידישער טראַדיציע איז גאָט דער באַשעפער אַ צענטראַלער מאָטיוו. איז עס ממילא ניט קיין צופאַל, וואָס דער תנ"ך הייבט זיך אָן מיט דעם וואָרט בראשית און דער געשיכטע פון בראשית. אַלע פאַרגלייכן מיט די מיטאָלאָגישע דערציילונגען זיינען נאַיוו און ווערטלאָז. בלייב איך ביי דעם בראשית פון דער טראַדיציע, דעם גרויסן בראשית, וואָס איז דער אָנהייב פון דעם באַשאַף, און איך גלויב דורכויס, אַז דאָס איז דער זין פון דעם בראשית אין חומש. דאָס איז דער אָנהייב פון דער תורה און דער אָנהייב פון דעם גאַנצן באַשאַף. די פרשה בראשית איז ניט אויסן אונדז סתם צו דערציילן אַ געשיכטע. זי וויל אונדז דערציילן דעם בראשית.

עס איז נייטיק אַן אָביעקטיווער, גרינדלעכער פירוש צום תנ"ך. סתם אַן איבערזעצונג קען אונדז אָפּט פאַרפירן, ווייל דער טעקסט פון תנ"ך איז ניט אַלע מאָל קלאָר.

דאס ווארט און דאס בילד

ווען די פירער פון פאָלק ווערן זיינע פאַרפירער — דאָס איז אַ פּראָצעס, וואָס חזרט זיך איבער אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור.

ווי אַזוי געפינט מען אַן אויסוועג פון אָט דעם פאַרכישופטן קרייז? ווי אַזוי קען מען דערגרייכן, אַז די פירער פון פאָלק זאָלן ניט ווערן זיינע פאַרפירער און אונטערדריקער? אויף צוויי אופנים האָבן די יידישע רעגליגיעזע דענקער געפּרווט ענטפערן אויף דער פראַגע. דער ערשטער ענטפער איז געווען: מען דאַרף איגנאָנצן ניט קיין פירער, אַלע יידן קענען זיין פירער; מיר זיינען אַ הייליק פאָלק, אַ פאָלק פון כהנים. דאַרפן מיר דעריבער ניט האָבן קיין באַזונדערע כהנים, קיין באַזונדערן קלאַס פון פירער. דאָס איז, אמת, אַ סך גרינגער צו זאָגן ווי דורכצופירן אין לעבן. עס איז גאָר ניט אַזוי גרינג אויסצוקומען אָן אַ קלאַס פון לערער און פירער. פונ־דעסטוועגן האָט די יידישע טראַדיציע באַוויזן ביז צו אַ באַשטימטער מדרגה דורכצופירן אין לעבן דעם אידעאַל פון אַ הייליק פאָלק, פון ממלכת כהנים וגוי קדוש.

דער צווייטער ענטפער איז געווען: מען מוז דערציען אַ באַזונדערע גרופּע פון גייסטיקע פירער אידעאַליסטן, וואָס זאָלן זיין פעיק און גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון אַלע אַמביציעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט געלט און מאַכט. דער גייסטיקער פירער מוז זיין אַ מאָראַלישער העלד, וואָס קען זיך באַנוגענען מיטן מינימום שבמינימום און איז גרייט אָפּצוגעבן זיין לעבן פאַר זיין גלויבן און פאַר זיין פאָלק. אויך אין דעם פּרט האָבן די נביאים אַ סך דערגרייכט. עס האָט זיך זיי באמת איינגעגעבן צו דערציען אַ נייע שיכט פון לערער און פירער, וואָס האָבן אין זייער לעבן פאַרקערפּערט די גרויסע אידעען פון אמת, יושר און גערעכטיקייט.

דאָס איז דער טיפערער זין פון דעם קאַמף צווישן וואָרט און בילד, וואָס פאַרנעמט אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ אין דער תנ״ך־ליטעראַטור. סימבאָליש איז אין דעם פּרט באַזונדערס די געשיכטע פון דעם גאָלדענעם קאַלב. ווען משה רבינו איז אַרויף אויפן בארג סיני ברענגען די תורה, איז דאָס פאָלק געוואָרן אומרויק. זיי מוזן האָבן אַ געשטאַלט פאַר זייערע אויגן — אַ לעבעדיקן פירער אָדער אפשר נאָך בעסער, דאָס בילד פון אַן אָפּגאָט. משה רבינו האָט פון גרויס צאָרן צעבראָכן די לוחות: ניטאָ קיין פּלאַץ ביי איין פאָלק פאַר דער עבודה זרה פון דעם עגל און דעם לויטערן גלויבן פון גאָטס וואָרט. און ער האָט געשטעלט דאָס פאָלק פאַר דער ברירה: די תורה, גאָטס וואָרט, אָדער דער געצנדינסט פון דעם גאָלדענעם קאַלב!

דער אידעישער קאָנפליקט האָט זיך אויך געפירט אַרום דער פראַגע, זאָל דער דינסט צו גאָט געפירט ווערן אויף אַן איינפאַכן און באַשיידענעם אופן, אָדער נייטיקן מיר זיך אין רייכע טעמפּלען און פראַכטפולע געביידעס. געווען ביי די נביאים עקסטרעמיסטן, וואָס האָבן בכלל געלייקנט, אַז גאָט נויטיקט זיך אין אַ באַזונדער הויז. "אַזוי האָט גאָט געזאָגט: דער הימל איז מיין טראָן און די ערד איז מיין פוסבענקל; וואָס פאַר אַ הויז קענט איר מיר בויען און ווו איז דער אָרט, ווו איך קען רוען?" (כה אמר ה׳ השמים כסאי והארץ הדום רגלי אי־זה בית אשר תבנו לי ואי זה מקום מנוחתי). אַזוי ווייט זיינען די אַנדערע נביאים ניט געגאַנגען. זיי האָבן געוווסט, אַז אויב גאָט דאַרף טאַקע פאַר זיך קיין הויז ניט האָבן, ווייל די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין כבוד, מוז אָבער דער מענטש האָבן אַ הויז, ווו ער קען געפינען גאָט, ווו ער קען קומען פאַר גאָט. אָבער דערצו זיינען ניט נויטיק קיין בילדער פון גאָלד און זילבער. דערצו זיינען ניט נויטיק קיין רייכע טעמפּלען און פראַכטפולע מזבחות. "אַן איינפאַכן מזבח פון ערד זאָלסטו מיר מאַכן (מזבח אדמה תעשה לי)". "וואָרים אומעטום, ווו מיין נאָמען ווערט דערמאָנט וועל איך צו דיר קומען און דיר בענטשן (בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך)".

אַזוי איז גאָטס וואָרט און אויך דאָס מענטשלעכע וואָרט געוואָרן דער וויכטיקסטער כוח אין יידישן לעבן. יידן האָבן זיך אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעזאָגט פון אַלע אויסערלעכע דעקאָראַציעס, וואָס איז געוויינטלעך פאַרבונדן מיט דער קונסט פון בילד. און האָבן זיך כמעט אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויף דער קונסט פון וואָרט. דערפון נעמט זיך די אויסערגעוויינטלעכע פּאָעטישע ווירקונג פון דער ליטעראַטור פון תנ״ך. פאַר די ביבלישע דיכטער און דענקער איז דאָס וואָרט אַ הייליקער אינסטרומענט, אַ געטלעכע מתנה, און נאָר אַ מענטש פון העכסטער מאָראַלישער לויטערקייט איז ראוי צו קומען מיט גאָטס וואָרט צום פאָלק.

ווען דער יונגער ישעיה, ווערט דערציילט, האָט צום ערשטן מאָל דערהערט דעם רוף פון גאָט, צו ווערן זיין שליח צום פאָלק ישראל, האָט ער זיך דערשראָקן: "ווי קען איך ווערן אַ נביא פאַרן פאָלק ישראל", האָט ער אויסגערופן: "ווען מיינע ליפּן זיינען אומריין?!" (כי איש טמא־שפתים אנכי). איז צוגעפלויגן צום נביא איינער פון די מלאכים "און אין זיין האַנט איז געווען אַ גליענדיקע קויל, מיט אַ פייער צוואַנג האָט ער עס גענומען פון מזבח און ער האָט מיט דעם אָנגערירט מיין מויל און האָט מיר געזאָגט: "זע, דאָס האָט אָנגערירט דיינע ליפּן, אָפּגעווישט איז געוואָרן דיין אומריינקייט און דיינע זינד זיינען פאַרגעבן געוואָרן", (הנה נגע זה על שפתיך וסר עונך וחטאתך תכפר).

הייליקן דאַרף זיך דער מענטש, איידער ער קומט מיט גאָטס וואָרט צום פאָלק. אָבער אויך דאָס פאָלק, דאָס גאַנצע פאָלק, האָט זיך געמוזט הייליקן, כדי יעדער מענטש זאָל קענען קומען מיט זיין וואָרט פאַר גאָט. די גאַנצע ביבלישע ליטעראַ־טור איז אַ כסדרדיקער וויכוח צווישן גאָט און מענטש און מענטש און גאָט. ניט אומזיסט האָבן אונדזערע תלמידי חכמים פון דער צייט פון בית שני אַריינגענומען

די וווּנדערלעכע ליבעסלידער פון שיר השירים אין די הייליקע ספרים. אַלע ספרים זיינען הייליק, האָט געזאָגט רבי עקיבא, און שיר השירים איז קודש קדשים, ווייל עס איז דאָס געזאַנג צווישן גאָט און דער כנסת ישראל.

אַ סך פון אונדזערע משכילים האָבן זיך באַצויגן מיט ביטול און איראָניע צו אָט די אַלטע מדרשים. ס'איז אָבער פאַר אַזאַ באַציונג ניטאָ קיין שום גרונד. די נביאים האָבן געזען אין דעם מענטשן אַ שותף צו גאָט. איז דאָך דער מענטש באַשאַפן געוואָרן אין דער געשטאַלט פון דעם בורא. האָבן זיי דערפאַר אויך אין די באַציונגען פון פאָלק ישראל צום גאָט געזען אַ באַציונג פון ליבע, פון פריינדשאַפט און פון הייליקער איבערגעגעבנקייט. פאַראַן אַ טיפער זין אין דער ליבע פון גאָט צו מענטש און פון מענטש צו גאָט. עס איז דער סוד פון געטלעכקייט אין דעם מענטשן. און דאָס איז אפשר דאָס העכסטע און דאָס דערהויבנסטע, וואָס דער תנ"ך האָט דער וועלט געלערנט — די תורה פון דעם מענטשן, די תורה וועגן דער הייליקייט פון מענטשלעך לעבן און פון דעם מענטשלעכן כבוד.

משה רבינו

אויפן שוועל פון דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק באַווייזט זיך די מאַיעס־טעטישע געשטאַלט פון משה רבינו. און די משה־געשטאַלט גיט אונדז דעם שליסל צו דער גאַנצער ווייטערדיקער געשיכטע פון יידישן וועלט־פאָלק.

געלערנטע און קינסטלער, פּאָליטישע פירער און רעליגיעזע דענקער האָבן אין לויף פון יאָרהונדערטער און יאָרהונדערטער זיך באַמיט צו פאַרשטיין דעם טיפערן זין פון דער משה־טראַדיציע. ווער ער איז געווען? און וואָס איז באַשטאַנען זיין אויפטו?

*

אין חגיגה געפינען מיר אַ מאמר פון ר' עקיבא, וואָס זאָגט: די כללים און די פרטים פון דער תורה זיינען געזאָגט געוואָרן ביים באַרג סיני, זיינען איבער־געחזרט געוואָרן אין אוהל מועד, און זיינען ווידער איבערגעחזרט געוואָרן אין ערבות מואב (כללות ופרטות נאמרו בסיני ונשנו באוהל מועד ונשתלשו בערבות מואב). מיר האָבן בכן, לויט דער מיינונג פון ר' עקיבאן דריי באַזונדערע זאַמלונ־גען פון די תורה־געזעצן. באַקענט מען זיך נענטער מיט די געהעריקע טעקסטן, דאַן ווייזט זיך אַרויס, אַז עס זיינען דאָ גאָר שטאַרק קענטיקע וואַריאַנטן, סיי אין אינהאַלט און סיי אין סטיל, צווישן אָט די דריי זאַמלונגען. צו די געבאָטן, וואָס זיינען איבערגעחזרט געוואָרן אין ערבות מואב געהערן די מצוות פון ספר דברים. אין דברים זיינען פאַרצייכנט געוואָרן די ווערטער, וואָס משה האָט געזאָגט צום פאָלק ישראל אין עבר הירדן, צום סוף פון די פערציק יאָר פון די יידישע וואַנדע־רונגען אין מדבר. אַ צאָל געזעצן אין ספר דברים זיינען אויך דערמאָנט געוואָרן אין די פריערדיקע ספרים פון דער תורה, באַזונדערס אין דער פרשה משפטים, און

אין ספר ויקרא. פאַראַן אָבער אויך אין דברים אַ באַדייטנדע צאָל געזעצן, וואָס זיינען פריער ניט דערמאָנט געוואָרן. אין דער תלמודישער ליטעראַטור געפינען מיר אויך די באַצייכענונג משנה תורה (די איבערחזרונג פון דער תורה) פאַרן ספר דברים, וועלכער צייכנט זיך, אגב, אויך אויס מיט זיין גאַר באַזונדערן סטיל. די תורה איז פון אָנהייב אָן געווען אַ תורה פון לעבן און זי איז ממילא כסדר געוואָרן באַנייט. די בעלי התלמוד האָבן דאָס פאַרשטאַנען.

אַ תלמודישע אגדה דערציילט אפילו, אַז ווען משה רבינו איז אַרויף אויפן הימל נעמען די תורה, האָט גאָט צו אים געזאָגט: אַ סך דורות שפּעטער וועט קומען אַ מענטש, עקיבא בן יוסף איז זיין נאָמען. און אויף יעדן אות פון דער תורה וועט ער דרשענען גאַנצע בערג מיט הלכות. און גאָט האָט אים ווייטער געוויזן, ווי ר׳ עקיבא לערנט תורה מיט זיינע תלמידים. האָט משה זיך צוגעזעצט און זיך צוגעהערט, האָט אָבער ניט געקענט פאַרשטיין ר׳ עקיבאָס תורה. איז משה רבינו געוואָרן שטאַרק אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, ווייל ער האָט ר׳ עקיבאָס תורה ניט באַגריפן.

די בעלי התלמוד האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דער תורה שבכתב און דער שפּעטערדיקער תלמודישער טראַדיציע, דער תורה שבעל פה. און אויך נאָכן תלמוד איז די תורה־טראַדיציע ניט געבליבן שטיין אויף איין אָרט. דאָס זעלביקע איז ריכטיק, וואָס איז שייך די צייט פאַרן תלמוד, די תקופה פון די שופטים, נביאים און מלכים. די תורה איז ביי אונדז תמיד געווען אַ תורת חיים. תורה און לעבן זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט. איז ממילא ניט קיין וואונדער, וואָס אין די ספרים פון די נביאים באַווייזט זיך די יידישע גייסטיקע געשטאַלט אין אַ ביסל אַן אַנדער וואַריאַנט ווי אין אַ צאָל שטעלן אין דער תורה. פאַראַן אפילו גאָר קענטיקע אונטערשיידן צווישן די ספרים פון די נביאים גופא, ווי דאָס ווערט שוין קלאָר ארויסגעבראַכט אין תלמוד.

אין מסכתא שבת ווערט געזאָגט: ס׳איז געווען אַ מיינונג, אַז דער ספר יחזקאל דאַרף ניט אַריינגענומען ווערן צווישן די הייליקע ספרים פון תנ״ך, ווייל זיינע ווערטער זיינען סותר די ווערטער פון דער תורה (שהיו דבריו סותרין דברי תורה). איז געקומען חנניה בן חזקיה און האָט די סתירות פאַרענטפערט. די גמרא גיט ניט אָן קיין ווייטערדיקע פּרטים. און אין רש״י צו יחזקאל ווערט טאַקע געזאָגט, אַז מיר קענען ניט פאַרשטיין די ווערטער פון דעם נביא.

דאָס זעלביקע איז צום טייל ריכטיק בנוגע די אַנדערע ספרים פון די נביאים. כמעט אַלע נביאים האַלטן אין טענהן, אַז גערעכטיקייט איז וויכטיקער ווי קרבנות, אַז גאָט וויל בכלל ניט קיין קרבנות. אין דער תורה אָבער פאַרנעמען די דינים פון קרבנות גאָר אַ גרויסן פּלאַץ. דער פסוק אין ירמיה זאָגט בפירוש אַז גאָט פאַרלאַנגט בכלל קיין קרבנות: ״וואָרום איך האָב ניט גערעדט מיט אייערע עלטערן און האָב זיי ניט באַפוילן, ווערט דאָ געזאָגט, אין דעם טאָג, וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, וועגן אַ קרבן עולה אָדער אַ שלאַכט־אָפּפער (כי לא דברתי את אבותיכם ולא צותים ביום הוציאי אותם מארץ מצרים על

דברי עולה וזבח). עס זיינען, הייסט עס, גאַרניט געווען קיין געבאָטן צו ברענגען קרבנות. על פי נויט קען מען דאָ געפינען אָ שטיקל אויסטייטשונג:

די ווערטער ביים הוציאי אותם מארץ מצרים, וואָס ירמיה גיט איבער אין גאָטס נאָמען, לאָזן זיך אויסטייטשן טאָקע פשוט. אין דעם טאָג זיינען ניט געגעבן געוואָרן קיין געבאָטן וועגן קרבנות. דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויפן וואָרט ביום. שפּעטער אָבער זיינען יע געגעבן געוואָרן געבאָטן וועגן קרבנות. אָבער דאַן פאַרלירט די טענה פון דעם נביא איר גאַנצן זין. זיינען דען די מיצוות, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן ביים באַרג סיני ווייניקער וויכטיק?

און נאָך שווערער צו פאַרענטפערן איז די טענה פון דעם נביא עמוס, דער עלטסטער פון די נביאים, וואָס האָבן אונדז איבערגעלאָזן אָ ליטעראַרישע ירושה. דער נביא עמוס זאָגט דאָ אין גאָטס נאָמען: "האָט איר דען מיר געבראַכט שפּייז־אָפּפער און שלאַכטאָפּפער אין מדבר אין לויף פון פערציק יאָר, איר הויז פון ישראל? (הזבחים ומנחה הגשתם לי במדבר ארבעים שנה בית ישראל). דאָס הייסט דאָך, אַז בעת די וואַנדערונגען אין מדבר האָבן יידן גאָר קיין קרבנות ניט געבראַכט. דעם פּסוק אין עמוס לאָזט זיך ניט אַנדערש אויסטייטשן, אָבער אין דער תורה ווערט דאָך בפירוש דערמאָנט, אַז די יידן אין מדבר האָבן געבראַכט קרבנות. דער ענטפער אין מסכתא חגיגא, אַז די קרבנות אין מדבר האָט געבראַכט בלויז דער שבט לוי און ניט דאָס גאַנצע פאָלק, קען ווייניק באַפרידיקן.

זיינען די נביאים געווען גערעכט מיט זייערע טענות?

דער ענין פון קרבנות איז פול מיט סודות און פּראָבלעמען. פאַראַן אָ טיפער זין אין ברענגען אָ קרבן, אין אָפּזאָגן זיך פון עפּעס, אין פאַסטן אָ תענית (וואָס איז אויך א געוויסע פאָרם פון אָ קרבן) און אין מקריב זיך זיין פאַר עפּעס. פאַראַן אָבער אויך גאָר אָ גרויסע געפאַר אין דעם קולט פון קרבנות. עס איז די געפאַר פון אַנטראָפּאָמאָרפיזם. מען שטעלט זיך דאָ פאָר די געטלעכקייט אין אָ מענטש־לעכער געשטאַלט. עס קען זיך אָ חוץ דעם שאַפן אָ פאַרשטעלונג, אַז קרבנות זיינען וויכטיקער ווי מעשים טובים. דער ענין קרבנות פאַרלאַנגט אָ באַזונדערע באַהאַנדלונג.

די צענטראַלע פראַגע איז דאָ די פּראָבלעם פון אַנטראָפּאָמאָרפיזם אָדער השגחה, דאָס פאַרשטעלן זיך די געטלעכקייט אין אָ מענטשלעכער געשטאַלט. די צענטראַלע פּראָבלעם אין דער געשיכטע פון די יידישע רעליגיעזע זוכענישן איז — די באַגעגעניש צווישן גאָט און מענטש, די באַציונג צווישן גאָט און וועלט. דער יידישער מאָנאָטעיזם צייכנט זיך באַזונדערס אויס מיט זיין ריין גייסטיקער, ריין אָבסטראַקטער פאַרשטעלונג וועגן געטלעכקייט. די ריין אָבסטראַקטע פילאָ־זאָפיע האָט אָבער אויך געהאַט אירע געפאַרן. עס איז די געפאַר פון אָ ריין אָבסטראַקטן גלויבן, פון אַ ריין פילאָזאָפישן גאָט. דער פילאָזאָפישער גאָט פון אָ דענקער ווי שפּינאָזע איז דאָך ניט דער גאָט פון דער יידישער טראַדיציע, פאַר וועמען דער מענטש קומט אויסגיסן זיין געמיט. און דער יידישער רעליגיעזער געדאַנק האָט געמוזט געפינען דעם וועג צווישן אָט די צוויי עקסטרעמען. שטויסן

מיר זיך כסדר אַן סיי אין תנ״ך, סיי אין תלמוד און סיי אין דער קבלה-ליטעראַטור, אויף דער פּראָבלעם. דער באַשעפער פון דער וועלט איז אונדז נאָענט און אין דער זעלביקער צייט איז די געטלעכקייט פאַרבאָרגן פון אונדז. וואָרים ווי קען דען אַ פּשוטער מענטש, אַ בשר ודם באַגרייפן דעם סוד פון געטלעכקייט?

משה רבינו און אהרן הכהן

דער נביא און דער כהן

ווען מען פּרובירט זיך פאַרטיפן אין די ספרים פון תנ״ך, דאַן פאַלט באַזונדערס אויף די ענלעכקייט צווישן די דערציילונגען פון חומש און די שפּעטערדיקע באַריכטן וועגן דער צייט פון די נביאים. אין פאַרלויף פון דורות און דורות ווערט געפירט די פאַרביטערטע מלחמה קעגן געצנדינסט און אַלע פאָרמען פון עבודה זרה. און ערשט אין דער צייט פון בית שני האָט דאָס יידישע פאָלק באַוויזן זיך צו באַפרייען פון דעם פּרימיטיוון גלויבן.

די תלמודישע אגדה האָט פּרובירט פאַרענטפערן דעם אופן ווי אהרן הכהן האָט געהאַנדלט אין דער געשיכטע מיטן עגל הזהב. דאָס צעווילדעוועטע פאָלק, ווערט געזאָגט אין מדרש, האָט געצוווּנגען אהרנען צו מאַכן דעם עגל. דער אופן אָבער ווי אהרן האָט געהאַנדלט לאָזט זיך ניט פאַרענטפערן, ווייל על פּי דין איז אַ ייד מחויב צו גיין על קידוש השם, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ זינד ווי עבודה זרה. און דער אבן עזרא באַמערקט טאַקע: ״זיינען דאָך די חברים פון דניאל געגאַנגען על קידוש השם, כדי זיך ניט צו בוקן צו אַ בילד״.

פון דער געשיכטע פון עגל הזהב ווייסן מיר, אַז משה האָט געהאַט טענות צו אהרנען. ״און משה האָט געזאָגט צו אהרנען — ווערט געזאָגט אין שמות — וואָס האָט דיר דאָס דאָזיקע פאָלק געטאָן, וואָס דו האָסט געבראַכט אויף אים אַ גרויסע זינד?״ אהרן פּרובירט אַרויפוואַרפן די שולד אויפן פאָלק: דו ווייסט דאָך, זאָגט ער צו משהן, ווי שלעכט דאָס פאָלק איז. אָבער משה האָט אהרנס טענה ניט אָנגענומען. ״און משה האָט געזען — לייענען מיר ווייטער אין שמות — ווי דאָס פאָלק איז ווילד געוואָרן, ווייל אהרן האָט דאָס פאָלק געלאָזט ווערן ווילד״.

אהרן האָט, ווייזט אויס, דערין ניט געזען קיין אויסדרוק פון געצנדינסט, פון עבודה זרה. אַזאַ מיינונג ווערט אַרויסגעזאָגט פון אברהם אבן עזרא. אהרן האָט זיך דאָ צייטווייליק געפּרובירט צופּאַסן צו די פּרימיטיווע פאַרלאַנגען און בענקע-נישן פון די געוועזענע קנעכט אין מצרים. אהרן האָט געזען אין דעם עגל ניט מער ווי אַ סימבאָל.

די סיפּורים פון חומש גיבן אונדז איבער ניט נאָר פאַקטן, נאָר אויך אידעען. מיר זיינען דעריבער באַרעכטיקט אין אַ סך פאַלן אויסצוטייטשן געוויסע שטעלן אין דער תורה בדרך משל, אויף אַן אַלעגאָרישן אופן. עס קען קיין שום ספק

ניט זיין, אַז די געשיכטע פון עץ הדעת אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם סוד פון דעם מענטשלעכן גורל, פון אונדזער טראַגיש עקזיסטענץ. פּונקט אַזוי ווערן די סיפּורים וועגן אברהם, יצחק און יעקב אויסגעטייטשט אויף אַ סימבאָלישן אופן אין זוהר און אין דער קבלה־ליטעראַטור בכלל. אין מדרש רבה געפינען מיר אפילו אַ מאמר, וואָס זאָגט אונדז, אַז די אבות דאָס זיינען די מרכבה (האבות הן הן המרכבה). אַט דער מדרש פאַר זיך אַליין איז אַ רעטעניש, ווייל דער גאַנצער ענין פון מרכבה (גאָטס רייטוואָגן, כביכול), איז פול מיט סודות, פול מיט מיסטיק.

אויך די געשיכטע פון עגל האָט אַ טיפערן זין. מיר זעען דאָ, אַז דער וועג פון משה איז געווען אַן אַנדערער ווי דער וועג פון זיין ברודער אהרן. וועגן אַזאַ קאָנפליקט צווישן משהן און אהרנען ווערט אויך דערציילט אין במדבר „און מרים און אהרן, לייענען מיר דאָ, האָבן גערעדט אויף משהן וועגן דער פרוי דער כושית (די עטיאָפּערין), וואָס ער האָט גענומען. וואָרום ער האָט גענומען אַ כושישע ווייב. און זיי האָבן געזאָגט: האָט דען בלויז מיט משהן גאָט גערעדט? האָט ער ניט אויך מיט אונדז גערעדט?"

עס איז קלאָר פון די געבראַכטע פּסוקים אין במדבר, אַז דאָ האָט גערעדט דאָס געפיל פון קנאה. מרים און אהרן זיינען געווען אומצופרידן, וואָס צוליב משהס פּרעסטיזש זיינען זיי געשטעלט געוואָרן אין שאָטן. געווען דאָ אָבער אויך אַ טיפער קאָנפליקט. אין חומש ווערט ווייטער דערציילט, ווי מרים איז באַשטראָפט געוואָרן פאַר אירע רייד קעגן ברודער משה. און עס ווערט באַזונדערס אַרויסגע־הויבן די איינציקאַרטיקע ראָל פון משה רבינו ווי אַ נביא. צו אונדזערע נביאים, ווערט דאָ געזאָגט, האָט גאָט זיך באַוויזן אין אַ וויזיע אָדער אין חלום: „ניט אַזוי איז מיין קנעכט משה, זאָגט גאָט צו אהרנען און מרימען, אין מיין גאַנצן הויז איז ער באַגלויבט, מויל צו מויל רייד איך מיט אים (פה אל פה אדבר בו)... און ווי אַזוי האָט איר ניט מורא געהאַט צו ריידן אויף מיין קנעכט, אויף משהן?"

אויך אַט די פּסוקים האָבן אַ טיפערן זין. דער אונטערשייד צווישן משהן און אהרנען איז ניט נאָר אַן אונטערשייד אין דער מדרגה פון דער נבואה, נאָר אויך אין דעם גאַנצן צוגאַנג צו יידישקייט, צו תורה און צו מיצוות. אהרן שטעלט דאָ מיט זיך פאָר די וועלט פון די כהנים, בעת משה שטעלט מיט זיך פאָר די וועלט פון די נביאים. דער קאָנפליקט צווישן משהן און אהרנען איז אין תוך אַ קאָנפליקט צווישן צוויי וועגן אין יידישקייט, אַ קאָנפליקט, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע.

די פראַגע איז געווען: ווי קומט מען מיט גאָטס וואָרט צום פאָלק? קען דען אַ פּשוטער בשר ודם פאַרשטיין גאָטס תורה, גאָטס ווילן? מוז מען דאָך צום פאָלקסמענטשן ריידן אויף אַ לשון, וואָס ער זאָל פאַרשטיין, ווי די בעלי התלמוד האָבן עס שפּעטער פאָרמולירט: דברה תורה כלשון בני אדם. אָבער ווי ווייט דאַרף גיין די צופּאַסונג צו די פּרימיטיווע פאַרשטעלונגען פון דעם פאָלקסמענטשן? בנוגע דעם פּונקט זיינען געווען טיפע חילוקי דעות צווישן די נביאים און די כהנים.

*

די געשיכטע פון עגל ברענגט פאַר אונדז אַרויס דעם גרויסן פילאָזאָפישן וויכוח מכוח די וועגן פון גלויבן. דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די אייביקע מענטשלעכע זוכעניש, די טיפע מענטשלעכע בענקעניש זיך אַרויסצורייסן פון דער ערדישער געבונדנקייט. עס איז שווער פאַרן מענטשן שלום צו מאַכן מיט זיין גורל. זוכט ער אַ וועג צום איין סוף. ער זוכט און בלאָנדזשעט. ער זוכט און ווערט געשטרויכלט און טאָקע אין דער געשיכטע פון עגל הזהב אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די זוכעניש פון דעם אומבאַהאָלפענעם מענטשן. די מענטשן זיינען געקומען צו אהרנען, ער זאָל זיי מאַכן אַ גאָט, "וואָס זאָל גיין פאַר זיי", וואָס זאָל זיי וויזן דעם וועג.

שוין דער נביא מלאכי האָט געוווסט, אַז אין די נאַיווע און אומבאַהאָלפענע בענקענישן און טראַכטענישן פון די פעלקער אַנטפּלעקט זיך דער טיפער דאָרשט נאָך געטלעכקייט, נאָכן איין סוף. אַזוי זאָגט גאָט דורכן מויל פון דעם נביא: "וואָרים פון דעם אויפגאַנג פון דער זון און ביז איר אונטערגאַנג איז מיין נאָמען גרויס צווישן די פעלקער..." (כי ממזרח שמש ועד מבואו גדול שמי בגויים...).

דער נביא האָט ־זיכער דערמיט ניט געמיינט צו זאָגן, אַז אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבן אָנגענומען די יידישע אמונה. זיין געדאַנק איז געווען, אַז אויך אין זייערע בלאָנדזשענישן זוכן די פעלקער דאָס געטלעכע, האָבן זיי אַן אָנונג פון אין סוף. און געגנוי דעם זעלבן געדאַנק באַגעגענען מיר ביי דעם מיטלאַלטערלעכן דיכטער און דענקער שלמה אבן גבירול. אין זיין וווּנדערלעכער פּאָעמע "כתר מלכות" זאָגט דער דיכטער: "דו ביסט גאָט און אַלע באַשעפענישן זיינען דיינע קנעכט און דיינע דינער. און גאָרניט געמינערט ווערט דיין כבוד דורך די, וואָס דינען אַנדערע געטער, וואָרים זיי שטרעבן און גלוסטן דאָך נאָר צו דיר; זיי זיינען אָבער ווי די בלינדע, וואָס מיינען, אַז זיי גייען דעם ריכטיקן וועג, האָבן אָבער פאַרבלאָנדזשעט אויף זייטיקע וועגן" (ולא יחסר כבודך בגלל עובדי בלעדיך כי כונת כלם להגיע עדיך...)

*

מיר האָבן דערמאָנט דעם קאָנפליקט צווישן משהן און אהרנען. און נאָך אַ קאָנפליקט באַגעגענען מיר אין חומש — דעם קאָנפליקט צווישן קרח און זיין געמיינדע, פון איין זייט, און אהרן הכהן, פון דער צווייטער זייט. קרח האָט זיך געבונטעוועט סיי קעגן משהן און סיי קעגן אהרנען. ס'איז אָבער קלאָר פון דעם טעקסט פון דער קרח־געשיכטע, אַז אייגנטלעך איז דאָס געווען אַ קאָנפליקט צווישן די בני לוי און די כהנים. די לויים האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען די באַזונדערע פּריווילעגיעס פון די כהנים.

קרח איז געקומען, לייענען מיר אין במדבר, מיט דער טענה: "די גאַנצע געמיינדע איז הייליק, און צווישן זיי איז גאָט" (כי כל העדה כלם קדושים ובתוכם ה'). שטעלט זיך די פראַגע: איז דען דאָס באמת אַ זינדיקע טענה? האָבן דאָך יידן געהערט ביים באַרג סיני די ווערטער: "און איר וועט מיר זיין אַ קיניגרייך פון כהנים און אַ הייליק פאָלק" (ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש).

ווייטער לייענען מיר, אַז קרח איז געקומען צו משהן און אהרנען מיט אַן אַנדער פאַרלאַנג. אַזוי זאָגט משה צו קרחן און זיין געמיינדע: "ווייניק פאַר אייך, וואָס גאָט האָט אייך אויסגעטיילט באַזונדער ווי אַ פּריווילעגירטן שבט, ווילט איר נאָך, איר קינדער פון לוי, אויך די כהנים? (ובקשתם גם כהנים). איז עס, הייסט עס, אַ קאָנפליקט צווישן קרחן און אהרנען, צווישן די לויים און די כהנים ארום דער כהונה.

אין במדבר ווערט ווייטער דערציילט, אַז קרחן האָט איינגעשלונגען די ערד. און אַלץ וואָס האָט צו אים געהערט. אין פרשה פנחס ווערט אָבער געזאָגט, אַז קרחס קינדער זיינען ניט אומגעקומען.

עס איז באַזונדערס וויכטיק צו פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז די בני קרח האָבן גראַד געשפּילט אַן אויסערגעוויינטלעכע ראָל אין דער יידישער געשיכטע. פון קרחן האָט אויך געשטאַמט דער נביא שמואל. און שמואל הנביא פאַרנעמט אין דער יידישער געשיכטע אַ פּלאַץ גלייך נאָך משה רבינו. שמואל הנביא האָט געהערט צו אַ חשובער משפחה פון לויים און נביאים, ווי דאָס האָבן שוין ריכטיק באַמערקט אַזעלכע מפרשים, ווי דער רד"ק, דער רלב"ג און אַנדערע. די בני קרח האָבן אויך געהערט צו די דיכטער פון די תהילים געזאַנגען און צו די משוררים, די זינגער אין בית המקדש.

*

אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק צייכענען זיך אויס דריי גרופּעס, וואָס האָבן געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל ווי לערער און וועגווייזער אין דער צייט פון תנ"ך. משה רבינו איז דער פאָטער פון די נביאים; ער שטעלט מיט זיך פאַר דעם אידעאַל פון דעם יידישן מנהיג. אהרן איז דער פאָטער פון די כהנים. די פּאָזיציע פון די כהנים איז אַ געזיכערטע, זי גייט איבער בירושה פון פאָטער צום זון. צו אַ דריטער גרופּע האָבן געהערט די לויים, וואָס זייער ראָל ווערט אַלץ מער און מער קלאָר אַ דאַנק די באַמיונגען פון אַ צאָל תנ"ך פאָרשער פון אונדזער צייט. עס וועט אפשר זיין ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די לויים האָבן אין יידישן לעבן געשפּילט נאָך אַ גרעסערע ראָל ווי די נביאים.

פאַראַן אַ שטאַרקע קרובהשאַפט צווישן די לויים און די נביאים. משה רבינו איז געווען אַ לוי. אויך שמואל הנביא איז געווען אַ לוי. די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון די לויים איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי זיינען געווען די לערער און אויס־טייטשער פון דער תורה. פון זיי זיינען ווייטער געקומען די גרויסע זינגער און דיכטער. דאָס האָבן די לויים פאַרביטן קרבנות מיט תפילות.

אַזוי באַווייזן זיך פאַר אונדז דריי גייסטיקע שטראָמען: נביאים, לויים און כהנים. און איטלעכע גרופּע האָט געזוכט איר וועג ווי צו פאַרבינדן דעם מענטשן מיטן באַשעפער אין הימל.

די לוויים

(דער קרומער שפּיגל פון דער געשיכטע)

די געשיכטע דערציילט אונדז גאָר אַ סך וועגן די גרויסע פירערס. אַלע אַנדערע ווערן פאַרלוירן אין דער נאָמענלאָזער מאַסע. די געשריבענע געשיכטע איז מייסטנס אַ קרומער שפּיגל פון דער ווירקלעכקייט. אַ סך געלערנטע פאַרשטייען די גרויסע אומגערעכטיקייט פון אַזאַ צוגאַנג. זיי קענען זיך אָבער ניט העלפן. מיר קענען אָפּהיטן אין זכרון בלויז געציילטע נעמען. אויף דער אויבערפלאַך שווימען אַרויף נאָר נעמען פון מזלדיקע פירער, בעת די גרויסע מאַסע בלייבט אין שאָטן.

און פאַראַן נאָך אַ סיבה. יעדער מענטש חלומט וועגן גרויסקייט, וועגן אַ פּלאַץ אין דער געשיכטע. זוכט ער די געשטאַלטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, די העלדן, מיט וועלכע ער וויל זיך אידענטיפיצירן. יידישע דענקער און יידישע מנהיגים האָבן אָפט פאַר זיך געמוזט ווי אַ מוסטער די געשטאַלט פון משה רבינו. פאַראַן ביי אונדז, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַ משה רבינו־קאָמפּלעקס. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס דער רמב״ם האָט זיין מאָנומענטאַלע זאַמלונג פון הלכות אַ נאָמען געגעבן משנה תורה. ״איך האָב אַ נאָמען געגעבן אָט דעם חיבור משנה תורה, זאָגט אונדז דער רמב״ם אין זיין הקדמה, כדי דער מענטש זאָל פריער לערנען די תורה שבכתב און דאָן לייענט ער דעם חיבור, וועט ער פון דעם וויסן די גאַנצע תורה שבעל פה און וועט שוין צו קיין אנדער ספר ניט דאַרפן אָנקומען״. אָט די ערקלערונג פון דעם רמב״ם האָט אַרויסגערופן שאַרפע פּראָטעסטן. דאָס וואָלט דאָך געמיינט, האָבן זיינע קריטיקער געטענהט, אַז מען וועט שוין מער ניט דאַרפן אָנקומען צום תלמוד, צו דער אייגנטלעכער תורה שבעל פה. און דאָס וואָלט געמיינט אַ פאַרענדיקטע תורה. דעם רמבמס קעגנער זיינען אוודאי געווען גערעכט. זיי האָבן געוואָלט אַ תורה וואָס לעבט און אַנטוויקלט זיך. פאַר אונדז איז דאָ אָבער וויכטיק דעם רמבמס חלום, דער טרוים צו שאַפן אַ משנה תורה.

דער משה־קאָמפּלעקס פאַרנעמט אויך אַ פּלאַץ אין דער לעבנסגעשיכטע פון טעאָדאָר הערצל. און ביז גאָר מערקווערדיק איז דער פאַקט, וואָס אַ דענקער ווי זיגמונד פרויד האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ משה־קאָמפּלעקס. אין זיין ווייט ניט געלונגענעם בוך וועגן משה רבינו האָט ער עס קלאָר אַרויסגעבראַכט. פרויד האָט זיך פאַרגעשטעלט אין אַ ראָל פון אַ נייעם משה, פון אַ נייעם לערער און וועג־ווייזער פאַר דער מענטשהייט. זיין פּסיכאָאַנאַליטישע סיסטעם האָט דאָך געדאַרפט ווערן אַ נייע תורה פאַר דער וועלט. פרויד האָט טיף געגלויבט, אַז מיט זיין פילאָזאָפיע הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע.

*

מען שרייבט גאָר ווייניק און מען ווייסט גאָר ווייניק וועגן דעם פּלאַץ פון די לוויים אין דער געשיכטע פון יידישן רעליגיעזן לעבן, און פון יידישן געדאַנק בכלל. און דאָס איז אַ גרויסע היסטאָרישע עוולה. איז געקומען די צייט, אַזוי גלויב

איך, צו רעהאַביליטירן די לוויים, אַרויסצוברענגען די גרויסע אויפטוונגען פון אַט די אָרעמע לערער און מלמדים, וואָס האָבן אויף זיך גענומען אַ פּשוטע אויפגאַבע — ברענגען די תורה צום פאָלק, צום גאַנצן פאָלק.

אין חומש ווערט אויספירלעך באַשריבן די ראָל פון די לוויים ביים משכן. אַן ענלעכע ראָל האָבן די לוויים שפּעטער געשפּילט אין בית המקדש. פון אַ צאָל שטעלן אין תנ״ך איז אָבער קלאָר, אַז די לוויים האָבן דער עיקר געווירקט ווי לערער פון דער תורה, ווי מלמדים.

אין נחמיה ווערט דערציילט, ווי עזרא הסופר האָט, נאָכדעם ווי ער איז געקומען פון בבל, געלאָזט פאַרזאַמלען דאָס גאַנצע פאָלק קיין ירושלים, און פאַרן פאַרזאַמלטן פאָלק האָט עזרא געלייענט די תורה. אַט די געשיכטע, ווי דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויסגעהערט די תורה און האָט אויף זיך גענומען אָפּצוהיטן די געבאָטן פון דער תורה, איז בלי ספק די באַדייטנדסטע געשעעניש אין דער צייט נאָכן גלות בבל. די גרויסע פאָלקספאַרזאַמלונג אין דער צייט פון שיבת ציון ווערט באַטראַכט ווי אַ ווענדפּונקט אין דער יידישער געשיכטע. דאָס איז די מיינונג פון די מאָדערנע היסטאָריקער און אַזאַ אָפּשאַצונג געפינען מיר אויך אין דער תלמודישער ליטעראַטור. אַ מאמר אין סנהדרין זאָגט אונדז: ״עזרא וואָלט געווען ראוי די תורה זאָל געגעבן ווערן דורך אים, ווען משה רבינו וואָלט ניט געקומען פריער״. (ראוי היה עזרא שתנתן תורה על ידו אלמלא לא קדמו משה).

ווער זיינען געווען די, וואָס האָבן דעם סופר עזרא געהאָלפן ברענגען די תורה צום פאָלק? דאָס זיינען געווען די לוויים, ווי דאָס ווערט קלאָר געזאָגט אין ספר נחמיה. די לוויים ווערן דאָ באַצייכנט ווי די אויסטייטשער פון דער תורה. דער ספר נחמיה באַנוצט די ווערטער: הלוים המבינים את העם, די לוויים, וואָס גיבן דעם פאָלק צו פאַרשטיין די תורה. אין לויף פון די טעג, ווען די היסטאָרישע פאָלקספאַרזאַמלונג האָט געדויערט, האָבן די לוויים געטאָן זייער אַרבעט. זיי האָבן גערעדט צום פאָלק. זיי האָבן דעם פאָלק געגעבן צו פאַרשטיין די ווערטער פון דער תורה, זיי האָבן געזאָרגט פאַר דער געהעריקער אָרדענונג און זיי האָבן אויך אָנגעפירט מיט די תפילות (נחמיה קאַפּ. ט.). אַט די ראָל פון די לוויים, ווי די לערערס פון פאָלק, ווערט ווייטער אַרויסגעבראַכט אין דברי הימים. מיר באַגעגענען אין ספר דברי הימים קריטישע באַמערקונגען וועגן די כהנים. אַקעגן דעם ווערן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן באַטאָנט די גרויסע פאַרדינסטן פון די לוויים ווי די לערערס פון דער תורה און ווי די, וואָס פאַר־טיפן זיך אין דער תורה. ״דער קעניג יחזקיהו, לייענען מיר אין דברי הימים, האָט גערעדט צום האַרצן פון די לוויים, וואָס זיינען געווען ווילקענעוודיקע מיט גוטן פאַרשטאַנד...״ (וידבר יחזקיהו על לב כל הלויים המשכילים שכל טוב). די לוויים זיינען געווען די לערנערס, די מענטשן מיט וויסן, די משכילים.

די פּאָזיציע פון די כהנים אין יידישן רעליגיעזן לעבן איז געווען אַ קלאָרע און אויך אַ מער ווייניקער אַ געזיכערטע. זיי האָבן געהאַט זייערע הכנסות פון דער עבודה אין בית המקדש. די לוויים אָבער זיינען געווען גרויסע אָרעמע

לייט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין אייגן לאַנד און זייערע הכנסות זיינען געווען גאָר באַשיידענע און ניט קיין זיכערע. ווערט דערפאַר געזאָגט אין דברים: "און דער לוי, וואָס אין דיינע טויערן, זאָלסטו אים ניט פאַרלאָזן, ווייל ער האָט ניט קיין חלק און קיין נחלה מיט דיר". די נויט און די אָרעמקייט פון די לוויים ווערט אין דברים גאָר שטאַרק באַטאָנט. די לוויים ווערן כסדר דערמאָנט מיט די אַנדערע אָרעמע, מיט די גרים, מיט די יתומים און אלמנות, וועלכע ניי‌טיקן זיך אין הילף (ובא הלוי... והגר והיתום והאלמנה אשר בשעריך). און אָרעמקייט, זאָגט אונדז דער תלמוד, איז אַ סגולה צו תורה. דערפאַר לערנט אונדז די תלמודישע אגדה, זיינען די אַלע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט תורה, סופרים און מלמדים, תמיד געבליבן אָרעמע לייט.

די כהנים, ווי מיר ווייסן, זיינען דער עיקר געווען פאַרנומען ביי דער עבודה אין בית המקדש. די לוויים אָבער זיינען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, הגם זיי האָבן אויך געהאַט וויכטיקע פונקציעס אין בית המקדש. די לוויים, וואָס האָבן געלעבט איבערן לאַנד, זיינען געווען די לערערס פון דער תורה, און אין דער צייט פון בית שני האָבן זיי געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער אַנטוויק‌לונג פון אַ נייער אינסטיטוציע, פון בית המדרש, דאָס הויז פאַר לערנען און דאַוונען. זיי האָבן געוויזן דעם וועג צו דער עבודה שבלב, דעם וועג פון דינען גאָט מיטן האַרצן, אַנשטאָט דער עבודה פון די קרבנות אין בית המקדש. און דאָ ווערט פאַר אונדז קלאָר דער פּרינציפּיעלער קאָנפליקט צווישן די כהנים און די לוויים. די כהנים האָבן זיך געפילט פאַרבונדן מיטן בית המקדש און מיט דער עבודה אין בית המקדש, האָבן זיי ממילא ניט געקענט פאַרשטיין די באַדייטונג פון תורה און תפילה פאַרן פאָלק. זיי האָבן ניט געקענט שלום מאַכן מיט דער רעוואָלוציע, וואָס די אינסטיטוציע פון תפילה האָט אריינגעבראַכט אין יידישן לעבן. די לוויים האָבן אָבער געלעבט מיטן פאָלק און זיי האָבן פאַרשטאַנען דאָס געמיט פון דעם אָרעמען מענטשן. זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די שיכט פון דער אָרעמער אינטעליגענץ. האָבן זיי געשאַפן די פאָרמען פון דער עבודה שבלב, פון אַ גייסטיקן ריטואַל.

די לוויים זיינען געווען די מלמדים, די זינגער און די דיכטער, און דאָס האָבן די מלמדים, די זינגער און די דיכטער באַשטימט דעם וועג פון דער יידישער געשיכטע.

די לוויים און די כהנים
די בני קרח

די ראָל פון דעם גייסטיקן איינפלוס פון די לוויים האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין דער צייט פון בית שני, ווי מיר זעען עס פון נחמיה און דברי הימים. געהאָלפן האָט דאָ אויך אַ סך דער פאַקט, וואָס אין דער צייט פון בית

שני איז דער בית המדרש, דאָס הויז פון דאַוונען און לערנען, געוואָרן די וויכ־טיקסטע פאָלקס־אינסטיטוציע. וואָרום דער בית המדרש איז ניט נאָר געווען אַ בית תפילה, אַ הויז פאַר דאַוונען, און ניט נאָר אַ הויז פאַר דאַוונען און לערנען, נאָר באמת אַ הויז פאַרן פאָלק, אַ הויז פאַרן פאָלקסמענטשן.

אין דעם פּרט איז געווען גאָר אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם בית המקדש און בית המדרש. דער בית המקדש האָט געווירקט מיט זיין מאַיעסטעט, מיט זיין פּראַכט, ווייל דער בית המקדש האָט סימבאָליש רעפּרעזענטירט דאָס גאַנצע פאָלק. אָקעגן דעם האָט דער בית המדרש געווירקט מיט זיין פּשוטקייט, מיט זיין צוגענגלעכקייט. דאָ האָט דער איינפאַכסטער ייד געקענט צוקומען צום קדש הקדשים. די כהנים מיט זייערע בגדי כהונה האָבן אים ניט פאַרשטעלט דעם וועג. און עס איז געווען דער בית המדרש, וואָס האָט ארויפגעלייגט אַ באַזונדערן שטעמפּל אויף דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין דער צייט פון בית שני. און מיר האָבן עס גאָר באַזונדערס צו פאַרדאַנקען די לוויים, וואָס די יידישע קולטור איז געוואָרן אַ קולטור פון בית המדרש.

און טאַקע אין אָנהייב פון בית שני האָבן זיך די לוויים אויסגעצייכנט ווי די לערערס פון פאָלק, ווי די לערערס פון דער תורה. די לוויים, באַזונדערס די בני קרח, זיינען אַ חוץ דעם אויך געווען די דיכטער פון אַ צאָל געזאַנגען אין תהילים. אַזוי ווערט פאַר אונדז אַלץ מער און מער קלאָר די ראָל פון די אָרעמע לייט, פון די זינגער און דיכטער, וואָס זיינען געוואָרן די לערער פון פאָלק. אָט די לוויים, און קודם כל טאַקע די בני קרח, האָבן עס פאַרשפּרייט דאָס געזאַנג פון תורה איבער די געצעלטע פון די קינדער פון יעקבן.

לוויים און כהנים זיינען געווען צוויי גאָר באַזונדערע וועלטן, ווי דאָס איז קלאָר צו זען פון די סיפּורים פון חומש. מיר זעען איצט, אגב, אין גאָר אַן אַנדער ליכט דעם גרויסן קאָנפליקט צווישן קרחן און זיין געמיינדע, פון איין זייט, און די כהנים, פון דער צווייטער זייט. עס בלייבט דאָ פאַר אונדז נאָך קלאָר צו מאַכן אַ באַזונדערס וויכטיקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון די בני קרח און זייער קאָנפליקט מיט די כהנים. דאָס איז די געשיכטע פון שמואל הנביא. וואָרים די געשיכטע פון דעם יונגן שמואל איז די היסטאָרישע רעהאַביליטאַציע פון די בני קרח.

אין דברי הימים ווערט געגעבן אָנגעגעבן דער יחוס פון דעם נביא שמואל: ער האָט געשטאַמט פון דער משפחה פון די משוררים, פון דער משפחה פון בני קרח. צווישן די נביאים פאַרנעמט שמואל אַ פּלאַץ גלייך נאָך משה רבינו. און מערקווערדיק איז דער פאַקט, וואָס די געשיכטע פון דעם יונגן שמואל שפּיגלט אָפּ דעם טיפן אידעישן קאָנפליקט צווישן די לוויים און די כהנים, פּונקט ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין דער צייט פון מדבר.

חנה, די מוטער פון דעם נביא שמואל, ווערט דערציילט אין דער שמואל געשיכטע, האָט אַ לאַנגע צייט קיין קינדער ניט געהאַט, גאָט האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט. האָט זי זיך שטאַרק מצער געווען. און ווען חנה איז געקומען אין גאָטס

הויז אין שילה, האָט זי מיט שטילן געוויין מתפלל געווען צו גאָט, ער זאָל איר שענקען אַ קינד. און חנה, ווערט געזאָגט אין ספר שמואל, האָט גערעדט צו זיך אין האַרצן, בלויז אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, אָבער איר קול האָט זיך ניט געהערט (רק שפתים נעות וקולה לא ישמע). האָט דער כהן עלי גערעכנט, אַז זי איז אַ שיכורע. און דאָ גיט אונדז דער ספר שמואל אַ מערקווערדיקן דיאַלאָג צווישן דעם אַלטן כהן עלי, וואָס איז געזעסן אין גאָטס הויז אין שילה, און דער עלנטער און צעווייטאָגטער חנה. דער כהן עלי איז בייז און ער ווענדט זיך צו חנהן מיט די ווערטער: "ביז ווי לאַנג וועסטו זיך אויפפירן ווי אַ שיכורע? טו אָפּ דיין ווײַן פון זיך". האָט חנה געענטפערט און געזאָגט "ניין, מיין האַר, אַ פרוי מיט אַ שווער געמיט בין איך, און ווײַן און שטאַרקן געטראַנק האָב איך ניט געטרונקען. איך האָב נאָר אויסגעגאָסן מיין געמיט פאַר גאָט".

פאַר דעם אַלטן כהן עלי איז עס געווען שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ פרוי זאָל קומען אין גאָטס הויז און אַליין מתפלל זיין, אַליין צו זאָגן אַ שטילע תפילה; האָט עלי גערעכנט, אַז די עלנטע חנה איז אַ שיכורע. דער כהן האָט ניט געקענט פאַרשטיין דעם וועג פון תפילה און דעם כוח פון אַ שטילער תפילה פון אַן אָרעמער פרוי. אָבער חנה, די מוטער פון דעם נביא שמואל, האָט דאָס געוווּסט. זי האָט ניט געזוכט די הילף און די פאַרמיטלונג פון דעם כהן, זי איז געקומען אַליין מיט איר געבעט צום טאַטן אין הימל, ווײַל זי האָט געהערט צו דער משפחה פון די לוויים, צו דער משפחה פון די בני קרח. האָט זיך גאָט צוגעהערט צו איר תפילה און זי האָט געבוירן אַ זון, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין גאָטס הויז און איז געוואָרן אַ נביא ביי יידן.

מיט דעם האָט זיך די געשיכטע פון דעם יונגן שמואל ניט פאַרענדיקט. עס ווערט דאָן ווייטער דערציילט וועגן די זינד פון די קינדער פון עלי, וואָס זיינען געווען די כהנים אין גאָטס הויז אין שילה. עס ווערט דערציילט, ווי די קינדער פון עלי האָבן אויף אַן אומגערעכטן אופן אויסגענוצט די כהונה: "און די זינד פון די יונגע איז געווען גרויס פאַר גאָט, וואָרים די מענטשן האָבן פאַרשוועכט דעם קרבן פון גאָט".

און אויב די כהנים, וואָס האָבן געזאָלט זיין די פירער פון פאָלק, זיינען געווען פאַרזונקען אין זינד, איז אויך דאָס פאָלק געווען פאַרלאָזן. "גאָטס וואָרט איז געווען זעלטן אין יענע טעג", זאָגט אונדז דער פסוק אין שמואל. איז דאָס פאָלק געבליבן פאַראיינזאַמט אָן אַ כהן, אָן אַ נביא און אָן אַ וועגווייזער, ווי די שאָף אָן אַ פּאַסטוך. האָט זיך דאָן גאָט אַנטפּלעקט דעם יונגן לוי, פון דער משפחה פון קרח, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין גאָטס הויז אין שילה, און דער יונגער לוי איז געוואָרן דער נביא, דער לערער און דער וועגווייזער פון זיין פאָלק, פון דעם פאָלק, וואָס איז פאַרלאָזן געוואָרן דורך זיינע פירער. אַזוי גיט אונדז די געשיכטע פון דעם נביא שמואל דעם שליסל צו דער געשיכטע פון די לוויים, צו דער געשיכטע פון די זינגער און דיכטער, וואָס זיינען געווען די לערער פון פאָלק.

דער ניגון פון דער תורה

תורה האָט מען תמיד געלערנט מיט אַ ניגון. אַזוי איז עס געווען אין חדר, אַזוי איז עס געווען אין ישיבה און אַזוי איז עס געווען אין בית המדרש. דעם קול פון תורה, דעם ניגון פון תורה, האָט מען תמיד געהערט פון די יידישע געצעלטן. ווי אַלט איז דער ניגון פון תורה? אַזוי אַלט ווי די תורה. זאָגט דאָך שוין דער דיכטער פון תהילים: "זמירות היו לי חוקיך". געזאַנגען זיינען ביי מיר געווען דיינע געזעצן. לערנען תורה איז אַ סך מער ווי שטודירן געזעצן. ס׳איז אייגנטלעך ניט געווען קיין אונטערשייד ביי אונדז צווישן תורה און תפילה, צווישן לערנען און דאַווענען. וואָרים לערנען תורה איז ניט נאָר געווען אַ גרויסע מיצווה, נאָר אויך אַן עבודת הקודש. איז דאָך קריאת שמע דער וויכטיקסטער טייל פון די טעגלעכע תפילות. און די תורה שבעל פה, דער תלמוד, הייבט זיך טאַקע אָן מיט די דינים פון קריאת שמע.

צום סדר פון דער שבתדיקער תפילה געהערט דאָס לייענען די סדרה פון דער וואָך. און לייענען טוט מען די סדרה מיט אַ ניגון, מיטן ניגון פון טראָפּ. פונקט אַזוי ווערט די הפטורה געלייענט מיט אַ ניגון.

האָט מען מחמת דעם אויך מיט די קינדער אין חדר געלערנט מעביר סדרה זיין מיטן ניגון פון טראָפּ. און אונדזערע מאַמעס האָבן געלייענט דעם טייטש־חומש מיט אַ ניגון. ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט אָנגעזאָגט זיינע תלמידים צו לערנען מוסר מיט א ניגון, ווייל דער ניגון פאַרשטאַרקט דעם כוח פון דעם וואָרט.

אין דער ישיבה האָט יעדער לערנער געהאַט זיין ניגון, וויפל לערנער, אַזוי פיל ניגונים. אָפט האָט מען אויך געלערנט מיט אַ שטילן ניגון, קוים באַוועגט מיט די ליפּן. אַזוי איז עס אויך געווען ביים דאַווענען.

עס זיינען געווען די זינגער פון בית המקדש, די לוויים, וואָס האָבן דעם פאָלק געוויזן דעם וועג צו לערנען תורה מיט אַ ניגון און צו דאַווענען מיט אַ ניגון. און די זינגער פון בית המקדש האָבן אונדז אויך אַנטפּלעקט דעם סוד פון דער שטילער תפילה, פון תפילה בלחש.

עס איז דאָ ניט נייטיק זיך באַזונדערס אָפּצושטעלן אויף דער ראָל פון די לוויים אין דעם סדר פון תפילה. פאַרענדיקן מיר דאָך נאָך היינט די תפילה פון שחרית מיטן שיר של יום, דעם געזאַנג פון דעם טאָג. יעדער טאָג פון דער וואָך האָט זיין געזאַנג, זיין שיר של יום, לויט דעם געזאַנג, וואָס די לוויים האָבן געזונגען אין בית המקדש. דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך, למשל, הייבן מיר אָן דעם געהעריקן מזמר פון תהלים מיט די ווערטער: היום יום ראשון בשבת שבו היו הלויים אומרים בבית המקדש". היינט איז דער ערשטער טאָג פון דער וואָך, וואָס אין אים האָבן די לויים געזאָגט אין בית המקדש.

די תורה פון די נביאים און די תורה פון פאָלק

דער גרויסער ווענדעפּונקט אין דער יידישער געשיכטע איז געווען — די צייט פון גלות בבל. די יידן, וואָס זיינען געקומען צוריק קיין ארץ ישראל פון בבל זיינען געווען גאָר אַנדערע יידן. עס זיינען געווען גלות־יידן. עס וועט זיין ריכטיקער צו זאָגן, אַז אין בבל איז יידישקייט געוואָרן אַן ענין פון אַ פּערזענ־לעכן באַשלוס. אין דער צייט פון די מלכים איז יידישקייט געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. ערשט אין בבל האָט זיך פאַר די פאַרטריבענע פון יהודה געשטעלט די פראַגע: אין וואָס באַשטייט אונדזער יידישקייט? ניט געווען דאָ קיין פּלאַץ מער פאַר לאַנד־ און מלוכה־יידישקייט. געבליבן נאָר איין וועג: פּרייוויליקע יידישקייט, קאָאָפּעראַטיווע יידישקייט, שותפות מיטן כלל ישראל. די שטראָף־רייד פון די אַלטע נביאים זיינען ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר דער איצטיקער צייט. איצט האָט מען געמוזט פריידיקן טרייסט, דערמוטיקונג, גלויבן און אהבת ישראל. מען האָט געמוזט פּריידיקן ווייניקער קאַמף און מער סאָלידאַ־ריטעט מיטן כלל ישראל. יעדער צו שטאַרקער קאַמף האָט געקאָנט פאַרטרייבן טיילן פון פאָלק.

די גייסטיקע פירער פון בית שני האָבן געפילט די נייטיקייט צו געווינען די ברייטסטע שיכטן, זיך צופּאַסן צום פאָלק, דערציען און אויפהייבן דאָס פאָלק. די תורה פון די נביאים האָט איצט געמוזט ווערן אַ תורה פון פאָלק. און דאָס איז געווען מעגלעך דורכצופירן, ווייל צו אַ געוויסן גראַד איז שוין אויך פריער די תורה פון די נביאים געווען אַ תורה פון פאָלק. עס וועט אפשר זיין ריכטיק צו זאָגן, אַז די תורה פון די נביאים איז געווען אַ תורה פאַרן פאָלק. אין דער צייט פון בית שני איז די תורה פון דעם פשוטן פאָלק ביסלעכווייז געוואָרן די אָנגענומענע תורה פון כלל ישראל.

אַז די צייט פון עזרא און נחמיה איז געווען אַ ווענדעפּונקט אין דער יידישער געשיכטע, ווערט אָנערקענט סיי פון דער טראַדיציע און סיי פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. ווען די תורה איז פאַרגעסן געוואָרן ביי יידן — זאָגט אונדז אַ מאמר אין תלמוד — איז געקומען עזרא פון בבל און האָט זי ווידער פאַרגרונטעוועט („כשנשתכחה תורה מישראל עלה עזרא מבבל ויסדה״)

די נייע פירער האָבן פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ: „אל תפרש מן הציבור״ — דו זאָלסט זיך ניט אָפּזונדערן פון כלל. אָט דער פּרינציפּ איז פּאַקטיש דער צענטראַלער מאָטיוו אין דער אַרבעט פון די פּרושים. דער גייסט פון קאָאָפּעראַציע דרינגט דורך דאָס גאַנצע לעבן פון יידישן כלל. קאָאָפּעראַציע מיטן פאָלק, קאָאָפּעראַציע צווישן די תלמידי חכמים. די ישיבה, די תלמודישע אַקאַדעמיע, איז

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט פון די פרושים און די חכמי התלמוד. און פונקט ווי עס איז דאָ אַ ישיבה אויף דער ערד, איז אויך דאָ אַ ישיבה אין הימל (ישיבה של מעלה). דער באַשעפער פון דער וועלט זיצט און לערנט תורה. און ניט אַליין לערנט ער תורה, נאָר צוזאַמען מיט זיין ישיבה. און אין דער ישיבה של מעלה קומען פאָר וויכוחים צווישן גאָט ברוך הוא און די חכמים פון זיין ישיבה.

פאַראַן אַ מערקווערדיקע אגדה אין בבא מציעא (דף פ״ז):

עס איז איינמאָל געקומען צו אַ וויכוח אין דער ישיבה של מעלה וועגן אַן ענין פון טומאה וטהרה: גאָט ברוך הוא האָט געזאָגט, אַז עס איז ריין (טהור) און די גאַנצע ישיבה (וכולהן מתיבתא דרקיעא) האָט געזאָגט, אַז ס׳איז טמא. איז געבליבן, מען זאָל זיך פאַרלאָזן אופן אמורא רבה בר נחמני, ווייל ער איז געווען די גרויסע אויטאָריטעט אין די ענינים. האָט מען דעם תלמיד חכם רבה בר נחמני גערופן אין דער ישיבה של מעלה. און זיין נשמה איז אַרויס מיט די ווערטער ״טהור, טהור!״ (ס׳איז ריין, ריין!). דער דין איז געבליבן, ווי רבה בר נחמני האָט געזאָגט.

אָט די ווונדערלעכע סימבאָלישע אגדה איז אין דער העכסטער מאָס כאַראַק־טעריסטיש. דאָ ווערט ניט נאָר אַרויסגעהויבן די געוואַלדיקע וויכטיקייט, נאָר אויך די אויטאָריטעט פון דער ישיבה. לערנען תורה איז אַ שותפותדיקער ענין. צום ערשטן מאָל, אמת, איז די תורה געגעבן געוואָרן ביים באַרג סיני, אָבער זינט דאַן איז די תורה דאָס אייגנס פון גאַנצן פאָלק און קודם כל פון די לערנער.

אָט די אַטמאָספערע פון גייסטיקער קאָאָפּעראַציע, פון סאָלידאַריטעט מיטן ציבור, איז געוואָרן מעגלעך דער עיקר אַ דאַנק דעם, ווייל די גייסטיקע לערער פון אונדזער פאָלק האָבן זיך ווייניק אינטערעסירט מיט פּאָליטישע פּראָבלעמען. פּאָליטיק שאַפט כמעט אַלע מאָל אַ קלימאַט פון קאַמף, פון דעמאַגאָגיע, פון פּאָליטישע רייסערייען. אויך די תנאים און אמוראים האָבן זיך אָפט ארומגעקריגט, עס איז געווען אָבער די מלחמה פון תורה.

גאָר באַזונדערס קומט צום אויסדרוק דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון דער תלמודישער ליטעראַטור, ווי אַ תורה פון פאָלק, אין דעם אינהאַלט פון דער תלמודישער הלכה. מיט וואָס האָבן זיך די גרויסע דענקער באַשעפטיקט? מיט די פשוטע זאָרגן פון די פאָלקסמענטשן: פאַמיליע־לעבן (סדר נשים), געשעפט־לעכע באַציונגען צווישן מענטש און מענטש (נזיקין), שבת און יום־טוב (סדר מועד), ברכות און דאַוונען (סדר זרעים) און ענלעכע פּראָבלעמען.

די שיבת־ציון באַוועגונג

די שיבת־ציון באַוועגונג מיט צוויי טויזנט און פינף הונדערט יאָר צוריק האָט זיך אַנגעשטויסן נאָך אויף גרעסערע שטערונגען און שוועריקייטן ווי די שיבת ציון באַוועגונג אין אונדזער צייט. ניט מיט איין מאָל האָבן זיך די יידן פון בבל

אומגעקערט צוריק קיין יהודה. עס האָט גענומען אַ סך יאָרן. עס האָט גענומען דורות, ביז דער ישוב אין יהודה האָט זיך פאַרפעסטיקט. מען האָט געוואַנדערט צופוס, אין גרופּעס. דער וועג איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער און נאָך שווערער איז געוואָרן, ווען מען איז געקומען אין לאַנד גופא און מען האָט זיך גענומען ווידער אויפבויען די חורבות. געווען אַ סך יאָרן פון נויט, פון הונגער און פון פאַרצווייפלונג. געווען אויך קאָנפליקטן מיט די שכנים, וועלכע האָבן ניט געקענט צוזען רויק ווי יהודה און ירושלים ווערן ווידער אויפגעבויט. די חלוצים פון יענער תקופה פאַרדינען דעם בכבודיקסטן פּלאַץ אין אונדזער געשיכטע. דער קעניג כורש האָט געגעבן די דערלויבעניש, אָבער דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ וויכטיקער דאָקומענט, ווי די באַלפור־דעקלאַראַציע, למשל, אין אונדזער צייט. די גרויסע אַרבעט וועגן אויפבויען דאָס לאַנד האָבן געטאָן די וווּנדערלעכע חלוצים פון דער וווּנדערלעכער עפּאָכע פון שיבת ציון מיט צוויי טויזנט און פינף הונדערט יאָר צוריק.

און אויך אין פּרט פון גרויסע אידעען און גרויסע עקספּערימענטן איז יענע עפּאָכע פון שיבת ציון געווען אויסערגעוויינטלעך רייך און פּרוכטבאַר. אין תנ"ך זיינען אונדז פאַרבליבן וויכטיקע רעשטלעך פון דער ליטעראַטור פון יענער תקופה. און פון די ליטעראַרישע דאָקומענטן איז קלאָר צו זען, וואָס עס זיינען געווען די פּראָבלעמען, וועלכע האָבן באַזונדערס באַשעפטיקט די יידישע דענקער פון יענער צייט. די הויפּטפראַגע איז געווען — ווי געפינט מען דעם וועג, כדי אויפצובויען דעם נייעם ישוב אויף די יסודות פון אמת און גערעכטיקייט. דער נביא זכריה האָט אָט די אידעע אַרויסגעבראַכט זייער קלאָר און קורץ אין די וויטער־דיקע ווערטער:

"אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך קער זיך אום קיין ציון און איך וועל טאָן רוען אין ירושלים. און ירושלים וועט ווערן גערופן די שטאָט פון אמת" (כה אמר ה' שבתי אל ציון ושכנתי בתוך ירושלים ונקראה ירושלים עיר האמת).

דער נייער ישוב האָט געהאַט פאַר זיך די וויזיע פון אַ נייער וועלט, פון אַ נייעם סדר פון לעבן. און הגם ווייט ניט אַלץ האָט זיך דעמאָלט איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן, האָבן אָבער די סאָציאַלע אוטאָפּיעס פון דער צייט פון שיבת ציון נאָך אויך היינט פאַר אונדז אַן אויסערגעוויינטלעכן אינטערעס.

דער ערשטער, וואָס האָט פּרובירט פאָרמולירן די אידעאַלע קאָנסטיטוציע פון אַ ווידעראויפגעבויטן ישראל, איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער נביא יחזקאל. דער גרויסער נביא פון דער צייט פון גלות בבל האָט אַליין נאָך געהערט צו די פאַרטריבענע פון יהודה. יחזקאל האָט נאָך אַליין געזען מיט זיינע אויגן דאָס אַלטע "זינדיקע" ירושלים. האָט דער נביא יחזקאל שוין אין די ערשטע יאָרן פון גלות אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַ נייער אידעאַלער קאָנסטיטוציע. אָט די אידעאַלע קאָנסטיטוציע געפינען מיר אין די לעצטע קאַפּיטלעך פון ספר יחזקאל. די וויכ־טיקסטע רעפאָרם, וואָס איז דאָ פאָרויסגעזען, איז די גערעכטע פאַרטיילונג פון דעם לאַנד צווישן אַלע שבטים פון ישראל:

און אַז איר וועט פאַרטיילן דאָס דאָזיקע לאַנד צווישן די שבטים פון ישראל, זאָלט איר עס פאַרטיילן אין נחלות פאַר אייך און פאַר די פרעמדע, וואָס וווינען מיט אייך, וואָס האָבן געבאָרן קינדער צווישן אייך. און זיי זאָלן ביי אייך זיין ווי די איינגעבאָרענע צווישן די קינדער פון ישראל (הגרים בתוככם אשר הולדו בנים בתוככם והיו לכם כאזרח בבני ישראל).

דער נביא יחזקאל האָט געחלומט וועגן צענויפזאַמלען דאָס גאַנצע פאָלק, אַלע שבטים פון ישראל אין לאַנד פון די אבות. אָבער ווו וועט מען נעמען לאַנד פאַר אַלעמען? דער עבר הירדן איז, ווייזט אויס, לויט יחזקאלס פאָרשטעלונג, שוין דעמאָלט געווען פאַרלוירן. האָט דער נביא געפונען אַן אויסוועג. און דער פּלאַן פון יחזקאל איז, אגב, ניט קיין אַנדערער ווי דער פּלאַן פון די היינטיקע פירער פון לאַנד ישראל. כדי צו שאַפן פּלאַץ פאַר דעם גאַנצן פאָלק ישראל און פאַר די גרים נאָך דערצו, מוז מען פאַרוואַנדלען דעם מדבר אין דרום פון יהודה, דאָס געביט פון נגב, אין אַ פּרוכטבאַר לאַנד, אין אַ בליענדיקן גאָרטן:

> און ער האָט צו מיר געזאָגט: דאָס דאָזיקע וואַסער גייט אַרויס צום מזרח, און זיי וועלן באַוואַסערן דעם פליין און זיי וועלן זיך אַריינגיסן אין דעם ים... און זיינע וואַסערן וועלן געזונט ווערן (ונרפאו המים). און יעטוועדיקע באַשעפעניש, וואָס לעבט אין וואַסער וועט זיך האָדעווען דאָרטן, ווו די טייכן וועלן קומען, און פיש וועלן זיין זייער פיל, ווייל די דאָזיקע וואַסערן קומען אַהין... און עס וועט זיין, פישערס וועלן שטיין אַרום אים פון עין גדי ביז עין עגלים... אַלערליי מינים פיש וועלן זיך דאָ האָדעווען, ווי די פיש אין ים הגדול, זייער פיל. אָבער זיינע זומפן און זיינע וואַסערגריבער וועלן ניט געהיילט ווערן, פאַר זאַלץ זיינען זיי אָפּגעגעבן. און ביי דעם טייך וועלן אַרויסוואַקסן ביי זיין ברעג, פון דער זייט און פון יענער זייט, אַלערליי בוימער צום עסן. זייערע בלעטער וועלן ניט פאַרוועלקט ווערן און זייער פרוכט וועט ניט אויסגיין, יעדן חודש וועלן זיי ברענגען פרישע פרוכט, וואָרים זיינע וואַסערן קומען פון בית המקדש; און זייער פרוכט וועט זיין צום עסן און זייערע בלעטער פאַר רפואות (...והיו פריו למאכל ועלהו לתרופה. יחזקאל מ"ז).

אָבער מען קען ניט אויפבויען קיין בעסערן סדר אויף דער וועלט אָן נייע און בעסערע מענטשן. אין איינעם פון די תהלים-געזאַנגען, וואָס שטאַמט פון דער צייט פון גלות בבל, בעט דער דיכטער ביי גאָט: אַ ריין האַרץ באַשאַף מיר גאָט און אַן ערלעך געמיט באַניי אין מיר (לב טהור ברא לי אלהים ורוח נכון חדש בקרבי). דער דיכטער גיט זיך אָפּ אַ חשבון וועגן דער שוואַכקייט און זינדיקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור, וואָרים אין זינד איז דאָך דער מענטש געבוירן געוואָרן (הן בעוון חוללתי). איז דערפאַר נייטיק גאָטס הילף צו באַנייען דעם מענטשן. אָנהייבן פון דאָס ניי, נייע מענטשן און אַ ניי לעבן, דאָס איז געווען די

צענטראַלע אידעע פון די גייסטיקע פירער פון יענער תקופה. האָט מען דערפאַר אויך דעמאָלט געטראַכט וועגן נייע נעמען, כדי סימבאָליש אויסצודריקן דעם אָנהייב פון אַ נייער צייט, פון אַ נייער תקופה אין דער געשיכטע. אפילו די נעמען פון ציון און ירושלים האָבן ניט אַלעמען צופרידנגעשטעלט, זיי האָבן געוואָלט אַ נאָמען פאַר ירושלים, וואָס זאָל מער קלאָר און מער בולט ברענגען צום אויסדרוק די צענטראַלע אידעע פון דער נייער צייט. ירושלים איז אַמאָל געווען — אַזוי האָבן דאָך די נביאים כסדר געטענהט — אַ זינדיקע שטאָט, אַ שטאָט פון פאַלשקייט און אומגערעכטיקייט, מוז דאָס נייע ירושלים איצט ווערן אַ שטאָט פון אמת און גערעכטיקייט. און אָט דער פאַקט מוז קלאָר קומען צום אויסדרוק אין דעם נייעם נאָמען פון דער הויפּטשטאָט.

אַ ווייטער אָפּקלאַנג פון די אידעישע זוכענישן פון דער צייט פון שיבת ציון איז דערגאַנגען צו אונדז אין אַן אַלטער תלמודישער אגדה. אין מסכתא יומא (ס״ט) ווערט דערציילט: ווען די יידן זיינען געקומען צוריק פון בבל קיין ירושלים, האָבן זיי מתפלל געווען צו גאָט, ער זאָל זיי באַפרייען פון דעם יצר הרע. מיר ווילן ניט דעם יצר הרע — האָבן זיי געבעטן — און מיר ווילן ניט דעם שכר, וואָס דו גיסט אונדז פאַר בייקומען דעם יצר הרע! צוליב אים איז דאָך דער בית המקדש חרוב געוואָרן. צוליב אים זיינען אַזוי פיל צדיקים אומגעקומען און דאָס פאָלק ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד. איז אַראָפּגעפאַלן אַ צעטל פון הימל — ווערט ווייטער דערציילט אין דער אגדה — און אויף אים איז געווען אויפגעשריבן דאָס וואָרט ״אמת״ (נפל להו פתק מרקיעא דהוה כתב בה אמת). דאָס איז דער שטעמפּל פון גאָט ברוך הוא (חותמו של הקב״ה אמת). האָבן זיי מיטן כוח פון גאָטס חותם, מיטן כוח פון אמת, דעם יצר הרע טיילווייז געמאַכט אומשעדלעך. זיי וואָלטן אים דעמאָלט אפילו געקענט גובר זיין אינגאַנצן, ער זאָל שוין מער קיין שליטה ניט האָבן איבערן מענטשן. האָט זיך אָבער ארויס־געוויזן, אַז אָן דעם יצר הרע קען די וועלט קיין קיום ניט האָבן. אויך דער יצר הרע האָט זיין פּלאַץ אין גאָטס וועלט.

די אידעישע ראַנגלענישן פון יענער צייט זיינען ניט געגאַנגען פאַרלאָרן. דאָס זיינען ניט געווען סתם ליטעראַרישע שפּילערייען, ווי עס קען אין פלוג אויסווייזן, נאָר ביז גאָר ערנסטע פּרוּוון צו שאַפן אַ נייע וועלט און נייע מענטשן. דערפאַר האָבן זיי געווירקט נאָך במשך פון דורות און דורות. מיר קאָנען נאָך אַ סך לערנען פון די זוכענישן און בלאָנדזשענישן פון יענע דורות.

דער נביא און דער תלמיד חכם

די צייט פון די נביאים ווערט אָפט באַצייכנט ווי די בלי־תקופה פון יידישן רעליגיעזן לעבן. פאַראַן ביי אונדז גאָר אַ באַזונדערע באַציונג צו די וווּנדערלעכע דענקער און זעער, וועלכע האָבן אָנגעצייכנט נייע וועגן פאַר דורות און דורות.

די צייט פון די גרויסע נביאים פאַלט בערך צונויף מיט דער צייט פון די מלכים. דאָס איז די תקופה פון בית ראשון, פון דעם ערשטן בית המקדש. געווען אַ צאָל נביאים ביי יידן אויך נאָך שפּעטער, אין דער צייט פון גלות בבל און אין אָנהייב פון דער שיבת ציון באַוועגונג, ווען אַ באַדייטנדער טייל פון די פּאַטריי־בענע קיין בבל האָט זיך צוריק געקערט קיין יהודה און האָט אָנגעהייבן ווידער אויפצובויען דאָס לאַנד פון די אבות. אין אָט דער צייט פון שיבת ציון האָט זיך פּאַקטיש פאַרענדיקט די קלאַסישע תקופה פון נבואה ביי יידן. די לאַנגע תקופה פון צווייטן בית המקדש איז צום גרעסטן טייל געווען אַ תקופה אָן נביאים.

ווי קומט עס, וואָס אין דער צייט פון בית שני זיינען ביי אונדז מער קיין נביאים ניט געווען ?

דאָס איז אַ פראַגע, וואָס האָט ניט נאָר אַ היסטאָרישן אינטערעס. מיר האָבן דאָ דעם שליסל צו אַ גאַנצער ריי פּראָבלעמען, סיי יידישע און סיי אַלגעמיין מענטשלעכע, וואָס זיינען נאָך אויך אַקטועל אין אונדזער צייט. איז די צייט פון די נביאים געווען די צייט פון די סאַמע העכסטע דערגרייכונגען אין דער יידישער געשיכטע ? איז עס ריכטיק, ווי אַ סך דענקער און געלערנטע ווילן האָבן, אַז די צייט פון בית שני איז בדרך כלל געווען אַ צייט פון גייסטיקער ירידה ? פון אַ גאַנג באַרג אַראָפּ אין דער געשיכטע פון יידישן קולטור לעבן ? איז באמת דער וועג פון די נביאים אונדזער אַבסאָלוט העכסטער אידעאַל און דאַרפן מיר אַלץ טאָן כדי צו קומען צו אַ רענעסאַנס, צו אַ ווידערבאַנייונג פון דער נביאישער גייסטיקייט ?

די מייסטע קריסטלעכע דענקער און געלערנטע זאָגן עס קלאָר: זינט עס האָט זיך פאַרענדיקט די תקופה פון די נביאים, האָט זיך אויך פאַרענדיקט די צייט פון יידישער אָריגינעלער שעפערישקייט. יידיש לעבן, טענהן זיי, איז כמעט ווי פאַרגליווערט געוואָרן. אַזוי טראַכט דער ווייט גרעסטער טייל פון די קריסטלעכע פאָרשער און דענקער.

אָבער אויך אין אונדזער יידישער וועלט האָט די ראָמאַנטיק פון דער נביאישער תקופה געשטעלט אין שאָטן אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך שפּעטערדיקע דורות. דאָס איז, למשל, די מיינונג פון די אָנגעזעענסטע פירער פון רעפאָרם־יידנטום. זיי ריידן כסדר וועגן דער נביאישער יידישקייט, בעת זיי האַלטן גאָר ווייניק פון דער תלמודישער. דאָס איז אויך געווען אין אַ גאַר היפּשער מאָס דער צוגאַנג פון דער השכלה און דאָס איז אויך די מיינונג פון אַ צאָל אָנגעזעענע ציוניסטישע דענקער אין אונדזער צייט.

איינע פון אונדזערע וויכטיקסטע פּראָבלעמען איז: וואָס איז די אויפגאַבע פון דער יידישער פירערשאַפט ? דאָס איז אַן אַלטע פּראָבלעם ביי אונדז.

אין דער צייט פון די מלכים האָבן מיר געהאַט דריי באַזונדערע קאַטעגאָריעס פון יידישער פירער. געווען די כהנים, וואָס האָבן געטאָן די עבודה אין בית המקדש; געווען די נביאים, וואָס זיינען פּאַקטיש געווען די לערער פון פאָלק, און געווען נאָך ווייטער די וועלטלעכע פירערשאַפט, די עלטסטע (די זקנים, ווי

זיי האָבן זיך דעמאָלט אָנגערופן), און די מלכים און זייערע באַאַמטע.

דעם אָרט פון די נביאים האָבן אין דער צייט פון בית שני פאַרנומען די סופרים, די שרייבער און די אויסטייטשער פון דער תורה. אָט די סופרים זיינען דאָס מיט דער צייט געוואָרן די פירער און וועגווייזער פון גאַנצן פאָלק. די תלמידים פון די סופרים, די תנאים און די אמוראים, זיינען עס שפּעטער געוואָרן די שעפער פון משנה און תלמוד. האָבן אָט די באַשיידענע לערער פון פאָלק געשאַפן די גאַנצע סיסטעם פון דער הלכה־יידישקייט.

די תלמודישע טראַדיציע לערנט אונדז, אַז די תלמידי חכמים האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די נביאים. "פון דעם טאָג, ווען דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן", זאָגט אונדז אַ מאמר אין בבא בתרא, "איז צוגענומען געוואָרן די נבואה פון די נביאים און איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די חכמים (מיום שחרב בית המקדש ניטלה נבואה מן הנביאים וניתנה לחכמים). די לערער, די תלמידי חכמים, ווי מיר זעען, האָבן איבערגענומען די אויטאָריטעט פון די נביאים.

וואָס איז אין תוך דער אונטערשייד צווישן דעם נביא און דעם תלמיד חכם? דער נביא, ווייסן מיר, קומט דירעקט מיט גאָטס וואָרט צום פאָלק. אַקעגן דעם, קומט דער תלמיד חכם מיט גאָטס וואָרט אויף אַן אומדירעקטן אופן. ער קומט מיט דער תורה, מיטן ספר. דער נביא איז דער גרויסער רופער און שטראָפער. ער קומט מיט זיין נביאישער אויטאָריטעט. דער תלמיד חכם איז דער לערער. ער קומט מיט דער אויטאָריטעט פון דער תורה.

דער נביא איז אָפט אַן איינזאַמע פּערזענלעכקייט. ער קומט מיט נייע אידעען, מיט גרויסע פאָדערונגען. ער צייכנט זיך אויס מיט זיין מוט, מיט זיין גרויסער אומאָפּהענגיקייט, מיט זיין כוח זיך אַקעגנצושטעלן דער גאַנצער וועלט. אַקעגן דעם איז דער תלמיד חכם, לויט זיין גאַנצן וועזן, נעענטער צום פאָלק, מער פאַרבונדן מיטן פאָלקסמענטשן. דער תלמיד חכם איז דער לערער, וואָס פאַרשטייט די שוואַכקייטן פון דעם דורכשניטלעכן מענטשן און וואָס געפינט דעם וועג צו ווירקן אויף זיין געמיט. אין דער צייט פון בית שני זיינען יידן געוואָרן דאָס פאָלק פון ספר, דאָס פאָלק פון דער תורה. דער אַלטער געצנדינסט איז פאַר־שוווּנדן. און דאָס איז געווען די דערגרייכונג פון די פשוטע פאָלקסלערער. עס איז פאַר אונדז כמעט ווי אוממעגלעך אָפּצושאַצן די טיפע רעוואָלוציע, וואָס אָט די תורה־יידישקייט האָט אַריינגעבראַכט אין יידיש לעבן. דאָס איז געווען די באַדיי־טנדסטע קולטור־רעוואָלוציע אין דער געשיכטע — מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק פון לערנער, אַ פאָלק פון ספר, אַ פאָלק פון תורה.

די נביאים זיינען געקומען מיט גרויסע אידעען. זייערע תלמידים, די סופרים, די תנאים און די אמוראים, האָבן די אידעען פון די נביאים פאַרוואַנדלט אין לעבן. אַזוי איז די תורה פון די נביאים געוואָרן אַ תורה פון פאָלק.

פאַרוואָס איז די ווירקונג פון די נביאים ניט געווען גענוג שטאַרק, כדי צו באַאיינפלוסן דאָס גאַנצע פאָלק? דאָ האָבן געשפּילט אַ ראָל צוויי סיבות:

די ערשטע סיבה איז: די נביאים זיינען קודם כל געווען רעדנער. און דאָס

גערעדטע וואָרט, ווי מיר ווייסן, ווערט גיך פאַרגעסן. צום גליק האָבן די תלמידים פון די נביאים טיילווייז פאַרצייכנט די ווערטער פון זייערע גרויסע לערער. אָבער אפילו די ספרים פון די נביאים זאָגן ניט קלאָר דעם פשוטן מענטשן, וואָס ער דאַרף טאָן און ווי ער דאַרף זיך אויפפירן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ערשט די לערער און אויסטייטשער פון דער תורה, די סופרים, האָבן דעם פאָלק געוויזן דעם וועג ווי צו לעבן, ווי זיך אויפצופירן. דאָס האָט אויף אַ ווונדערלעכן אופן דורכגעפירט די תלמודישע הלכה־ליטעראַטור.

געווען אַ צווייטע סיבה, וואָס האָט אָפּגעשוואַכט די ווירקונג פון די נביאים. דאָס זיינען געווען די פאַלשע נביאים, די כלומרשטע נביאים, די אַלע וואָס האָבן געוואָלט זיין נביאים.

אָבער ניט יעדער מענטש איז בארופן אָנצוטאָן דעם מאַנטל פון אַ נביא. דערצו פאָדערט זיך אַ גרויסער גייסטיקער און מאָראַלישער כוח. דער נביא האָט געמוזט נעמען אויף זיך אַ שווערע און אָפט אַפילו טראַגישע שליחות. אַ נביא ווי ירמיהו האָט פאַרשאָלטן דעם טאָג, ווען ער האָט דערזען דאָס ליכט פון דער וועלט. זיין גאַנצער נביאישער וועג איז געווען איין לאַנגע און גרויסע טראַגעדיע. עס זיינען געווען געציילטע גרויסע נביאים, דענקער און טרוימער פון גאָטס גענאָד. און עס זיינען געווען גאַנצע מחנות פון באַצאָלטע נביאים, פון פאַלשע נביאים, פון נאָכמאַכער פון די נביאים. אָט די קליינע נאָכמאַכער האָבן עס קאָמפּראָמעטירט די גרויסע נביאישע באַוועגונג. עס איז געקומען אַ צייט, ווען איינער פון די לעצטע נביאים האָט אויפן שאַרפסטן אופן גערופן אַ סוף צו מאַכן מיט דער גאַנצער אינסטיטוציע פון נבואה. עס וועט קומען אַ צייט, זאָגט אונדז דער נביא זכריה, ווען גאָט וועט פאַרשניידן די נעמען פון די געצנבילדער פון לאַנד און זיי וועלן מער ניט געדאַכט ווערן; און אויך די נביאים און דעם גייסט פון אומריינקייט וועל איך אָפּשאַפן פון לאַנד (וגם את הנביאים ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ). און אויב עמעצער וועט דאָך נאָך זאָגן נביאות, וועלן אים זיינע אייגענע עלטערן אומברענגען, ערקלערט דער נביא. אין יענעם טאָג, לייענען מיר ווייטער אין ספר זכריה, וועלן די נביאים זיך שעמען מיט זייערע זעונגען (ביום ההוא יבושו הנביאים איש מחזיונו), און זיי וועלן מער ניט אָנטאָן דעם האָריקן מאַנטל (דעם סימבאָל פון אַ נביא), כדי צו זאָגן ליגן (ולא ילבשו אדרת שער למען כחש).

דער פּראָצעס פון אָריגינעלן שאַפן און דענקען האָט זיך ביי יידן ניט אָפּגעשטעלט. מען האָט זיך אָבער געמוזט האַלטן ביי דער תורה. מען האָט געמוזט אויסטייטשן די תורה אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון דער צייט. אַזוי זיינען די לערער און אויסטייטשער פון דער תורה געוואָרן די יורשים פון די נביאים.

דאָס האָבן די לערער און אויסטייטשער פון דער תורה געשאַפן די פאָרמען פון יידיש לעבן; דאָס האָבן זיי פאַרוואַנדלט אונדזער פאָלק אין אַן עם הספר.

דער העכסטער טיטל ביי יידן איז דער טיטל רבי, לערער, און אויך דער גרויסער נביא משה ווערט באַצייכנט מיטן טיטל: משה רבינו, אונדזער לערער משה. און אויך אין אונדזער צייט דאַרף דער יידישער פירער קודם כל זיין אַ לערער, זיין וויכטיקסטע אויפגאַבע איז צו פאַרבינדן דעם יידישן מענטשן מיטן יידישן ספר. דער עיקר, מוז מען זיין אַ רבי, מען מוז זיצן צוזאַמען מיטן עולם און לערנען.

*

דער נביא יחזקאל האָט צוגעזאָגט דעם פאָלק, אַז גאָט וועט אים שענקען אַ נייע הארץ, און אַ נייעם גייסט וועט ער אַריינגעבן אין זיי (ונתתי לכם לב חדש ורוח חדשה אתן בקרבכם). נייע מענטשן וועלן זיי ווערן און דאַן וועלן זיי אויך קענען שאַפן אַ נייע וועלט. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער, וואָס אָט דער ווילן צו ווערן נייע מענטשן האָט אַרומגענומען ברייטע שיכטן פון פאָלק.

אָבער די מלחמה קעגן דעם יצר הרע איז אַ שווערע, אַ לאַנגדויערנדיקע. זי פאָדערט אַ סך גבורה, אויסערגעוויינטלעכע מאָראַלישע גבורה, און אַ סך קרבנות. דער עיקר אָבער פאָדערט זי, אַז דער מענטש זאָל ניט אַריינפאַלן אין יאוש, ער זאָל קיינמאָל ניט שלום מאַכן מיט דער רישעות פון דער וועלט. יידן האָבן תמיד געהאַלטן, אַז מען קען די וועלט איבערמאַכן און מען מוז זי איבערמאַכן.

די סופרים, די תלמידים פון די נביאים, האָבן געפונען די מיטלען און וועגן ווי צו דערציִען דאָס פאָלק צו אַ נייעם לעבן.

אָנגעהויבן האָבן די תלמידים פון די נביאים מיט אַ נייער סיסטעם פון דער־ציונג. מען קען אפילו זאָגן, אַז יידן זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן בכלל איינגעפירט די סיסטעם פון אַלגעמיינער פאָלקסדערציִונג. די תורה האָט געדאַרפט ווערן ביים יידישן מענטשן אַ תורה פון טאָג־טעגלעכן לעבן, אַ תורה פון האַרצן, ער זאָל זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט פאַרלאָזן. און עס איז מערק־ווערדיק ווי וואונדערלעך אָט די לערער פון פאָלק האָבן פאַרשטאַנען זייער אויפגאַבע. זיי זיינען געקומען צום יידישן פאָלקסמענטשן מיט גרויסע פאָדערונגען. דערפאַר האָבן זיי אים אויך זייער אַ סך געבראַכט, זייער אַ סך געגעבן. זיי זיינען געקומען צו אים מיט דער פאָדערונג, ער זאָל ווערן אַ נייער מענטש. דערפאַר האָבן זיי אים געגעבן אַ נייעם הימל.

עס איז שווער געווען פאַרן פאָלק צו פאַרשטיין די רייד פון די נביאים; עס איז אויך געווען שווער צו פאַרשטיין דעם גאָט פון די נביאים.די אידעע פון מאָנאָטעיזם, ווי די נביאים האָבן עס געשאַפן, איז געווען אַזוי דערהויבן, אַזוי מאַיעסטעטיש, אַז דאָס פאָלק האָט דאָס ניט געקענט באַגרייפן. ווי קען מען בכלל ריידן אין איין אָטעם פון גאָט און מענטש? פון איין זייט דער אַלמעכטיקער באַשעפער פון דער וועלט, און פון צווייטער — דער שוואַכער מענטש, וואָס איז ניט מער ווי ערד און שטויב?

אוודאי האָבן יידן געוווּסט, אַז גאָט איז אַ פאָטער, אַן אל רחום וחנון, און מיר אַלע זיינען זיינע קינדער. אָבער דאָס איז געווען מער וויסן ווי פילן, ווייל

אין דער גאַנצער צייט פון דעם ערשטן בית המקדש האָבן די נביאים זיך דער עיקר פאַרנומען מיט מוסרן און שטראָפן דאָס פאָלק.

די נביאים האָבן דאָך געהאַט צו פירן אַ שווערן קאַמף קעגן דעם געצנדינסט, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַרשפּרייט ביים פאָלק, האָבן זיי דעריבער געמוזט זיין פאַרזיכטיק בנוגע אַלץ, וואָס קען אין וואָסער ניט איז מאָס אָפּשוואַכן די אידעע פון מאָנאָטעיזם. האַלטן זיי כסדר אין באַטאָנען די געטלעכע מאַיעסטעט, זיין דערהויבנקייט, זיין אַלמעכטיקייט, זיין איין־און־איינציקייט. זיי האָבן מיט אַ כוונה אויסגעמיטן אַלץ, וואָס קען קלינגען ווי אַ פאַרמענטשלעכונג פון גאָט. ווי קען מען דען פאַרגלייכן גאָט צו אַ מענטשן ?

דאָס האָט זיך איינגאַנצן געביטן אין דער צייט פון גלות בבל. די פירער פון פאָלק האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס מוז ווידער קומען צו אַ דערנענטערונג צווישן גאָט און מענטש, צווישן אונדזער טאַטן אין הימל און זיינע קינדער אויף דער ערד.

קום און זע — דערציילט אונדז אַ מדרש — ווי באַליבט עס זיינען די קינדער פון ישראל ביי גאָט ברוך הוא, וואָרים אומעטום, וווּ זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן, איז די שכינה געווען מיט זיי; זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין מצרים — איז די שכינה געווען מיט זיי; זיינען זיי פאַרטריבן געוואָרן אין בבל — איז די שכינה געווען מיט זיי... גאָט שטראָפט זיינע קינדער און אין דער זעלביקער צייט ליידט ער צוזאַמען מיט זיי, איז ער אַ שותף צו דעם צער פון זיין פאָלק, וואָרים ווען יידן זיינען אין גלות, איז אויך די שכינה אין גלות.

עס איז שוין כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דער תלמודישער ליטעראַטור ווערט אין אַזעלכע פאַלן אָפט באַנוצט דער אויסדרוק שכינה. דאָס וואָרט שכינה, וואָס האָט אין זיך אַזוי פיל ליבע און האַרציקייט, באַצייכנט די געטלעכקייט, וואָס רוט מיטן פאָלק און אין פאָלק. ווען אַ מנין יידן קומט זיך צונויף צוזאַמען דאַוונען קומט די שכינה צו זיי. אַזוי טיילט אויך די שכינה דעם צער פון פאָלק, דעם צער פון גאָטס קינדער.

און ווייטער ווערט דערציילט אין מדרש, אַז ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, האָט דער באַשעפער פון דער וועלט זיך צעוויינט און האָט געזאָגט: ווי מיר, וואָס האָב איך געטאָן ? (באותה שעה היה הקדוש ברוך הוא בוכה ואומר: אוי לי, מה עשיתי).

פאַר די נביאים וואָלט אַזאַ פאַרשטעלונג געווען אוממעגלעך. דער מאַיעסטע־טישער גאָט פון די נביאים, דער באַשעפער פון דער וועלט — און וויינען ? די פאַרשטעלונג איז דעמאָלט ניט געווען מעגלעך. דאָס האָט ערשט געקענט געשען שפּעטער, אין דער צייט פון בית שני, ווען גאָט און פאָלק זיינען געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז עס איז געוואָרן אוממעגלעך אָפּצוטיילן דעם גורל פון דעם פאָלק פון דעם גורל פון דער שכינה.

אָבער ניט נאָר אין דעם פּרט האָט זיך אַ סך געענדערט אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש, און שפּעטער. די תלמודישע טראַדיציע האָט בכלל געשאַפן אַן אַנדער פאַרשטעלונג וועגן דער געטלעכער וועלט, וועגן דער פמליא של

מעלה, ווי דאָס איז געווען ביי די נביאים. די גרויסע גייסטיקע פירער פון דער צייט פון ערשטן בית המקדש האָבן בכלל געלאָזן ווייניק פּלאַץ אין הימל פאַר אַנדערע וועזנס אַ חוץ דעם אַלמעכטיקן באַשעפער פון דער וועלט. גאַר אַנדערש איז עס אין תלמוד און אין מדרש. עס איז געשאַפן געוואָרן די געשטאַלט פון כנסת ישראל, דער סימבאָל פון יידישן פאָלק, וואָס פירט וויכוחים מיטן רבונו של עולם. עס האָבן זיך אויפן הימל באַוויזן די גרויסע געשטאַלטן פון אברהם, יצחק ויעקב, פון משה רבינו און דוד המלך, און פון די אַנדערע נביאים און מלכים פון אַמאָל. עס איז בפועל ממש געשאַפן געוואָרן אַ נייער הימל און נייע באַצי־ונגען צווישן דער געטלעכער און דער מענטשלעכער וועלט. אַן עדות דערפון איז אונדז פאַרבליבן אין דער רייכער אגדה־ליטעראַטור פון דער צייט פון בית שני.

משיחישע טרוימער, חברות און סעקטעס
פון סוף בית שני

יידיש לעבן אין דער צייט פון בית שני, ווען דאָס לאַנד יהודה איז געווען אַ פּראָווינץ פון דער דעמאָלט מעכטיקער רוימישער אימפּעריע, איז געווען שטאַרק באַהערשט פון משיחישע טרוימער. געווען דעמאָלט פאַרשיידענע ריכטונגען און באַוועגונגען ביי יידן — רעליגיעזע און פּאָליטישע. צוויי צענטראַלע פראַגן האָבן באַאומרויקט די בעסטע מוחות פון יענער צייט: ווי זאָל מען זיך באַציען צו דער פרעמדער רוימישער מאַכט, וואָס הערשט איבער יהודה, און ווי דערנענטערט מען די גאולה? ווי ברענגט מען משיחן?

ביידע פראַגן זיינען, נאַטירלעך, צווישן זיך פאַרבונדן. עס איז אין תוך איין פראַגע: ווען משיח וועט קומען, וועט שוין ממילא נעמען אַ סוף צו דער הערשאַפט פון די רוימער, וועט דאָס לאַנד ווערן פריי און אַלע יידן פון דער וועלט וועלן קומען צוריק קיין ארץ ישראל.

די לעצטנס געפונענע מגילות העלפן אונדז גאַר אַ סך צו פאַרשטיין די חלומות און די זוכענישן פון דעם יידישן מענטשן אין די אומרויקע צייטן פון סוף בית שני. דאָס זיינען ניט געווען זוכענישן פון איינצעלנע טרוימער, נאָר זוכענישן פון אַ גאַנץ פאָלק.

די דיסקוסיעס אַרום דער פראַגע, ווי דערנענטערט מען די גאולה, זיינען שטאַרק ענלעך צו די דיסקוסיעס, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין אונדזערע צייטן אין דער סאָציאַליסטישער וועלט בכלל און אין אונדזער יידישער וועלט בפרט.

אין אונדזער צייט האָט מען אַ סך דיסקוטירט די פראַגע וועגן דער ראָל פון רעוואָלוציע און קלאַסנקאַמף אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָט די דיסקוס־יעס האָבן געפירט צו די שפּאַלטונגען צווישן די קאָמוניסטן און די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן. אויך אין דער צייט פון בית שני זיינען ענלעכע דיסקוסיעס געפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער ליידנשאַפט, הגם דאָס וואָרט סאָציאַליזם איז דעמאָלט

ניט געווען באַקאַנט. געווען פּאַציפיסטישע גרופּעס, געווען, פּאַרקערט, מיליטאַנטישע עקסטרעמיסטן, די אַזוי גערופענע קנאים. באַזונדערס טראַגיש איז געוואָרן די לאַגע בעת דעם גרויסן אויפשטאַנד ערב דעם חורבן, ווען די עקסטרעמיסטישע קנאים האָבן צווישן זיך אַליין ניט געקענט דורכקומען, און דער שוידערלעכער ברודערקאַמף האָט געהאָלפן דעם רוימישן מיליטער גיכער צו באַצווינגען דאָס לאַנד.

די משיחישע טרוימער פון יענער צייט זיינען אין אַ סך פּרטים געווען ענלעך צו די סאָציאַליסטישע אידעאַליסטן פון אונדזער צייט, פון דער צייט פון פּיאָנערישן סאָציאַליזם. עס האָט זיך געהאַנדלט ניט נאָר וועגן באַפרייען דאָס יידישע פאָלק פון דעם רוימישן יאָך. משיחס צייטן האָט געמיינט די אויסלייזונג פון דער גאַנצער וועלט. דעם שטאַרקסטן איינפלוס אויף אַלע יידישע משיחישע טרוימער האָט געהאַט די נבואה פון ישעיה וועגן דעם אייביקן שלום.

מיטן אידעאַל פון שלום איז אויך געווען פאַרבונדן דער אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. געווען אַ ריכטונג פון פרומע, חסידים האָבן זיי געהייסן, וועלכע האָבן געזען אין דער אינסטיטוציע פון פריוואַטן אייגנטום, פון מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס, די סיבה פון זינד און רישעות אויף דער וועלט. אַט די חסידים ווערן דערמאָנט אין פּרק. "דער וואָס זאָגט: מיינס איז דיינס און דיינס איז דיינס — לייענען מיר אין פּרקי אבות — "איז א חסיד" (שלי שלך ושלך שלך חסיד). דער חסיד וויל ניט וויסן פון מיינס איז מיינס, דער חסיד וויל ניט זאָרגן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. עס איז זייער וואַרשיינלעך, אַז פון די חסידים איז שפּעטער אַרויסגעקומען די באַוועגונג פון די אַזוי גערופענע איסיים אדער עסענער, וועלכע האָבן געשאַפן אַ גרעסערע צאָל סאָציאַליסטיש-אוטאָפּישע גרופּעס, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד פון יהודה.

צווישן די חסידים ווי אויך צווישן די איסיים זיינען געווען פאַרשיידענע טענדענצן. בדרך כלל האָבן זיי געהערט צו דעם פרידלעכן, פּאַציפיסטישן פליגל פון די משיחישע טרוימער. אין דעם פּרט איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די שטילע איסיים און די רעוואָלוציאָנער-פאַנאַטישע קנאים. אין דער צייט פון דעם גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים, ערב דעם חורבן בית שני, האָבן אָבער אויך די איסיים זיך באַטייליקט אין דער מלחמה קעגן דעם שונא.

צו וועלכער ריכטונג האָט געהערט די געמיינדע פון נייעם בונד, די געמיינדע פון קומראַן, וואָס זייערע מגילות זיינען לעצטנס געפונען געוואָרן? פאַראַן סימנים, אַז די קומראַן-קבוצה איז געשטאַנען נאָענט צו דעם קרייז פון די איסיים. פאַראַן אָבער אויך סימנים, אַז זיי האָבן זיך געפילט פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנער-נאַציאָנאַלער קנאים-באַוועגונג און אַז זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַן אינעווייניקסטע רעוואָלוציע און אַ מלחמה קעגן רוים איז דער איינציקער וועג צו דער גאולה. אוודאי וועט משיח ברענגען שלום אויף דער וועלט, האָבן אויך די עקסטרעמע קנאים געגלויבט, אָבער משיח וועט קומען ערשט ווי אַ רעזולטאַט פון אַ וועלט-רעוואָלוציע און אַ וועלט-מלחמה. און זיי האָבן בפירוש געמיינט אַ

וועלט־מלחמה. ריין־אידעיש האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן דער מלחמה פון גוג ומגוג, וואָס ווערט באַשריבן אין יחזקאל. קאָנקרעט האָט עס זיך, נאַטירלעך, אין יענער צייט געהאַנדלט וועגן אַ מלחמה קעגן דער רוימישער אימפּעריע. אָבער דאָס האָט פּאַקטיש געהייסן אַ וועלט־מלחמה, ווייל די רוימישע אימפּעריע איז דאָך פּאַקטיש געווען אַ וועלט־אימפּעריע. ווער עס האָט באַוויזן צו באַצווינגען רוים, האָט באַהערשט די וועלט. צווישן די געפונענע מגילות איז אויך פאַראַן איינע, וואָס באַשרייבט די דאָזיקע וועלט־קאַטאַסטראָפע, אָדער וועלט־מלחמה אין משיחס צייטן.

אַ חוץ דער צענטראַלער פראַגע וועגן פּאַציפיסטישן אָדער רעוואָלוציאָנערן און מיליטאַנטישן משיחיזם, זיינען נאָך געווען אַ צאָל פראַגן, וואָס האָבן שטאַרק באַאומרויקט די משיחישע טרוימער. איין פראַגע איז געווען — די פאָדערונגען פון אַ שותפותדיק לעבן. אַ צאָל פון די איסיים האָבן געפירט אינגאַנצן אַ סאָציאַליסטיש לעבן. ווען מען איז אַריינגעטראָטן אין דעם אָרדן פון איסיים, האָט מען אַריינגעבראַכט אין בשותפותדיקער קאַסע דעם גאַנצן פאַרמעגן. ניט אַלע גרופּעס זיינען געווען אַזוי אויסגעהאַלטן. אַ צווייטע פראַגע איז געווען — די באַציונג צו קרבנות. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר ניט ברענגען קיין קרבנות, קיין מתנות פון לעבעדיקע באַשעפענישן. אַ ווייטערדיקע פּראָבלעם איז געווען די פאַמיליע. איז מעגלעך צו פירן אַ פול בשותפותדיק לעבן און אָפּהיטן די איינצלנע פאַמיליע? געווען אַ צאָל צווישן די משיחישע אוטאָפּיסטן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז פאַמיליע און פולע סאָציאַליסטישע שותפותדיקייט לאָזן זיך ניט פאַראייניקן. מוז זיך דעריבער דער אמתער חסיד אָפּזאָגן פון פאַמיליע־לעבן. דאָס איז געווען ווייט ניט אין גייסט פון דער יידישער טראַדיציע. עס איז אָבער נייטיק צו באַמערקן, אַז די פּראָבלעם פון דער פאַמיליע האָט געמאַטערט די סאָציאַליסטישע דענקער פון אַלע צייטן, אַריינגערעכנט קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס.

יידיש לעבן אין דער צייט פון בית שני איז געווען אין דער פולסטער מאָס דעמאָקראַטיש. געווען אַ קאָנסערוואַטיוו־אַריסטאָקראַטישע פּאַרטיי פון די צדוקים; געווען אַ דעמאָקראַטישע באַוועגונג פון די פּרושים, די פּאַרטיי, וואָס האָט געשאַפן די תלמודישע טראַדיציע. געווען די סאָציאַליסטיש־משיחישע באַוועגונגען און געווען פאַרשיידענע ריכטונגען ביי די גרופּעס גופא. קורץ פאַרן חורבן איז אויפגעקומען די געמיינדע פון די קריסטן. און אויך אין די קריסטלעכע געמיינדעס זיינען געווען פאַרשיידענע שטראָמען. געווען די יידן־קריסטן און געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פּאַקטיש איבערגעריסן מיט דער יידישער טראַדיציע. דאָס איז געווען די ריכטונג פון דעם אַפּאָסטאָל פּאָולוס.

דער פּיאָנערישער גייסט פון בויען אַ נייע וועלט איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט פון בית שני. די צענטראַלע אידעע פון אַלע זוכענישן איז געווען — לאָמיר אָנהייבן פון זיך אַליין. איז דערפאַר כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט די אידעע צו נעמען אויף זיך פליכטן, מצוות. עס האָבן זיך געשאַפן פאַרשיידענע

גרופּעס און חברות, וואָס פלעגן אויף זיך נעמען אָפּצוהיטן געוויסע פליכטן: לערנען, דאַוונען, געבן צדקה א.אַז.וו. א.אַז.וו. דאָס זיינען אַלץ געווען פּרייוויליקע גרופּעס. דער גרונטפּרינציפּ איז געווען — יידן זיינען אַ הייליק פאָלק, אַ פאָלק פון כהנים. דאַרפן זיי אָפּהיטן די פּרינציפּן פון מאָראַל און ריינקייט אויך אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון די אַלע סעקטעס און גרופּעס איז דאָס אָפּהיטן די פּרינציפּן פון הייליקייט ביים עסן. אַ באַקאַנטער מאמר אין משנה זאָגט: "...ווען דריי מענטשן זיצן ביי איין טיש און ריידן וועגן תורה — איז עס געגליכן ווי זיי וואָלטן געגעסן ביים טיש פון גאָט ברוך הוא".

דער ענין פון בשותפותדיקע מאָלצייטן אויף דעם אָדער יענעם אופן איז אַ צענטראַלער מאָטיוו ביי כמעט אַלע גרופּעס. אויך די פּרושים, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט מער אַ באַוועגונג פון מיטעלן קלאַס, האָבן געהאַט זייערע חבורות אָדער חברות. אַ ייד, וואָס היט אָפּ שטרענג די מצוות פון דער תורה, ווערט אָפּט באַצייכנט מיטן נאָמען חבר: נעמען אויף זיך די פליכטן פון חבירות, הייסט, לויטן תלמוד, שטרענג אָפּהיטן די דינים פון ריינקייט ביים עסן, ווי עס טוען עס די כהנים אין בית המקדש. די פּרושים האָבן דערפאַר איינגעפירט די מצווה פון נטילת ידים. די פּרושים פלעגן אויך האָבן פון צייט צו צייט בשותפותדיקע מאָל־צייטן. די סעודה פרייטיק־צו־נאַכט, דער פּסחדיקער סדר זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזעלכע מאָלצייטן. די אָפּגעהיטקייט ביים עסן האָט אַרויסגעלייגט גאָר אַ באַזונדערן שטעמפּל אויף יידיש לעבן, אויך אין די שפּעטערדיקע דורות. מיט דער צייט האָבן אפילו די אָרעמסטע איבערגענומען דעם מינהג פון וואַשן די הענט (נטילת ידים), מאַכן אַ ברכה און בענטשן. אַזוי איז יידיש לעבן געוואָרן געהייליקט.

די בשותפותדיקע סעודה איז נאָך מער כאַראַקטעריסטיש פאַר די ראַדיקאַלע, טיילוויז אפילו סאָציאַליסטישע סעקטעס. מיר געפינען די געמיינזאַמע סעודה, וואָס ווערט געגליכן צו אַ קרבן — ביי די סאָציאַליסטישע גרופּעס פון די איסיים, ביי דער סעקטע פון קומראַן (ווו די מגילות זיינען געפונען געוואָרן) און טיילוויז אויך ביי די ערשטע קריסטן. דאָס איז אַן אַלגעמיינער שטריך, וואָס איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר כמעט אַלע ריכטונגען ביי יידן אין יענער צייט. דערפאַר איז עס אַ טעות צו מאַכן פון דער בשותפותדיקער סעודה וועלכע ניט איז אויספירן בנוגע די שרייבער פון די מגילות.

ניט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פאַר כמעט אַלע ריכטונגען פון יענער צייט איז די אינסטיטוציע פון דעם מנין, די אידעע איז: ווען צען יידן קומען זיך צונויף, איז די שכינה צווישן זיי, איז עס געגליכן צום בית המקדש. עסן זיי צוזאַמען ביי איין טיש — איז עס געגליכן צו אַ מזבח. לערנען זיי און דאַוונען זיי צוזאַמען — איז עס געגליכן ווי די כהנים טוען זייער עבודה אין בית המקדש. די באַדייטונג פון דער אינסטיטוציע פון דעם מנין איז גאָרניט אָפּצושאַצן. זי שטעלט אין צענטער פון רעליגיעזן און סאָציאַלן לעבן די קליינע גרופּע, די קליינע

געמיינדע. יידן נייטיקן זיך ניט מער אין מאַסן, אין רייכע טעמפּלען, אין גרויסע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס. ווו צען יידן קומען זיך צונויף, איז די שכינה מיט זיי. פון דער אַנדער זייט אָבער צווינגט עס דעם איינצעלנעם צו זוכן אַ מנין, צו זוכן חברים.

אין די "פאַרבאָרגענע" מגילות ווערט די באַדייטונג פון דעם מנין גאָר שטאַרק באַטאָנט. אַ מנין יידן זיינען אַ געמיינדע און זיי קענען צווישן זיך אָפּהיטן יידיש לעבן אין דער פולער מאָס. עס איז, אויף וויפיל עס איז מיר באַקאַנט, איינע פון די עלטסטע שטעלן, ווו די אינסטיטוציע פון דעם מנין, פון צען יידן, וואָס קומען זיך צונויף, ווערט אַזוי שטאַרק באַטאָנט.

*

אין דער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור שרייבט מען אַ סך וועגן דעם קומראַן־מאָנאַסטיר. איך גלויב ניט, אַז די באַצייכענונג איז אַ ריכטיקע. עס איז ניט באַוויזן געוואָרן, אַז די איינוווינער פון די חורבות פון קומראַן ביים ים המלח האָבן זיך פּרינציפּיעל אָפּגעזאָגט פון פאַמיליע־לעבן. עס וועט זיין אַ סך ריכטיקער צו ריידן וועגן אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישער קבוצה, וואָס האָט זיך באַזעצט דאָ אין קומראַן. געלעבט האָבן די איינוווינער פון קומראַן דער עיקר, ווייזט אויס, אין געצעלטן אין פּרימיטיווע ביידלעך. די צענטראַלע געביידע האָט געדינט פאַר אַלעמען, פאַר דאַוונען, לערנען א.אַ.וו. אין דער צענטראַלער געביידע פלעגט מען זיך אויך צונויפקומען צו די געמיינזאַמע מאָלצייטן.

די גרופּע, וואָס האָט זיך באַזעצט אין די וויסטעניש פון קומראַן, איז געשטאַנען אין אַ שאַרפער אָפּאָזיציע צו די הערשנדיקע ריכטונגען פון יענער צייט. די סעקטע פון קומראַן האָט געגלויבט, אַז די כהנים־משפחות, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער עבודה אין בית המקדש צום סוף פון דער תקופה פון בית שני, זיינען ניט באַרעכטיקט צו פאַרנעמען זייער פּלאַץ. געוועזן אויך גאָר ערנסטע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן וועגן אַ ריי אַנדערע רעליגיעזע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. דער קאָנפליקט האָט, ווי מיר זעען פון די דאָקומענטן, אָנגענומען גאָר שאַרפע פאָרמען. אַזוי לאַנג ווי די "זינדיקע" כהנים באַהערשן דעם בית המקדש, האָבן די סעקטאַנטן ביי זיך אָפּגעמאַכט, וועלן זיי ניט קומען אין בית המקדש. זיי האָבן ביי זיך באַשלאָסן, זיך אינגאַנצן אָפּצוזונדערן פון די "זינדיקע", פון די, וואָס באַוועלהנען די אָרעמע און אונטערדריקן די אלמנות און יתומים. זיי האָבן צווישן זיך געשלאָסן אַ "נייעם בונד" (באַי הברית החדשה), לויטן אויסדרוק פון דעם נביא ירמיהו. דער אינהאַלט פון דעם "נייעם בונד", פון די פליכטן, וואָס די סעקטאַנטן האָבן אויף זיך גענומען, ווערט באַהאַנדלט אין די געפונענע שריפטן פון דער סעקטע. קלאָר איז יעדנפאַלס, אַז אין די קרייזן פון דער סעקטע פון קומראַן זיינען געווען פאַרשיידענע ריכטונגען, ווי דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזעלכע ראַדיקאַלע באַוועגונגען.

אויסער דער פּאָליטישער, איז געווען נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס אַ טייל פון די סעקטאַנטן פון דעם "נייעם בונד" (דאָס האָט אינגאַנצן ניט צו טאָן מיט דעם

״נייעם בונד״ פון די קריסטלעכע געמיינדעס, הגם איינקע געלערנטע האָבן אזא השערה אַרויסגעזאָגט), זיינען אַוועק אין מדבר. די סיבה איז אַ ראָמאַנטישע. געוועזן ביי יידן, סיי אין דער צייט פון די נביאים און סיי אין דער צייט פון בית שני, אַ מדבר־ראָמאַנטיק. אין מדבר, ביים באַרג סיני, איז געגעבן געוואָרן די תורה. אין מדבר האָט דאָס פאָלק פאַרבראַכט זיין יוגנטצייט. עס איז געווען, ווי דאָס פאָלק האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַן אידעאַלע צייט. ניט געווען קיין האַנדל און וואַנדל, ניט געווען קיין רייך און אָרעם אין דער מדבר־צייט. געלעבט האָט מען פון גאָטס פולער און ברייטער האַנט. איטלעכער האָט געקראָגן זיין מאָס, ניט צו ווייניק און ניט צו פיל. און קיינער האָט ניט געהאַט צו זאָרגן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

האָבן יידישע טרוימער אָפט געטראַכט וועגן מדבר. אליהו הנביא גייט אַוועק אין מדבר, ווען ער איז געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד ישראל. און אַ נביא ווי ירמיהו קלאָגט זיך: ״הלוואי וואָלט איך געקענט זיין אין מדבר, אין אַ האַרבעריג פאַר דורכוואַנדערער, איך זאָל קענען פאַרלאָזן מיין פאָלק און אַוועק־גיין פון זיי...״ (״מי יתנני במדבר מלון אורחים ואעזבה את עמי ואלכה מאתם...״). פאַרלאָזן די זינדיקע שטאָט, אַוועקגיין אין מדבר, אָנהייבן אַ ניי לעבן, אַ גערעכט לעבן — דאָס איז געווען דער אידעאַל פון אַ סך יידישע טרוימער אין יענער צייט. דאָס איז אויך געווען דער אידעאַל פון די סעקטאַנטן פון קומראַן.

די געמיינדע פון קומראַן באַצייכנט זיך מיטן נאָמען ״אנשי היחד״. דאָס הייסט אייגנטלעך די קבוצה אָדער עדה, וואָס פירט אַ שותפותדיק לעבן. קודם כל פאַרפליכטן זיך אַלע מיטגלידער פון דער געמיינדע ״צו טאָן אַלץ וואָס איז גוט און יושרדיק, ווי גאָט האָט דאָס פאַרזאָגט דורך משהן און די אַנדערע נביאים״. דער טראָפּ ווערט כסדר געשטעלט אויף דעם וואָרט ״יחד״, צוזאַמען: אַלץ ווערט געטאָן צוזאַמען, בשותפות.

צען מיטגלידער (אַ מנין) זיינען שוין אַ געמיינדע. דאַרפן זיי האָבן אַ כהן, וואָס מאַכט דער ערשטער די ברכה אויפן עסן, ווייל דער טיש, וווּ די געמיינדע פאַרזאַמלט זיך ביים עסן, איז געגליכן צו אַ מזבח. אַ געמיינדע פון צען מוז אויך האָבן איין רבין, אַ מאַן וואָס פאַרטיפט זיך אין דער תורה טאָג און נאַכט (איש דורש בתורה יומם ולילה) און וואָס לערנט מיט דער געמיינדע.

פאַראַן אויך ״פּאַרלאַמענטאַרישע״ כללים, דורך וועלכע עס ווערט פאַרזיכערט די דעמאָקראַטיע פון געמיינדע־לעבן. אַזוי, למשל, אויב עמעצער ביי אַ פאַרזאַמ־לונג דאַרף עפּעס זאָגן צום כלל, דאַרף ער זיך אויפשטעלן און זאָגן: ״יש אתי דבר לדבר לרבים״ (איך האָב עפּעס אַ וואָרט צו זאָגן צו דער געמיינדע). יעדן יאָר, ווייזט אויס, פלעגט די גאַנצע געמיינדע באַנייען דעם בונד אויף אַ פייערלעכן אופן. ביי דער געלעגנהייט פלעגט מען אויך אָננעמען נייע מיטגלידער. די כהנים און לוויים פלעגן פאַרלייענען פאַר די פאַרזאַמלטע די תקנות און געבאָטן, און אַלע פלעגן ענטפערן אמן! אמן! דאָס הייסט, אַז זיי נעמען אויף זיך אָפּצוהיטן די געבאָטן.

די מיטגלידער פון דער קומראַן געמיינדע האָבן זיך אויך באַצייכנט מיטן נאָמען "די קינדער פון ליכט (בני אור), וועלכע פירן מלחמה מיט די "קינדער פון פינצטערניש" (בני חושך).

*

די געפונענע אַלטע טעקסטן פון תנ"ך העלפן אונדז בעסער צו פאַרשטיין און צו ערקלערן אַ פּאָר טונקעלע פּסוקים. די פאַרשפּרייטע מיינונג אָבער, אַז די געפונענע מגילות קענען אונדז אויך העלפן צו פאַרענטפערן די צענטראַלע פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן די מאָדערנע תנ"ך־פאַרשער, איז ניט באַגרינדעט. איך וויל זיך דאָ באַנוגענען בלויז מיט איין ביישפּיל: אין דער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור איז אַ סך דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע: ווער האָט געשריבן דעם צווייטן טייל פון ספר ישעיה, דעם טייל, וואָס הויבט זיך אָן מיטן קאַפּיטל "נחמו נחמו עמי" — טרייסט, טרייסט, מיין פאָלק. פאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָס האָט געשריבן אַ נביא, וואָס האָט געלעבט און געווירקט אין דער צייט פון גלות בבל, דאָס הייסט, אַן ערך פינף דורות נאָך ישעיהו בן אמוץ. אין דער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור באַצייכנט מען דעם לעצטן טייל פון ספר ישעיה ווי די שריפטן פון דעם צווייטן ישעיה. איז אָט די מיינונג אַ ריכטיקע? איז טאַקע געווען אַ צווייטער ישעיה און זיינען די טרייסט־נבואות פון ספר ישעיה טאַקע געשריבן געוואָרן נאָכן חורבן? די געפונענע מגילות גיבן אונדז דערויף ניט קיין ענטפער. גענוי דאָס זעלביקע קען מען אויך געזאָגט ווערן בנוגע אַנדערע וויכטיקע פראַגן, וואָס זיינען שייך צו דער פאַרשונג פון תנ"ך.

עס וועט אפשר זיין ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די געפונענע שריפטן פון דער סאָציאַליסטיש־משיחישער סעקטע שטעלן מיט זיך פאָר דעם וויכטיקסטן טייל פון די ניט לאַנג אַנטדעקטע מגילות ("מגילות גנוזות", די "פאַרבאָרגענע מגילות").

*

צוויי מאָטיוון שפּילן אַ ראָל אין אונדזער אינטערעס פאַר געאָלאָגישע פאָרשונגען. קודם כל, מיר זוכן אַ וועג צו די וואָרצלען פון אונדזער קולטור. מיר ווילן זיך נענטער באַקענען מיט דער סביבה אין וועלכער דער תנ"ך איז געשאַפן געוואָרן. מיר ווילן וויסן ווי אונדזערע אורעלטערן האָבן געלעבט, ווי האָבן אויסגעזען די שטעט און שטעטלעך אין ישראל און יהודה אין דער צייט פון עמוס און הושע... און אַ צווייטער מאָטיוו איז — אייביקייט! לאָמיר זיך אויף איין מאָמענט פאָרשטעלן — מען האָט געפונען די לוחות מיט די עשרת הדברות, וואָס משה רבינו האָט זיי געבראַכט פון באַרג סיני. די גאַנצע וועלט וואָלט מן הסתם געגאַנגען אויף רעדלעך. מען קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן, וואָס אַזאַ אַנטדעקונג וואָלט ווערט געווען. און דאָס אַלץ צוליב וואָס? מיר האָבן דעם טעקסט פון די עשרת הדברות. אָבער דאָ קומען מיר אין דירעקטער באַרירונג מיט דער אייביקייט!

די פאַראייניקטע דורות

צוויי וועגן האָט די יידישע טראַדיציע געשאַפן.

דער וועג פון תנ"ך־יידישקייט איז דער עיקר דער וועג פון אַ פאָלק מיט אַ לאַנד און מיט אַ מלוכה. איך ווייס, דאָס איז ניט דער גאַנצער אמת. דער אוניווערסאַליזם פון תנ"ך האָט מעגלעך געמאַכט יידיש לעבן אין גלות. עס קאָן אָבער קיין שום ספק ניט זיין, אַז ערשט די תלמודישע טראַדיציע האָט געשאַפן די גייטיקע פאַרמען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ יידישער גלות־קולטור. און עס איז געווען אָט די תלמודישע גלות־קולטור, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די ווידעראויפריכטונג פון מדינת ישראל.

אין דער השכלה־צייט איז שולחן ערוך־יידישקייט געווען כמעט ווי אַ זידלוואָרט. אויך אַ צאָל ציוניסטישע פירער זעען נאָך היינט אין דער גאַנצער שולחן ערוך־יידישקייט אַ סימן פון גלות. לאָמיר טאַקע פּרובירן אַריינקוקן אין דעם ערשטן ספר פון שולחן ערוך אורח חיים. דאָ האָבן מיר קורץ פאָרמולירט דעם תמצית פון דער פרומער יידישקייט.

דער שולחן ערוך הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: "מען דאַרף זיך שטאַרקן ווי אַ לייב אויפצושטיין אינדערפרי, כדי צו דינען דעם בורא". דער יידישער מענטש דאַרף אויפשטיין גאַנץ פרי. דאָס איז אַ פּראָגראַם פאַר אַ פאָלק פון פּיאָנערן, פון חלוצים. מען דאַרף זיך שטאַרקן ווי אַ לייב אויפשטיין פרי!

דאַן קומט אַ צווייטער פּונקט: אין געוויסע שעהען פון דער נאַכט, ווערט דאָ געזאָגט, דאַרף אַ פרומער ייד מתפלל זיין וועגן חורבן און וועגן גלות.

דער דריטער פּונקט זאָגט: יעדער גאָטספאַרכטיקער ייד דאַרף זיך מצער זיין און דאַרף טראַכטן מיט זאָרג וועגן דעם חורבן. דאָס איז ציוניזם.

די מפרשים פון שולחן ערוך ווייזן נאָך אָן אויף דעם מינהג פון אָפּריכטן תיקון חצות. פרומע יידן פלעגן נעמען אויף זיך, סיי ביחידות און סיי בציבור אויפצושטיין ביינאַכט אָדער גאָר פרי פאַרטאָג, כדי צו וויינען און צו קלאָגן אויפן חורבן בית המקדש. איז עס אפשר גאָרניט אַזאַ קרומער געדאַנק צו טראַכטן, אַז אָט די פרומע יידן, וואָס פלעגן אָפּריכטן תיקון חצות, זיינען דאָס געווען די אמתע פּיאָנערן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. און אפשר מעג מען אפילו זאָגן, אַז אַ גאַנץ גראָדע ליניע פירט פון דער אַלטער שולחן ערוך־יידישקייט צו מדינת ישראל. וואָרים טרויערן אויפן חורבן איז זיכער געווען אַ וועג צו גאולה.

*

די נביאישע באַוועגונג האָט אַ סך דערגרייכט, זי האָט אָבער אַ סך פאַרפעלט. און עס איז געקומען אַ צייט, ווען די נבואה האָט פאַרענדיקט איר היסטאָרישע שליחות. אין דער צייט פון בית שני האָבן די פירונג אַלץ מער און מער איבערגענומען די תלמידי חכמים, די פרושים, די שעפער פון דער תלמודישער יידישקייט,

די אויסטייטשער פון דער תורה און די טרעגער פון דער תורה שבעל פה. זיי זיינען געווען די יורשים פון די נביאים, וואָס האָבן פאַרווירקלעכט אין לעבן זייערע פאָדערונגען. ערשט אַ דאַנק דער וווּנדערלעכער אַרבעט פון די פרושים, זיינען יידן געוואָרן אַ פאָלק פון כהנים און נביאים. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָט זיך באַוויזן אַ שיכט פון אינטעליגענץ, וואָס איז באמת געשטאַנען נאָענט צום פאָלק אין בעסטן זין פון דעם וואָרט. אַ פאָלקס־אינטעליגענץ אין דעם סאַמע איידלסטן זין פון דעם וואָרט.

אין נײַנצעטן יאָרהונדערט איז אין די קרייזן פון דער רוסישער אינטעליגענץ אויפגעקומען אַ באַוועגונג פון "גיין אין פאָלק". און דאָך איז דער תהום צווישן פאָלק און אינטעליגענץ געבליבן. די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ האָט דאָס פאָלק ניט פאַרשטאַנען. גאָר אַנדערש איז געווען דער וועג פון די פרושים, פון די גייסטיקע לערער און וועגווייזער, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דעם נס פון דער יידישער געשיכטע.

דער צענטראַלער מאָטיוו אין דער פילאָזאָפיע פון די פרושים איז — **אהבת ישראל**, ליבע צום פאָלק ישראל. האָבן די חכמי התלמוד אפילו געהאָט טענות צו די נביאים, ווייל זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט צו פיל שטראָפן דאָס פאָלק. דריי נביאים זיינען, לויט דער תלמודישער טראַדיציע, באַשטראָפט געוואָרן, ווייל זיי האָבן גערעדט בייזע רייד וועגן דעם פאָלק ישראל. די דריי נביאים זיינען געווען: משה, אליהו און ישעיהו. די אויסערגעוויינטלעכע ליבע צום פאָלק קומט צום אויסדרוק אויך אין דער באַציונג צו די זינדיקע יידן. אויך אַ ייד, וואָס זינדיקט, בלייבט אַ ייד (ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא). פאַראַן ווייטער אַ מאמר אין תלמוד, וואָס זאָגט אַז אפילו זינדיקע יידן זיינען פול מיט מיצוות ווי אַ מילגרוים (פושעי ישראל מלאין מצוות כרמון, עירובין יט). אין די סיפּורים וועגן די יידן אין מצרים און אין מדבר, באַווייזט זיך פאַר אונדז אַ פאָלק, וואָס האַלט אין איין זינדיקן. איז ניט קיין וווּנדער, וואָס דאָס פאָלק ווערט כסדר באַשטראָפט, אפילו אומברחמנותדיק באַשטראָפט. איך גלויב אָבער, אַז מען וואָלט געמעגט רעווידירן דעם משפט קעגן דעם דור המדבר. עס איז געווען אַן אונטער־שייד צווישן דעם צוגאַנג פון מדת הדין, וואָס לאָזט זיך צו שטאַרק פילן אין געוויסע טיילן פון תנ״ך, און דעם תלמודישן צוגאַנג פון אהבת ישראל אָן גרענעצן. פאַר די בעלי התלמוד איז דאָס פאָלק אפשר נאָך וויכטיקער ווי די תורה. געוויס, די צייטן האָבן זיך געביטן, דאָס פאָלק האָט זיך געביטן, אָבער אויך די פירער האָבן זיך געביטן און דאָס געמיט פון דעם פאָלקסמענטשן האָבן זיי בעסער פאַרשטאַנען.

געווען נאָך אַ געוואַלדיקע מעלה אין דער תורה שבעל פה. די חכמי התלמוד האָבן אונדז געבראַכט דעם דיאַלאָג. דער וועג פון נבואה האָט ניט געלאָזן גענוג פלאַץ פאַר דעם איינצעלנעם מענטשן. עס איז געווען אַ באַגעגעניש צווישן דער מאַיעסטעט פון גאָטס וואָרט און דעם געוויינטלעכן בשר ודם, וואָס פילט זיין נישטיקייט. און דער עיקר: דער תלמוד איז פול מיט דיסקוסיעס. מען אַמפּערט

זיך... אָבער אַלע זײַנען געגרעכט, אלו ואלו דברי א׳ חיים, סיי די און סיי די אנדערע ברענגען אונדז דאָס וואָרט פון גאָט, ברוך הוא. געוויס, די הלכה פּסקנט אַ מאָל ווי בית שמאי און, דער עיקר, ווי בית הלל, אָבער ביידע וועגן זײַנען ריכטיק. און די תּלמודישע טראַדיציע פֿרעגט דאָן: ווי קומט עס, וואָס בית הלל איז זוכה געווען, אַז דער דין זאָל באַשטימט ווערן ווי זיי האָבן געזאָגט? איז דער ענטפֿער: ווײַל די חכמים פֿון בית הלל זײַנען געווען מער טאָלעראַנט און מער פֿרײַנדלעך, ווײַל זיי פֿלעגן לערנען סיי זייערע מיינונגען און סיי די מיינונגען פֿון בית שמאי, נאָכמער — זיי פֿלעגן גאָר אָנהייבן מיט די מיינונגען פֿון בית שמאי (עירובין י״ג).

מען האָט בײַ אונדז נאָך ניט אָפּגעשאַצט אין דער פֿולער מאָס דעם וווּנדערלעכן מאָנומענט פֿון גײַסטיקער קאָאָפּעראַציע דורך דורות, וואָס דער תּלמוד שטעלט מיט זיך פֿאָר.

אויך וועגן דעם גרויסן תּלמיד חכם, וואָס איז אַוועק אויף אַ זײַטיקן וועג, וועגן דעם גרויסן אפּיקורוס אלישע בן אבויה (אחר), רעדט די תּלמודישע טראַדיציע מיט דעם גרעסטן רעספּעקט. אין פּרקי אבות ווערט אַפֿילו געבראַכט אַ מאמר אין זײַן נאָמען. און דער גרויסער תּנא ר׳ מאיר, וואָס איז אַמאָל געווען זײַן תּלמיד, איז געבליבן געטרײַ זײַן רבין ביז צו די לעצטע טעג פֿון זײַן לעבן.

די תּנאים און אמוראים האָבן זיך באַצויגן מיט גאָר אַ באַזונדערן רעספּעקט צו טראַדיציעס און פֿאָלקס־מינהגים. עס איז, למשל, זייער וואַרשײַנלעך, אַז די טראַדיציע פֿון בענטשן ליכט שבת און יום־טוב איז אין אָנהייב געווען אַ פֿאָלקס־טימלעכער מינהג, וואָס איז מיט דער צײַט אָנגענומען און פֿאַרהייליקט געוואָרן דורך דער תּלמודישער הלכה.

און אונדזערע לערער און וועגווײַזער פֿון דער תּלמודישער צײַט האָבן ניט נאָר פֿאַרשטאַנען די קונסט פֿון פֿאָרמולירן קלאָר געוויסע פּרינציפּן. זיי האָבן אויך געהאַט דעם כּוח און עקשנות צו פֿאַרווירקלעכן אָט די פּרינציפּן אין לעבן. דערין באַשטייט דער גרויסער היסטאָרישער אויפֿטו פֿון די פּרושים.

*

מיר זײַנען אַן אַלט פֿאָלק. מיר פֿאַרמאָגן אַ רײַכע גײַסטיקע ירושה, אַ ליטעראַטור פֿון דורות און דורות. אונדזער קולטור־פֿאַרמעגן באַשטייט, אגב, ניט נאָר פֿון ספֿרים. מיר פֿאַרמאָגן אַן אויסערגעוויינטלעך רײַכע רעליגיעזע טראַדיציע, אוצרות פֿון דינים און מינהגים, וועלכע האָבן אַרויפֿגעלייגט גאָר אַ באַזונדערן שטעמפּל אויף דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק.

און ניט נאָר זײַנען מיר אַן אַלט פֿאָלק, מיר זײַנען אויך אַ וועלט־פֿאָלק. מיר האָבן במשך פֿון דורות וואָגלעניש אַ סך געליטן און אַ סך געלערנט. האָבן מיר אין אונדזער ייִדישן קולטור־אוצר אַרײַנגענומען זייער פֿיל ווערטפֿולע דערגרייכונגען פֿון אַנדערע פֿעלקער. אַפֿילו אין פּרט פֿון שפּראַך זײַנען מיר ניט אין אַן ערך רײַכער געוואָרן.

אָבער ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט אַ ירושה פֿון איבער הונדערט דורות?

די פראַגע האָט זיך פאַר אונדז געשטעלט אין איר פולער שאַרפקייט זינט דער צייט פון דער השכּלה. מיר זיינען אַלץ מער געוואָרן שותּפים צו די קולטורן פון די אַרומיקע פעלקער.

האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג פאַר רעפאָרמען, פאַר אַ גרינגערער ייִדיש־קייט, אַ באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט איר באַרעכטיקונג, איר טיפערן זין, אָבער אויך אירע שאַטנזייטן. די פּראָבלעם שטייט פאַר אונדז אויך היינט. ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט דער עשירות פון אונדזער ייִדישער קולטור? ווי קען מען אויף אַ האַרמאָנישן אופן פאַראייניקן דאָס אַלטע און דאָס נייע אין אונדזער לעבן?

און מיט נאָך אַ שווערער פּראָבלעם ראַנגלט זיך אונדזער דור. די מאָדערנע אויפקלערונג האָט אונדז אַרויסגעריסן פון אונדזערע געטאָס, פון אונדזער אייגענער וועלט. אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס זיינען מיר אַלע באַאיינפלוסט פון אַסימילאַטאָרישע טענדענצן. מיר מוזן ווערן אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, האָבן אַ סך געטענהט. מיר מוזן זיך סוף כּל סוף באַפרייען פון דער געטאָ־ און גלות־ייִדישקייט!

אויב אַן אייגן לאַנד און אַן אייגענע מלוכה ווערט דער העכסטער אידעאַל, דאַן איז דאָך במילא קלאָר, אַז די אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן אָט דעם אידעאַל פון לאַנד און מלוכה שוין לאַנג פאַרווירקלעכט, שטייען העכער פאַר אונדז גייסטיק און מאָראַליש. גלות־ און געטאָ־לעבן ווערן אויף אַזאַ אופן אַ סימן פון מאָראַלישער מינדערווערטיקייט און ממילא איז אויך די קולטור פון גלות ניט אַ סך ווערט. פון דעם נעמט זיך די טענדענץ זיך אומצוקערן צוריק צום תּנ״ך און זיך אָפּצוזאָגן פון תּלמוד.

די קריטיקער פון תּלמוד, פון די עלטסטע צייטן אַן ביז היינט, האָבן זיך זייער אויפגאַבע געמאַכט אַ ביסל צו גרינג. עס ווערט אָפט פאַרגעשטעלט אַזוי, אַז די בעלי התּלמוד און די רעליגיעזע פירער פון די שפּעטערדיקע דורות האָבן געהאַט איין און איינציקע זאָרג: אַרויפצולייגן אויפן פּשוטן פאָלקסמענטש וואָס מער פליכטן, וואָס מער געבאָטן און פאַרבאָטן. וואָס האָבן אָבער באמת די בעלי התּלמוד געוואָלט? פאַרוואָס האָט מען געהאַלטן אין איין שרייבן נייע פּירושים און נייע ספרים, ביז דער תּנ״ך איז שיער ניט פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דעם ים פון דער תּלמודישער און רבנישער ליטעראַטור?

וואָס איז געווען דער גרויסער אויפטו פון רבי עקיבא? ער האָט אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן פאַרבונדן די רעליגיעזע טראַדיציע פון די פּרושים, דאָס אַלץ, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן פון די רעליגיעזע דענקער און פירער אין דער צייט פון בית שני, מיט דער תּורה פון משה. אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק האָבן זיך רבי עקיבא און משה באַגעגנט. זיי האָבן זיך באַגעגנט ביים באַרג סיני און זיי האָבן זיך שפּעטער כּסדר ווידער באַגעגנט. אַזוי זיינען אַלע ייִדן שותּפים אין דער תּורה פון פאָלק ישׂראל.

און וואָס איז געווען דער אויפטו פון ר׳ עקיבאָס תּורה, אויב מיר נעמען ר׳ עקיבאָן ווי אַ סימבאָל פון דעם גרויסן קאָלעקטיוו, וואָס האָט געשאַפן די

תלמודישע יידישקייט ? וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט די תורה פון ר׳ עקיבא פאַר אונדז היינט ?

דער אויפטו פון די פרושים, די שעפער פון דער תלמודישער טראַדיציע, איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן דעם איינצעלנעם מענטשן געשטעלט אין צענטער פון רעליגיעזן לעבן. עס איז ריכטיק, אַז זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויפן פשוטן יידן אַ גרעסערן יאָך פון מיצוות. דאָס איז אָבער געטאָן געוואָרן מיט דער בפירושער כוונה אים צו דערהויבן. יידן זיינען אַ מלוכה פון כהנים, אַ הייליק פאָלק (ממלכת כהנים וגוי קדוש), מוזן ממילא אַלע זיין גלייכע שותפים אין דעם רעליגיעזן לעבן פון כלל. דערפון נעמט זיך די מלחמה פון די פרושים קעגן דער כהנים־אַריסטאָק־ראַטיע און כהנים־ ביוראָקראַטיע אין דער צייט פון בית שני.

די פרושים האָבן זיך פאַרעקשנט אויף דער מיצווה נטילת ידים. יעדער ייד איז אַ כהן, יעדע מאָלצייט איז געגליכן צו אַ קרבן און דער טיש אין דער יידישער היים איז געגליכן צו אַ מזבח. מוז מען הייליקן דאָס עסן, וואַשן די הענט, מאַכן אַ ברכה און בענטשן.

די זעלביקע אידעע — איטלעכער ייד איז אַ כהן און איטלעכע יידישע היים איז אַ בית המקדש — איז דורכגעפירט געוואָרן אין דעם אופן, ווי די פרושים האָבן אָפּגעהיט דעם טאָג פון אָפּרו, דעם טאָג שבת. אַ סך אויסגעהאַלטענע אָנהענגער פון תנ״ך־יידישקייט האָבן, למשל, געהאַלטן, אַז שבת טאָר מען איבער־הויפּט קיין ליכט ניט לאָזן ברענען אין אַ יידיש הויז. דאָס איז פאַר זיי געווען אַ חילול שבת. די תלמודישע טראַדיציע האָט, פאַרקערט, בפירוש געפאָדערט, מען זאָל לאָזן ברענען שבת ליכט. אָנצינדן ליכט אין דער היים איז געוואָרן דער סימבאָל פון די ליכט, וואָס דער כהן גדול האָט אָנגעצונדן אין בית המקדש. דערפאַר זיינען די שבת־ליכט געוואָרן דער וויכטיקסטער עלעמענט אין אונדזער שבת־ריטואַל. אין תלמוד ווערט, אגב, אויספירלעך באַהאַנדלט די פראַגע, וואָס מען מעג יאָ באַנוצן פאַר שבת־ליכט און וואָס ניט (במה מדליקין ובמה אין מדליקין).

און ווען דער טאַטע קומט צוריק אַהיים פון בית מדרש אין דער באַגלייטונג פון די מלאכי השלום, זעצט ער זיך ביים געדעקטן טיש און מאַכט קידוש אויף וויין און אויף חלה. אויך דער מינהג פון קידוש איז גענומען געוואָרן פון ריטואַל פון בית המקדש. ווי וואָלט אויסגעזען אונדזער שבת, ווען מיר וואָלטן זיך בלויז געהאַלטן ביי די פאַר שטרענגע געבאָטן פון חומש ?

דער תלמוד האָט די תורה אָנגעפילט מיט לעבן; און וואָס איז נאָך וויכטיקער — די יידישע היים איז געוואָרן דער צענטער פון יידישער גייסטיקייט. אויב די יידן האָבן געקענט אויסהאַלטן אין גלות, איז עס געווען אַ דאנק דעם, וואָס די פרושים האָבן די יידישע היים פאַרוואַנדלט אין אַ גייסטיקער מלוכה און האָבן דעם יידישן יחיד באַפרייט פון דער צוגעבונדנקייט צו אַ באַשטימטער טעריטאָריע. משה האָט אונדז געגעבן אַ געטלעכע תורה, רבי עקיבא האָט אונדז געגעבן די מענטשלעכע תורה.

און פונקט ווי עס איז נייטיק אַ ווידעראויפלעבונג פון תנ״ך, איז אפשר נאָך

מער נייטיק און מער אַקטועל פאַר אונדזער דור אַ ווידעראויפלעבונג, אָדער ריכטיקער אַ ווידעראַנטפּלעקונג פון דער תורה פון די פּרושים, פון דער תורה פון רבי עקיבא און זיינע חברים.

*

עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל אין דער יידישער געשיכטע, ווען אונדזער פאָלק האָט געבלאָנדזשעט און האָט ניט געפונען דעם וועג צו דער תורה. און דאָס איז טאַקע געווען די שליחות פון דער תלמודישער טראַדיציע, פון דער תורה שבעל פה, צו פאַרבינדן די תורה פון באַרג סיני מיט דער תורה פון טאָג־טעגלעכן לעבן.

די תורה איז ביי אונדז קיינמאָל ניט געווען קיין פאַרענדיקטע תורה. יעדער דור האָט געשאַפן נייע חידושים און נייע פּירושים. אין לויף פון דער צייט זיינען געשאַפן געוואָרן פּירושים צו די פּירושים און חידושים צו די חידושים.

דער יידישער וועג פון דער עלטסטער צייט אָן איז געווען — די האַרמאָ־נישע פאַרבינדונג פוןביידע תורות. געווען פון צייט צו צייט אַ שטאַרקער ווידערשטאַנד קעגן אָט דעם הערשנדיקן שטראָם אין יידישן לעבן. אויך די השכלה האָט גערופן צוריק צום תנ"ך. באַזונדערס קריטיש האָבן זיך די משכילים באַצויגן צום שולחן ערוך.

דער רוף צוריק צום תנ"ך האָט אין אונדזער צייט בלויז איין זין: לאָמיר לערנען און לייענען די ספרים פון תנ"ך ווי מען לערנט און מען לייענט גרויסע ווערק פון דער מאָדערנער ליטעראַטור. אָבער תנ"ך איז תורה, תלמוד איז תורה, און תורה איז אַ סך מער ווי ליטעראַטור.

די אַלע, וואָס האָבן גערופן צוריק צום תנ"ך און בלויז צום תנ"ך, האָבן ביסלעכוויז פאַרלוירן זייערע פּאָזיציעס אין יידישן לעבן. אַזוי איז עס געווען מיט די צדוקים און אַזוי איז עס געווען מיט די קראים. עס איז, אגב, וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז די גייסטיקע פירער פון די קראים האָבן ביסלעכוויז געשאַפן אַן אייגענע תורה שבעל פה. אַנדערש האָט דאָס גאָרניט געקענט זיין.

*

פאַר די אַנהענגער פון אונדזער טראַדיציע איז יידישקייט בלויז פאַרגאַנגענ־הייט. פאַר אַ סך פון די פירער און וועגווייזער פון אונדזערע מאָדערנע יידישע קולטור־באַוועגונגען איז יידישקייט דער עיקר אַן ענין פון היינט.

האָבן מיר ניט געפונען דעם וועג, וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע יידישע דורות און אַלע יידישע תורות אין איין תורה, אין איין אוצר פון יידישן גייסטיקן שאַפן.

די גאַנצע מאָדערנע אַנטוויקלונג אין דער יידישער וועלט איז געווען איין גרויסער פּראָטעסט קעגן דעם שווערן יאָך פון דער יידישער טראַדיציע. אויך די ערנסטע פירער פון דער טראַדיציאַנעלער יידישקייט מוזן פאַרשטיין, אַז אין דעם פּראָטעסט איז פאַראַן אַ געוויסער זין. מיר מוזן זיך פרעגן: וואָס וויל דאָס פאָלק, וואָס זוכט דאָס פאָלק?

עס איז אָבער אויך ריכטיק, און דערויף האָט באַזונדערס אָנגעוויזן חיים נחמן

ביאליק אין זיין באַקאַנטן עסיי "הלכה ואגדה", אַז אין דעם פּראָטעסט קעגן דעם יאָך פון דער ירושה זיינען מיר אַוועק צו ווייט, גאָר צו ווייט. עס האָט זיך אונדז פאַרבענקט נאָך אַ גרינגער יידישקייט, נאָך אַ ראָמאַנטישער יידישקייט. צום באַדויערן אָבער קאָן אָט די גרינגע מאָראַל פירן צו די שווערסטע קאַטאַסטראָפעס. ניט נאָר אונדזער פאָלק, די גאַנצע וועלט נייטיקט זיך אין דעם וועג פון דער יידישער הלכה.

אָט האָט איצט די קולטור-וועלט מיט אַ סך אַרטיקלען דערמאָנט דעם פראַנצויזישן דענקער זשאַן זשאַק רוסאָ. לייענענדיק די אַלע לויב-געזאַנגען שטעלט מען זיך די פראַגע: וואָס איז דער תכלית? מאי קא משמע לן זשאַן זשאַק רוסאָ? וואָס לערנט אונדז דער גרויסער פראַנצויזישער דענקער? און דער ענטפער איז, ליידער, זייער און זייער אַ נעגאַטיווער. רוסאָ לערנט אונדז גאָרניט. אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן וועגן מאָראַל און פּאָליטיק, איז ניט מער ווי ליטעראַ-טור. עס איז מעגלעך, אַז אַ צאָל ערנסטע קריטיקער פון דעם פראַנצויזישן דענקער זיינען גערעכט, אַז זיין איינפלוס האָט געבראַכט מער שאָדן ווי נוצן. זיין גאַנצע פילאָזאָפיע איז אַ תורה, וואָס איז צו גאָרניט מחייב, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו דער שטימונג פון די סענטימענטאַלע אַריסטאָקראַטישע דאַמען פון 18טן יאָר-הונדערט. זיי האָבן געזוכט ליטעראַרישע מאָראַל, זיי האָבן גאָרניט געהאַט בדעה צו ענדערן זייער לעבן.

דעמאָקראַטיע, סאָציאַליזם און אַ בלאַט גמרא

דער בעסטער סאָציאַליזם איז אַ בלאַט גמרא — האָט אַ מאָל צו מיר געזאָגט אַ חבר אין דער ישיבה. אין יענער צייט, זיינען פרייהייט, דעמאָקראַטיע, סאָציאַ-ליזם געווען די אידעאַלן, וועלכע האָבן באַגייסטערט אַ היפּשן טייל פון אונדזערע יונגע לערנער.

יאָרן זיינען אַוועק. פאַר דער צייט האָבן מיר אַ סך איבערגעלעבט און אַ סך איבערגעטראַכט. היינט צו טאָג ווייזט מיר אויס, אַז מיין חבר פון ישיבה איז ניט געווען אינגאַנצן אומגערעכט. אַ בלאַט גמרא איז אַ גרויסער ענין, אַ בלאַט גמרא קען אונדז אַ סך העלפן אין אונדזער קאַמף פאַר יושר און גערעכטיקייט.

מיר זוכן אַלע דעם וועג צו אַ בעסערער וועלט. מיר זוכן די פּאַסיקע מיטלען ווי צו ברענגען מער פרייד און מער גליק פאַרן יחיד און פאַרן כלל. ווייסן מיר אָבער, וואָס מיינט גליק? וואָס וויל דער מענטש? וואָס פעלט דעם מענטשן?

אונדזער גאַנצע קולטור איז אויפגעבויט אויף צוויי פּרינציפּן: דער ערשטער פּרינציפּ איז חברישקייט. קאָן דען זיין אַ גרעסערע שטראָף פאַר אַ מענטשן ווי — איינזאַמקייט?

פון דער אַנדערער זייט ווערט דער מענטש כסדר געטריבן פון דעם ליידנ-שאַפטלעכן ווילן צו זיין דער ערשטער און איבערצויאָגן און איבערצושטייגן דעם חבר.

סאָציאַליזם איז ווייט ניט קיין גאַראַנטירטע סגולה קעגן קנאה און שנאה. קנאה און קאָנקורענץ זיינען נאַרמאַלע מענטשלעכע אייגנשאַפטן. מען קען דערפון ניט פטור ווערן. עס איז אָבער יע מעגלעך צו געפינען אַ וועג ווי צו קאָנטראָלירן אונדזער יצר הרע.

פאַראַן אַ מערקווערדיקער מאמר אין תלמוד: האָסטו זיך ערגעץ אָנגעשטויסן אויפן בעל דבר דעם יצר הרע, שלעפּ אים אין בית מדרש אריין (אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש). דער ווילנער גאון — זאָגט מען — האָט דעם מאמר אויסגעטייטשט אויף גאָר אַ פּשוטן אופן: אויך אין בית מדרש, אויך ביים לערנען אַ בלאַט גמרא, דאַרף מען האָבן אַ יצר הרע. עס איז אָבער דאָ נאָך אַ סיבה: אין בית המדרש ווערט דער יצר הרע אַ ביסל לייטישער. אָבער ניט געקוקט דערויף, האָט מען אויך אין בית המדרש געוווּג זיך אַרומגעקריגט צוליב עליות און כיבודים. עס איז שווער, ווי מיר זעען, צו אַנטלויפן פון יצר הרע.

גראַד אַ רעזשים פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט גיט די ברייטסטע מעגלעכ־קייטן פאַר די כוחות פון קנאה און קאָנקורענץ. און כדי זיי צו האַלטן אין געהעריקע גרענעצן, איז עס נייטיק צו שלעפן דעם יצר הרע אין בית המדרש אַריין. אין דעם זין, דוכט מיר, איז מיין חבר פון ישיבה געווען גערעכט. דער בעסטער סאָציאַליזם איז אַ בלאַט גמרא!

אין וואָס איז באַשטאַנען דער צויבער פון אַ בלאַט גמרא? פאַרוואָס האָבן דורות יידן אָפּגעגעבן זייער גאַנצע פרייע צייט, אין די יונגע יאָרן און אויף דער עלטער, דעם לימוד פון גמרא? וואָס האָט זיי די גמרא געגעבן? וואָס האָט זיי די גמרא אויסגעלערנט?

די גמרא איז קודם כל פאַר זיך אַליין אַן אידעאַל פון דעמאָקראַטיע און פריי־הייט. עס איז אַ גרויס ווערק פון תנאים און אמוראים. דאָ זיינען פאַרצייכנט די מיינונגען פון די פאַרשיידנסטע ריכטונגען, פון די פאַרשיידנסטע אויטאָריטעטן. דער לערנער באַגעגנט זיך דאָ מיט בית שמאי און בית הלל, מיט ר׳ יוחנן בן זכאי און ר׳ עקיבא, מיט אביי און רבא, מיט די עלטסטע תנאים און מיט די אמוראים, וואָס האָבן דעם תלמוד פאַרענדיקט. וואָס מער דער לערנער פאַרטיפט זיך אין דער גמרא, אַלץ מער פאַרשטייט ער די וויכטיקייט פון אַ פרייער דיסקוסיע. איז דאָך דער גאַנצער תלמוד איין לאַנגער כסדרדיקער וויכוח!

אַ בלאַט גמרא האָט דעם לערנער ווייטער געהאָלפן צו טראַכטן פאַר זיך, צו דענקען זעלבשטענדיק. אין דעם פּרט איז דער דערציערישער ווערט פון לערנען תלמוד גאָר ניט אָפּצושאַצן. אַזוי אַרום האָט די גמרא דעם לערנער געגעבן דאָס געפיל, אַז ער איז אַ שותף אין דער וועלט פון גייסטיקייט און ער קען עפּעס אויפטאָן. אין דער זעלביקער צייט האָט אַ בלאַט גמרא געהאָלפן דעם לערנער צו פאַרשטיין זיינע פליכטן און זיינע אויפגאַבן. זי האָט אים געהאָלפן צו פאַרשטיין דעם מיטמענטשן, צו פאַרשטיין וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט. דער לערנער האָט אוודאי געהאַט אַמביציעס, אָפט גרויסע אַמביציעס. ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז זיין חבר האָט אַמביציעס און אַז עס איז נייטיק אָפּצוהיטן דעם

חברס כבוד. דער כלל אין אבות יה כבוד חברך חביב עליך כשלך (האַלט טייער דיין חברס כבוד ווי דיין אייגענעם) איז, גלויב איך, איינער פון די וויכטיקסטע פּרינציפּן פון אַ דעמאָקראַטישער מאָראַל. אָפּהיטן דעם חברס כבוד! פאַרשטייט מען אין אונדזער צייט די וויכטיקייט דערפון?

זיך פאַרטיפן אין אַ בלאַט גמרא האָט אויך געהייסן זיך פאַרבינדן מיט אַ קולטור פון דורות, מיט דורות פון אַמאָל און מיט דורות, וואָס וועלן קומען. אַ סך פון אונדזערע היינטיקע פּאָליטישע פירער טראַכטן כסדר, אַז מיט זיי הויבט זיך אָן די וועלט. איז ממילא פאַרשטענדלעך זייער איבערגעטריבענע גאווה און זייער קרענקלעכער עגאָיזם. דאָס לערנען תורה האָט דעם יידישן מענטשן געלערנט צו טראַכטן אין קאַטעגאָריעס פון יאָרטויזנטער. די וועלט הייבט זיך ניט אָן מיט אונדז און זי ענדיקט זיך ניט מיט אונדז. ס׳איז אָבער אַ גרויס און הייליק געפיל צו שפּירן די פאַרבונדנקייט מיט אַזוי פיל דורות. מיר ווערן באַשיידענער ביי זיך און אין דער זעלבער צייט פילן מיר די גרויסקייט פון דעם מענטשן, אונדזער נאָענטקייט צו דער אייביקייט, און ממילא וואַקסט ביי אונדז דער רעספּעקט צו זיך אַליין, צו די אייגענע מעשים. אַזוי איז אַ בלאַט גמרא אַ וועג פון מאָראַלישער און סאָציאַלער דערציונג. אַזוי העלפט אַ בלאַט גמרא דעם לערנער צו פאַרשטיין זיך און צו פאַרשטיין דעם מיטמענטשן. און דאָס איז דאָך דער זין און די אויפגאַבע פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט.

דער תלמוד און דער שולחן ערוך

די פראַגע וועגן דער ראָל פון תלמוד אין יידישן לעבן, וועגן דעם, צי דאַרף די גמרא אָנגענומען ווערן אַזוי הייליק ווי די תורה, האָט אַרויסגערופן שאַרפע מיינונגס-פאַרשיידנהייטן און מחלוקתן אין דער צייט פון די גאונים אין בבל, בערך מיט טויזנט — צוועלף הונדערט יאָר צוריק. עס איז דעמאָלט אויפגעקומען די באַוועגונג פון די קראים, וואָס האָבן געהאַלטן נאָר פון תנ״ך. נאָכדעם ווי די גאַנצע גמרא-ליטעראַטור איז געוואָרן געזאַמלט, פאַרשריבן און רעדאַקטירט, און עס איז געשאַפן געוואָרן דער תלמוד בבלי, האָבן די גאונים אין בבל זיך געשטעלט פאַר זייער הויפּטאויפגאַבע צו פאַרפעסטיקן די אויטאָריטעט פון תלמוד. ״די גאונים האָבן דערהויבן דעם תלמוד צו דער מדרגה פון תנ״ך (הגאונים העלו את התלמוד למדרגת כתבי הקודש), באַמערקט פּראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז די גאונים האָבן אפילו ערקלערט, אַז לערנען גמרא איז דער עיקר, ווייל די גמרא נעמט אין זיך אַריין אַלץ, וואָס געפינט זיך אין דער תורה און אין דער משנה. פּראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ האַלט, אַז גראָד דער פאַקט, וואָס די גאונים האָבן זיך אַזוי איינגעשטעלט פאַר דער אויטאָריטעט פון תלמוד, האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אַרויסצורופן די אָפּאָזיציע פון די קראים, וועלכע האָבן גערופן צו פאַרלאָזן דעם תלמוד און זיך האַלטן בלויז ביי דעם טעקסט פון

דער תורה. עס קען זיין, אַז אין דעם פּרט גייט דער מחבר פון "תולדות הפּוסקים" אַ ביסל צו ווייט. עס איז אָבער ריכטיק, אַז די מחלקה האָט אַרויפגעלייגט איר באַזונדערן שטעמפּל אויף דער "פּוסקים ליטעראַטור".

עס איז אַ גרויסער טעות, ווען אייניקע מיינען, אַז די קראים האָבן געוואָלט גרינגער מאַכן דעם יאָך פון דער תורה און די מיצוות און דערפאַר זיינען זיי געוואָרן קעגנער פון תלמוד. דער אמת איז, ווי עס האָבן שוין באַמערקט אַ סך פאָרשער, אַז די קראים האָבן געקוקט אויף די חכמי התלמוד גאָר ווי אויף "רעפאָרמאַטאָרן", וואָס האָבן אָפּט איינגעפירט געוויסע פאַרגרינגערונגען אין די דינים פון דער תורה. די קראים זיינען געווען די שטרענגערע און זיי האָבן אין אַ סך פאַלן מער געפאָדערט פון פאָלק, ווי די בעלי התלמוד. עס איז די עצם אידעע, אַז די תורה איז קיינמאָל ניט פאַרענדיקט און אַז יעדער דור איז אַ שותף אין שאַפן די תורה, אַ סך פּראָגרעסיווער ווי דער שטאַנדפּונקט פון די קראים זיך צו האַלטן שטרענג ביי יעדן אות פון דער תורה שבכתב. פּראָפעסאָר טשערנאָ־וויץ באַווייזט דאָ, ווי אַלע עלטערע פּוסקים, מיטן רמב"ם בכלל, האָבן זיך כסדר באַמיט צו באַווייזן, ווי אַזוי די לעבעדיקע קייט פון דער טראַדיציע פאַרבינדט די הלכה פון תלמוד מיט תורת משה. מען האָט זיך כסדר געמוזט פאַרטיידיקן קעגן די אָנפאַלן פון די קראים, וועלכע האָבן געטענהט, אַז די חכמי התלמוד האָבן אַליין "אויסגעטראַכט" אַ נייע תורה. עס איז געווען אָנצווייזן, למשל, אַז אַזעלכע מיצוות ווי קידוש און בענטשן ליכט ווערן אין דער תורה אינגאַנצן ניט דערמאָנט. דערפאַר ווערן אין דער עלטערער פּוסקים־ליטעראַטור באַזונדערס באַטאָנט די מיצוות, וואָס ווערן אין דער תורה ניט דערמאָנט, און די פּוסקים באַמיען זיך צו געפינען פאַר די מיצוות אַ שטיקל אָנשפּאַר אין דעם טעקסט פון דער תורה. אַ באַזונדערע ראָל האָט אין דעם פּרט געשפּילט דער רמב"ם. זיין "משנה תורה", וווּ עס איז אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן צונויפגעקליבן געוואָרן דער גאַנצער מאַטעריאַל פון דינים און הלכות, איז געוואָרן אַ קלאַסישער ספר אין דער יידישער פּוסקים־ליטעראַטור. די אויטאָריטעט פון דער גמרא, פון דער תורה שבעל פּה, האָט זיך געשטיצט, לויטן רמב"ם, אויף צוויי פּונקטן — אויף דער לעבעדיקער טראַדיציע, וואָס דערגרייכט ביז צו די נביאים, און אויפן הסכם פון פאָלק. די יידישע תורה איז תמיד געווען אַ תורה פון פאָלק!

*

אַ סך תלמידי חכמים האָבן געהאַלטן, אַז צוליב דעם "געגרייטן טיש" (שולחן ערוך) וועט מען אויפהערן צו לערנען גמרא. באַזונדערס שאַרפע קעגנער האָט דער שולחן ערוך געפונען אין פוילן. די תלמידי חכמים אין פוילן האָבן מורא געהאַט, אַז אויב דער רב וועט זיך פאַרלאָזן אויפן שולחן ערוך, וועט ער פאַרלירן זיין זעלבשטענדיקייט.

דער גרויסער ראש ישיבה פון לובלין, ר' שלום שכנא, האָט ניט געוואָלט שרייבן קיין "פּוסק": "איך וויל ניט, האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים, מען זאָל זיך פאַרלאָזן אויף מיר... נאָר יעדערער זאָל פּסקענען לויט די פאָדערונגען פון

דעם איינצעלנעם פאַל, ווי ער פאַרשטייט עס אַליין" (ואין רצוני שיסמכו עלי... לכן יעשה כל אחד כפי הוראת שעה כאשר עם לבבו).

שוין אין זיין פיאַנערישער אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון שולחן ערוך, האָט פּראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ אַנגעוויזן אויף צוויי גרונטשטרעמונגען אין דער יידישער לומדישער ליטעראַטור. איין ריכטונג — אַ מער דינאַמישע און עקספּאַנסיווע — האָט געהאַט די אַמביציע אַלץ מער צו פאַרברייטערן די תורה. די אַנהענגער פון דער דאָזיקער שיטה האָבן געהאַלטן מער פון לערנען און זיי האָבן זיך אַלץ מער פאַרטיפט אין דעם ים פון דער תלמודישער ליטעראַטור. די צווייטע ריכטונג האָט מער געהאַט אין זינען די פאָדערונגען פון יידישקייט אין טאָג־טעגלעכן לעבן. זיי האָבן זיך דערפאַר מער פאַרנומען מיט "פּסקענען", מיט פאָרמולירן די דינים, מיט שאַפן אַ שולחן ערוך.

דער וויכוח צווישן אָט די צוויי שיטות איז שוין גאָר אַלט. אין תלמוד ווערט דערציילט וועגן דער מחלוקת צווישן די תנאים: וואָס איז וויכטיקער — תורה אָדער מיצווה? "תלמוד גדול או מעשה גדול"? דער דאָזיקער וויכוח האָט זיך געפירט אין גאָר אַ קריטישן מאָמענט אין דער יידישער געשיכטע. עס איז געווען די צייט צווישן דעם חורבן און דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא. דער תנא ר׳ טרפון האָט געהאַלטן "מעשה גדול", אָבער רבי עקיבא האָט געהאַלטן "תלמוד גדול", לערנען, איז וויכטיקער, און אַלע האָבן מיט אים מסכים געווען צוליב דעם טעם, ווייל לערנען פירט צו מעשים (שהתלמוד מביא לידי מעשה). **אויב מען לערנט די תורה, וויל מען אָפּהיטן די תורה!**

אין דער צווייטער העלפט פון מיטלאַלטער האָבן זיך די גרעסטע און באַדייטנ־דסטע יידישע צענטערס געפונען אין מערב־אייראָפּע: אין שפּאַניע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד. אין שפּאַניע האָבן געלעבט און געווירקט די גרעסטע יידישע דענקער און דיכטער פון מיטלאַלטער, ווי ר׳ שלמה איבן גבירול, יהודה הלוי, דער רמב״ם (שפּעטער געלעבט אין מצרים) און אַנדערע; אין פראַנקרייך — אַזוינע אויטאָריטעטן, ווי רבינו גרשום מאור הגולה (דאָס ליכט פון גלות), רש״י און די בעלי התוספות. די לאַגע האָט זיך אינגאַנצן געענדערט צום סוף מיטלאַלטער. עס הויבט זיך אָן פאַר די יידן פון אייראָפּע דער וועג צוריק פון מערב קיין מזרח. די אשכנזישע יידן, די יידן פון דייטשלאַנד, געפינען אַ שטיקל מקום מקלט אין סלאַווישע לענדער און, דער עיקר, אין פוילן. די שפּאַנישע יידן, די שטאָלצע ספרדים, האָבן געפונען אַ היים אין דער דעמאָלטדיקער גרויסער טערקישער אימפּעריע. עס קומען אויף נייע ספרדישע קהילות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאָלאָניקע, סמירנע און אַ רייע אַנדערע שטעט אַרום מיטללענדישן ים. אַ גרויסער טייל פון די גייסטיקע פירער פון די ספרדישע יידן אָבער האָבן זיך באַזעצט אין ארץ ישראל, באַזונדערס אין ירושלים און אין צפת. ארץ ישראל ווערט פון דאָס ניי אַ וויכטיקער גייסטיקער צענטער, און די פאַרטריבענע תלמידי חכמים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל שטעלן זיך פאַר זייער וויכטיקסטער אויפגאַבע ווידער

אויפצוריכטן דאָס יידישע לעבן, ווידער אַריינצוברענגען אַ סדר אין דעם גרויסן תוהו ובוהו, וואָס די גירושים און וואַנדערונגען האָבן געשאַפן.

אין די נייע יידישע קהילות אין ארץ ישראל האָבן זיך באַגעגנט יידן פון פאַרשיידענע געגנטן און פאַרשיידענע לענדער, יעדע גרופּע מיט איר באַזונדער שפּראַך, אירע באַזונדערע מינהגים און אָפט אַפילו מיט איר באַזונדערן נוסח פון דאַווענען. "דורך אונדזער צעשפּרייטונג און דורך די שווערע און כסדרדיקע צרות, וואָס זיינען איבער אונדז געקומען — קלאָגט זיך דער מחבר פון שולחן ערוך, ר' יוסף קאַרו — איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער כוח פון דער תורה, און זי איז געוואָרן ניט בלויז ווי צוויי תורות, נאָר ווי תורות אָן אַ צאָל". אַזאַ צושטאַנד האָט געדראָט מיט גרויסע סכנות פאַרן עצם קיום פון יידישן פאָלק. די יידישע גייסטיקע פירער אין ארץ ישראל, באַזונדערס אין צפת, האָבן געגלויבט, אַז אויף זייער גורל איז אויסגעפאַלן די שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות צו פאַראייניקן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אין די קרייזן פון די ספרדישע תלמידי חכמים אין צפת האָבן זיך אויך געפונען ניט ווייניק מיסטיקער און משיחישע טרוימער, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז די צייט פון דער גאולה דערנענטערט זיך. אין אַלע צרות און אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן דאָס יידישע פאָלק, האָבן זיי געזען די געבורטסווייען פון משיח-צייט. און כדי צו דערנענטערן די משיח-צייט, מוז מען פריער פאַראייניקן אַלע יידישע קיבוצים. מוזן יידן ווידער ווערן איין פאָלק. דער רבי פון ר' יוסף קאַרו, ר' יעקב בירב, האָט געמאַכט דעם מוטיקן און אפילו העזהדיקן פּרוּוו ווידעראויפצולעבן דעם סנהדרין.

מער מזל האָט געהאַט ר' יעקב בירבס תלמיד, ר' יוסף קאַרו. ער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין לעבנסציל צו מאַכן פון "די תורות אָן אַ צאָל" ווידער אָן איין איינציקע תורה, איין תורה פאַרן גאַנצן פאָלק. ער האָט געשאַפן דעם שולחן ערוך, אַ וועגווייזער און פירער פאַרן פאַרמאַטערטן יידישן מענטשן דורך זיין שווערן גאַנג אין לעבן.

דער שולחן ערוך, דער "געגרייטער טיש", איז אָבער געוואָרן אַ ספר פון פאָלק ערשט נאָכדעם, ווי דער רב און ראש ישיבה פון קראָקע, ר' משה איסרליש, וואָס איז מער באַקאַנט אונטער די ראשי תיבות רמ"א, האָט אויסגעשפּרייט זיין "מפּה" (טישטוך) איבערן חיבור פון ר' יוסף קאַרו, און דער "געגרייטער טיש" איז געוואָרן אַ "געדעקטער טיש". דער שולחן ערוך איז באמת אַ בשותפותדיק ווערק און די דאָזיקע שותפות איז איינע פון די מערקווערדיקסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון יידישן שאַפן. דער יידישער מענטש האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף דער אויטאָריטעט פון אַ יחיד, אפילו ווען דער יחיד איז געווען דער גרעסטער גאון. אין פאַל פון שולחן ערוך איז נאָך צוגעקומען אַ באַזונדערע שוועריקייט. דער ספרדישער תלמיד חכם ר' יוסף קאַרו האָט זיך גאָר ווייניק גערעכנט מיט די טראַדיציעס און די אויטאָריטעטן פון די אשכנזישע יידן. די הגהות (באַמערקונגען) פון רמ"א ווערן ביז צום היינטיקן טאָג געווייינטלעך

געדרוקט מיט אַ באַזונדערער שריפֿט, אַזוי אַז דער לייענער פֿון שולחן ערוך האָט פֿאַר זיך די מיינונגען פֿון בײדע פּוסקים.

ר׳ חיים טשערנאָוויץ ווייזט אָן, ווי ווייט עס איז פֿאַלש די פֿאַרשפּרייטע מיינונג, אַז דער רמ״א האָט זיך דער עיקר באַנוגנט מיט צוגעבן נייע דינים און נייע חומרות צום שולחן ערוך. דער רמ״א דאַרף גראָד פֿאַררעכנט ווערן צו יענע פּוסקים, וואָס האָבן זיך באַמיט, אויף ווי ווייט מעגלעך, זיך צוצופּאַסן צו די באַדינגונגען פֿון לעבן, וואָס האָבן זיך מיט דער צייט געענדערט. דער רמ״א האָט אויך געהאַלטן, אַז מען דאַרף אין באַזונדערע פֿאַלן געבן דעם רב די מעגלעכקייט צו פּסקענען לויט דער אייגענער דעה. ער האָט אויך פֿאָרמולירט דעם פּרינציפּ פֿון ״הפסד מרובה״ (אַ גרויסער שאָדן), ד. ה. אַז דער רב מוז אין יעדן פֿאַל באַטראַכטן, צי וועט ניט זײַן פּסק ברענגען אַ צו גרויסן שאָדן.

על פּי דין טאָר מען קיין פֿײַער אום שבת ניט פֿאַרלעשן, אַפֿילו דאָס זאָל ברענגען אַ גרויסן שאָדן. צום סוף פֿון די ״דיני דליקה בשבת״, באַמערקט דער רמ״א: ״און די אַלע דינים, וואָס זײַנען דאָ דערמאָנט געוואָרן, זײַנען נאָר געווען אויסגערעכנט פֿאַר אַמאָליקע צײַטן. אָבער אין אונדזער צײַט (אבל בזמן הזה), ווען עס איז פֿאַראַן אַ חשש, אַז ס׳קען ברענגען צו סכנת נפשות... איז דער דין, אַז מען מעג שבת פֿאַרלעשן אַ פֿײַער, ווײַל עס איז דערבײַ פֿאַראַן סכנת נפשות, און וואָס מער אײַנער אײַלט זיך דאָס צו טאָן, אַלץ גרעסער איז די מיצווה״. ווער עס ווייסט, וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג דאָס שטרענגע געבאָט פֿון שבת־רו האָט געשפּילט אין יידישן לעבן, דער וועט פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ מאָראַלישן מוט אַ יידישער רב האָט געדאַרפֿט האָבן, כדי צו פּסקענען, אַז עס איז אַ מיצווה צו לעשן אַ שרפֿה אום שבת.

*

פּראָפֿעסאָר חיים טשערנאָוויץ ווייזט ריכטיק אָן אין זײַן ״תולדות ההלכה״, אַז די תורה שבכתב, ווי מיר האָבן עס אין חומש, האָט פּאַקטיש קיינמאָל ניט עקזיס־טירט אָן אַ תורה שבעל פּה, אָן לעבעדיקע טראַדיציעס אין פֿאָלק. מיר האָבן אין דער תורה אַ גאַנצע רייע געזעצן, וועלכע ווערן קורץ דערמאָנט, אָבער ניט אויספֿירלעך באַגרינדעט און ערקלערט. עס איז קלאָר, אַז דער געזעצגעבער האָט געהאַט אין זינען אָן עקזיסטירנדיקן לעבנסשטייגער, אַ פּראַקטישע הלכה, וואָס איז אַלעמען געווען באַקאַנט. אַזוי ווערן אין דער תורה ניט אָנגעגעבן קיין באַשטימטע דינים פֿון חתונה, ווי חופּה וקדושין, למשל. אַפֿילו די דינים פֿון שבת און יום־טובים זײַנען ניט גענוג קלאָר פֿאָרמולירט, מיר זאָלן זיך קענען באַגיין בלויז מיט דעם טעקסט פֿון דער תורה. די תלמודישע הלכה איז אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן און איז אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט די טראַדיציעס פֿון דער תקופֿה פֿון די נביאים.

עס איז פֿאַרשפּרייט די מיינונג, אַז בעת די נביאים זײַנען געווען טיפֿע דענקער, וואָס האָבן געפּרעדיקט אָן אוניווערסאַלן גלויבן, האָבן די פּרושים אין דער צייט פֿון בית שני פֿאַרוואַנדלט די תורה פֿון די נביאים אין אָן ענגן נאַציאָ־נאַלן גלויבן, צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן און פֿאָדערונגען פֿון אַ קליין פֿאָלק.

פראָפעסאָר טשערנאָוויץ ווייזט ריכטיק אָן, אַז גראָד אין דער צייט פון בית שני האָט זיך דער איינפלוס פון יידישן גלויבן און פון די יידישע רעליגיעזע טראַדיציעס פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

די גזרות קעגן דעם תלמוד

דער קאַמף פון דער קריסטלעכער קירך קעגן דעם תלמוד האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אויפקום פון קריסטלעכן גלויבן. דער תלמוד ווי אַ ליטעראַריש ווערק האָט נאָך דעמאָלט ניט עקזיסטירט. עס האָט אָבער זיך שוין דעמאָלט אַנטוויקלט די תלמודישע טראַדיציע אין דער פאָרם פון אַ תורה שבעל פּה.

די קירך האָט בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז גראָד דאָס פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם קריסטלעכן משיח, זאָל אַליין אין אים ניט גלויבן. האָט מען בכן מיט אַלע מיטלען געפּרובירט צו ברענגען דאָס פאַר־עקשנטע פאָלק אויף דעם וועג פון קריסטנטום. איז אָבער דאָס יידישע פאָלק געבליבן פאַרעקשנט און האָט געדולדיק איבערגעטראָגן אַלע צרות, אַלע גזרות און אַלע עינויים.

האָט מען געפּרובירט דעם לעצטן אויסוועג: צונעמען ביי יידן די תורה, דעם תלמוד. מען האָט מיט געוואַלד זיך אַריינגעריסן אין יידישע היימען, מען האָט מיט כוח אַוועקגערויבט די הייליקע ספרים. מען האָט טויזנטער עקזעמפּלאַרן פון תלמוד פאַרברענט אויף די שייטערהויפנס. די יעזויטן און די אַנדערע פירער פון דער קאַטוילישער רעאַקציע אין 16טן יאָרהונדערט זיינען ניט געווען די ערשטע, וואָס האָבן געפירט דעם ווילד־פאַנאַטישן קאַמף קעגן דעם תלמוד. אין יאָר 1240 האָט מען אין פּאַריז געמש׳פּט דעם תלמוד און צוויי יאָר שפּעטער האָט מען פיר און צוואַנציק וועגענער, אָנגעלאָדן מיט ספרים, פאַרברענט אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ אין פּאַריז. פראַנקרייך איז דעמאָלט געווען דער וויכטיקסטער צענטער פון תורה אין דער וועלט. עס וועט זיין ניט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ערשט אין פראַנק־רייך איז דער תלמוד געוואָרן אַ פאַרמעגן פון גאַנצן פאָלק. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אין דער צייט פון רש״י און זיינע תלמידים, די בעלי התוספות. רש״י איז געוואָרן די באַליבטעסטע געשטאַלט אין דער יידישער פאָלקספאַנטאַזיע פון יענער תקופה. און די תורה איז געוואָרן דער אינהאַלט און דער זין פון גאַנצן יידישן לעבן.

דער טיפער טרויער אין דער ידישער וועלט אין פאַרבינדונג מיט דער גזרה פון יאָר 1242 האָט געפונען אַן אויסדרוק אין דער אַזוי רירנדער קינה פון ר׳ מאיר פון ראָטענבורג:

„טוסט פרעגן, דו אין פייער פאַרברענטע,
וועגן דעם גורל פון דיינע פאַראומערטע קינדער
די וואָס בענקען נאָך דיר און גאַרן צו רוען אין דיינע געצעלטן!"

„ווי אַ טייך וועלן מיינע טרערן זיך גיסן", טענהט ווייטער דער דיכטער, „ביז זיי וועלן דערגרייכן צו די קברים פון משה ואהרן, און פרעגן וועל איך זיי: איז דען אַ נייע תורה געגעבן געוואָרן, און דערפאַר זיינען די הייליקע פּאַרמעטן אין פייער פאַרברענט געוואָרן?"

ווען מען האָט דריי הונדערט יאָר שפּעטער ווידעראַמאָל אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן דעם תלמוד אין איטאַליע, איז דער יידישער מצב אין דער וועלט געווען גאָר אַן אַנדערער. אין מערב אייראָפּע זיינען שוין כמעט קיין יידן ניט געווען. צום גליק זיינען גראָד אין דער צייט אויפגעקומען צוויי נייע צענטערס אין יידישן גייסטיקן לעבן. אין פּוילן האָבן זיך קאָנצענטרירט די אשכנזישע יידן, בעת אין די טערקישע לענדער האָבן זיך מערער קאָנצענטרירט די פאַרטריבענע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, די ספרדים. איז איטאַליע ווו ס'האָבן געלעבט סיי ספרדישע און סיי אשכנזישע יידן, געוואָרן דער בריק צווישן די צוויי גרויסע צענטערס. די כסדרדיקע פאַרבינדונג מיט די גרויסע ישובים האָט אַ סך געהאָלפן אָפּצוהיטן די תורה־טראַדיציע אין די קלענערע קהילות אין איטאַליע. געהאָלפן האָט אויך ווייטער דער פאַקט, וואָס אין אייניקע שטעט אין איטאַליע איז די גזרה קעגן דעם תלמוד ניט דורכגעפירט געוואָרן.

עס איז אפשר סימבאָליש, וואָס אין דער זעלבער צייט, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די גזרות אין איטאַליע, איז געשאַפן געוואָרן דער שולחן ערוך. סימבאָליש איז אויך, וואָס אין איטאַליע גופא איז גראָד אין יענער צייט צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן דער זוהר. מערקווערדיק איז דערביי דער פאַקט, וואָס די קריסטלעכע צענזאָרן האָבן געגלויבט, אַז די קבלה־ליטעראַטור וועט די יידן דערווייטערן פון תלמוד און אפילו דערנענטערן צום קריסטנטום.

דער תלמוד איז דער העכסטער אויסדרוק פון אַ ציוויליזאַציע, וואָס האָט דעם מענטשן באַפרייט פון זיין צוגעבונדנקייט צו דער ערד, צו מלוכה און צו פּאָליטישער מאַכט. ערשט דער תלמוד האָט די יידן געמאַכט פאַר אַ וועלט־פאָלק. דורכן תלמוד איז דער יידישער מענטש געוואָרן אַ וועלט־בירגער.

דער תלמוד האָט אָפּגעשאַפט דעם גרענעץ צווישן רעליגיע און וועלטלעכקייט, צווישן אידעע און ווירקלעכקייט. יעדער ייד, האָבן די בעלי התלמוד געלערנט, קען אין זיין פּערזענלעכן לעבן פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון די נביאים. יעדער מענטש קען דערגרייכן צו דער העכסטער מדרגה פון מאָראַלישער פולקאָמענהייט, אויב ער וויל נאָר און אויב ער האָט געגוג עקשנות אין זיך זיין ווילן דורכצופירן.

דער ספר און דער עם הספר

מען דאַרף אפשר האָבן דעם מוט צו זאָגן, אַז די געשיכטע פון אונדזער פאָלק און דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק איז אַ טייל פון דער יידישער תורה.

די בעלי התלמוד האָבן עס פאַרשטאַנען, ווען זיי האָבן זיך באַצויגן מיט אַזוי

פיל רעספּעקט צו די פאָלקס־מינהגים. אַזוי האָבן מיר דעם כלל: "לעולם אל ישנה אדם מן המנהג", אַ מענטש זאָל זיך קיינמאָל ניט אויפפירן אַנדערש ווי עס איז אָנגענומען. דער פּסוק "ואל תטוש תורת אמך", דו זאָלסט ניט פאַרלאָזן די תורה פון דיין מוטער, ווערט אין תלמוד אויסגעטייטשט אין דעם זין, אַז מען טאָר ניט פאַרלאָזן די מינהגים פון פאָלק. פאַראַן אפילו אַ מאמר אין ירושלמי, וואָס לערנט אונדז, אַז אַ מינהג קען ברעכן אַ דין (המנהג מבטל את ההלכה).

אַט דעם צוגאַנג צו דער תורה פון פאָלק איז אויף אַ קלאַסישן אופן אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דעם באַקאַנטן מאמר פון הלל הזקן. ווען פאַר אים איז ניט געווען קלאָר אַ געוויסער דין וועגן קרבן פסח, האָט ער געפּרובירט אויסגעפינען, ווי דאָס פאָלק פירט זיך. "הנח להם לישראל — האָט דער גרויסער הלל געזאָגט — אם אין נביאים הן, בני נביאים הן", פאַרלאָז זיך אויפן פאָלק ישראל, אויב זיי זיינען ניט קיין נביאים, זיינען זיי אָבער די קינדער פון נביאים.

די מינהגים פון פאָלק קאָנען זיין אַ טייל פון דער תורה. די געשיכטע און דאָס לעבן פון פאָלק קאָן ווערן אַ טייל פון דער תורה. און איך גלויב בפירוש, אַז אַ תלמיד חכם אין אונדזער צייט דאַרף לערנען און דאַרף זיך באַמיען צו פאַרשטיין די תורה פון דעם פאָלק, וואָס האָט כסדר געלערנט תורה. אַ תלמיד חכם אין אונדזער צייט מוז זיך באַמיען צו שטודירן און צו פאַרשטיין די געשיכטע פון יידישן פאָלק. דער אמתער לערנער מוז כסדר שטודירן דעם ספר פון לעבן.

אויפן גרונט פון אַ תלמודישער טראַדיציע פּסקנט דער רמב״ם, אַז אַ פרוי קאָן ניט פאַרנעמען דעם אַמט פון אַ קעניג, און דאָס זעלביקע איז גילטיק פאַר אַלע אַנדערע אַמטן ביי יידן. לויטן תנ״ך אָבער (ספר שופטים) קען אַ פרוי פאַרנעמען דעם העכסטן אַמט אין אַ יידישער מדינה. די נביאה דבורה האָט פאַרנומען דעם אַמט פון אַ שופט, וואָס איז דעמאָלט געווען געגליכן צו דעם אַמט פון אַ מלך. מען קען ניט געפינען אַן ענטפער אויף אַלע אונדזערע איצטיקע פּראָבלעמען אין דער תלמודישער הלכה.

אונדזער צייט איז געגליכן צו דער צייט פון תנ״ך. דאָס איז באַזונדערס ריכטיק פאַר מדינת ישראל, די פּראָבלעמען פון ישראל זיינען די פּראָבלעמען פון אַ פאָלק מיט אַן אייגענער מדינה. מען מוז אַ חוץ דעם האָבן אין זינען, אַז דער תלמוד איז אַ פּראָדוקט פון פרומע דורות, פון אַ טיף רעליגיעזער צייט, מיר לעבן אָבער היינט אין אַ ווייניק רעליגיעזער וועלט. און אַזוי זיינען אויך געווען אונדזערע עלטערן אין דער צייט פון די נביאים. די נביאים קומען כסדר מיט די שאַרפסטע טענות צום פאָלק.

עס איז אויך אַן אַלטער כלל אין דער הלכה, אַז מען טאָר ניט איינפירן קיין נייע תקנות און נייע באַשטימונגען, אויב דאָס פאָלק קאָן דאָס ניט אָפּהיטן. "אין גוזרין גזירה על הציבור אלא אם כן רוב הציבור יכולין לעמוד בה". די אַנטשיידנדיקע ראָל פון קהל ווערט באַזונדערס קלאָר אַרויסגעבראַכט אין די ספרים פון תנ״ך.

דער עם הספר איז ניט ווייניקער וויכטיק ווי דער ספר.

II

דער שווערד און דער אקעראייזן

אין דער יידישער געשיכטע

דער שווערד און דער אַקעראייזן אין דער יידישער געשיכטע

אונדזערע עלטערן האָבן ניט פיל געהאַלטן פון מלחמות. צוליב דעם איז אויך ניט געשאַפן געוואָרן קיין יידישע מלחמה־ראָמאַנטיק. אפילו אַזאַ קריגסהעלד ווי דוד המלך האָט ביי אונדז אויסגענומען מער מיט זיין תהלים ווי מיט זיינע מיליטערישע נצחונות. מיר האָבן זיך אוודאי מיט דעם ניט צו שעמען. און איך בין נאָך אַלץ אַזוי נאַיוו צו גלויבן, אַז אַ קאַפּיטל תהלים איז אַ מאָל וויכטיקער ווי אַ געוווּנענע שלאַכט. ווען אונדזערע ציוויליזירטע פעלקער וועלן דאָס אָנהייבן צו פאַרשטיין, וועט אפשר ווערן גרינגער צו ברענגען שלום אויף דער וועלט.

די וועלט האַלט אַ סך פון פיזישער גבורה און אין דער וועלט לעבן מיר, איז שווער צו גיין תמיד אַקעגן דעם שטראָם. האָבן מיר אויך אונדזערע העלדן, אונדזערע מיליטערישע פירער, אונדזערע גיבורים. זיי פאַרנעמען אָבער ניט דעם ערשטן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. משה רבינו איז מער ווי יהושע בן נון און אַ נביא ווי אליהו האָט צו דער יידישער פאָלקספאַנטאַזיע מער אַפּעלירט ווי אפילו אַזאַ טראַגישע געשטאַלט ווי שמשון הגיבור.

וואָס פאַר אַ ראָל האָבן באמת געשפּילט מיליטערישע פירער־פּערזענלעכקייטן אין אונדזער געשיכטע? אין פאַרבינדונג מיטן אויפקום פון ארץ ישראל ווערט די פראַגע אויף פאַרשיידענע אופנים ווידער דיסקוטירט. מען פּרובירט, אויפן גרונט פון די ערפאַרונגען פון אונדזער צייט, צו באַטראַכטן אין אַ ניי ליכט די פּאָליטישע און מיליטערישע געשעענישן פון אַמאָל. אַ באַזונדערן אינטערעס רופט, נאַטירלעך, אַרויס די געשיכטע — ווי די שבטים פון ישראל האָבן אין דער צייט פון יהושע פאַרנומען דאָס לאַנד. אַט די פראַגע האָט אינטערעסירט די תנ"ך־פאָרשער שוין פון לאַנג, און דער רוב פון די געלערנטע איז געניגט אָנצונעמען די מיינונג, אַז עס האָט גענומען דורות און דורות ביז דאָס לאַנד פון כנען איז געוואָרן דאָס לאַנד פון ישראל. עס איז אַ חוץ דעם פון אַ צאָל אָנגעזעענע געלערנטע אַרויסגעזאָגט געוואָרן די השערה, אַז דערגרייכט האָבן עס די שבטים פון ישראל ניט נאָר אַ דאַנק זייערע מיליטערישע נצחונות, נאָר אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אַ דאַנק זייער שווערער און עקשנותדיקער אַרבעט אין יאָרן פון שלום. די קינדער פון ישראל האָבן באַצוווּנגען דאָס לאַנד כנען ניט נאָר מיטן שווערד, נאָר אויך, און אפשר אין דער ערשטער שורה — מיטן אַקעראייזן. עס איז כדאי זיך צו באַקענען נענטער מיט די ערשטע קוואַלן, מיט די היסטאָרישע ידיעות, וואָס זיינען אויפגעהיט געוואָרן אין תנ"ך.

לייענט מען אויפמערקזאַם די סיפּורים פון תנ"ך, דאַן ווערט קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צוויי וואַריאַנטן וועגן דער געשיכטע, ווי דאָס לאַנד פון כנען איז

געוואָרן דאָס לאַנד פון ישראל. איין טייל סיפורים באַטאָנען מער די מיליטערישע זייט, אַקעגן דעם באַטאָנען אַנדערע סיפורים די פרידלעכע וועגן, ווי די יידן האָבן ביסלעכווייז פאַרנומען דאָס לאַנד.

אין חומש פאַרנעמט אַ היפּש ביסל פּלאַץ די געשיכטע, ווי אברהם אבינו האָט אָפּגעקויפט די מערת המכפלה (דעם פּלאַץ, וווּ די אבות זיינען באַהאַלטן). עס ווערט דערציילט, ווי מען האָט אים געוואָלט געבן אומזיסט אַ חלק קרקע. אברהם האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און האָט דווקא פאַרלאַנגט מען זאָל אים פאַרקויפן דעם פּלאַץ. דאַן ווערט אָנגעגעבן די סומע, וואָס אברהם אבינו האָט דערפאַר באַצאָלט: פיר הונדערט שקל זילבער, קוראַנט געלט (ארבע מאות שקל כסף עבר לסחר). און געשען איז עס, ווערט ווייטער באַמערקט, אין דעם בייזיין פון אַלע בירגער פון חברון, אַלע זיינען געווען עדות פון דעם אָפּמאַך.

אַן ענלעכע געשיכטע ווערט אונדז דערציילט פון דודן, ווען ער האָט אויסגע־זוכט אַ חלק לאַנד פאַרן בית המקדש אין ירושלים. געווען איז עס אַ געגנט, ווו ס'האָט נאָך געלעבט די אַלטע כנענישע באַפעלקערונג פון ירושלים. דער פּלאַץ גופא האָט געהערט צו איינעם ארונה דעם יבוסי. ווען דער קעניג איז צו אים געקומען, האָט ארונה אים פאָרגעשלאָגן דאָס גאַנצע לאַנד במתנה. דערויף האָט דוד געענטפערט: ניין, איך באַשטיי דערויף, אַז דו זאָלסט קריגן באַצאָלט פאַר דיין לאַנד, און דוד האָט אים באַצאָלט פופציק שקל זילבער.

איז עס טאַקע וויכטיק צו דערציילן אַזוי געגנוי און אויספירלעך ווי אברהם אבינו האָט אָפּגעקויפט די מערת המכפלה און וויפיל דוד המלך האָט באַצאָלט פאַרן שייער פון ארונה דעם יבוסי? די ספרים פון תנ"ך זיינען געוויינטלעך זייער שפּאָרעוודיק מיט פּרטים, אַפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן גרויסע היסטאָרישע געשעענישן. ווייזט דאָך אויס, אַז די פריער דערמאָנטע איינצלהייטן זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי וויכטיקע געשעענישן פון אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן פאַרנעם. זיינען זיי עס טאַקע געווען?

דעם טיפערן זין פון די באַריכטן וועגן דער מערת המכפלה און דעם שייער פון ארונה דעם יבוסי (פאַראַן אַ חוץ דעם נאָך אַן ענלעכער באַריכט וועגן יוספס קבר אין שכם) האָט שוין ריכטיק איינגעזען דער מדרש. אַזוי לייענען מיר דעם מדרש בראשית רבה: דריי פּלעצער זיינען דאָ, וועגן וועלכע די אומות העולם קענען ניט קומען צו יידן מיט קיין טענות, אַז מיר האָבן זיי געגזלט. און דאָס זיינען זיי: די מערת המכפלה, יוספס קבר און דער בית המקדש (שלשה מקומות אין אומות העולם יכולות להונות את ישראל ולומר להם: גזולים הם בידכם, ואלו הם: מערת המכפלה וקבורתו של יוסף ובית המקדש).

לאָמיר פּרובירן פאַרשטיין דעם זין פון דער אגדה: בנוגע די דערמאָנטע דריי פּלעצער קענען קיין טענות ניט זיין. און וואָס איז די מיינונג פון מדרש בנוגע דעם גאַנצן לאַנד? פאַרוואָס, אגב, זיינען די דריי פּלעצער אויסגעטיילט געוואָרן באַזונדער?

עס איז קלאָר: די אגדה מאַכט אַ דייטלעכן אונטערשייד צווישן די צוויי וועגן

איינשאַפן זיך לאַנד — דעם וועג פון מלחמה און דעם וועג פון פרידלעכן אַפּמאַך. לכל הפחות וואָס איז שייך אַזעלכע הייליקע פלעצער ווי די מערת המכפלה און דער בית המקדש, וויל אונדז די אגדה באַווייזן, אַז זיי זיינען אויף אַ פרידלעכן אופן געוואָרן אונדזער אייגנטום.

עס קען, לויט מיין מיינונג, קיין שום ספק ניט זיין, אַז דאָס איז טאַקע דער טיפערער זין פון די דערמאָנטע סיפּורים אין תנ״ך גופא. מיר זיינען אָבער באַרעכטיקט צו גיין נאָך אַ טריט ווייטער. פאַראַן נאָך אַ צאָל סיפּורים, וועלכע ברענגען צום אויסדרוק די זעלבע פּאַציפיסטישע טענדענץ. אויך אין דער צייט פון תנ״ך זיינען געווען ביי יידן פאַרשיידענע פּאַרטייען, גרופּעס און אידעאָלאָגיעס. געווען עקסטרעמע פּאַציפיסטן און געווען אויך שטאַרק מיליטאַנטיש געשטימטע גרופּעס. דערפון נעמט זיך עס וואָס מיר האָבן אין תנ״ך פאַרשיידענע באַריכטן וועגן דעם ווי יידן האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד כנען. איך וויל זיך דאָ פאַרלויפיק באַנוגענען מיט איין און איינציקן ביישפּיל:

מיר זיינען היינט באַקאַנט מיט דער פּראָבלעם נגב. די פּראָבלעם איז — וואַסער. פון צייט צו צייט הערן מיר ידיעות וועגן נייע וועגן צו באַוואַסערן אויסגעטריקנטע שטחים לאַנד אַרום באר שבע און נאָך ווייטער צו דרום צו. וואַסער איז אויך געווען די צענטראַלע פּראָבלעם אין ארץ ישראל אַמאָל און דער עיקר, נאַטירלעך, אין די געגנדן פון נגב. דאָס איינציקע מיטל איז דעמאָלט געווען — גראָבן ברונעמער און אויסגעפינען וואַסער. האָט עמעצער געפונען וואַסער, איז ער געווען באַרעכטיקט צו דעם לאַנד אַרום דעם ברונעם. די זוכעניש נאָך קוואַלן פון וואַסער האָט אָפט אַפילו געפירט צו די שווערסטע קאָנפליקטן. וועגן דעם טאַקע ווערט אונדז דערציילט אין חומש. אַט לייענען מיר וועגן באר שבע, וואָס איז געלעגן אויפן גרענעץ פון יהודה. אין בראשית ווערט דערציילט, ווי יצחק האָט געלאָזן גראָבן ברונעמער אין דרום פון לאַנד. צוערשט האָט ער געהאַט צרות מיט די שכנים. לסוף אָבער האָבן זיי מיט אים שלום געמאַכט און האָבן אָנערקענט זיין רעכט אויף די ברונעמער פון רחובות און באר שבע. עס איז אפילו געקומען צו אַ פייערלעכן שלום־אָפּמאַך צווישן יצחקן און די שכנים.

אויך דאָ זיינען מיר באַרעכטיקט צו פרעגן: וואָס איז דער זין פון דער באר שבע געשיכטע? דער ענטפער, גלויב איך, איז גאַנץ קלאָר: אויב יצחק איז געווען דער, וואָס האָט אויסגעפונען וואַסער אין נגב, זיינען זיינע קינדער די לעגעטימע בעלי בתים פון נגב. ניט מיטן שווערד, נאָר מיט זייער אַרבעט האָבן די קינדער פון ישראל זיך פאַרשאַפט זייער רעכט אויפן נגב.

דאָס זיינען ניט קיין צופעליקע עפּיזאָדן, ניט סתם סיפּורים, נאָר אויסערגעוויינטלעך וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן. לייענט מען אויפמערקזאַם די סיפּורים פון תנ״ך, זעט מען, אַז מיר האָבן דאָ אַ גאַנץ באַזונדערע שיטה וועגן דער געשיכטע פון כיבוש הארץ, אַ שיטה וואָס איז באַהערשט פון גאָר אַן אַנדער טענדענץ, ווי די סיפּורים פון ספר יהושע. און עס איז ניטאָ קיין שום גרונד

צו שטעלן אין ספק דעם היסטאָרישן ווערט פון די, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, פּאַציפיסטישע באַריכטן. די דענקער פון דער צייט פון תנ"ך האָבן זיך מיט די פּראָבלעמען אַ סך פאַרנומען. זיי האָבן געזוכט וועגן פון פאַרשטענדיקונג און שלום מיט די שכנים און אין דעם ליכט האָבן זיי אויך געפּרובירט פאַרצייכענען די וויכטיקסטע עטאַפּן אין דער יידישער געשיכטע.

*

אין קאַפּיטל י"א אין ספר יהושע לייענען מיר: "און יהושע האָט איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט צו משהן... און דאָס לאַנד איז געוואָרן רויק פון מלחמה". בערך דאָס זעלביקע לייענען מיר אין קאַפּיטל כ"ג. הייסט עס דאָך קלאָר, אַז יהושע האָט פאַרענדיקט די מלחמה און דאָס לאַנד איז אינגאַנצן פאַרנומען געוואָרן פון די קינדער פון ישראל.

לייענט מען אָבער אויפמערקזאַם אַ צאָל אַנדערע שטעלן אין ספר יהושע גופא, דאַן ווערט קלאָר, אַז די געשיכטע פון כיבוש הארץ (די באַצווייגונג פון לאַנד כנען) איז גאָרניט אַזוי פּשוט. אין קאַפּיטל י"ג, למשל, ווערט קלאָר געזאָגט, אַז יהושע האָט ניט באַוויזן איינצונעמען דאָס גאַנצע לאַנד, און עס זיינען נאָך געבליבן אַ צאָל געגנדן צו פאַרנעמען (והארץ נשארה הרבה מאד לרשתה). און דאָס איז ניט די איינציקע שטעלע, וואָס פאָדערט גענויערע אויסטייטשונג. אין קאַפּיטל צען, למשל, ווערט געזאָגט אַז יהושע האָט איינגענומען די שטאָט חברון, אין קאַפּיטל י"ד און ט"ו ווערט אָבער בפירוש ערקלערט, אַז כלב בן יפנה האָט איינגענומען חברון און האָט פון חברון פאַרטריבן די ריזן, וואָס זיינען דאָרט געווען. גענויער ווערט די זעלביקע זאַך דערציילט אין ערשטן קאַפּיטל פון ספר שופטים. דאָ האָבן מיר אַ חוץ דעם נאָך אַן אַנדער נוסח פון דעם פאַרלויף ווי דער שבט יהודה האָט באַצוווּנגען זיין טייל פון לאַנד. עס ווייזט אויס, אַז, לכל הפחות טיילווייז, איז די מלחמה געפירט געוואָרן ניט לויט אַ געמיינזאַמען פּלאַן, נאָר פון איטלעכן שבט באַזונדער. אין שופטים ווערט ווייטער אָנגעוויזן, אַז אַ צאָל שטעט פון די כנענים האָבן די שבטים פון ישראל במשך פון אַ לאַנגער צייט ניט באַוויזן צו פאַרנעמען. צווישן די שטעט, וואָס זיינען געבליבן אין די הענט פון דער אַלטער באַפעלקערונג, איז אויך געווען ירושלים, וואָס איז אַריבער אין די הענט פון יהודה ערשט אין דער צייט פון דוד המלך.

אַזוי באַקומט זיך בערך דאָס ווייטערדיקע בילד:

א) דאָס לאַנד כנען איז געוואָרן דאָס לאַנד פון ישראל ערשט אין פאַרלויף פון אַ סך דורות;

ב) אַ גרויסער — אפשר אפילו דער גרעסטער און באַדייטנדסטער טייל פון לאַנד — איז פאַרנומען געוואָרן דורך די יידן אויף אַ פרידלעכן אופן, דורך פּיאָנערישע קאָלאָניזאַציע.

דעם שליסל צו דער געשיכטע פון כיבוש הארץ גיט אונדז אַ מערקווערדיקע שטעלע אין ספר יהושע קאַפּיטל י"ז. דאָ ווערט אונדז דערציילט:

די קינדער פון שבט יוסף זיינען געקומען צו יהושע און האָבן זיך באַקלאָגט: זיי זיינען אַ גרויסער שבט און האָבן צו ווייניק לאַנד. דערצו נאָך האָבן די כנענים אין די טאָלן דאָס בעסטע לאַנד, און פאַרטרייבן זיי איז שווער, ווייל די כנענים האָבן אייזערנע רייטוועגן. האָט יהושע אַזוי געזאָגט צו די קינדער פון שבט יוסף: איר זייט פיל פאָלק, וועט איר האָבן דאָס בערגיקע וואַלדלאַנד. איר וועט אויסהאַקן די וועלדער און דאָס לאַנד וועט אייך געהערן. דאַן וועט איר פאַרטרייבן די כנענים מיט זייערע אייזערנע רייטוועגן (רכב ברזל).

אין אָט די געציילטע ווערטער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז די גאַנצע געשיכטע ווי די שבטים פון ישראל האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד. די עלטערע באַפעלקערונג, די כנענים, האָבן צום גרעסטן טייל געלעבט אין די טאָלן און אין די באַפעסטיקטע שטעט. זייער מיליטערישע טעכניק איז געווען אַ לפי ערך הויכע פאַר יענער צייט. זיי האָבן שוין באַנוצט אייזערנע רייטוועגן און דאָס האָט מיט איבער דריי טויזנט יאָר צוריק געהאַט די זעלבע באַדייטונג ווי די טאַנקען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. די שבטים פון ישראל האָבן די דאָזיקע טעכניק נאָך ניט געהאַט. זיינען פאַר זיי די בערגיקע געגנטן געווען גינסטיקער. דאָ זיינען די אייזערנע רייטוועגן ווייניק צוניץ געקומען, און דער פוס־חייל האָט אַנטשידן. דער עיקר אָבער — דאָס לאַנד איז דאָ נאָך כמעט ניט געווען פאַרנומען. אָט דער פאַקט ווערט, אגב, באַשטעטיקט פון די אַרכעאָלאָגישע אויספאָרשונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר די לעצטע פאַר צענדליק יאָר. אין די בערגיקע געגנטן האָבן די שבטים פון ישראל זיך אַלץ מער אויסגעשפּרייט און האָבן פאַרנומען דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס איז פריער קיינמאָל ניט באַאַרבעט געוואָרן. אַן ענלעכע אַנטוויקלונג איז פאָרגע־קומען אין די דרומדיקע געביטן פון יהודה, אין נגב, ווו די יידישע פּיאָנערן האָבן געפונען וואַסער און האָבן ערשט געשאַפן די מעגלעכקייט פאַר גרעסערע ישובים.

אָט דער פּרינציפּ פון פרידלעכער קאָלאָניזאַציע איז אָנגעגאַנגען פאַר דורות. ביסלעכוויז האָבן די שבטים פון ישראל זיך פאַרפעסטיקט אין די ישובים, וואָס זיי האָבן געשאַפן מיט זייער שוויס און מיט זייער אַרבעט און די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך שטאַרק פאַרמערט. ערשט דאַן האָבן זיי ביסלעכוויז באַוויזן איינצונעמען אויך די כנענישע באַפעסטיקטע שטעט אין די פאַרשיידענע געגנטן פון לאַנד. דאָס איז פאָרגעקומען אין פאַרשיידענע עטאַפּן. מיר האָבן באַזונדערס געטרייערע ידיעות וועגן דער מלחמה קעגן אַ צאָל כנענישע שטעט אין דער צייט פון דבורה הנביאה. געטרייערע ידיעות האָבן מיר אויך וועגן די קאַמפן אַרום ירושלים אין דער צייט פון דוד המלך.

אין אַ געוויסער מאָס, איז מיט איבער דריי טויזנט יאָר צוריק פאָרגעקומען אַן ענלעכע אַנטוויקלונג ווי אין אונדזער צייט אין ארץ ישראל. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט קאָלאָניזאַציע. די פּאָליטישע און מיליטערישע געשעענישן אין די לעצטע יאָרן, וועלכע האָבן געפירט צו דער אויפריכטונג פון מדינת ישראל, זיינען ערשט געווען אַ רעזולטאַט פון דער פּיאָנערישער אַרבעט פון דעם קאָלאָניזאַציע־פּעריאָד.

די גאַנצע פאַרשטעלונג, אַז דאָס לאַנד כנען — אָדער דער ווייט גרעסטער טייל פון לאַנד — איז אינגאַנצן אָפּגעריייניקט געוואָרן פון דער אַלטער באַפעלקערונג, שטייט, אגב, אין סתירה צו די פאַקטן, וואָס ווערן דערמאָנט אין תנ״ך גופא. פון דער צייט פון דוד המלך ווערן דערמאָנט די נעמען פון ארונה דעם יבוסי אין ירושלים, ביי וועמען מען האָט אפילו ניט צוגענומען זיין חלק לאַנד. עס ווייזט אויס, אַז ארונה האָט פאַרנומען אַ פירנדיקע פּאָזיציע אין אַלטן ירושלים איידער די שטאָט איז געוואָרן אַ טייל פון דער דודס־מלוכה. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, דער פאַקט בלייבט, אַז מען האָט די אַלטע באַפעלקערונג ניט פאַרטריבן. פריינדשאַפט־לעכע באַציונגען צווישן די יידן און אַ טייל פון דער אַלטער באַפעלקערונג זיינען, ווייזט אויס, אויך שוין געווען אין דער צייט פון די אבות. אין בראשית ווערט דערציילט וועגן דער פריינדשאַפט צווישן אברהם אבינו און דעם קעניג פון ירושלים מלכי צדק, וועלכער ווערט אפילו באַצייכנט מיטן טיטל כהן (הוא כהן לאל עליון). פון דודס צייט ווערט אויך דערמאָנט דער נאָמען פון אוריה החיתי, וועלכער האָט, ווייזט אויס, פאַרנומען אַ קענטיקע פּאָזיציע אין דודס חייל. די חטים האָבן אָבער דאָך געהערט צו דער אַלטער באַפעלקערונג! אין ספר שמואל ווערט, אגב, אוריה החתי באַשריבן ווי אַן אידעאַליסטישער מענטש און אַ גרויסער פּאַטריאָט. און די עוולה, וואָס דוד איז קעגן אים באַגאַנגען, ווערט באַטראַכט ווי אַ גרויס פאַרברעכן. קען דעריבער ניט זיין קיין רייד וועגן דעם, אַז די יידישע מלחמות זיינען געווען פאַרניכטונגס־מלחמות און אַז זיי האָבן אינגאַנצן אָפּגעַ־רייניקט דאָס לאַנד פון דער אַלטער באַפעלקערונג.

אַן אָביעקטיווער אַנאַליז פון די פאַקטן באַווייזט, אַז יידן האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד ניט נאָר מיטן שווערד, נאָר אויך — און דער עיקר, מיטן אַקעראייזן, און לאָמיר נאָך צוגעבן — מיט דער אידעע. די באַפעלקערונג פון לאַנד, איידער עס איז פאַרנומען געוואָרן פון די שבטים פון ישראל, איז ווייט ניט געווען קיין אייניהייטלעכע. די כנענים האָבן דער עיקר פאַרנומען די שטאָטישע צענטערס. געווען אויך אַ פאַרשיידנאַרטיקע באַפעלקערונג אויפן לאַנד, און געווען אויך אַ טייל באַפעלקערונג פון די עברים שבטים, וואָס זיינען לויט זייער אָפּשטאַם געווען נאָענט צו די שבטים פון ישראל, וועלכע האָבן אויך געהערט צו די עברים. וואָס איז שייך טעכנישער קולטור, זיינען די כנענים געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה; וואָס איז אָבער שייך סאָציאַל־עטישער קולטור, האָבן יידן זיי ווייט אַריבערגעַ־יאָגט. פון דער צייט פון משה האָבן די יידן מיט זיך מיטגעבראַכט אין דעם נייעם לאַנד אַ גרויסן גייסטיקן פאַרמעגן. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון יידישן לעבן איז געווען מער דעמאָקראַטיש און מער דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע אידעען. אָט דער אידעישער פאַרמעגן האָט געהאָלפן די יידישע שבטים, זיך איינצוהאַלטן, דורכצופירן זייערע פּיאָנערישע פרוון, און האָט זיי אויך געהאָלפן צו געווינען פריינד צווישן די שכנים און זיך אָקעגנצושטעלן דעם שונא. אַ היפשער טייל פון דער אַלטער באַפעלקערונג האָט זיך, ווי מיר האָבן אַ גרונד אָנצונעמען, פאַר־אייניקט מיט די יידן קעגן די כנענים. ווי אוריה החתי זיינען זיי אויך געוואָרן

איבערגעגעבענע און הייסע יידן. אַזוי איז עס געווען אין דער ערשטער שורה די גייסטיקע ירושה פון דער משה־תקופה, וואָס האָט די יידן געהאָלפן צו פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד פון כנען אין דעם לאַנד פון ישראל.

אפשר גראַד דערין ווייזט זיך אַרויס משהס גרויסקייט, וואָס ער האָט באַוויזן צו שאַפן אַ פאָלק, נאָך איידער עס האָט געהאַט אַ לאַנד. אַזוי שטעלן מיט זיך פאָר משה און יהושע צוויי באַזונדערע טענדענצן אין דער יידישער געשיכטע. אין יידישן לעבן האָט אָבער מער געווירקט דער וועג פון משה רבינו. די באַליבטע געשטאַלטן ביי אונדז זיינען געווען — די העלדן פון שלום. זיי זיינען געבליבן אונדזערע וועגווייזער דורך דורות און דורות.

אויף די וועגן פון שלום

פאַר די נביאים איז לאַנד און מלוכה אַליין געווען ווייט ניט גענוג. זייער אידעאַל פון אחרית הימים איז געווען גאָר אַן אַנדערער. דער נביא ישעיה חלומט וועגן דער צייט, ווען אַ סך פעלקער וועלן זאָגן: קומט און לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון ה׳, צום הויז פון דעם גאָט פון יעקב, און ער וועט אונדז לערנען פון זיינע וועגן און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן; וואָרים פון ציון וועט אַרויסגיין די תורה און גאָטס וואָרט פון ירושלים... אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט אויפהויבן קיין שווערד און מען וועט מער ניט לערנען קיין מלחמה.

אין דער צייט פון די נביאים זיינען אויך געשאַפן געוואָרן אַ טייל פון די דערציילונגען פון חומש, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון שלום צווישן פעלקער. אין די דאָזיקע דערציילונגען איז דער עלטער־פאָטער פון דעם יידישן פאָלק, אברהם אבינו, געוואָרן דער פירשט פון שלום, און די הויפטשטאָט פון לאַנד יהודה קריגט דעם נאָמען שלם. אברהם אבינו לעבט אין פרידן און אין בעסטער פריינדשאַפט מיט אַלע זיינע שכנים. אין חומש ווערט דערציילט: און אברהם האָט געזאָגט צו לוטן: איך בעט דיך, זאָל נאָר ניט זיין קיין קריגערייַ צווישן דיר און צווישן מיר, צווישן מיינע פאַסטוכער און דיינע פאַסטוכער, וואָרים מיר זיינען דאָך ברידער. זע, דאָס גאַנצע לאַנד ליגט דאָך פאַר דיר; טייל זיך אָפּ פון מיר. אויב דו וועסט גיין אויף לינקס, וועל איך גיין אויף רעכטס, און אויב אויף רעכטס, וועל איך גיין לינקס.

אַזוי איז איינגעשטעלט געוואָרן שלום צווישן אברהם און לוט. אפשר דאָס ערשטע ביישפּיל פון "פּאַרטישן" בשלום. און דער מוסר השכל, נאַטירלעך, איז, אַז אויך די קינדער פון אברהם און לוט — און דאָס האָט געמיינט דאָס פאָלק ישראל מיט די פעלקער פון עמון און מואב — דאַרפן נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון זייערע עלטערפאָטערס און דאַרפן לעבן בשלום צווישן זיך. אין חומש ווערט דערציילט, אַז מלכי צדק, דער קעניג פון שלם (ירושלים), איז אַרויס באַגעגענען אברהם אבינו מיט ברויט און וויין (ומלכי צדק מלך שלם (ירושלים) הוציא לחם

ויין... ויאמר ברוך אברם לאל עליון קונה שמים וארץ). דער קעניג מלכי צדק, ווערט, אגב, באַמערקט אין חומש, איז אַליין געווען אַ מאמין אין גאָט, אין דעם גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד.

און מיטן רבונו של עולם טענהט אברהם אבינו: אפשר זיינען נאָך פאַרבליבן אין סדום אַ געוויסע צאָל צדיקים, וועט דען דער ריכטער פון דער וועלט אַליין ניט טאָן קיין גערעכטיקייט (השופט כל הארץ לא יעשה משפט)?

אַזוי האָבן די נביאים געצייכנט די אידעאַלע געשטאַלט פון דעם עלטער פאָטער פון יידישן פאָלק. אַזוי דאַרפן מיר לעבן און אַזוי דאַרפן מיר זיך פירן.

*

יאָרהונדערטער שפּעטער, אין דער צייט פון גלות בבל, האָט זיך פאַרן יידישן פאָלק אין איר פולער שאַרפקייט געשטעלט די פראַגע וועגן גלות און גאולה. וואָס איז דער זין פון יידישן קיום? וואָס איז דער זין פון דער יידישער געשיכטע? אין די ספרים פון די נביאים ירמיהו און יחזקאל געפינען מיר אַ ביסל ידיעות וועגן די שטימונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט סיי ביי די פאַרבליבענע אין ארץ ישראל און סיי ביי די פאַרטריבענע אין בבל. געווען ביי די פאַרבליבענע אין ארץ ישראל אַ פּאַרטיי פון עקסטרעמיסטן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די פאַרטריבענע אין בבל זיינען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג אַלס יידן. צווישן די פאַרטריבענע גופא זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויף זיך געקוקט ווי אויף אַ פאַרלאָרענעם דור. גאָר אָפט פלעגן די פאַרטריבענע קומען צום נביא מיט זייערע ספקות און זייערע זאָרגן. און איין מאָל אין אַזאַ שווערער שעה האָט דער נביא פון גלות דערציילט זיינע פאָלקסברידער די וווּנדערלעכע וויזיע פון דעם טאָל מיט די אויסגעטריקנטע ביינער. קאַפּיטל ל"ז אין יחזקאל, ווו דער נביא באַשרייבט, ווי די אויסגעטריקנטע ביינער זיינען ווידער געקומען צום לעבן, איז אפשר די שטאַרקסטע נבואה פון דער יידישער אייביקייט. דער נביא דערציילט, ווי דער גייסט פון גאָט האָט אים ארויסגעפירט אין אַ טאָל, וואָס איז געווען פול מיט אויסגעטריקנטע ביינער פון מלחמה־געפאַלענע, און גאָט באַפוילט דעם נביא: זאָג נביאות איבער די דאָזיקע ביינער און זאָג צו זיי: איר טרוקענע ביינער, הערט גאָטס וואָרט אַזוי האָט געזאָגט דער האַר גאָט: איך ברענג אין אייך אריין אַ גייסט און איר וועט לעבעדיק ווערן.

און דער נביא דערציילט אונדז דאָן ווייטער:

"און איך האָב נביאות געזאָגט, ווי איך בין באַפוילן געוואָרן, און ווי איך האָב נביאות געזאָגט, האָט זיך געלאָזט הערן אַ רעש, און די ביינער האָבן זיך געטאָן דערנענטערן, אַ ביין צו זיין ביין. און איך האָב געזען עס זיינען אַרויף אויף זיי אָדערן, און פלייש איז ארויפגעוואַקסן, און הויט האָט זיך ארויפגעצויגן אויף זיי פון אויבן, אָבער קיין אָטעם איז אין זיי ניט געווען. און ער האָט צו מיר געזאָגט: זאָג נבואה די מענטשן־זין און זאָג צו דעם אָטעם: אַזוי האָט געזאָגט דער האַר גאָט: פון די פיר ווינטן קום דו אָטעם און הויך אַריין אין אָט די הרוגים, זיי זאָלן לעבעדיק ווערן. און איך האָב נבואה געזאָגט, ווי ער האָט מיר

באַפּוילן, און דער אָטעם איז אין זיי אַריין און זיי זיינען לעבעדיק געוואָרן, און זיי האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע פיס, גאָר גאָר אַ גרויס חיל״.

און צו דער פאַרצווייפלטער געמיינדע פון די פאַרטריבענע, וואָס הערט מיט שטוינונג די הייליקע ווערטער פון דעם נביא, זאָגט יחזקאל ווייטער גאָטס וואָרט: ״אָט די ביינער — דאָס זיינען דאָס גאַנצע הויז ישראל. זע, זיי זאָגן: פאַרטריקנט זיינען אונדזערע ביינער. פאַרלאָרן איז אונדזער האָפנונג. עס איז אַ סוף מיט אונדז. דאָרום זאָג נביאות און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַזוי האָט געזאָגט דער האַר גאָט: זע, איך עפן אייערע קברים און וועל אייך, מיין פאָלק, ארויפ־ברענגען פון אייערע קברים און ברענגען אויף דער ערד פון ישראל און איך וועל אַריינגעבן מיין גייסט אין אייך און איר וועט לעבן און איך וועל אייך מאַכן רוען אויף אייער ערד און איר וועט וויסן, אז איך ה׳ האָב גערעדט און געטאָן״.

און די נבואה פון יחזקאל איז מקויים געוואָרן אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, אפשר, ווי ער האָט אַליין וועגן דעם געטראַכט. די אויסגעטריקנטע ביינער אין בבל האָבן אויסגעהאַלטן דעם יידישן גלויבן און די יידישע טראַדיציע. די פאַרטריבענע אין בבל זיינען געוואָרן דער כוח, וואָס האָט עטלעכע דורות שפּעטער מעגלעך געמאַכט דעם ווידעראויפבוי פון ירושלים און יהודה און די רענעסאַנס פון יידישן גייסטיקן לעבן אונטער דער פירערשאַפט פון עזרא און נחמיה. צווישן די פאַרטריבענע אין בבל איז יידיש לעבן און יידישע קולטור אויפ־געהיט געוואָרן אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס ווי אין יהודה גופא.

דאָס איז דער זין פון דער יידישער געשיכטע: גאולה איז די אויפגאַבע פון גאַנצן פאָלק, פון אַלע טיילן פון יידישן פאָלק. און נאָך עפּעס קענען מיר לערנען פון דער געשיכטע: די יידישע גאולה איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרבונדן מיטן גורל פון דער וועלט. די יידן פון בבל וואָלטן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט ווידער אויפצובויען ירושלים און יהודה אָן דער הילף פון דער פּערסישער רעגירונג, אָן דער ״גאולה־דעקלאַראַציע״ פון כורש מלך פרס. און אויך אין יענער צייט האָט זיך די שטימונג ביי די הערשער פון דער גרויסער פּערסישער וועלט־אימפּעריע פון צייט צו צייט געביטן. עטלעכע מאָל האָט מען אונדז געצוווּנגען אָפּצושטעלן די אַרבעט ביים ווידעראויפבויען פון ירושלים. עס האָט זיך דערפאַר געפאָדערט אַ סך חכמה, אַ סך געדולד און אַ שטאַרקער גלויבן כדי צו קומען צום ציל. דאָס פאָדערט זיך אויך אין אונדזער צייט.

ירושלים, די הייליקע שטאָט, די שטאָט פון שלום

די געשיכטע פון ירושלים איז אַ סך מער ווי די געשיכטע פון אַ שטאָט. ירושלים איז דער סימבאָל פון גאָר אַן אייגנאַרטיקער קולטור, פון אַ קולטור, וואָס איז נאָך היינט מער האָפענונג ווי ווירקלעכקייט. אין אָט דעם סימבאָלישן זין איז דער נאָמען פון דער שטאָט פון די נביאים באַנוצט געוואָרן פון דעם יידיש־

סאָציאַליסטישן דענקער משה העס אין זיין ווערק "רוים און ירושלים". וואָס זאָגט אונדז דאָס וואָרט ירושלים? וואָס באַדייט פאַר אונדז דער נאָמען פון דער הייליקער שטאָט?

שוין אין תנ"ך געפינען מיר אַ גאַנצע רייע באַצייכענונגען פאַר דער הויפּט־שטאָט פון מלכות יהודה. אין בראשית, למשל, ווערט ירושלים דערמאָנט אונטערן נאָמען שלם. מיר קענען ניט מיט זיכערקייט זאָגן, וואָס די באַצייכענונג שלם האָט לכתחילה באַדייט. עס איז יעדנפאַלס אויסגעטייטשט געוואָרן אין זין פון שלום. ירושלים מיינט — די שטאָט פון שלום.

ניט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש איז אַ צווייטער נאָמען. דער נביא ירמיהו, למשל, באַצייכנט ירושלים מיטן נאָמען "נוה צדק", די וווינונג פון גערעכטיקייט. אויך אין ישעיה געפינען מיר די נבואה, אַז ירושלים וועט נאָך אַ מאָל הייסן "עיר הצדק", די שטאָט פון גערעכטיקייט. די נביאים ישעיה און ירמיהו, האָבן זיך דאָ, ווייזט אויס, געשטיצט אויף אַן אַלטער טראַדיציע. האָט דאָך שוין דער אור־אַלטער קעניג פון ירושלים, וואָס ווערט דערמאָנט אין בראשית י"ד, געטראָגן דעם סימבאָלישן נאָמען מלכי צדק (ומלכי צדק מלך שלם), דער קעניג פון גערעכטיקייט. האָבן אָבער אונדזערע עלטערן געוווּסט, אַז שלום און גערעכטיקייט קענען ניט האָבן קיים באַשטאַנד, אַזוי לאַנג ווי די וועלט איז פול מיט שקר. האָט דעריבער דער נביא זכריה נבואות געזאָגט, אַז ירושלים וועט אויך נאָך ווערן די שטאָט פון אמת. "אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך קער זיך אום צוריק קיין ציון, און איך וועל רוען אין ירושלים. און ירושלים וועט גערופן ווערן די שטאָט פון אמת (כה אמר ה' שבתי אל ציון ושכנתי בתוך ירושלים ונקראה ירושלים, עיר האמת). אַזוי איז פאַר אונדז און פאַר גאַר דער וועלט ירושלים געוואָרן דער סימבאָל פון אמת, פון שלום און פון גערעכטיקייט.

דאָס הייסט, נאַטירלעך, ניט, אַז די אידעאַלן פון אמת, גערעכטיקייט און שלום האָבן טאַקע געפונען זייער פולע פאַרווירקלעכונג אין ירושלים, אין ירושלים של מטה. ישעיה, ירמיהו און די אַנדערע נביאים האָבן דאָך כסדר געהאַלטן אין איין שטראָפן די באַפעלקערונג פון יהודה און ירושלים.

מיר האָבן אַ גרונד צו גלויבן, אַז די נביאים זיינען געווען צו שטרענג אין זייער קריטיק. אַזוי זינדיק איז ירושלים ניט געווען. וואָלטן די יידן פון ירושלים געווען אַזוינע רשעים, דאַן וואָלטן קיין נביאים צווישן זיי ניט געקענט לעבן און ווירקן. די נביאים האָבן אַ סך פאַרלאַנגט, זיי האָבן געשטעלט די העכסטע מאָראַלישע פאָדערונגען. האָט דאָס פאָלק ניט אַלע מאָל געהאַט דעם כוח זיי צו פאָלגן. און דאָך, ניט געקוקט אויף דער שאַרפסטער קריטיק, האָט דאָס "זינדיקע" פאָלק זיינע נביאים פאַרהייליקט און האָט זייערע ווערטער פאַראייביקט.

דער גרויסער אויפטו פון די נביאים איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן געשאַפן די אידעע פון אַן אַנדער ירושלים, פון ירושלים של מעלה. און דער נביאישער אידעאַל פון אַן אַנדער ירושלים האָט מיט דער צייט אויך באַאיינפלוסט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין ירושלים של מטה. דער משיחישער חלום פון די

נביאים וועגן דעם "סוף פון די טעג", ווען אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלן איינע צו די אנדערע זאָגן: "קום און לאָמיר אַרויפשטייגן צום באַרג פון גאָט... און ער וועט אונדז לערנען פון זיינע וועגן, און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן, וואָרים פון ציון וועט אַרויסגיין אַ תורה, און גאָטס וואָרט פון ירושלים". אָט דער משיחישער חלום האָט געהאַט אויף וואָס זיך צו שטיצן. דער חלום פון ישעיה איז דאָך, אגב, טיילוויז אויך מקוים געוואָרן. מענטשן פון אַלע פעלקער האָבן אין לויף פון דורות עולה רגל געווען קיין ירושלים. האָבן זיי פאַרשטאַנען דעם זין פון ישעיהס חלום? דאָס איז אַ באַזונדער פראַגע. די גאַנצע וועלט וואָלט זיכער היינט אַנדערש אויסגעזען, ווען די פעלקער, וואָס האָבן אַזוי אָפט געוואַנדערט זייערע בליקן קיין ירושלים, וואָלטן זיך וויניקער פאַרנומען מיט זוכן הייליקע קברים און וואָלטן זיך מער אָפּגעגעבן מיט פאַרשטיין און אָפּהיטן די פאָדערונגען פון די נביאים.

ירושלים איז געלעגן אויף דער גרענעץ צווישן יהודה און בנימין, נאָענט צום צענטער פון לאַנד, און האָט טעריטאָריאַל ניט געהערט צו קיין שבט. האָט עס ממילא געהאַט אַ גרויסע מעלה ווי אַ רעזידענץ. דאָס האָט אַ ביסל אָפּגעשוואַכט די קאָנפליקטן פון די איינצעלנע שבטים פאַר דער פירערשאַפט.

אין לויף פון צוויי דורות איז ירושלים געווען די הויפּטשטאָט פון גאַנץ ישראל. עס איז געווען די צייט, ווען דאָס לאַנד האָט אונטער דער פירערשאַפט פון דוד המלך, וועלכער האָט איינגענומען ירושלים, און שפּעטער פון שלמה המלך, דערגרייכט אירע ווייטסטע גרענעצן און אפשר אויך דעם העכסטן פונקט פון עקאָנאָמישער הצלחה. נאָכן טויט פון קעניג שלמה, ווען די מלוכה האָט זיך געשפּאָלטן, איז ירושלים געבליבן די הויפּטשטאָט פון מלכות יהודה.

פאַרשיידן איז געווען דער גורל פון ישראל און יהודה. דער חורבן פון מלכות ישראל איז געקומען אין אַ צייט, ווען דאָס פאָלק איז נאָך ווייט ניט געווען צוגע־גרייט פאַרן טראַגישן עקזאָמען פון גלות־לעבן. אַנדערש איז שוין געווען דער מצב אין יהודה. די מלוכה פון ישראל איז אונטערגעגאַנגען אין יאָר 722 פאַר דער אַלגעמיינער צייטרעכענונג, בעת מלכות יהודה האָט נאָך איינגעהיט איר פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט במשך פון 135 יאָר. במשך פון אָט די פינף־זעקס דורות האָבן אין יהודה געווירקט אַזעלכע נביאים ווי ישעיה, מיכה, ירמיהו. און נאָך וויכטיקער אפשר זיינען געווען די טיפע רעליגיעזע און סאָציאַלע רעפאָרמען, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין דער צייט פון קעניג יאשיהו. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז ווען די איינוווינער פון ירושלים זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד, האָבן זיי שוין געהאַט מיטצונעמען אויף זייער שווערן וועג אַ רייכע גייסטיקע ירושה.

פאַרטריבן געוואָרן זיינען דער עיקר די איינוווינער פון ירושלים גופא, בעת די דאָרפישע באַפעלקערונג איז צום גרעסטן טייל געבליבן אויפן לאַנד. אַזוי אַרום זיינען קיין בבל געקומען די העכערע קלאַסן: די מער פאַרמעגלעכע, די בעסערע בעלי מלאכות, די פּאָליטישע פירערשאַפט און די אינטעליגענץ; די אַקטיווסטע

עלעמענטן, סיי נאַציאָנאַל און סיי קולטורעל, זיינען געווען צווישן די פּאַרטריבענע. און גלות בבל איז במשך פון עטלעכע דורות געוואָרן דער גייסטיקער צענטער פון פאָלק, וואָס איז ביסלעכווייז צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט.

אין בבל האָבן די פאַרטריבענע מיטגענומען זייער ליבע צום לאַנד פון די אבות, דער עיקר אָבער — צו ירושלים. איז דאָך גראָד די גייסטיקע פירנדע שיכט געקומען פון ירושלים. האָבן זיי, נאַטירלעך, מיט אַזוי פיל ליבע און געטרייקייט קולטיווירט די בענקעניש נאָך דער הייליקער שטאָט. דאָס קומט, באַזונדערס, צום אויסדרוק אין "על נהרות בבל", ווען די זינגער פון ציון שווערן ביי די טויערן פון בבל:

אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים,
זאָל מיין רעכטע האַנט זיך פאַרגעסן!
זאָל צוגעקלעפּט ווערן מיין צונג צו מיין גומען,
אויב איך וועל דיך ניט געדענקען,
אויב איך וועל ניט טאָן דערמאָנען ירושלים
אין צייטן פון העכסטער פרייד.

ניט פאַרגעסן ירושלים, ניט פאַרגעסן אפילו אין גליקלעכע טעג, איז געווען די שבועה פון די פאַרטריבענע. האָט מען פאַר דעם צוועק געשאַפן אַ גאַנצע רייע סימבאָלן און בילדער, פּאָעטישע און קינסטלערישע, כדי אויפצוהיטן דעם אָנדענקען פון ירושלים. אַלע האָפענונגען פון דורות, די גאַנצע בענקעניש פון די פאַרטריבענע האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער הייליקער שטאָט. שיבת ציון, דאָס אומקערן זיך צוריק קיין ציון, איז געוואָרן דער צענטראַלער מאָטיוו פון יידישן טראַכטן און דענקען אין דער צייט פון גלות בבל. מען האָט אפילו געפּרובירט אויסאַרבעטן פּלענער פון אַ באַנייטער ירושלים, וואָס זאָל ווערן די שטאָט פון שלום, די שטאָט פון אמת און די שטאָט פון גערעכטיקייט.

עס איז מערקווערדיק ווי די ירושלים־ראָמאַנטיק האָט זיך אַזוי האַרמאָניש פאַרבונדן מיט דעם אוניווערסאַליזם פון די נביאים. די נביאים האָבן אויפן שאַרפסטן אופן באַקעמפט די אידעע, אַז ס'זיינען פאַראַן באַזונדערע הייליקע פלעצער און אַז מען קען דינען גאָט נאָר אין באַשטימטע ערטער. די גאַנצע וועלט איז פול מיט גאָטס מאַיעסטעט, מלא כל הארץ כבודו. קען מען דעריבער אין גאַר דער וועלט געפינען גאָט און אומעטום קען מען אים דינען. האָט מען טאַקע דעריבער אָפּגעשאַפט אַלע אַלטע באַרימטע הייליקטימער אין שכם און אין בית אל, אין שלה און חברון, אין מצפה און אין אַלע אַנדערע היסטאָריש אָדער פּאָליטיש וויכטיקע צענטערס.

כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט די געשיכטע פון בית אל. ווען יעקב אבינו איז אַנטלאָפן פון זיין היים, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר עשון, ווערט דער־ציילט אין חומש, האָט ער זיך אין וועג אָפּגעשטעלט איבערצונעכטיקן אויף אַן אָפענעם פעלד. אַ פאַרמאַטערטער און פאַרזאָרגטער, האָט ער דעם מידן קאָפּ

אַנגעשפּאַרט אויף אַ שטיין און איז איינגעשלאָפן. בײַנאַכט זעט ער אין חלום: אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט ביז צום הימל און מלאכים פון גאָט גייען אַרויף און אַראָפּ אויף איר. ווען יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ הייליקער פּלאַץ: דאָס איז אוודאי דאָס הויז פון גאָט און דאָס איז דער טויער פון הימל (אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים). האָט ער אויף דעם אָרט אַוועקגעשטעלט אַ דענקמאָל און האָט אַ נאָמען געגעבן דעם פּלאַץ בית אל, דאָס הויז פון גאָט.

אַ פּאָר קאַפּיטלעך ווייטער אין בראשית לייענען מיר, אַז יעקב האָט אין בית אל אויסגעבויט אַ מזבח. אַזוי האָט דער הייליקער פּלאַץ אין בית אל געצויגן זיין יחוס נאָך פון דער צייט פון די אבות. און דאָך האָבן די נביאים געהאַלטן, אַז אפילו דאָס הייליקטום אין בית אל מוז אָפּגעשאַפט ווערן, פּונקט ווי עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע טעמפּלען און מזבחות אין יהודה. און דורכגעפירט איז עס געוואָרן אין יאָר 622 פאַר דער היינטיקער צייטרעכענונג. דאַן האָט דער קעניג יאשיהו מיט דער הילף פון די נביאים אָפּגעשאַפט אַלע לאָקאַלע הייליקטימער. און ירושלים איז געוואָרן דער איינציקער רעליגיעזער צענטער אין יהודה און ישראל.

די יאשיהו־רעפאָרם האָט, אמת, לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. נאָך זיין טויט האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעאַקציע. אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער איז געקומען די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע.

דער חורבן האָט ניט פאַרמינערט די ראָמאַנטיק פון ירושלים. גראָד פאַרקערט, ירושלים איז געוואָרן אַן אידעע. ישעיה דער צווייטער, איינער פון די גרעסטע דענקער און דיכטער, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן, האָט עס אויף אַ קלאַסישן אופן פאָרמולירט: "וואָרום מיין הויז זאָל אַ הויז פון תפילה זיין פאַר אַלע פעלקער" (כי ביתי בית תפילה יקרא לכל העמים). אַזוי איז ירושלים פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ צענטער פון אוניווערסאַלן גלויבן, פון אַ גלויבן פאַר גאָר דער וועלט.

די באַציונג צו דער שטאָט איז בדרך כלל געווען פאַרשיידנאַרטיק. האָט אין האָט מיט דער ראָמאַנטיק פון שטאָטישן לעבן גייט די שאַרפסטע קריטיק פון שטאָטישער פאַרדאָרבנקייט. גאָר אַנדערש איז געוואָרן די באַציונג צו ירושלים אין דער צייט פון גלות בבל — דער משיחישער אידעאַל פון אַ נייער וועלט און אַ נייעם מענטשן איז דער עיקר געוואָרן פאַרבונדן מיט דער ווידעראויפריכטונג פון ירושלים. ניט דאָס לאַנד, נאָר די הויפּטשטאָט שטייט אין מיטלפּונקט פון אַלע האָפענונגען און דערוואַרטונגען.

אַזוי ווענדעט זיך ישעיה דער צווייטער, דער גרויסער נביא פון נחמה, מיט זיינע ערשטע טרייסטווערטער צום פאָלק און צו ירושלים:

טרייסט, טרייסט, מיין פאָלק,
זאָגט אייער גאָט.

טוט ריידן צום האַרצן פון ירושלים
און רופט צו איר,
וואָרום פול איז איר צייט,
פאַרגעבן איז איר שולד,
וואָרום געקראָגן האָט זי פון גאָטס האַנט,
טאָפּלט פאַר אַלע אירע זינד.

די באַציונג פון דעם נביא פון נחמה ווערט באַזונדערס קלאָר אַרויסגעבראַכט
אין ישעיה ס״ב:

פון וועגן ציון וועל איך ניט שווייגן,
און פון וועגן ירושלים וועל איך ניט רוען,
ביז אַרויס ווי אַ ליכט וועט איר גערעכטיקייט,
און איר ישועה ווי אַ פלאַם וואָס ברענט.
און זען וועלן די פעלקער דיין גערעכטיקייט,
און אַלע מלכים דיין כבוד,
און רופן וועט מען דיך אַ נייעם נאָמען,
וואָס דאָס מויל פון גאָט וועט אים אויסזאָגן.

דער צווייטער ישעיה איז געווען איינער פון די אוניווערסאַלסטע דענקער,
וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן. איז ביי אים דעריבער די פראַגע וועגן
צוריק אויפבויען דעם בית המקדש געווען ניט די צענטראַלע פּראָבלעם. אין קאַפּיטל
ס״ו גייט ער אפילו אַזוי ווייט, ווי צו דערקלערן, אַז דער באַשעפער פון דער
וועלט נויטיקט זיך בכלל ניט אין אַ הייליק הויז:

אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
דער הימל איז מיין טראָנשטול,
און די ערד איז מיין פוסבענקל;
ווו דען איז דאָס הויז, וואָס איר קענט מיר בויען,
און ווו איז דען דער פּלאַץ, ווו איך קען רוען?
און דאָס אַלץ האָט מיין האַנט געשאַפן,
און אַזוי זיינען זיי אַלע געוואָרן,
זאָגט גאָט.
אָבער אויף דעם טו איך קוקן:
אויף דעם אָרעמאַן און דעם געבראָכענעם געמיט,
און דעם, וואָס ציטערט איבער מיין וואָרט.

אודאי נויטיקט זיך ניט דער באַשעפער פון דער וועלט אין קרבנות, און דאָך
איז ירושלים גאָטס שטאָט, ווייל עס איז די שטאָט פון דער וועלט און די פריייד
פון דער וועלט.

דער נביא יחזקאל, וואָס האָט אויף זיך גענומען די שווערע שליחות צו זיין דער לערער און וועגווייזער פון די פאַרטריבענע, האָט אונדז אויך איבערגעלאָזן אַן אוטאָפּישן פּלאַן וועגן דער ווידעראויפגעלעבטער מלוכה פון ישראל און באַזונדערס וועגן ירושלים און דעם בית המקדש.

די נייע מלוכה מוז זיין אַן איינהייטלעכע מלוכה. עס מוז נעמען אַ סוף, טענהט דער נביא, צו די כסדרדיקע קאָנפליקטן צווישן ישראל און יהודה. איין פאָלק, איין מלוכה און איין גייסטיקער צענטער. מוז די שטאָט ירושלים ממילא ווערן אינגאַנצן אויסגעטיילט ווי אַן אויטאָנאָמער געביט, וואָס געהערט ניט צו קיין שבט. דאָס לאַנד אין און אַרום ירושלים דאַרף אויף אַ גערעכטן אופן פאַר־טיילט ווערן צווישן די כהנים, די לוויים און דער שטאָטישער אַרבעטער־באַפעלקערונג. דער נביא באַטאָנט דערביי, אַז די אַרבעטס־באַפעלקערונג פון ירושלים ווערט רעקרוטירט פון גאַנצן לאַנד, פון אַלע שבטים (והעבד העיר יעבדוהו מכל שבטי ישראל).

דורך צוועלף טויערן, צו דריי טויערן אויף איין זייט, וועט מען אַריינקומען אין ירושלים. יעדער טויער וועט טראָגן דעם נאָמען פון איין שבט. אַזוי וועט ירושלים מיט זיך רעפּרעזענטירן די פאַראייניקונג פון אַלע צוועלף שבטים פון ישראל. די הויפּטשטאָט פון ישראל וועט ווערן דאָס הויז פון גאָט און איר נאָמען וועט זיין: גאָט איז דאָרטן (ושם העיר מיום ה׳ שמה).

אין מיטלפּונקט פון שטאָט, אויף דעם באַרג ציון, וועט ווידער אויפגעבויט ווערן דער בית המקדש. דער נביא גיט אונדז דאָ אַ גענויען פּלאַן פון בית המקדש, וואָס איז אין אַ טייל פּרטים אַנדערש ווי די באַשרייבונג פון שלמהס בית המקדש אין מלכים א׳. די וויכטיקסטע כאַראַקטעריסטיק פון בית המקדש אין יחזקאל איז די פאַרשטעלונג וועגן אַ ווונדערלעכן שטראָם פון וואַסער, וואָס קוועלט אַרויס פון דעם הייליקן באַרג און גיסט זיך אַראָפּ אין די וויסטענישן פון נגב ביז צום געזאַלצענעם ים. דער נביא האָט אויסגעצייכנט געזען די צענטראַלע פּראָבלעם פון ישראל, די פּראָבלעם פון באַוואַסערן די וויסטעניש.

און דער נביא מאָלט פאַר אונדז אויס אַ הערלעך בילד, ווי דער קוואַל פון בית המקדש שטראָמט אַריין אין ים המלח און דאָס געזאַלצענע וואַסער ווערט געהיילט. דער ים המלח ווערט פול מיט פיש, דאָס לאַנד אַרום דעם ים ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ווונדערלעכן גאָרטן.

אויך נאָך דער תקופה פון שיבת ציון, איז ירושלים געבליבן דער גייסטיקער צענטער פון אַ וועלט־פאָלק. די יידישע באַפעלקערונג אין די גלות־ישובים האָט ווייט אַריבערגעשטיגן די צאָל יידן אין ארץ ישראל. האָבן יידן פון דער גאַנצער וועלט עולה רגל געווען קיין ירושלים. האָט זיך די ירושלים־ראָמאַנטיק כסדר פאַרשטאַרקט. די עולי רגל האָבן דאָך ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו זען דאָס גאַנצע לאַנד, בפרט ווען מען פלעגט על פי רוב קומען אויף אַ יום־טוב, ווען כמעט אַלע פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין דער הייליקער שטאָט. האָט מען מיט דער

גרעסטער ליבע באַוואונדערט די גאַסן, די הייזער און אַלע ווינקעלעך פון דער הייליקער שטאָט:

גייט אַרום ציון, רינגלט זי אַרום,
ציילט אירע טורעמס,
באַטראַכט אירע פעסטונגס־מויערן,
גייט דורך אירע פּאַלאַצן,
כדי איר זאָלט דערציילן
דעם דור וואָס וועט קומען. (תהלים מ״ח)

איז ממילא פאַרשטענדלעך, אַז פאַר די עולי רגל, וואָס פלעגן קומען פון די פאַרוואָרפנסטע לענדער, איז ירושלים געווען די שטאָט פון פרייד, די פרייד פון גאַר דער וועלט (משוש כל הארץ).

און כל זמן ירושלים איז געווען אויפגעריכט, דערציילט אונדז אַ מדרש, איז עס געווען די שטאָט פון פרייד. האָט עמעצער געהאַט געשעפטלעכע חשבונות צו מאַכן, איז ער אַרויס אויסער דער שטאָט, כדי ער זאָל ניט מאַכן זיינע חשבונות אין ירושלים און זיך מצער זיין, אויב ער האָט פאַרלוירן געלט, ווייל ירושלים ווערט דאָך גערופן: די פרייד פון גאַר דער וועלט. און זינט ירושלים איז חרוב געוואָרן, דערציילט אונדז דער מדרש ווייטער, איז פאַרשטערט געוואָרן די שמחה און פאַרטריבן געוואָרן די פרייד פון גאַר דער וועלט. און ווען גאָט ברוך הוא וועט ווידער אויפריכטן ירושלים, וועט ער ווידער אין איר אַריינברענגען גאַר די שמחה, ווי עס שטייט געשריבן: וואָרום געטרייסט האָט גאָט ציון, מיט פרייד און שמחה איז זי פול.

דער נגב

אין אונדזער געשיכטע פאַרנעמט דער מדבר גאַר אַ באַזונדערן פּלאַץ. דער וועג פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט האָט געפירט דורכן מדבר, און די צייט פון די וואַנדערונגען אין מדבר איז אין זכרון פון פאָלק פאַרבליבן ווי אַ ראָמאַנטישע צייט, ווי די צייט, ווען די קינדער פון ישראל האָבן צום ערשטן מאָל געשטעלט זייערע טריט אויפן ברייטן וועג פון דער וועלט־געשיכטע.

דער נגב איז ניט געווען קיין וויסטעניש (הנגב לא מדבר). דער נגב האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע פּעריאָדן. געווען צייטן, ווען אין נגב זיינען געווען אַ גאַנץ היפּשע צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, און געווען, פאַרקערט, אויך פּעריאָדן, ווען דער נגב איז אינגאַנצן געווען אונטערן קאָנטראָל פון די בעדויִנישע וואַנדער־שבטים, און די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים זיינען כמעט ווי פאַרשוווּנדן.

עס קען קיין שום ספק ניט זיין, אַז ביי די וואַנדערונגען דורך דעם מדבר זיינען די קינדער פון ישראל דורכגעגאַנגען אַ רייע פּלעצער אין נגב. מעגלעך

אפילו, אַז אין נגב האָבן די יידן פֿאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פֿון דער מדבר־צייט. די געגנדן פֿון מרה און מריבת קדש, וועלכע ווערן דערמאָנט אין חומש, זיינען וואַרשיינלעך געווען פֿלעצער אין נגב. אין שמות ווערט אפילו דערציילט, אַז אין מרה האָט דאָס פֿאָלק באַקומען זיינע ערשטע געזעצן (שם שם לו חק ומשפט). אַזוי האָט זיך, ווי אייניקע געלערנטע נעמען אָן, גראָד אין נגב אָנגעהויבן די יידישע געשיכטע.

דער קאַמף פֿאַרן נגב דערגייט אַזש ביז צו דער צייט פֿון די אבות. די קאָנפֿליקטן פֿאַר וואַסער זיינען סימבאָליש פֿאַר די מדבר־געגנטן. אין חומש ווערט דערציילט, אַז ערשט ווען די קנעכט פֿון יצחקן האָבן צום דריטן מאָל געפֿונען וואַסער, האָט מען זיך שוין מער ניט געקריגט מיט די שכנים. דאָס איז געווען, ווי אין בראשית ווערט דערציילט, דער ברונעם פֿון רחובות. די יצחק־טראַדיציע האָט אַ גאַנץ קלאָרן היסטאָרישן זין. דאָ ווערט געמאַכט דער פּרוּוו צו באַווייזן, אַז אויף פֿרידלעכע וועגן האָבן די יידן זיך באַמיט צו פֿאַרנעמען און קולטיווירן דעם נגב. דאָס האָבן זיי געזוכט און געפֿונען די וואַסער־קוואַלן אין די מדבר־געגנטן. און ממילא געהערט צו די קינדער פֿון אברהם און יצחק דאָס רעכט צו באַווינען דעם נגב און ווייטער צו קולטיווירן דאָס וויסטע לאַנד.

דער נגב איז פֿון די יידן אויך אויסגענוצט געוואָרן פֿאַר אינדוסטריעלע צוועקן, ווי די פֿאָרשונגען פֿון דר. נעלסאָן גליק האָבן באַוויזן. געווען איז עס, ווי מיר ווייסן דאָס, אגב, פֿון תנ״ך, אין דער צייט פֿון קעניג שלמה, אין דער בלי־תקופֿה פֿון דער יידישער מלוכה.

די ווירקלעכקייט פֿון נגב איז תמיד געווען אָן אָרעמע. דערפֿאַר אָבער האָט דער נגב פֿאַרנומען אַ פּלאַץ אין די חלומות פֿון יידישן פֿאָלק. ווען אליהו, למשל, האָט געמוזט פֿאַרלאָזן ישראל, איז ער אַוועק אין נגב. פֿון באר שבע אין נגב איז ער ווייטער געגאַנגען ביז צום באַרג חורב. און דאָ ביים באַרג חורב, לייענען מיר אין מלכים, האָט זיך גאָט צו אים באַוויזן.

אויסערגעוויינטלעך מערקווערדיק איז די אוטאָפּישע וויזיע וועגן דעם נגב, וועלכע מיר געפֿינען אין ספר יחזקאל. זיין חלום ליגט אויף דער ליניע פֿון דער תנ״ך־טראַדיציע: אויסברייטערן דאָס געביט פֿון ישראל דורך פֿאַרוואַנדלען מדבר־געגנטן אין פּרוכטבאַר לאַנד. עס איז, אמת, אַ שווערער וועג, אפשר דער שווערסטער וועג, אָבער נאָך ביז צום היינטיקן טאָג — דער איינציקער וועג.

III

יידן צווישן די פעלקער

וואס ווייס די וועלט וועגן יידן און יידישקייט ?

"פאַראַן אַ פאָלק... און זיינע געזעצן זיינען

אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער..."

אין וואָס איז באַשטאַנען אונדזער אָפּגעזונדערטקייט ? פאַרוואָס זיינען מיר געווען אַזוי פאַראייניזאַמט, סיי אין די צייטן פון תנ"ך און סיי דורך די יאָרהונדערטער פון אונדזערע וואַנדערונגען און וואַגלונגען איבער דער וועלט. דאָס איז געווען ניט דערפאַר, ווייל מיר האָבן זיך מיט אַ כוונה אָפּגעשלאָסן, נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבן געגלויבט אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ מער גערעכטער וועלט.

דער ייִדישער וויכוח מיט דער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין דער צייט פון תנ"ך. עס איז דער אַלטער וויכוח צווישן מאַכט און מאָראַל. אפילו אַזעלכע גרויסע גריכישע דענקער ווי פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס האָבן באמת געגלויבט, אַז פּאָליטיק און מאָראַל לאָזן זיך ניט פאַראייניקן. דאָס ווערט כסדר איבערגעחזרט פון די פאַרשיידנסטע פּאָליטישע דענקער. אייניקע טוען עס אויף אַ גאַנץ קלאָרן און ציניִשן אופן, ווי דאָס האָט, למשל, געטאָן דער איטאַליענישער דענקער מאַקיאַוועלי ; אַנדערע טוען עס אויף אַ מער פאַרמאַסקירטן אופן, ווי דאָס האָט געטאָן דער דייטשער פילאָזאָף העגעל. העגעל האָט געשאַפן אַ קולט פון דער מלוכה. "די מלוכה, האָט העגעל געשריבן, איז די געטלעכע אידעע ווי זי אַנטפּלעקט זיך אויף דער ערד... דאַרפן מיר דערפאַר אָפּגעבן געטלעכן כבוד דער מלוכה... די מלוכה איז דער געטלעכער מאַרש דורך דער וועלט". איז דערפאַר די מלוכה — לויט דער העגעלשער פילאָזאָפיע — אויסער די גרענעצן פון מאָראַל. אויפן שטאַרקסטן אופן האָט העגעל באַאיינפלוסט די אידעאָלאָגיע פון די קאָמוניסטישע טעאָרעטיקער. דער קולט פון דער מלוכה־מאַכט ליגט דאָך אין יסוד פון דער גאַנצער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע.

אַקעגן דעם איז די גאַנצע ייִדישע געשיכטע אַ פּראָטעסט קעגן דער עבודה זרה פון דער מלוכה. די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון מאָראַל, האָבן די ייִדישע דענקער פון אַלע צייטן געטענהט, זיינען גילטיק אויך פאַר מלוכות, אויך פאַר פּאָליטישע פירער. אַפילו דער אַלמעכטיקער באַשעפער פון דער וועלט היט אָפּ די אייביקע און אַבסאָלוטע פּרינציפּן פון גערעכטיקייט. "השופט כל הארץ לא יעשה משפט" ? — קומט אברהם אבינו צום רבונו של עולם מיט דער טענה. דער העכסטער ייִדישער פּרינציפּ איז ניט מלוכה, ניט מאַכט, נאָר גערעכטיקייט און בלויז גערעכטיקייט.

איך לייקן ניט די נייטיקייט פון געוויסע פשרות מיט אונדזערע הייליקסטע אידעאַלן. עס איז אָבער וויכטיק צו וויסן און צו געדענקען, אַז דאָ האָבן מיר

געמאַכט אַ פּשרה, אַז מיר האָבן פאַרבויגן אונדזער אידעאַל צוליב די פאָדערונגען פון פּראַקטישער נויט, ווייל מיר האָבן פשוט קיין אויסוועג ניט געהאַט. אָבער גילטן מוזן די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון מאָראַל אויך אין די באַציונגען צווישן פעלקער. די נאַקעטע מאַכט-פּאָליטיק קען חרוב מאַכן אונדזער וועלט.

מיר זיינען אַן אַלט פאָלק, אַ פאָלק, וואָס האָט אַ סך געליטן און אַ סך געשאַפן. מיר האָבן דאָס פולע רעכט צו קומען צו דער וועלט מיט פאָדערונגען. און אונדזערע פאָדערונגען זיינען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך און אַזוי באַשיידן. מיר ווילן האָבן די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן. מיר ווילן האָבן די מעגלעכקייט ווייטער צו אַנטוויקלען אונדזער קולטור-ירושה. אָבער אונדזערע פאָדערונגען קענען געהערט ווערן נאָר אין אַ וועלט, וווּ מען הערט זיך צו צו די פאָדערונגען פון די שוואַכע, וווּ גערעכטיקייט איז מער ווי מאַכט. אונדזער וויכוח מיט דער וועלט איז אַלט. אַזוי אַלט ווי די יידישע געשיכטע. עס איז אָבער, ווייזט אויס, געקומען די צייט, ווען די וועלט מוז אָנהייבן צו פאַרשטיין, אַז דער אַלטער חלום פון די נביאים מוז ווערן אונדזער ווירקלעכקייט.

גאָר אַ סך געלערנטע קאָנען ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט אַזאַ קליין פאָלק ווי ישראל באַוויזן צו שאַפן אַן אייגענע ציוויליזאַציע, אַן אייגענע און זעלבשטענדיקע קולטור, וואָס האָט זיך שאַרף אויסגעטיילט פון די אַרומיקע קולטורן. דאָס האָט ניט פאַרשטאַנען אַזאַ געלערנטער און דענקער ווי זיגמונד פרויד, וואָס האָט טאַקע געמאַכט דעם אויספיר, אַז דער מאָנאָטעיזם איז גאָר ניט געווען קיין יידישע פילאָזאָפיע. משה רבינו איז גאָר געווען אַן עגיפּטער. און אויך טאַינבי האָט אַנטוויקלט אַ פילאָזאָפיע וועגן דער אַזוי גערופענער סירישער ציוויליזאַציע, וואָס האָט אויך אַנגעשלאָסן דאָס לאַנד ישראל. אויך גרויסע דענקער קענען זיך פאַרפּלאָנטערן. וואָס מער מיר שטודירן די ציוויליזאַציע פון די אַלטע פעלקער, אַלץ מער ווערט פאַר אונדז קלאָר די אייגנאַרטיקייט און באַזונדערקייט פון דער יידישער ציוויליזאַציע, פון דער וועלט פון תנ״ך.

יידן זיינען ניט געווען איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט. אויך אין דער צייט פון די נביאים און מלכים זיינען יידן כסדר געשטאַנען אין דעם נאָענטסטן קאָנטאַקט מיט זייערע שכנים, מיט די עגיפּטער, מיט די פעניקיער, מיט די אַראַבער א.אז.וו. אַט דער קאָנטאַקט מיט דער וועלט ווערט קלאָר אַרויסגעבראַכט אין די סיפּורים פון חומש און אין אַלע אַנדערע ספרים פון תנ״ך. אברהם אבינו קומט פון מעסאָפּאָטאַמיע, ער וואַנדערט אַרום אין דעם לאַנד כנען און פאַרברענגט אַ צייט אין מצרים. אויך יעקב איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ וואַנדערער, און ער אַליין און זיינע קינדער האָבן פאַרענדיקט זייער לעבן אין מצרים. פון די היסטאָרישע ספרים ווערן מיר געוווּר, ווי די יידישע מלכים האָבן אָפט געבראַכט צו זיך פרויען פון דער פרעמד.

די גאַנצע געשיכטע פון ישראל און יהודה איז אַ כסדרדיקער קאָנפליקט צווישן די פרעמדע איינפלוסן און דער רעליגיעזער טראַדיציע פון די נביאים. און עס האַנדלט זיך דאָ ניט נאָר וועגן איינפלוסן, וואָס זיינען געקומען פון דער

פרעמדס. אויך די יידן גופא האָבן געהאַט הינטער זיך אַ געשיכטע פון געצנדינסט, ווי עס ווערט געזאָגט אין יהושע כ״ד: ״אויף יענער זייט טייך זיינען געזעסן אייערע עלטערן פון אייביק אָן, תרח, דער פאָטער פון אברהמען און דער פאָטער פון נחורן, און זיי האָבן געדינט פרעמדע געטער״.

מיט אברהם אבינו הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה פון גלויבן און ציוויליזאַציע. אָבער ווי מערקווערדיק דאָס זאָל ניט קלינגען, אויך די קינדער פון אברהם אבינו האָבן ניט באַוויזן אינגאַנצן אָפּצוטרייסלען פון זיך די רעשטלעך פון דער געצנ־דינערישער וועלט. אַזוי ווערט דערציילט אין בראשית ל״ה: נאָכדעם ווי יעקב און זיין פאַמיליע זיינען געקומען צוריק פון לבנען, לייענען מיר דאָ, האָט ער געזאָגט צו זיין הויזגעזינד און צו אַלע, וואָס זיינען געווען מיט אים: ״טוט אָפּ די פרעמדע געטער, וואָס איר האָט ביי אייך, און רייניקט אייך און בייט איבער אייערע קליידער... האָבן זיי אָפּגעגעבן יעקבן אַלע פרעמדע געטער, וואָס אין זייער האַנט, און די אוירינגען, וואָס אין זייערע אויערן, און יעקב האָט זיי באַהאַלטן אונטערן בוים, וואָס ביים שכם״. אַזוי איז עס געוואָרן אַ כסדרדיקער קאָנפליקט צווישן צוויי טראַדיציעס, צווישן צוויי ציוויליזאַציעס, צווישן צוויי וועלטן.

די סיטואַציע איז ניט געוואָרן בעסער, ווען די קינדער פון ישראל האָבן זיך באַזעצט אין מצרים. די געשיכטע מיטן גאָלדענעם קאַלב לערנט אונדז ווי שווער עס איז געווען פאַר די יידן אין מדבר זיך אָפּצוזאָגן פון די געצנדינערישע געוווינהייטן. אין לויף פון די ווייטערדיקע דורות האָט זיך דער קאָנפליקט צווישן די צוויי טראַדיציעס אַלץ מער און מער פאַרשאַרפט. די ספרים פון די נביאים זיינען אין דעם פרט די בעסטע עדות. און די ספרים פון די נביאים מאַכן פאַר אונדז אויך אַבסאָלוט קלאָר, אז דער אָפּנייג צו געצנדינסט איז געגאַנגען כסדר האַנט אין האַנט מיטן וווקס פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, אַלגעמיינער דעמאָ־ראַליזאַציע און אויסגעלאַסנקייט.

יידן האָבן זיך תמיד באַגעגנט מיט דער ניט־יידישער וועלט. יידן האָבן געהאַנדלט מיט זייערע שכנים. און ניט ווייניק יידן זיינען פון צייט צו צייט געווען געצוווּנגען אויסצוּוואַנדערן פון זייער היימלאַנד. אין ארץ ישראל גופא זיינען אַ חוץ דעם פאַרבליבן רעשטלעך פון דער אַלטער כנענישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן זיך ביסלעכווייז צונויפגעמישט מיט די יידישע שבטים. און דאָך האָבן יידן געפילט, אַז זיי זיינען אַ פאָלק אינגאַנצן פאַר זיך, אַן עם לבדד ישכון, אַ פאָלק, וואָס טיילט זיך אויס פון די פעלקער פון דער וועלט. גענוי דאָס זעלביקע האָבן געפילט די שכנים פון ישראל און יהודה. האָט דאָך שוין המן הרשע געהאַט טענות צו די יידן פון זיין צייט: ״פאַראַן אַ פאָלק — האָט המן געזאָגט צום קעניג אחשורוש — וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות פון דיין מלוכה, און זייערע געזעצן זיינען אַנדערש ווי ביי די אַנדערע פעלקער״. דאָס וואָרט געזעץ האָט דאָ אַ ברייטערע באַדייטונג. עס נעמט אַריין דעם לעבנסשטייגער, די באַציונגען צווישן מענטש און מענטש, פאַמיליע־לעבן, רעליגיע א.אַז.וו. ווייל יידישקייט איז פון תמיד אָן געווען אַ ציוויליזאַציע פאַר זיך,

צוליב דעם האָט יידישקייט ניט געקענט מאַכן קיין פשרות מיט געצנדינערישע קולטן און ריטואַלן. די געצנדינערישע פעלקער האָבן געקענט זיין טאָלעראַנט. ס'איז פאַר זיי ניט געווען קיין טראַגעדיע, אויב ס'זיינען צוגעקומען נאָך מיט־גלידער צו דער פאַרצווייגטער געטער־משפחה. אפילו דער יידישער פאָלקסמענטש פון דער צייט פון תנ״ך איז ניט זעלטן געווען טאָלעראַנט צו די פרעמדע אָפּגעטער. דער קאַמף פון די נביאים קעגן עבודה זרה איז ניט געווען סתם אַ רעזולטאַט פון יידישער רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ, ווי אַרנאָלד טאָיינבי שטעלט זיך דאָס פאָר. די עקשנות פון די נביאים ערקלערט זיך אויף אַ גאַנץ פשוטן אופן: זיי האָבן געזען אין יידישקייט אַ באַזונדערע ציוויליזאַציע, אַ נייעם וועג אין לעבן. האָבן זיי אַזוי ביטער געקעמפט פאַר די אמתן פון אָט דער נייער יידישער ציוויליזאַציע.

די געצנדינערישע וועלט

דער גרויסער קאָנפליקט צווישן די נביאים און דער געצנדינערישער וועלט האָט זיך געפירט אַרום דער פראַגע וועגן שלום אין הימל. די נביאים האָבן געגלויבט אין איין וועלט און אין איין באַשעפער פון דער וועלט. איז פאַר זיי דערפאַר דער געדאַנק פון שלום געווען נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך. שלום האָט געהערט צום פּלאַן פון גאָטס וועלט. עס איז געווען דער זין און דער ציל פון אַלע אונדזערע שטרעבונגען.

די געצנדינער אָבער האָבן געגלויבט אין אַ סך געטער און אין מלחמות צווישן די געטער. און אויב אין הימל איז ניטאָ קיין שלום, ווי אַזוי קען דאָן זיין שלום אויף דער ערד?

אויך דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אין משך פון דורות ניט געקענט באַפרייען פון די אַלטע געצנדינערישע פאַרשטעלונגען. און די נביאים איז אויסגעקומען צו פירן אַ לאַנגן און עקשנותדיקן קאַמף פאַר דעם גלויבן אין איין באַשעפער פון דער וועלט. נאָך אין דער צייט פון אליהו הנביא האָבן אַ סך געלויבט, אַז דער גאָט פון ישראל איז ניט דער גאָט, וואָס גיט רעגן. דער שליסל צו די וואַסערן אין הימל, האָבן דאָן אַ סך געגלויבט, געפינט זיך גאָר ביים אָפּגאָט בעל. עס איז געווען אַ גרויסע רעוואָלוציע, ווען אליהו הנביא האָט דעם פאָלק באַוויזן, אַז דער גאָט פון ישראל איז אויך דער גאָט פון רעגן און דער האַר פון דער גאַנצער וועלט.

אין די טעג פון סוכות ווערט באַזונדערס פייערלעך באַטאָנט דער זיג פון דער מאָראַלישער רעליגיעזער אידעע איבער דער אַלטער און פרימיטיווער נאַטור־רעליגיע. סוכות איז געווען, ווי מיר ווייסן פון תנ״ך, אַ נאַטור־יום־טוב אויך ביי די שכנותדיקע פעלקער פון ישראל. עס איז געווען אַ צייט פון פרייד מיט דער מזל־ברכה אויף די פעלדער פון פאַרגאַנגענעם יאָר און אַ צייט פון תפילה פאַר אַ מזל־ברכה אין דעם קומענדיקן יאָר. סוכות פאַלט אויס אין אָנהייב פון רעגנצייט

אין ישראל, ווען דער גורל פון לאַנד ווערט באַשטימט פאַרן גאַנצן יאָר. אַזוי ווערט דערציילט אין דער משנה:

נאָכדעם ווי די פייערלעכקייטן זיינען געווען פאַרענדיקט, האָבן די פאַרזאַמלטע זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו מערב און האָבן געזאָגט: אונדזערע עלטערן, ווען זיי זיינען געווען אויף דעם פּלאַץ, זיינען געשטאַנען מיטן פּנים צו מזרח און האָבן זיך געבוקט צו מזרח, צו דער זון, און מיר — צו גאָט זיינען אונדזערע אויגן. ר׳ יהודה זאָגט: "זיי פלעגן איבערחזרן און זאָגן: "מיר זיינען צו גאָט און צו גאָט זיינען אונדזערע אויגן" (הגיעו לשער היוצא ממזרח הפכו פניהם למערב ואמרו: אבותינו שהיו במקום הזה אחוריהם אל ההיכל ופניהם קדמה, והמה משתחוים קדמה לשמ, ואנו ליה עינינו. רבי יהודה אומר: היו שונין ואומרין — אנו ליה ועינינו ליה).

ווי עס ווערט דאָ דערציילט אין דער משנה, פלעגט מען קומען יום־טוב אין בית המקדש און זיך בוקן פאַר דער זון. איז ממילא ניט געווען קיין שלום אין הימל. ערשט ווען די אידעען פון די נביאים האָבן געזיגט, איז גאָט געוואָרן דער שעפער פון שלום אין הימל און אויף דער ערד. דערפאַר איז אויך דער יום טוב סוכות געוואָרן דער סימבאָל פון שלום.

א גרויסן רושם האָבן אין זייער צייט (1929) געמאַכט די אַנטדעקונגען פון די אַזוי גערופענע ראַס שמרה טעקסטן. דאָס איז באמת געווען אַן אַנטדעקונג פון גאָר אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט. די געגנד פון ראַס שמרה ליגט ביים מיטל־לענדישן ים צו צפון פון ישראל. געווען דאָ אַן אַלטע כנעניש־פעניקישע שטאָט מיטן נאָמען אוגאַריט. זיינען דאָ געפונען געוואָרן וויכטיקע ליטעראַרישע טעקסטן, וועלכע האָבן אונדז געהאָלפן קלאָר צו מאַכן אַ סך טונקעלע פּונקטן פון אַלטן מזרח בכלל און וואָס איז שייך די באַציונגען צווישן די אַלטע כנענים און ישראל בפרט. מען האָט דאָ געפונען אַ סיסטעם פון גאָר אַ נייער שריפט, מעגלעך די עלטסטע אלף־בית־שריפט, וואָס איז אונדז באַקאַנט. די טעקסטן זיינען געשריבן אין אַ כנענישן דיאַלעקט, וואָס איז זייער נאָענט צום העברעיש פון תנ״ך. צווישן די געפונענע שריפטן זיינען פאַראַן אַ צאָל רעליגיעזע פּאָעמעס, וועלכע האָבן פאַר די פאַרשער פון תנ״ך גאָר אַ באַזונדער באַדייטונג.

אויך דאָס מאָל האָבן זיך געפונען אַ צאָל ענטוזיאַסטישע געלערנטע, וועלכע האָבן געפּרובירט באַווייזן, אַז יידן האָבן זייער קולטור דער עיקר איבערגענומען פון די כנענים. די דאָזיקע כנענישע שיטה האָט זיך געהאַט אויף וואָס צו שטיצן. באמת געפינען מיר אין תנ״ך אַ צאָל אויסדרוקן און פּאָעטישע פאַרגלייכן, וועלכע מיר באַגעגענען שוין אין די אוגאַריט־טעקסטן. דאָס איז ניט קיין ווונדער. די יידן און די פעניקיער זיינען געווען נאָענטע שכנים און זיי האָבן דעריבער זיכער איינע די אַנדערע באַאיינפלוסט. מיר ווייסן דאָס, אגב, גאַנץ געגוי פון תנ״ך. און דאָך באַווייזן דווקא די אוגאַריט־טעקסטן די גאַנץ באַזונדערע קולטור פון יהודה און ישראל. די אַלטע פעניקיש־כנענישע פּאָעמען, אָפּט פון אַ היפּשן ליטעראַרישן

ווערט, צייכענען זיך אויס מיט זייער ברוטאַלער מגושמדיקייט און ווילדער אַכזריות. ניטאָ דאָ כמעט קיין שפּור פון יענער טיפער מענטשלעכקייט, וואָס צייכנט אַזוי אויס די פּאָעזיע פון תנ"ך. צוויי פעלקער האָבן דאָ אַזוי נאָענט געלעבט בשכנות און דאָך — וואָס פאַר אַן אונטערשייד!

דער אויפטו פון די יידישע דענקער און דיכטער פון דער צייט פון תנ"ך איז ניט באַשטאַנען בלויז דערין, וואָס זיי האָבן געבראַכט דער וועלט די אידעע פון איין גאָט. ניט ווייניקער וויכטיק איז דער פאַקט, וואָס מיט די אידעען פון מאָנאָטעיזם איז געוועזן פאַרבונדן — און דאָס איז דער גרעסטער אויפטו — די אַנטדעקונג פון דעם מענטשן. די נביאים פון ישראל און יהודה האָבן פאַר אונדז אַנטפּלעקט דעם מענטשן. און דערזעענדיק דעם מענטשן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַגרייפן דעם זין פון מענטשלעכקייט. ווען מיר באַקענען זיך מיט די געזעצן פון די אַלטע פעלקער, ווען מיר לייענען די טעקסטן פון די דיכטער און דענקער פון דער אַלטער אָריענטאַלישער וועלט, דאַן ווערט פאַר אונדז פאַרשטענדלעך די געוואַלטיקע ווירקונג, וואָס דער תנ"ך האָט געהאַט. עס איז דאָס מענטשלעכסטע ווערק וואָס די וועלט האָט געזען. מיר ווייסן וויל, אַז עס איז אַ הויכע מדרגה צו אַנטדעקן געטלעכקייט אין דער וועלט. עס איז אָבער אַ ניט ווייניקער הויכע מדרגה צו אַנטדעקן מענטשלעכקייט. דאָס האָבן באַוויזן די יידישע דיכטער און דענקער פון דער צייט פון תנ"ך.

די גריכן פון אמאל און די יידן

צוויי אַלטע פעלקער האָבן אַרויפגעלייגט זייער באַזונדערן שטעמפּל אויף דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון אונדזער מאָדערנער קולטור: דאָס זיינען די גריכן און די יידן. אויך די גריכן פון אַמאָל זיינען געווען צווייפלער און גריבלער. זיי האָבן זיך באַמיט אונדז צו אַנטפּלעקן די סודות פון דער נאַטור. דערפאַר זיינען זיי געוואָרן די באַגרינדער פון אונדזער מאָדערנער וויסנשאַפט. די יידישע דענקער האָט מער אינטערעסירט די פראַגע וועגן דעם מענטשן, וועגן דעם זין פון מענטשלעך לעבן און וועגן די מאָראַלישע געזעצן, וואָס הערשן אין דער וועלט און אין דער געשיכטע.

די אַזוי גערופענע מערבדיקע קולטור־וועלט האָט איבערגענומען די ירושה פוןביידע קולטורן — פון דער גריכישער און פון דער יידישער. פאַר די לעצטע פאַר הונדערט יאָר האָט זיך אָבער געוואַלדיק אַנטוויקלט די מאָדערנע וויסנשאַפט, און עס האָט אויסגעוויזן, אַז דער יידישער חלק אין דער קולטור ווערט אינגאַנצן איבעריק. אַ סך מאָדערנע פילאָזאָפן און דענקער לייקענען בכלל אָפּ דעם געדאַנק פון אַ מאָראַלישן וועלט־געזעץ, און אויב אַזוי, וואָס קענען אונדז העלפן די יידישע דענקער און דיכטער פון אַמאָל? און אויב עס איז טאַקע ריכטיק, אַז אויף דער וועלט הערשן נאָר די בלינדע געזעצן פון דער נאַטור, אַז נאָר מאַכט און ניט

גערעכטיקייט באַשטימט דעם גאַנג פון דער וועלט, דאָן פּאַרלירט נאַטירלעך די אַלטע יידישע טראַדיציע איר גאַנצן זין. עס איז אָבער אין דער זעלביקער צייט געוואָרן אַלץ מער און מער קלאָר, אַז אָן דעם יידישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דער וועלט קען די מענטשלעכע געזעלשאַפט גאָרניט עקזיסטירן. און די פראַגע איז: פון וואַנען קומען צו אונדז די מאָראַלישע באַגריפן און מאָראַלישע אידעען? האָט דער מענטש געשאַפן די מאָראַל, ווי עס מיינען אייניקע מאָדערנע געלערנטע און דענקער, אָדער האָט די מאָראַל געשאַפן דעם מענטשן, ווי עס גלויבט די יידישע טראַדיציע?

אונדזערע עלטערן האָבן געגלויבט אין משיחן און אונדזערע אויפגעקלערטע ראַדיקאַלן האָבן פּונקט אַזוי געגלויבט אין "פּראָגרעס". פון וואַנען האָט מען עס געוווּסט, אַז די וועלט מוז כסדר פּראָגרעסירן, אַז די מענטשן מוזן ווערן אַלץ בעסער? האָבן מיר דאָך צו אונדזער גרויסן צער געזען, אַז די מענטשן קענען ווערן נאָך גרעסערע רשעים. און דאָך, אפילו נאָך היינט, נאָך די גרוילן פון טרעבלינקע, גלויבן מיר נאָך אַלץ אין אַ בעסערע וועלט. לויט די געזעצן פון דער וויסנשאַפט האָבן מיר, אמת, ניט קיין שום גרונד דערפאַר. מיר קענען אָבער בשום אופן ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די וועלט ווערט באַהערשט בלויז פון די ווילדע געזעצן פון דער נאַטור און פון די ווילדע ליידנשאַפטן פון מענטשלעכער רישעות. דערפאַר פאַרענדיקן מיר שטענדיק מיט די הייליקע ווערטער פון "אני מאמין". מיר גלויבן, ווייל מיר מוזן גלויבן, ווייל מיר קענען גאָרניט עקזיסטירן אָן אַ גלויבן.

און עס איז כדאי צו האָבן אין זינען, אַז דעם גלויבן אין פּראָגרעס, אין אַ סך אַ העכערער און מער געלייטערטער פאָרם, האָבן די ערשטע געשאַפן די יידישע נביאים. זיינען זיי דאָך געווען די ערשטע, וואָס האָבן געבראַכט דער וועלט די בשורה פון משיחס צייטן, פון אַ וועלט פון אמת און יושר, פון אַ וועלט פון ליבע און גערעכטיקייט.

די יידישע נביאים האָבן אויפן שאַרפסטן אופן באַקעמפט די פילאָזאָפיע פון מזל און בלינדן צופאַל. באַזונדערס קלאָר האָט עס אויסגעדריקט ירמיהו הנביא. "אַזוי האָט גאָט געזאָגט: פון דעם וועג פון די פעלקער זאָלט איר ניט אָפּלערנען און פאַר די צייכנס פון הימל זאָלט איר זיך ניט שרעקן, ווייל די פעלקער שרעקן זיך פאַר זיי" (כה אמר ה׳ אל דרך הגויים אל תלמדו ומאותות השמים אל תחתו כי יחתו הגויים מהמה). די געזעצן פון די פעלקער, זאָגט אונדז ווייטער דער נביא, זיינען ניט מער ווי נאַרישקייטן. מיר האָבן ניט וואָס צו קוקן אויף די צייכנס פון הימל, אויפן גאַנג פון די שטערן. ניין, דער גאַנג פון די שטערן קען ניט באַשטימען דעם גורל פון די מענטשן.

עס זיינען פאַראַן, לויטן גלויבן פון די נביאים, אייביקע מאָראַלישע געזעצן, וועלכע ווירקן אין דער געשיכטע און זיי באַשטימען אויך דעם גורל פון די מענטשן. מאָראַל אָדער בלינדער צופאַל, גערעכטיקייט אָדער מזל — דאָס איז די

פראַגע וואָס די יידישע דענקער האָבן זיך געשטעלט, און דאָס איז אויך די פראַגע, וואָס שטייט נאָך פאַר אונדז היינט.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו גלויבן, אַז די יידישע טראַדיציע גיט אונדז דעם פולן ענטפער אויף אָט די פראַגן. אַ סך פּראָבלעמען זיינען געבליבן ניט פאַרענטפערט. דער באַקאַנטער תּלמודישער מאמר "אין מזל לישראל" ווערט אויסגעטייטשט אויף צוויי אופנים. דער אייגנטלעכער טייטש איז, אַז יידן דאַרפן זיך ניט רעכענען מיטן מזל, מיט די צייכנס פון די שטערן. אַ צווייטער טייטש — יידן האָבן טאַקע קיין מזל ניט אויף דער וועלט. און די פראַגע איז: צוליב וואָס ליידן זיי אַזוי פיל און וואָס איז דער זין פון זייער ליידן?

*

ווי אַ פאָלק, וואָס לעבט אָפּגעזונדערט פון אַנדערע, ווערן יידן, אגב, אויך כאַראַקטעריזירט אין חומש (הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב). אין דער זעלביקער צייט אָבער זיינען יידן פון תמיד געווען א וועלט־פאָלק און דער יידישער גלויבן איז פון תמיד אָן געווען אַ גלויבן פאַר אַלע מענטשן, פאַר אַלע פעלקער אויף דער וועלט.

און אַזוי איז אויך געווען שפּעטער אין דער לאַנגער תּקופה פון גלות. צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און פאַרבונדן מיט דער גאַנצער וועלט, זיינען מיר תמיד געווען און פאַרבליבן אַ פאָלק פאַר זיך. מיר האָבן אָפּט אָנגענומען פרעמדע שפּראַכן, אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן אונדזער אייגענעם לשון. מיר האָבן כסדר אויפגענומען נייע אידעען און קיינמאָל ניט פאַרלאָזן דעם יידישן וועג.

די יידישע דענקער האָבן געהאַט גרויסע אַמביציעס. זיי זיינען געווען, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, גייסטיקע אימפּעריאַליסטן. דער נביא ישעיה, דער וווּנדערלעכער טרוימער פון אייביקן שלום, פון דער צייט, ווען די פעלקער וועלן "איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן אויף שנייד־מעסערס", האָט אָבער אין דער זעלביקער צייט געגלויבט, אַז דער אידעאַל פון שלום וועט קענען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר אין דעם פאַל, ווען פון ציון וועט אַרויסגיין די תורה און גאָטס וואָרט פון ירושלים (כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים). ענלעכע געדאַנקען געפינען מיר אויך ביי אַנדערע נביאים.

איז טאַקע דער נביא ישעיה געווען גערעכט? אָדער קענען מיר זיך שוין היינט, אין אונדזער אויפגעקלערטער תּקופה, באַגיין אָן די חלומות פון די נביאים און אָן דער תורה פון ציון?

אויך די חכמים פון אַטען האָבן געהאַט די זעלביקע אַמביציעס, ווי די נביאים פון ישראל און יהודה, און אַ טייל פון זייערע אַמביציעס האָבן זיי געוויס דער־גרייכט. אין לויף פון דער געשיכטע האָבן זיך די אַמביציעס פון אַטען און ירושלים אָפט באַגעגנט, אָפט צוזאַמענגעשטויסן און ביז צום היינטיקן טאָג האָבן מיר נאָך ניט געפונען דעם אידעאַלן וועג ווי האַרמאָניש צו פאַראייניקן אַטען און ירושלים. נאָך אין דער צייט פון בית שני, האָט דער באַדייטנדסטער יידישער פילאָזאָף פון יענער צייט, פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, אָנגעשריבן אַ גאַנצע רייע ווערק, וואָס

האָבן געהאַט דעם צוועק צו פאַראייניקן און אויסצוגלייכן די תורה פון ישראל מיט דער חכמה פון גריכנלאַנד.

כאַראַקטעריסטיש דערביי איז דער פאַקט, וואָס די יידישע פילאָזאָפישע ליטעראַטור, אויף וויפל זי איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון ניט־יידישע דענקער, איז געשריבן געוואָרן, דער עיקר, אין פרעמדע שפּראַכן. פילאָן פון אַלעקסאַנדריע האָט געשריבן אין גריכיש; דער רמב״ם האָט זיין ספר ״מורה נבוכים״ געשריבן אין אַראַביש; אין ניינצענטן יאָרהונדערט זיינען כמעט אַלע ווערק געשריבן געוואָרן אין דייטש. דאָס ווייזט אונדז ווי שטאַרק אַ סך יידישע דענקער זיינען פון דער עלטסטער צייט אָן באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער ניט־יידישער וועלט.

דער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן דער גריכישער פילאָזאָפיע און דער יידישער באַשטייט אין דעם, וואָס די גריכישע דענקער האָבן זיך באַמיט צו פאַרשטיין און צו ערקלערן די וועלט ווי זי איז, בעת די יידישע דענקער האָבן אונדז פּרובירט באַווייזן, ווי די וועלט דאַרף זיין. עס זיינען, נאַטירלעך, אויך געווען אויסנאַמען. אָבער גראָד די אויסנאַמען באַשטעטיקן דעם כלל.

כמעט ביי אַלע יידישע דענקער איז די משיחישע אידעע דער צענטראַלער מאָטיוו. ווי קומען מיר צו אַ גערעכטערער וועלט? ווי געפינט מען דעם וועג בעסער צו מאַכן די וועלט? דאָס איז ביי יידן דער עיקר פון אַלע עיקרים, די פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען. האָבן דעריבער די גייסטיקע פירער פון יידישן פאָלק אויך געגלויבט אין דער אידעע פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט. מאָראַל איז פאַר די יידישע דענקער ניט נאָר אַ פּראָדוקט פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע, נאָר דער סאַמער פונדאַמענט פון דער וועלט. מאָראַל איז דער טייל פון געטלעכ־קייט, וואָס דער באַשעפער פון דער וועלט האָט געגעבן דעם מענטשן (חלק א־לוה ממעל).

עס קען ניט זיין קיין מאָראַל אין מענטשן, האָבן געטראַכט די יידישע דענקער, אויב עס איז ניטאָ קיין מאָראַל אויסען מענטשן, אין דער גרויסער וועלט אַרום. איז דאָך דער מענטש אַליין אַן אָרגאַנישער טייל פון דער וועלט. אין דער נאַטור אָבער הערשט דאָס געזעץ פון דעם שטאַרקערן. פון וואַנען קומט דאָס מאָראַלישע געפיל צו דעם מענטשן?

דער קלאַסישער יידישער ענטפער איז: פאַראַן אַ מאָראַל אין דער וועלט אויסערן מענטשן! די מאָראַל איז געטלעך, און ווייל גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין פאָרם און אין זיין געשטאַלט, איז דער מענטש געוואָרן אויך אַ מאָראַלישע באַשעפעניש. קעמפן אין אים דעריבער צוויי כוחות: דער כוח פון דער נאַטור און די געטלעכע בענקעניש נאָך גערעכטיקייט. אָט דער קאַמף מוז זיך פאַרענדיקן מיט דער פאַרווירקלעכונג פון דעם משיחישן חלום, מיט דער הערשאַפט פון שלום און גערעכטיקייט אויף דער גאַנצער וועלט.

מאָראַל איז אָבער ניט מעגלעך אָן פרייהייט, אָן דער ברירה אויסצוקלייבן צווישן גוטס און שלעכטס. ווי קען מען זיך אָבער פאָרשטעלן די עקזיסטענץ פון

מאַראַל אין דער וועלט, ווו עס הערשן בלויז די אייזערנע און אומברחמנותדיקע געזעצן פון דער נאַטור?

דער רמב״ם, דער באַדייטנדסטער יידישער דענקער פון מיטלאַלטער, האָט זיך מיט דער פראַגע באַזונדערס פאַרנומען. די שיטה פון דעם רמב״ם איז אויפגע־בויט אויף די יסודות פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע. און עס איז העכסטנס כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין דעם סאַמע וויכטיקסטן פונקט זאָגט זיך דער רמב״ם אָפּ פון דער שיטה פון אַריסטאָטעלעס און נעמט אײנאַנצן אָן דעם יידישן טראַדיציאָנעלן צוגאַנג. די שיטה פון אַריסטאָטעלעס האָט געלערנט דעם פּרינציפּ, אַז די וועלט איז אייביק (קדמות העולם), בעת דער רמב״ם האָט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון ״חידוש העולם״, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, ווי עס שטייט אין חומש: ״אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד״.

און דער רמב״ם האַלט דאָ פאַר נייטיק צו ערקלערן: מיינט ניט, אַז מען וואָלט ניט געקענט אויסטייטשן די פסוקים פון דער תורה אין הסכם מיט דער שיטה פון אַריסטאָטעלעס. עס געפינען זיך דאָך אין דער תורה אויך פסוקים, ווו גאָט ווערט געשילדערט אויף אַ מענטשלעכן אופן, מיט מענטשלעכע אייגנשאַפטן און אפילו מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן, און מיר האָבן עס אויסגעטייטשט סימבאָליש... אַזוי וואָלטן מיר אויך געקענט אויסטייטשן די פסוקים, ווו עס רעדט זיך וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט. — און בלי ספק וואָלט דער רמב״ם געקענט באַוויזן אַריינצוטייטשן אין די פסוקים אויך דעם געדאַנק פון קדמות העולם. אָבער דעם געדאַנק האָט דער רמב״ם ניט געקענט אָננעמען, ווייל אויב די וועלט איז אייביק און איז ניט באַשאַפן לויטן גאָטס פּלאַן, ווו בלייבט דאַן פּלאַץ פאַרן פּרינציפּ פון מאָראַל און פון פרייען ווילן?

די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, לערנט אונדז דער רמב״ם — אין הסכם מיט דער יידישער טראַדיציע — לויט גאָטס ווילן. איז ממילא פאַראַן אַ מאָראַלישער געזעץ און אַ מאָראַלישער פּלאַן אין דער וועלט. איז פון דעם ממילא געדרונגען, אַז אויך מיר, מענטשן, האָבן עפּעס וואָס צו טאָן אויף דער וועלט. מיר קענען זיך איינגלידערן אין אָט דעם געטלעכן פּלאַן און פּרובירן צו פאַרווירקלעכן דעם מאָראַלישן אידעאַל, צו וועלכן די וועלט שטרעבט און וואָס איז דער זין פון דער וועלט. אין דעם האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז דער טרוים פון אייביקן שלום איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער תורה פון ציון און מיט גאָטס וואָרט פון ירושלים.

ניטאָ קיין וועג, וואָס זאָל פירן פון דער גריכישער פילאָזאָפיע צום אידעאַל פון אחרית הימים, פון משיחס צייטן. די אייביקע וועלט פון אַריסטאָטעלעס קען זיך באַגיין אָן משיחן. דערפאַר איז ירושלים נאָך ביז צום היינטיקן טאָג געבליבן דער סימבאָל פון אַ גרויסער אידעע, פון אַ וועלט־אידעע, אפילו נאָך מער ווי דאָס גריכישע אַטען.

*

צום רמב״ם האָט זיך איינמאָל געווענדעט אַ גר מיטן נאָמען עובדיה, מיט דער שאלה: צי מעג ער, וואָס שטאַמט דאָך אַליין ניט פון יידן, זאָגן די ווערטער

״אתה בחרתנו מכל העמים״ אָדער אַנדערע ברכות, ווּ עס ווערט דערמאָנט דער יידישער יחוס. דערויף האָט אים דער רמב״ם געענטפערט: וויבאַלד אַז דו ביסט אַרונטערגעגאַנגען אונטער די פליגלען פון דער שכינה און דו האָסט זיך באַהעפט אין גאָט, איז ניטאָ מער קיין אונטערשייד צווישן אונדז און דיר. און אוודאי מעגסטו זאָגן די ווערטער ״אשר בחר בנו ואשר נתן לנו...״ וואָרים די תורה איז געגעבן געוואָרן פאַר אונדז און פאַר די גרים, ווי עס שטייט געשריבן: איין תורה און איין געזעץ זאָל זיין פאַר אייך און פאַר דעם גר, וואָס וווינט מיט אייך... און דיין אייגענער יחוס זאָל ניט זיין גרינג אין דיינע אויגן, וואָרים אויב מיר ציען אונדזער יחוס פון אברהם, יצחק און יעקב, איז דיין יחוס פאַרבונדן מיט דעם, וואָס האָט מיט זיין וואָרט די וועלט באַשאַפן, ווי עס שטייט געשריבן אין ישעיה — דער וועט זאָגן: צו גאָט געהער איך און דער וועט זיך רופן מיטן נאָמען פון יעקב (ואל יהי׳ יחוסך קל בעיניך: אם אנו מתייחסים לאברהם, יצחק ויעקב, אתה מתייחס למי שאמר והיה העולם. וכך מפורש בישעיה — זה יאמר: לה׳ אני, וזה יקרא בשם יעקב).

דער העכסטער יחוס איז, וואָס מיר אַלע מענטשן זיינען גאָטס קינדער.

דער אידעאַל פון פלאַטאָן און דער חלום פון די נביאים

די גאַנצע גייסטיקע אַנטוויקלונג במשך פון לעצטן יאָרהונדערט אין אייראָפּע און אַמעריקע איז כמעט ווי אויסשליסלעך באַהערשט געוואָרן פון די אידעען און די אידעאַלן פון אַלטן גריכנלאַנד. פון אייניקע עקסטרעמע גרופּעס פון לינקס און פון רעכטס איז אפילו געפירט געוואָרן אַ ווילדע און אַ ביטערע אַטאַקע קעגן דער ירושה פון ירושלים און קעגן דעם ״יידישן גייסט״ בכלל. צום באַדויערן איז אפילו אַ גרויסע צאָל יידישע מענטשן פאַרכאַפּט געוואָרן פון אָט די דורך און דורך אַנטי־יידישע שטימונגען.

עס איז, דוכט מיר, ניט שווער צו באַווייזן, אַז אונדזער דור האָט באַצאָלט זייער אַ טייערן פּרייז פאַר פאַרגעסן ירושלים. און איך האָב דאָ בפירוש אין זינען ניט נאָר אונדזער אייגן פאָלק, נאָר אויך די גאַנצע היינטיקע קולטור־וועלט. מיט דעם, וואָס דער מאָדערנער מענטש האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער ירושה פון ירושלים, האָט ער אָנועקגענומען דעם פעסטן באָדן פון אונטער זיינע אייגענע פיס. די גאַנצע טראַגישע סיטואַציע פון אונדזער צייט ווערט מיט אַ מאָל קלאָר, ווען מיר באַקענען זיך אַ ביסל נעענטער מיט איינעם פון די גרעסטע ווערק, וואָס דאָס אַלטע גריכנלאַנד האָט געשאַפן.

די ״רעפּובליק״ פון פלאַטאָן ווערט פון אַ סך באַצייכנט ווי דער ערשטער פּרווו פון אַ סאָציאַליסטישער אוטאָפּיע. און באמת פאַראַן אַ סך עלעמענטן פון סאָציאַליזם אין פלאַטאָנס אידעאַלער מלוכה. דער הערשער פון פלאַטאָנס מלוכה וועט זיין דער פילאָזאָף. וואָרים נאָר אַ פילאָזאָף איז באַרופן צו זיין דער פירער

פון פאָלק. צום הערשנדיקן קלאַס אין פּלאַטאָנס „רעפּובליק" געהערן די סאָלדאַטן און פּאָליסלייט, די שומרים פון דער מלוכה. אָט די היטער פון דער אידעאַלער מלוכה פירן, לויט פּלאַטאָנס פּלאַן, אינגאַנצן אַ סאָציאַליסטיש לעבן. קיינער פון זיי פאַרמאָגט ניט קיין פּריוואַטן אייגנטום, זיי האָבן אפילו ניט קיין פּערזענלעכן פאַמיליע־לעבן. ניטאָ קיין „מיין" און „דיין" ביי דעם הערשנדיקן קלאַס פון פּלאַטאָנס מלוכה, אַלץ איז דאָ בשותפות, אפילו די פרויען און די קינדער.

אמת און גערעכטיקייט זיינען פאַר דעם גרויסן גריכישן דענקער די העכסטע אידעאַלן. אין זיין „רעפּובליק" האַלט פּלאַטאָן כסדר אין באַווייזן, אַז מיר מוזן תמיד שטרעבן צו דער העכסטער מדרגה פון גערעכטיקייט. ווי האַלט עס אָבער מיט די אידעאַלן פון אמת און גערעכטיקייט אין זיין אייגענער משיחישער מלוכה?

קודם כל אַ פאַר ווערטער וועגן אמת. לויט דער מיינונג פון פּלאַטאָן, איז די **פּריווילעגיע צו זאָגן ליגן רעזערווירט בלויז פאַר איין גרופּע — פאַר די פירער.** צוליב די אינטערעסן פון דער מלוכה מוז מען אַ מאָל אָפּנאַרן דאָס פאָלק. אָבער דאָס רעכט צו זאָגן אַזעלכע ליגנס האָבן נאָר די פירער, די פילאָזאָפן. ווען אַ פּשוטער בשר ודם זאָגט אַ ליגן, ווערט ער דערפאַר אין פּלאַטאָנס משיחישער רעפּובליק אויפן שטרענגסטן אופן באַשטראָפט. פּלאַטאָנס משיחישע מלוכה באַשטייט פון דריי קלאַסן: די פירער פילאָזאָפן; דער קלאַס פון סאָלדאַטן — די היטער פון דער מלוכה; די אַרבעטער — די גרויסע מאַסע פאָלקסמענטשן. דעם העכסטן פּלאַץ אין פּלאַטאָנס האַלב־סאָציאַליסטישער מלוכה פאַרנעמען, נאַטירלעך, די פירער און די סאָלדאַטן. דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן: ליטעראַטור, קונסט, מוזיק און ספּאָרט דאַרף זיין געווידמעט דעם איינציקן ציל — דערציען גוטע סאָלדאַטן פאַרן לאַנד. דער איינצעלנער מענטש מיט זיינע זאָרגן און פּראָבלעמען עקזיסטירט כמעט ניט אין פּלאַטאָנס „רעפּובליק". עס איז אַ מיליטאַריסטיש־סאָלדאַטישע אוטאָפּיע, וואָס האָט גאָרניט געמיינזאַם מיט דעם הומאַניסטיש־דעמאָקראַטישן אידעאַל פון סאָציאַליזם. די דאָקטוירים, למשל, דאַרפן זיך נאָר פאַרנעמען מיט קראַנקע, וועלכע מען קען ווידער אינגאַנצן אויסהיילן. פּלאַטאָנס מלוכה נייטיקט זיך ניט אין שוואַכע מענטשן. און מערקווערדיק! אין דער אידעאַלער און גערעכטער מלוכה פון פּלאַטאָן איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי רחמנות, סימפּאַטיע פאַר שוואַכע. פּלאַטאָנס סאָציאַליסטישער אידעאַל איז — אַ מלוכה פון די שטאַרקע.

איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס אין פּלאַטאָנס „רעפּובליק" איז אויך דאָס רעכט פון האָבן קינדער רעזערווירט, דער עיקר, פאַר די שטאַרקע. ווי אַזוי קען מען עס אָבער דערגרייכן? פאַר דעם צוועק מוז שוין פּלאַטאָן אָנקומען צו דעם „פרומען ליגן". עס מוז דורכגעפירט ווערן אַ געזעץ, אַז חתונה האָבן קען מען נאָר על פּי גורל. די פירער פון דער רעפּובליק וועלן שוין זאָרגן דערפאַר, אַז די גוטע גורלות זאָלן אַריינפאַלן נאָר צו מענטשן, וואָס זיינען ראוי חתונה צו האָבן. דער גרויסער עולם וועט דערפון ניט וויסן.

אַלץ איז פאַר דער מלוכה. און אַלע שטייען אין דינסט פון דער מלוכה. דערפאַר איז דאָ אויך קיין פאַמיליע מער ניטאָ. די קינדער ווערן אויפגעהאָדעוועט אויף

אַ קאַלעקטיוון אופן. די קינדער ווייסן ניט ווער זייערע עלטערן זיינען און די עלטערן ווייסן ניט, ווער זייערע קינדער זיינען. די קליינע פאַמיליע ווערט פאַרביטן, ווי פּלאַטאָן פאָרמולירט עס, מיט דער גרויסער פאַמיליע, מיט דער מלוכה, ווו אַלע זיינען ברידער און שוועסטער.

עס קען דאָך פונדעסטוועגן פּאַסירן, אַז ניט געקוקט אויף אַלע געזעצן, זאָלן דאָך געבוירן ווערן ניט קיין "געזעצלעכע" קינדער פון עלטערן, וואָס האָבן ניט געוווּנען אין דער לאָטעריי. אַזעלכע קינדער, ערקלערט אונדז דער פּראָפעסער פון דער אידעאַלער מלוכה, האָבן ניט קיין רעכט צו לעבן. מען מוז זיי אומברענגען. פּונקט אַזוי מוז מען אומברענגען קראַנקע און שוואַכע קינדער.

דער באַקאַנטער ענגלישער דענקער בערטראַנד ראַסעל וווּנדערט זיך ווי אַזוי ערנסטע ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע פּערזענלעכקייטן האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם כּישוף פון פּלאַטאָנס אוטאָפּיע. עס איז גאָר ניט אַזוי שווער, ווייזט מיר אויס, צו געפינען דעם ריכטיקן ענטפער אויף אָט דער פראַגע. אונדזער דור האָט פאַרגעסן דעם נביאישן אידעאַל פון אַ משיחישער מלוכה, דעם אידעאַל פון באחרית הימים.

אין פּלאַטאָנס אידעאַלער רעפּובליק פאַרנעמט דעם וויכטיקסטן פּלאַץ דער סאָלדאַט, דער מלחמה־מאַן. פון זייער יוגנט אָן ווערן די קינדער אויפגעהאָדעוועט אין דעם גייסט פון מלחמה־העלדישקייט. גאָר אַנדערש זעט אויס די משיחישע מלוכה פון די נביאים. דער העכסטער נביאישער אידעאַל איז שלום, דער גליק פון דעם איינצעלנעם מענטשן, פון יעדן יחיד. די יידישע דענקער זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער — זיי האָבן פּראָקלאַמירט די הייליקייט פון מענטשלעך לעבן, אפילו דאָס לעבן פון אַ שוואַך און אומבאַהאָלפן קינד. צו דעם געדאַנק פון אומברענגען קליינע אומשולדיקע קינדער, ווייל זיי וועלן אפשר ניט אויסוואַקסן קיין העלדן, וואָלט קיין יידישער דענקער זיך קיינמאָל ניט געקענט דערטראַכטן.

די פילאָזאָפיע פון פּלאַטאָנס רעפּובליק און אַ בלאַט גמרא

די תּלמודישע ליטעראַטור איז אין דעם סאַמע בעסטן זין פון וואָרט אַ ליטעראַטור פון פאָלק, אַ ליטעראַטור, וואָס האָט ממש געאָטעמט מיט די פּראָבלעמען און זאָרגן פון דעם פּשוטן פאָלקסמענטש. און דאָך איז דער מאָדערנער דעמאָקראַטישער דענקער אַזוי ווייט, אַזוי אָפּגעפרעמדט פון דער וועלט פון תּלמוד. ווי קומט עס ?

דער ענטפער, גלויב איך, איז אַ גאַנץ פּשוטער: אונדזערע מאָדערנע דעמאָקראַטישע דענקער זיינען גאָר ווייט פון דעמאָקראַטיע. מען רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן די פונדאַמענטאַלע רעכט פון אַלע בירגער, און דאָך פילט איר כּסדר, ווען מען פאַרטיפט זיך אין דער מאָדערנער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור, אויפן פעלד פון פּאָליטיק און סאָציאָלאָגיע, אַז דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויפן פּונקט פון

פירערשאַפט. די גרויסע מאַסע איז פּאַסיוו, בעת די פירערשאַפט איז אַקטיוו און דינאַמיש. לענינס טעאָריע וועגן אַ קליינער שיכט פון פּראָפעסיאָנאַלע רעוואָלוציאָנערן, וואָס מוזן פאַר יעדן פּרייז און מיט אַלע מיטלען איינהאַלטן די פירונג אין זייערע הענט, איז אין אַ געוויסער הינזיכט אַ לאָגישע אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מאָדערנער דעמאָקראַטישער פילאָזאָפיע.

כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט דער געוואַלדיקער איינפלוס פון פּלאַטאָנס פילאָזאָפיע אויפן גאַנג פון דער מאָדערנער מערבדיקער קולטור. בלויז איין ביישפּיל: אין דער אַלגעמיינער באַקאַנטער "ענסייקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ" זיינען איבער זעכצן זייטן אָפּגעגעבן פאַר דער פילאָזאָפיע פון פּלאַטאָן. אַקעגן דעם פאַרנעמט דער אַרטיקל וועגן תלמוד קנאַפּע דריי זייטן. און איצט באַטראַכט אַט דעם גאַנצן אומזין: דער תלמוד איז דער סך הכל פון בערך צוואַנציק דורות שעפערישער אַרבעט פון אַ גאַנץ פאָלק, בעת די פילאָזאָפישע ווערק פון דעם גרויסן גריכישן דענקער זיינען דאָך ניט מער ווי די זוכענישן און טראַכטענישן פון איין געניאַלער פּערזענלעכקייט. געוויס, אויך די פילאָזאָפיע פון פּלאַטאָן איז טיילוויז אַ סך הכל פון דעם גריכישן געדאַנק, אָבער פּלאַטאָן איז ווייט ניט דער פולער סך הכל. עס זיינען געווען נאָך גרויסע און אָריגינעלע גריכישע דענקער. און עס שטעלט זיך ווידער די פראַגע: פּלאַטאָנס פילאָזאָפיע האָט אין דער בריטאַנישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז אַזוי רעפּרעזענטאַטיוו פאַר דער מאָדערנער ענגליש-אַמעריקאַנער קולטור, באַקומען גאַנצע 16 זייטן, בעת די גרויסע תלמודישע ליטעראַטור ווערט אָפּגעפּטרט מיט קנאַפּע דריי זייטן.

פּלאַטאָנס "אידעאַליסטישע" פילאָזאָפיע איז פול מיט אַ ביטול-באַציונג צו די נויטן און זאָרגן פון דעם פּשוטן מענטשן. דער אמתער פילאָזאָף, לערנט אונדז דער גריכישער דענקער, קוקט פון אויבן אַראָפּ אויפן טומל פון דער וועלט. ער אינטערעסירט זיך ניט מיט די מענטשלעכע מחלוקתן.

לאָמיר זיך טאַקע אַ ביסל באַקענען מיט דער פילאָזאָפיע פון אַ בלאַט גמרא. אין דער תלמודישער ליטעראַטור ווערן אָפט דערמאָנט די וויכוחים צווישן צוויי רעליגיעזע פילאָזאָפישע שולן אָדער ריכטונגען: דאָס זיינען די שולן פון בית הלל און בית שמאי. אין מסכתא סוכה (דף י"ז) ווערט, למשל, באַהאַנדלט די פראַגע: ווי באַזינגט מען אַ כלה, ווען מען טאַנצט אויף איר חתונה? בית שמאי זאָגן: "כלה כמות שהיא". מען באַזינגט די כלה לויט אירע מעלות, אַזוי ווי זי איז. בית הלל אָבער זאָגן, מען זינגט "אַ כלה שיין, פול מיט חן". האָבן בית שמאי געפרעגט: און ווי איז דער דין, אויב די כלה איז געווען אַ קאַלעקע, אַ הינקעדיקע אָדער אַ בלינדע, דאַרף מען אויך זאָגן "אַ כלה שיין פול מיט חן"? עס שטייט דאָך אין דער תורה "מדבר שקר תרחק", דו זאָלסט זיך אָפּהיטן פון צו זאָגן אַ פאַלש וואָרט! אָבער די שולע פון בית הלל האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר אַט דער טענה. זיי האָבן געהאַלטן, אַז צוליבן כבוד פון אַ מענטשן, פון אַ פּשוט יידיש מיידל, וואָס גייט צו דער חופּה, מעג מען זאָגן אַ ליגן. מען איז ניט מחויב זיך צו האַלטן שטרענג ביים אמת, ווען מען באַזינגט אַ כלה. דערין באַשטייט

טאַקע דער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן דער פילאָזאָפיע פון בית הלל און דער פילאָזאָפיע פון פּלאַטאָן. דער גריכישער דענקער האָט געהאַלטן, אַז מען מעג זאָגן אַ ליגן (אַ פרומען ליגן) אין די אינטערעסן פון דער פירער־גרופּע, וואָס האָט די דעה אין פּאָליטישן לעבן. בית הלל אָבער טראַכטן קודם כל וועגן דעם כבוד פון דעם איינצעלנעם מענטשן.

די מחלוקת אַרום דער פראַגע "כיצד מרקדין לפני הכלה?" גיט אונדז דעם שליסל צו דעם פילאָזאָפישן וועג פון דער תלמודישער יידישקייט.

איך קען זיך קוים פאָרשטעלן, אַז סאָציאַליסטישע דענקער און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אונדזער צייט זאָלן פירן צווישן זיך אַ ליידנשאַפטלעכן וויכוח אַרום אַזאַ "באַלעבאַטישער" פראַגע. די פראַגע וואָלטן זיי איבערגעלאָזן פאַרן בדחן. סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער האָבן אפילו געקוקט קרום אויף דער גאַנצער אינסטיטוציע פון דער פאַמיליע. דערין זיינען זיי געווען די תלמידים פון דעם גרויסן גריכישן דענקער. אויף די אַנגענומענע חתונה־צערעמאָניעס האָט מען אין בעסטן פאַל געקוקט ווי אויף אַן עלעמענט פון לעבנסשטייגער, פון פאָלקסמינהגים. די קריסטלעכע וועלט, ווידער, האָט געהאַלטן, אַז פאַמיליע־לעבן איז וויכטיק נאָר פאַרן פּשוטן פאָלק. די רעליגיעזע פירער דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון אַ פּערזענלעך פאַמיליע־לעבן. האָט דערפאַר די קריסטלעכע וועלט געשאַפן אירע מאָנאַסטירן. די אויפגאַבע פון זאָרגן פאַרן פיזישן קיום פון כלל האָט מען איבערגעלאָזן פאַרן פּראָסטן פאָלק, פאַר די זינדיקע.

אַקעגן דעם האָבן די יידישע רעליגיעזע דענקער, די יידישע פילאָזאָפן, דערהויבן דעם ענין פון חתונה צו דער העכסטער מדרגה פון קדושה. און די פאַרבינדונג צווישן מאַן און ווייב ווערט טאַקע באַצייכנט מיט דעם וואָרט קידושין. אין איינער פון די ברכות, וואָס מען זאָגט ביי דער צערעמאָניע פון חופּה וקידושין, ווערט אָפּגעגעבן אַ דאַנק גאָט ברוך הוא, וואָס הייליקט זיין פאָלק ישראל דורך חופּה און קידושין (מקדש עמו ישראל על ידי חופה וקידושין).

די פאַרבינדונג פון צוויי יונגע מענטשן איז דערפאַר ניט בלויז אַן ענין פון אַ יחיד, נאָר גאָר אַ וויכטיקער ענין פון דעם גאַנצן כלל. עס איז די שמחה פון דעם כלל ישראל. איז דערפאַר אַזאַ גרויסע מיצווה משמח צו זיין חתן־כלה. וואָרים דער חתן איז געגליכן צו אַ מלך און די כלה צו אַ מלכה (חתן דומה למלך). אַ מדרש לערנט אונדז, אַז אפילו דער רבונו של עולם אַליין פאַרנעמט זיך מיט בענטשן חתנים, מיט אויספּוצן כלות און מיט באַזוכן קראַנקע (הקב"ה מברך חתנים ומקשט כלות ומבקר חולים).

קאַרל מאַרקס האָט אונדז געוויזן דעם גאַנצן פאַרנעם פון סאָציאַלע פּראָבלעמען. זיגמונד פרויד האָט אונדז געוויזן די גאַנצע באַדייטונג פון דעם סעקסועלן פאַקטאָר אין מענטשלעכן לעבן. מען שעמט זיך שוין היינט ניט מער צו באַהאַנדלען אין דער ליטעראַטור די אינטימסטע באַציונגען צווישן מאַן און פרוי. עס ווייזט מיר אָבער אויס, אַז די סאַמע צענטראַלע פּראָבלעם פון מענטשלעכן לעבן האָבן אונדזערע חכמי התלמוד בעסער געזען. קלאַסנקאַמף איז אַן ענין,

ליבע איז אַ טייל פון אונדזער לעבן. אָבער דער מענטש וויל אַ סך מער. און די גרויסע פּראָבלעם איז, ווי אויסטערליש דאָס זאָל ניט קלינגען: כיצד מרקדין לפני הכלה? ווי באַזינגט מען אַ כלה? ווי קען מען דערהייבן דאָס אינטימע לעבן צווישן מענטשן צו דער מדרגה פון דער העכסטער קדושה? ווי קענען מיר געפינען אַ זין און אַ תכלית אין אונדזער לעבן?

רוים און ירושלים

די קריסטלעכע קירך האָט געירשנט פון צוויי טראַדיציעס. דאָס מוזן מיר האָבן אין זינען, ווען מיר טראַכטן וועגן די יידיש־קריסטלעכע באַציונגען. פון דער יידישער וועלט האָט די קריסטלעכע קירך איבערגענומען וויכטיקע אידעען וועגן מענטש און וועלט, מאָראַלישע פּרינציפּן, צערעמאָניעס און דער עיקר — די אידעע פון דער רעליגיעזער געמיינדע.

די רעליגיעזע פאָלקס־געמיינדע איז דורך און דורך אַ יידישע שאַפונג. די קריסטלעכע פירער האָבן די יידישע אינסטיטוציע פון דער געמיינדע אויסגענוצט, די קירך איז אָבער געוואָרן אַ סך ווייניקער דעמאָקראַטיש.

אין דער זעלבער צייט איז די קריסטלעכע קירך אויך געוואָרן דער יורש פון דער גריכיש־רוימישער קולטור־וועלט. קריסטנטום האָט אין זיך אַריינגענומען גריכישע אידעען, אַ סך פּרימיטיווע געצנדינערישע פאָרשטעלונגען און גאָר באַזונדערס — די טראַדיציע פון דער רוימישער אימפּעריע.

דאָס וואַרפט זיך באַזונדערס אין די אויגן, ווען מען באַקענט זיך מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער קאַטוילישער קירך. דער פּויפּסט איז דער אימפּעראַטאָר פון דער קאַטוילישער וועלט, פּונקט ווי די אַלטע רוימישע הערשער האָבן אָנגעפירט מיט דער וועלטלעכער רוימישער אימפּעריע. דער פּויפּסט איז אין דער קאַטוילישער קירך דער אומבאַגרענעצטער הערשער; ער איז דער ״שטעלפאַרטרעטער״ פון קריסטוסן אויף דער ערד. דער סימבאָל פון דער פּויפּסטלעכער אויטאָריטעט איז די טיאַראַ, די דרייגאָרנדיקע קרוין. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע האַלט זיך אויפן פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, וואָס קומט פון אויבן, די גלויביקע האָבן גאָרניט וואָס צו זאָגן אין דער קירך. די אויטאָריטעט פון דעם פּויפּסט ווערט איבערגעגעבן צו אַלע ווייטערע שטאַפּלען פון דער קאַטוילישער יעראַרכיע. גאָר אַנדערש איז די יידישע רעליגיעזע געמיינדע. מיר האָבן אייגנטלעך ניט געהאַט קיין סיסטעם פון אַ רעליגיעזער יעראַרכיע, פון אַ באַזונדערן קלאַס פון רעליגיעזע באַאַמטע. די כהנים האָבן שוין אין דער צייט פון בית שני געשפּילט אַ גאַנץ באַשיידענע ראָל. יידישקייט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געמיש פון אַ דעמאָקראַטישער געמיינדע און אַן אַריסטאָקראַטישער גייסטיקער רעפּובליק. די יידישע קאָנסטיטוציע איז די תורה, און פאָלקס־מינהגים ווערן מיט דער צייט אַ טייל פון דער תורה. האָט דאָך שוין דער אַלטער הילל געזאָגט: פאַרלאָז זיך אויפן פאָלק ישראל, אויב זיי זיינען

ניט קיין נביאים, זיינען זיי אָבער קינדער פון נביאים (הנח להם לישראל אם אין נביאים הן בני נביאים הן). די תלמידי חכמים, זיי זיינען די אויסטייטשער פון דער תורה. און תורה איז ביי אונדז גאָר ניט אין אָן ערך מער ווי קאָנסטיטוציע און געזעץ. תורה איז אַלץ: תורה איז דערציונג, תורה איז געזעץ, תורה איז מאָראַל, תורה איז לעבן און תורה איז די פילאָזאָפיע, דער זין פון לעבן.

תורה פאַרנעמט אויך אַ צענטראַלן פּלאַץ אין דעם סדר פון די תפילות. שבת לייענען מיר די סדרה פון דער וואָך. און פונקט אַזוי לייענען מיר די געהעריקע פרשה פון דער תורה אין די טעג פון יום־טוב.

און דאָ קומען מיר צו דער גרויסער יידישער פּראָבלעם: וואָס זאָל טאָן דער עם הארץ? וואָס זאָל טאָן דער פּראָסטער ייד, פאַר וועמען די תורה איז א פאַר־חתמעטער ספר?

איז ניט קיין ווונדער, וואָס אין דער צייט פון די פרושים און תנאים איז עס געקומען צו גאָר שאַרפע קאָנפליקטן צווישן די לערנער און די עם הארצים. האָט דאָך אפילו הילל הזקן געזאָגט: "ולא עם הארץ חסיד" (אַ פּראָסטער מענטש קען ניט דערגרייכן צו דער מדרגה פון אמתער פרומקייט). דער ענטפער פון די פרושים איז דעריבער געווען: יידן דאַרפן ווערן אַ פאָלק פון לערנער, אַ פאָלק פון תלמידי חכמים. און עס קען ניט געלייקנט ווערן, אַז די פרושים האָבן ביסלעכווייז זייער ציל דערגרייכט.

עס האָט זיך פונדעסטוועגן ניט איינגעגעבן אינגאַנצן צו לייזן די פּראָבלעם פון עם הארצות. און עס האַנדלט זיך דאָ ניט נאָר וועגן עם הארצות. דער וועג פון די פרושים איז פאַר אַ סך געווען צו שכלדיק, צו רויק און צו פּראַקטיש. געווען אומרויקע נאַטורן, וואָס האָבן געזוכט אַ ביסל מער מיסטיק, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרשיכורן פון משיחישע חלומות און משיחישע געשטאַלטן. דער וועג פון דער פרושישער הלכה האָט זיי ניט באַפרידיקט. געווען אפילו טרוימער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די מיצוות וועלן בטול ווערן, ווען משיח וועט קומען (מצוות בטלות לעתיד לבוא).

האָבן זיך פון צייט צו צייט באַוויזן פאַרשיידענע משיחישע פירער, און געווען געגנוג פאַרצווייפלטע און אַנטוישטע, וואָס האָבן זיך אַרום זיי געזאַמלט. אויך ישו הנוצרי איז געווען א משיחישע געשטאַלט, וואָס איז געקומען מיט דער בשורה, אַז מיר שטייען ערב משיחס צייטן, אַט־אַט קומט די גאולה. און עס געהערט צו דער נאַטור פון יעדער משיחישער באַוועגונג, וואָס די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט ווערט קאָנצענטרירט ניט אויף דער אידעע, נאָר אויף דער פערזענלעכקייט. דער משיח וועט אונדז ראַטעווען; אַזוי איז דער גלויבן אין דער משיחישער שליחות פון ישו הנוצרי געוואָרן אַן עיקר אין דעם גלויבן פון די קריסטלעכע געמיינדעס. די טעג פון דער גאולה דערנענטערן זיך. דאָס האָט אויסגעפילט דאָס גאַנצע לעבן פון דער קריסטלעכער געמיינדע. זיין נאָענט צו דעם משיח, אָנרירן זיינע בגדים, הערן אַ וואָרט פון אים, גיין צוזאַמען מיט אים, דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן די גרעסטע באַגייסטערונג אין דעם קרייז אַרום ישו הנוצרי. און אויב די טעג פון

דער גאולה דערנענטערן זיך, איז שוין ניט נייטיק אַזוי שטרענג אָפּצוהיטן די מצוות פון דער תורה.

דאָן איז געקומען דער קריזיס, די קרייציקונג, און די תלמידים האָבן זיך פאַרלוירן. אָבער דער צויבער פון ישוס פּערזענלעכקייט האָט דאָך ווייטער געווירקט. גאַר גיך האָט זיך פאַרשפּרייט די לעגענדע: דער געקרייציקטער משיח איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, די תלמידים האָבן אים געזען, זיי האָבן מיט אים גערעדט. און ניט נאָר איז דער געקרייציקטער אויפגעשטאַנען תחית המתים; ישו וועט זיך באַלד באַווייזן אין זיין גאַנצער פּראַכט פאַר דער וועלט, ווייל די צייט פון דער גאולה מוז קומען.

עס איז געווען אָט די אָנגעשטרענגטע שטימונג פון משיחישער דערוואַרטונג, וואָס האָט אויפגעהאַלטן די גלויביקע. דאָן איז ביסלעכווייז געקומען דער צווייטער קריזיס. ישו האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרזאַמט צו קומען צום צווייטן מאָל.

צו די יידישע מאַסן האָבן די קריסטלעכע פּריידיקער מער ניט געקענט קומען. משיח איז געקומען און איז דאָך ניט געקומען. די וועלט איז געבליבן ווי געווען. די יידישע מאַסן האָבן געהאַט אַ גלויבן, זיי האָבן געהאַט די תורה. אויב משיח איז נאָך ניט געקומען, מוז מען מער לערנען תורה, מוז מען נאָך מער אָפּהיטן די מיצוות, כדי צו דערנענטערן די גאולה. די קאָנקרעטע געשטאַלט פון דעם משיח האָט ביי יידן קיינמאָל ניט געשפּילט אַזאַ צענטראַלע ראָל. דאָס גאַנצע פאָלק איז משיח, ס'גאַנצע פאָלק ברענגט די גאולה. איז ביי יידן ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַ משיחישן קולט, פּונקט ווי יידן האָבן זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן אַ געטלעכן כבוד דעם רוימישן הערשער. אַקעגן דעם האָט די קריסטלעכע לעגענדע געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער געצנדינערישער וועלט צווישן די סאַמע אָרעמסטע שיכטן. געווען דאָן אין רוים אַ גרויסע מאַסע פון דעקלאַסירטע, פון אויסגעוואָרצלטע, פון פאַרגעסענע און פאַרלאָזענע. די יידישע עטישע אידעען האָבן צו זיי, אמת, אַפּעלירט, אָבער די קולטור פון תורה איז זיי געווען פרעמד. צו אָט די אויסגעוואָרצלטע און פאַרצווייפלטע האָט גראַד אַפּעלירט די געשטאַלט פון אַ געקרייציקטן משיח, וואָס איז ווידער אויפגעשטאַנען תחית המתים. דער געקרייציקטער משיח איז געוואָרן דער געטרוימטער אימפּעראַטאָר פון די אָרעמע. און אויב זיי האָבן געקענט אָפּגעבן געטלעכן כבוד דעם וועלטלעכן הערשער, פאַרוואָס ניט אָננעמען דעם קולט פון אַ געקרייציקטן משיח?

אַזוי האָט זיך געשאַפן דער יעזוס-קולט, וואָס האָט אין זיך אַריינגענומען אַזוי פיל געצנדינערישע עלעמענטן.

די קריסטלעכע קירך האָט זיך אָבער ניט געקענט אינגאַנצן אָפּזאָגן פון דער יידישער טראַדיציע. פאַר די מער געבילדעטע האָט מען געמוזט האָבן אַ פילאָזאָפיע. האָט מען אָפּגעהיט דעם תנ"ך, מען האָט אָפּגעהיט יידישע צערעמאָניעס, מען האָט אָפּגעהיט, אין אַ געענדערטער פאָרם, די יידישע וואָך און דעם טאָג פון אָפּרו. אַנשטאָט שבת איז זונטיק געוואָרן דער טאָג פון רו און פון פייערלעכע רעליגיעזע פאַרזאַמלונגען. אָן די זונטיקדיקע פאַרזאַמלונגען וואָלט קריסטנטום ניט געווען

מעגלעך. אינם לעבן פון די מאַסן האָט אָבער די יעזוס־געשטאַלט און די געשיכטע פון דער קרייציקונג פאַרנומען דעם צענטראַלן פּלאַץ. אַזוי איז ווייטער פאַרבליבן דער קאָנפליקט צווישן רוים און ירושלים, צווישן דעם קולט פון אַ הערשער, אָדער אַ משיח, און דער דעמאָקראַטישער פאָלקסגעמיינדע.

*

מיר דוכט, אַז אין דעם אונטערשייד צווישן דעם יידישן יובל און דעם קאַטוילישן הייליקן יאָר קומט צום אויסדרוק דער טיפער אונטערשייד צווישן רוים און ירושלים, צווישן דער יידישער און קריסטלעכער אידעע.

דאָס הייליקע יאָר איז ניט קיין אָריגינעלע אינסטיטוציע אין קריסטנטום. אין דער רעליגיעז־קריסטלעכער ליטעראַטור ווערט עס אָפט באַצייכנט מיטן נאָמען יובילײ־יאָר (יובל־יאָר), און דאָס ווייזט אונדז קלאָר, אַז די גאַנצע אידעע שטאַמט פון דעם יידישן געזעץ וועגן יובל, דאָס הייליקע פופציקסטע יאָר, וואָס יידן האָבן אַמאָל געפייערט אין ארץ ישראל.

דער יידישער יובל איז קודם כל אַ יאָר פון פרייהייט: „און איר זאָלט הייליקן דעם פופציקסטן יאָר — ווערט געזאָגט אין חומש — און איר זאָלט אויסרופן פרייהייט אין לאַנד פאַר אַלע אירע איינוווינער. יובל זאָל עס זיין פאַר אייך, איטלעכער זאָל זיך אומקערן צו זיין אייגנטום און איטלעכער צו זיין משפחה" (וקדשתם את שנת החמשים שנה וקראתם דרור לכל יושביה, יובל היא תהיה לכל ושבתם איש אל אחזתו ואיש אל משפחתו תשבו).

די אידעע פון פרייהייט איז ביי יידן תמיד געווען פאַרבונדן מיט דער אידעע פון פערזענלעכער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָרים נאָר אַ פרייער מענטש איז מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים, פאַר אַלץ, וואָס ער טוט. מאָראַלישע פרייהייט און מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז דער גרונט־יסוד פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. ניט אַזוי איז דער צוגאַנג צו דער פראַגע פון דער קריסטלעכער, באַזונדערס פון דער רוימיש־קאַטוילישער פילאָזאָפיע. דער קאַטאָליציזם קוקט אויפן מענטשן ווי אויף אַ שוואַכע און הילפלאָזע באַשעפעניש, וואָס נייטיקט זיך כסדר אין דער מאָראַלישער הילף פון אַ פירער, פון אַ העכערער אויטאָריטעט. די אידעע פון דיקטאַטור, דער פירער־קולט, האָט גאָר אַ סך צו פאַרדאַנקען אין דעם פרט דער רוימיש־קאַטוילישער קירך. דער איינצעלנער מענטש, די מאָראַלישע פערזענלעכקייט, שפּילט דאָ אַ גאַנץ קנאַפּע ראָל. די וויכטיקסטע זאַך איז די רעליגיעזע און מאָראַלישע אויטאָריטעט פון דער קירך, פון דעם פויפּסט.

דעריבער איז אויך דאָס הייליקע יאָר ניט קיין יאָר פון פרייהייט. יענע, וואָס זוכן מחילה פאַר זייערע זינד, דאַרפן קומען קיין רוים, און דאָ, אין דעם צענטער פון קאַטוליציזם, אונטער דער פערזענלעכער אויטאָריטעט פון פויפּסט, ווערן זיי געשענקט זייערע זינד.

ווייט איז דער וועג פון דעם יידישן תשובה־געדאַנק, וואָס לאָזט אַלץ איבער אין די הענט פון דעם איינצעלנעם מענטשן, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט זיך

מאַראַליש אַליין צו שטעלן אויף די אייגענע פיס, ביז צו דער קאַטוילישער אידעע פון באַפרייאונג פון זינד דורך דער גנאָד פון רוים.

צוויי אידעען זיינען עס: די אידעע פון מאַראַלישער פרייהייט און די אידעע פון אויטאַריטעט, וואָס פאַדערט ניט פון דעם מענטשן קיין מאַראַלישע אָנשטרענגונג.

רוים איז נאָך אויך היינט אַ געוואַלדיקער מאַראַלישער כוח אין דער וועלט; פאַר דער קריסטלעכער קירך איז ירושלים אַ הייליקע שטאָט אין גאָר אַן אַנדער זין ווי פאַר אונדז. מיר מוזן זיך אָבער היינט פרעגן: וואָס איז ירושלים פאַר אונדז? וועלכע אידעען פאַרבינדן מיר אידן היינט מיט ירושלים? עקזיסטירט נאָר פאַר אונדז היינט דאָס ערדישע ירושלים? אָדער לעבט נאָך אין אונדז די אידעע פון אַ ירושלים של מעלה?

צייטנווייז ווייזט מיר אויס, אַז מיר פאַרגעסן צו אָפט די גרויסע ראָל, וואָס אידעישע און מאַראַלישע ווערטן שפּילן נאָך אפילו היינט אין אונדזער לעבן און אין לעבן פון דער וועלט בכלל, ווי דאָס באַווייזט אונדז דער גרויסער מאַראַלישער און פּאָליטישער איינפלוס פון וואַטיקאַן און דער קאַטוילישער קירך.

האָט דאָס יידישע פאָלק היינט צו טאָג דעם גייסטיקן כוח, וואָס זאָל זיך קענען אַקעגנשטעלן דעם איינפלוס פון רוים? איז פאַר אונדז מדינת ישראל ניט מער ווי אַ פּאָליטישער באַגריף? איז אין ישראל פאַראַן נאָך עפּעס באַזונדערס אַ חוץ מלוכה און פּאָליטיק?

ירושלים איז פאַר אונדז אַ סך מער. מדינת ישראל איז אַ גרויסע זאַך, אָבער אַ חוץ דעם איז נאָך דאָ דאָס פאָלק פון ישראל, דאָס גלויבן פון ישראל און די אידעע פון ישראל. יענע גרויסע הייליקע אידעע, וואָס ירושלים האָט רעפּרעזענטירט אין דער יידישער געשיכטע. עס איז די אידעע פון געזעץ, די אידעע פון פליכט, די אידעע פון מאַראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דער היסטאָרישער וויכוח

איז עס טאַקע וויכטיק צו וואַשן די הענט פאַרן עסן? וואָס איז דער זין פון דער מיצווה פון נטילת ידים, וואָס פאַרנעמט אַזאַ חשובן פּלאַץ אין דער יידישער טראַדיציע?

לאָמיר דאָ אָנהייבן מיט דעם היסטאָרישן יידיש-קריסטלעכן וויכוח. אין די שריפטן פון דעם נייעם טעסטאַמענט ווערט דערציילט, אַז די פרושים, די שעפער פון דער תלמודישער הלכה-טראַדיציע, האָבן אַ מאָל אויסגעדריקט זייער פאַרוווּנדערונג, וואָס די תלמידים פון ישו הנוצרי עסן מיט אומגעוואַשענע הענט. זיי האָבן דערין געזען אַן אָפּנייג פון דער יידישער טראַדיציע פון נטילת ידים. ישו הנוצרי האָט דאַן מיט צאָרן געענטפערט, אַז די שטרענגע פרושים זיינען ניט מער ווי מאַראַלישע צבועקעס, און אין לויף פון אָט דער ביטערער פּאָלעמיק האָט ישו ערקלערט: דער מענטש ווערט ניט אומריין פון זאַכן, וואָס קומען אַריין צו אים פון דרויסן; ער

ווערט אָבער אומריין פון דעם, וואָס קומט פון אים אַרויס, ווי שלעכטע רייד, זינד א.אַז.וו.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָט ישו הנוצרי געפירט אַן ענלעכן וויכוח מיט די פּרושים וועגן די דינים פון שבת. ישו האָט דאַן ערקלערט, אַז ניט דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צוליבן שבת, נאָר דער שבת פאַרן מענטשן. מיר באַגעגענען, אַגב, די זעלביקע אידעע אין דער תלמודישער ליטעראַטור. עס איז אָבער קלאָר, אַז דער באַגרינדער פון קריסטנטום האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער צוגאַנג צו דער יידישער טראַדיציע פון געזעצן און געבאָטן ווי די פּרושים.

די תלמודישע טראַדיציע האָט באמת געגלויבט, אַז ניט נאָר איז דער שבת באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם מענטשן, נאָר אויך אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם שבת. דער שבת דערהייבט דעם מענטשן, דער שבת לייטערט דעם מענטשן. פאַר די פּרושים איז שבת ניט געווען סתם אַ געבאָט, וואָס מען האָט אויף דעם מענטשן אַרויפגעוואָרפן. די פּרושים האָבן באמת געהאַלטן, אַז שבת און שבתדיקייט זיינען אַ וועג צו מענטשלעכקייט. און פּונקט אַזוי האָבן זיי געגלויבט אין דער וויכטיקייט פון נטילת ידים. פאַר ישו הנוצרי און זיינע תלמידים זיינען די מיצוות געווען אַ שווערער יאָך, פאַר די פּרושים אָבער זיינען די מיצוות געווען אַ פּריווילעגיע, אַן אַריסטאָקראַטישע פּריווילעגיע.

דאָ קומען צום אויסדרוק צוויי באַזונדערע שיטות אין דער באַציונג צום מענטשן. די פּרושים האָבן געהאַלטן ניט נאָר פון מיצוות שבין אדם לחברו, נאָר אויך פון די מיצוות שבין אדם למקום, די אַלע געבאָטן, וואָס דריקן אויס די פאַרבינדונג צווישן גאָט און מענטש. זיי האָבן אונדז ווייטער געלערנט, אַז דאָס אַלץ געהערט צוזאַמען. אַז בין אדם לחברו און בין אדם למקום זיינען פּאַקטיש היינו הך, איינס און דאָס זעלביקע.

די געשיכטע פון די קריסטלעכע פעלקער אין לויף פון יאָרהונדערטער האָט קלאָר באַשטעטיקט די פילאָזאָפיע פון די פּרושים. קריסטנטום האָט זיך אָנגעהייבן מיט אַ פּראָטעסט קעגן דעם יאָך פון מיצוות, פון געבאָטן, פון די אויסערלעכע צערעמאָניעס און ריטואַלן. ישו הנוצרי האָט אַ חוץ דעם באַטאָנט די ריין־מאָראַלישע פאָדערונגען. דער רעזולטאַט אָבער איז געווען, אַז קריסטנטום איז געוואָרן דאָס רוב צערעמאָניע און ריטואַל. די בעסטע אילוסטראַציע איז אין דעם פּרט דער ריטואַל פון דער קאַטוילישער קירך. און וואָס האָט קריסטנטום דערגרייכט מאָראַליש ? !

און עס איז טאַקע כדאי זיך צו פאַרטראַכטן, גראַד אין אונדזער צייט, וועגן דעם טיפערן זין פון דער יידישער הלכה־טראַדיציע. דער צענטראַלער מאָטיוו אין דער גאַנצער פילאָזאָפיע פון די פּרושים איז רעספּעקט פאַרן מענטשן. און דאָס מיינט ניט נאָר רעספּעקט פאַרן חבר, נאָר אויך רעספּעקט פאַר דער אייגענער פּערזענלעכקייט, רעספּעקט פאַר זיך אַליין. נאָר דער מענטש, וואָס רעספּעקטירט זיך אַליין, איז מסוגל אַרויסצווייזן אַ געפיל פון דרך ארץ פאַר זיין חבר.

מיט דעם איז פֿאַרבונדן די אידעע פֿון הייליקן דאָס לעבן. אָט די אידעע פֿון הייליקייט איז אַ צענטראַלער מאָטיוו אין יעדער רעליגיעזער קולטור־טראַדיציע. עס ווערט אָבער בדרך כלל געמאַכט אַ גרויסער אונטערשייד צווישן הייליקייט און וואָכעדיקייט. עס ווערט אָנגענומען, אַז דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן איז כולו וואָך, און מענטשן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט טאָג־טעגלעכע זאָרגן, זיינען ממילא וואָכעדיקע מענטשן. אויך דאָ איז פֿאַר אונדז כאַראַקטעריסטיש די פּראַקטיק פֿון דער קאַטוילישער קירך. דאָ ווערט אָנגעצייכנט אַ קלאָרע ליניע, וואָס טיילט אָפּ די פּריסטער און מאָנאַכן פֿון פּשוטן פֿאָלק. מיר האָבן דאָ פֿאַקטיש צוויי רעליגיעס: אַ גרינגע רעליגיע פֿאַרן פֿאָלק, אַ גלויבן אָן צו גרויסע פֿאָדערונגען, און אַ שטרענגע רעליגיע פֿאַר די מאָנאַכן, מיט פֿאָדערונגען פֿון גאָר אַ שטרענגער רעליגיעזער דיסציפּלין. אויך די קאַטוילישע קירך האָט געבאָטן. אָבער דאָס זיינען, דער עיקר, געבאָטן פֿאַר די אויסדערוויילטע, פֿאַר די רעליגיעזע פֿירער. און אַזוי האָט זיך געשאַפֿן אַ דאָפּלטע מאָראַל. פֿאַרן פֿאָלק, וויל אונדז די קריסטלעכע פֿילאָזאָפֿיע לערנען, זיינען שטרענגע געבאָטן אַ שווערער יאָך; פֿאַר די אויסדערוויילטע אָבער זיינען די שטרענגע פֿאָדערונגען פֿון רעליגיעזער דיסציפּלין — אַ פּריווילעגיע.

דער יידישער וועג איז גאָר אַן אַנדערער. יידישקייט איז אַ תורה פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק. יידן זיינען באַרופֿן צו לעבן ווי אַ הייליק פֿאָלק, אַ קעניגרייך פֿון כהנים (ממלכת כהנים וגוי קדוש).

די פּרושים, די שעפֿער פֿון דער תלמודישער טראַדיציע, האָבן גענומען גאָר ערנסט אָט די שווערע שליחות. הייליקן דאָס לעבן, האָבן די פּרושים געלערנט, מיינט אויך הייליקן דאָס וואָכעדיקע לעבן. די פּרושים האָבן ניט געלייקנט די באַדייטונג פֿון דעם בית המקדש. זיי האָבן אָבער ניט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פֿון דעם גאַנצן ענין קרבנות און זיי האָבן אויך ניט געהאַלטן, אַז די כהנים שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ באַזונדערע אויסגעצייכנטע גרופּע. אָט די קריטישע באַציונג לגבי די כהנים קומט באַזונדערס קלאָר צום אויסדרוק אין דעם תלמודישן כלל, אַז אַ ממזר, וואָס איז אַ תלמיד חכם, איז מער חשוב ווי אַ כהן גדול אַן עם הארץ (ממזר תלמיד חכם קודם לכהן גדול עם הארץ).

די פּרושים האָבן געגלויבט, און גאָר ערנסט געגלויבט — אַז אויך די היים פֿון דעם פּשוטסטן יידן קען ווערן אַ בית המקדש, און דער פּשוטסטער טיש, ביי וועלכן די אָרעמע פֿאַמיליע זעצט זיך עסן, קען דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פֿון אַ מזבח. הייליקן דאָס לעבן מיינט אויך הייליקן אַזאַ וואָכעדיקן ענין ווי עסן. אַזוי זיינען געשאַפֿן געוואָרן פּריוווילליקע חברות, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די מצווה פֿון עסן חולין בטהרה, דאָס הייסט אָפּצוהיטן ביי די טאָג־טעגלעכע מאָלצייטן די דינים פֿון ריטועלער ריינקייט, וועלכע די כהנים האָבן אָפּגעהיט ביים עסן תרומה.

אַזוי זיינען יידן געוואָרן אַ הייליק פֿאָלק, אַ קעניגרייך פֿון כהנים. און ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז נאָך אַלץ געבליבן די יידישע היים, וואָס

האָט טײַלווײַז פֿאַרביטן דעם בית המקדש. און דער טיש אין דער ייִדישער היים האָט אָנגענומען די הייליקייט פֿון דעם מזבח. אַזוי האָבן מיר זיך אויפֿגעהאַלטן אין גלות ווי אַ הייליק פֿאָלק, ווי אַ קעניגרײַך פֿון כהנים, און די מיצווה פֿון נטילת ידים האָט דאָ געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָל.

פֿאַראַן אַ פֿאַרשפּרייטע מיינונג, אַז אין ישו'ס פּאָלעמיק קעגן די פּרושים, וואָס האָבן אַזוי געהאַלטן פֿון דער וויכטיקייט פֿון וואַשן די הענט פֿאַרן עסן, קומט צום אויסדרוק דער פּראָטעסט פֿון פּשוטן פֿאָלק קעגן דעמאָלדיקע לערנער. דאָס איז אינגאַנצן פֿאַלש. די פּרושים האָבן זיך ניט אָפּגעטיילט פֿון פֿאָלק. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדער אָרדן, כּדי צו געווינען דאָס גאַנצע פֿאָלק, כּדי צו פֿאַרוואַנדלען גאַנץ ישׂראל אין אַ הייליק פֿאָלק. און דאָס האָט זיך זיי אײַנגעגעבן.

ביז גאָר באַלערנעד איז אין דעם פּרט דער פֿאַקט, וואָס די רעליגיעזע סאָציאַליסטישע סעקטע פֿון די איסיים, אַן אידעאַליסטישע גרופּע, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָל אין דער צײַט פֿון בית שני, האָט גראָד שטרענג אָפּגעהיט די פֿאָדערונג פֿון עסן חולין בטהרה. די איסיים האָבן געלעבט אין קליינע סאָציאַליס־טישע קבוצות. זיי זײַנען געווען קעגנער פֿון קרבנות אפֿילו אין בית המקדש. זייערע בשותּפֿותדיקע מאָלצײַטן זײַנען אָבער געווען אַ פֿאָרם פֿון דינען גאָט, פֿון אַ הייליקער עבֿודה. האָבן זיי דערפֿאַר אַזוי שטרענג אָפּגעהיט די טראַדיציע פֿון די פּרושים צו זיצן בײַם טיש, ווי זיי וואָלטן געזעסן פֿאַר גאָט בײַם מזבח. די מיצווה פֿון נטילת ידים אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז אַ גאַנצע פֿילאָזאָפֿיע. עס איז די פֿילאָזאָפֿיע פֿון מענטשלעכער חשיבֿות, די פֿילאָזאָפֿיע פֿון אַ הייליק פֿאָלק.

דער ייִדישער אוניווערסאַליזם

מיר האָבן אין ייִדישקייט די אייגנאַרטיקע פֿאַרבינדונג פֿון אוניווערסאַליזם און נאַציאָנאַלער קולטור. אַקעגן דעם איז קריסטנטום בעיקר אוניווערסאַליסטיש, הגם דער נאַציאָנאַלער פֿאַקטאָר שפּילט אַ גאַנץ באַדײַטנדע ראָל אין אַ צאָל פּראָטעס־טאַנטישע לענדער, אין דער פּראַוואָסלאַווער קירך אין רוסלאַנד און אַפֿילו אין דער קאַטוילישער וועלט.

דער עצם פֿאַקט קען אָבער ניט געלייקנט ווערן: די קריסטלעכע קירך איז לויט איר גאַנצן כאַראַקטער אוניווערסאַליסטיש. אָבער דער קריסטלעכער אוניווער־סאַליזם האָט געראַטעוועט נשמות ניט נאָר מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון וואָרט, נאָר אויך מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון שווערד. און גענוי דאָס זעלבע איז ריכטיק בנוגע דעם וועלטלעכן קאָמוניסטישן אוניווערסאַליזם. אויך דער קאָמוניסטישער אוניווערסאַליזם באַנוגנט זיך ניט מיט דער פֿרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע פֿון וואָרט. אוניווערסאַליזם איז גאָר אָפֿט רעאַקציאָנער, ווײַל די אוניווערסאַליסטישע פֿילאָ־זאָפֿיע קומט געוויינטלעך מיט דער פּרעטענזיע פֿון דעם איינציקן אמת, פֿון דעם

אַבסאָלוטן אמת. ווערט די וועלט ממילא איינגעטיילט אין צוויי לאַגערן: אין דעם לאַגער פון די גליקלעכע, וואָס האָבן געפונען דעם אייביקן אמת, און אין דעם לאַגער פון די פינצטערע, פון די אָפּגעשטאָגענע. און אין נאָמען פון דעם אייביקן אמת ווערט געפירט אַן אייביקע מלחמה קעגן זינד, קעגן פינצטערניש, קעגן רישעות. בין איך דעריבער ניט באַזונדערס באַגייסטערט פון אוניווערסאַליסטישע אַמביציעס, פון אַבסאָלוטע אמתן.

און טאַקע צוליב דעם גלויב איך אַזוי שטאַרק אין אונדזער יידישער שליחות אין דער איצטיקער צייט. דער איינציקער אַבסאָלוטער אמת אין יידישקייט איז — דער גלויבן אין דעם באַשעפער פון דער וועלט און דער גלויבן אין דעם מענטשן, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פאָרעם און אין זיין געשטאַלט. מיר גלויבן, אַז יעדער מענטש קען געפינען זיין וועג צום טאַטן אין הימל, ווייל איטלעכער יחיד און איטלעכע גרופּע טראָגן אין זיך געטלעכקייט. אויך די חסידי אומות העולם האָבן זייער חלק אין דער אייביקייט, האָבן אונדז געלערנט אונדזערע חכמים.

און דערפאַר איז אויך דער יידישער נאַציאָנאַליזם, אויף וויפל מיר בלייבן געטריי אונדזער קולטור־טראַדיציע, אַן אויסגעאיידלטער, אַ געלייטערטער.

יעדער אַבסאָלוטיזם, אפילו אַ רעליגיעזער אַבסאָלוטיזם, איז אין תוך אַ פאָרם פון עבודה זרה.

דער יידישער אוניווערסאַליזם איז אַן אוניווערסאַליזם, וואָס נעמט באמת אַרום די גאַנצע וועלט, די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע, אין אַלע אירע אַנטפּלעק־קונגען, אין אַלע אירע ניואַנסן. יידישקייט איז ניט בלויז אַ גלויבן פאַר איין פאָלק. יידישקייט איז די באַזונדערע אַנטפּלעקונג פון דעם אוניווערסאַלן גלויבן צו די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב. מיר נעמען אָן די אַלע, וואָס ווילן צו אונדז קומען, און מיר רעספּעקטירן אַלע אַנדערע, וואָס זוכן אויף זייער אייגענעם אופן דעם וועג צו געטלעכקייט.

יידישקייט משפּט די מענטשן ניט לויט זייער גלויבן, נאָר לויט זייערע מעשים. קען דערפאַר ביי אונדז עקזיסטירן אַזאַ באַגריף ווי די חסידי אומות העולם. וויבאַלד אַ מענטש היט אָפּ די עלעמענטאַרע געבאָטן פון מאָראַל און מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, האָט ער געפונען זיין וועג צום באַשעפער. יידישקייט איז געבויט ניט אויף דאָגמעס, נאָר אויף מעשים, אויף מיצוות, אויפן גלויבן אין מענטשן. און די יידישע מיצוות זיינען געבויט אויף דער אידעע פון דעמאָקראַטיע, פון דעם פריוויליקן אָפּמאַך, פון דעם בונד (ברית).

יידישקייט איז אַ סיסטעם פון אוניווערסאַלער דעמאָקראַטיע, פון פּלוראַליזם. קריסטנטום, באַזונדערס די קאַטוילישע קירך, איז אַ "פאָלקס דעמאָקראַטיע" פון איין פּאַרטיי, לויטן קאָמוניסטישן שטייגער. דער אונטערשייד צווישן יידישקייט און קריסטנטום איז דעריבער ניט צווישן אוניווערסאַליזם און נאַציאָנאַלן גלויבן, נאָר צווישן אוניווערסאַליסטישן אַבסאָלוטיזם און אַ דעמאָקראַטישן אוניווערסאַליזם

מיט דער העכסטער מאָס פון רעספּעקט צום מיטמענטשן, צו די אַלע, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פּאַרעם און אין זיין געשטאַלט.

די ראָל פון תנ״ך אין דער געשיכטע פון דעמאָקראַטיע

מיר וויסן היינט זייער גוט, אַז עס איז ניט מעגלעך קיין אויפריכטיקער און דויערהאַפטער שלום אין אַ ניט־דעמאָקראַטישער וועלט. אין לויף פון די עטלעכע צענדליק יאָר האָבן די דעמאָקראַטישע לענדער צוויי מאָל געוווּנען די מלחמה, דעם שלום האָבן זיי אָבער ניט געוווּנען, ווייל זיי האָבן ניט באַוויזן צו פּאַרפעסטיקן די דעמאָקראַטיע אין דער וועלט. עס איז ווייניק סתם אַראָפּצוּוואַרפן דעם אַלטן רעאַקציאָנערן רעזשים און איינצושטעלן אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע.

קיין איינציקע פון די גרויסע מלוכות אין אייראָפּע האָט ניט באַשאַפן אַזאַ טראַדיציע, אַזאַ אַטמאָספערע פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, ווי ענגלאַנד, אפילו ניט דאָס רעוואָלוציאָנערע פראַנקרייך. אָן אויסנאַם זיינען אין דעם פּרט בלויז די קליינע סקאַנדינאַווישע מלוכות און האָלאַנד, וועלכע זיינען פּאָליטיש און גייסטיק געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון ענגלאַנד. עס איז ביי דער געלעגנהייט, אגב, כדאַי פעסטצושטעלן, אַז אויך דער אַנטיסעמיטיזם איז אין ערגעץ ניט געווען אַזוי שוואַך ווי אין ענגלאַנד און האָלאַנד.

אין דער נייער וועלט וואַרפט זיך דער אונטערשייד צווישן די ענגליש־ריידנדיקע און די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער גאָר שטאַרק אין די אויגן. ווי קומט עס? פון וואַנען נעמט זיך דער באַזונדערער כאַראַקטער פון דער אַמעריקאַניש־ענגלישער קולטור?

מען האָט שוין אָנגעוויזן, אַז די דעמאָקראַטישע אַנטוויקלונג אין ענגלאַנד און אַמעריקע איז גאָר אין אַ שטאַרקער מאָס באַאיינפלוסט געוואָרן דורכן תנ״ך. די דאָזיקע מיינונג איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון אייניקע פון די בעסטע קענער פון דער ענגלישער געשיכטע און פון דער ענגלישער קולטור. די ענגלישע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט תמיד אַרויסגעוויזן די גרעסטע סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש פאַרן תנ״ך. מיט הונדערט יאָר צוריק האָט איינער פון די אָנגעזעענסטע סאָציאַלע רעפאָרמער אין ענגלאַנד געשריבן:

> אַ דאַנק דעם תנ״ך בין איך געוואָרן אַ ראַדיקאַל און אַ סאָציאַליסט. איידער איך האָב פאַרשטאַנען און ליב געקראָגן די ביבל, האָב איך מיך אַבסאָלוט ניט אינטערעסירט מיטן פשוטן פאָלק און מיט די אינטערעסן פון דעם פשוטן פאָלקסמענטשן. דער תנ״ך האָט מיך געלערנט, אַז אַלע מענטשן האָבן איין פאָטער און איין קעניג, וואָס איז פול מיט ליבע פאַר זיינע באַשעפענישן. און אָט די לערע האָט מיך געמאַכט פאַר אַ סאָציאַליסט״.

דערזעלבער סאָציאַלער דענקער רעדט ווייטער מיט באַגייסטערונג וועגן די דערציילונגען פון יציאת מצרים. דאָס איז דער ערשטער באַריכט אין דער וועלט געשיכטע — רופט ער אויס מיט פּאַטאָס — וועגן דער באַפרייונג פון אַ פאָלק, וועגן דער באַפרייונג פון אַרבעטסמענטשן. מיט די דערציילונגען אין ספר שמות, באַמערקט ער ווייטער, הייבט זיך אָן דער הייליקער קאַמף פאַר פרייהייט אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור.

אין דער געשיכטע פון אונדזער מאָדערנער קולטור — שרייבט איינער פון די באַדייטנדסטע ענגלישע געלערנטע פון פאַריקן יאָרהונדערט — איז דער תנ"ך געווען די "מאַגנאַ קאַרטאַ" פון די אָרעמע און אונטערדריקטע... און אויב גלייכהייט, פרייהייט און ברידערלעכקייט זיינען די פונדאַמענטן פון דעמאָקראַטיע, דאַן איז די ביבל דאָס דעמאָקראַטישסטע בוך אין דער וועלט.

עס וועט אפשר זיין נאָך וויכטיקער צו דערמאָנען, אַז שוין סוף 14טן יאָרהונדערט האָבן ענגלישע פויערים פּראָטעסטירט קעגן זייערע אַריסטאָקראַטישע אונטערדריקער, זיך שטיצנדיק אויף די ערשטע קאַפּיטלען פון בראשית: "ווען אדם האָט געאַקערט און חוה האָט געטאָן שפינען, ווער זיינען דאַן געווען — האָבן די דעמאָקראַטישע פויערים געפרעגט — די איידללייט, ווער איז דאַן געווען אַ פּריץ און אַן אַריסטאָקראַט?" אדם הראשון איז געווען אַן ערדאַרבעטער, אַ פּשוטער פויער, זיינען מיר, פויערים — האָבן זיי געטענהט — דעריבער די גרעסטע יחסנים.

אין אַן איינצעלנעם פּסוק, אין אַ פּאָר געציילטע ווערטער, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אָפט די גאַנצע וועלט פון תנ"ך. פאַראַן אַן אַלטער ענגלישער אויסדרוק: "די היים פון אַ מענטשן איז זיין פעסטונג". די הייליקייט פון דער פּערזענלעכער פרייהייט, פון דער פּריוואַטער היים, איז פאַרן ענגלענדער אַ סך מער ווי אַ געזעץ. עס איז אַ טייל פון זיין גאַנצער קולטור. און עס איז אין העכסטן גראַד מערקווערדיק, וואָס געוויס דעמזעלביקן געדאַנק באַגעגענען מיר שוין אין תנ"ך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק.

אין חומש דברים ווערט באַהאַנדלט די פראַגע, ווען איינער קען ניט באַצאָלן דאָס געלט, וואָס ער האָט געבאָרגט, און דער מלוה קומט צו אים נעמען אַ משכון פאַר זיין חוב. דער ביבלישער געזעצגעבער באַשטימט גענוי ווי דאָס זאָל געשען:

> אויב דיין חבר איז דיר עפּעס שולדיק און דו קומסט צו אים מאָנען דיין חוב, זאָלסטו ניט אַריינגיין צו אים אין דער היים און נעמען ביי אים אַ משכון. נייערט אין דרויסן זאָלסטו בלייבן שטיין, און דער מאַן, וואָס דו מאָנסט ביי אים, זאָל דיר אַרויסטראָגן דעם משכון אויף דרויסן (כי תשה ברעך משאת מאומה לא תבא אל ביתו לעבט עבטו. בחוץ תעמוד והאיש אשר אתה נשה בו יוציא אליך את העבוט החוצה).

די היים פון אַ מענטשן איז זיין פעסטונג. זיין פּערזענלעכע פרייהייט איז הייליק. טאָר זיך קיינער צו אים ניט אַריינרייסן.

קיין שום בוך אויף דער וועלט איז ניט אַזוי פיל געלייענט געוואָרן. קיין שום אַנדער ווערק האָט ניט אַזוי פיל געווירקט ווי דער תנ״ך. אַ פאָלקסבוך אין דעם בעסטן זין פון וואָרט איז אָבער דער תנ״ך געוואָרן דער עיקר אין ענגלאַנד אין 17טן יאָרהונדערט. דער באַקאַנטער ענגלישער היסטאָריקער דשאָן ריטשאַרד גרין שרייבט וועגן דעם אין זיין געשיכטע פון ענגלאַנד: ״אין 17טן יאָרהונדערט זיינען די ענגלענדער געוואָרן דאָס פאָלק פון בוך און דאָס דאָזיקע בוך איז געווען די ביבל. עס איז געווען דאָס איינציקע ענגלישע בוך, וואָס איז געלייענט געוואָרן אין יעדער ענגלישער פאַמיליע. עס איז געלייענט געוואָרן אין דער קירכע און עס איז געלייענט געוואָרן אין דער היים, און אומעטום, ווו מענטשן האָבן נאָר געהאַט אָפענע אויערן, האָט עס אין זיי אָנגעצונדן דעם פלאַם פון אַ ליכטיקן ענטוזיאַזם״.

די שיין געבונדענע ביבל איז געווען אַ פאַמיליע־אוצר. און אין דער צוואה פלעגט מען געוויינלעך אָנגעבן, צו וועמען זי זאָל איבערגיין בירושה.

אַ צווייטער ענגלישער געלערנטער וו.ב. סעלביע שרייבט וועגן דער ווירקונג פון תנ״ך אין ענגלישן לעבן:

> די ביבל האָט געפאָרמט זייער שפראַך, זייערע געדאַנקען און זייער לעבן און אויפן תנ״ך האָבן זיי געבויט אַלע זייערע האָפענונגען אויף אַ בעסער לעבן סיי אין דער וועלט און סיי אין דער קומענדיקער וועלט.

עס האָט אָבער לאַנג געדויערט ביז די ביבל איז אין ענגלאַנד געוואָרן אַ פאָלקסבוך. במשך פון יאָרהונדערטער האָט די קאַטוילישע קירך ניט געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרשפרייטן די ביבלישע שריפטן צווישן דעם פשוטן פאָלק.

די ספרים פון תנ״ך זיינען כמעט אַלע פון אָנהייב אָן געווען שריפטן פון קאַמף, פון אַ גרויסן אידעישן קאַמף פאַר אמת און מענטשלעכקייט, און יידישע דענקער האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן צו פאַרלאַנגען און צו מאָנען גערעכטיקייט אפילו פון דעם באַשעפער און ריכטער פון דער וועלט. דערפאַר איז דער תנ״ך אויך שפּעטער אין לויף פון יאָרהונדערטער און יאָרהונדערטער געבליבן אַ ספר פון אידעישער אומרויקייט און אידעישע קאַמפן.

עס איז כמעט אוממעגלעך צו באַגרייפן, וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע ראָל דער תנ״ך האָט געשפּילט אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און פון דער קולטור־וועלט בכלל. איז דערפאַר ניט קיין וווּנדער, וואָס ארום דעם תנ״ך האָבן זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט אַזוי פיל אידעישע וויכוחים און אידעאָלאָגישע קאַמפן. די פראַגע איז קודם כל געווען — וועמען געהערט דער תנ״ך? ווער איז באַרופן צו לערנען די הייליקע ספרים, צו דערקלערן און אויסטייטשן גאָטס וואָרט פאַרן פאָלק?

אין אַן אַלטן מדרש ווערט דערציילט: די יידן זיינען אַ מאָל געקומען צו משה רבינו מיט אַ טענה: דו האָסט גענומען די תורה און האָסט עס אַוועקגעגעבן צו די כהנים, וואָרים עס ווערט געזאָגט: און משה האָט אָנגעשריבן די תורה און

האָט עס געגעבן צו די כהנים. האָט משה זיי געענטפערט: איר ווילט, מיר זאָלן שליסן אַ בונד, אַז ווער נאָר עס וועט וועלן לערנען תורה, זאָל אים קיינער דערין ניט שטערן? האָבן זיי אים געענטפערט: יע! און זיי האָבן אַלע געשלאָסן אַ בונד, אַז יעדער ייד קען לערנען די תורה, וואָרים עס ווערט געזאָגט: אל כל ישראל, די תורה איז געגעבן געוואָרן צום גאַנצן פאָלק ישראל. אין דעם מדרש איז צו אונדז דערגאַנגען אַן אָפּקלאַנג פון קאַמף, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין לויף פון דורות און דורות אַרום דעם תנ״ך און באַזונדערס אַרום דער תורה. גראָד די כהנים, די אָפיציעלע רעליגיעזע פירער פון פאָלק, האָבן בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די תורה געהערט אַלעמען. ווען די יידן זיינען געקומען צוריק פון גלות בבל און האָבן ווידער אויפגעבויט יהודה און ירושלים, זיינען דורכגעפירט געוואָרן אַ רייע רעפאָרמען, וואָס האָבן געהאַט דעם צוועק צו פאַרשפּרייטן די תורה צווישן פאָלק. עס איז איינגעפירט געוואָרן דער מינהג צו לייענען אַלע שבת די תורה אין די שולן און בתי מדרשים. שפּעטער האָט מען אויך אָנגעהויבן צו ערקלערן און פאַרטייטשן די תורה אויף דער פאָלקסשפּראַך, אויף אַראַמעיש (תרגום), כדי אַלע זאָלן פאַרשטיין וואָס אין דער תורה ווערט געזאָגט. מען איז אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט ביז צו אַ ראַדיקאַלער רעפאָרם פון דעם אַלטן אלף בית. מען האָט איינגעפירט די אַזוי גערופענע אשורישע שריפט (כתב אשורי), וואָס איז דעם פשוטן פאָלק געווען מער באַקאַנט. אָט די נייע שריפט, וואָס איז לויט דער טראַדיציע איינגעפירט געוואָרן אין דער צייט פון עזרא, איז פאַרבליבן די יידישע שריפט ביז דעם היינטיקן טאָג.

אין דער יידישער וועלט איז דער קאַמף פאַרן תנ״ך געווען פאַרענדיקט שוין מיט מער ווי צוויי טויזנט יאָר צוריק. אין דער צייט פון בית שני האָבן די כהנים געשפּילט אַ לפי ערך גאַנץ באַשיידענע ראָל. דאָס פאָלק האָט געהאַט די תורה און האָט זיך דעריבער ניט גענייטיקט אין דער הילף פון די כהנים, כדי צו וויסן גאָטס וואָרט.

אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג אין דער קריסט־לעכער וועלט. שוין אין דער עלטסטער צייט זיינען אין דער קריסטלעכער קירך געפירט געוואָרן הייסע וויכוחים אַרום דעם תנ״ך. זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון תנ״ך האָט מען ניט געקענט, דאָס קריסטנטום וואָלט דאַן געבליבן גייסטיק אָרעם, אָן אַן אינהאַלט און אָן אידעען. האָט מען דעריבער געפונען אַן אויסוועג: דער תנ״ך בלייבט הייליק, אָבער די קריסטן זיינען מער ניט מחויב אָפּצוהיטן די געבאָטן פון תורת משה.

צוליב דעם טעם האָט דאָס קריסטנטום בכלל זיך לפי ערך אַ סך ווייניקער אינטערעסירט מיט דער ביבלישער ליטעראַטור. אויך די קריסטלעכע שריפטן גופא, די ביכער פון דעם נייעם טעסטאַמענט, זיינען ניט געווען פאַרשפּרייט צווישן די קריסטלעכע פעלקער. די קאַטוילישע קירך, וואָס האָט אין מיטלאַלטער געהערשט כמעט אין גאַנץ אייראָפּע, האָט איינגעפירט אַ סיסטעם פון אַן אַבסאָלוטיזם פון די גייסטלעכע. אַ גאַנצער תהום טיילט אָפּ אין דער קאַטוילישער וועלט דעם

געוויינלעכן מענטשן פון דעם גייסטלעכן און קיין שום רעליגיעזע פונקציע קען אין דער קאַטוילישער קירך ניט דורכגעפירט ווערן אָן זיין הילף.

איז ממילא פאַרשטענדלעך וואָס די קירך איז אינגאַנצן ניט געווען פאַראינ־טערעסירט צו פאַרשפרייטן די ביבלישע ליטעראַטור צווישן פאָלק. מען האָט מורא געהאַט, אַז דער פּרעסטיזש פון דער קירך און פון די גייסטלעכע וועט שטאַרק אָפּגעשוואַכט ווערן, אויב דאָס פאָלק וועט אַליין האָבן אַ צוטריט צו די הייליקע שריפטן. איז דערפאַר אויך פאַרשטענדלעך, וואָס יעדע דעמאָקראַטישע אָפּאָזיציע קעגן דער קאַטוילישער קירך האָט זיך אָנגעהייבן מיטן קאַמף פאַר דער ביבל. דעמאָקראַטיזירן דאָס גייסטיקע לעבן, האָט מיט פיר־פינף הונדערט יאָר צוריק געהייסן — געבן דעם פאָלקסמענטשן אַ צוטריט צו דער ביבלישער ליטעראַטור, פאַרשאַפן אים די מעגלעכקייט צו לייענען די הייליקע שריפטן אין זיין שפּראַך, אין דער פאָלקסשפּראַך.

די איבערזעצונג פון תנ״ך אין די מאָדערנע אייראָפּעישע שפּראַכן געהערט דערפאַר צו די מערקווערדיקסטע און וויכטיקסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער קולטור.

דער פּיאָנער פון אַ פאָלקסביבל אין ענגליש איז געווען דזשאָן וויקליף, איינער פון די ערשטע אָפּאָזיציאָנערן און רעפאָרמאַטאָרן אין דער קריסטלעכער וועלט. אין זיין קאַמף קעגן די פאַרשיידענע מיסברויכן און דער קאָרופּציע אין דער קאַטוילישער קירך, האָט וויקליף ניט געזען קיין בעסער מיטל ווי געבן דעם פאָלק אין די הענט די ביבלישע ליטעראַטור. אונדזער העכסטע אויטאָריטעט, האָט וויקליף געלערנט זיינע תלמידים, איז ניט דער קאַטוילישער גייסטלעכער און אפילו ניט דער פּויפּסט, נאָר גאָטס וואָרט, וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן אין די שריפטן פון דער ביבל.

וויקליף אַליין האָט זיך גענומען פאַר דער גרויסער אויפגאַבע צו געבן דעם פאָלק די ביבל אין זיין שפּראַך. געהאָלפן האָבן אים איינינקע פון זיינע תלמידים און פריינד. נאָך וויכטיקער איז געווען, וואָס וויקליף האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע באַוועגונג פון ״אָרעמע פּריידיקער״, וואָס פלעגן אַרומוואַנדערן איבערן לאַנד צו לערנען מיטן פאָלק די ביבלישע שריפטן. מען מוז נאָך האָבן אין זינען, אַז קיין דרוק איז נאָך דאַן ניט געווען און די ערשטע טעקסטן פון דער ביבל אין ענגליש זיינען נאָך געווען געשריבן מיט דער האַנט.

די קאַטוילישע קירך האָט, נאַטירלעך, אָנגעהייבן אַ קעגן־אַקציע. אין יאָר 1414 איז אַפילו אַרויס אַ געזעץ, וואָס האָט באַשטימט צו באַשטראָפן יעדן איינעם, וואָס וועט לייענען די ביבל אין ענגליש, מיט קאָנפיסקירן זיין גאַנצן פאַרמעגן.

באַזונדערס טראַגיש איז געווען דער גורל פון דעם צווייטן פּיאָנער פון דער ענגלישער פאָלקסביבל. דאָס איז געווען דער גייסטלעכער טינדאַל, וואָס האָט אין אָנהייב פון 16טן יאָרהונדערט, קנאַפּע הונדערט און פופציק יאָר נאָך וויקליפן, געמאַכט דעם צווייטן פּרווו צו געבן דעם פאָלק די ביבל אין ענגליש. די טעכניק פון דרוק איז שוין דעמאָלט געווען פאַרשפּרייט. אין ענגלאַנד גופא האָט ער עס

ניט געקענט דרוקן, האָט ער אויף אַ געהיימען אופן אַנגעהייבן צו דרוקן זיין איבערזעצונג אין דייטשלאַנד. אָבער באַלד האָט טינדאַל אויך פון דייטשלאַנד געמוזט אַנטלויפן. סוף כל סוף האָט זיך אים איינגעגעבן דורכצופירן זיין פּלאַן. און דאַן האָט מען אין קאַסטנס מיט סחורה אַלץ אַריבערגעשמוגלט קיין ענגלאַנד.

אַ טייל פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור האָט מען אויסגעפונען. אַ צאָל עקזעמפּלאַרן האָט מען אויסגעקויפט. און די ביכער פון פאַלק און פאַרן פאַלק האָט מען עפנטלעך פאַרברענט. בלויז איין איינציקער פולער עקזעמפּלאַר (עס פעלט בלויז דער שער בלאַט) איז פאַרבליבן פון יענער גערדרוקטער אויסגאַבע. אין יאָר 1536 איז דער פּיאָנערישער איבערזעצער און דרוקער פון דער ענגלישער פאָלקסביבל אַרעסטירט געוואָרן אין בעלגיע. אין תפיסה האָט מען אים אויף אַ ברוטאַלן אופן אומגעבראַכט און דאַן האָט מען זיין קערפּער עפנטלעך פאַרברענט. זייער ציל האָבן אָבער די דעמאָלסדיקע הערשער פון דער קאַטוילישער קירך ניט דערגרייכט. און גראַד ענגלאַנד איז באַשערט געווען צו שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין דער פאַרשפּרייטונג פון דער ביבל און אין דער דעמאָקראַטיזירונג פון גייסטיקן לעבן.

די פּוריטאַנער

און וואָס האָבן זיי איבערגענומען פון דער יידישער טראַדיציע

דער תנ״ך האָט אויסגעלערנט דעם מענטשן צו האָבן דרך ארץ פאַר זיך אַליין און פאַרן מיטמענטשן. און דאָס איז דער יסוד פון דעמאָקראַטיע, דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ, וואָס האָט אויך אַזוי שטאַרק געווירקט אין דער דעמאָקראַטישער טראַדיציע פון ענגלאַנד און אַמעריקע.

מיר דוכט, אַז אין קיין שום לאַנד איז ניט דערגרייכט געוואָרן אַזאַ טאָלעראַנטע און לאָיאַלע באַציונג צווישן דער פּאַרטיי, וואָס שטייט ביי דער מאַכט, און דער אָפּאָזיציע, ווי אין ענגלאַנד. אַזוי געווירקט האָט דאָ, אַן שום ספק, די אייגנאַרטיקע רעליגיעזע אַנטוויקלונג, וואָס ענגלאַנד האָט דורכגעמאַכט אין 16טן און 17טן יאָר־הונדערט. די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע איז אין ענגלאַנד געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער רעליגיעזער דעמאָקראַטיע, און די קעמפער פאַר רעליגיעזער דעמאָקראַטיע אין ענגלאַנד און אמעריקע האָבן געשעפּט זייערע אידעען און זייער באַגייסטערונג פון דעם דעמאָרקאַטישסטן דאָקומענט, וואָס אונדזער קולטור־וועלט פאַרמאָגט — פון תנ״ך.

איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען אין קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע איז דער פאַקט, וואָס אַ סך מענטשן ווילן גאַרניט די שווערע מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטונג פון דעמאָקראַטיע און זיינען צופרידן, ווען עס געפינט זיך אַ ״פּירער״, וואָס באַפרייט זיי פון דעם. דעמאָקראַטיע, אמתע דעמאָקראַטיע, פאָדערט אַ סך דערציונג און דערפאַר פאַסירט עס אַזוי אָפט, אַז דאָס פאָלק ווערט גאַר גיך אַנטוישט און

קערט זיך צוריק אום צו אַ רעזשים פון דיקטאַטור און אויטאָריטעט. ניט יעדער מענטש איז גרייט צו נעמען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע פון דענקען פאַר זיך און זעלבשטענדיק. דאָס איז די סיבה, למשל, וואָס די קאַטוילישע קירך האָט נאָך היינט אַזאַ געוואַלדיקע השפעה אויף גרויסע מאַסן מענטשן, ווייל זי באַפרידיקט זייער באַדערפעניש ניט נאָר אין אַ גלויבן, נאָר אויך אין אַ פירערשאַפט, אין אויטאָריטעט.

דער קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע האָט זיך אין אייראָפּע אָנגעהייבן מיטן קאַמף קעגן דעם גייסטיקן אַבסאָלוטיזם פון דער קאַטוילישער קירך. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער רעפאָרמאַציע פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט אין אייראָפּע. אין זייער קאַמף קעגן דער אויטאָריטעט פון דעם רוימישן פויפּסט, האָבן די רעפאָרמאַטאָרן זיך פאַררופן אויף דער ביבל. דאָס איז ריכטיק סיי פאַר דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג אין ענגלאַנד און סיי פאַר דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג אין דייטשלאַנד. עס איז אָבער געווען איין גרויסער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן די רעפאָרמאַטאָרן אָדער פּראָטעסטאַנטן, ווי מען רופט זיי געוויינטלעך, אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד. און דער אונטערשייד האָט, לויט דער מיינונג פון אַ סך דענקער און געלערנטע, געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכע ווירקונג אויף דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער קולטור. אין וואָס איז דער אונטערשייד באַשטאַנען?

דער אונטערשייד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די דייטשע פּראָטעסטאַנטן האָבן זיך באַנוגנט מיטן קאַמף קעגן דער קאַטוילישער קירך, בעת די ראַדיקאַלע ענגלישע פּראָטעסטאַנטן האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע דורכצופירן די אידעע פון דעמאָקראַטיע אויך אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. מאַרטין לוטער, דער באַגרינדער פון פּראָטעסטאַנטיזם, האָט אויפן שאַרפסטן אופן באַקעמפט יעדע פּאָליטישע אָפּאָזיציע קעגן די דייטשע פירשטן. די וועלטלעכע הערשער, האָט ער געטענהט, זיינען באַשטימט געוואָרן פון דער געטלעכער השגחה אָנצופירן מיטן פאָלק. דער פּשוטער מענטש האָט זיך ניט וואָס צו מישן אין דער פירונג פון דער וועלט. ער קען אין בעסטן פאַל בעטן גאָט, ער זאָל אַריינגעבן גוטע געדאַנקען און גוטע כוונות אין די הערצער פון די וועלטלעכע הערשער. דער דייטשער פּראָטעס־טאַנטיזם האָט קולטיווירט די אידעאָלאָגיע פון פּאָליטישן אַבסאָלוטיזם און עס איז דערגאַנגען אפילו אַזוי ווייט, אַז די פּראָטעסטאַנטן האָבן אַליין מסכים געווען צו דעם פּרינציפּ, אַז אין יעדן לאַנד מוזן די בירגער זיך האַלטן ביי דעם גלויבן פון זייערע הערשער.

גאָר אויף אַן אַנדער וועג זיינען געגאַנגען די פאַרטרעטער פון ראַדיקאַלן פּראָטעסטאַנטיזם אין ענגלאַנד, די אַזוי גערופענע פּוריטאַנער. די געוואַלדיקע ראָל, וואָס די פּוריטאַנער האָבן געשפּילט אין די קאַמפן פאַר דעמאָקראַטיע אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, ווערט היינט אַנערקענט פון אַלע געלערנטע, וואָס האָבן זיך מיט די פּראָבלעמען פאַרנומען. עס ווערט אויך דערביי כמעט פון אַלעמען אָנגעוויזן,

אַז די שטאַרקסטע השפּעה אויף די פּוריטאַנער האָבן גראַד געהאַט די ספרים פון תנ״ך און ניט די קריסטלעכע שריפטן פון דעם נייעם טעסטאַמענט.

מען האָט די פּוריטאַנער אָפט באַשולדיקט, אַז זיי האָבן אַריינגעבראַכט צו פיל יידישע עלעמענטן אין קריסטנטום. אין דער באַשולדיקונג איז, בלי ספק, פאַראַן אַ קערנדל אמת. אין וואָס איז באַשטאַנען די ״יידישקייט״ פון די פּוריטאַנער ?

איינער פון די גרונטפּרינציפּן פון פּוריטאַנישן גלויבן איז געווען, אַז יעדער מענטש מוז אַליין האָבן אַ צוטריט צו גאָט, צו זיין באַשעפער. די פּוריטאַנער האָבן באַזונדערס שאַרף אפּגעוואָרפן יעדן פּרווו פון קירכלעכער אויטאָריטעט. דער מענטש נייטיקט זיך ניט, האָבן זיי געטענהט, אין קיין שום פאַרמיטלער צווישן אים און זיין פאָטער אין הימל. דערפאַר איז אויך די אָרגאַניזאַציע פון רעליגיעזן לעבן ביי די פּוריטאַנער, און אונטער זייער השפּעה אין די ענגליש־ריידנדיקע לענדער בכלל, געוואָרן אַלץ מער און מער דעמאָקראַטיש. די פּוריטאַנער האָבן ניט אָנערקענט קיין שום צענטראַלע אויטאָריטעט, קיין שום פּירערשאַפט, און יעדע געמיינדע האָט אויסגעקליבן אירע אייגענע גייסטיקע פירער. אַזוי איז דאָ דאָס געמיינדע־לעבן געוואָרן אַ שולע פון דעמאָקראַטיע.

מיט דעם האָט זיך דער פּוריטאַניזם שטאַרק דערנענטערט צום שטרענגן יידישן מאָנאָטעיזם, וואָס האָט פון תמיד אָן באַקעמפט יעדע פאָרם פון פאַרמיטלער צווישן דעם מענטשן און דעם באַשעפער. ניטאָ אין דעם שטרענגן פּוריטאַנישן פּראָטעסטאַנטיזם קיין קולט פון הייליקע. אפילו אַזאַ געשטאַלט ווי די מוטער פון ישו פאַרנעמט ניט אין דער פּוריטאַנישער טעאָלאָגיע קיין שום פּלאַץ. אָבער נאָך וויכטיקער איז, וואָס די פּוריטאַנער האָבן אָנגענומען די יידישע אידעע פון אַ געזעץ, פון אַ תורה, וואָס דאַרף רעגולירן סיי דאָס לעבן פון דעם יחיד און סיי דאָס געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע לעבן.

אין משך פון דורות און דורות איז אין ענגלאַנד געפירט געוואָרן אַ קאַמף צווישן דעם פּאַרלאַמענט און דער קעניגלעכער מאַכט. די אָנהענגער פון קעניגלעכן אַבסאָלוטיזם האָבן זיך געשטיצט דערויף, וואָס לויט דער קריסטלעכער טראַדיציע איז די קעניגלעכע מאַכט באַשטימט געוואָרן פון גאָט. טאָר מען דעריבער זיך ניט אַקעגנשטעלן גאָטס ווילן. אויף דעם האָבן די פּוריטאַנער געענטפערט מיט ביישפּילן פון תנ״ך, ווו די נביאים קריטיקירן כסדר מיט די שאַרפסטע ווערטער די זינדיקע וועלטלעכע הערשער פון יהודה און ישראל. די ביישפּילן פון קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע ביי יידן אין דער צייט פון תנ״ך האָבן געהערט צו די וויכטיקסטע און סאַמע ווירקנדיקסטע אַרגומענטן אין די אידעאָלאָגישע קאַמפן פאַר דעמאָקראַטיע אין ענגלאַנד. די נביאים האָבן זיך דאָך אַפילו ניט אָפּגעשראָקן, האָבן אַ סך פון די פּוריטאַנישע פירער אָנגעוויזן, אַראָפּצוּוואַרפן פון טראָן געוויסע זינדיקע הערשער. אויב דאָס איז געווען דערלויבט אַמאָל, אין דער צייט פון די נביאים, פאַרוואָס זאָל עס ניט זיין דערלויבט היינט ?

דער אַלטער קאַמף פון די נביאים קעגן דער פאַרגעטערונג פון מענטשלעכער מאַכט האָט געפונען דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג אין די פּוריטאַנישע קרייזן אין ענגלאַנד און אַמעריקע אין 17טן יאָרהונדערט. קיין שום מענטש קען ניט און טאָר ניט פּרעטענדירן צו זיין די העכסטע אויטאָריטעט. מיר האָבן בלויז איין אויטאָריטעט, דאָס איז גאָטס וואָרט, גאָטס געזעץ. דאַרף דעריבער דאָס לאַנד געפירט ווערן ניט לויטן ווילן פון דעם קעניג, נאָר לויטן געזעץ.

די פּוריטאַנער האָבן אַפילו איבערגענומען די אידעע פון דעם אַפּמאַך, פון דעם בונד צווישן גאָט און מענטשן (ברית), וואָס פאַרנעמט אַזאַ צענטראַלן פּלאַץ אין תנ״ך. דאָס איז אין תוך געווען די טיפסטע רעוואָלוציע אין דער קריסטלעכער געדאַנקען-וועלט. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צום יידישן געדאַנק פון אַ געזעץ, פון אַן אַפּמאַך, פון אַ וועלט-טשאַרטער צווישן גאָט און מענטש. ממילא איז זייער באַציונג צום מענטשן, צו זיינע מאָראַלישע פליכטן און זיין מאָראַלישער פאַראַנט-וואָרטלעכקייט געוואָרן אַן אַנדערע. זיי האָבן דערפאַר אויך אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן געפאָדערט די דורכפירונג פון אַ געזעצלעכער אָרדנונג, פון אַ קאָנסטיטוציע.

עס איז דעריבער אין העכסטן גראַד כאַראַקטעריסטיש, וואָס שוין די ערשטע גרופּעס פון די פּוריטאַנישע איינוואַנדערער אין אַמעריקע האָבן דאָ, אין דער נייער וועלט, אויך מיטגעבראַכט די אידעע פון אַ קאָנסטיטוציע, פון אַן אַפּמאַך. אייניקע גרופּעס פּיאָנערן האָבן אַפילו מיטגעבראַכט פאַרטיקע סטאַטוטן, ווי זיי זאָלן זיך אויפפירן און ווי זיי זאָלן בויען זייער לעבן, ווען זיי וועלן זיך באַזעצן אין דעם נייעם לאַנד. אָט די תקנות פון די ערשטע פּיאָנערן-געמיינדעס אין אַמעריקע זיינען אין אַ סך פּרטים ענלעך צו די תקנות פון פאַרשיידענע יידישע חברות און קהילות אין אייראָפּע. זיי זיינען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון פּערזענלעכער פאַראַנט-וואָרטלעכקייט און פון אַ טיפן גלויבן אין די אייגענע כוחות.

אָבער אויך נאָך אויף אַ סך אַנדערע געביטן האָט זיך אַרויסגעוויזן דער אויסערגעוויינטלעכער אײַנפלוס פון תנ״ך אויף די פּוריטאַנער.

די פּוריטאַנער האָבן ניט אָנערקענט קיין אונטערשייד צווישן אַ באַזונדערן רעליגיעזן קלאַס, ווי די קאַטוילישע פּריסטער און מאָנאַכן, און די פּשוטע זינדיקע מענטשן. יעדער גלויביקער דאַרף זיך באַטראַכטן ווי אַ פּריסטער, און דער ביבלישער אויסדרוק ״ממלכת כהנים״ (אַ קעניגרייך פון כהנים) ווערט דערפאַר זייער אָפט באַנוצט אין דער פּוריטאַנישער ליטעראַטור. מוז דעריבער יעדער מענטש פירן אַ מלחמה קעגן זינד, מוז ער זיך באַמיען צו פירן אַ שטרענג און הייליק לעבן, ווייל אויך דאָס פּשוטע טאָג-טעגלעכע לעבן קען ווערן געהייליקט.

דער קאַטאָליציזם איז געווען אַ רעליגיע פון ״רחמנות״: דער גייסטלעכער וועט די זינד מוחל זיין. דער פּוריטאַנישער גלויבן איז אָבער געווען אַ גלויבן פון פאָדערונגען, פון זוכן וועגן ווי אויסצובעסערן דעם מענטשן און זיך אויסצוהיטן פון זינד.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּוריטאַניזם איז דערפאַר געווען די גאַנץ אַנדערע באַציונג צום מענטשן און צום טאָג־טעגלעכן געשעפטסלעבן. דער פּוריטאַנער האָט די גרעסטע פאַראַכטונג צו אַ לעבן אָן אַרבעט, צו ליידיקגייעריי. דערפאַר האָבן פּוריטאַנער אַזוי באַקעמפט די גאַנצע קאַטוילישע סיסטעם פון מאָנאַסטירן, פון מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך ניט מיט געוויינלעכער אַרבעט און וואָס באַפרייען זיך פון טאָג־טעגלעכע זאָרגן. אָט דער קולט פון אַרבעט, פון געשעפט האָט ביי די פּוריטאַנער אָפט אָנגענומען איבערגעטריבענע פאָרמען. איינער פון די פּוריטאַנישע פירער האָט, למשל, אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דער "ספּיריטואַליזירונג" פון האַנדל. דערמיט האָט ער געוואָלט באַווייזן, אַז מען קען דעם האַנדל פאַרוואַנדלען אין אַ רעליגיעזער עבודה, ווי אַזוי האַנדלען און פאַרדינען געלט קען אפילו זיין אַ פאָרם פון דינען גאָט.

עס קען ניט זיין קיין גרעסערע זינד, האָבן די פּוריטאַנער געלערנט, ווי פוילקייט, אַרומגיין ליידיק, גאַרניט טאָן. דערפאַר האָבן זיי אַזוי שטאַרק באַקעמפט שיכרות און אַלערליי אַזאַרט־שפּילן. אין דעם פּרט האָט זיך ממש געשאַפן אַ תהום צווישן דער קאַטוילישער און דער פּוריטאַנישער וועלט. דער קאַטוליציזם איז מוחל שיכרות און איז אויך מוחל אַלערליי אַזאַרט־שפּילן. וואָס קען מען דען פאַרלאַנגען פון זינדיקע מענטשן? און וואָס זאָלן זיי, אגב, טאָן? לייענען די ביבלישע שריפטן איז דאָך געווען די פּריווילעגיע פון די גייסטלעכע! דער פּוריטאַנער האָט אָבער געהאַט וואָס צו טאָן אין זיין פרייער צייט, ער האָט געקענט לייענען די ביבל. האָט ער דעריבער ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי מענטשן פאַרלירן זייער צייט אויף קאָרטנשפּיל און אויף שיכרות. באַזונדערס האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין, ווען מענטשן פאַרשווענדן זייער צייט אויף אַזאַ אופן אין דעם הייליקן טאָג, אין דעם טאָג פון אָפּרו.

די פּוריטאַנער האָבן באַזונדערס שטרענג אָפּגעהיט די פאָדערונג פון זונטיק־רו און זיי האָבן זיך דערביי בפירוש פאַררופן אויף די געזעצן פון תנ"ך וועגן שבת. אַ סך פון די פּוריטאַנער האָבן אפילו געהאַלטן, אַז די יידישע געזעצן וועגן שבת זיינען אויך גילטיק פאַר די קריסטן און אין דער פּוריטאַנישער ליטעראַטור ווערט אפילו דאָס וואָרט שבת אָפט באַנוצט ווי אַ באַצייכענונג פאַרן טאָג פון אָפּרו.

אין דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם און פון דעם "קאַפּיטאַליסטישן" גייסט, ווי אָן אַנגעזעענער געלערנטער האָט זיך אויסגעדריקט, האָבן די פּוריטאַנער אָן שום ספק געשפּילט אַ פירנדע ראָל. אין דעם פּרט האָט די פּוריטאַנישע שטרענגקייט און איהר רעספּעקט פאַרן געזעץ, פאַר אָנגענומענע פאַרפליכטונגען, געשפּילט אַ געוואַלדיקע ראָל. די פּוריטאַנער מאָראַל איז, אמת, געווען צו סוחריש, אָפט אפילו קאַפּיטאַליסטיש ברוטאַל, באַזונדערס אין באַציונג צו אַרבעטסלאַזע. ווען מיר פאַרגלייכן אָבער די פּוריטאַניש־סוחרישע מאָראַל מיט דער פעאָדאַלער מאָראַל, וואָס איז געבליבן הערשן אין אַנדערע לענדער, ווערט פאַר אונדז פאַרשטענדלעך די גרויסע קולטור־היסטאָרישע ראָל פון די פּוריטאַנער אין ענגלאַנד און אַמעריקע. אָן דער שטרענגער מאָראַלישער דיסציפּלין, וואָס די פּוריטאַנער האָבן געשאַפן,

וואָלט די דעמאָקראַטישע פרייהייט אין ענגלאַנד און אַמעריקע ניט געהאַט היי־באָדן. פערזענלעכע אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט מוז אומפאַרמיידלעך פירן צו גייסטיקער און פּאָליטישער דיקטאַטור.

די געפאַר פון אַ נייעם געצנדינסט, פון אַ בלינדער פאַרגעטערונג פון מענטש־לעכע פירער איז אין אונדזער צייט אפשר נאָך גרעסער ווי אין דער צייט פון די נביאים.

*

עס זיינען געווען אַ סך שאָטנזייטן אין דער פּוריטאַנישער קולטור, וואָס האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דער אַנטוויקלונג פון ענגלאַנד און אַמעריקע. גרויסע הצלחה אין אַרבעט און געשעפט איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ סימן פון גאָטס גענאָד. האָט אַ מענטש דערפאָלג, איז אַ סימן — האָט אונדז די פּוריטאַנישע פילאָזאָפיע געלערנט — אַז ער האָט געפונען חן אין די אויגן פון זיין באַשעפער.

דער פּוריטאַניזם האָט ניט באַוויזן צו שאַפן אַ מאָראַלישע סיסטעם, וואָס זאָל באמת זיין צוגעפּאַסט צו די ביז גאָר קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון אַ שטאָטישער קולטור. דער קולט פון הצלחה קען ניט פאַרענטפערן די זאָרגן פון די שיכטן, וואָס האָבן ניט געהאַט דעם מזל זיך "אַרויפצואַרבעטן". און דער עצם באַגריף פון דערפאָלג איז אַ רעלאַטיווער. וואָס איז הצלחה? איז דער אָרעמער לערנער, דער אָרעמער דענקער און קינסטלער ניט מער ווי אַ שלימזלניק, אַ לא יוצלח?

גאָר אַנדערש איז דער צוגאַנג פון דער תלמודישער הלכה. דער תלמוד רעספּעקטירט דעם מענטשן, אויך דעם מענטשן, וואָס האָט ניט געהאַט קיין הצלחה: דער תלמוד רעספּעקטירט די מענטשלעכע אַרבעט אין אַלע אירע פאָרמען און אַרויסווייזונגען. דער אָרעמער תלמיד חכם איז ביי יידן געווען ניט קיין קלענערער יחסן ווי דער רייכער סוחר. ווען אונדזערע עלטערן האָבן געזאָגט, אַז תורה איז די בעסטע סחורה, האָבן זיי עס באמת געמיינט.

די אַלטע פּראָטעסטאַנטיש־פּוריטאַנישע קולטור, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט דעם וווּנדערלעכן עקאָנאָמישן אויפשטייג אין אַמעריקע, האָט אין אונדזער צייט פאַרלוירן איר צויבער. מיר האָבן אָבער נאָך ניט געפונען קיין נייע מאָראַלישע שיטה, וואָס זאָל אונדז העלפן געפינען דעם וועג אין דעם פּלאָנטער פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. דאָס וואָס מיר באַצייכענען מיטן נאָמען מאָדערנע קולטור, באַשטייט בלויז פון שטיקלעך און ברעקלעך. געפערלעך איז דער פאַקט, וואָס די טראַדיציעס פון דער פעאָדאַל־אַריסטאָקראַטישער צייט באַהערשן אין גאָר אַ היפּשער מאָס דאָס היינטיקע קולטורלעבן. אונדזער גאַנצע ליטעראַטור איז דורכגעזאָפּט מיט סענטימענטן פון פאַראַכטונג און ביטול צו אַלץ וואָס איז באַלעבאַטיש, פּוריטאַניש, קליינבירגערלעך. ס'איז ריכטיק, אַז די אַלטע פּוריטאַנישע מאָראַל איז ניט מער אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון אונדזער צייט. ס'איז אָבער אויך ריכטיק, אַז אונדזער מאָדערנע ליטעראַטור, דער שפּיגל פון אונדזער נייער

קולטור, איז אין תוך אַ וועג פון דעמאָראַליזאַציע און אונטערגאַנג. מיר קענען זיך איצט ניט אומקערן צו דער הפקרדיקער מאָראַל פון דער פּעאָדאַלער וועלט, הגם זי קען אונדז אָפּט שטאַרק אימפּאָנירן עסטעטיש און קינסטלעריש.

עס ווייזט מיר אָבער אויס, אַז דער תּלמודישער וועג, דער שטרענגער וועג פון דער יידישער הלכה, וואָס אַפּעלירט אפשר ווייניקער צו די עסטעטישע סענטימענטן פון דעם מאָדערנעם באַהעמישן קינסטלער, אָט דער תּלמודישער וועג, גלויב איך, קען אונדז גאָר אַ סך העלפן אריינצוברענגען אַ ביסל אָרדענונג אין דעם מוראדיקן תּהו ובהו פון אונדזער צערודערטער צייט.

וואָס ווייסט די וועלט וועגן יידן און יידישקייט

די פראַגע, וואָס פאַר אַ פאַרשטעלונג די ניט־יידישע וועלט האָט זיך געשאַפן וועגן יידישע אידעען, יידישע פּראָבלעמען און יידיש לעבן, האָט פאַר אונדז אַ גרויסע באַדייטונג. מיר זיינען פאַראינטערעסירט, אַז די וועלט זאָל האָבן וועגן אונדז אַ מער אָביעקטיווע פאַרשטעלונג, אונדזערע שכנים זאָלן אונדז פאַרשטיין, זיי זאָלן פאַרשטיין אונדזערע זאָרגן און אונדזער עקשנות צו בלייבן יידן; מיר ווילן אויך אַז זיי זאָלן פאַרשטיין אונדזער רעכט, אונדזער חוב אפילו, אָפּצוהיטן יידישע קולטור־אוצרות און ווייטער צו אַנטוויקלען די יידישע גייסטיקע שעפע־רישקייט. די מעכטיקסטע מלוכות פאַרנעמען זיך היינט גאָר אַ סך מיט אויפקלערונג, אינפאָרמאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. קיין שום פאָלק און מלוכה קען זיך היינט ניט פאַרגינען דעם לוקסוס זיך צו איזאָלירן פון דער וועלט.

מיר באַגעגענען אַן אַ שיעור טעותן און גאָר פאַלשע פאַרשטעלונגען, אפילו ביי ערנסטע ניט־יידישע דענקער. אַזוי איז די גאַנצע טעאָריע, אַז די פּרושים, די יידישע רעליגיעזע פירער אין דער צייט פון בית שני, האָבן פאַרלאָזן דעם וועג פון די נביאים און האָבן זיך בלויז פאַרנומען מיט שווערער מאַכן די רעליגיעזע פליכטן — דער גרעסטער אומזין. אוודאי האָבן די נביאים באַטאָנט אויפן שטאַרקסטן אופן דעם עטישן פאַקטאָר אין דער אמונה. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז זיי זיינען געווען קעגנער פון דער יידישער טראַדיציע פון מיצוות, אפילו ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ריין רעליגיעזע פליכטן.

און פונקט אַזוי פאַלש איז, אַז יידישקייט איז אין דער ערשטער שורה אַ נאַציאָנאַלער גלויבן. געוויס, די ווערטער פון שמע ישראל זיינען סימבאָליש פאַרן יידישן גלויבן און פאַר יידישן קידוש השם. דער טראָפּ אָבער ליגט דאָ אויפן וואָרט אחד, אויפן גלויבן אין איין גאָט. און די ערשטע תפילה פון דעם יידישן קינד — און אויך פון דעם דערוואַקסענעם — איז מודה אני. דער ייד הייבט אָן מיט דאַנקען דעם בעשעפער פון דער וועלט, ווייל די יידישע אמונה איז אַ גלויבן אין דעם באַשעפער פון גאָר דער וועלט. הייבט זיך דאָך אָן די תורה מיט די ווערטער בראשית ברא, אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן די וועלט. און אויך אין טאָג־טעגלעכן דאַוונען קומט פאַר קריאת שמע די תפילה פון יוצר, וועלכע הייבט זיך אָן מיט דער ברכה: געלויבט ביסטו גאָט, קעניג פון דער וועלט, באַשעפער פון ליכט און פינצטערניש, ברענגער פון שלום און באַשעפער פון אַלץ (יוצר אור ובורא חשך עשה שלום ובורא את הכל).

אַזוי איז יידישקייט פון תמיד אָן געווען אַן אוניווערסאַלער גלויבן. דאָס

האָבן אונדז געלערנט ניט נאָר די נביאים, דאָס האָט אונדז אויך געלערנט די תורה, טאַקע דער ערשטער קאַפּיטל פון בראשית.

אין לויף פון אַן אויספאָרשונג, וואָס איז געווען דורכגעפירט פון דעם גאַלאָפּ־אינסטיטוט אין אַמעריקע, האָט מען געשטעלט די פראַגע: איז פאַראַן אַ באַזע אין דער ביבל פאַר דער פּראַקטיקע פון סעגרעגאַציע?

די, וואָס האָבן ערקלערט, אַז מען קאָן אין דער ביבל געפינען באַווייזן פאַר סעגרעגאַציע, האָבן זיך מייסטנס פאַררופן אויפן תנ״ך; די גרופּע, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די ביבל איז ניט פאַר סעגרעגאַציע, אָט די גרופּע האָט זיך דער עיקר פאַררופן אויפן נייעם טעסטאַמענט, אויף דער פּריידיקונג פון ליבע.

דער, וואָס איז נאָר אַ ביסל באַקאַנט מיטן תנ״ך און מיט די אַלטע קריסטלעכע שריפטן, ווייסט זייער גוט, אַז די פאַקטישע סיטואַציע איז גאָר אַן אַנדערע. דווקא אין די ספרים פון תנ״ך געפינען מיר זייער קלאָר און שאַרף פאָרמולירט דעם פּרינציפּ וועגן דער איינהייטלעכקייט פון דעם מענטשלעכן מין. שטאַמען דאָך, לויט דער געשיכטע פון בראשית, אַלע מענטשן אָפּ פון איין טאַטע־מאַמע, פון אדם און חוה. ניטאָ קיין שום סימן אין די ספרים פון תנ״ך, וואָס זאָל באַרעכטיקן אַ ראַסיסטישן צוגאַנג.

ווען עס ווערט געזאָגט אין בראשית, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין פאָרעם און אין זיין געשטאַלט, איז מיט דעם קלאָר געמיינט, אַז אַלע מענטשן, אַבסאָלוט אָן אונטערשייד, זיינען באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. און ווען דער נביא ישעיה זאָגט: ״*כי ביתי בית תפילה יקרא לכל העמים*״ (וואָרים מיין הויז וועט גערופן ווערן אַ הויז פון תפילה פאַר אַלע פעלקער), זיינען דאָ קלאָר געמיינט אַלע פעלקער, אַלע מענטשן אָן וואָסער ניט איז אונטערשייד פון יחוס.

עס קאָן ניט זיין דער מינדסטער ספק, אַז דער גייסט פון תנ״ך איז קעגן יעדער פאָרם פון ראַסיסטישער סעגרעגאַציע.

מיר געפינען, נאַטירלעך, אין תנ״ך אַ רייע שטעלן, ווו ס׳ווערט אָנגעזאָגט, אַז יידן זאָלן זיך ניט מישן מיט אַנדערע פעלקער. אָבער דאָס האָט צו טאָן אויסשליסלעך מיט רעליגיעזע מאָטיוון, כדי יידן זאָלן זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון די געצנדינער. אָנגעהעריקע פון אַלע פעלקער האָבן אָבער געהאַט די מעגלעכקייט זיך מגייר צו זיין, אָנצונעמען יידישקייט און דערמיט צו ווערן פולבאַרעכטיקטע בירגער פון די יידישע געמיינדעס. דער יידישער אידעאַל איז געווען, ווי עס ווערט אַזוי וווּנדערלעך אַרויסגעבראַכט אין די ספרים פון די נביאים, אַז אַלע פעלקער וועלן מיט דער צייט אָננעמען דעם גלויבן אין איין גאָט. אַזוי וועט קומען די צייט פון שלום און ברידערלעכקייט פאַר דער גאַנצער וועלט.

פאַראַן, אמת, אין בראשית אַ געשיכטע, וואָס קאָן אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ באַווייז פאַר ראַסיסטישער דיסקרימינאַציע, און אייניקע פון די אויסגעפּרעגטע אין גאַלאָפּ־פּאָל האָבן זיך טאַקע אויף דער געשיכטע פאַררופן. נח האָט געבענטשט זיינע צוויי זין, וועלכע האָבן צוגעדעקט זיין נאַקעטקייט, און ער האָט פאַרשאָלטן דעם זון, וועלכער האָט זיך וועגן דעם כבוד פון זיין פאָטער ניט געקימערט. ״אָ

קנעכט זאָל כנען זײַן", האָט נח געזאָגט: "צו זײַנע ברידער". דאָ קומט אויס, אַז לויט דעם ווילן פֿון נחן, איז כנען, דער זון פֿון חם, פֿאַרשאָלטן געוואָרן צו זײַן אַן אײביקער קנעכט.

דער אמת אָבער איז, אַז די גאַנצע געשיכטע פֿון מבול איז גאָר אַ קלאָרער באַווײַז קעגן ראַסיזם. די גאַנצע וועלט איז אונטערגעגאַנגען, ווערט דערציילט אין בראשית. געבליבן איז בלויז איין משפּחה, נח און זײַנע קינדער. דאָ באַגעגענען מיר זיך ווידער מיט געגנוי דעמזעלביקן צוגאַנג פֿון בראשית: אַלע מענטשן, אַלע פֿעלקער שטאַמען פֿון איין פֿאַמיליע. ניטאָ קיין באַזונדערער יחוס. חם, שם און יפת זײַנען ברידער. זיי זײַנען אַלע נחס קינדער. געוויס, נח האָט פֿאַרשאָלטן זײַן זון חם, ווײַל ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרזינדיקט. אָבער קעגן זינד איז דאָ אַן עצה, מען קאָן תשובה טאָן. עס ווערט אויך ניט געזאָגט, אַז גאָט האָט צוגעשטימט צו נחס קללה.

דער זין פֿון דער דערציילונג אין בראשית איז קלאָר: אַזוי לאַנג ווי די קינדער פֿון חם און כנען גייען אין די אוממאָראַלישע וועגן פֿון זייער עלטער־פֿאָטער, אַזוי לאַנג הויערט אויף זיי די קללה פֿון נחן. דאָ האָבן מיר בלויז אַ מאָראַלישע אָפּשאַצונג פֿון דער כנענישער קולטור פֿון זינד און אויסגעלאַסנקייט. מיט ראַסיזם האָט דאָס אַבסאָלוט ניט צו טאָן.

אַקעגן דעם געפֿינען מיר אינגאַנצן ניט קיין ראיות קעגן ראַסן־דיסקרימי־נאַציע אין די שריפֿטן פֿון דעם נײַעם טעסטאַמענט. די אַלגעמיינע דרשות וועגן ליבע זײַנען גאַנץ אַלגעמיינע פֿאָרמולירונגען, וועלכע פֿאַרפּליכטן קיינעם ניט. ניטאָ אין די שריפֿטן פֿון נײַעם טעסטאַמענט קיין וואָרט וועגן דער בײַטיקייט אַפּצושאַפֿן די אינסטיטוציע פֿון שקלאַפֿערײַ, אפילו צווישן די קריסטלעכע גלויביקע. גראָד פֿאַרקערט: די קריסטלעכע פּריידיקער האָבן בפירוש שלום געמאַכט מיט דער אינסטיטוציע פֿון שקלאַפֿערײַ, ווי זי האָט דעמאָלט געהערשט אין דער רוימישער אימפּעריע.

מיר האָבן דערפֿאַר אַ קלאָרן באַווײַז אין איינעם פֿון די בריוו פֿון דעם אַפּאָסטאָל פּאַול. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אַנטלאָפֿענעם קנעכט, וואָס איז געקומען זוכן הילף בײַ דעם גרויסן קריסטלעכן פּריידיקער. האָט אים דער אַפּאָסטאָל פּאַול געשיקט צוריק צו זײַן בעל הבית, וואָס איז, אגב, אויך געווען אַ קריסט און אַ פּערזענלעכער פֿרײַנד פֿון דעם אַפּאָסטאָל.

דער קנעכט דאַרף דינען זײַן האַר, דאָס איז געווען די מיינונג פֿון דעם קריסטלעכן אַפּאָסטאָל. און דאָ איז כדאי אַנצווײַזן אויפֿן יידישן געזעץ, וואָס איז שייך דער באַהאַנדלונג פֿון אַנטלאָפֿענע קנעכט.

אין דברים ווערט בפירוש געזאָגט: "דו זאָלסט ניט איבערגעבן אַ קנעכט צו זײַן האַר, ווען ער וועט זיך ראַטעווען צו דיר פֿון זײַן האַר. בײַ דיר זאָל ער זיצן, אין דעם אָרט, וואָס ער וועט פֿאַר זיך אויסקלײַבן, אין איינעם פֿון דײַנע טויערן, ווו ער וועט זיך גוט פֿילן. דו זאָלסט אים ניט שלעכט באַהאַנדלען" ("לא תסגיר

עבד אל אדניו אשר ינצל אליך מעם אדניו: עמך ישב בקרבך במקום אשר יבחר באחד שעריך בטוב לו לא תוננו").

אָבער דער אַפּאָסטאָל פּאָול האָט ניט געהאַלטן פון די געזעצן פון דער תורה. האָט ער געשיקט דעם אַנטלאָפענעם קנעכט צוריק צו זיין בעל הבית.

וואָס ווייסט די וועלט וועגן דעם תנ"ך! וואָס ווייסט די וועלט וועגן יידיש־קייט! און, ליידער, אויך אונדזער יונגער דור ווייסט אַזוי ווייניק וועגן יידן און יידישקייט.

צווישן ליבע און שנאה

די גאַנצע געשיכטע פון די יידיש־קריסטלעכע באַציונגען איז אַן אויסדרוק פון דעם טיפן קאָנפליקט אין דער נשמה פון דעם קריסטלעכן גלויבן. עס איז אַ קאָנפליקט צווישן געפילן פון רעספּעקט צום פאָלק פון תנ"ך און די נביאים, פון איין זייט, און געפילן פון אומזיכערקייט און קנאה־שנאה, פון דער צווייטער זייט. אָט די שטימונג פון דער אייגענער אומזיכערקייט האָט דאָס צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם ווילדן בלבול, אַז די יידן זיינען שולדיק אין דער קרייציקונג פון דעם קריסטלעכן גאָט. און הגם עס זיינען פאַקטיש ניטאָ קיין באַווייזן פאַר אָט דער באַשולדיקונג, ווערט דער דאָזיקער בלבול אָנגעהאַלטן. מיר געפינען אים שוין אין די עלטסטע קריסטלעכע שריפטן. לייענט מען אויפמערקזאַם די באַריכטן אין די פיר עוואַנגעלישע שריפטן, שטייסט מען זיך גלייך אָן, אַז מיר האָבן דאָ פאַר אונדז עדות מיט אַ גאַנץ קלאָרער רעליגיעזער און פּאָליטישער טענדענץ. די אַלטע קריסטלעכע ליטעראַטור ווערט באַהערשט פון דעם גייסט פון אַן עקסטרעמער פאַרטייישקייט, פון אַ מאָל בלינדער שנאה צו יידן.

ס'איז קודם כל וויכטיק פעסטצושטעלן, אַז גראָד אין דער צייט פון בית שני האָבן יידן אַרויסגעוויזן אַ סך טאָלעראַנץ צו די פאַרשיידענע רעליגיעזע און פּאָליטישע ריכטונגען. עס האָבן זיך כסדר געפירט וויכוחים צווישן די צדוקים און די פּרושים. געווען אַ חוץ דעם די סעקטע פון איסיים. לעצטנס זיינען אויך געפונען געוואָרן דאָקומענטן פון אַ סעקטע, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו די איסיים. געווען ווייטער פאַרשיידענע ריכטונגען צווישן די פּרושים גופא, ווי, למשל, בית הלל און בית שמאי. גאָר אַ סך קענען מיר לערנען פון דעם פאַקט, וואָס ישו הנוצרי האָט געפירט זיין פּראָפּאַגאַנדע סיי אין בית המקדש און סיי אין די בתי מדרשים. דאָס זעלביקע האָבן געטאָן זיינע תלמידים. געווען אַ סך פרייהייט, אַ סך טאָלעראַנץ ביי יידן אין דער צייט פון בית שני. עס איז, אמת, אָפט געקומען צו שאַרפע קאָנפליקטן צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען. און געווען גענוג פאַנאַ־טיקער צווישן די פירער פון דער קריסטלעכער געמיינדע גופא. דאָס איז פאַרשטענדלעך פאַר אַ קליינער סעקטע, וואָס האָט זיך אַלץ מער און מער דערווייטערט פון דעם יידישן שטאַם.

אין די קריסטלעכע אורגעמיינדעס זיינען געווען פֿאַרשיידענע ריכטונגען: אַ פּראָ־יידישע ריכטונג, די אַזוי גערופֿענע יידן־קריסטן און אַ פּראָ־רוימישע ריכטונג. ביסלעכווייז איז די פֿירונג איבערגעגאַנגען צו דער פּראָ־רוימישער ריכטונג. די אָפּיציעלע קריסטלעכע ליטעראַטור איז אויפֿן שטאַרקסטן אופֿן באַאיינפֿלוסט געוואָרן פֿון אַ פּראָ־רוימישער טענדענץ. די געשיכטע פֿון די לעצטע טעג פֿון ישו הנוצרי, ווי דאָס ווערט באַשריבן אין די עוואַנגעליעס, ברענגט אָט די טענדענץ אַרויס מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט. די שריפֿטשטעלער טוען אַלץ, כּדי ריינצוּוואַשן די אמתע מערדער, די רוימישע אדמיניסטראַציע און דעם פּראָ־קוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס. אַקעגן דעם וואַרפֿן זיי אַרויף די גאַנצע שולד אויף די יידן.

געווען אַזאַ פֿרומע קאַטוילישע אינסטיטוציע ווי די אינקוויזיציע. ניט געווען אָבער ביי יידן אַזאַ אינסטיטוציע. עס איז אַ בפֿירושע פֿעלשונג פֿון דער געשיכטע, ווען מען שילדערט די יידן ווי אַ פֿאָלק פֿון פֿאַנאַטיקער. דער אמתער היסטאָריקער מוז זיין גאָר אָפּגעהיט ווען ער באַנוצט די קריסטלעכע ליטעראַטור פֿאַר היסטאָרישע צוועקן. דער גייסט פֿון עקסטרעמער אומטאָלעראַנץ האָט זיך אַריינגעריסן שוין אין די ערשטע קריסטלעכע געמיינדעס.

עס וועט היינט געוויס קיינעם ניט איינפֿאַלן צו שרייבן די געשיכטע פֿון לעוו טראָצקי און פֿון אַנדערע קאָמוניסטישע פֿירער אויפֿן גרונט פֿון דער סטאַליניסטישער ליטעראַטור. אַ צאָל פֿון די סאַמע אָנגעזעענסטע קריסטלעכע געלערנטע, ווי דער באַרימטער היסטאָריקער טעאָדאָר מאָמזען, דער פּראָפֿעסאָר האַנס ליצמאַן, דער געלערנטער פּאָול ווינטער און אַנדערע, האָבן גאָר אַן אַנדער מיינונג וועגן דער שולד אין דער קרייציקונג פֿון ישו הנוצרי.

די קריסטלעכע קירך האָט זיך ניט געקענט געבן קיין עצה מיט דער אַבסטראַקטער מאָראַל פֿון דעם קריסטלעכן משיח. האָט מען געפֿונען אַן אויסוועג. מען האָט אינגאַנצן איגנאָרירט זיינע דרשות, זיינע אידעען און אידעאַלן און מען האָט זיך דער עיקר קאָנצענטרירט אויף דער יעזוס־לעגענדע.

דעם וועג האָט געוויזן דער אַפּאָסטאָל פּאַול, וואָס האָט פּאַקטיש געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר דער קירך. ער איז געווען דער גרויסער מיסיאָנער, וואָס האָט באַוויזן צו פֿאַרוואַנדלען די קריסטלעכע סעקטע אין אַ וועלט־געמיינדע. ער האָט אָבער אינגאַנצן איגנאָרירט די אייגנטלעכע טראַדיציע פֿון דער אורגעמיינדע. ער ציטירט ניט די דרשות; די גאַנצע געשיכטע פֿון ישוס לעבן, פֿון זיין רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע ווערן אין די בריוו פֿון אַפּאָסטאָל פּאַול ניט דערמאָנט. פֿאַרשיידענע געלערנטע האָבן שוין דערויף אָנגעוויזן. קריסטנטום איז פֿאַר אים ניט קיין וועג פֿון לעבן, נאָר אַ דראַמע, די יעזוס־דראַמע. די צענטראַלע מאָטיוון אין אָט דער דראַמע זיינען: ליידן, טויט, תּחית המתים. פֿאַר די קריסטן בכלל איז רעליגיע אַ מיסטעריע, די מיסטעריע פֿון ליידן, פֿון טויט און תּחית המתים. דערפֿאַר איז דער קרייץ געוואָרן דער סימבאָל פֿון קריסטנטום. דער גאַנצער ריטואַל איז פֿאַרבונדן מיט דער יעזוס־דראַמע, דער דראַמע פֿון געקרייציקטן משיח.

נעמט מען עס אַוועק, פֿאַרלירט די קירך דעם גרעסטן טייל פֿון איר אינהאַלט און פֿון איר צויבער. די וויכטיקסטע תּפֿילות, די סאַמע וויכטיקסטע קריסטלעכע צערעמאָניעס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער דראַמע, און אין איר פֿאַרנעמט די באַשולדיקונג קעגן ייִדן אַ צענטראַלן פּלאַץ.

דער סימבאָל פֿון קרייץ איז געוואָרן אַ סימבאָל פֿון האַס. מען האָט ניט געקענט פֿריידיקן ליבע אין נאָמען פֿון דעם געקרייציקטן משיח. די קירך איז געוואָרן אַלץ מער מיליטאַנטיש, האָט זיך אַלץ מער און מער געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון דעם יצר הרע פֿון מאַכט.

לעגענדע און אמת וועגן דער יידישער מאָראַל

עס איז אין דער קריסטלעכער וועלט פֿאַרשפּרייט די פֿאַרשטעלונג, אַז די ייִדישע מאָראַל איז לויטער דין, אַקעגן דעם איז די קריסטלעכע מאָראַל לויטער ליבע און רחמנות. און ניט נאָר מאָדערנע קריסטלעכע שרײַבער און געלערנטע חזרן עס אָפּט איבער, עס זײַנען צום באַדויערן פֿאַראַן גענוג ייִדן, וואָס גלויבן אין אָט דער לעגענדע. מען איז גענייגט אָנצונעמען, אַז דער אַזוי גערופֿענער נײַער טעסטאַמענט האָט אַרײַנגעבראַכט אויסבעסערונגען, רעפֿאָרמען, איז ער דאָך במילא מער פּראָגרעסיוו, מער הומאַניטאַר א.אז.וו. א.אַז.וו.

מען פֿאַרגעסט דערבײַ, אַז מיר ייִדן האָבן ניט נאָר דעם תּנ״ך, מיר האָבן אויך דעם תּלמוד. פֿאַראַן געוויסע שטעלן אין תּנ״ך, וואָס לאָזן זיך שווער אויס־טײַטשן. מוז מען אַרײַנקוקן אין די ייִדישע ספֿרים, אין דער תּלמודישער ליטעראַ־טור, אין די מדרשים א.אַז.וו., כּדי צו זען, ווי ייִדן האָבן די שטעלן אויסגעטײַטשט. איז אָבער, לײַדער, דער תּלמוד אַ פֿאַרשלאָסענער ספֿר ניט נאָר פֿאַר דער קריסט־לעכער וועלט, נאָר אויך פֿאַר אַ סך ייִדישע שרײַבער און דענקער.

עס איז ריכטיק, אַז אין תּהילים געפֿינען זיך די ווערטער ״אל נקמות״. דאָס איז אַן אויסגעשריי פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַן אַ שיעור געליטן, און דער דיכטער, וואָס זעט צו די לײַדן פֿון זײַן פֿאָלק, רופֿט אויס: ״ביז וואַנען וועלן די רשעים זיך פֿרייען... דײַן פֿאָלק, גאָט, טוען זיי צעדריקן, דײַן לאַנד טוען זיי פּײַניקן; די אלמנה און דעם היימלאָזן הרגענען זיי און די יתומים טוען זיי טויטן...״ אין צײַטן פֿון אויסערגעוויינטלעכער פּײַן, איז אַזאַ שטימונג פֿאַר־שטענדלעך. עס איז דאָך אין אמתן דער גאָט פֿון רחמנות, דער גאָט וואָס שיצט די אָרעמע און עלנדע, וואָס נעמט נקמה פֿון די רשעים.

איך האַלט אַ חוץ דעם נאָך פֿאַר וויכטיק צו פֿאַרצייכענען: איך האָב קיינמאָל ניט געהערט די ווערטער ״גאָט פֿון נקמה״ אין ייִדיש. איך בין זיכער, אַז מען האָט דעם אויסדרוק אין ייִדיש פּאַקטיש ניט באַנוצט. גאָט איז פֿאַר אונדז געווען און געבליבן דער פֿאָטער פֿון רחמנות, דער דערבאַרעמדיקער, דער גאָט וואָס איז פֿול מיט רחמים. אויב שלום אַש האָט באַנוצט דעם אויסדרוק ״גאָט פֿון נקמה״, ווי אַ

טיטל פאַר זיינער אַ דראַמע, האָט ער געשעפּט ניט פון יידישן קוואַל. פּונקט ווי די עצם דראַמע געהערט צו די אומגליקלעכע ליטעראַרישע עקספּערימענטן פון דעם קינסטלער שלום אַש. כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן צוגאַנג צום מענטשן און צו מענטשלעכע פּראָבלעמען איז ניט דער וועג פון דין (מידת הדין), נאָר דער וועג פון ליבע, יושר און אמת. אין אונדזער רעליגיעזער ליטעראַטור ווערן יידן באַצייכנט ווי "רחמנים בני רחמנים". אויך אין מאַמע־לשון זאָגן מיר "אַ יידישער גזלן". מיר האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן אַ יידישן מערדער.

און די פאַקטן ריידן אַ קלאָרע שפּראַך. האַלטן דאָך די קריסטלעכע שריפטן גראַד פון דעם כלל, אַז מען דאַרף משפטן דעם בוים לויט די פרוכט וואָס ער ברענגט. און וואָס האט אויפגעטאָן די קריסטלעכע דערציונג אין דייטשלאַנד אין לויף פון מער ווי טויזנט יאָר?

גרויזאַם זיינען געווען די אייראָפּעישע געזעצן ביז צום 19טן י"ה. פּונקט אַזוי גרויזאַם איז געווען די באַציונג צו די אַרבעטער. אין פאַרגלייך מיט דעם איז די תלמודישע געזעצגעבונג אַ מוסטער פון מענטשלעכקייט, אַ מוסטער פון ליבע און רחמנות. וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן דרשות פון ליבע און רחמנות, ווען זיי זיינען קיינמאָל ניט דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן?

אין לויף פון דורות האָט דער גרעסטער טייל פון אונדזער פאָלק געלעבט אין מזרח־אייראָפּע, אין רוסלאַנד און פּוילן. אַז אַ מאַן זאָל שלאָגן זיין פרוי איז אין רוסלאַנד און פּוילן געווען אַן אָנגענומענע זאַך. ביי יידן איז עס געווען אַן אויסערגעוויינטלעך זעלטענע דערשיינונג. איבערהויפּט זיינען די פאַמיליע־באַצי־ונגען ביי יידן געווען אַ סך מער דורכגעדרונגען מיט ליבע ווי ביי אונדזערע קריסטלעכע שכנים.

שיינע דרשות וועגן מאָראַל זיינען ווייניק. די וויכטיקסטע פראַגע איז — וואָס זאָגן די פאַקטן. מיר מוזן שטודירן יידישקייט און יידישע מאָראַל אין ליכט פון פאַקטן און ציפערן. און די פאַקטן און ציפערן זאָגן עדות — אַז יידיש לעבן איז געווען פול מיט ליבע, רחמנות און פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכקייט.

*

דער גאָט פון ישראל איז דער גאָט פון די שוואַכע און דער באַשיצער פון די פרעמדע און די שוצלאָזע. אין קיין שום ליטעראַטור ווערט דער אָרעמער און ליידנדער ניט אַזוי דערהויבן ווי אין די געזאַנגען פון תהילים: "אַ צעבראָכן און דערשלאָגן האַרץ וועסטו גאָט ניט פאַרשעמען!" אָרעמקייט ווערט דאָ אַ יחוס, ווייל די אָרעמע זיינען דאָך די ערלעכע.

עס איז דערפאַר אינגאַנצן ניט פאַרשטענדלעך, וואָס גראַד אין געוויסע סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיווע קרייזן ווערט אַזוי ווייניק אָפּגעשאַצט די אויסערגעוויינטלעכע קולטור־היסטאָרישע ווירקונג פון תנ"ך און פון די אידעען פון די נביאים.

קיינעם וועט ניט איינפאַלן צו לייקענען דעם גרויסן היסטאָרישן ווערט פון דער גריכישער קולטור צוליב דעם, ווייל מיר געפינען ביי איינצעלנע גריכישע

דענקער און דיכטער אידעען און מיינונגען, וואָס זיינען אונדז היינט ווייט ניט צום האַרצן. מיר שאַצן אָפּ אונדזערע דענקער און דיכטער לויט זייערע בעסטע און ניט לויט זייערע שוואַכסטע ווערק. און דעם זעלבן פּרינציפּ מוזן מיר אויך אָנווענדן לגבי דעם תנ״ך.

דאָס האָבן די נביאים געשאַפן דעם באַגריף פון אַלגעמיין מענטשלעכע אינטערנאַציאָנאַלע רעכט. דער יידישער נביא איז אויפגעציטערט פון אַ פאַרברעכן, וואָס איז זיין פאָלק גאָרניט נוגע. דאָס פאָלק פון מואב האָט ניט אָפּגעגעבן דעם לעצטן כבוד אַ געפאַלענעם קעגנער. אַנשטאָט צו ברענגען צו קבורה דעם קערפּער פון דעם געפאַלענעם קעניג פון אדום, האָט מען זיינע ביינער פאַרברענט אויף אַש. דער נביא עמוס באַטראַכט עס ווי אַ פאַרברעכן קעגן דער עלעמענטאַרער מענטשלעכער מאָראַל. פרעגט זיך: מה נאמר ומה נדבר? וואָס קענען מיר היינט זאָגן, ווען אַ וועלט האָט צוגעזען און איז גאָרניט געוואָרן דערשיטערט ווי מען האָט זעקס מיליאָן מענטשן, אַלטע לייט, פרויען און קינדער, פאַרברענט אויף אַש?

און אברהם אבינו האָט געבעטן גאָט: אפשר קען מען נאָך ראַטעווען סדום, די זינדיקע שטאָט סדום? אפשר זיינען דאָרטן נאָך פאַראַן צען צדיקים? איז דאָס האַלב־באַרבאַרישע מאָראַל, ווי עס האָט אָנגערופן די מאָראַל פון תנ״ך דער שווייצאַרישער פּראָפעסאָר אַרנאָלד דאַדעל?

מיר ריידן היינט זייער אַ סך וועגן איין וועלט, הגם מיר זיינען נאָך זייער ווייט פון אַ פאַראייניקטער וועלט. דער נביאישער אוניווערסאַליזם איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי דרינגענד נייטיק ווי אין אונדזער צייט.

מיר דוכט, אַז אַ סך פון אונדז גיבן זיך אויך ניט אָפּ קיין חשבון וועגן דער אויסערגעוויינטלעכער קולטור־היסטאָרישער באַדייטונג פון דעם זיבעטן אָפּרו־טאָג. און שבת איז אַ סך מער ווי אַן אָפּרו־טאָג. שבת פאַרקערפּערט פאַר אונדז די אידעע פון דעם אויסגעלייזטן און באַפרייטן מענטשן, פון אַן אויסגעלייזטער וועלט. מיט דער אידעע פון שבת זיינען ביי יידן געווען פאַרבונדן די אינסטי־טוציעס פון שמיטה און יובל, דעם זיבעטן יאָר און דעם הייליקן פופציקסטן יאָר, ווען אַלע קנעכט זיינען געוואָרן באַפרייט און איטלעכער האָט זיך אומגעקערט צו זיין נחלה און צו זיין משפחה.

צו די גרונט־אידעען פון דעם יידישן מאָנאָטעיזם געהערט אויך דער משיח־געדאַנק, דער חלום פון אַ גערעכטער וועלט, אַ וועלט פון שלום, ליבע און גערעכטיקייט, וואָס וועט און מוז קומען. די נביאים האָבן אונדז געבראַכט די וויזיע פון דעם אייביקן שלום. און אַלע בענקענישן און האָפענונגען פון אונדזער דור, אַלע אָנשטרענגונגען פון אונדזערע בעסטע און ערלעכסטע פּאָליטישע פירער האָבן דעם איין און איינציקן צוועק — צו רעאַליזירן, צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן חלום פון די נביאים: איבערצושמידן די שווערדן אויף אַקעראייזנס און די שפּיזן אויף שניידמעסערס.

עס איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די מאָדערנע וויסנשאַפט באַציט זיך היינט

מיט אַ סך אַ גרעסערן צוטרוי צו די היסטאָרישע באַריכטן, וואָס געפינען זיך אין תנ"ך, ווי דאָס איז געווען דער פאַל נאָך מיט פערציק־פופציק יאָר צוריק.

*

עס איז אָפּט גרינגער אָפּצושאַצן די קולטור און מאָראַל פון אַ פאָלק פון דעם שטאַנדפּונקט פון עבירות. די סיבה איז אַ פּשוטע. דער יצר הרע האָט ביי אונדז מער רעקלאַמע ווי דער יצר טוב. אויך די רעגירונג, די פּאָליציי און די געריכטן זיינען פאַרפּליכטעט צו פירן אַ חשבון פון די עבירות און די פאַרברעכנס.

עס איז זייער וויכטיק און כאַראַקטעריסטיש, אַז די צאָל יידישע אַרעסטירטע פאַר גנבה, גזלה און רציחה איז זייער קליין. אויך די צאָל אַרעסטירטע צווישן יידישע פרויען, סיי אַבסאָלוט און סיי אין פּראָפּאָרציע צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, איז באַזונדערס קליין, און גאָר קליין איז אויך די קרימינאַליטעט צווישן דער יידישער יוגנט (אַרעסטירטע אונטער 18 יאָר). דאָס איז אַ באַזונדערס דערפרייענדיקער רעזולטאַט. (ג. גאָלדבערג, אויספאָרשונג אויפן גרונט פון די פּאָליצייישע רעקאָרדס אין לאָס אַנדזשעלעס פאַר די יאָרן 1933—1947).

וויכטיקע אויספאָרשונגען בנוגע דער פאַרברעכערישקייט פון יידן און ניט־יידן אין דעם פאַר־מלחמהדיקן פּוילן האָט דורכגעפירט ליבמאַן הערש, פּראָפעסאָר פאַר סטאַטיסטיק אין זשענעווע. עס האָט דאַן געבושעוועט דער ווילדסטער אַנטי־סעמיטיזם. די אַנטי־יידישע דעמאַגאָגן האָבן פאַרגעשטעלט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק ווי אַ גרופּע פון געמיינע שווינדלער, פּאַראַזיטן און פאַרברעכער. און די רעזולטאַטן פון די אויספאָרשונגען פון פּראָפ. ל. הערש זיינען געווען: אומעטום באַקומט זיך בערך דער זעלביקער רעזולטאַט: די פאַרברעכערישקייט ביי יידן איז גאָר ניט אין אַן ערך קלענער ווי ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג, סיי אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע און סיי אין דער פּראָווינץ און "וואָס שווערער אַ פאַרברעכן, אַלץ קלענער איז די יידישע קרימינאַליטעט אין פאַרגלייך מיט דער ניט יידישער... צום שטאַרקסטן איז דער אונטערשייד ביים בייזוויליקן מאָרד: אין אַמאָליקן רוסיש־פּוילן איז אָט די קרימינאַליטעט אַ צוועלפטל (8 פּראָצענט) און אין גאַליציע בלויז אַ פינף־און־צוואַנציקסטל (4 פּראָצענט) פון דער ניט־יידישער".

ל. הערש באַמערקט נאָך דערצו ווייטער: "...אפילו צווישן די פאַרברעכערס קעגן לעבן זיינען ביי יידן די הורגים בשוגג אַ סך אָפטער און די הורגים במזיד אַ סך זעלטענער ווי ביי ניט יידן". אויך פון דעם פאַקט קענען מיר אַ סך אָפּלערנען וועגן דער פּסיכאָלאָגיע און דער מאָראַל פון דעם דורכשניטלעכן יידישן מענטשן.

די צאָל פאַרמשפּטע פאַר שווערע קערפּער־שעדיקונגען איז ביי יידן צוועלף מאָל קלענער ווי ביי ניט־יידן. נאָך מערקווערדיקער איז דער פאַקט, וואָס אַפילו אין דער קאַטעגאָריע פון פאַרברעכנס קעגן אייגנטום, ווי גנבה, גזילה וכדומה, איז די יידישע קרימינאַליטעט לפי ערך זייער קליין. דער אונטערשייד צווישן יידן און ניט־יידן איז דאָ ניט אַזוי גרויס ווי אין דער קאַטעגאָריע פון מאָרד און רציחה. ער איז אָבער גענוג באַדייטנדיק. די צאָל יידן, פאַרמשפּטע פאַר גנבה

איז, למשל, קוים אַ דריטחלק ווי מען וואָלט עס געקענט דערוואַרטן לויט זייער פּראָצענט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

"אָט אַזוי ברייט און טיף — באַמערקט ל. הערש — איז דער אונטערשייד... איך האָב ניט ליב, ווען עמעצער זאָגט זיך אַליין שבחים... אין אַ וויסנשאַפט־לעכער פאָרשונג איז זאָגן דעם אמת ניט בלויז אַ "מעג", נאָר אַ "מוז"... מוזן מיר דעריבער אָנערקענען, אַז די פאַרברעכערישקייט איז ביי דער יידישער באַפעלקערונג אַ סך קלענער, ווייט גרינגער און דערהויפּט אָן אָן ערך ווייניקער ברוטאַל ווי ביי דער ניט־יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן".

..."דאָס, וואָס ביי צוויי פעלקערשאַפטן, וואָס ביי דער גאַנצער פאַרשיידנקייט פון זייערע לעבנסבאַדינגונגען, לעבן זיי דאָך סוף כל סוף אונטער איין פּאָליטישן דאַך, קענען עקזיסטירן אַזעלכע כמעט אומגלויבלעכע גייסטיקע אונטערשיידן, איז געוויס ווערט, עס זאָל זיך דעריבער פאַרטראַכטן דער אַלגעמיינער סאָציאָלאָג, דער אָביעקטיווער פאָרשער פון די מענטשלעכע געזעלשאַפטן".

דאָס איז אַ פּראָבלעם ניט נאָר פאַר סאָציאָלאָגן. די פשוטע ציפערן אַנטפּלעקן פאַר אונדז די יידישע מאָראַל, דעם יידישן צוגאַנג צו מענטשלעך לעבן און צו דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

*

עס איז אַ גרויסער טעות צו זאָגן, אַז יידן האָבן זיך אינגאַנצן ניט אינטערע־סירט מיטן גורל פון זייערע ניט־יידישע שכנים. לויטן דין דאַרף מען אין צייטן פון נויט אַרויסהעלפן ניט־יידן גלייך מיט יידן. אין תלמוד ווערט בפירוש געזאָגט: מען דאַרף באַזאָרגן אָרעמע ניט־יידן צוזאַמען מיט די אָרעמע יידן, מען דאַרף באַזוכן קראַנקע ניט־יידן צוזאַמען מיט יידן און מען דאַרף מקבר זיין פאַרשטאָר־בענע ניט־יידן ווי מען איז מקבר פאַרשטאָרבענע יידן, כדי אריינצוברענגען שלום צווישן יידן און ניט־יידן (מפרנסין עניי נכרים עם עניי ישראל ומבקרין חולי נכרים עם חולי ישראל וקוברין מתי נכרים עם מתי ישראל מפני דרכי שלום).

אין דעם באַקאַנטן מוסר־ספר, "ספר חסידים", לייענען מיר, אַז אַ ייד איז מחוייב, אויב ער האָט נאָר די מעגלעכקייט, אָפּצוהיטן דעם ניט־יידן פון עבירות, ווייל דאָס איז דער ווילן פון גאָט ברוך הוא אָפּצוהיטן די מענטשן, אַלע מענטשן, פון זינד, און צוליב דעם טעם האָט ער געשיקט דעם יידישן נביא יונה קיין נינוה.

עס קען גרייכלעך זיין, אַז גאָר אַן אַנדער טענה פון די שונאי ישראל איז טיילווייז באַרעכטיקט. איך מיין דאָ די טענה, אַז יידן זיינען צו קאָסמאָפּאָליטיש. יידן זיינען גייסטיק ווייניקער איזאָלירט און עס איז אָפט פאַר אַ יידן גרינגער צו פאַרשטיין די פּראָבלעמען פון אַנדערע פעלקער.

האָבן אַלע יידן אָפּגעהיט די געבאָטן וועגן דער נייטיקייט פון ערלעכקייט און ברידערלעכקייט צווישן יידן און ניט־יידן? איך ווייס זייער גוט, אַז דאָס איז ניט אַלע מאָל געווען דער פאַל. איז עס דען ביי אונדזערע ניט־יידישע שכנים געווען אַנדערש? האָט מען דען יידן באַהאַנדלט לויט די העכסטע פּרינציפּן פון מאָראַל? געווען אַ צאָל אַנטיסעמיטן — צווישן זיי אויך אייניקע משמדים — וואָס

פלעגן זיך גריבלען אין יידישע ספרים, כדי צו "אַנטפּלעקן" דעם כלומרשט "אמתן" פּנים פון דער יידישער מאָראַל.

פּאַראַן אַ מאמר אין תלמוד, "טוב שבגויים הרוג", דעם בעסטן צווישן די ניט־יידן דאַרף מען הרגענען. ניט קיין וווּנדער, וואָס די אַנטיסעמיטן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם מאמר. אויך איינצעלנע יידישע פאַרשער האָבן זיך ניט געקענט געבן קיין עצה מיט דעם מאמר. דער ענין איז אָבער גאַנץ קלאָר, און שוין יידישע תלמידי חכמים אין מיטלאַלטער האָבן דערויף אָנגעוויזן:

לאָמיר קודם כל נעמען דעם טעקסט ווי ער איז: אין מסכתא סופרים לייענען מיר: ר' שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: דעם בעסטן צווישן די גויים אין דער צייט פון מלחמה דאַרף מען הרגענען (טוב שבגויים בשעת מלחמה הרוג). אַלזאָ עס האַנדלט זיך דאָ ניט סתם וועגן באַציונגען צווישן יידן און ניט־יידן, נאָר וועגן באַציונגען אין צייטן פון מלחמה.

לאָמיר זיך אָבער נאָך אַ ביסל נעענטער באַקענען מיטן ענין. ר' שמעון בן יוחאי האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא. דעם דאָזיקן אויפשטאַנד האָבן די רוימער אונטערדריקט מיט דער גרעסטער אכזריות. הונדער־טער טויזנטער יידן זיינען אומגעקומען. פאַרפייניקט און אומגעבראַכט האָט מען אויך אַ גרויסע צאָל פון ידישע גייסטיקע פירער און לערער. צווישן די אומגע־קומענע על קידוש השם איז אויך געווען דער באַרימטער רבי עקיבא, דער רבי פון רבי שמעון בן יוחאי. רבי שמעון בן יוחאי אַליין, ווערט אונדז ווייטער דערציילט אין תלמוד, האָט אין לויף פון דרייצן יאָר זיך געמוזט פאַרבאַהאַלטן אין אַ הייל, ווייל די רוימישע מאַכט האָט אים געזוכט. איז אַ וווּנדער, אַז ביי אַזאַ מענטשן האָט זיך אין אַ מאָמענט פון פאַרצווייפלונג און פאַרביטערונג אַרויסגעריסן דאָס וואָרט "טוב שבגויים בשעת מלחמה הרוג", דעם בעסערן פון די גויים (געמיינט זיינען געווען די רוימער) מעגסטו אין צייטן פון מלחמה הרגענען?

דער עיקר אָבער, מען דאַרף זיך באַקענען מיט דעם גאַנצן טעקסט, ווי מיר געפינען אים אין דער תלמודישער ליטעראַטור. צוזאַמען מיט דעם דערמאָנטן מאמר געפינען מיר נאָך אַ פּאָר מאמרים. אַזוי ווערט אונדז דאָ געזאָגט: "דער בעסטער פון די דאָקטוירים דאַרף גיין אין גיהנום, דער בעסטער פון די וואָס שלאַכטן בהמות, איז אַ שותף פון עמלק (טוב שברופאים לגיהנום, טוב שבטבחים שותפו של עמלק). עס איז קלאָר, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מער מיט אַ ליטעראַרישער מליצה, ווי מיר טרעפן עס אָפט אין דער אגדה־ליטעראַטור.

אָבער לאָמיר איצט שטעלן די פראַגע, ווי איז געווען די באַציונג פון קריסטן וועלכע ריידן אַזוי פיל וועגן ליבע צו ניט־קריסטן? די הערשענדע מיינונג פון די גרויסע ניט־יידישע טעאָלאָגן איז: אַלע ניט קריסטן, אַלע, וואָס גלויבן ניט אין קריסטוסן ווי אַ משיח, אַט די אַלע זיינען פאַרמשפּטע. וואָס פאַר אַ מיינונג געפינען מיר אָקעגן דעם ביי יידן וועגן ניט־יידן? די ערלעכע ניט־יידן, זאָגט אונדז דער תלמוד, האָבן אַ חלק אין עולם הבא (חסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם

הבא). פאַראַן אין תלמוד אפילו אַ מיינונג, אַז איוב איז געווען ניט קיין ייד, ער איז געווען איינער פון די חסידי אומות העולם.

ווער עס איז נאָר אַ ביסל באַקאַנט מיט דער תלמודישער ליטעראַטור, קען גלייך פאַרשטיין, ווי ווילד עס איז צו מאַכן די באַשולדיקונג, אַז לויטן יידישן דין איז אַ לעבן פון אַ ניט־יידן הפקר. אין תלמוד ווערט אין פאַרשיידענע ערטער באַטאַנט די גרויסע באַדייטונג פון די זיבן מיצוות, וועלכע אַלע מענטשן זיינען מחויב אָפּצוהיטן. זיי ווערן אין תלמוד באַצייכנט ווי די "שבע מצוות בני נח". די זיבן מיצוות, וואָס גאָט האָט פאַרזאָגט נחן און זיינע קינדער גלייך נאָכן מבול. צווישן די מיצוות פאַרנעמט אַ באַזונדערן פּלאַץ די מיצווה וועגן אָפּהיטן דאָס לעבן פון אַ מענטשן. דער תלמוד שטיצט זיך דאָ אויף בראשית, קאַפּ. ט'. דאָס לעבן איז הייליק. באַזונדערס איז אָבער הייליק דאָס מענטשלעכע לעבן, ווייל דער מענטש איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט. דעריבער ווער עס פאַרגיסט מענטשלעך בלוט, דאַרף זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן (שופך דם האדם באדם דמו ישפך כי בצלם אלקים עשה את האדם). עס איז אַבסאָלוט קלאָר, עס האַנדלט זיך דאָ וועגן מענטשלעך לעבן בכלל, וועגן אַן אוניווערסאַלן געזעץ. אין דער צייט פון נחן זיינען דאָך נאָך קיין יידן אפילו ניט געווען!

אַזוי האָט עס אויך פאַרשטאַנען דער תלמוד. צו די זיבן אַלגעמיין מענטשלעכע געבאָטן געהערט אויך דאָס געבאָט וועגן אָפּהיטן דאָס אייגנטום פון יעדן מענטשן. מען טאָר אַ פרעמדן ניט באַגנבענען, מען טאָר אים ניט אָפּנאַרן, מען טאָר אים ניט באַגזלענען. ניטאָ אין דעם פּרט קיין שום אונטערשייד צווישן יידן און ניט־יידן.

מען קען אוודאי פרעגן: זיינען באמת יידן און ניט־יידן לויטן דין אינגאַנצן גלייך? ניין, איך וויל עס אַבסאָלוט ניט זאָגן. דער דין מאַכט אין אַ צאָל פאַלן אַן אונטערשייד צווישן יידן און ניט־יידן. מיר געפינען שוין אין חומש, למשל, אַז בעת ביי אַ יידן טאָר מען ניט נעמען קיין פּראָצענט פאַר הלוואות, איז אָבער דער דאָזיקער געבאָט ניט גילטיק אין געשעפטלעכע באַציונגען צווישן יידן און ניט־יידן.

פאַראַן אויך אין תלמוד אַ מיינונג, אַז אויב אַ ניט־ייד מאַכט אַליין אַ טעות אין געשעפטסזאַכן, איז דער ייד ניט מחוייב אים צו זאָגן ("טעות גוי מותרת"). און אפילו אין דעם פּרט האָבן די יידישע רעליגיעזע פירער זיך געהאַלטן ביי דעם פּרינציפּ, אַז מען דאַרף דעם ניט־יידן ווידער אָפּגעבן זיין שאָדן, ווייל אַנדערש ווערט גאָטס נאָמען דאָך פאַרשוועכט. די אידעע פון קידוש השם, הייליקן גאָטס נאָמען, האָט געשפּילט די גרעסטע ראָל אויך אין טאָג־טעגלעכן יידישן געשעפטס־לעבן.

יידישע קהילות פּלעגן אָפט באַשטימען ספּעציעלע מענטשן, זיי זאָלן אַכטונג געבן, אַז יידישע סוחרים און קרעמער זאָלן באַנוצן די ריכטיקע מאָס און וואָג אין זייער האַנדל סיי מיט יידן און סיי מיט ניט־יידן. עס איז בכלל געווען אָנגענומען, אַז אָפּנאַרן אַ ניט־יידן איז אַ גרעסערע עבירה ווי אָפּנאַרן אַ יידן, ווייל דאָ באַגייט מען נאָך גאָר אַ שווערע זינד, דאָס איז די עבירה פון חילול השם.

די מוסר־ספרים האַלטן אין איין וואָרענען קעגן דער עבירה פון חילול השם. אין אַזאַ פאָלקסטימלעכן ספר ווי דער טייטש־חומש ווערט אונדז געזאָגט אין פרשת בשלח: ווען די יידן זיינען געווען אין מדבר, פלעגן קומען ניט־יידן און ברענגען "פירות צו פאַרקויפן צו ישראל. האָט משה געמאַכט תקנות, ווי אַזוי מען זאָל זיך מיט די ניט־יידן אויפפירן. מען זאָל זיי קיין שקר טאָן".

דער נאַיוועער אופן ווי דער מחבר פון צאינה וראינה באַשרייבט דאָס וואָס משה רבינו האָט געטאָן, איז זייער כאַראַקטעריסטיש. פאַר אים איז געווען נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַ יידישער פירער מוז אַכטונג געבן, יידן זאָלן זיך אויפפירן אויף אַן ערלעכן אופן, כדי אָפּצוהיטן פון חילול השם.

און אַזוי האָבן זיך באמת אויפגעפירט יידישע פירער. קריסטן האָבן געוווסט, אַז זיי קענען זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף דער ערלעכקייט פון די יידישע רבנים אין פאַלן פון קאָנפליקטן מיט יידישע געשעפטסלייט.

אין דעם זייער ווערטפולן און אינטערעסאַנטן בוך פון אברהם רעכטמאַן, "יידישע עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר", דערציילט דער מחבר, אַז אין די פנקסים פון די קהילות, וואָס עס איז אים אויסגעקומען צו זען, ווען ער איז געווען באַטייליקט אין דער עטנאָגראַפישער עקספעדיציע אונטער דער אָנפירונג פון ש. אַנ־סקי, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרצייכענונגען וועגן קאָנפליקטן צווישן יידן און ניט־יידן:

"פון די עדות־זאָגן לערנען מיר, אַז די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון די שטעטלעך האָבן אָפּגעגעבן גרויס כבוד צו יידישע רבנים און האָבן זיך פול־שטענדיק אונטערגעוואָרפן צו זייערע פוסקים.

נאָך אין די גאָר לעצטע צייטן פון פאַר דעם וועלטקריג איז געווען אַ גאַנץ געוויינטלעכע דערשיינונג אין אוקראַינע צו זען ווי אַ פויער שלעפּט א יידן צום רב. עס פלעגט אפילו טרעפן גאַנץ אָפט, אַז צוויי גוים זאָלן זיך גיכער פאַרלאָזן אויף אַ יידישן רב אויסצוגלייכן זייערע סיכסוכים, איידער צו גיין אין געריכט. די אויסדרוקן: "פּידעם דו ראַבינאַ (לאָמיר גיין צום רב) אָדער "דו ראַבינאַ ניע פּידעם" (מיר וועלן צום רב ניט גיין), זיינען אָפט באַנוצט געוואָרן צווישן גויים ניט נאָר אין שייכות צווישן אַ גוי מיט אַ יידן, נאָר אויך אפילו צווישן איין גוי און אַ צווייטן".

איך וואָלט געקענט ברענגען נאָך און נאָך אַזעלכע ביישפּילן. וויל איך דאָ באַמערקן נאָך בלויז איין פאַקט. אין אַ גאַנצער רייע צוואות פון לומדים און פון סוחרים געפינען מיר ווי דער פאָטער פאַרזאָגט זיינע קינדער, זיי זאָלן, למען השם, זיין אָפּגעהיט אין געשעפטסזאַכן, אין אַלערליי האַנדלסבאַציונגען סיי מיט יידן און סיי מיט ניט־יידן. עס זיינען געווען אַ סך סוחרים, וואָס דער צוטרוי צו זיי פון יידן און ניט־יידן איז געווען אַן אומבאַגרענעצטער. זייער וואָרט איז געווען הייליק און עס איז אָפט גאָרניט איינגעפאַלן צו פאַרלאַנגען פון זיי שריפטלעכע פאַרפליכטונגען.

ווען מען וויל דעריבער פאַרשטיין יידיש לעבן אין די גלות־לענדער, און

קודם כל דאָס יידישע געשעפטסלעבן, מוז מען זיין אַ ביסל באַקאַנט מיט דער יידישער מאָראַל, און באַזונדערס מיט דעם פּרינציפּ פון קידוש השם, דעם חוב צו הייליקן גאָטס נאָמען און אָפּצוהיטן דעם כבוד פון יידישן פאָלק, וואָס האָט אויפן שטאַרקסטן אויפן באַאיינפלוסט דאָס לעבן פון די יידישע קהילות און אויך דאָס לעבן פון דעם איינצעלנעם יידן.

דער גרויסער אויפטו פון דעם ניט־יידישן געלערנטן
ר. ט. הערפאָרד

כמעט אַלע קריסטלעכע געלערנטע זיינען צוגעגאַנגען צו דער יידישער געשיכטע מיט זייטיקע כוונות. זיי האָט אינטערעסירט ניט דאָס יידישע לעבן ווי אַ פּראָבלעם פאַר זיך אַליין, נאָר ווי אַ מיטל צו פאַרשטיין די אַנטשטייונג און די אַנטוויקלונג פון דער קריסטלעכער רעליגיע. דערפאַר איז אויך דאָס בילד פון יידיש לעבן אין דער צייט פון בית שני, ווי עס ווערט געשילדערט אין די ווערק פון קריסטלעכע געלערנטע, ווייט ניט קיין אָביעקטיווע. און ווי האָט עס דען געקענט זיין אַנדערש, ווען מען האָט געקוקט אויף יידן און יידישקייט מיט די ברילן פון קריסטלעכע אידעען און קריסטלעכער פּראָפּאַגאַנדע ?

ר. ט. הערפאָרד, געבוירן אין 1860, איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ קריסטלעכער גייסטלעכער, איינער פון די פירער פון די אַזוי גערופענע יוניטאַריער אין ענגלאַנד. זיין צוגעהעריקייט צו די יוניטאַריער, וועלכע זעען אין קריסטוסן אַ גרויסע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, אָבער ניט קיין געטלעכע געשטאַלט, האָט אים אַ סך געהאָלפן אין זיין אָביעקטיוון צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון קריסטנטום און יידישקייט. דער עיקר אָבער איז הערפאָרדס גרויסער אויפטו אַלס געלערנטער און פאָרשער אַ רעזולטאַט פון זיין אייגענער התמדה און פון זיין אויסערגעוויינט־לעכער וויסנשאַפטלעכער ערלעכקייט.

די שאַרפסטע פּאָלעמיק האָבן ישו הנוצרי און זיינע תלמידים געפירט קעגן די פּרושים, וועלכע זיינען פאַקטיש געווען די גייסטיקע פירער פון פאָלק אין יענער צייט. זיי זיינען ניט נאָר געווען די גייסטיקע פירער פון פאָלק, זיי זיינען אויך געווען די שעפער פון דער רייכער רעליגיעזער ליטעראַטור, וואָס איז אונדז אויפגעהיט געוואָרן אין תלמוד. אויב יידן זיינען נאָך היינט אַ פאָלק און אויב יידישקייט האָט באַוויזן אויסצוהאַלטן און אַריבערצוטראָגן אַלע צרות און אַלע פּרוווונגען פון דער געשיכטע, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען דער אַרבעט פון די פּרושים. אויך ישו און זיינע תלמידים האָבן אַליין געשטאַמט פון דער זעלביקער סביבה. אָן דער תורה פון די פּרושים וואָלט דאָס קריסטנטום גאָרניט געווען מעגלעך. אָבער גראָד צוליב דעם איז די שנאה פון די קריסטן צו זיי געווען אַזוי גרויס.

דער נאָמען פּרושים איז אין דער אור־קריסטלעכער ליטעראַטור געוואָרן אַ

זידלוואָרט. אין דעם זין ווערט דאָס וואָרט פּרושים (אין ענגליש פאַריסיס) נאָך, ליידער, גאַנץ אָפט באַנוצט ביז צום היינטיקן טאָג. אויב איר וועט, למשל, אַ קוק טאָן אויף דעם זין פון דעם וואָרט "פאַריסי" אין אַ מאָדערנעם ענגלישן ווערטערבוך, וועט איר זען, אַז דאָס מיינט צבועקעס, היפּאָקריטן, מענטשן, וואָס מאַכן זיך פרום פאַר דער וועלט, אָבער אין האַרצן זיינען זיי רשעים. דאָס איז די פאַרשטעלונג וועגן די פּרושים, וועלכע מען באַקומט לייענענדיק די קריסטלעכע שריפטן.

איז ממילא ניט קיין ווונדער, וואָס ביי קריסטלעכע געלערנטע האָט זיך געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע פאַרשטעלונג וועגן יידיש לעבן און יידישער רעליגיע אין דער צייט פון בית שני. אין יענער צייט, דערציילן אונדז די קריסטלעכע היסטאָרי־קער, איז ביי יידן אַלץ געווען מאַראַליש צעפוילט: צביעות, עקספּלואַטאַציע און די ערגסטע קאָרופּציע האָבן זיך געהאַלטן כסדר אין פאַרשפּרייטן. דאַן איז געקומען ישו הנוצרי און האָט מיט זיין וואָרט געפּרובירט אויסרייניקן די אַטמאָספערע. האָבן זיך אים אַקעגנגעשטעלט די פאַלשע יידישע פּרומאַקעס, די פּרושים, און צוליב זייער שולד איז דאָס יידישע פאָלק ביז צום היינטיקן טאָג פאַרבליבן אַן דעם ליכט פון דעם קריסטלעכן גלויבן.

איז געקומען ר. ט. עהרפאָרד און האָט געשטעלט די פּשוטע פראַגע: אויב עס איז טאַקע אמת, אַז ביי יידן איז אַלץ געווען אַזוי מאַראַליש צעפוילט, אויב דער גלויבן פון די פּרושים איז טאַקע געווען אַזוי מאַראַליש פאַרגליווערט און טויט, ווי קומט עס, וואָס פּרושישע יידישקייט האָט אויף אַזאַ ווונדערלעכן אופן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון דער געשיכטע? ווי אַזוי איז דאָס יידישע פאָלק אין לויף פון צוויי טויזנט יאָר גלות געבליבן געטריי צו דער תורה פון די פּרושים? פאַרוואָס האָבן זיי זיך אַזוי עקשנותדיק אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, וואָס וואָלט זיי באַפרייט מיט איין מאָל פון אַלע צרות? פון וואַנען האָבן יידן גענומען דעם כוח און דעם מוט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות, כדי אָפּצוהיטן די טראַדיציע פון זייערע עלטערן?

די געשיכטע פון די פּרושים, האָט ווייטער דערקלערט הערפאָרד, איז ביז אַהער געשריבן געוואָרן פון דרויסן פון אַ קריסטלעכן שטאַנדפּונקט. דאָס איז אַבסאָלוט אַ פאַלשער צוגאַנג. די פראַגע איז ניט, וואָס האָבן די אידעען און די מעשים פון די פּרושים געמיינט פאַר די קריסטן, נאָר וואָס זיי באַדייטן פאַר די יידן. מען קען פאַרשטיין די פּרושים און זייער תורה נאָר, ווען מען גייט צו צו דער פראַגע פון אינערווייניק, פון אַ יידישן שטאַנדפּונקט!

די לערע פון די פּרושים און יידישקייט בכלל איז אַ וועלט פאַר זיך. מען מוז אַליין ווערן אַ טייל פון דער וועלט, כדי צו פאַרשטיין, וואָס דער אָדער יענער געדאַנק, וואָס די אָדער יענע מיצווה האָט פאַר זיי באַדייט. פאַרן זייטיקן, וואָס אַנערקענט ניט די גרונטפּרינציפּן פון יידישקייט, מוזן דעריבער אַ סך פון די יידישע מיצוות אויסזען אומנאַטירלעך און אומפאַרשטענדלעך. פון דאַנען נעמט זיך די באַשולדיקונג קעגן די פּרושים, אַז זיי זיינען צבועקעס, אַז זייער גאַנצע

פרומקייט איז אַ פאַלשע. אַ קריסט האָט אפשר אַזוי געקענט טראַכטן, אָבער געדעכט איז ער ניט געווען.

מיט דער געשיכטע פון תלמוד מוזן זיך פאַרנעמען אין דער ערשטער שורה, האָט דערקלערט הערפאָרד, יידישע געלערנטע, וואָס די גמרא און די יידישע טראַדיציע שטעקט זיי אין בלוט. אָבער, באַמערקט ער ווייטער, סימפּאַטיע, ליב־שאַפט קען אויך העלפן אַ קריסט צו פאַרשטיין וואָס יידישקייט באַדייט. און עס מוז געזאָגט ווערן, אַז הערפאָרד אַליין האָט באַוויזן אויף וויפל פאַרשטענדעניש און התמדה קען העלפן אפילו א פרעמדן זיך צו פאַרטיפן אין די סאַמע וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון דער יידישער רעליגיע.

במשך פון צענדליקער יאָרן האָט הערפאָרד זיך פאַרנומען מיט שטודירן די תלמודישע ליטעראַטור. און ער האָט אויף דעם געביט באמת אויסערגעוויינטלעך פיל דערגרייכט. זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק וועגן פרושים און וועגן תלמוד געהערן צו די בעסטע פאָרשונגען אויפן פעלד פון אַלטער יידישער געשיכטע. און עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז זיין ערשטע גרעסערע אַרבעט וועגן די פרושים, וואָס איז דערשינען אין 1912, איז געווען ממש אַ ווענדפּונקט אין דעם צווייג פון דער היסטאָרישער וויסנשאַפט.

דער צענטראַלער געדאַנק, וואָס הערפאָרד ברענגט אַרויס, איז זייער אַן איינפאַכער. ווען אַ געלערנטער שרייבט וועגן תלמוד און וועגן די פרושים, איז ווייניק צו לייענען בלויז די קריסטלעכע ליטעראַטור. זיין חוב ווי אַן אָביעקטיווער פאָרשער איז אויך אויסצוהערן דעם צווייטן צד.

איז עס אָבער מעגלעך, האָבן אים אייניקע פון זיינע פריינד געפרעגט, אַז ישו הנוצרי אַליין, וואָס האָט אַזוי שאַרף פאַלעמיזירט קעגן די פרושים, זאָל האָבן אַ טעות? קענען מיר זיך ניט פאַרלאָזן אויף אים, אַז ער איז געווען אינגאַנצן אָביעקטיוו לגבי זיינע קעגנער?

— איך שטיי ניט אָפּ אין מיין רעספּעקט צו ישו הנוצרי פון קיין שום אַנדער קריסט, האָט הערפאָרד דערקלערט. ער איז פאַר מיר די גרעסטע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט ווען ניט איז געלעבט, און דאָך גלויב איך, אַז זיין אורטייל וועגן די פרושים איז געווען אומגערעכט. פּונקט ווי עס וואָלט געווען פאַלש צו שרייבן די געשיכטע פון ישו הנוצרי אויפן גרונד פון יידישע קוועלן, פון דעם וואָס עס ווערט וועגן אים דערציילט אין תלמוד, פּונקט אַזוי איז עס פאַלש צו שרייבן די געשיכטע פון די פרושים אויפן יסוד פון קריסטלעכע קוועלן. עס איז אַבסאָלוט פאַלש אָנצונעמען, אַז איין צד איז אינגאַנצן גערעכט און דער אַנדערער צד איז אינגאַנצן אומגערעכט. די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז, ניט געקוקט אויף די שווערסטע שטערונגען, איז יידישקייט געבליבן אַ לעבעדיקער גלויבן, וואָס האָט אויפגעהאַלטן דאָס פאָלק און וואָס האָט מעגלעך געמאַכט דעם קיום פון פאָלק ביז צום היינטיקן טאָג.

און דווקא דערפאַר, מיינט ר. ט. הערפאָרד, ווייל די תורה פון די פרושים איז געווען און געבליבן אַ תורה פון לעבן, האָבן עס די קריסטן ניט געקענט פאַרשטיין און ניט געקענט דערמיט שלום מאַכן. די אויפגאַבע פון דעם מאָדערנעם

פאַרשער איז דעריבער זיך צו באַקענען מיט דער אידעישער וועלט פון די פּרושים אומאָפּהענגיק פון דעם קריסטלעכן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון גאָט און וועלט.

דער גרויסער אויפטו פון דעם ניט־יידישן געלערנטן, וואָס האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין דער תלמודישער ליטעראַטור און אין דער תורה פון די פּרושים, באַשטייט אין דעם, וואָס ער באַטראַכט דאָס יידישע לעבן אין דעם גאַנצן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע. באַטראַכט מען דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע, פון דער צייט פון בית שני ביז צום היינטיקן טאָג, דאַן באַקומט זיך גאָר אַן אַנדער בילד וועגן דער ראָל פון די פּרושים און פון דער תלמודישער יידישקייט בכלל.

וואָלט די אַלגעמיינע קולטור געווונען דערפון, ווען יידן וואָלטן מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן? ניין! ענטפערט דערויף הערפאָרד. די קריסטלעכע קירך האָט די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק באַטראַכט ווי אַ געפאַר פאַרן קריסטנטום. דער אמת איז אָבער, אַז דער אונטער־גאַנג פון יידנטום וואָלט געווען דער גרעסטער אומגליק פאַר דער קולטור.

פאַרוואָס, פרעגט ער ווייטער, האָט זיך דער קריסטלעכער קירך ניט איינגעגעבן צו געווינען די יידן פאַרן נייעם גלויבן? בעת אין דער גאַנצער וועלט האָט די לערע פון קריסטנטום געפונען דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג, זיינען די יידן געבליבן די איינציקע, וואָס דאָס קריסטנטום האָט צו זיי ניט אַפּעלירט. ווי קומט עס? ווי ערקלערט עס זיך?

און דער אויספיר, וועלכן הערפאָרד מאַכט דערפון, איז אַ גאַנץ קלאָרער: די קריסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג צווישן די געצנ־דינערישע פעלקער, ווייל זי האָט זיי געהאַט וואָס צו געבן. יידן אָבער האָבן זיך אין דער נייער לערע פון קריסטנטום ניט גענייטיקט, ווייל זיי האָבן געהאַט זייער אייגענע תורה. יידנטום און קריסטנטום, האַלט הערפאָרד, זיינען צוויי באַזונדערע און גלייכבאַרעכטיקטע וועגן צו פאַרענטפערן די פּראָבלעמען פון לעבן. דער אונטערשייד, דערקלערט ער, איז דער אונטערשייד צווישן דעם גלויבן אין אַן אידעע און דעם גלויבן אין אַ פּערזאָן. אין דער יידישער וועלט פאַרנעמט די תורה דעם צענטראַלן פּלאַץ. אין דער קריסטלעכער וועלט פאַרנעמט דעם צענטראַלן פּלאַץ די געשטאַלט פון ישו. וואָס איז דער טיפערער זין פון אָט דעם אונטערשייד צווישן אידעע און פּערזענלעכקייט?

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון דעם איינצעלנעם מענטשן איז פול מיט פּראָבלעמען און פול מיט שטרויכלונגען. ווי אַזוי קען דער מענטש אויסגעפינען דעם ריכטיקן וועג אין די ווילדע געדיכטענישן פון לעבן? די געשיכטע פון דער קולטור האָט אונדז דערויף געגעבן צוויי ענטפערס:

דער ערשטער ענטפער איז — זיך אויסקלייבן אַ פירער, וואָס קען דעם וועג און זיך איבגאַנצן אויף אים פאַרלאָזן. די געפאַר אין אַזאַ פאַל איז, וואָס מען איז כסדר געבונדן אָן דעם פירער, און דער עיקר — אַמאָל קען דאָך דער פירער אויך פאַרבלאָנדזשען, און אפשר אפילו פאַרפירן!

דער צווייטער מיטל איז — מען שאַפט זיך איין אַ געאָגראַפישע קאַרטע, ווו עס זיינען פאַרצייכנט די פאַרשיידענע וועגן און אויך די פאַרשיידענע שטרויכלונגען, כדי מען זאָל קענען וויסן, ווו מען האַלט אין דער וועלט. אויך דער וועג איז פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן. ניט אַלע אייגנצלהייטן זיינען אויף דער קאַרטע פאַרצייכנט און ניט יעדערער קען ווי עס געהער צו זיין לייענען די פאַרשיידענע צייכנס אויף דער קאַרטע!

דער יידישער וועג איז פון תמיד אָן געווען דער וועג פון תורה. קוקט אַריין אין דער תורה, האָבן פון תמיד אָן געלערנט די יידישע פירער — און איר וועט אויסגעפינען דעם ריכטיקן וועג, דעם ריכטיקן אויפן ווי זיך אויפצופירן און ווי צו לעבן. געוויס, אין דער תורה זיינען אַלע מעגלעכע פאַלן, וואָס קענען פאַסירן אין לעבן פון אַ מענטשן, ניט געווען פאַרויסגעזען. האָבן די פרושים דעריבער באַשאַפן די תורה שבעל פה, דעם תלמוד, וואָס איז פון איין זייט אַ פירוש צו דער תורת משה און פון דער צווייטער זייט אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיעזער טראַדיציע.

גאָר אַן אַנדער ענטפער האָט געפרובירט געבן דאָס קריסטנטום. שוין ישו הנוצרי איז געקומען מיט אַ נייער אידעע פון אויטאָריטעט, די אויטאָריטעט פון דער פערזענלעכקייט. באַזונדערס קלאָר האָבן די אידעע אַרויסגעבראַכט זיינע תלמידים, אין דער ערשטער שורה דער אַפּאָסטאָל פּוילוס.

דער אַפּאָסטאָל פּוילוס איז געווען דער שאַרפסטער באַקעמפער פון דעם גאַנצן יידישן געדאַנק וועגן תורה. דער מענטש איז פון זיין נאַטור שוואַך און זינדיק, ערקלערט פּוילוס. און ער קען זיך אַליין ניט העלפן. אויך די תורה קען אים ניט העלפן, טענהט ווייטער פּוילוס, ווייל דער מענטש האָט גאָרניט דעם כוח אָפּצוהיטן די געבאָטן פון דער תורה. פאַר דעם שוואַכן מענטשן ווערט, לויט פּוילוס, גאָר די תורה אַ קוואַל פון נייע זינד און נייע פאַרבלאָנדזשענישן. איין איינציקער וועג איז דאָ, וואָס קען דעם מענטשן ראַטעווען — אַ פירער, אַ פערזענלעכער העלד, וואָס נעמט דאָס זינדיקע באַשעפעניש פאַר דער האַנט און שלעפט עס אַרויס פון תהום. אַזאַ פירער־געשטאַלט איז געווען, ווי פּוילוס האָט געלערנט, ישו הנוצרי.

פאַר די געצנדינער, האָט ערקלערט הערפאַרד, איז פּוילוס געווען גערעכט. צו זיי האָט מען מיט קיין תורה ניט געקענט קומען. דאָס וואָלט געווען דאָס זעלבע ווי צו געבן אַ געאָגראַפישע קאַרטע אין האַנט אַ מענטשן, וואָס קען ניט לייענען. מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין תורה, מוזן האָבן אַ פערזענלעכקייט.

גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע, ווען פּוילוס איז געקומען פריידיקן זיין גלויבן צווישן די יידן: מיר נייטיקן זיך ניט אין קיין נייעם פירער. האָבן אים די יידן געענטפערט, מיר האָבן אונדזער תורה! און די תורה ווייזט אונדז דעם וועג אין די פראַגן פון לעבן. די תורה העלפט אונדז אין שווערע צייטן און זי לערנט אונדז צו טאָן דעם ווילן פון אונדזער באַשעפער, פון אונדזער פאָטער אין הימל.

אַט דעם יידישן צוגאַנג האָבן די קריסטן ניט געקענט פאַרשטיין. דער גאַנצער

באַגריף פון תורה, פון אַ וועג אין לעבן, איז זיי געווען פרעמד. דערפאַר האָבן זיי באין אופן ניט געקענט באַגרייפן, פאַרוואָס האַלטן זיך יידן אַזוי עקשנותדיק פאַר דער תורה, פאַרוואָס היטן זיי אָפּ מיט אַזוי פיל מסירת נפש די געבאָטן פון דער תורה, ווי קען מען בכלל אויף זיך נעמען אַזאַ שווערן יאָך פון תורה און מיצוות, ווי יידן האָבן עס געטאָן?

און וואָס ווייניקער האָבן די קריסטן פאַרשטאַנען דעם יידישן גלויבן, אַלץ מער האָבן זיי באַשולדיקט די יידישע פירער אין פאַלשקייט, צביעות און מאָראַלי־שער געפאַלנקייט. די קריסטלעכע טעאָלאָגן באַמיען זיך כסדר צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן די נביאים און די פרושים, די שעפער פון תלמוד. די נביאים הייבן די קריסטלעכע טעאָלאָגן אין הימל אַריין, דערפאַר אָבער רייסן זיי כסדר אַראָפּ די פרושים און דעם תלמוד.

דאָס איז אינגאַנצן אַ פאַלשער און אומבאַרעכטיקטער צוגאַנג — טענהט ר. ט. הערפאָרד. די פרושים זיינען אין דער אמתן די איינציקע באַרעכטיקטע יורשים פון די נביאים. ער גייט אפילו ווייטער: די פרושים האָבן דערגרייכט אַ סך מערער ווי די נביאים. אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש האָבן די נביאישע פערזענלעכקייטן זיך אַרויסגעהויבן איבער דער מאַסע פון פאָלק, עס האָט זיך זיי אָבער פראַקטיש ניט איינגעגעבן מיטצורייסן דאָס פאָלק מיט זיך. גאָר אַנדערש איז עס געווען אין דער צייט פון בית שני, ווען די פרושים זיינען געוואָרן די גייסטיקע פירער. ערשט אונטער זייער פירונג איז די תורה געוואָרן אַ תורה פון לעבן, אַ תורה פון יעדן יידישן מענטשן. און די קינדער פון ישראל זיינען געוואָרן אַ הייליק פאָלק. ערשט אין דער צייט פון די פרושים זיינען די אידעען און אידעאַלן פון די נביאים געוואָרן אַ טייל פון לעבן, אַ טייל פון דער ווירקלעכקייט.

די תורה און די מיצוות זיינען פאַר דעם יידישן מענטשן ניט געווען קיין אומדערטרעגלעכער יאָך, ווי אַ סך קריטיקער פון די פרושים ווילן עס האָבן. דער פרומער ייד האָט אָפּגעהיט שבת ניט אויס מורא פאַר גאָט, זאָגט הערפאָרד, נאָר גראָד פאַרקערט. שבת איז ביי אים באמת געווען אַ מתנה פון גאָט, ווי דער תלמוד האָט עס ערקלערט. און פונקט אַזוי האָט דער ייד עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן זכות, וואָס גאָט האָט זיין פאָלק געגעבן די תורה און די מיצוות (רצה הקדוש ברוך הוא לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות).

הערפאָרד ברענגט אַרויס מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט ווי ווייט מען האָט דאָס יידישע פאָלק אויך מאָראַליש באַעוולהט. די קריסטלעכע קירך האָט דאָך אפילו געפּרובירט צונעמען ביי יידן דעם תנ״ך. ניט די יידן, נאָר די קריסטן, האָט מען פייערלעך פּראָקלאַמירט, זיינען די אמתע יורשים פון דער תורה פון די נביאים. און דאָס איז געשען אין דער זעלביקער צייט, ווען מען האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די מיצוות פון דער תורה. אין נייעם טעסטאַמענט ווערט כסדר גערעדט וועגן ליבע צו די קעגנער, צו די שונאים. דאָס האָט דאָך געזאָלט זיין די קריסטלעכע מאָראַל. דער פאַקט אָבער איז, אַז די קריסטלעכע שריפטן זיינען פול מיט שנאה צו יידן. פאַרוואָס זיינען די קריסטן ניט געווען פעיק אַרויסצוווייזן

דעם מינדסטן סימן פון פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן פֿאָלק, וואָס האָט געשאַפֿן דעם תנ״ך, פֿרעגט הערפֿאַרד?

עס איז בכלל פֿאַלש צו ריידן, זאָגט ער ווייטער, וועגן אַבסאָלוטע אמתן און אַבסאָלוטן גלויבן. זאָגן, אַז דער תנ״ך און די יידישע רעליגיע איז געווען מער ניט ווי אַ צוגרייטונג צום קריסטנטום, איז דער גרעסטער אומזין. די יידן האָבן עס קיינמאָל ניט אָנערקענט און פֿאַר זיי איז זייער גלויבן ביז צום היינטיקן טאָג געבליבן אַזוי אמתדיק און אַזוי לעבעדיק ווי אַמאָל. די קריסטן, באַמערקט הערפֿאַרד, איז אויסגעקומען אויסצושטיין אַ סך פֿאַרפֿאָלגונגען, אָבער ווי קען מען פֿאַרגלייכן מיט דעם, וואָס יידן זיינען אין דער צייט פֿון חורבן אויסגעשטאַנען. אויב מסירת נפש און קידוש השם איז אַ באַווייז פֿאַר דער ריכטיקייט פֿון אַן אידעאַל, דאַן האָט יידישקייט דעם עקזאַמען מער ווי אויסגעהאַלטן.

דער גרויסער פֿאַרדינסט פֿון דעם ניט לאַנג פֿאַרשטאָרבענעם געלערנטן באַשטייט ניט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר אויך אין דעם אופֿן, ווי ער האָט עס געזאָגט. אין דעם פּרט האָט ער, ליידער, ניט איבערגעלאָזט צו זיך קיין גלייכן צווישן די קריסטלעכע געלערנטע. ניט ווייניקער וויכטיק איז זיין גאַנצע מעטאָדע, זיין צוגאַנג צו דער פּראָבלעם. ער האָט קיינמאָל ניט באַטראַכט די פּרושים און דעם תלמוד אָפּגעריסן פֿון יידישן פֿאָלק. יידיש גלויבן, יידיש פֿאָלק און יידישע געשיכטע איז פֿאַר אים געווען איין איינהייט, איין אָרגאַנישע גאַנצקייט, וואָס לאָזט זיך ניט צעררייסן און צעטיילן. ווייניק געלערנטע האָבן אַזוי טיף פֿאַרשטאַנען דעם זין פֿון דער יידישער געשיכטע און די גרויסע ראָל, וואָס די יידישע אידעע האָט געשפּילט און דאַרף ווייטער שפּילן אין גייסטיקן לעבן פֿון דער קולטור־וועלט!

אונדזער אויפגאבע

די ווירקונג פון תנ״ך אויף דער אַלגעמיינער קולטור איז גענוג באַקאַנט. דער תנ״ך איז געוואָרן אַ וועלט־ספר, איבערזעצט אין הונדערטער שפּראַכן. אין פאַרגלייך מיט דעם איז אַלץ, וואָס די יידן האָבן געשאַפן במשך פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר דער ניט־יידישער וועלט ווייניק באַקאַנט. יידישע קולטור־שאַפונג זינט דער צייט פון תלמוד איז געבליבן דער עיקר אונדזער אייגענער פאַרמעגן. פאַרשיידענע סיבות האָבן דערצו געפירט. קודם כל דער תנ״ך איז מער צוגענגלעך און מער פאַרשטענדלעך פאַר ניט־יידישע לייענער. עס איז אָבער דאָ נאָך אַ וויכטיקערע סיבה — די קריסטלעכע קירך האָט מיט אונדז געהאַט חשבונות. זי האָט מיט דער גרעסטער עקשנות באַקעמפט די אויטאָריטעט פון דער טראַדיציע פון די פרושים, הגם זי האָט גאָר אַ סך געלערנט פון דער טראַדיציע.

געוויס, שטעלט מען זיך אויפן שטאַנדפּונקט, אַז אַ מלוכה־לעבן איז דער הויפּטסימן פון ציוויליזאַציע, ווי דאָס טוען אַ סך געלערנטע און דענקער, דאַן וואָלט דער דאָזיקער קריסטלעכער צוגאַנג אפשר געווען אַ באַרעכטיקטער. זינט כמעט צוויי טויזנט יאָר, לעבן די יידן צעשפּרייט איבער דער וועלט, אָפּגעשלאָסן אין געטאָס. האָט אַ פאָלק אָן אַ לאַנד און אָן אַ מלוכה, האָט אַ געטאָ־פאָלק געקענט באַווייזן עפּעס צו שאַפן? וואָס קען מען דען אויפטאָן אין גלות און געטאָ?

די היסטאָרישע דערפאַרונג לערנט אונדז אָבער, אַז קולטור איז אַ סך אַ ברייטערער באַגריף. די עצם־עקזיסטענץ פון אַ פאָלק אָן אַ לאַנד און אָן אַ מלוכה איז פאַר זיך אַליין אַ געוואַלדיקע קולטור־דערגרייכונג. און אַ חוץ דעם האָבן די יידן אויך אין די דורות פון גלות־לעבן באַוויזן אַ היפּש ביסל אויפצוטאָן אויף די פאַרשיידנסטע פעלדער פון קולטור־טעטיקייט. און עס זעט זיך ניט, אַז מיר זיינען הינטערשטעליק לגבי אונדזערע שכנים, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק ניט צו לעבן אין גלות!

עס איז נייטיק צו באַטאָנען אַזוי שאַרף ווי מעגלעך, אַז מיר קענען זיך ניט באַנוגענען מיט דעם קולטור־פאַרמעגן, וואָס איז אונדז פאַרבליבן פון דער צייט פון תנ״ך. תלמוד, קבלה, חסידות, מאָדערנע יידישע שאַפונגען, זיינען אין סך הכל ניט ווייניקער ווערט. און די ספרים פון תנ״ך קריגן גאָרניט אין אָן ערך אַ גרעסערן ווערט, אויב מיר באַטראַכטן זיי אין פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אונדזער פאָלק. דער תנ״ך איז נאָר אַ טייל פון אונדזער פאַרמעגן!

בלייבט פאַר אונדז די אויפגאַבע, און דאָס איז קודם כל וויכטיק פאַר אונדזער דור, צו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי מער צו באַקענען יידן און ניט־יידן מיט דער יידישער קולטור־שאַפונג. אַ צאָל יידישע דענקער ווי אחד העם, ביאַליק און אַנדערע האָבן וועגן דעם געטראַכט. דעם וועג האָבן מיר, לײדער, ביז אַהער נאָך ניט געפונען. וואָרים דאָס איז ניט נאָר אַ פראַגע פון אָפּקלייבן און איבערזעצן די וויכטיקסטע ווערק. עס פאָדערט זיך אַ סך מערער. מיר מוזן אפט געוויסע זאַכן ווידער אַנטדעקן, אָט אַ שטייגער ווי מען האָט מיט אַ דור צוריק ווידער אַנטדעקט חסידות. ווי מען האָט לעצטנס אָנגעהייבן בעסער צו פאַרשטיין און אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון דעם ווילנער גאון און דער מוסר־באַוועגונג. עס איז אונדזער אויפגאַבע אויך ווידער צו אַנטדעקן דעם טיפערן זין און די גרויסע קולטור־ווערטן אין אונדזערע מאָדערנע באַוועגונגען. עס איז אָפּט נייטיק צו געפינען נייע פאָרמען, נייע אויסדרוקן פאַר אַלטע געדאַנקען. עס איז אונדזער חוב מיט אַלע אונדזערע כוחות צו באַקעמפן די פאַרשפּרייטע פאַרשטעלונג, אַז אין גלות האָבן מיר גאָרניט געשאַפן.

עס איז אַ שווערע אויפגאַבע. אָבער זי קען און זי מוז דורכגעפירט ווערן. אונדזערע קינדער מוזן עס וויסן און די וועלט דאַרף עס וויסן, אַז די געטאָס האָבן אַרויסגעגעבן ניט נאָר גרויסע סוחרים און באַנקירן, נאָר גרויסע לערנער, דענקער און טרוימער.